Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/daskapital0001karl

KARL MARX
DAS KAPITAL

דאס קאפיטאל

קריטיק פון דער פאָליטישער עקאָנאָמיע

פון

קאַרל מאַרקס

ערשטער באנד

איבערזעצט נאָך ק. קאַוטסקי'ס דייטשע פאָלקסאויסגאַבע

פון דר. י. א. מעריסאָן.

אַרויסגעגעבען פון דער

קראָפּאָטקין ליטעראַטור געזעלשאַפט.

ניו יאָרק, 1918.

אינהאַלט

פערטער אָבטייל

די פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה.

זייט

צעהנטער קאַפּיטעל: דער בעגריף פון רעלאַטיווען מעהר־ווערטה — — — — — — — — — — — — — 485

עלפטער קאַפּיטעל: קאָאָפּעראַציע — — — — — — — — — — — — — 500

צוועלפטער קאַפּיטעל: די טיילונג פון דער ארבייט און די מאַנופאַקטור — — — — — — — — — — — — — 523

1. טאָפּעלטער אורשפּרונג פון דער מאַנופאַקטור — — 523
2. דער טייל־ארבייטער און זיין ווערקצייג — — — — — 527
3. דיביידע גרונד־פאָרמען פון דער מאַנופאַקטור — — 532
4. צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער מאַנופאַקטור און צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער געזעלשאַפט 546
5. דער קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער פון דער מאַנו־פאַקטור — — — — — — — — — — — — — 560

דרייצעהנטער קאַפּיטעל: מאַשינעריע און גרויס־אינדוסטריע 576

1. ענטוויקלונג פון מאַשינעריע — — — — — — — — — 576
2. ז'ער ווערטה, וואָס די מאַשינעריע גיט איבער דעם פּראָדוקט — — — — — — — — — — — — — 600
3. די נעהענטסטע ווירקונגען אויפ'ן ארבייטער פון דער מאַשינענמעסיגער פּראָדוקציאָן — — — — — — — 613

א) פרויען־ און קינדער־ארבייט. ב) פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג. ג) אינטענסיפיקאַ־ציע פון דער ארבייט.

4. די פאַבריק — — — — — — — — — — — — — 654

פערטער אבטייל.

די פראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה.

זייט

5. קאמף צווישען ארבייטער און מאשין — — — — — — — 668
6. די טעאָריע פון קאָמפּענסאציע — — — — — — — — — 684
7. אָבשטויסונג און צוציהונג פון ארבייטער מיט דער
ענטוויקלונג פון מאשינען־סיסטעם — — — — — 700
8. רעוואָלוציאָנירונג פון מאנופאקטור, האנדווערק און
הויז־ארבייט דורך דער גרויס־אינדוסטריע — — 720
9. פאבריק־געזעצגעבונג — — — — — — — — — — 753
10. גרויס־אינדוסטריע און אגריקולטור — — — — — — 789

פינפטער אָבטייל

די פּראָדוקציאָן פון אבסאָלוטען און רעלאטיווען מעהר־ווערטה.

פערצעהנטער קאפּיטעל: אבסאָלוטער און רעלאטיווער מעהר־
ווערטה — — — — — — — — — — — — — — 795
פופצעהנטער קאפּיטעל: ענדערונג אין דער גרויס פונ'ם פּרייז
פון דער ארבייט־קראפט און פון מעהרווערטה — 812
זעכצעהנטער קאפּיטעל: פערשיידענע פאָרמולען פון דער
ראטע פון מעהרווערטה — — — — — — — — 831

זעקסטער אָבטייל

דער ארבייט־לוין.

זיבעצעהנטער קאפּיטעל: פערוואנדלונג פון דעם ווערטה פון
דער ארבייט־קראפט אין ארבייט־לוין — — — — 838
אַכטצעהנטער קאפּיטעל: דער צייט־לוין — — — — — — — 851
נייגצעהנטער קאפּיטעל: דער שטיק־לוין — — — — — — 864
צוואנציגסטער קאפּיטעל: נאציאָנאלע פערשיידענהייטען פון
פון די ארבייט־לוינען — — — — — — — — 878

צעהנטער קאַפּיטעל.

דער בעגריף פון רעלאַטיווען מעהרווערטה.

דעם טייל פונ'ם ארבייטס־טאָג, וועלכער פּראָדוצירט בלויז אן עקוויוואַלענט פאר דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט, וואָס קאַפּיטאַל צאָהלט אָב, האָבען מיר ביזאהער גערעכענט אלס א קאָנסטאַנטע גרויס; און דאָס איז ער טאַקע אונטער געוויסע בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן, אויף א געגעבענער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג־שטופע פון דער געזעלשאַפט. מיר האָבען געזעהן, אז דער ארבייטער האָט געקאָנט ארבייטען אריבער די דאָזיגע נויטווענדיגע ארבייט־צייט נאָך 2, 3, 4, 6 א.אז.וו. שטונדען. פון דער גרויס פון דער דאָזיגער פערלענגערונג זיינען אָבגעהאַנגען די ראַטע פון מעהרווערטה און די גרויס פונ'ם ארבייטס־טאָג. הגם די נויטווענדיגע ארבייט־צייט איז געווען א קאָנסטאַנטע, האָבען מיר געזעהן, אז דער גאַנצער ארבייטס־טאָג איז פונדעסטוועגען געווען פערענדערליך. מיר ווילען איצט זיך משער זיין אן ארבייטס־טאָג, וואָס זיין גרויס און זיין איינטיילונג אין נויטווענדיגע ארבייט און מעהר ארבייט, איז בעשטימט. די ליניע א ג א|——————————ב|——|ג שטעלט צום ביישפּיעל פאָר א 12 שטונדיגען ארבייטס־טאָג: דער טייל א ב שטעלט פאָר 10 שטונדען נויטווענדיגע ארבייט, און דער טייל ב ג — 2 שטונדען מעהר־ארבייט. ווי אזוי קאָן פערגרעסערט ווערן די פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה, ד. ה. ווי קאָן פערלענגערט ווערן די מעהר־ארבייט, אָהן קיין ווייטערדיגער פערלענגערונג, אָדער אונאָבהענגיק פון יעדער ווייטערדיגער פערלענגערונג, פון די פונקטען א ג?

טראָץ די בעשטימטע גרעניצען פון דעם ארבייטס־טאָג א ג, לאָזט זיך פונדעסטוועגען דער טייל ב ג פערלענגערן; אויב ניט אויסציהענדיג איהם אריבער זיין ענד־פונקט ג, וועלכער איז אין דערזעלביגער צייט דער ענד־פונקט פון דעם ארבייטס־טאָג א ג, איז

בענס־מיטלען איז בעשטימט דער ווערטה פון זיין ארבייט־קראַפט [1], מיט דעם ווערטה פון זיין ארבייט־קראַפט איז בעשטימט די גרויס פון זיין נויטווענדיגער ארבייט־צייט. די גרויס פון דער מעהר־ארבייט אָבער בעקומט זיך, אראָברעכענדיג די נויטווענדיגע ארבייט־צייט פון דעם גאַנצען ארבייטס־טאָג. 10 שטונדען ארונטער־גענומען פון 12, בלייבט 2, און עס זעהט זיך ניט, ווי אזוי די מעהר־ארבייט קאָן, אונטער די געגעבענע בעדינגונגען, פרעלענגערט ווערן אריבער אָט די 2 שטונדען. געוויס קאָן דער קאַפּיטאַליסט צאָהלען דעם ארבייטער אָנשטאָט 5 שילינג נישט מעהר ווי 4 שילינג 6 פּענס, אָדער נאָך וועניגער. כדי צו רעפּראָדוצירן אָט דעם ווערטה פון 4 שילינג 6 פּענס, וואָלטען זיין גענוג 9 ארבייט־שטונדען. ממילא בלייבט פון דעם 12 שטונדיגען ארבייטס־טאָג 3 שטונדען מעהר־ארבייט אָנשטאָט 2, און דער מעהרווערטה גופא שטייגט פון 1 שי־לינג אויף 1 שילינג 6 פּענס. דער דאָזיגער רעזולטאַט אָבער וואָלט זיך בעקומען נאָר דורך אַן אראָבדריקען פון דעם ארבייטער׳ס לוין אונ־טער דעם ווערטה פון זיין ארבייט־קראַפט. מיט די 4 שילינג 6 פּענס, וועלכע ער פּראָדוצירט אין 9 שטונדען, קאָן ער קריגען אריבער $\frac{1}{10}$ וועניגער לעבענס־מיטלען ווי פריהער, און אויף דעם אופן קומט פאָר אַ פערמינדערונג פון דער רעפּראָדוקציאָן פון זיין ארבייט־קראַפט.

---

[1] דער ווערטה פון דעם טעגליכען דורכשניט־לוין איז בעשטימט דורך דאָס, וואָס דער ארבייטער ברויכט, „כדי צו לעבען, צו ארבייטען און זיך פאָרטצו־פלאַנצען.“ (Wm. Petty, Political Anatomy of Ireland", 1672, p. 46.) „דער פּרייז פון דער ארבייט ווערט שטענדיג בעשטימט דורך דעם פּרייז פון די לעבענסמיטלען.“ דער ארבייטער בעקומט ניט דעם געהעריגען לוין, „ווי־באַלד... זיין ארבייט־לוין קלעקט ניט אויסצוהאַלטען אַ פאַמיליע, לויט דעם נידעריגען שטאַנד, ווי עס איז אַפּט דעם ארבייטער׳ס מזל.“ (J. Vanderlint, "Money Answers All Things", London 1734, p. 15.) „דעם איינפאַכען ארבייטער, וועלכער פערמאָגט ניט מעהר ווי זיינע הענד און זיין אומנות, בלייבט נאָר צו פערקויפען זיין ארבייט צו אַנדערע.... ביי יעדען סאָרט ארבייט מוז דעריבער קומען דערצו, און פאַקטיש קומט עס טאַקע דערצו, אַז דעם ארבייטער׳ס לוין איז בעשרענקט אויף דעם פּונקט, וואָס איז אונבעדינגט נויטווענדיג פאַר זיין חיונה.“ (טורגאָ, „רעפלעקסיאָן סיר לאַ פאָרמאַסיאָן ע לאַ דיסטריבוסיאָן דע רישעס“ ווערקע, ב. 1, ז. 10.) „דער פּרייז פון די לעבענסמיטלען מאַכט פאַקטיש אויס די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון דער ארבייט.“ (Mathus, "Inquiry into etc.", Londn 1815, p. 48.)

דורך דעם. וואס מען וועט אוועקרוקען זיין אנפאנג־פונקט ב אין דער אנטקעגען־געזעצטער ריכטונג, צום א צו. לאמיר אננעהמען, אז ב׳ ב אין דער ליניע א———————ב׳—ב——ג איז גלייך צו א העלפט פון ב ג, ד. ה. איז גלייך צו איין ארבייט־שטונדע. ווען, אלזא, דער פונקט ב, אין דעם 12 שטונדיגען ארבייטס־טאג א ג, ווערט אוועקגערוקט צו ב׳, ציהט זיך אוים ב ג אין ב׳ ג, די מעהר־ארבייט וואקסט אויף א העלפט, פון 2 אויף 3 שטונדען, אבוואויל דער ארבייטס־טאג בעשטעהט נאך אלץ ווי פריהער נישט מעהר ווי פון 12 שטונדען. עס איז אבער קלאר, אז אט די אויסציהונג פון דער מעהר־ארבייט פון ב ג אויף ב׳ ג, פון 2 אויף 3 שטונדען, איז אונמעגליך, סיידען די נויטווענדיגע ארבייט זאל אין דערזעלביגער צייט צונויפגעצויגען ווערן פון א ב אויף א ב׳, פון 10 אויף 9 שטונ־דען. מיט דער פערלענגערונג פון דער מעהר־ארבייט וואלט נעגאנ־גען א פערקירצונג פון דער נויטווענדיגער ארבייט; אדער א טייל פון דער ארבייט־צייט, וואס דער ארבייטער האט ביזאהער פאקטיש פערברויכט פאר זיך אליין, וואלט זיך פערוואנדעלט אין ארבייט־צייט פאר דעם קאפיטאליסט. וואס עס וואלט זיך געהאט פערענ־דערט, וואלט ניט געווען די לענג פון דעם ארבייטס־טאג, נאר זיין איינטיילונג אין נויטווענדיגע ארבייט און מעהר־ארבייט.

פון דער אנדער זייט ווידער איז קלאר, אז מיט א בעשטימטער גרוים פון׳ם ארבייטס־טאג און מיט א בעשטימטען ווערטה פון דער ארבייט־קראפט, איז די גרוים פון דער מעהר־ארבייט גופא א בע־שטימטע. דער ווערטה פון דער ארבייט־קראפט, ד.ה. די ארבייט־צייט, וואס פאדערט זיך פאר איהר פראדוקציאן, בעשטימט די אר־בייט־צייט, וואס איז נויטווענדיג צו רעפראדוצירן איהר ווערטה. אויב איין ארבייט־שטונדע ווערט פארגעשטעלט אין א גאלד־סומע פון ½ שילינג, אדער 6 פענס, און אויב דער טאג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט בעטרעפט 5 שילינג, מוז דער ארבייטער ארבייטען 10 שטונדען א טאג, כדי אומצוקעהרן דעם טאג־ווערטה פון זיין ארבייט־קראפט. וואס קאפיטאל צאהלט איהם, אדער כדי צו פראָ־דוצירן אן עקוויוואלענט פאר דעם ווערטה פון זיינע נויטווענדיגע מעגליכע לעבענס־מיטלען. מיט דעם ווערטה פון די דאזיגע לע־

אריינטרעטען א רעוואָלוציע אין די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען פון זיין ארבייט; ד.ה. אין דעם אופן פון זיין פּראָדוקציאָן און ממילא אין דעם ארבייט־פּראָצעס גופא. אונטער א פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט פערשטעהען מיר דאָ בכלל א פערענדערונג אין דעם ארבייט־פּראָצעס, דורך וועלכער עס ווערט פערקירצט די ארבייט־צייט, וואָס איז געזעלשאַפטליך נויטיג צו פּראָדוצירן א סחורה; א קלענערער סכום ארבייט, הייסט עס, בעקומט די קראַפט צו פּראָדוצירן א גרעסערן סכום געברויך־ווערטהען [2]. בעת מיר האָבען פריהער גערעדט וועגען דער פּראָדוקציאָן פון מעהר־ווערטה אין דער ביזאהער בעטראַכטעטער פאָרם, [וואָס נעהמט זיך פון א פּשוט'ער פערלענגערונג פונ'ם ארבייטס־טאָג], האָבען מיר משער געווען דעם פּראָדוקציאָנס־אופן אלס א בעשטימט־געגעבענעם; ווען אָבער די פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה מוז קומען דורך א פערוואַנדלונג פון דער נויטווענדיגער ארבייט אין מעהר־ארבייט, איז שוין בשום אופן ניט גענוג, אז דער קאַפּיטאַל זאָל איבערנעהמען דעם ארבייט־פּראָצעס אין זיין היסטאָריש־איבערגעליפערטער אָדער עקזיסטירענדער געשטאַלט און פערלענגערן נאָר זיין דויער. ער מוז רעוואָלוציאָנירן די טעכנישע און געזעלשאַפטליכע בעדינגונגען פון דעם ארבייט־פּראָצעס, ער מוז, הייסט עס, רעוואָלוציאָנירן דעם פּראָדוקציאָנס־אופן גופא, כדי צו הויבען די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, כדי דורך דער הויבונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט צו וואַרפען דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט, און כדי אויף דעם אופן צו פערקירצען דעם טייל פון ארבייטס־טאָג, וואָס איז נויטווענדיג צו רעפּראָדוצירן דעם דאָזיגען ווערטה.

דעם מעהרווערטה, וואָס ווערט פּראָדוצירט דורך א פערלענגע־

---

[2] „ווען די אומנות ווער'ט פערפאלקאמט—און דאס מיינט ניט אנדערש, ווי אז עס זיינען אויסגעפונען געווארן נייע מעטאדען, וועלכע מאכען מעגליך צו שאפען א פּראדוקט מיט ווייניגער ארבייטס־קרעפטען, אדער (וואס עס בעטייט די־זעלביגע זאך) אין א קירצערער צייט.“ (גאליאני, „דעללא מאנעטא“, באנד 8 פון קוסטאדי'ס זאמלונג, מילאן 1801, ז. 159.) „די איינשפארונג אין פּראדוקציאנס־קאסטען איז מעהר גארנישט ווי די איינשפארונג פון דער סומע ארבייט, וואס געהט אוועק אויף דער פּראדוקציאן.“ (זיסמאנדי, „עטיודען“ עטצ., ב. 1, ז. 22.)

די מעהר־ארבייט וואלט אין דעם פאל פערלענגערט געווארן נאר דורכדעם, וואס זי וואלט אריבערגעטראטען איהרע נארמאלע גרעני־צען, איהרע לענדער וואלטען אויסגעשפרייט געווארן נאר דורכדעם, וואס זי וואלט ווי אן אוזורפאטאר אבגעריסען א טייל פון די לענדער פון דער נויטווענדיגער ארבייט־צייט. טראץ דער וויכטיגער ראליע, וואס אט די מעטאדע שפיעלט אין דער ווירקליכער בעוועגונג פון דעם ארבייטס־לוין, איז זי אבער דא אויסגעשלאסען דורך דער השערה, אז די סחורות — און ממילא אויך די ארבייט־קראפט — ווערן געקויפט און פערקויפט לויט זייער פולען ווערטה. איז דאס איינמאל אנגענומען, קאן די ארבייט־צייט, וואס איז נויטווענדיג צו פראדוצירן די ארבייט־קראפט אדער צו רעפראדוצירן איהר ווערטה, ניט ווערן קלענער, ווייל דער לוין פון דעם ארבייטער איז געפאלען אונטער דעם ווערטה פון זיין ארבייט־קראפט, נאר ווען דער דאזיגער ווערטה גופא איז געפאלען. ביי א געגעבענער לענג פון דעם ארבייטס־טאג מוז די פערלענגערונג פון דער מעהר־ארבייט זיך נעהמען פון דער פערקירצונג פון דער נויטווענדיגער ארבייט־צייט, ניט פערקעהרט—די פערקירצונג פון דער נויטווענדיגער אר־בייט־צייט פון דער פערלענגערונג פון דער מעהר־ארבייט. אין אונזער ביישפיעל מוז דער ווערטה פון דער ארבייט־קראפט ווירק־ליך פאלען אויף 1/10 כדי די נויטווענדיגע ארבייט־צייט זאל פער־קלענערט ווערן אויף 1/10 ד. ה. פון 10 אויף 9 שטונדען, און די מעהר־ארבייט זאל זיך דעריבער פערלענגערן פון 2 שטונדען אויף 3.

אזא ארונטערפאל אין דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראפט שליסט אבער איין דעם תנאי, אז דיזעלבע סומע לעבענס־מיטלען, וואס איז פריהער פראדוצירט געווארן אין 10 שטונדען, ווערט איצט פראדוצירט אין 9 שטונדען. דאס איז ווידער אונמעגליך אהן א פערגרעסערונג פון דער פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט. מיט די געגעבענע מיטלען קאן א שוסטער צום ביישפיעל מאכען א פאר שטיוועל אין אן ארבייטס־טאג פון 12 שטונדען. כדי ער זאל קאנען אין דערזעלביגער צייט מאכען 2 פאר שטיוועל, מוז זיך די פראדוק־טיוויטעט פון זיין ארבייט פערטאפלען; און זי קאן זיך ניט פער־טאפלען, סיידען עס ענדערן זיך זיינע ארבייטס־מיטלען אדער זיין ארבייטס־מעטאדע, אדער ביידע צוזאמען. עס מוז, הייסט עס,

בלויז דעם ארבייטער׳ס הוצאה אויף דעם איין ארטיקעל העמדער. דער סך־הכל פון די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען בעשטעהט אָבער ניט פון איין ארטיקעל, נאָר פון פערשיידענע סחורות, וועלכע זיינען לויטער פּראָדוקטען פון בעזונדערע אינדוסטריען, און דער ווערטה פון יעדער איינער פון אזוינע סחורות מאכט שטענדיג אויס א גלייך־טיילענדען (אליקוואָטען) חלק פון׳ם ווערטה פון דער אר־בייט־קראפט. דער דאָזיגער ווערטה פערקלענערט זיך מיט דער פערקלענערונג פון דער ארבייט־צייט, וואָס איז נויטווענדיג איהם צו רעפּראָדוצירן, און די פערקלענערונג איינגאַנצען גענומען איז גלייך צו דער סומע פערקירצונגען פון ארבייט־צייט אין די דאָזיגע אַלע בעזונדערע פּראָדוקציאָנס־צווייגען. אָט דעם אלגעמיינעם רע־זולטאט בעהאנדלען מיר דאָ אזוי ווי ער וואָלט געווען דער דירעק־טער רעזולטאט און דער דירעקטער צוועק אין יעדען איינצעלנעם פאַל. ווען אַן איינצעלנער קאפּיטאַליסט מאכט צ.ב.ש. העמדער זאָלען ווערן וועלוועלער, דורך א פערגרעסערונג פון דער פּראָדוק־טיוו־קראפט פון דער ארבייט, שוועבט ניט בשום אופן פאר איהם נויטינגערווייז דער צוועק ארונטערצו־וואַרפען דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראפט און ממילא די נויטווענדיגע ארבייט־צייט. עס איז נאָר אויף וויפיעל ער האָט שליסליך א חלק אין אָט דעם רעזולטאט, אויף אזויפיעל העלפט ער אין דער העבערונג פון דער אלגעמיינער ראטע פונ׳ם מעהרווערטה.[3] מען מוז אונטערשיידען די אלגעמיינע און נויטווענדיגע טענדענצען פון קאפּיטאַל פון די פאָרמען, אין וועלכע זיי ערשיינען.

ווי אזוי די אימאַנענטע געזעצען פון דער קאפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן ערשיינען אין דער אויסערליכער בעוועגונג פון די קאַ־פּיטאַלען, ווי אזוי זיי זעצען זיך דורך אַלס צוואַנג־געזעצען פון דער קאָנקורענץ, און ווי אזוי זיי קומען פאָלגליך אַלס טרייבענדע מאָטי־

---

[3] „ווען דער פאַבריקאַנט פערטאָפּעלט זיינע פּראָדוקטען דורך א פערבעסערונג פון דער מאשינעריע ... געווינט ער (שליסליך) בלויז, אויף ווי ווייט ער איז דורכדעם אימשטאַנד דעם ארבייטער וועלוועלער צו קליידען ... און אויף דעם אופן לאָזען אויספאַלען אויף דעם ארבייטער א קלענערן חלק פון דער גאַנצער הכנסה." (Ramsay: "An Essay on the Distribution of Wealth", London 1821, p. 168, 169.)

רונג פון דעם אַרבייטס־טאָג, רוף איך אָן *אבסאָלוטער מעהרווערטה*; פערקעהרט, דעם מעהרווערטה, וואָס נעהמט זיך פון אַ פערקירצונג פון דער נויטווענדיגער אַרבייט־צייט און פון דער געהעריגער פערענדערונג פון דער גרויס־שייכות צווישען די ביידע בעשטאַנדטיילען פון׳ם אַרבייטס־טאָג, רוף איך אָן דער *רע־לאַטיווער מעהרווערטה*.

כדי צו קאָנען אַרונטערוואַרפען דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, מוז די פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט אָנגרייפען אַזוינע אינדוסטריע־צווייגען, וואָס זייערע פּראָדוקטען בעשטימען דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, ד.ה. ענטוועדער אַזוינע, וואָס געהערען צו דעם קלאַס פון די געוועהנהייטסמעסיגע לעבענסמיטלען, אָדער וואָס קאָנען פערנעהמען זייער פּלאַץ. דער ווערטה פון אַ סחורה ווערט אָבער ניט בעשטימט דורך דעם סכום אַרבייט, וועלכער גיט איהר די לעצטע פאָרם, נאָר פּונקט אַזוי גוט דורך דער סומע אַרבייט, וואָס ליעגט אין איהרע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. צום ביישפּיעל, דער ווערטה פון אַ שטיוועל ווערט ניט בעשטימט נאָר דורך דער שוסטער־אַרבייט, נאָר אויך דורך דעם ווערטה פון לעדער, פּעך, דראַטווע א.אז.וו. די פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט און די געהעריגע פערביליגערונג פון די סחורות אין יענע אינדוסטריען, וועלכע ליפערן די מאַטעריעלע עלעמענטען פון דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל — די אַרבייטס־מיטלען און דעם אַרבייטס־מאַטעריאַל — אויף צו שאַפען די נויטיגע לעבענס־מיטלען, וואַרפען דעריבער אַרונטער פּונקט אַזויפיעל דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט. פערקעהרט וויעדער, אין די פּראָדוקציאָנס־צווייגען, וועלכע ליפערן ניט קיין נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען און אויך ניט קיין פּראָדוקציאָנס־מיטלען זיי צו שאַפען, ברענגט די פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט קיין ענדערונג ניט אין דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט.

די וואָלוועלער־געוואָרענע סחורה וואַרפט נאַטירליך אַרונטער דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט נאָר אין דעם ערך, אויף וויפיעל זי געהט אַריין אין דער רעפּראָדוקציאָן פון דער אַרבייט־קראַפט. העמדער צ.ב.ש. זיינען אַ נויטווענדיגער לעבענס־מיטעל, אָבער נאָר איינער צווישען פיעלע אַנדערע. זייער ביליגערקייט פערקלענערט

פּראָדוקט פאַלט דעריבער אויס נישט מעהר ווי נאָך 1⁄24 אָנשטאָט 1⁄12 פון דעם גאַנצען ווערטה — 3 פּענס אָנשטאָט 6 פּענס; אָדער וואָס איז אַלץ איינס: עס ווערט איצט צוגעגעבען צו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, בעת זיי ווערן פערוואַנדעלט אין דעם פּראָדוקט, בערעכענענדיג יעדען שטיק, נישט מעהר ווי אַ האַלבע אַרבייט־שטונדע, אָנשטאָט וואָס פריהער איז צוגעגעבען געוואָרן אַ גאַנצע אַרבייט־שטונדע. דער אינדיווידועלער ווערטה פון אָט דער סחורה שטעהט איצט אונטער איהר געזעלשאַפטליכען ווערטה, ד.ה. זי קאָסט ווענינגער אַרבייט־צייט איידער די גרויסע מאַסע פון דעמזעלביגען אַרטיקעל, וואָס ווערט פּראָדוצירט אונטער די געזעלשאַפטליכע דורכשניטס־בעדינגונגען. יעדער שטיק קאָסט אין דורכשניט 1 שילינג, אָדער ער שטעלט מיט זיך פאָר 2 שטונדען פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט; מיט דעם פערענדערטען פּראָדוקציאָנס־אופן קאָסט ער נאָר 9 פּענס, אָדער ענטהאַלט נאָר 1½ אַרבייט־שטונדען.

דער ווירקליכער ווערטה פון אַ סחורה אָבער איז ניט איהר אינדיווידועלער, נאָר איהר געזעלשאַפטליכער ווערטה; ד.ה. ער מעסט זיך ניט דורך דער אַרבייט־צייט, וואָס די סחורה קאָסט פאַקטיש דעם פּראָדוצירער אין יעדען איינצעלנעם פאַל, נאָר דורך דער אַרבייט־צייט, וואָס פאָדערט זיך געזעלשאַפטליך פאַר איהר פּראָדוקציאָן. אויב דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער ווענדעט אָן די נייע מעטאָדע, פערקויפט זיין סחורה לויט איהר געזעלשאַפטליכען ווערטה פון 1 שילינג, פערקויפט ער זי דעריבער מיט 3 פּענס אַריבער איהר אינדיווידועלען ווערטה, און רעאַליזירט אויף דעם אופן אַן עקסטראַ־מעהרווערטה פון 3 פּענס. פון דער אַנדער זייט אָבער שטעלט זיך איצט פאַר איהם דער אַרבייטס־טאָג פאָר אין 24 שטיק סחורה, אָנשטאָט וואָס פריהער אין 12. כדי אַלזאָ צו פערקויפען דעם פּראָדוקט פון איין אַרבייט־טאָג, מוז ער האָבען אַ טאָפּעלטען אָבזאַץ, אָדער אַ צווייפאַכיג גרעסערן מאַרק. ווען די אומשטענדען בלייבען זאָנסט דיזעלביגע, קאָנען זיינע סחורות עראָבערן אַ גרעסערן פּלאַץ אויפ׳ן מאַרק, נאָר דורך אַ פערקלענערונג פון זייערע פּרייזען. ער וועט זיי דעריבער פערקויפען אַריבער זייער אינדיווידועלען ווערטה אָבער אונטער זייער געזעלשאַפטליכען ווערטה, מיר

ווען צום בעוואוסטזיין פון דעם אינדיווידועלען קאַפּיטאַליסט — איז איצט ניט די צייט צו בעטראַכטען. אָבער אַזויפיעל איז לכתחילה קלאָר, אַז אַ וויסענשאַפּטליכער אַנאַליז פון דער קאָנקורענץ איז נאָר דאַן מעגליך, ווען מען האָט בעגריפען די אינערליכע נאַטור פון קאַפּיטאַל: פּונקט ווי די שיינבאַרע בעוועגונג פון די הימעלשע קערפּער איז פערשטענדליך נאָר פאַר דעם, וואָס איז בעקאַנט מיט זייער ווירקליכער בעוועגונג, וועלכע מען קאָן ניט תופס זיין מיט די חושים. פונדעסטוועגען, כדי צו פערשטעהן די פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה, און בלויז אויפ׳ן יסוד פון די רעזולטאַטען, וואָס מיר האָבען שוין בעקומען, קאָן מען בעמערקען דאָס פאָלגענדע:

אויב אַן אַרבייטס־שטונדע ווייזט זיך אַרויס אין אַ גאָלד־סומע פון 6 פּענס אָדער אַ האַלבען שילינג, ווערט אין אַ צוועלף־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג געשאַפען אַ ווערטה פון 6 שילינג. אָנגענומען, אַז מיט דער געגעבענער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט ווערן פערפערטיגט אין די דאָזינע 12 אַרבייט־שטונדען 12 שטיקער סחורה. דער ווערטה פון די פערנוצטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, רויה־מאַטעריאַל א.אז.וו., לאָמיר זאָגען, איז 6 פּענס. אונטער אָט די אומשטענדען קאָסט די איינצעלנע סחורה 1 שילינג — 6 פּענס פאַר דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און 6 פּענס פאַר דעם נייעם ווערטה, וואָס איז צוגעגעבען געוואָרן אין איהר בעאַרבייטונג. איצט וועלען מיר אָננעהמען, אַז עס איז געלונגען אַ וועלכען עס איז קאַפּיטאַליסט צו פערטאָפּלען די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט און פאָלגליך צו פּראָדוצירן 24 אָנשטאָט 12 שטיקער פון דעם דאָזיגען מין סחורה אין דעמזעלביגען צוועלף־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. אויב דער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז ניט פערענדערט געוואָרן, פאַלט איצט דער ווערטה פון דער איינצעלנער סחורה ביז 9 פּענס: 6 פּענס פאַר דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען און 3 פּענס פאַר דעם נייעם ווערטה, וואָס איז צוגעגעבען געוואָרן דורך דער לעצטער אַרבייט. טראָץ דער פערטאָפּעלטער פּראָדוקטיוו־קראַפט שאַפט דער אַרבייטס־טאָג נאָך אַלץ אַ נייעם ווערטה פון נישט מעהר ווי 6 שילינג, וועלכער אָבער ווערט איצט פערטיילט אויף נאָך אַמאָל אַזויפיעל פּראָדוקטען. אויף יעדען איינצעלנעם

פּראָדוקט פון 6 שטיקער, און די מעהר־ארבייט אין 3⅗ שטיקער. די פּראָפּאָרציע פון דער נויטוועגדיגער ארבייט צו דער מעהר־ארבייט, וואָס האָט אונטער די געזעלשאַפטליכע דורכשניט־בעדינגונגען בעטראָפען 5 צו 1, בעטרעפט איצט נאָר 5 צו 3.

דערזעלבער רעזולטאט בעקומט זיך אויך אויף דעם אופן: דער ווערטה פון די פּראָדוקטען פון אַ צוועלף־שטונדיגען ארבייטס־טאָג איז 20 שילינג. דערפון געהערן 12 שילינג דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכער ערשיינט נאָר ווידער. בלייבען, הייסט עס, 8 שילינג אַלס אַ געלד־אויסדרוק פון דעם ווערטה, אין וועלכען עס שטעלט זיך פאָר דער ארבייטס־טאָג. אָט דער געלד־אויסדרוק איז העכער איידער דער געלד־אויסדרוק פון דער געזעלשאַפטליכער דורכשניט־ארבייט פון דעמזעלבען סאָרט, אין וועלכען 12 שטונדען דריקען זיך נאָר אויס אין 6 שילינג. די ארבייט פון דער אויסנאהמסווייזער פּראָדוקטיוויטעט ווירקט ווי אַ פערשטארקטע (פּאָטענציערטע) ארבייט, זי שאַפט אין דעמזעלביגען צייט־משך העכערע ווערטהען איידער די געזעלשאַפטליכע דורכשניט־ארבייט פון דעמזעלביגען סאָרט. אונזער קאַפּיטאַליסט אָבער צאָהלט נאָך אַלץ ווי פריהער נישטמעהר ווי 5 שילינג פאַר דעם טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט. דער ארבייטער דאַרף דעריבער ארבייטען איצטער נאָר 7½ שטונדען, אַנשטאָט ווי פריהער 10, כדי צו רעפּראָדוצירן דעם דאָזיגען ווערטה. זיין מעהר־ארבייט וואקסט פאָלגליך אויף 2½ שטונדען, און דער מעהרווערטה, וואָס ער פּראָדוצירט, — פון 1 שילינג אויף 3. דער קאַפּיטאַליסט, וועלכער ווענדט אָן דעם פערבעסערטען פּראָדוקציאָנס־אופן, נעהמט דעריבער צו פאַר זיך אַ גרעסערן טייל פון דעם ארבייטס־טאָג אַלס מעהר־ארבייט, איידער די איבעריגע קאַפּיטאַליסטען אין דעמזעלביגען געשעפט. ער טהוט אינדיווידועל, וואָס דער קאַפּיטאַל בכלל טהוט אין דער פּראָדוקציאָן פון'ם רעלאַטיווען מעהרווערטה. פון דער אַנדער זייט אָבער פערשווינדט דער דאָזיגער עקסטראַ־מעהרווערטה, אַזויבאַלד ווי דער נייער פּראָדוקציאָנס־אופן ווערט פעראַלגעמיינערט, און עס פערשווינדט דערמיט דער חלוק צווישען דעם אינדיווידועלען ווערטה פון די וועלוועלער־פּראָדוצירטע סחורות און זייער געזעלשאַפטליכען ווערטה. דאָס אייגענע געזעץ פון ווערטה־בעשטימונג דורך דער

וועלען זאָגען פאַר 10 פּענס אַ שטיק. אַט אַזוי שלאָגט ער נאָך אַלץ אַרויס אַן עקסטראַ־מעהרווערטה פון 1 פּעני אויף יעדען איינצעל־נעם שטיק. אַט די פערגרעסערונג פון מעהרווערטה ווערט מקוים פאַר איהם, סיי זיין סחורה געהערט אָדער זי געהערט ניט צו דעם קלאַס נויטוועגדיגע לעבענסמיטלען, וועלכער האָט אַ בעשטימענ־דען איינפלוס אויף דעם אַלגעמיינעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט. אָבגעזעהן פון אָט דעם לעצטערן אומשטאַנד, עקזיסטירט, הייסט עס, פאַר יעדען איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט דער מאָטיוו וועל־וועלער צו מאַכען די סחורה דורך אַ פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט.

פונדעסטוועגען אפילו אין אָט דעם פאַל נעהמט זיך די געהע־כערטע פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה פון דער פערקירצונג פון דער נויטוועגדיגער אַרבייט־צייט און דער פערלענגערונג פון דער מעהר־אַרבייט, וואָס קומט דערמיט. 3* די נויטוועגדיגע אַרבייט־צייט האָט בעטראָפען 10 שטונדען, אָדער דער טאָג־ווערטה פון דער אַר־בייט־קראַפט 5 שילינג ; די מעהר־אַרבייט האָט בעטראָפען 2 שטונ־דען, און דער טעגליך־פּראָדוצירטער מעהרווערטה איז דעריבער גע־ווען 1 שילינג. אונזער קאַפּיטאַליסט אָבער פּראָדוצירט איצטער 24 שטיק, וועלכע ער פערקויפט מיט 10 פּענס אַ שטיק, אָדער צו־זאַמען פאַר 20 שילינג. אַזוי ווי דער ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען איז גלייך 12 שילינג, פעהרען 14⅖ שטיק סחורה אום נאָר דעם אויסגעלעגטען קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל. דער צוועלף־שטונדי־גער אַרבייטס־טאָג ווערט פאַרגעשטעלט אין די איבעריגע 9⅗ שטי־קער. אַזוי ווי דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט איז גלייך 5 שי־לינג, ווערט די נויטוועגדיגע אַרבייט־צייט פאַרגעשטעלט אין דעם

3* „דער פּראָפיט הענגט ניט אָב פון דער מאַכט, וואָס איינער האָט צו זאָגען איבער דעם פּראָדוקט פון דעם אַנדערנ׳ס אַרבייט, נאָר פון דער מאַכט איבער דער אַרבייט גופא. אויב ער איז אימשטאַנד צו פערקויפען זיין סחורה טייערער, בעת דער לויז פון זיינע אַרבייטער בלייבט ניט פערענדערט, האָט ער דערפון גאַנץ קלאָר אַ פּאָרטייל. . . . אַ קלענערער טייל פון דאָס, וואָס ער פּראָדוצירט, איז גענוג צו ברענגען די אַרבייט אין בעוועגונג, און פאָלגליך בלייבט אַ גרעסערער טייל פאַר איהם אַליין.” (“Outlines of Political Economy”, London 1832, p. 49, 50.)

דער ווערטה פון די טעגליכע לעבענס־מיטלען, און פאלגליך פאלט דער טאג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט פון 5 שילינג אויף 3 שי־לינג, דאן וואקסט דער מעהרווערטה פון 1 שילינג אויף 3 שילינג. כדי צו רעפראדוצירן דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראפט זיינען פריהער געווען נויטיג 10 ארבייט־שטונדען, און איצט זיינען ניט מעהר נויטיג ווי 6 ארבייט־שטונדען. 4 ארבייט־שטונדען זיינען פריי געווארן און קאנען צוגעלעגט ווערן צום געביט פון דער מעהר־ארבייט. עס איז דעריבער דער אימאנענטער טריעב און די בע־שטענדיגע טענדענץ פון קאפיטאל צו פערגרעסערן די פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, כדי וועלוועלער צו מאכען די סחורה און דורכדעם וועלוועלער מאכען דעם ארבייטער אליין.[5]

דער אבסאלוטער ווערטה פון דער סחורה איז אן און פאר זיך גלייכגילטיג פאר דעם קאפיטאליסט, וועלכער פראדוצירט זי. איהם אינטערעסירט נאר דער מעהרווערטה, וואס שטעקט אין איהר און וואס קאן רעאליזירט ווערן אין דעם פערקויף. די רעאליזירונג פון דעם מעהרווערטה שליסט במילא איין דעם אומקעהר פון דעם אויס־געלעגטען ווערטה. איז אזוי ווי דער רעלאטיווער מעהרווערטה וואקסט אין א דירעקטער פראפארציע צו דער ענטוויקלונג פון דער פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, בעת דער ווערטה פון די סחורות פאלט אין א פערקעהרטער פראפארציע צו דערזעלביגער

---

[5] „איז וואס פאר א פראפארציע דעם ארבייטער'ס הוצאות זאלען ניט פער־קלענערט ווערן, איז דערזעלבינער פראפארציע ווערט פערקלענערט זיין לויז, אויב עס ווערן אבגעשאפט אין דערזעלביגער צייט די בשרענקונגען אויף דער אינדוסטריע.“ ("Considerations concerning taking off the Bounty on Corn Exported etc., London 1752, p. 7) „די אינטערעסען פון דער אינדוסטריע און האנדעל פאדערן, אז קארן און אלע לעבענס־מיטלען זאלען זיין אזוי בילינג ווי מעגליך; ווארים יעדע זאך וואס מאכט זיי טייער, מאכט אויך טייער דעם ארבייטס־לוין.... אין אלע לענדער, וואו די אינדוסטריע איז ניט בעשרענקט, מוז דער פרייז פון די לעבענסמיטלען בעאיינפלוסען דעם פרייז פון דער ארבייט. דער דאזיגער פרייז וועט אלעמאל פאלען, ווען די לעבענסמיטלען ווערן בילינגער.“ (דארט גופא, ז. 3.) „די שכירות פאלען אין דעמזעלבינען ערך, אין וועלכען די פראדוקטיוו־קרעפטען שטייגען. די מאשין פערבילינגט גאנץ געוויס די לעבענסמיטלען, זי פערבילינגט אבער אין דערזעלבינער צייט אויך די ארבייטער.“ ("A Prize Essay on the Comparative Merits of Competition and Cooperation", London 1834 ,p. 27.)

ארבייט־צייט, וואָס לאָזט זיך פּיהלען דעם קאַפּיטאַליסט מיט דער נייער מעטאָדע, אינדעם, וואָס ער מוז פערקויפען זיין סחורה אונטער איהר געזעלשאַפטליכען ווערטה, טרייבט זיינע קאָנקורענטען, אלס צוואַנג־געזעץ פון דער קאָנקורענץ, איינצופיהרן דעם נייען פּראָדוקציאָנס־אופן.[4] די אלגעמיינע ראַטע פון מעהרווערטה ווערט, הייסט עס, סוף־כל־סוף געענדערט פון דעם גאַנצען פּראָצעס, נאָר ווען די פערגרעסערונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט האָט אָנגעגריפען אזוינע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, און ממילא וועלוועלער געמאַכט אזוינע סחורות, וועלכע געהען אריין אין דעם קרייז פון די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען און שטעלען דעריבער צוזאַמען עלעמענטען פון דעם ווערטה פון דער ארבייטס־קראַפט.

דער ווערטה פון סחורות שטעהט אין אַ פּערקעהרטער פּראָפּאָרציע צו דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט. און אזוי שטעהט אויך דער ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט, ווייל זי ווערט בעשטימט דורך דעם ווערטה פון די סחורות. פערקעהרט, דער רעלאַטיווער מעהרווערטה שטעהט אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט. ער שטייגט ווען די פּראָדוקטיוו־קראַפט שטייגט, און פאַלט ווען זי פאַלט. אָנגענומען, אז דער געלד־ווערטה בלייבט דערזעלביגער, פּראָדוצירט אַ געזעלשאַפטליכער דורכשניט־ארבייטסטאָג פון 12 שטונדען אלעמאָל דעמזעלביגען ווערטה־פּראָדוקט, 6 שילינג, צום ביישפּיעל, קיין חלוק ניט ווי אזוי די ווערטה־סומע ווערט פערטיילט צווישען דעם עקוויוואַלענט פאַר'ן ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט און דעם מעהרווערטה. אויב אָבער מחמת דער פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פאַלט

---

[4] „ווען מיין נאכבאר, שאפענדיג א סך מיט ווענינ ארבייט, קאן דעריבער פערקויפען ביליג, מוז איך נעפינען א מיטעל צו פערקויפען פונקט אזוי ביליג ווי ער. אט אזוי צווינגט יעדע ערפינדונג, יעדע מעטאדע און יעדע מאשין, וואס מאכט מעגליך אויסצופיהרן אן ארבייט מיט ווענינער הענד, און ממילא בילינער, אז די אנדערע זאלען אנווענדען ענטוועדער דיזעלבינע ערפינדונג, מעטאדע אדער מאשין, אדער זיי זאלען ערפינדען עפעס עהנליכעס, כדי זיי זאלען אלע בלייבען אין דערזעלבינער לאגע און קיינער זאל ניט זיין אימשטאנד צו פערקויפען בילינער איידער זיין נעקסטער.“ ("The Advantages of the East India Trade to England", London 1720, p. 67.)

צייט, וואָס איז נויטיג פאַר דער פּראָדוקציאָן פון א בעשטימטען סכום סחורות. דאָס, וואָס דער אַרבייטער פּראָדוצירט דורך דער פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון זיין ארבייט צעהן מאָל מעהר סחורה צ.ב.ש. אין איין שטונדע איידער ער האָט פריהער פּראָדוצירט, שטערט לגמרי ניט איהם צו לאָזען ארבייטען ווי פריי־הער 12 שטונדען א טאָג און צו פּראָדוצירן אין די 12 שטונדען 1200 שטיקער, אָנשטאָט די פריהערדיגע 120 שטיקער. יאָ, זיין אַרבייטס־טאָג קאָן נאָך אין דערזעלביגער צייט פערלענגערט ווערן, אַזוי אַז ער פּראָדוצירט איצט אין 14 שטונדען 1400 שטיקער א.אז. וו. מען קאָן דעריבער לעזען ביי עקאָנאָמיסטען פון דעם מין א שטייגער ווי מאַקולאָק, אורע, סיניאָר און ווי זיי אַלע הייסען דאָר־טען, אויף איין זייט, אַז דער אַרבייטער איז שולדיג א דאנק דעם קאַפּיטאַל פאַר דער ענטוויקלונג פון די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, ווייל זי פערקירצט די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט; און אויף דער נעקס־טער זייט, אַז ער מוז ארויסווייזען זיין דאנקבארקייט דערמיט, וואָס ער וועט ווייטער אַרבייטען 15 שטונדען אָנשטאָט 10. די ענטוויק־לונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, אין די גרעני־צען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, בעצוועקט צו פער־קירצען דעם טייל פון דעם אַרבייטס־טאָג, וואָס דער אַרבייטער מוז אַרבייטען פאַר זיך אַליין, כדי טאַקע דורכדעם צו פערלענגערן דעם אַנדער טייל פונ'ם אַרבייטס־טאָג, וועלכען ער קאָן אַרבייטען אומ־זיסט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט. אויף ווי ווייט דער דאָזיגער רעזול־טאַט קאָן דערגרייכט ווערן אפילו אָהן א פערביליגערונג פון די סחורות, וועט זיך אַרויסצייגען אין די בעזונדערע פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען פון דעם רעלאַטיווען מעהרווערטה. וועלכע מיר וועלען איצט זיך נעהמען אונטערזוכען.

ענטוויקלונג; און אזוי ווי דערזעלביגער אידענטישער פּראָצעס מאכט ביליגער די סחורות און פערגרעסערט דעם מעהרווערטה, וואָס ליעגט אין זיי—ווערט דערמיט געלעזט דאָס רעטעניש, פאַר־וואָס דער קאַפּיטאַליסט, וועמעס איינציגער עסק איז נאָר צו פּראָ־דוצירען טוישווערטהען, שטרעבט נאָכאַנאַנד ארונטער צו־וואַרפען דעם טוישווערטה פון סחורות. דאָס איז אַ ווידערשפּרוך, מיט וועלכען קעניי, איינער פון די גרינדער פון דער פּאָליטישער עקאָ־נאָמיע, האָט פערשאַפט יסורים זיינע געגנער, און אויף וועלכען זיי זיינען איהם שולדיג געבליבען אַן ענטפער. „איהר גיט צו, — זאָגט קעניי — אַז וואָס מעהר קאָסטען און טייערע אַרבייט מען קאָן איינ־שפּאָרען אין דער פאַבריקאַציע פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטען, ניט ברענגענדיג קיין שאָדען דער פּראָדוקציאָן, אַלץ פּאַרטיילהאַפטער איז די דאָזיגע איינשפּאָרונג, ווייל זי פערקלענערט דעם פּרייז פון דעם פאַרטיגען אַרטיקעל. און פונדעסטוועגען גלויבט איהר טראָץ דעם, אַז די שאַפונג פון רייכטום, וועלכער נעהמט זיך פון דער אַר־בייט פון די אינדוסטריעלע ארבייטער, בעשטעהט אין דער פּער־גרעסערונג פון דעם טויש־ווערטה פון זייערע פאַרטיגע פּראָדוק־טען“. [6]

די איינשפּאָרונג אין ארבייט דורך דער ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט [7] בעצוועקט אַלזאָ אין דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן לגמרי ניט די פערקירצונג פונ׳ם ארבייטס־טאָג. זי בעצוועקט נאָר די פערקירצונג פון דער ארבייט־

---

[6] קעניי, „דיאַלאָג סיר לע קאָמערס ע סיר לע טראַוואַ דעז ארטיזאַן“, פּאַריז 1846, ז. 188, 189.

[7] „די דאָזיגע ספּעקולאַנטען, וועלכע זוכען אזוי שטאַרק איינצושפּאָרען די ארבייט פון די ארבייטער, פאַר וועלכער זיי מוזען בעצאָהלען.“ (זש. נ. בידאַ, „די מאָנאָפּאָל קי ז׳עטאַבלי דאַן לעז ארט אינדיסטריעל ע לע קאָמערס“, פּאַריז 1828, ז. 31.) „דער אונטערנעהמער וועט שטענדיג טהאָן אַלעס מעגליכע, כדי איינצושפּאָרען צייט און אַרבייט.“ (דוגאַלד סטואַרט, ווארקס, עד. ביי סער וו. האַמילטאָן, עדינבורג 1855, ב. III. „לעקטשורס אָן פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי“, ז. 318.) „זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווערט כמעט אויסשליסליך אַבגעגעבען אויף דעם צו פּערגרעסערן אַט די קראַפט.“ (ר. דזשאָנס, „טעקסט בוק אָוו לעקטשורס אָן דהי פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי אָוו ניישאָנס“, הערטפאָרד, 1852, לעקטשור III

פערט זיך אין 6 שילינג, וועלען 1200 אזעלכע ארבייטס־טעג זיך פערקערפערן אין 6 שילינג גע׳כפל׳ט אויף 1200 — אין 7200 שילינג. אין איין פאל האבען זיך 12 מאל 1200, ד.ה. 14,400 ארבייט־שטונ־דען פערקערפערט אין די פראָדוקטען, אין דעם אנדער פאל בלויז 12 שטונדען. אין דער פראָדוקציאָן פון ווערטה רעכענט זיך אלע־מאל דער רבים נאָר אלס אזויפיעל איינצעלנע. פאר דער ווערטה־פראָדוקציאָן מאכט, הייסט עס, קיין אונטערשייד ניט, צי 1200 אר־בייטער פראָדוצירן בעזונדער, צי זיי זיינען פעראייניגט אונטער דער קאָמאנדע פון דעמזעלביגען קאפיטאל.

פונדעסטוועגען קומט אין געוויסע גרעניצען דאָך פאר א מאָדי־פיקאציע [א שנוי]. די ארבייט, וועלכע איז פערקערפערט אין ווערטה, איז ארבייט פון א געזעלשאפטליכער דורכשניטס־קוואלי־טעט; הייסט עס, דער אויסדרוק פון א דורכשניטליכער ארבייט־קראפט. א דורכשניטס־גרויס עקזיסטירט אָבער אלעמאָל נאָר אלס דורכשניט פון א סך פערשיידענע איינצעלנע גרויסען פון דעמזעל־ביגען סאָרט. אין יעדען אינדוסטריע־צווייג אונטערשיידט זיך דער איינצעלנער ארבייטער, ראובן אָדער שמעון, מעהר אָדער ווייניגער פון דעם דורכשניטס־ארבייטער. אָט די אינדיווידועלע חלוקים, וועלכע הייסען אין דער מאטעמאטיק „טעותן“, סלוק׳ן איינע די אנדערע און פערשווינדען, וויבאלד מען נעהמט א גרעסערע צאָהל ארבייטער צוזאמען. דער בעריהמטער סאָפיסט און היפאָקריט עדמונד בורק וויל דרינגען פון זיינע פראקטישע ערפאהרונגען אלס פערמער, אז אפילו „אין אזא קליינע ראָטע“ ווי 5 פארם־ארבייטער פערשווינדט יעדער אינדיווידועלער אונטערשייד פון דער ארבייט; און פאָלגליך, אז די ערשטע בעסטע 5 דערוואקסענע ענגלישע פארם־ארבייטער גענומען צוזאמען, וועלען אין דערזעלבער צייט אויפטאָן פונקט אזויפיעל ארבייט, ווי יעדע אנדערע 5 ענגלישע פארם־אר־בייטער.[8] ווי די מעשה זאָל ניט זיין, עס איז אָבער קלאָר, אז דער

---

[8] „בלי ספק בעשטעהט א גרויסער אונטערשייד צווישען דעם ווערטה פון די ארבייטען פון פערשיידענע מענשען. זיי אונטערשיידען זיך אין קראפט, גע־שיקליכקייט און אויפמערקזאמקייט. מיינע אייגענע געניויע בעאבאכטונגען האבען מיך אבער איבערציינגט, אז יעדע איין גרופע פון 5 מענער פון א בעשטימטען עלטער לייסטעט פונקט אזויפיעל ארבייט, ווי יעדע אנדערע מעגליכע גרופע פון

עלפטער קאַפּיטעל.

קאָאָפּעראַציע.

די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן פאַנגט זיך ווירקליך אָן, ווי מיר האָבען געזעהן, נאָר דאַן, ווען דערזעלביגער אינדיווידועלער קאַפּיטאַל בעשעפטיגט אין איין צייט אַ גרעסערע צאָהל ארבייטער; ווען דער ארבייט־פּראָצעס, הייסט עס, ווערט אָנגעפיהרט אויף אַ ברייטערן מאַסשטאַב, און ליפערט אַ גרעסערע צאָהל פּראָדוקטען. דאָס צוזאַמען־ווירקען פון אַ גרעסערער צאָהל ארבייטער אין דער־זעלביגער צייט, אין דעמזעלביגען פּלאַץ (אָדער, אויב איהר ווילט עס בעסער אָנרופען: אויף דעמזעלביגען ארבייטס־פעלד), כדי צו פּראָדוצירן דעמזעלביגען סאָרט סחורה, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעמזעלביגען קאַפּיטאַליסט, מאַכט אויס היסטאָריש און לאָגיש דעם אָנפאַנג־פּונקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. בנוגע דעם פּראָדוקציאָנס־אופן גופא אונטערשיידעט זיך צ.ב.ש. די מאַנופאַק־טור אין איהרע ערשטע שטופען כמעט מיט קיין אַנדער זאַך ניט פון דער האַנדווערק־אינדוסטריע פון די גילדען (צעכען), אַ חוץ דורך דער גרעסערער צאָהל ארבייטער, וואָס זיינען גלייכצייטיג בע־שעפטיגט פון דעמזעלביגען קאַפּיטאַל. דעם צעך־מייסטער'ס ווערק־שטאַט איז נאָר פערגרעסערט געוואָרן.

דער אונטערשייד, הייסט עס, איז אין אָנהויב נאָר קוואַנטי־טאַטיוו. מיר האָבען געזעהן, אַז די מאַסע פונ'ם מעהרווערטה, וואָס אַ בעשטימטער קאַפּיטאַל פּראָדוצירט, איז גלייך צו דעם מעהר־ווערטה, וואָס אַן איינצעלנער ארבייטער ברענגט, גע'כפל'ט מיט דער צאָהל פון די גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע ארבייטער. די דאָ־זיגע צאָהל פאַר זיך ענדערט גאָרנישט אין פּרט פון דער ראַטע פון מעהרווערטה אָדער פון דעם גראַד־עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייט־קראַפט; און וואָס איז נוגע דער פּראָדוקציאָן פון דעם סחורה־ווערטה בכלל, איז פאַר איהר יעדע קוואַליטאַטיווע פערענדערונג פון דעם ארבייט־פּראָצעס גאַנץ עגאַל. דאָס פאָלגט פון דער נאַטור פונ'ם ווערטה. אויב אַ צוועלף־שטונדיגער ארבייטס־טאָג פערקער־

ווען איין אַרבייטער וואָלט פערברויכט בעדייטענד מעהר צייט אויף דער פּראָדוקציאָן פון אַ סחורה איידער עס איז געזעלשאַפטליך נויטווענדיג, וואָלט די אַרבייט־צייט, וואָס איז נויטווענדיג פאַר איהם אינדיווידועל, בעדייטענד אָבגעטראָטען פון דער געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגער אַרבייט־צייט אָדער פון דער דורכשניטס־אַרבייט־צייט, און בכן וואָלט זיין אַרבייט ניט געגאָלטען אַלס דורכשניטס־אַרבייט, און זיין אַרבייט־קראַפט וואָלט זיך ניט גערעכענט אַלס דורכשניטליכע אַרבייט־קראַפט. זי וואָלט זיך אָדער גאָרניט פערקויפט, אָדער נאָר אונטער דעם דורכשניט־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט. עס ווערט דעריבער לכתחילה אָנגענומען אַ בעשטימטער מינימום פון אַרבייטס־טיכטיגקייט, און מיר וועלען שפּעטער זעהן, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן געפינט די מיטלען ווי צו מעסטען דעם דאָזיגען מינימום. טראָץ דעם אָבער טרעט אָט דער מינימום אָב פון דעם דורכשניט, הגם פון דער אַנדער זייט, מוז דער קאַפּיטאַליסט צאָהלען דעם דורכשניטס־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט. פון די 6 קליינע באַסעס וואָלט דעריבער איינער ארויסגעשלאָגען מעהר איידער די אַלגעמיינע ראַטע פון מעהר־ווערטה, דער אַנדערער—ווענינער. פאַר דער געזעלשאַפט וואָלטען זיך די אונגלייכהייטען געגענזייטיג אויסגעגלייכט, אָבער ניט פאַר דעם איינצעלנעם באַס. דאָס געזעץ פון פערוווערטונג [פון שאַפען מעהרווערטה] רעאַליזירט זיך דעריבער פאָלשטענדיג פאַר דעם איינצעלנעם פּראָדוצירער ערשט דאַן, ווען ער פּראָדוצירט אַלס קאַפּיטאַליסט, ווען ער בעשעפטיגט פיעל אַרבייטער אין איין צייט; פאָלגליך, ווען ער ברענגט אין בעוועגונג פון אָנהויב אָן ג ע ז ע ל־ש א פ ט ל י כ ע א ר ב י י ט.*

די גלייכצייטיגע בעשעפטיגונג פון אַ גרעסערער צאָהל אַרבייטער ברענגט אַריין אַ רעוואָלוציע אין די מאַטעריעלע בעדינגונגען

* הערר פּראָפעסאָר ראָשער האָט געמאַכט אַ ענטדעקונג, אַז איין נייטערקע, וועלכע די פּראָפעסאָרשע בעשעפטיגט 2 טעג, טהוט אויף מעהר אַרבייט איידער 2 נייטערקעס, וועלכע די פּראָפעסאָרשע בעשעפטיגט אין איין טאָג. דער הערר פּראָפעסאָר זאָל ווייטער ניט מאַכען זיינע בעאָבאַכטונגען איבער דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין דעם קינדער־צימער, און ניט אונטער אַזוינע אומשטענדען וואו עס פעהלט די הויפּט־פּערזאָן—דער קאַפּיטאַליסט.

קאָלעקטיוו־אַרבייטסטאָג פון אַ גרעסערער צאָהל גלייכצייטיג־בע־שעפטיגטע אַרבייטער, דיווידירט דורך דער צאָהל פון די דאָזיגע אַרבייטער, איז אַן און פאַר זיך איין טאָג געזעלשאַפטליכע דורכ־שניטס־אַרבייט. לאָמיר אָננעהמען צ.ב.ש. אַז דער אַרבייטס־טאָג פון אַן איינצעלנעם אַרבייטער איז 12 שטונדען. אַזוי מאַכט אויס דער אַרבייטס־טאָג פון 12 גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע אַרבייטער אַ קאָלעקטיוו־אַרבייטסטאָג פון 144 שטונדען; און הגם די אַרבייט פון יעדען איינעם פון דעם טוצען קאָן זיך מעהר אָדער וועניגער אונטערשיידען פון דער געזעלשאַפטליכער דורכשניטס־אַרבייט, יע־דער איינער פון זיי, הייסט עס, קאָן פערברויכען מעהר אָדער וועניגער צייט אויף דעמזעלביגען שטיק אַרבייט, פונדעסטוועגען אַזוי ווי יעדען איינצעלנעמס אַרבייטס־טאָג איז $1/12$ פון דעם קאָ־לעקטיוו־אַרבייטסטאָג פון 144 שטונדען, בעזיצט ער די געזעל־שאַפטליכע דורכשניטס־קוואַליטעט. פאַר דעם קאַפּיטאַליסט אָבער, וועלכער בעשעפטיגט די 12 מענשען, עקזיסטירט דער אַרבייטס־טאָג אַלס אַ קאָלעקטיוו־אַרבייטסטאָג פון די אַלע 12. דער אַרבייטס־טאָג פון יעדען איינעצעלנעם עקזיסטירט ווי אַן אַליקוואָטער טייל פון דעם קאָלעקטיוו־אַרבייטסטאָג, קיין חלוק ניט צי די 12 אַרבייטען איינע די אַנדערע צום האַנד, צי דער גאַנצער צוזאַמענהאַנג פון זייערע אַרבייטען בעשטעהט נאָר דעריין, וואָס זיי אַרבייטען פאַר דעמזעלביגען קאַפּיטאַליסט. וואָלטען, פערקעהרט די 12 אַרבייטער געוועזן בעשעפטיגט פּאָרווייז פון 6 קליינע באָסעס, וואָלט עס נאָר געווען אַ צופאַל, אויב יעדער איינצעלנער באָס וואָלט פּראָדוצירט דעמזעלבען ווערטה און רעאַליזירט דורכדעם די אַלגעמיינע ראַטע פון מעהרווערטה. עס וואָלטען פאָרגעקומען אינדיווידועלע חלוקים.

דעמזעלבען אַרט. דאַס בעטייט, אַז צווישען אַזעלכע 5 מענער האַט איינער אַלע איינענשאַפטען פון אַ גוטען אַרבייטער, איינער—די אייגענשאַפטען פון אַ שלעכ־טען אַרבייטער, בעת די איבעריגע 3 שטעהען איז מיטען און פאַסען זיך צו מעהר אָדער וועניגער צו דעם ערשטען און דעם לעצטען. אין אַזאַ קליינע ראַטע פון 5 אַרבייטער, געפינט זיך שוין אַלזאַ דער ריכטיגער דורכשניט פון דער אַרבייט־לייסטונג פון אירגענד וועלכע 5 מענשען.״ (ע. בוירק, "Thoughts and Details on Scarcity" לאָנדאָן 1800, ז. 16) זעה קעטלע וועגען דעם דוכשניטס־אינ־דיווידיאום.

דוקציאָנס־מיטלען שטאמט נאָר פון זייער געמיינשאפטליכען פער־
ברויך אין דעם ארבייטס־פּראָצעס פון פיעלע ארבייטער אינאיינעם.
און זיי קריגען אָט דעם כאראקטער פון בעדינגונגען פון געזעל־
שאפטליכער ארבייט, אָדער פון געזעלשאפטליכע בעדינגונגען פון
דער ארבייט—אין אונטערשייד פון די צושפּליטערטע און רעלאטיוו
קאָסט־שפּיעליגע פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון פעראיינצעלטע זעלב־
שטענדיגע ארבייטער אָדער קליינע באָסעס—אפילו ווען די מעה־
רערע ארבייטער ארבייטען נאָר צוזאמען זייט ביי זייט, ניט האנד
אין האנד. איין טייל פון די ארבייטס־מיטלען בעקומט אָט דעם
געזעלשאפטליכען כאראקטער, נאָך איידער דער ארבייט־פּראָצעס
אליין בעקומט אזא כאראקטער.

די עקאָנאָמיע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען מוז בכלל בע־
טראכט ווערן פון א טאָפּעלטען שטאנדפּונקט. איין מאָל, אויף
וויפיעל זי מאכט וואָלוועלער די סחורות און ווארפט דורכדעם
ארונטער דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראפט. נאָך א מאָל, אויף
וויפיעל זי פערענדערט די פּראָפּאָרציע פון דעם מעהרווערטה צו
דעם סך הכל פון אויסגעלעגטען קאפּיטאל, ד.ה. צו דער ווערטה־
סומע פון זיינע קאָנסטאנטע און וואריאבלע בעשטאנד־טיילען. דער
לעצטער פּונקט וועט דערקלערט ווערן אין דעם ערשטען אָבטייל
פון דעם דריטען בוך פון דעם ווערק, וואו מיר וועלען שוין בע־
טראכטען, צוליעב דעם צוזאמענהאנג, אויך איינגיע פּרטים, וועלכע
געהערען גאָר דאָ. דער גאנג פון דעם אנאליז צווינגט אזוי צו
צערייסען דעם ענין — א צעררייסונג, וואָס שטימט גראד מיט דעם
גייסט פון דער קאפּיטאליסטישער פּראָדוקציאָן. אזוי ווי דאָ
טרעטען די ארבייטס־בעדינגונגען ארויס זעלבשטענדיג אנקעגען
דעם ארבייטער, קומט אויך זייער עקאָנאָמיע פאָר ווי א ספּע־
ציעלע אָפּעראציע, וועלכע געהט איהם גאָרנישט אָן, און האָט דע־
ריבער ניט קיין פערבינדונג מיט די מעטאָדען, וואָס פערגרעסערן
זיין פערזענליכע פּראָדוקטיוויטעט.

די פאָרם פון דער ארבייט פון פיעלע ארבייטער, וועלכע אר־
בייטען אין דעמזעלבינגען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אָדער אין פער־
שיידענע, אָבער צוזאמענהענגענדע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסן, פּלאַנ־

פון דעם ארבייט־פּראָצעס, אפילו ווען דער ארבייטס־אופן בלייבט דערזעלביגער. די געביידען, אין וועלכע פיעלע ארבייטען צוזאמען, דער לאגער פאר רויה־מאטעריאל און דערגלייכען, די כלים, אינסטרו־מענטען, אפּאראטען א.אז.וו., וועלכע פיעלע געברויכען גלייכצייטיג אָדער בייטענדיג זיך איינע נאָך די אנדערע; קורץ, איין טייל פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען ווערט איצט פערברויכט אין דעם אר־בייט־פּראָצעס געמיינשאפטליך. דער טויש־ווערטה פון סחורות, ממילא אויך פון פּראָדוקציאָנס־מיטלען, פון איין זייט בעטראכט, ווערט ניט געהעכערט דורך וועלכער עס איז גרעסערער אויסנוצונג פון זייער געברויך־ווערטה. פון דער אנדער זייט, ווערט גרעסער דער מאָסשטאב פון די געמיינשאפטליך־געברויכטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. א צימער, אין וועלכען עס ארבייטען 20 וועבער מיט זייערע 20 וועבשטוהלען, מוז פערנעהמען א גרעסערן פּלאַץ איידער א צימער פון איין אונאָבהענגיקען וועבער מיט צוויי געזעלען. אָבער די פּראָדוקציאָן פון איין ווערקשטאט פאר 20 פּערזאָן קאָסט ווייניגער ארבייט, איידער די פּראָדוקציאָן פון 10 ווערקשטאטען פאר יעדע צוויי פּערזאָנען; דער ווערטה פון מאסענווייז־קאָנצענט־רירטע און געמיינזאמע פּראָדוקציאָנס־מיטלען וואקסט ניט אויף דעם אופן בכלל פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם אומפאנג און דער נוץ־ווירקונג פון די דאָזיגע מיטלען. געמיינשאפטליך־פערנוצטע פּראָ־דוקציאָנס־מיטלען גיבען אָב א קלענערן ווערטה־חלק דעם איינ־צעלנעם פּראָדוקט, טיילווייז דערפאר, ווייל דער גאנצער ווערטה, וואָס זיי גיבען אָב, פערטיילט זיך גלייכצייטיג אויף א גרעסערער מאסע פּראָדוקטען, און טיילווייז דערפאר, ווייל הגם זיי טרעטען אריין אין פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס מיט אן אבסאָלוט גרעסערן ווערטה אין פערגלייך צו פעראיינצעלטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, איז אָבער זייער ווערטה רעלאטיוו א קלענערער, ווען מען בעטראכט זייער ווירקונג־קרייז. דורכדעם פאלט ארונטער איין ווערטה־חלק פון דעם קאָנסטאנטען קאפּיטאל, פּאָלגליך פאלט אויך, פּראָפּאָר־ציאָנעל צו זיין גרויס, דער גאנצער (געזאמט־) ווערטה פון דער סחורה. די ווירקונג איז דיזעלביגע, ווי ווען די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פון דער סחורה וואָלטען וועלוועלער פּראָדוצירט געוואָרן. אָט די עקאָנאָמיע [איינשפּאָרונג] אין דעם געברויך פון די פּראָ־

אַ חוץ דער נייער קראַפט־פּאָטענץ, וואָס וואַקסט אויס פון דער פערשמעלצונג פון פיעלע קרעפטען אין איין קאָלעקטיוו־קראַפט, בעשאַפט ביי די מייסטע פּראָדוקטיווע ארבייטען בלויז דער געזעלשאַפטליכער קאָנטאַקט אליין אַ וועט־אייפער און אַ בעזונדערע סטימולירונג פון די לעבענס־גייסטער (Animal Spirits), וועלכע פערגרעסערן די אינדיווידועלע לייסטונגס־פעהיגקייט פון די איינצעלנע ארבייטער. אַ טוצען פּערזאָנען צוזאַמען אין אַ גלייכצייטיגען ארבייטס־טאָג פון 144 שטונדען וועלען דעריבער ארויסגעבען אַ פיעל־גרעסערן קאָלעקטיוו־פּראָדוקט, איידער 12 פעראייזנצעלטע ארבייטער, פון וועלכע יעדער איינער ארבייט 12 שטונדען, אָדער מעהר איידער 1 ארבייטער, וועלכער ארבייט 12 טעג נאָכאַנאַנד.[12] דאָס נעהמט זיך דערפון, וואָס דער מענש איז פון דער נאַטור, אויב ניט אַ פּאָליטישע חיה, ווי אַריסטאָטעל מיינט, איז יעדענפאַלס אַ געזעלשאַפטליכע חיה.[13]

הגם אַ סך מענשען טהוען דיזעלביגע ארבייט אָדער דעמזעלביגען סאָרט ארבייט גלייכצייטיג און איינע די אנדערע צום האַנד,

[12] „עס ליעגט אויף אַ פּאָרטייל (ווען דיזעלבע צאהל ארבייטער זיינען בעשעפטיגט פון איין פערמער אויף 300 אקער לאַנד, אנשטאַט פון 10 פערמער אויף יעדע 30 אַקער) אין דער פּראָפּאָרציע פון די דיענער, וועלכען נאָר פּראַקטישע מענשען וועלען לייכט פערשטעהן. עס איז נאַטירליך צו זאגען, אַז 1 צו 4 פערהאַלט זיך דאָסזעלביגע ווי 3 צו 12. דאָס גילט אבער ניט אין דער פּראַקטיקע. וואָרים אין שניט־צייט, ווי אין פיעלע אַנדערע ארבייטען, וואו עס איז נויטיג צו טהאָן זאכען אין איילעניש, ווערט די ארבייט בעסער און שנעלער אויסגעפיהרט דורכדעם וואָס פיעלע ארבייט־קרעפטען ווערן צוזאַמענגעבראַכט אינאייִנעם. אזוי צ.ב.ש. וועלען אין שניט־צייט שאַפען 2 פוהר־לייט, 2 אנלאַדער, 2 וואַרפער, 2 שאַרער און די איבעריגע ביי דער קופּה אדער אין שייער, טאָפּעלט אַזויפיעל ווי דיזעלביגע צאהל ארבייטס־קרעפטען וואָלטען אויפגעטאָן, ווען זיי וואָלטען געווען פערטיילט אין פערשיידענע ארבייטס־גרופּען אויף פערשיידענע פערמען.“ (An Enquiry into the Connection between the Present Price of Provisions and the Size of Farms." By a Farmer. London 1773, p. 7, 8.)

[13] אריסטאָטעל׳ס דעפיניציע איז אייגענטליך, אַז דער מענש איז פון דער נאַטור אַ שטאָדט־בירגער. זי איז פּונקט אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קלאַסישען אַלטערטום ווי פראַנקלין׳ס דעפיניציע, אַז דער מענש איז פון דער נאַטור אַ ווערקצייג־מאַכער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם יאַנקיטום.

מעסיג איינע נעבען די אַנדערע און איינע מיט די אַנדערע, הייסט **קאָאָפּעראַציע**.[10]

אַזוי ווי די אָנגריף־קראַפט פון אַ סקאַדראָן קאַוואַלעריע אָדער די ווידערשטאַנד־קראַפט פון אַ רעגימענט אינפאַנטעריע איז גרינדליך פערשיידען פון דער סומע אָנגריף־ אָדער ווידערשטאַנד־קרעפטען, וואָס יעדער קאַוואַלעריסט אָדער אינפאַנטעריסט קאָן ענטוויקלען אינדיווידועל, אַזוי איז אויך די מעכאַנישע קראַפט־סומע פון פער־איינצעלטע אַרבייטער פערשיידען פון דער געזעלשאַפטליכער קראַפט־(פּאָטענץ), וואָס ענטוויקעלט זיך, ווען אַ סך הענד ווירקען גלייכצייטיג צוזאַמען אין דערזעלביגער ניט־צוטיילטער אָפּעראַציע, ווי צום ביישפּיעל, בעת מען דאַרף אויפהויבען אַ משא, דרעהען די ראָד פון אַ הויב־אַפּאַראַט, אָדער אָבראַמען אַ ווידערשטאַנד פון וועג.[11] די ווירקונג פון דער קאָמבינירטער אַרבייט וואָלט ענט־וועדער גאָר ניט געקאָנט דורכגעפיהרט ווערן פון דער פעראיינצעל־טער אַרבייט, אָדער נאָר אין אַ פיעל־לענגערער צייט, אָדער בלויז אויף אַ גאַנץ קליינעם מאָסשטאַב. עס האַנדעלט זיך דאָ ניט נאָר וועגען אַ פערגרעסערונג פון דער אינדיווידועלער פּראָדוקטיוו־קראַפט דורך דער קאָאָפּעראַציע, נאָר וועגען דער בעשאַפונג פון אַ פּראָדוקטיוו־קראַפט, וועלכע מוז זיין אַן און פאַר זיך אַ מאַסען־קראַפט.[11*]

---

[10] „קאָנקור דע פאָרס — צוזאַמענווירקונג פון קרעפטען“. (דע טראַסי: „טרעטע׳ דע לאַ וואָלאָנטע׳ דע סע ז׳עפעט“. פּאַריז, 1826, ז. 78.)

[11] „עס זיינען פאַראַן פיעלע אַרבייטען פון אַזאַ איינפאַכען סאָרט, אַז עס קאָן ניט געמאַלט זיין ביי זיי קיין טיילונג פון דער אַרבייט, און דאַך קאָנען זיי בעזאָרגט ווערן דורך אַ צוזאַמענווירקען פון אַ סך פאַר הענד. צום ביישפּיעל אַרויפהויבען אַ גרויסען באַלקען אויף אַ וואַגען... קורץ, יעדע אַרבייט, וועלכע קאָן ניט אויסגעפיהרט ווערן, סיידען אַ סך פאַר הענד אונטערשטיצען איינע די אַנ־דערע גענענזייטיג און אין דערזעלבער צייט.“ (E. G. Wakefield, "A View of the Art of Colonization", London, 1849, p. 168)

[11*] בעת 1 מאַן איז איבערהויפּט ניט אימשטאַנד אויפצוהויבען אַ מאַסע פון אַ טאָן, און 10 מאַן מוזען זיך שטאַרק אָנשטרענגען דאָס אויפצו־הויבען, קאָנען עס 100 אויפהויבען, ווען יעדערער לעגט בלויז צו אַ פינגער“. (John Bellers, "Proposals for raising a College of Industry", London 1696, p. 21.)

איינצעלנע ארבייטער, וועלכע מוזן אטאקירן זייער ארבייט איינ־זייטיגער. דאס איז דערפאר, ווייל דער קאמבינירטער ארבייטער אדער דער קאלעקטיוו־ארבייטער האט אויגן און הענד פון פארנט און פון הינטן, און בעזיצט אין א געוויסן גראד אן אל־געגענ־ווארט [ד.ה. ער איז איבעראל פול אין דערזעלביגער צייט]. די פערשיידענע רוים־טיילען פונ׳ם פראדוקט ווערן פארטיג אין דער־זעלביגער צייט.

מיר האבן בעטאנט [אין די אויבערשטע ביישפיעלען], אז די פיעלע ארבייטער, וועלכע ערגענצען איינע די אנדערע, טהוען די־זעלביגע אדער גלייכארטיגע ארבייט, ווייל אט די איינפאכסטע פארם פון געמיינשאפטליכער ארבייט שפיעלט א גרויסע ראליע אפילו אין דער העכסט־ענטוויקעלטער געשטאלט פון דער קאאפע־ראציע. אויב דער ארבייט־פראצעס איז א קאמפליצירטער, גיט שוין די צאהל צוזאמענארבייטענדע אליין די מעגליכקייט צו פער־טיילען די פערשיידענע אפעראציעס צווישען די פערשיידענע הענד, פאלגליך אבצוטאן זיי אין דערזעלביגער צייט און דורכדעם צו פערקירצען די ארבייט־צייט, וואס איז נויטיג צו פערענדיגען דעם קאלעקטיוו־פראדוקט.[15]

אין א סך פראדוקציאנס־צווייגען קומען פאר קריטישע מא־מענטען, ד.ה. אזוינע צייטען, וואס ווערן בעשטימט דורך דער נאטור פון ארבייט־פראצעס גופא, אין וועלכע בעשטימטע ארבייט־רעזולטאטען מוזען דערגרייכט ווערן. צום ביישפיעל, ווען מען דארף שערן א סטאדע שעפסען, אדער מען דארף שניידען און אויפקלייבען א פעלד ווייץ, הענגט אב די קוואנטיטעט און קוואליטעט פונ׳ם

---

[15] „ווען עס האנדעלט זיך וועגען דער דורכפיהרונג פון א קאמפליצירטער ארבייט, מוזען דאן געמאכט ווערן מעהרערע ארבייטען אין איין צייט. איינער פיהרט דורך איין ארבייט בעת דער אנדערער טהוט אב אין דערזעלביגער צייט אנאנדער ארבייט, און אלע צוזאמען העלפען דורכפיהרן א זאך, וועלכע אן איינ־צעלנער וואלט ניט אימשטאנד געווען צו דערגרייכען. איינער שטעהט ביים רודער, דער אנדערער ביי דעם הינטערשטען טייל שיף, א דריטער ווארפט דעם נעץ, אדער דעם הארפון, מיט וואס ער שטעכט דעם פיש, און אויף דעם אופן האט דער פיש־פאנג אן ערפאלג, וועלכער וואלט אונמעגליך געווען אהן אט דעם צוזאמענווירקען.“ (דע טראסי: „טרעטע דע לא וואלאנטע ע דע סע ז עפעט“, פאריז, 1826, ז. 78.)

פונדערסטוועגען קאָן די אינדיווידועלע ארבייט פון יעדן איינעם פאָרשטעלען, אלס טייל פון דער גאַנצער ארבייט, פערשיידענע פאַזען פון דעם ארבייט־פּראָצעס גופא, דורך וועלכע דער ארבייט־געגענשטאַנד לויפט דורך ראַשיגער, צוליעב דער דאָזיגער קאָאָפּעראַציע. צום ביישפּיעל, ווען מויערער שטעלען זיך אויס אין א רייה, כדי ארויפצוברענגען די בוי־שטיינער פון פוס פון דער ריסטאָוואַניע ביז צום שפּיץ, טהוט יעדערער פון זיי דיזעלביגע זאַך, פונדעסטוועגען מאַכען אויס די איינצעלנע טהאַטען צוזאַמענהענגענדע טיילען פון איין קאָלעקטיוו־ארבייט; זיי זיינען בעזונדערע פאַזען, וועלכע יעדער בוי־שטיין מוז דורכגעהן אין דעם ארבייט־פּראָצעס, און די בוי־שטיינער ווערן דורך איהם ראַשיגער ארויפגעטראָגען פון די 24 הענד פון דעם קאָלעקטיוו־ארבייטער, איידער זיי וואָלטען געקאָנט ארויפגעבראַכט ווערן, ווען יעדער ארבייטער בעזונדער וואָלט נאָכאַנאַנד געגאַנגען ארויף און אראָב דעם לייטער.[24] דער ארבייט־געגענשטאַנד לויפט דורך דעמזעלביגען מהלך אין א קירצערער צייט. אויף אַנאַנדער אופן קומט פאָר א קאָמבינאַציע פון דער ארבייט, ווען מען נעהמט זיך פאַר א בנין, צום ביישפּיעל, אין דערזעלביגער צייט פון פערשיידענע זייטען; הגם די קאָאָפּערירענדע מויערער טהוען דאָ אויך דיזעלביגע אָדער גלייכאַרטיגע ארבייט. דער קאָמבינירטער ארבייטס־טאָג פון 144 שטונדען, וועלכער אטאַקירט דעם ארבייט־געגענשטאַנד פון פיעל זייטען אין רוים, ברענגט ארויס דעם קאָלעקטיוו־פּראָדוקט ראַשיגער, איידער דער 12־שטונדיגער ארבייטס־טאָג פון מעהר אָדער וועניגער פער־

---

[24] „מען מוז אויך בעמערקען, אז אט די טיילווייזע צוטיילונג פון דער ארבייט קאָן אויך פאָרקומען אפילו דאָרט, וואו אלע ארבייטער זיינען בעשעפטיגט מיט דערזעלביגער ארבייט. מויערער צ.ב.ש., וועלכע דערלאַנגען ציגעל פון האַנד צו האַנד ביז דער העכערער ריסטאָוואַניע, טהוען אלע דיזעלבינע ארבייט, און דאָך קומט צווישען זיי פאָר א סאָרט צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע בעשטעהט דעריין, וואָס יעדערער פון זיי ברענגט דעם ציגעל א געוויסע שטרעקע ווייטער און אלע צוזאַמען לאָזען איהם גרייכען זיין ציעל פיעל שנעלער איידער עס וואָלט פאַסירט, ווען יעדערער פון זיי וואָלט פאַר זיך ארויפגעטראַגען א ציגעל אויף דער העכערער ריסטאָוואַניע.“ (פ. סקאַרבעק: „טהעאָריע דע רישעז סאָסיאַל“, 2טע אויסגאַבע, פאַריז 1840, ב. 1, ז. 97 און 98.)

פון איין זייט דערלאָזט די קאָאָפּעראַציע, אז די אַרבייט זאָל אָנגעפיהרט ווערן אויף אַן אויסגעשפּרייטען שטח; זי ווערט דעריבער אַ נויטווענדיגקייט פאַר געוויסע אַרבייט־פּראָצעסען שוין צוליעב דעם שטח־צוזאַמענהאַנג פון'ם אַרבייט־געגענשטאַנד אַליין, ווי צ.ב.ש. ביי דרענאַזש־אַרבייט, וואַסער־דאַמען, אירריגאַציע, בויען קאַנאַלען, גאַסען, אייזענבאַהנען א.אַז.וו. פון דער אַנדער זייט גיט זי די מעגליכקייט, פערהעלטניסמעסיג צו דעם פערגרעסערטען ערך פון דער פּראָדוקציאָן, פאַר אַ רוימליכער פערשמעלערונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־געביט. אָט די בעשרענקונג פון דעם שטח־פערנעהם פון דער אַרבייט אין דערזעלביגער צייט בעת איהר ווירקונג־ספערע ווערט אויסגעברייטערט, וואָס דורכדעם ווערט איינגעשפּאָרט אַ מאַסע איבעריגע קאָסטען, נעהמט זיך פון דער קאָנגלאָמעראַציע [צוזאַמענדרענגונג] פון די אַרבייטער, פון דעם צונויפדריקען פון פערשיידענע אַרבייט־פּראָצעסען און פון דער קאָנצענטראַציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען.[18]

פערגליכען מיט דערזעלביגער סומע פעראיינצעלטע אינדיווידועלע אַרבייטס־טעג, פּראָדוצירט דער קאָמבינירטער אַרבייטס־טאָג גרעסערע מאַסען געברויך־ווערטהען און פערקלענערט ממילא די אַרבייט־צייט, וואָס איז נויטיג פאַר דער פּראָדוקציאָן פון אַ בע־

נאָכדעם ווי עס איז אַליין געפאַלען און איז, פערשטעהט זיך, פערשמירט און טיילווייז פערפוילט געוואָרן. אַזוי אַז צוליעב דעם, וואָס עס פעהלען אַרבייטער אין דער ריכטיגער צייט, מוז דער פלאַנצער אויסשטעהן דעם פערלוסט פון אַ גרויסען טייל פון דעם גערעטעניש, אויף וועלכען ענגלאַנד קוקט אויס מיט ביידע אויגען. (בענגאַל הורקאַרו: „בימאַנטהלי אָווערלאַנד, סומאַרי און ניוס, 22טען יולי, 1618.)

[18] „אין דעם פאָרטשריט פון באָדען־קולטיווירונג ווערט דער גאַנצער קאַפּיטאַל און די גאַנצע אַרבייט, וואָס זיינען פריהער געווען אויסגעשפּרייט אויף 500 אַקער און אפשר נאָך מעהר, איצט פערווענדעט אויף דער גרינדליכער בעאַרבייטונג פון 100 אַקער.“ הגם „דער שטח האָט זיך פערקלענערט לגבי דעם אַנגעווענדעטען בעטרעף פון קאַפּיטאַל און אַרבייט, מאַכט ער דאָך אויס אַ ברייטערע פּראָדוקציאָנס־ספערע אין פערגלייך צו דער ספערע, וועלכע איז פריהער בעזעצט און בעאַרבייט געוואָרן פון אַ איינצעלנעם, אונאָבהענגיקען פּראָדוצירער.“ (R. Jones, "An Enquiry on the Distribution of Wealth", Part I On Rent, London 1831, p. 191, 199.)

פּראָדוקט פון דעם, וואָס די ארבייט ווערט אין אַ געוויסער צייט אָנגעפּאַנגען און אין אַ געוויסער צייט געענדיגט. דער צייט־משך, וואָס דער פּראָצעס דאַרף פערנעהמען, איז דאָ אַזוי פאָרגעשריבען, ווי אַ שטייגער ביי דעם פּראָצעס פון פאַנגען הערינג. דער איינ־צעלנער קאָן פון איין טאָג אויסשניידען נאָר איין ארבייטס־טאָג, לאָמיר זאָגען פון 12 שטונדען, אָבער די צוזאַמענווירקונג, קאָאָפּע־ראַציע, פון 100 מענשען צום ביישפּיעל, ברייטערט אויס אַ 12־שטונדיגען טאָג אין אַן אַרבייטס־טאָג פון 1200 שטונדען. די קורצ־קייט פון דעם צייט־טערמין, אין וועלכען די ארבייט דאַרף אָבגעטאָן ווערן, ווערט פערגיטיגט דורך דער גרויס פון דער ארבייט־מאַסע, וועלכע ווערט אַריינגעוואָרפען אין דעם ענטשיידענעם מאָמענט אויף דעם פּראָדוקציאָנס־פעלד.[16] די רעכטצייטיגע ווירקונג הענגט דאָ אָב פון דער גלייכצייטיגער אָנווענדונג פון פיעלע קאָמבינירטע אַרבייטס־טעג; דער אומפאַנג פון דעם ניצליכען עפעקט הענגט אָב פון דער צאָהל אַרבייטער, וועלכע איז שטענדיג אַ קלענערע, איידער די צאָהל, וואָס וואָלט געקאָנט פועל'ן דיזעלביגע ווירקונג אין דעמ־זעלביגען צייט־משך, אַרבייטענדיג אינדיווידועל. דערפאַר, ווייל אָט די קאָאָפּעראַציע פעהלט אין דעם מערב־טייל פון די פעראייניגטע שטאַאַטען און אין די געגענדען פון מזרח־אינדיע, וואו די ענגלישע הערשאַפט האָט צערשטערט די אַלטע געמיינשאַפטליכע בעל־הבית'ישקייט, ווערט יעהרליך פערוויסטעט אַזויפיעל תבואה אין דעם ערשטען לאַנד און אַזויפיעל באַוועל אין דעם אַנדערן.[17]

---

[16] „וואס די ארבייט (אין דער אגריקולטור) ווערט אבגעטאן אין דעם ענט־שיידענעם מאמענט, האט אזויפיעל א גרעסערע וויכטיגקייט.“ (An Enquiry etc., p. 9.) „עס איז ניטאָקיין וויכטיגערער פאקטאר אין דער אגריקולטור, ווי דער פאקטאר פון צייט.“ (ליעביג: „איבער טהעאריע אונד פראקסיס אין דער לאנדווירטהשאפט“, 1856, ז. 23.)

[17] „די נעקסטע צרה, וועלכע כמעט קיינער וואלט ניט דערווארט אנצוטרעפען אין א לאנד, וואס עקספּארטירט מעהר ארבייט איידער יעדעס אנדער לאנד אין דער וועלט, מיט דער אויסנאהם אפשר פון כינא און ענגלאנד—איז די אונמעג־ליכקייט צונויפצוקריגען א גענוגענדע צאהל ארבייטער אראבצונעהמען די באוועל פון פעלד. דער רעזולטאט איז, אז גרויסע מאסען פון דעם נעוויקס בלייבען ניט אבגעריסען בעת אנאנדער טייל ווערט ערשט אויפגעקליבען פון דער ערד,

אויב אַרבייטער בכלל קאָנען ניט ווירקען דירעקט צוזאַמען, סיידען זיי זיינען צוזאַמען—זייער צוזאַמענקלייבען זיך אויף אַ בעשטימטען שטח, הייסט עס, איז אַ תנאי פון זייער קאָאָפּעראַציע— קאָנען לוין־אַרבייטער ניט קאָאָפּערירן סיידען דערזעלביגער קאַפּיטאַל, דערזעלביגער קאַפּיטאַליסט, בעשעפטיגט זיי אין דערזעלביגער צייט; סיידען הייסט עס, ער קויפט זייערע אַרבייט־קרעפטען אין דערזעלביגער צייט. דער סך־הכל פון דעם ווערטה פון די דאָזיגע אַרבייט־קרעפטען, אָדער די לוין־סומע פון די אַרבייטער פאַר דעם טאָג, דער וואָך א.אז.וו. מוז דעריבער זיין פעראייניגט ביים קאַפּיטאַליסט אין קעשענע, איידער די אַרבייט־קרעפטען גופא ווערן פעראייניגט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. צאָהלען 300 אַרבייטער אויף איין מאָל, ווען נאָר אפילו פאַר איין טאָג, פאָדערט אַ גרעסערן קאַפּיטאַל־אויסלעג, איידער צאָהלען אַ קליינע צאָהל אַרבייטער וואָך פאַר וואָך אין משך פון אַ גאַנצען יאָהר. די צאָהל פון די קאָאָפּערירענדע אַרבייטער, אָדער די פּראָגרעסיווע פערגרעסערונג פון דער קאָאָפּעראַציע, הענגט, הייסט עס, קודם אָב פון דער גרויס פונ'ם קאַפּיטאַל, וואָס דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט קאָן אויסלעגען ביים איינקויפען די אַרבייט־קראַפט; דאָס הייסט, עס הענגט אָב פון דעם ערך, אויף וויפיעל אַ וועלכער עס איז קאַפּיטאַליסט האָט צו זאָגען איבער די לעבענסמיטלען פון פיעלע אַרבייטער.

און אַזוי ווי מיט דעם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל, אַזוי שטעהט אויך די זאַך מיט דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל. דער אויסלעג אויף רויה־מאַטעריאַל, צום ביישפּיעל, איז 30 מאָל גרעסער פאַר איין קאַפּי־

אריבער די סומע, וועלכע וואלט צוגעקומען דורך א פשוט'ן חבור אויפ'ן גרונד פון דער דאזיגער פערמעהרונג.... אין די מעכאנישע מלאכות, אזוי גוט ווי אין די ארבייטען פון דער וויסענשאפט, קאן איין מענש פאקטיש מעהר לייסטען אין איין טאג, איידער א פעראייניצעלטער אינדיווידום אין זיין גאנצען לעבען. דער זאץ פון די מאטעמאטיקער, אז דאס גאנצע איז גלייך צו דער סומע פון זיינע טיילען, איז ניט מעהר ריכטיג, ווען מען ווענדט איהם אן אויף אונזער נעגענשטאנד. בנוגע צו דער ארבייט, צו אט דעם גרויסען שטיץ־זייל פון דער מענשהייט'ס קיום, קאן מען זאגען, אז דער פראדוקט פון פעראייניגטע אנשטרענגונגען שטייגט בעדייטענד אריבער אלץ וואס די אנשטרענגונג פון פעראיינצעלטע יחידים האט ווען עס איז געקאנט ארויסברענגען." (Ph. Saddler, The Law of Population, London, 1850.)

שטימטען נוץ־עפעקט [ניצליכען פּראָדוקט], סיי ער [דער קאָמבי־
נירטער אַרבייטס־טאָג] בעקומט אין אַ געגעבענעם פאַל די דאָזיגע
פערגרעסערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט, ווייל ער פערשטאַרקט די מע־
כאַנישע קראַפט־פּאָטענץ פון דער אַרבייט, אָדער ווייל ער שפּרייט
אויס זיין ווירקונג־ספּערע אויף אַ גרעסערן שטח, אָדער ווייל ער
פערשמעלערט דאָס פּראָדוקציאָנס־פעלד פערהעלטניסמעסיג צו דעם
פערגרעסערטען ערך פון דער פּראָדוקציאָן, אָדער ווייל ער ברענגט
אין בעוועגונג, אין קריטישע מאָמענטען, פיעל אַרבייט אין װעניג
צייט, אָדער ווייל ער סטימולירט דעם וועט־אייפער פון די איינ־
צעלנע און שפּאַנט זייערע לעבענס־גייסטער, אָדער ווייל ער דריקט
אַרויף דעם שטעמפּעל פון אָנגעהאַלטענקייט און פיעלזייטיגקייט
אויף די גלייכאַרטיגע אַרבייטען פון אַ גרויסער צאָהל אַרבייטער,
אָדער ווייל ער טהוט אָב פערשיידענע אָפּעראַציעס אין דערזעלביגער
צייט, אָדער ווייל ער עקאָנאָמיזירט די פּראָדוקציאָנס־מיטלען
דורך זייער געמיינשאַפטליכען געברויך, אָדער ווייל ער גיט דער
אינדיווידועלער אַרבייט דעם כאַראַקטער פון געזעלשאַפטליכער
דורכשניטס־אַרבייט—אונטער אַלע אומשטענדען איז די ספּעציפישע
פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דעם קאָמבינירטען אַרבייטס־טאָג די געזעל־
שאַפטליכע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, אָדער די פּראָדוק־
טיוו־קראַפט פון געזעלשאַפטליכער אַרבייט. זי נעהמט זיך פון דער
קאָאָפּעראַציע גופא. ווען דער אַרבייטער ווירקט פּלאַנמעסיג צו־
זאַמען מיט אַנדערע, וואַרפט ער אַראָב זיינע אינדיווידועלע שראַנ־
קען און ענטוויקעלט די כחות פון זיין מין.[19]

[19] „די קראַפט פון דעם איינצעלנעם איז זעהר קליין, אַבער די פעראייניגונג
פון אַט די קליינע קרעפטען מאַכט אויס אַ קאָלעקטיוו־קראַפט, וועלכע איז גרעסער
ווי די סומע פון אַלע טייל־קרעפטען. פאָלגליך קאָן בלויז די פעראייניגונג פון די
קרעפטען אַליין פערמינערן די צייט־דויער און פערגרעסערן דעם געביט, אויף
וועלכען איהר אַרבייט ווירקט.“ (ג. ר. קאַרלי, נאָטע צו פּ. ווערי: „מעדיטאַ־
ציאָני סוללא עקאָנאָמיאַ פּאָליטיקאַ“ (צוערשט געדרוקט 1773) אין דער אויסגאַבע
פון די איטאַליענישע עקאָנאָמען פון קוסטאָדי, פּאַרטע מאָדערנאַ, ב. XV ז. 196.)
—הוספה צו דער פראַנצויזישער אויסגאַבע: „די געמיינשאַפטליכע אַרבייט דער־
גרייכט רעזולטאַטען, וועלכע די אַרבייט פון דעם איינצעלנעם וואָלט קיינמאָל
ניט געקאָנט אַרויסברענגען. אין דעם ערך, אין וועלכען די מענשהייט וואַקסט
אין צאָהל, יאָגען די פּראָדוקטען פון דער פעראייניגטער אַרבייט־פלייסיגקייט פיעל

יעדע דירעקט־געזעלשאפטליכע אָדער געמיינשאפטליכע ארבייט אויף א גרעסערן מאַסשטאַב מוז מעהר אָדער וועניגער האָבען א דירעקציע, וואָס ברענגט האַרמאָניע אין די אינדיווידועלע טהעטיג־קייטען און פיהרט דורך די אלגעמיינע פונקציעס, וואָס נעהמען זיך פון דער בעוועגונג פון גאַנצען פּראָדוקטיווען קערפּער, אין אונטער־שייד פון דער בעוועגונג פון זיינע זעלבשטענדיגע אָרגאַנען. אַן איינצעלנער פּיעדעל־שפּיעלער דיריזשירט זיך אליין, אַן אָרקעסטער מוז האָבען א מוזיק־דירעקטאָר. אָט די פונקציע פון אָנפיהרן, אויפפּאַסען און פערמיטלען ווערט די פונקציע פון קאפּיטאל, אזוי באלד ווי די ארבייט, וואָס שטעהט אונטער איהם, ווערט קאָאָפּע־ראטיוו. אלס א ספּעציפישע פונקציע פון קאפּיטאל בעקומט די פונקציע פון אָנפיהרונג ספּעציפישע כאראקטער־צייכענס.

קודם איז דער טרייב־מאָטיוו און דער בעשטימענדער צוועק פון דעם קאפּיטאליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס א וואָס־גרעסערע זעלבסט־פערוועהרונג פון קאפּיטאל,"[20] דאָס הייסט אזא גרויסע פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה ווי מעגליך, פאָלגליך אזא גרויסע ווי מעגליך עקספּלואטאציע פון דער ארבייט־קראַפט דורך דעם קאַ־פּיטאליסט. צוזאַמען מיט דעם וואוקס פון דער מאַסע פון די גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע ארבייטער וואַקסט זייער ווידערשטאַנד [צו דער הערשאַפט פון קאפּיטאל], און דערמיט אויך נויטיגערווייז דער דרוק פון קאפּיטאל גובר צו זיין דעם דאָזיגען ווידערשטאַנד. די אָנפיהרונג פון דעם קאפּיטאליסט איז ניט נאָר א ספּעציעלע פונקציע, וועלכע נעהמט זיך פון דער נאַטור פון דעם געזעלשאַפט־ליכען ארבייט־פּראָצעס און געהערט בעזונדערס צו דעם דאָזיגען פּראָצעס, נאָר זי איז אין דערזעלביגער צייט א פונקציע פון דער עקספּלואטאציע פון א געזעלשאַפטליכען ארבייט־פּראָצעס און איז דעריבער אָבהענגיק (בעדינגט) פון דעם אונפערמיידליכען געגענ־זאַץ צווישען דעם עקספּלואטאַטאָר און דעם רויה־מאַטעריאל פון זיין עקספּלואטאציע. אַזוי אויך וואַקסט מיט דעם אומפאַנג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וועלכע שטעהען קעגענאיבער דעם לוין־

[20] „פּראָפיט מאַכען . . . איז דער איינציגער צוועק פון געשעפט.“ (Vanderlint, "Money answers all things", 1734, p. 11.)

טאליסט, וועלכער בעשעפטיגט 300 ארבייטער, איידער פאר יעדען פון 30 קאפיטאליסטען, וועלכע בעשעפטיגען צו 10 ארבייטער יעדערער. דער ווערטה־אומפאנג און די מאטעריאל־מאסע פון די געמיינשאפטליך־בענוצטע ארבייטס־מיטלען וואקסען טאקע באמת ניט אין דעמזעלביגען גראד, ווי די בעשעפטיגטע צאָהל ארבייטער, אָבער דאָך וואקסען זיי אין א היבשען ערך. די קאָנצענטראציע פון גרעסערע מאסען פראָדוקציאָנס־מיטלען אין די הענד פון איינצעלנע קאפיטאליסטען איז, הייסט עס, א מאטעריעלער תנאי פאר דער קאָאפעראציע פון לוין־ארבייטער; און דער אומפאנג פון דער קאָאפעראציע, אָדער די פראָגרעסיווע פערגרעסערונג פון דער פראָדוקציאָן הענגט אָב פון דעם אומפאנג פון דער דאָזיגער קאָנצענטראציע.

פריהער האָבען מיר געזעהן, אז א געוויסער מינימום אינדיווידועלער קאפיטאל איז נויטיג, כדי די צאָהל גלייכצייטיג־עקספּלואַטירטע ארבייטער, און פאָלגליך די מאסע פון דעם פראָדוצירטען מעהרווערטה, זאָל זיין אימשטאנד צו בעפרייען דעם ארבייטגעבער אליין פון צו טהאָן האנד־ארבייט, צו מאכען א קאפיטאליסט פון א קליינעם באָס, און אויף דעם אופן פאָרמעל איינפיהרן די קאפיטאל־שייכות. איצטער זעהען מיר, אז א געוויסער מינימום איז א מאטעריעלער תנאי פאר דער פערוואנדלונג פון א סך צערשפּליטערטע און איינע פון די אנדערע אונאָבהענגיקע אינדיווידועלע ארבייט־פּראָצעסען אין איין קאָמבינירטען געזעלשאפטליכען ארבייט־פּראָצעס.

אזוי אויך האָט זיך די קאָמאנדע פון קאפיטאל איבער דער ארבייט פריהער ארויסגעוויזען נאָר ווי א פאָרמעלער פועל יוצא דערפון, וואָס דער ארבייטער, אנשטאָט צו ארבייטען פאר זיך, ארבייט פאר דעם קאפיטאליסט און פאָלגליך אונטער איהם. מיט דער קאָאפעראציע פון פיעלע לוין־ארבייטער ענטוויקעלט זיך די קאָמאנדע פון קאפיטאל צו א נויטווענדיגקייט פאר דער אויספיהרונג פון דעם ארבייט־פּראָצעס גופא, צו א ווירקליכען פּראָדוקציאָנס־בעדינג. דער בעפעהל פון דעם קאפיטאליסט אויף'ן פּראָדוקציאָנס־פעלד ווערט איצט אזוי נויטיג (אונענטבעהרליך) ווי דער בעפעהל פונ'ם גענעראל אויפ'ן שלאכטפעלד.

דער האנד־ארבייט אזוי באלד ווי זיין קאפּיטאל דערגרייכט יענעם מינימום, מיט וואָס די אייגענטליכע קאפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן פאנגט זיך אָן, אזוי טרעט ער איצט אָב די פונקציע פון דירעקטער און שטענדיגער אויפפאַסונג אויף די איינצעלנע ארבייטער און אויף ארבייטער־גרופּען צו אַ בעזונדער סאָרט לוין־ארבייטער. אָן ארבייטער־מאַסע, וואָס ארבייט צוזאַמען אונטער דער קאָמאַנדע פון דעמזעלביגען קאַפּיטאַל, מוז האָבען, פּונקט ווי אַ מיליטערישע ארמעע, אינדוסטריעלע אויבער־אָפיציערען (דירי־גענטען, מענעדזשערס) און אונטער־אָפיציערען (ארבייט־אויפזע־הער, פאָרמאַן), וועלכע קאָמאַנדירען בעת דעם ארבייט־פּראָצעס אין נאָמען פון קאַפּיטאַל. די ארבייט פון דער אויבער־אויפזיכט פער־פעסטיגט זיך און ווערט זייער אויסשליסליכע פונקציע. פערגלייכענדיג דעם פּראָדוקציאָנס־אופן פון אונאָבהענגיקע פּויערים אָדער זעלבשטענדיגע בעלי מלאכות מיט דער פּלאַנטאַציע־ווירטשאַפט, וואָס איז געבויט אויף שקלאַווערייי, רעכענט דער פּאָליטישער עקאָנאָם די דאָזיגע ארבייט פון אויבער־אויפזיכט צו די ניט־ווירטשאַפטליכע קאָסטען פון דער פּראָדוקציאָן.[21*] פערקעהרט, בעטראַכטענדיג דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, אידענטיפיצירט ער די פונקציע פון אָנפיהרונג, אויף ווי ווייט זי נעהמט זיך פון דער נאַטור פון דעם געמיינשאַפטליכען ארבייט־פּראָצעס, מיט דער־זעלביגער פונקציע, אויף ווי ווייט זי הענגט אָב פון דעם קאַפּיטאַ־ליסטישען און פאָלגליך פון דעם אנטאַגאָניסטישען כאַראַקטער פון דעם דאָזיגען פּראָצעס.[22] דער קאַפּיטאַליסט איז ניט דערפאַר אַ

[21*] נאכדעם ווי פּראפעסאר קיירנס האט פארגעשטעלט די „סופּעראינטענ־דענטס און לייבאר" אלס א הויפּט־כאראקטער פון דער שקלאווען־פּראדוקציאן אין די דרום־שטאאטען פון נארד־אמעריקא, זאגט ער ווייטער: „דער פויערשער איי־גענטימער פון די צפון־שטאאטען, געניסענדיג דעם גאנצען פּראדוקט פון זיין באדען, בעדארף ניט האבען קיין אנדער סטימול ארויסצורופען זיין אנשטרענגונג. די אויפפאסונג איז דא אינגאנצען איבערפליסיג." (Cairnes, "The Slave Power", London 1862, p. 48, 49.)

[22] סער דזשיימס סטוארט—א מאן, וואס צייכענט זיך בכלל אויס מיט זיין אפענעם אויג פאר די כאראקטעריסטיש־געזעלשאפטליכע חלוקים צווישען די פער־שיידענע פּראדוקציאנס־אופנים—בעמערקט: „גרויסע אונטערנעהמונגען אין דער מאנופאקטור פערניכטען די פּריוואט־מלאכות דעריבער, ווייל זיי דערנעהנטערן

אַרבייטער ווי פרעמדעס אייגענטום, די נויטווענדיגקייט פון האָבען אַ קאָנטראָל איבער זייער געהעריגער פערווענדונג.[21] די קאָאָפּעראַציע פון די לוין־אַרבייטער איז אַ חוץ דעם בלויז אַ רעזולטאַט פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס בעשעפטיגט זיי גלייכצייטיג. דער צוזאַמענהאַנג פון זייערע פונקציעס און זייער איינהייט אַלס פּראָדוקטיווער קאָלעקטיוו־קערפּער ליגען אויסער זיי, נאָר אין דעם קאַפּיטאַל, וואָס ברענגט זיי צוזאַמען און האַלט זיי צוזאַמען. דער צוזאַמענהאַנג פון זייערע אַרבייטען שטעלט זיך פאַר זיי דעריבער אַרויס אידעעל ווי אַ פּלאַן, פּראַקטיש אָבער ווי אַן אויטאָריטעט פון דעם קאַפּיטאַליסט, ווי אַ מאַכט פון אַ פרעמדען ווילען, וועלכער אונטער־וואַרפט זייער טהעטיגקייט צו זיינע צוועקען.

אויב אַלזאָ די קאַפּיטאַליסטישע אָנפיהרונג איז לויט דעם אינהאַלט נאָך צווייפאַכיג, מחמת דער צווייפאַכיגקייט פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, וואָס דאַרף אָנגעפיהרט ווערן גופא—וועלכער איז פון איין זייט אַ געזעלשאַפטליכער אַרבייטס־פּראָצעס צו שאַפען אַ פּראָדוקט, און פון דער אַנדערער זייט אַ פערווערטונגס־פּראָצעס פון קאַפּיטאַל—איז ער אָבער לויט דער פאָרם נאָך דעספּאָטיש. מיט דער ענטוויקלונג פון דער קאָאָפּעראַציע אויף אַ גרעסערן מאַסשטאַב, ענטוויקעלט דער דאָזיגער דעספּאָטיזם זיינע אייגענטימליכע פאָר־מען. אַזוי ווי אין אָנפאַנג ווערט דער קאַפּיטאַליסט בעפרייט פון

---

[21] אַן ענגליש פיליסטער־בלאַט, דער „ספּעקטאַטאָר" פון 3טען יוני 1866, בעריכטעט אַז נאָכדעם ווי עס איז איינגעפיהרט געוואָרן אַ מין שותפות צווישען קאַפּיטאַליסט און אַרבייטער אין דער געזעלשאַפט פאַר דער דראָהט־פאַבריקאַציע אין מאַנטשעסטער, איז „דער ערשטער רעזולטאַט געוועזן אַ שנעלע פערמינדערונג פון דער פערשווענדונג פון מאַטעריאַל; וואָרים די אַרבייטער האָבען ניט גע־קאַנט איינזעהן, פאַר וואָס זיי זאָלען פערשווענדען זייער אייגענטום מעהר איידער וועלכע עס איז אַנדערע אונטערנעהמער; און מאַטעריאַל־פערשווענדונג איז נאָך שלעכטע חובות דער קוואַל פון דעם ערגסטען פערלוסט אין דער פאַבריקאַציע." דאָסזעלבע בלאַט געפינט, אַז דער הויפּט חסרון פון דעם ראָטשדייל גענאָסענ־שאַפטליכען (קאָאָפּעראַטיווען) עקספּערימענט איז, וואָס „זיי האָבען בעוויזען, אַז אַרבייטער־גענאָסענשאַפטען קאָנען פיהרן קראָמען, פאַבריקען און כמעט אַלע פאָרמען פון אינדוסטריע מיט ערפאָלג, און זיי האָבען זעהר פיעל פערבעסערט די לאַגע פון די אַרבייטער, אָבער! אָבער זיי האָבען אויף דעם אופן ניט גע־לאָזט קיין אָפענעם פּלאַץ פאַר קאַפּיטאַליסטען." ווי שרעקליך!

ריבער די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דעם קאַפּיטאַל. די געזעלשאַפט־ליכע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט ענטוויקעלט זיך אומ־ענטגעלטליך, ווײַבאַלד נאָר די אַרבייטער ווערן געשטעלט אונטער בעשטימטע בעדינגונגען, און דער קאַפּיטאַל איז דאָס דער, וועלכער שטעלט זיי אונטער די דאָזיגע בעדינגונגען. אַזוי ווי די געזעל־שאַפטליכע פּראָדוקטיוו־אַרבייט פון דער אַרבייט קאָסט דעם קאַ־פּיטאַל גאָרנישט, און אַזוי ווי, פון דער אַנדער זייט, זי ווערט ניט ענטוויקעלט פון דעם אַרבייטער איידער זי געהערט דעם קאַפּיטאַל, קומט זי פאָר ווי אַ פּראָדוקטיוו־קראַפט, וואָס דער קאַפּיטאַל בע־זיצט פון דער נאַטור אויס, ווי זי וואָלט געווען זיינע אַ אימאַנענטע פּראָדוקטיוו־קראַפט.

די קאָלאָסאַלע ווירקונגען פון דער איינפאַכער קאָאָפּעראַציע ציַיגט זיך אַרויס אין די ריעזען־ווערק פון די אַלטע אַזיאַטען, עגיפּ־טיאַנער, עטרוסקען א.אַז.וו. „עס האָט פּאַסירט אין די פערגאַנ־גענע צייטען, אַז אָט די אַזיאַטישע מלוכות, נאָכדעם ווי זיי האָבן געדעקט זייערע ציוויל־ און מיליטער־אויסגאַבען, האָבן נאָך פער־מאָגט איבעריגע מיטלען, וועלכע זיי האָבן געקאָנט פערווענדען אויף צו בויען פּרעכטיגע און ניצליכע ווערק. זייער געוועלטיגונג איבער די הענד און אָרעמס פון כמעט דער גאַנצער בעפעלקערונג, וואָס איז ניט געווען בעשעפטיגט מיט ערד־אַרבייט, און די אויס־שליסליכע מאַכט פון דעם קעניג און די פּריסטער איבער דעם דאָ־זיגען איבערפלוס, האָט זיי געגעבען די מיטלען צו שאַפען יענע מעכטיגע מאָנומענטען, מיט וועלכע זיי האָבען אָנגעפילט דאָס לאַנד. . . . אויף אַריבערפיהרן די קאָלאָסאַלע סטאַטועז און די אונגעהויערע מאַטעריאַל־מאַסען, וואָס רופט אַרויס פערוואונדערונג, איז פערשווענדעריש געברויכט געוואָרן כמעט ניט מעהר ווי מענש־ליכע אַרבייט אַליין. די צאָהל אַרבייטער און די קאָנצענטראַציע פון זייער אַרבייט איז גענוג געווען דערויף. אַזוי זעהען מיר ווי מעכטיגע קאָראַל־ריפען פון דער טיעפעניש פון׳ם ים שטייגען אַרויף ווי אינזלען און פעסטעס לאַנד, אָבוואויל יעדער אינדיווידועלער אָבלעגער (דעפּאָזיטאָר) איז אַ קליינע, שוואַכע און ניכטסווירדיגע בריאה. די ניט־אַגריקולטורעלע אַרבייטער פון אַן אַזיאַטישער מאָ־נאַרכיע האָבען זעהר ווייניג בייצוטראָגען צו דעם ווערק אַ חוץ

קאַפּיטאַליסט, ווייל ער איז אַן אינדוסטריעלער אָנפיהרער, נאָר ער ווערט אַן אינדוסטריעלער קאָמאַנדיער, ווייל ער איז אַ קאַפּיטאַליסט. דער אויבער־בעפעהל אין דער אינדוסטריע ווערט אַן אַטריבוט [אַן אייגענשאַפט] פון קאַפּיטאַל, פּונקט ווי אין דער פעאָדאַלער צייט איז דער אויבער־בעפעהל אין קריעג און אין געריכט געווען אַן אַטריבוט פון דעם גרונד־אייגענטום.*[22]

דער אַרבייטער איז דער אייגענטימער פון זיין אַרבייט־קראַפט כל זמן ער דינגט זיך אַלס פערקויפער פון דער דאָזיגער אַרבייט־קראַפט מיט דעם קאַפּיטאַליסט; און ער קאָן נאָר פערקויפען וואָס ער בעזיצט—זיין אינדיווידועלע, פעראייגצעלטע אַרבייט־קראַפט. די דאָזיגע שייכות ווערט בשום אופן ניט פערענדערט דורכדעם וואָס דער קאַפּיטאַליסט קויפט 100 אַרבייט־קרעפטען אַנשטאַט איינער, אָדער וואָס ער שליסט קאָנטראַקטען מיט 100 איינע פון די אַנדערע אונאָבהענגיקע אַרבייטער, אַנשטאָט מיט איין איינצעלנעם. ער קאָן די 100 אַרבייטער בעשעפטיגען, ניט לאָזענדיג זיי קאָאָפּערירן [אַרביימען צוזאַמען]. דער קאַפּיטאַליסט צאָהלט דעריבער דעם ווערטה פון 100 זעלבשטענדיגע אַרבייט־קרעפטען, ער צאָהלט אָבער ניט פאַר דער קאָמבינירטער אַרבייט־קראַפט פון די הונדערט. אַלס אונאָבהענגיקע פּערזאָנען זיינען די אַרבייטער פעראייגצעלטע, וועלכע טרעטען אריין אין איין שייכות צו דעם זעלביגען קאַפּיטאַל, אָבער ניט איינע צו די אַנדערע. זייער קאָאָפּעראַציע פאַנגט זיך ערשט אָן אין דעם אַרבייט־פּראָצעס, אָבער אין דעם אַרבייט־פּראָצעס האָבען זיי שוין אויפגעהערט צו געהערן צו זיך אַליין. אַריינ־טרעטענדיג אין איהם, זיינען זיי געוואָרן פערקערפּערט אין דעם קאַפּיטאַל. אַלס קאָאָפּערירענדע, אַלס גליעדער פון אַ ווערק־טהע־טיגען אָרגאַניזם, זיינען זיי אַליין נישט מעהר ווי אַ בעזונדער עקזיסטענץ־אופן פון קאַפּיטאַל. די פּראָדוקטיוו־קראַפט, וואָס דער אַרבייטער ענטוויקעלט אַלס געזעלשאַפטליכער אַרבייטער, איז דע־

זיך צו דער איינפאַכקייט פון דער שקלאַווען־ווירטשאַפט.(Principles of Pol. Economy, London 1767, Vol. I, p. 167, 168.)

*[22] אויגוסט קאָנט און זיין שוהלע וואָלטען דעריבער געקאָנט בעווייזען אויפ'ן זעלביגען אופן די אייביגע נויטווענדיגקייט פון פעאָדאַל־הערען, ווי זיי האָבען עס בעוויזען בנוגע די קאַפּיטאַל־הערען.

ווירקעלט זי זיך אין געגענזאַץ צו דער פויערשער ווירטשאַפט און צו דער אומאָבהענגיקער האַנדווערקעריי, סיי פון דער צעך־פאָרם, סיי ניט.²⁴ לגבי זיי קומט די קאַפּיטאַליסטישע קאָאָפּעראַציע ניט פאָר ווי אַ בעזונדערע היסטאָרישע פאָרם פון קאָאָפּעראַציע, נאָר די קאָאָפּעראַציע גופא קומט פאָר ווי אַ היסטאָרישע פאָרם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און אונטערשיידט איהם ספּעציפיש.

אַזוי ווי די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, וואָס האָט זיך ענטוויקעלט דורך דער קאָאָפּעראַציע, ערשיינט אַלס פּראָדוקטיוו־קראַפט פון קאַפּיטאַל, אַזוי ערשיינט אויך די קאָאָפּעראַציע גופא ווי אַ ספּעציפישע פאָרם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, אין געגענזאַץ צו דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פון פעראיינצעלטע, אומאָבהענגיקע אַרבייטער אָדער אפילו פון קליינע באַסעס. דאָס איז די ערשטע ענדערונג, וועלכע דער ווירקליכער אַרבייט־פּראָצעס מאַכט דורך, מחמת זיין אונטערוואַרפענקייט צום קאַפּיטאַל. אָט די ענדערונג קומט פאָר סטיכיש. איהר פאָראויסזעצונג—די גלייכצייטיגע בעשעפטיגונג פון אַ גרעסערער צאָהל לוין־אַרבייטער אין דעמזעלבען אַרבייט־פּראָצעס—מאַכט אויס דעם אָנפאַנג־פּונקט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. דער דאָזיגער פּונקט קומט צוזאַמען מיט דער עקזיסטענץ פון קאַפּיטאַל גופא. אויב אַלזאָ דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן שטעלט זיך פאָר פון איין זייט אַלס אַ היסטאָרישע נויטווענדיגקייט פאַר דער פערוואַנדלונג פון דעם אַרבייט־פּראָצעס אין אַ געזעלשאַפטליכען פּראָצעס, אַזוי שטעלט זיך פאָר אָט די געזעלשאַפטליכע פאָרם פון דעם אַרבייט־פּראָצעס פון דער

---

[24] די קליינע פויערים־ווירטשאַפט און די אומאָבהענגיקע האַנד־ווערקעריי, וועלכע האָבען טיילוויז אויסגעמאַכט דעם באַזיס פון דעם פעאָדאַלען פּראָדוקציאָנס־אופן, און זיינען טיילוויז ערשיענען נעבען דעם קאַפּיטאַליסטישען בעטריעב, נאָכדעם ווי דער פעאָדאַליזם האָט זיך אויפגעלייזט, בילדען צוגלייך די עקאָנאָמישע גרונדלאַגע פון דער קלאַסישער געזעלשאַפט אין איהר בעסטער צייט—נאָכדעם ווי דאָס אורשפּרינגליך־אָריענטאַלישע געמיינשאַפטליך־אייגענטום האָט זיך אויפגעלייזט און איידער די שקלאַווערייי האָט זיך אויף אַ ערנסטען אופן בעמעכטיגט איבער דער פּראָדוקציאָן.

זייערע אינדיווידועלע קערפּערליכע בעמיהונגען; אָבער זייער צאָהל איז זייער קראַפט, און די מאַכט פון דירעקטירן די דאָזיגע מאַסען האָט געגעבען דעם אורשפּרונג פון יענע ריעזען־ווערק. די קאָנצענטראַציע פון די מלוכה־הכנסות אין איין האַנד אָדער אין עטליכע הענד, פון וועלכע די אַרבייטער האָבען געלעבט, האָט אַזוינע אונטערנעהמונגען געמאַכט מעגליך." [23] די דאָזיגע מאַכט פון די אַזיאַטישע און עגיפּטישע קעניגע אָדער עטרוסקישע טעאָקראַטען א.אז.וו. איז אין דער מאָדערנער געזעלשאַפט אַריבערגעגאַנגען צו דעם קאַפּיטאַליסט, סיי ער טרעט אַרויס אַלס פּעראַיינצעלטער קאַפּיטאַליסט, אָדער ווי אין די אַקציען־געזעלשאַפטען—אַלס קאָמבינירטער קאַפּיטאַליסט.

די קאָאָפּעראַציע אין דעם אַרבייט־פּראָצעס, ווי מיר געפינען זי אַלס פאָרהערשענדע אויף די ערשטע שטופען פון דער מענשליכער קולטור—ביי די יעגער־פעלקער, אָדער אַ שטייגער אין דער אַגריקולטור פון די אינדישע געמיינדען—איז געבויט פון איין זייט אויף דעם געמיינשאַפטליכען אייגענטום פון די פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, און פון דער אַנדער זייט אויף דעם, וואָס דער בעזונדערער אינדיווידום האָט זיך נאָך ניט לויז־געריסען פון דעם נאָפּעלשנור פון שטאַם אָדער פון דער קהלה, פּונקט ווי דער ביען־אינדיווידום איז ניט אָבגעריסען פון ביענשטאָק. די ביידע אומשטענדען אונטערשיידען די דאָזיגע קאָאָפּעראַציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער קאָאָפּעראַציע. די ספּאָראַדישע [פּעראַיינצעלטע] אָנווענדונג פון דער קאָאָפּעראַציע אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב אין דער אַלטער וועלט, אין מיטעלאַלטער און אין די מאָדערנע קאָלאָניעס, רוהט אויף אַ דירעקטער שייכות פון הערשאַפט און קנעכטשאַפט, דאָס רוב אויף שקלאַווערײַ. די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם, פערקעהרט, זעצט לכתחילה פאָראויס אַ פרייען לוין־אַרבייטער, וועלכער פערקויפט זיין אַרבייט־קראַפט דעם קאַפּיטאַל. היסטאָריש אָבער ענט־

[23] ר. דזשאָנס, „טעקסטבוך און לעקטשורס", 1852, ז. 77 און 78. די אַלט־אַסירישע, עגיפּטישע און אַנדערע זאַמלונגען אין לאָנדאָן און אַנדערע אייראָפּעאישע הויפּט־שטעדט מאַכען אונז פאַר אויגען־עדות פון יענע קאָאָפּעראַטיווע אַרבייט־פּראָצעסען.

צוועלפטער קאַפּיטעל.

די טיילונג פון דער אַרבייט און די מאַנופאַקטור.

1. טאָפּעלטער אורשפּרונג פון דער מאַנופאַקטור.

די קאָאָפּעראַציע, וואָס איז געבויט אויף דער טיילונג פון דער אַרבייט, בעקומט איהר קלאַסישע געשטאַלט אין דער מאַנופאַקטור. אַלס כאַראַקטעריסטישע פאָרם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס הערשט זי אין פערלויף פון דער אייגענטליכער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, וועלכע געוועהרט פון מיטען פון 16טען י.ה. ביז צום לעצטען דריטעל פון 18טען יאָהרהונדערט.

די מאַנופאַקטור וואַקסט אַרויס אויף אַ טאָפּעלטען אופן:

אין איין פאַל פעראייניגען זיך אין איין ווערקשטאַט, אונטער דער קאָמאַנדע פון דעמזעלביגען קאַפּיטאַליסט, אַרבייטער פון פערשיידענאַרטיגע, זעלבשטענדיגע מלאכות, וואָס דורך זייערע הענד מוז אַ פּראָדוקט דורכגעהן ביז ער ווערט אינגאַנצען פאַרטיג. צום ביישפּיעל אַ קאַרעטע איז געווען דער פּראָדוקט פון די אַרבייטען פון אַ גרויסער צאָהל אונאָבהענגיקע האַנדווערקער, ווי שטעל־מאַכער, זאָטלער, שניידער, שלאָסער, גאַרטעל־מאַכער, דרעקסלער, פּאָזאַמענטירער, גלעזער, מאַלער, לאַקירער, בעגולדער א.אז.וו. די קאַרעטען־מאַנופאַקטור פעראייניגט אָט די אַלע פערשיידענע האַנדווערקער אין איין אַרבייט־הויז, וואו זיי אַרבייטען גלייכצייטיג איינע די אַנדערע צום האַנד. געווים קאָן מען אַ קאַרעטע ניט בעגולדען איידער זי איז געמאַכט. ווען אָבער אַ סך קאַרעטען ווערן געמאַכט אין איין צייט, קאָן איין טייל שטענדיג ווערן פערגולט, בעת אַנאַנדער טייל מאַכט דורך אַ פריהערדיגע שטופּע פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. דערווייל שטעהען מיר נאָך אויפ׳ן באָדען פון דער איינפאַכער קאָאָפּעראַציע, וועלכע געפינט גרייט איהר מאַטעריאַל אין מענשען און זאַכען. אָבער באַלד טרעט אַריין אַ גרינדליכע ענדערונג. דער שניידער, שלאָסער, גאַרטעל־מאַכער א.אז.וו., וועלכער איז בעשעפטיגט נאָר ביים מאַכען קאַרעטען, פערלירט ביסלעכווייז די געוועהנהייט און דערמיט אויך די פעהיגקייט צו

אַנדער זייט, ווי אַ מעטאָדע, וואָס קאַפּיטאַל ווענדט אָן, כּדי, פאַרגרעסערענדיג זיין פּראָדוקטיוו־קראַפט, צו עקספּלואַטירן איהם מיט מעהר פּראָפיט.

אין איהר איינפאַכער געשטאַלט, וואָס מיר האָבען בעטראַכט ביז אהער, קומט די קאָאָפּעראַציע פאָר צוזאַמען מיט דער פּראָדוקציאָן אויף אַ גרעסערן מאָסשטאַב, זי מאַכט אָבער ניט אויס קיין פעסטע, כאַראַקטעריסטישע פאָרם פון אַ בעזונדערער ענטוויקלונגס־עפּאָכע פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. העכסטענס ווייזט זי זיך אויס, אַזוי ווי זי וואָלט זיך דערנעהענטערט צו אַזאַ פאָרם אין די האַנדווערק־מעסיגע אָנפאַנגען פון דער מאַנופאַקטור [25] און אין יענעם סאָרט פון גרויסער אַגריקולטור, וועלכע פּאַסט זיך צו דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, און אונטערשיידט זיך פון דער פויערשער ווירטשאַפט נאָר דורך דער צאָהל פון די גלייכצייטיג בעשעפטיגטע אַרבייטער און דורך דעם אומפאַנג פון די קאָנצענטרירטע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. די איינפאַכע קאָאָפּעראַציע איז שטענדיג נאָך אַלץ די פאָרהערשענדע פאָרם פון אַזעלכע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, אין וועלכע קאַפּיטאַל אָפּערירט אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב, און די טיילונג פון דער אַרבייט אָדער מאַשינעריע שפּיעלט נאָך ניט קיין בעדייטענדע ראָליע.

די קאָאָפּעראַציע פערבלייבט די גרונד־פאָרם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, אָבוואויל אין איהר איינפאַכער געשטאַלט ערשיינט זי אַליין נאָר ווי אַ בעזונדער פאָרם נעבען איהרע ווייטער־ענטוויקעלטע פאָרמען.

---

[25] „איז ניט די פעראיינינונג פון געשיקליכקייט, פלייסיגקייט און וועטאייפער פון פיעלע ביי דערזעלביגער אַרבייט די מעטאָדע ווי צו טרייבען פאָרווערטס די אַרבייט? און איז דען געוועזן מעגליך פאַר ענגלאַנד צו ברענגען אויף אַנאַנדער אופן איהר וואָל־מאַנופאַקטור ביז צו אַזאַ פאָלקאָמענהייט?“ (בערקלי, „דהי קוועריסט“, לאָנדאָן 1750, ז. 56, § 521.)

בוכשטאבען, אָדער נאָדלען, ווערן בעשעפטיגט פון דעמזעלביגען קאפיטאל גלייכצייטיג אין דעמעזלביגען ווערקשטאט. דאָס איז קאָאָפעראציע אין דער איינפאכסטער פאָרם. יעדערער פון אָט די בעלי מלאכות (אפשר מיט איינעם אָדער צוויי געזעלען) מאכט די גאַנצע סחורה און פיהרט אויף דעם אופן כסדר דורך די פער־שיידענע אָפעראציעס, וואָס פאָדערן זיך פאר איהר פראָדוקציאָן. ער ארבייט זיך ווייטער אויף זיין אַלטען האנדווערק־מעסיגען אופן. אויסערליכע אומשטענדען אָבער ברענגען באַלד מיט אויסצונוצען די קאָנצענטראציע פון די ארבייטער אין דעמזעלביגען פלאַץ און די גלייכצייטיגקייט פון זייער ארבייט אויף אַן אנדער אופן. עס קומט צום ביישפיעל פאָר, אַז מען דאַרף ליפערן אַ גרעסערע סומע פאר־טיגער סחורה צו אַ בעשטימטען דאַטום. די ארבייט ווערט דעריי־בער פאנאַנדערגעטיילט. אנשטאָט צו לאָזען דעמזעלביגען בעל־מלאכה אָבטאָן די פערשיידענע אָפעראציעס כסדר איינע נאָך די אנדערע, ווערן זיי אָבגעטיילט איינע פון די אַנדערע, איזאָלירט, און אַוועקגעשטעלט רוימליך איינע נעבען די אַנדערע; יעדע פון די דאָזיגע אָפעראציעס ווערט איבערגעגעבען צו אַנאַנדער בעל־מלאכה און אַלע צוזאמען ווערן אויסגעפיהרט גלייכצייטיג פון די קאָאָפערירענדע ארבייטער. אָט די צופעליגע פערטיילונג ווידער־האָלט זיך, צייגט אַרויס איהרע ספעציעלע מעלות און ווערט ביס־לעכווייז פערהארטעוועט אין אַ סיסטעמאַטישער טיילונג פון דער ארבייט. פון אַ אינדיווידועלען פראָדוקט פון איין זעלבשטענדיגען בעל מלאכה, וועלכער טהוט פיעלערליי זאכען, פערוואַנדעלט זיך די סחורה אין אַ געזעלשאפטליכען פראָדוקט פון אַ חברותא פון בעלי מלאכות, וואָס יעדער איינער פון זיי טהוט נאָכאַנאַנד איינע און דיזעלביגע טייל־מלאכה. דיזעלביגע אָפעראציעס, וועלכע ביי דעם דייטשען פאפיער־מאכער, וואָס האָט געהערט צו אַ צעך, זיינען געפלאָסען איינע אין די אַנדערע ווי כסדר׳דיגע ארבייטען פון איין בעל מלאכה, ווערן פערזעלבשטענדיגט אין דער האָלענדער פאפיער־מאַנופאַקטור אלס טייל־אָפעראציעס, וואָס קומען פאָר איינע נעבען די אַנדערע פון אַ סך קאָאָפערירענדע ארבייטער. דער צעכאָווער נאָדעל־מאכער פון נירענבערג איז געוועזען דער גרונד־עלעמענט פון דער ענגלישער נאָדעל־מאַנופאַקטור. בעת אָבער יענער איין נאָ־

בעטרייבען זיין אַלטע מלאכה אין איהר גאַנצען פערנעהם. פון דער אַנדער זייט ווערער בעקומט איצט זיין פעראייניזייטיגטע אַרבייט די צוועקמעסיגע פאָרם פאַר אַט דעם ענגערן ווירקונגס־קרייז. אין אָנפאַנג האָט זיך די קאַרעטען־מאַנופאַקטור אַרויסגע־וויזען ווי אַ קאָמבינאַציע פון זעלבשטענדיגע מלאכות. ביסלעכ־ווייז ווערט זי אַ פאַנאַנדערטיילונג פון דער קאַרעטען־פּראָדוקציאָן אויף איהרע פערשיידענע אָבגעטיילטע אָפּעראַציעס, וואָס יעדע איין אָפּעראַציע קריסטאַליזירט זיך אויס אַלס אַן אויסשליסליכע פונקציע פון איין אַרבייטער, און אַלע צוזאַמען ווערן אויפגעטאָן פון אַ פעראיין פון די דאָזיגע טייל־אַרבייטער. אַזוי איז אויך ענט־שטאַנען די טוך־מאַנופאַקטור און אַ גאַנצע רייה אַנדערע מאַנו־פאַקטורען דורך דער קאָמבינאַציע פון פערשיידענע מלאכות, אונ־טער דער קאָמאַנדע פון דעמזעלביגען קאַפּיטאַל.[26]

די מאַנופאַקטור ענטשטעהט אָבער אויך אויף דעם אַנטקעגען־געזעצטען וועג. אַ סך האַנדווערקער, וועלכע טהוען דיזעלביגע אָדער גלייכאַרטיגע אַרבייט, צום ביישפּיעל מאַכען פּאַפּיער, אָדער

[26] כדי צו געבען אַ מעהר מאָדערנעם ביישפּיעל פון אַט דעם בילדונגס־אופן פון די מאַנופאַקטור, וועלען מיר ברענגען די פאָלגענדע ציטאַטע: די זיידענ־שפּינערייען און וועבערייען פון ליאָן און נים „איז גאַנץ פּאַטריאַרכאַליש. זי בע־שעפטיגט אַ סך פרויען און קינדער, זי מאַטערט זיי אָבער ניט אויס און שעדיגט ניט זייער געזונד. זי לאָזט זיי בלייבען אין זייערע שעהנע טהאַלען פון דראָם, וואַר, איזער, וואָקליוז, צו האָדעווען די זייד־ווערים און אָבוויקלען די קאָקאָנס; זי נעהמט קיינמאָל ניט אָן דעם כאַראַקטער פון אַן אייגענטליכער פאַבריק. בע־טראַכט מען זי גענויער... ציינט דאָ דער פּרינציפּ פון צוטיילונג פון דער אַרבייט אַ בעזונדערע אייגענאַרטינקייט. עס זיינען פאַראַן אַ סך וויקלער, זייד־ענפעדים־מאַכער, פאַרבער, אויפציהער פון די לענג־פעדים און אויך וועבער; זיי זיינען אָבער ניט פעראייניגט אין דעמזעלבינען ווערקשטאַט און זיינען ניט אָבהענגיק פון דעמזעלבינען מייסטער. זיי זיינען אַלע זעלבשטענדיג.“ (אַ. בלאַנקי, „קור ד'עקאָנאָמיע אינדוסטריעל“, פאַריז 1838, ז. 79.) זינט בלאַנקי האָט דאָס געשריבען זיינען די פערשיידענע אונאָבהענגיקע אַרבייטער טיילווייז פעראייניגט געוואָרן אין פאַבריקען. [„און זינט מאַרקס האָט דאָס געשריבען — בעמערקט דערצו ענגעלס, איז דער פערטער אויפלאַגע — האָט דער קראַפט־וועב־שטוהל זיך אַריינגעקליבען אין די דאָזיגע פאַבריקען און האָט שנעל אַרויסגע־שטופּט דעם האַנד־וועבשטוהל. דער קרעפעלדער זייד־אינדוסטריע דערוואַרט אויך דערזעלבינער שיקזאַל.“]

קייט, שנעלקייט און זיכערקייט, מיט וועלכע דער איינצעל־ארביי־טער געברויכט זיינע געצייג. דער באזיס בלייבט אלץ די האנד־ווערקעריי. אט דער ענגער טעכנישער באזיס שליסט ווירקליך אויס א וויסענשאפטליכען אנאליז פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס, היות ווי יעדער טייל־פראצעס, וואס דער פראדוקט מאכט דורך, מוז קאנען דורכגעפיהרט ווערן ווי א האנדווערק־מעסיגע טייל־ארבייט. פונקט דערפאר, ווייל די האנדווערק־מעסיגע געשיקטקייט בלייבט אויף דעם אופן די גרונדלאגע פון דעם פראדוקציאנס־פראצעס, ווערט יעדער ארבייטער צוגעפאסט אויסשליסליך צו איין טייל־פונקציע, און זיין ארבייט־קראפט ווערט פערוואנדעלט אויף זיין גאנצען לעבען אין אן ארגאן פון דער דאזיגער טייל־פונקציע. ענד־ליך איז די צוטיילונג פון דער ארבייט נאך א בעזונדער סארט קאאפעראציע, און אייניגע פון זיינע מעלות נעהמען זיך פון דעם אלגעמיינעם עצם פון דער קאאפעראציע, ניט פון אט דער בעזונדער פארם איהרער.

2. דער טייל־ארבייטער און זיין ווערקצייג.

בעטראכטען מיר נעהענטער די פרטים, זעהען מיר קודם כל קלאר, אז ווען אן ארבייטער פיהרט דורך, זיין גאנצען לעבען לאנג, איין און דיזעלביגע איינפאכע אפעראציע, ווערט זיין גאנצער קערפער פערוואנדעלט אין אן אויטאמאטישען, איינזייטיגען ארגאן פון דער דאזיגער אפעראציע, און פאלגליך פערברויכט ער אויף איהר ווייניגער צייט איידער דער האנדווערקער, וועלכער פיהרט דורך א גאנצע רייהע אפעראציעס כסדר. דער קאמבינירטער קאלעקטיוו־ארבייטער, וועלכער שטעלט צוזאמען דעם לעבעדיגען מעכאניזם פון דער מאנופאקטור, בעשטעהט אבער פון לויטער אזעלכע איינ־זייטיגע טייל־ארבייטער. דעריבער ווערט דא, אין פערגלייך מיט דער זעלבשטענדיגער האנדווערקעריי, מעהר פראדוצירט אין ווייני־גער צייט, אדער די פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט ווערט פער־גרעסערט.[27] עס פערפאלקאמט זיך אויך די מעטאדע פון דער טייל־

---

[27] „וואס מעהר די ארבייט איז א פיעל־פאכינע מאנופאקטור־צווייג ווערט צוטיילט און איבערגעגעבען צו פערשיידענע טייל־ארבייטער, אלץ מעהר ווערט

דעל־מאַכער האָט אָבגעטאָן אַ רייה פון אפשר 20 אָפּעראַציעס איינע נאָך די אַנדערע, טהוען דאָ אָב באַלד 20 נאָדעל־מאַכער איינע נעבען די אַנדערע, אַ יעדער נאָר איינע פון די 20 אָפּעראַציעס, וועלכע ווערן דורך לענגערע ערפאַהרונגען נאָך פיעל ווייטער צושפּאָלטען, אָבגעזונדערט און פערזעלבשטענדיגט אַלס אויסשליסליכע פונקציעס פון איינצעלנע אַרבייטער.

דער אופן ווי אַזוי די מאַנופאַקטור ענטשטעהט, ווי אַזוי זי וואַקסט אַרויס פון דעם האַנדווערק, איז אַלזאָ צווייפאַכיג. פון איין זייט וואַקסט זי אַרויס פון דער פעראייניגונג פון פערשיידענאַרטיגע זעלבשטענדיגע מלאכות, וועלכע ווערן בערויבט פון זייער זעלבשטענדיגקייט און אַזויפיעל פעראיינזייטיגט, ביז זיי זיינען ניט מעהר ווי טייל־אָפּעראַציעס, וואָס ערגענצען איינע די אַנדערע אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פון איין און דערזעלביגער סחורה. פון דער אַנדערער זייט ענטשטעהט זי פון דער קאָאָפּעראַציע פון גלייכאַרטיגע בעלי מלאכות; זי צעברעקעלט דיזעלביגע אינדיווידועלע מלאכה אויף איהרע פערשיידענע בעזונדערע אָפּעראַציעס, און זונדערט זיי אָב און פערזעלבשטענדיגט זיי ביז צו דעם פונקט, וואו יעדע פון די דאָזיגע אָפּעראַציעס ווערט די אויסשליסליכע פונקציע פון אַ בעזונדער אַרבייטער. פון איין זייט, הייסט עס, פיהרט די מאַנופאַקטור איין אָדער ענטוויקעלט ווייטער די צוטיילונג פון דער אַרבייט אין אַ פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס; פון דער אַנדער זייט קאָמבינירט זי מלאכות, וועלכע זיינען פריהער געוועזן אָבגעזונדערט. וואָס אָבער איהר ספּעציעלער אָנפאַנג־פּונקט זאָל ניט זיין, איהר ענדליכע געשטאַלט איז אַלעמאָל דיזעלביגע—אַ פּראָדוקציאָנס־מעכאַניזם, וואָס זיינע אָרגאַנען זיינען מענשען.

כדי ריכטיג צו פערשטעהן די צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופאַקטור, מוז מען דער עיקר בעגרייפען די פאָלגענדע פונקטען. קודם כל פאַלט דאָ לגמרי צוזאַמען די צוגליעדערונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אויף זיינע בעזונדערע פאַזען מיט דער פאַנאַנדערטיילונג פון איין בעל־מלאכה'שער טהעטיגקייט אויף איהרע פערשיידענע טייל־אָפּעראַציעס. סיי די אָפּעראַציע איז אַ צונויפגעזעצטע אָדער אַן איינפאַכע, האָט זי דעם כאַראַקטער פון אַ האַנדווערק און איז דעריבער אָבהענגיק פון דער קראַפט, געשיקט־

אנדערע צווייג פון קאָראָמאַנדעל אין פּרט פון זייערע גלענצענדע און דויערהאַפטיגע פאַרבען זיינען קיינמאָל ניט איבערטראָפען געוואָרען. און פונדעסטוועגען ווערען זיי פּראָדוצירט אָהן קאַפּיטאַל, מאַשינעריע, צוטיילונג דער ארבייט אָדער וועלכען עס איז פון די אַנדערע מיטלען, וואָס גיבען אַזויפיעל פּאָרטיילען צו דער פאַבריקאַציע אין אייראָפּא. דער וועבער איז אַ פעראיינצעלטער אינדיווידום, וועלכער פערפערטיגט דאָס געוועב ווען ער קריגט אַ בעשטעלונג פון אַ קונד, און ארבייט אויף אַ וועבשטוהל פון דער איינפאַכסטער קאָנסטרוקציע, וועלכער בעשטעהט אָפטמאָל פון עטליכע פּראָסט־צונויפגעשטעלטע הילצערנע שטאַנגען. ער האָט אפילו ניט קיין אַפּאַראַט ארויפצוציהען די גרונד־פעדים, דער וועבשטוהל מוז דעריבער בלייבען אויסגעשטרעקט אין זיין גאַנצער לענג, און ער ווערט אַזוי אומגעלומפּערט גרויס, אַז עס איז ניטאָ פאַר איהם גענוג פּלאַץ אין דעם פאַבריקאַנט'ס שטיבעל, און ער מוז דעריבער טהאָן זיין אַרבייט אויף דער פרייער לופט, און די אַרבייט ווערט אונטערבראָכען פון יעדער פערענדערונג אין וועטער." [30]

ד.ה. אַ דירעקטע קאָאָפּעראַציע פון טייל־אַרבייטער אונטער דער

נראַד פון פאַלקאָמענהייט, וואָרים עס איז דאָס איינציגע לאַנד, וואו די בעלי מלאכות טאָרען זיך ניט מישען אין די געשעפטען פון די אַנדערע בירגער־קלאַסען, נאָר מוזען זיך אָבגעבען בלויז מיט דעם בערוף, וועלכער געהערט צו זיי בירושה לויט'ן געזעץ . . . ביי אַנדערע פעלקער געפינט מען, אַז די בעלי מלאכות פּערטיילען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף צופיעל פערשיידענע זאַכען. . . , אַט נעהמען זיי זיך צו אַגריקולטור און אַט לאָזען זיי זיך אריין אין האַנדעל־געשעפטען, אָדער זיי בעשעפטיגען זיך מיט צוויי אָדער דריי מלאכות אויף אַמאָל. אין די פרייע לענדער לויפען זיי דאָס רוב אין די פאָלקס־פערזאַמלונגען. . . . אין עגיפּטען, פערקעהרט, ווערט יעדער בעל מלאכה שטרענג בעשטראָפט, אויב ער מישט זיך אין רעגירונגס־געשעפטען אָדער פערנעהמט זיך מיט עטליכע מלאכות אין איין צייט. אויף דעם אופן קאָן קיין זאַך ניט שטערען זייער פלייסיגקייט אין דער ארבייט. . . . אויסערדעם, אַזוי ווי זיי האָבען בירושה פון זייערע עלטער־זיידעס פיעלע רעגעלען, זוכען זיי מיט גרויס חשק אויסצוגעפינען נאָך נייע, וועלכע קאָנען זיי ברענגען נוצען." (דיאָדאָרוס סיקולוס: „היסטאָרישע ביבליאָטהעק", ב. I, קאַפּיטעל 74.)

[30] "Historical and Descriptive Account of British India etc.", by Murray etc., Vol. II, p. 449. דער אינדישער וועבשטוהל איז געבויט אין דער הויך, אַזוי אַז די גרונד־פעדים ווערען אָנגעצויגען ווערטיקאַל.

שליסליכע פונקציע פון איין פערזאָן. שטענדיג וויעדערהאָלען דאָס־זעלביגע בעשרענקטע טהועכץ און קאָנצענטרירן אויף דעם די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט—לערנט על פי ערפאַהרונג צו גרייכען די גע־ווינשטע ווירקונג מיט דער קלענסטער פערשווענדונג פון קראַפט. און אזוי ווי פערשיידענע דורות־אַרבייטער לעבען אַלעמאָל גלייכ־צייטיג צוזאַמען און ווירקען צוזאַמען אין דיזעלביגע מאַנופאַקטורען, ווערן באַלד די אָט אזוי געוואונענע טעכנישע פעהיגקייטען פער־פעסטיגט, אָנגעקליבען און איבערגעגעבען פון איינע צו די אַנדערע.[28]

די מאַנופאַקטור פראָדוצירט אין פאַקט די ווירטואָזיטעט [די מייסטערשאַפט] פון דעם טייל־אַרבייטער, דורכדעם וואָס זי רעפּראָ־דוצירט אינעווייניג אין ווערקשטאַט, און טרייבט סיסטעמאַטיש ביז צו אַן עקסטרעם, די נאַטירליכע אָבזונדערונג פון מלאכות, וועלכע זי געפינט שוין פון פריהער אין דער געזעלשאַפט. פון דער אַנדער זייט וויעדער, דאָס וואָס זי פערוואַנדעלט די טייל־אַרבייט אין אַ מענשען׳ס לעבענס־בערוף, פּאַסט זיך צו דער טענדענץ (טריעב) פון די פריהערדיגע געזעלשאַפטען אריבערצוטראָגען די מלאכות בירושה, צו פערשטיינערן זיי אין אָבגעזונדערטע שטאַנדען (קאַסטע) אָדער פערהאַרטעווען זיי אין צעכען, אין פאַל ווען בעשטימטע היס־טאָרישע בעדינגונגען רופען ארויס אַ פערענדערליכקייט פון די אינ־דיווידומען, וועלכע געהט להיפך צו דער טבע פון אָבגעזונדערטע שטאַנדען. שטאַנדען (קאַסטען) און צעכען ענטשטעהען פון דעמ־זעלביגען נאַטור־געזעץ, וואָס רעגולירט די דיפערענצירונג פון פלאַנ־צען און טיערען אין מינים און אונטער־מינים—מיט דעם אונטער־שייד נאָר, וואָס די ערבליכקייט פון די שטאַנדען אָדער די אויס־שליסליכקייט פון די צעכען ווערט אויף אַ געוויסער ענטוויקלונג־שטופע דעקרעטירט אַלס אַ געזעלשאַפטליכעס געזעץ.[29] פערגולדער, און נאָך פיעלע אונטער־אָבטיילונגען, ווי צ.ב.ש. די

זי דורכדעם גויטינערווייז פערבעסערט און פערשנעלערט, און פערבונדען מיט ווייניגער פערלוסט פון צייט און ארבייט.״ ("The Advantages of the East India Trade", London 1720, p. 71.)

[28] „לייכטע ארבייט איז געערבטע פעהיגקייט״, (Ph. Hodgskin, "Popular Political Economy", London 1827, p. 48.)

[29] „אויף די מלאכות האבען... אין עגיפּטען געגרייכט דעם געהערינען

אפעראציעס פון איין ארבייט־פראצעס ווערן אבגעריסען איינע פון די אנדערע, און יעדע טייל־אפעראציע בעקומט אין די הענד פון דעם טייל־ארבייטער די מעגליכסט־פאסענדסטע און פאלגליך איי־גענארטיגע פארם, ווערן נויטווענדיג געוויסע פערענדערונגען אין די ווערקצייג, וועלכע האבען פריהער געדיענט פאר פערשיידענע צוועק־קען. די ריכטונג, אין וועלכער זיי ענדערן זייער פארם, ווייזט זיך ארויס דורך דער ערפאהרונג פון די בעזונדערע שוועריגקייטען, וואס די ניט־פערענדערטע פארם פערשאפט. די דיפערענצירונג פון די ארבייט־אינסטרומענטען, דורך וועלכער אינסטרומענטען פון דעמ־זעלבען סארט בעקומען בעזונדערע פעסטע פארמען פאר יעדער בע־זונדערער אנווענדונג; און די ספעציאליזירונג פון די אינסטרו־מענטען, דורך וועלכער יעדער ספעציעלער אינסטרומענט קאן וויר־קען אין זיין גאנצען אומפאנג נאר אין די הענד פון א ספעציפישען טייל־ארבייטער—כאראקטעריזירן די מאנופאקטור. אין בירמינג־האם אליין פראדוצירט מען אן ערך 500 פערשיידענע סארטען האמערן, פון וועלכע יעדערער דיענט ניט נאר פאר א בעזונדערן פראדוקציאנס־פראצעס, נאר עטליכע סארטען דיענען אפט נאר פאר פערשיידענע אפעראציעס פון דעמזעלביגען פראצעס. די מא־נופאקטור־פעריאדע פעראיינפאכט, פערבעסערט און פערמעהרט די ארבייט־געצייג, צופאסענדיג זיי צו די אויסשליסליכע ספעציעלע פונקציעס פון דעם טייל־ארבייטער.[31] זי שאפט דערמיט אין דער־זעלביגער צייט איינע פון די מאטעריעלע תנאים פון דער מאשי־נעריע, וועלכע בעשטעהט פון א קאמבינאציע פון איינפאכע אינ־סטרומענטען.

דער טייל־ארבייטער און זיין אינסטרומענט מאכען אויס די איינפאכע עלעמענטען פון דער מאנופאקטור. מיר וועלען איצט בעטראכטען איהר געשטאלט אינגאנצען גענומען.

---

[31] דארוויז, אין זיין עפאכע־מאכענדען ווערק וועגען „די ענטשטעהונג פון די מינים", בעמערקט בנוגע די נאטירליכע ארגאנען פון פלאנצען און חיות: „כל זמן איין און דערזעלביגער ארגאן מוז אבטאן פערשיידענע ארבייטען, קאן מען אפשר געפינען א גרונד פאר זיין פערענדערליכקייט דעריין, וואס די נאטירליכע אויסוועהלונג האלט אויף אדער אונטערדריקט יעדע קליינע פארם־ענדערונג פון

עס איז נאָר די בעזונדערע פעהיגקייט, וואָס האָט זיך אָנגע־קליבען פון דור צו דור און וואָס איז איבערגעגאַנגען בירושה פון פאָטער צום זוהן, וואָס גיט דעם הינדוס, אזוי ווי עס גיט דער שפּין, זיין מייסטערשאַפט אין דער ארבייט. פונדעסטוועגען אָבער איז דעם הינדו־וועבער׳ס ארבייט זעהר קאָמפּליצירט אין פערגלייך מיט דער מעהרצאָהל מאַנופאקטור־ארבייטער.

אַ האנדווערקער, וועלכער פיהרט דורך כסדר די טייל־פּראָצע־סען אין דער פּראָדוקציאָן פון אַ גאַנצען ארטיקעל, מוז אָפט אַרי־בערגעהן פון איין פּלאַץ אויף דעם אַנדערן און אָפט בייטען די אינסטרומענטען. דער איבערגאַנג פון איין אָפּעראַציע צו דער אַנ־דערער אונטערברעכט דעם פלוס פון זיין ארבייט און מאַכט, אַזוי צו זאָגען, לעכער אין זיין ארבייטס־טאָג. די דאָזיגע לעכער ווערן שמעלער, אַזוי באַלד ווי ער טהוט דעם גאַנצען טאָג איין און די־זעלבע אַרבייט אָהן אונטערברעכונג, אָדער זיי פערשווינדען אין דעם ערך, וואָס דאָס בייטעניש פון זיינע אָפּעראַציעס ווערט קלענער. די פערגרעסערטע פּראָדוקטיוויטעט קומט אין דעם פאַל ענטוועדער פון דער מעהר־אויסגעגעבענער ארבייט־קראַפט אין אַ געוויסער צייט ; ד.ה. פון דער גרעסערער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט, אָדער פון דער פערקלענערונג פון דעם אונפּראָדוקטיווען פערברויך פון אַרבייט־קראַפט. די איבעריגע פערוועגדונג פון קראַפט, וואָס יעדער איבערגאַנג פון רוה אין בעוועגונג מאַכט נויטיג, ווערט פער־ברויכט לענגער אָנצוהאַלטען די איינמאַל־דערגרייכטע נאָרמאַל־גע־שווינדקייט. פון דער אַנדער זייט ווידער, צערשטערט די אָנגע־האַלטענע איינפאָרמיגע אַרבייט די אינטעסיוויטעט און די שוואונג־קראַפט פון די לעבענס־גייסטער, וועלכע געפינען אין דעם איבער־בייט פון דער טהעטיגקייט גופא זייער ערהאָלונג און זייער רייץ.

די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט העגנט אָב ניט נאָר פון דעם אַרבייטער׳ס טיכטיגקייט, נאָר אויך פון דער פאָלקאָמענהייט פון זיינע ווערקצייג. דערזעלביגער סאָרט געצייג, ווי אינסטרו־מענטען צום שניידען, בויערן, שטופּען, קלאַפּען א.ד.ג. ווערן גע־ברויכט אין פערשיידענע אַרבייט־פּראָצעסען, און דערזעלביגער אינ־סטרומענט קאָן אויך דיענען אויף פערשיידענע צוועקען אין דעמ־זעלביגען אַרבייט־פּראָצעס. אַזוי באַלד אָבער ווי די פערשיידענע

רעדער־מאכער (מעשענע און שטאָהלענע זיינען ווידער אָבגעזונ־דערט), טריעב־מאכער, צייגער ווערק־מאכער, „אשעוועיר דע פי־ניאָן“ (בעפעסטיגט די רעדער אויף די אקסען, פּאָלירט די פּא־צעטען), צאפען־מאכער, „פלאַנטעור דע פיניסאַזש“ (זעצט אריין פערשיידענע רעדער און אקסען אין די ווערק), „פיניסעור דע באַ־רילע“ (שניידט איין צייהן אין די רעדער, מאכט די לעכער ריכטיג אין גרויס א.אז.וו.), העמונג־מאכער, און ביי דער צילינדער־העמונג, צילינדער־מאכער, שטייג־ראַד מאכער, פערפּענדיקעל־מאכער, ראַ־קעטען־מאכער (א ווערק וואָס רעגולירט די אוהר), „פלאַנטעור ר'עשאַפּמאַן“ (דער ריכטיגער העמונג־מאכער); דאַן דער „רע־פאַסעור דע באַרילע“ (דער וואָס מאכט דאָס פעדער־קעסטעל אינ־גאַנצען פערטיג), שטאָהל־פּאָלירער, רעדער־פּאָלירער, שרויפען־פּאָ־לירער, ציפער־מאָלער, ציפערבלאַט־מאכער (דער וואָס שמעלצט דאָס עמאַל אויפ'ן קופער), „פאבריקאַן דע פענדאַן“ (דער וואָס מאכט בלויז דאָס רינגעל פון די קופערטען(, „פיניסעור דע שאַר־ניער“ (דער וואָס שטעקט אריין דעם מעשענעם שטיפט אין דער מיט פון קופערט א.אַז.וו.), „פעזעור דע סעקרעט“ (דער וואָס מאַכט די פרוזשינקע, וואָס לאָזט אויפשפּרינגען דאָס דעקעל) גראַווירער, ציזלער, פּאָלירער פון די קופערטען א.אַז.וו. א.אז.וו.; און ענדליך דער „רעפּאַסוער“, וועלכער שטעלט צוזאַמען דעם גאַנצען זייגער און גיט איהם ארויס א געהענדיגען. בלויז וועניגע טיילען פון זייגער געהען דורך פערשיידענע הענד, און די אַלע „מעמבראַ דיזיעקטאַ“ [צעוואָרפענע גליעדער] ווערן ערשט צונויפגעזאַמעלט אין די הענד פון דעם, וואָס פערבינדט זיי ענדליך אין איין מעכאַנישעם גאַנצעס.

אַזוי ווי די שייכות צווישען דעם פאַרטיגען פּראָדוקט און זיינע פערשיידענאַרטיגע עלעמענטען איז אַן אויסערליכע, איז דעריבער דאָ, אַזוי גוט ווי ביי עהנליכע פאַרטיגע פּראָדוקטען, א צופעליגע זאַך, צי די טייל־אַרבייטער זיינען קאָמבינירט אין דעמזעלביגען ווערקשטאַט, צי נים. די טייל־אַרבייטען קאָנען אפילו ווידער בעטריבען ווערן אַלס מלאכות, וואָס זיינען אונאָבהענגיק איינע פון די אַנדערע, ווי אין דעם קאַנטאָן וואַאַזט אין נײַושאַטעל, בעת אין זשענעווא צ.ב.ש. געפינען זיך גרויסע זייגער־מאַנופאַקטורען. „די מוסלין פון ראַקקאַ אין פרט פון פיינקייט, די קאַטונען און

3. די ביידע גרונד־פאָרמען פון דער מאַנופאַקטור—העטעראָ־גענע מאַנופאַקטור און אָרגאַנישע מאַנופאַקטור.

די אָרגאַניזאַציע פון דער מאַנופאַקטור האָט צוויי גרונד־פאָר־מען, וועלכע מאַכען אויס צוויי בעצם־פערשיידענע סאָרטען, טראָץ דעם וואָס זיי ווערען אָפטמאָל צונויפגעמישט. זיי שפּיעלען אויך גאַנץ פערשיידענע ראָליען אפילו אין דער שפּעטערדיגער פערוואַנד־לונג פון דער מאַנופאַקטור אין גרויס־אינדוסטריע, וואָס ווערט בע־טריבען דורך מאַשינעריע. אָט דער טאָפּעלדיגער כאַראַקטער נעהמט זיך פון דער נאַטור פון דעם פּראָדוקט גופא. דער פּראָדוקט ווערט פאָרמירט ענטוועדער דורך אַ בלויז־מעכאַנישע צוזאַמענשטעלונג פון זעלבשטענדיגע טייל־פּראָדוקטען, אָדער ער בעקומט זיין פאָר־מיגע געשטאַלט דורך אַ כסדר׳דיגער סעריע פון צוזאַמענגעבונדענע פּראָצעסען און מאַניפּולאַציעס.

אַ לאָקאָמאָטיוו, צום ביישפּיעל, בעשטעהט פון מעהר ווי 5000 זעלבשטענדיגע טיילען. ער קאָן אָבער ניט דיענען אַלס ביישפּיעל פון דעם ערשטען סאָרט פון דער אייגענטליכער מאַנופאַקטור, ווייל ער איז אַ בנין פון דער גרויס־אינדוסטריע. אַ זייגער אָבער קאָן יאָ, און וויליאַם פּעטטי האָט עס שוין בענוצט צו אילוסטרירען די מאַ־נופאַקטור־מעסיגע צוטיילונג פון דער אַרבייט. פון אַ אינדיווי־דועלען ווערק פון אַ ניורענבורגער בעל מלאכה איז דער זייגער פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ געזעלשאַפטליכען פּראָדוקט פון אַ גרויסער צאָהל טייל־אַרבייטער. אַזוי האָבען מיר רויה־ווערק מאַ־כער, אוהר־פעדער מאַכער, ציפערבלאַט־מאַכער, ספּיראַל־פעדער מאַכער, די וואָס מאַכען לעכער אין שטיין און רובינען־הויב־שטענגלעך, ווייזער־מאַכער, קופּערטען־מאַכער, שרויפען־מאַכער, אַרבייט, נאָכדעם ווי זי ווערט פערזעלבשטענדיגט אַלס די אויס־

אזא ארגאן ווענגיער זארגפול, איידער ווען דערזועלביגער ארגאן וואלט געווען בעשטימט נאר פאר איין ספעציעלען צוועק אליין. אזוי צום ביישפיעל, מעסערס, וועלכע זיינען געמאכט צו קאנען שניידען אלערליי סארטען זאכען, קאנען בכלל זיין פון איין פארם; אבער א אינסטרומענט, וואס איז בעשטימט בלויז פאר איין סארט געברויך, מוז האבען אנאנדער פארם פאר יעדען אנדער סארט געברויך.״

דער צווייטער סאָרט מאַנופאַקטור, איהר פאָלקאָמענע פאָרם, פּראָדוצירט אַרטיקלען, וועלכע מאַכען דורך צוזאַמענגעבונדענע ענטוויקלונגס־פאַזען אין אַ געוויסען סדר פון שטופען־פּראָצעסען, ווי צום ביישפּיעל דער דראָהט אין דער מאַנופאַקטור פון נאָדלען, וועלכער געהט דורך די הענד פון 72 און אפילו 92 בעזונדערע טייל־אַרבייטער.

אין דעם ערך, וואָס אַזאַ מאַנופאַקטור פעראייניגט מלאכות, וועלכע זיינען לכתחילה געווען צערשפּרייטע, פערקלענערט זי דעם שטח, וואָס האָט אָבגעטיילט די בעזונדערע פּראָדוקציאָנס־פאַזען פון דעם פאַרטיגען אַרטיקעל. די צייט, וואָס עס נעהמט פאַר זיין איבערגעהן פון איין שטופע אויף אַנאַנדערער, ווערט פערקירצט; אַזוי אויך ווערט פערקירצט די אַרבייט, וואָס געהט אַוועק אויף דעם דאָזיגען איבערגאַנג.[34] אין פערגלייך צו דעם האַנדווערק ווערט אויף דעם אופן געוואונען פּראָדוקטיוו־קראַפט, און דער געווינס נעהמט זיך פון דעם אַלגעמיינען קאָאָפּעראַטיווען כאַראַקטער פון דער מאַנופאַקטור. פון דער אַנדער זייט פאָדערט די צוטיילונג פון דער אַרבייט, וואָס איז דער אייגענטימליכער פּרינציפּ פון דער מאַנופאַקטור, אַן אָבזונדערונג פון די פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־פאַזען, וועלכע ווערן אונאָבהענגיק איינע פון די אַנדערע אַלס אַזויפיעל האַנדווערקמעסיגע טייל־אַרבייטען. איינפיהרן און אויפהאַלטען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די אָבגעזונדערטע פונקציאָנען מאַכט נויטיג אַ שטענדיגען איבערטראָגען דעם פּראָדוקט פון איין האַנד אין דער אַנדערער, פון איין פּראָצעס אין דעם אַנדערן. פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער גרויס־אינדוסטריע שטעלט דאָס פאַר אַ כאַראַקטעריסטישע און צו־טייערע בעשרענקטקייט, וואָס ליעגט בטבע אין דעם פּרינציפּ פון דער מאַנופאַקטור.[35]

טעראַנגענער מאַנופאַקטור, קאָן מען זעהר גענוי שטודירן די אויבען־דערמאַהנטע דיפערענצירונג און ספּעציאַליזירונג פון די אַרבייטס־אינסטרומענטען, וואָס נעהמט זיך פון דער צוברעקלונג פון דער האַנדווערקמעסיגער טהעטיגקייט.

[34] „וואו די מענשען זיינען אַזוי נאָהענט צוזאַמען, מוז די איבערפיהרונגס־אַרבייט זיין קלענער.“ ("The Advantages of the East India Trade", London 1720, p. 106.)

[35] „די אָבזונדערונג פון די פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־שטופען, וואָס קומט

קאמאנדע פון איין קאפיטאליסט. אפילו אין דעם לעצטען פאל ווערן ציפער־בלאט, פרוזשינעס און קופערטען זעלטען פערפערטיגט אין דער מאנופאקטור גופא. די קאמבינירטע מאנופאקטור־מעסיגע פאבריקאציע איז דא פראפיטליך נאר אונטער אויסנאהמסווייזע פערהעלטענישען, ווייל די קאנקורענץ צווישען די ארבייטער, וועלכע ווילען בעסער ארבייטען צו הויז, איז אם גרעסטען, אויך ווייל די צוברעקלונג פון דער פראדוקציאן אין א מאסע העטעראגענע (ניט גלייכארטיגע) פראצעסען גיט א גאנץ קליינע מעגליכקייט צו פער־ווענדען די ארבייט־מיטלען געמיינשאפטליך, און ביי א צוברעקעל־טער פאבריקאציע שפארט דער קאפיטאליסט איין דעם אויסלעג אויף ארבייטס־געביידען א.אז.וו.[32] די לאגע אבער פון אט די טייל־ארבייטער, וועלכע ארבייטען צו הויז, אבער פאר א קאפיטאליסט (א פאבריקאנט, עטאבליסעור), איז גאר איינגאנצען פערשיידען פון דער לאגע פון דעם זעלבשטענדיגען בעל מלאכה, וועלכער ארבייט פאר זיינע אייגענע קונדען.[33]

---

[32] זשענעווא האט אין יאהר 1854 פראדוצירט 80,000 זייגערס, וואס איז צומאל ניט קיין פינפטעל פון דער אוהרען־פראדוקציאן פון דעם קאנטאן ניושאטעל. שא דע פאנד, א שטאדט וועלכע קאן בעטראכט ווערן ווי איין גרויסע אוהרען־מאנופאקטור, ניט אליין ארוים יעהרליך נאך אמאל אזויפיעל ווי זשענעווא. פון 1850 ביז 1861 האט זשענעווא ארויסגעגעבען 750,000 זייגערס. זעה „רעפארט פראם זשענעווא אן דהי וואטש־טרייד" און „רעפארטס ביי הער מעדזשעסטי'ס סעקרעטעריעס אוו עמבאסי עטצ.", נומער 6, 1863. אויב דאס וואס פעהלט א צוזאמענהאנג אין די פראצעסען, אויף וועלכע די פראדוקציאן פון בלויז צו־נויפגעשטעלטע פראדוקטען איז צוברעקעלט, מאכט אן און פאר זיך זעהר שווער די פערוואנדלונג פון אזעלכע מאנופאקטורען אין דעם מאשינען־בעטריעב פון דער גרויס־אינדוסטריע, קומען צו, אין דעם פאל פון דער זייגער־פראדוקציאן, נאך צוויי אנדערע שטערונגען—די קליינקייט און עדעלקייט פון איהרע עלע־מענטען, און איהר כאראקטער פון א לוקסוס־ארטיקעל. דערפון נעהמט זיך איהר פערשיידענארטיגקייט. אזוי מוז אין די בעסטע לאנדאנער פירמען צום ביישפיעל ווערן דורכ'ן גאנצען יאהר געמאכט קוים א טוצען זייגערס, וועלכע זעהען אויס עהנליך איינע צו די אנדערע. די אוהרען־פאבריק פון וואטשעראן און קאנסטאנ־טין, וועלכע ווענדעט אן מאשינעריע מיט ערפאלג, ברענגט מאקע ארויס העכ־סטענס פון דריי ביז פיער סארטען, וואס זיינען פערשיידען לויט זייער גרויס און פארם.

[33] אין דער אוהר־מאכעריי, דעם דאזיגען קלאסישען ביישפיעל פון דער הע־

טער אָדער איין גרופּע אַרבייטער דעם רויה־מאַטעריאַל פאַר דעם אַנ־
דער אַרבייטער אָדער פאַר דער אַנדער גרופּע. דער רעזולטאַט פון
איינעמס אַרבייט איז דער אָנהויב־פּונקט פאַר דעם אַנדערענס אַר־
בייט. איין אַרבייטער בעשעפטיגט דעריבער דירעקט דעם אַנדערן.
די אַרבייט־צייט, וואָס איז נויטווענדיג צו בעקומען די בעצוועקטע
נוץ־ווירקונג אין יעדען טייל־פּראָצעס, ווערט פעסטגעשטעלט דורך
דער ערפאַהרונג, און דער מעכאַניזם פון דער מאַנופאַקטור אינ־
גאַנצען גענומען איז געבויט אויף דער השערה, אַז אין אַ געוויסער
אַרבייט־צייט וועט זיך בעקומען אַ געוויסער רעזולטאַט. די פער־
שיידענע אַרבייט־פּראָצעסן, וואָס ערגענצען איינע די אַנדערע,
קאָנען אָנגעהן אָהן הפסקות, אין דערזעלביגער צייט און איינע נעבען
די אַנדערע אין רוים נאָר אונטער דער דאָזיגער השערה. עס איז
קלאָר, אַז אָט די דירעקטע אָבהענגיקייט פון די אַרבייטען, און
ממילא פון די אַרבייטער איינע פון די אַנדערע, צווינגט יעדען
איינצעלנעם צו פערווענדען ניט מעהר ווי די נויטיגע צייט פאַר זיין
אויפגאַבע, און אַזוי אויף דעם אופן בעקומט זיך אַ גאַנץ אַנדערע אָנ־
געהאַלטענקייט, גלייכפאָרמיגקייט, רעגעלמעסיגקייט, אָרדנונג [37] און
אפילו אויך אַ אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט, איידער אין דער
אונאָבהענגיקער האַנדווערקעריי, אָדער אפילו אין דער איינפאַכער
קאָאָפּעראַציע. אַז אויף אַ סחורה ווערט פערווענדעט נאָר אַזויפיעל
געזעלשאַפטליך־נויטווענדיגע אַרבייט־צייט וויפיעל עס פאָדערט זיך,

צייט, דורכדעם וואָס זי צעוואָרפט די אַרבייט אין איהרע פערשיידענע צווייגען,
וועלכע קאָנען אויסגעפיהרט ווערן אַלע אין איין צייט.... אַנפיהרענדיג מיטאַמאָל
די אַלע פערשיידענע פּראָצעסן, וועלכע אַן איינצעלנער אַרבייטער וואָלט געמוזט
טהאָן בעזונדער איינעם נאָך דעם אַנדערן, ווערט מעגליך צו פּראָדוצירן צ.ב.ש.
אַ גרויסע מאַסע נאָדלען אין דערזעלביגער צייט, וואָס מען וואָלט געקאָנט אָב־
שניידען אָדער צושלייפען בלויז איין איינציגע נאָדעל." (Dugald Stewart:
Works, edited by Sir W. Hamilton, Edinburgh 1855, Vol. III,
"Lectures on Political Economy", p. 319.)

[37] „וואָס גרעסער די פערשיידענאַרטיגקייט פון די אַרבייטער, וועלכע זיינען
בעשעפטיגט אין אַ מאַנופאַקטור . . . אַלץ גרעסער איז די אָרדנונג און רעגעל־
מעסיגקייט פון יעדער אַרבייט; זי ווערט געטאָן נויטיגערווייז אין אַ קירצערער
צייט, עס מוז אַוועקגעהן ווייניגער אַרבייט." ("The Advantages of the East
India Trade", London 1720, p. 68.)

ווען מיר בעטראַכטען אַ בעשטימטע סומע רויה־מאַטעריאַל, די קאָדער צום ביישפּיעל אין דער פּאַפּיער־מאַנופאַקטור, אָדער די דראָהט אין דער נאָדעל־מאַנופאַקטור, זעהען מיר אַז ער געהט דורך כסדר, אין די הענד פון די טייל־ארבייטער, אַ גאַנצע רייה פּראָדוקציאָנס־שטופען, ביז ער בעקומט זיין ענדליכע געשטאַלט. בעטראַכט מען פערקעהרט דעם ווערקשטאַט אַלס אַ גאַנצען מע־כאַניזם, געפינען מיר דעם רויה־מאַטעריאַל אין דערזעלביגער צייט אין אַלע זיינע פּראָדוקציאָנס־שטופען אויף איינמאַל. דער קאָלעק־טיוו־ארבייטער, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון די קאָמבינירטע טייל־ארבייטער, ציהט מיט איין טייל פון זיינע מיט־אינסטרומענ־טען בעוואָפּענטע הענד דעם דראָהט, בעת מיט אַנדערע הענד און געצייג גלייכט ער איהם אין דערזעלביגער צייט אויס, מיט נאָך אַנ־דערע הענד שניידט ער איהם, מאַכט איהם שפּיציג א.אז.וו. די פערשיידענע שטופען־פּראָצעסען זיינען פערוואַנדעלט געוואָרן פון אַ נאָכאַנאַנדיגען סדר אין צייט אין אַ נעבענאַנאַנדיגען סדר אין רוים. פאָלגליך ווערט מעהר פאַרטיגע סחורה ארויסגעגעבען אין דעמעזלביגען צייט־רוים.[36] די דאָזיגע גלייכצייטיגקייט נעהמט זיך, טאַקע אמת, פון דער אַלגעמיינער קאָאָפּעראַטיווער פאָרם פון דעם גאַנצען פּראָצעס, אָבער די מאַנופאַקטור געפינט ניט נאָר די בע־דינגונגען פאַר דער קאָאָפּעראַציע שוין פאַרטיגע, נאָר זי שאַפט זיי טיילווייז ערשט דורכדעם, וואָס זי צוברעקעלט די האַנדווערקמע־סיגע טהעטיגקייט. פון דער אַנדער זייט גרייכט זי אָט די געזעל־שאַפטליכע אָרגאַניזאַציע פון דעם ארבייט־פּראָצעס נאָר דורכדעם, וואָס זי שמידט צו איין און דעמעזלביגען ארבייטער צו איין און דעמזעלביגען טייל ארבייט.

אַזוי ווי יעדער טייל־פּראָדוקט פון יעדען טייל־ארבייטער איז אין דערזעלביגער צייט נישט מעהר ווי אַ בעזונדערע ענטוויקלונג־שטופע פון דעמזעלביגען פאַרטיגען פּראָדוקט, גרייט צו איין ארביי־

פון דער בעשעפטיגונג פון האַנד־ארבייט, פערגרעסערט די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען אונגעוועהנליך פיעל. דער פערלוסט קומט הויפּטזעכליך פון דעם, וואָס איין פּראָצעס אַזוי דערוויי׳טערט פון דעם אַנדערן.״ (“The Industry of Nations”, London 1855, Part II, p. 200.)

[36] „זי (די צוטיילונג פון דער ארבייט) ברענגט אויך מיט אַז עקאָנאָמיע אין

רונג ענטוויקעלט זי אַ קוואַנטיטאַטיווען רעגעל און אַ פּראָפּאָרציאָנאַליטעט פון דעם געזעלשאַפטליכען ארבייט־פּראָצעס.

ווען די פּאַסענדסטע פּראָפּאָרציע איז איינמאָל פעסטגעשטעלט געוואָרן על פּי ערפאַהרונג פאַר דער צאָהל טייל־ארבייטער אין די פערשיידענע גרופּען, וואָס פּראָדוצירן אויף אַ בעשטימטען מאָסשטאַב, קאָן מען אויסברייטערן דעם דאָזיגען מאָסשטאַב נאָר, ווען מען בעשעפטיגט אַ גע׳כפל׳טע צאָהל (Multiple) פון יעדער בעזונדערער ארבייטער גרופּע.[39] צו דעם׳ קומט נאָך צו, וואָס דערזעלביגער אינדיווידום קאָן פּונקט אַזוי גוט דורכפיהרן געוויסע ארבייטען אויף אַ גרעסערן מאָסשטאַב ווי אויף אַ קלענערן; למשל די ארבייט פון אויבער־אויפזיכט, די ארבייט פון איבערטראָגען די טייל־פּראָדוקטען פון איין פּראָדוקציאָן־שטופע אויף אַנאַנדערער, א.אז.וו. די פערזעלבשטענדיגונג פון אָט די פונקציעס אָדער דאָס אויסטיילען זיי צו ספּעציעלע ארבייטער ווערט פּאָרטיילהאַפטיג ערשט דעמאָלט, ווען עס ווערט פערגרעסערט די צאָהל פון די בעשעפטיגטע ארבייטער; אָבער אָט די פערגרעסערונג מוז גלייך אָנגרייפען אַלע גרופּען פּראָפּאָרציאָנעל.

די איינצעלנע גרופּע, אַ צאָהל ארבייטער, וועלכע פיהרט דורך דיזעלביגע טייל־פונקציע, בעשטעהט פון גלייכאַרטיגע עלעמענטען און מאַכט אויס אַ בעזונדערן אָרגאַן פון דעם צוזאַמענגעשטעלטען מעכאַניזם. אין פערשיידענע מאַנופאַקטורען אָבער איז די בעזונדערע גרופּע גופא אַ געגליעדערטער ארבייטס־קערפּער, בעת דער גאַנצער מעכאַניזם ווערט צוזאַמענגעשטעלט דורך דער ווידערהאָלונג אָדער כפל׳ונג פון די דאָזיגע פּראָדוקטיווע עלעמענטאַר־אָרגאַ־

[39] „ווען עס ווערט פעסטגעשטעלט, לויט דעם ספּעציעלען כאַראַקטער פון די פּראָדוקטען פון יעדער מאַנופאַקטור, די צאָהל פּראָצעסען, אין וועלכע עס איז הערכסט פּאָרטיילהאַפט זי איינצוטיילען, ווי אויך די צאָהל ארבייטער, וואָס זאָל בעשעפטיגט ווערן, דאַן וועלען אַלע אַנדערע מאַנופאַקטורען, וועלכע בעשעפטיגען ניט אַ דירעקטען כפל מספר פון דער דאָזיגער צאָהל, פאַבריצירן דעם ארטיקעל מיט גרעסערע קאָסטען.... דאָס איז איינע פון די אורזאַכען פון דער קאָלאָסאַלער אויסברייטונג פון די אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען.“ (Ch. Babbage, "On the Economy of Machinery", London 1832, ch. XXI p. 172-3.)

זי צו פראָדוצירן, ווייזט זיך ארויס בכלל אין דער סחורה־פראָדוק־ציאָן ווי אַן אויסערליכער צוואנג פון דער קאָנקורענץ, וואָרים אוי־בערפלעכליך גערעדט, מוז דאָך יעדער איינצעלנער פראָדוצירער פערקויפען די סחורה פאַר איהר מארק־פרייז. אין דער מאנופאקטור אָבער ווערט די ליפערונג פון א בעשטימטען סכום פראָדוקטען אין א בעשטימטער ארבייט־צייט א טעכנישעס געזעץ פון דעם פראָדוק־ציאָנס־פראָצעס גופא.[28]

פערשיידענע אָפעראציעס פערנעהמען אָבער איינינע מעהר, איינינע װעניגער צייט, און גיבען דעריבער ארויס אין א גלייכער צייט־פעריאָדע אונגלייכע סומען פון טייל־פראָדוקטען. אויב אַלזאָ דערזעלביגער ארבייטער מוז טאָג איין, טאָג אויס שטענדיג דורכ־פיהרן דיזעלביגע אָפעראציע, דאַן מוזען בעשעפטיגט ווערן לפי ערך פערשיידענע צאָהלען ארבייטער פאַר די פערשיידענע אָפעראציעס; אַזוי צום ביישפיעל אין א בוכשטאבען־מאנופאקטור וועלען זיין 4 גיעסער און 2 אָבברעכער אויף 1 שלייפער, וואו דער גיעסער גיעסט אויס 2000 בוכשטאבען אין א שטונדע, דער אָבברעכער ברעכט אָב 4000 און דער שלייפער רייבט אָב 8000. דאָ האָבען מיר ווידער דעם פרינציפ פון קאָאָפעראציע אין זיין איינפאכסטער פאָרם—די בעשעפטיגונג אין דערזעלביגער צייט פון פיעלע ארבייטער, וועלכע טהוען דיזעלביגע זאַך—ער קומט אָבער איצטער פאָר ווי אַן אויס־דרוק פון אַן אָרגאנישער שייכות. די מאנופאקטורמעסיגע צוטיי־לונג פון דער ארבייט פערייינפאכט און פערמעהרט אויף דעם אופן ניט נאָר די קוואליטאטיוו־פערשיידענע אָרגאנען פון דעם געזעל־שאפטליכען קאָלעקטיוו־ארבייטער, נאָר זי שאפט אויך א מאטע־מאטיש־פעסטע שייכות פאַר דעם קוואנטיטאטיווען אומפאנג פון די דאָזיגע אָרגאנען—דאָס הייסט פאַר דער רעלאטיווער ארבייטער־צאָהל אָדער רעלאטיווער גרויס פון די ארבייטער־גרופען אין יעדער בעזונדער פונקציע. צוזאמען מיט דער קוואליטאטיווער צוגליעדע־

[28] פונדעסטוועגען דערגרייכט דער מאנופאקטור־סיסטעם דעם דאָזיגען רעזול־טאט אין פיעלע צווייגען נאָר אויף א ניט־פאָלקאָמענעם אופן, ווייל ער ווייס ניט ווי אַזוי צו קאָנטראָלירן מיט זיכערקייט די אַלגעמיינע כעמישע און פיזישע בע־דינגונגען פון דעם פראָדוקציאָנס־פראָצעס.

אַזאַ גלאָז־אויווען מיט זיינע פון 4 ביז 6 גרופּען שטעלט צוזאַמען אַ גלאָז־הוטע, און אַ גלאָז־מאַנופאַקטור פאַסט אום אַ מעהרצאָהל פון אַזעלכע הוטען, איינאיינעם מיט די אַפּאַראַטען און ארבייטער פאַר די צוגרייטענדע און לעצטע פּראָדוקציאָנס־פאַזען.

ענדליך, אזוי ווי די מאַנופאַקטור נעהמט זיך פון דער קאָמבי־נאַציע פון פערשיידענע האַנדווערקען, אזוי קאָן זי זיך אויך ענט־וויקלען אין אַ קאָמבינאַציע פון פערשיידענע מאַנופאַקטורען. די גרעסערע ענגלישע גלאָז־הוטען, צום ביישפּיעל, פאַבריצירען אַליין זייערע ליימענע שמעלץ־טיגלען, ווייל דאָס געלינגען אָדער ניט־גע־לינגען פון דעם פּראָדוקט העננגט אין גרונד גענומען אָב פון דער קוואַליטעט פון די טיגלען. די מאַנופאַקטור פון איין פּראָדוקציאָנס־מיטעל ווערט דאָ פערבונדען מיט דער מאַנופאַקטור פון דעם פּראָ־דוקט. פערקעהרט ווידער, קאָן די מאַנופאַקטור פון'ם פּראָדוקט פערבונדען ווערן מיט אַנדערע מאַנופאַקטורען, אין וועלכע דער פּראָדוקט נופא דיענט ווידער אַלס רויה־מאַטעריאַל, אָדער ווערט שפּעטער צונויפגעשטעלט איינאיינעם מיט זייערע פּראָדוקטען. אַזוי געפינט מען צום ביישפּיעל די מאַנופאַקטור פון פלינט־גלאָז קאָמ־בינירט מיט דער גלאָז־שלייפעריי און דער מעש־גיסעריי—די לעצטע פאַר דער מעטאַלענער איינפאַסונג פון פערשיידענערליי גלאָז־אַר־טיקלען. די פערשיידענע קאָמבינירטע מאַנופאַקטורען מאַכען דאַן אויס מעהר אָדער ווייניגער רוימליך אָבגעזונדערטע אָבטיילונגען פון איין אַלגעמיינער מאַנופאַקטור, צוגלייך אָבער מיט איינע פון די אַנדערע אונאָבהענגיקע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען, און יעדערער מיט זיין אייגענער צוטיילונג פון דער ארבייט. טראָץ די פיעלע פאָרטיילען, וואָס די קאָמבינירטע מאַנופאַקטור גיט, געווינט זי ניט קיין ווירקליכע טעכנישע איינהייט אויף איהר אייגענער גרונדלאַגע. די דאָזיגע איינהייט ענטשטעהט ערשט ווען די מאַנופאַקטור ווערט פערוואַנדעלט אין די מאַשינענמעסיגע פּראָדוקטען.

די מאַנופאַקטור־פעריאָדע, וועלכע האָט גלייך פאָרמולירט די פערקלענערונג פון דער נויטווענדיגער ארבייט־צייט פאַר דער סחורה־פּראָדוקציאָן אַלס איהר בעוואוסטזיניגען פּרינציפּ,[41] האָט פון צייט

[41] דאָס קאָן מען זעהן צווישען אַנדערע פון וו. פּעטטי, דזשאָהן בעללערס,

ניזמען. לאָמיר נעהמען צום ביישפּיעל די מאַנופאַקטור פון גלאָז־פלעשער. זי פאַלט פאַנאַנדער אין דריי גרינדליך־פערשיידענע פאַזען. ערשטענס די פּאַרברייטענדע פאַזע, די צוגרייטונג פון דעם גלאָז־צונויפזאַץ, די צונויפמישונג פון זאַמד, קאַלך א.אז.וו. און די שמעלצונג פון אַט דעם געמיש אין אַ פליסיגער גלאָז־מאַסע.[40] ביי אַט דער ערשטער פאַזע זיינען בעשעפטיגט פערשיידענע טייל־אַרבייטער, און אַזוי אויך אין דער שלוס־פאַזע, וואָס בעשטעהט אין אַרויסנעהמען די פלעשער פון די טריקען־אויוועגס, סאָרטירן זיי, פערפּאַקען א.אז.וו. צווישען די ביידע פאַזען שטעהט אין מיטען די אייגענטליכע אַרבייט פון מאַכען גלאָז אָדער די בעאַרבייטונג פון דער פליסיגער גלאָז־מאַסע. ביי דער עפענונג פון איין אויווען אַרבייט אַ גרופּע, וועלכע הייסט אין ענגלאַנד „דהי האָול [די לאָך], און בעשטעהט פון איין „באָטל מייקער" אָדער פינישער" [פלעשער־מאַכער אָדער צוריכטער], איין „בלאָוער" [בלאָזער], איין „גאַדהערער" [זאַמלער], איין „פּוטטער־אָפּ" אָדער „וועטטער אָף" [אויפשטעלער אָדער אַבשלייפער] און איין „טייקער אין" [אויפנעהמער]. אַט די 5 טייל־אַרבייטער שטעלען צוזאַמען אַזויפיעל ספּעציעלע אָרגאַנען פון איין־איינציגען אַרבייטס־קערפּער, וועלכער קאָן נאָר פונקציאָנירן אַלס איינהייט, ד.ה. נאָר דורך דער דירעקטער קאָאָפּעראַציע פון די פינף. פעהלט איין גליעד פון דעם פינף־טייליגען קערפּער, איז דער גאַנצער קערפּער פּאַראַליזירט. דערזעלביגער גלאָז־אויווען האָט אָבער מעהרערע עפענונגען, אין ענגלאַנד צ.ב.ש. פון 4 ביז 6 עפענונגען, און יעדע איינע ענטהאַלט אַ ליימענעם שמעלץ־טיגעל מיט פליסיגען גלאָז, און בעשעפטיגט אַן אייגענע פינף־גליעדערדיגע אַרבייטער־גרופּע. די גליעדערונג פון יעדער איינצעלנער גרופּע איז דאָ דירעקט געבויט אויף דער צוטיילונג פון דער אַרבייט, בעת דער באַנד צווישען די פערשיידענע גלייכאַרטיגע גרופּען איז אַן איינפאַכע קאָאָפּעראַציע, וועלכע פערברויכט איינעם פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען—אין דעם פאַל, דעם גלאָז־אויווען—מעהר עקאָנאָמיש דורך דעם געמיינשאַפטליכען קאָנזום.

[40] אין ענגלאַנד איז דער שמעלץ־אויווען אַבגעזונדערט פון דעם גלאָז־אויווען, וואו דאָס גלאָז ווערט פּאַרבערייטעט; אין בעלגיען צ.ב.ש. דיענט דערזעלביגער אויווען פאַר ביידע פּראָצעסען.

די מאַשינעריע, וואָס איז ספּעציעל כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, בלייבט דער קאָלעקטיוו־אַרבייטער גופא, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט פון פיעלע טייל־אַרבייטער. די פערשיידענע אָפּעראַציעס, וועלכע דער פּראָדוצירער פון אַ סחורה פיהרט כסדר דורך, און וועלכע גיסען זיך צוזאַמען אין איין גאַנצעס אין דעם פּראָצעס פון זיין אַרבייט, נעהמען איהם אין אָנשפּרוך אויף פערשיידענע אופנים. אין איין אָפּעראַציע מוז ער ענטוויקלען מעהר קראַפט, אין דער אַנדערער מעהר געניטקייט, אין דער דריטער מעהר גייסטיגע אויפמערקזאַמקייט א.אַז.וו.; און דערזעלביגער אינדיווידום בעזיצט ניט אָט די אַלע אייגענשאַפטען אין אַ גלייכען גראַד. נאָכדעם ווי די פערשיידענע אָפּעראַציעס ווערן אָבגעזונדערט, פערזעלבשטענדיגט און איזאָלירט, ווערן די אַרבייטער איינגעטיילט, קלאַסיפיצירט און גרופּירט לויט זייערע מעהר־אויסגעשפּראָכענע אייגענשאַפטען. אויב זייערע נאַטירליכע בעזאָנדערהייטען זיינען פון איין זייט די גרונדלאַגע, אויף וועלכער די צוטיילונג פון דער אַרבייט איז געבויט, ענטוויקלט פון דער אַנדער זייט די מאַנופאַקטור, ווען זי איז איינמאָל איינגעפיהרט, אַרבייט־קרעפטען, וועלכע טויגען פון דער נאַטור אויס נאָר אויף איינזייטיגע בעזונדערע פונקציעס. דער קאָלעקטיוו־אַרבייטער בעזיצט איצט אַלע פּראָדוקטיווע אייגענשאַפטען אין אַ גלייך־הויכען גראַד און פערברויכט זיי צוגלייך אויף אַ העכסט עקאָנאָמישען אופן, דערמיט וואָס ער בעשעפטיגט אַלע זיינע אָרגאַנען, וועלכע זיינען אינדיווידואַליזירט אין בעזונדערע אַרבייטער אָדער אַרבייטער־גרופּען, אויסשליסליך ביי זייערע ספּעציפישע פונקציעס.[45] די איינזייטיגקייט

ווייטער־ענטוויקעלטער עפּאָכע—אורע׳ס פּאָלעמיק. אדאם סמיטה פערוועקסעלט אויך די דיפערענצירונג פון די אינסטרומענטען, אין וועלכע די טייל־אַרבייטער פון דער מאַנופאַקטור האָבען גענומען אַ טהעטיגען אַנטייל, מיט דער ערפינדונג פון מאַשינעריע. ניט די מאַנופאַקטור־אַרבייטער, נאָר די געלעהרטע, די האַנד־ווערקער און אפילו די פּויערים (ברינדלעי) א.אַז.וו. שפּיעלען אַ ראָליע ביי דער ערפינדונג פון דער מאַשין.

[45] צוטיילענדיג די אַרבייט אין פערשיידענע פּראָצעסען, וואָס פאָדערן פערשיידענע גראַדען פעהיגקייט אָדער כחות, קאָן דער מאַנופאַקטור־העררר זיך פערשאַפען גענוי וויפיעל ער דאַרף פון ביידען, ווי עס איז נויטיג פאַר יעדעי

צו צייט אויך ענטוויקעלט דעם געברויך פון מאַשינען, ספּעציעל פאַר געוויסע איינפאַכע ערשטע פּראָצעסן, וואָס מוזן דורכגעפיהרט ווערן אין גרויסע מאַסען און מיט אַ גרויסער קראַפט־פערווענדונג. אַזוי צום ביישפּיעל האָט מען אין דער פּאַפּיער־מאַנופאַקטור באַלד אָנגעהויבן צו מאָהלען די קאָדער אין פּאַפּיער־מיהלען.[42] די אורשפּרינגליכסטע פאָרם פון אַלע מאַשינעריען האָט די רוימישע אימפּעריע אונז איבערגעליפערט אין דער וואַסער־מיהל.[43] די האַנדווערק־פּעריאָדע האָט אונז איבערגעלאָזט די גרויסע ערפינדונגען פון דעם קאָמפּאַס, פון שיס־פּולווער, פון דער בוכ־דרוקעריי און דעם אויטאָמאַטישען זייגער. בכלל אָבער האָט די מאַשינעריע בלויז געשפּיעלט יענע נעבען־ראָליע, וועלכע אַדאַם סמיטה האָט איהר צוגעשריבען—נעבען דער צוטיילונג פון דער ארבייט.[44] די ספּאָראַדישע [וואָס קומט פאָר בלויז ווען־ניט־ווען] אָנווענדונג פון מאַשינעריע אין דעם 17טען י.ה. איז געווען פון גרויסער וויכטיגקייט, ווייל זי האָט געגעבען די גרויסע מאַטעמאַטיקער פון יענער צייט פּראַקטישע פּונקטען און רייץ־מיטלען פאַר דער בעשאַפונג פון דער מאָדערנער מעכאַניק.

אנדריו יאררענטאן, „דהי ארוואנטאדזשעס אוו דהי איסט אינדיע טרייד“, און דזש. וואנדערלינט.

[42] ארום דעם סוף 16טען יאהרהונדערט האט זיך פראנקרייך נאך בעדיענט מיט שטופעס און זיעפּען צו שטויסען און וואשען די ערץ־מעטאלען.

[43] די גאנצע ענטוויקלונג־געשיכטע פון דער מאשינעריע קאן מען נאכפאלגען אין דער געשיכטע פון די תבואה־מיהלען. אין ענגלאנד הייסט די פאבריק נאך אלץ „מילל“ [א מיהל]. אין דייטשע טעכנאלאגישע שריפטען פון דעם ערשטען צעהנדליג פון 19טען י.ה. געפינט מען נאך דעם אויסדרוק מיהל ניט נאר פאר אלע מאשינעריען, וואס ווערן געטריבען מיט נאטור־קרעפטען, נאר אפילו פאר אלע מאנופאקטורען, וועלכע בענוצען מאשינענארטיגע אפּאראטען.

[44] ווי מען וועט קאנען גענויער זעהן אין דעם פערטען בוך פון אט דעם ווערק, האט אדאם סמיטה ניט ארויסגעבראכט קיין איינציגען נייעם זאץ וועגען דער צוטיילונג פון דער ארבייט. וואס עס כאראקטעריזירט איהם אבער אלס דעם צוזאמענפאסענדען פּאליטישען עקאנאם פון דער מאנופאקטור־פּעריאדע, איז דאס געוויכט, וואס ער לעגט אויף דער צוטיילונג פון דער ארבייט. די אונטערגע־ארדנעטע ראליע, וואס ער שרייבט צו צו דער מאשינעריע, האט אין אנפאנג פון דער גרויס־אינדוסטריע ארויסגערופען לאדערדייל׳ס פּאלעמיק, און אין א

ציאָנס־פּראָצעס פאָדערט אָבער געוויסע איינפאַכע מאַניפּולאַציעס, וואָס יעדער מענש, ווי ער שטעהט און געהט, קאָן זיי מאַכען. אויך אָט די ווערן איצט לויזגעריסען פון זייער פליסיגען צוזאַמענ־האַנג מיט די מעהר אינהאַלטרייכע מאָמענטען פון טהעטיגקייט און ווערן פערהאַרטעוועט אין אויסשליסליכע פונקציעס.

די מאַנופאַקטור ברענגט דעריבער אַרויס אין יעדען האַנד־ווערק, וואָס זי פערכאַפּט, אַ קלאַס אַזוי־גערופענע אונגעלערנטע (Unskilled) אַרבייטער, וועלכען די האַנדווערק־אינדוסטריע האָט שטרענג אויסגעשלאָסען. אויב זי ענטוויקעלט אַ דורכאויס פּער־איינזייטיגטע ספּעציאַליטעט אויף'ן חשבון פון דער פעהיגקייט צו אַרבייט־פאָלקאָמענהייט בכלל, הויבט זי שוין אויך אָן צו מאַכען פּאַר אַ בעזונדער ספּעציאַליטעט דעם מאַנגעל אין וועלכער עס איז ענטוויקלונג. נעבען דער היעראַרכישער גראַדאַציע טרעט אַרויס די איינפאַכע צושיידונג פון די אַרבייטער אין געלערנטע און ניט־געלערנטע. פּאַר די לעצטע פאַלען אינגאַנצען אַרונטער די קאָסטען פון אויסלערנען זיך די מלאכה, פּאַר די ערשטע זיינען די קאָסטען, צוליעב דער פעראיינפאַכונג פון זייער אויפגאַבע, פיעל נידריגער אין פערגלייך מיט דעם האַנדווערקער. אין ביידע פעלען זינקט אַרונטער דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט.[49] אַן אויסנאַהם צו דעם כלל קומט פאָר, אין דעם ערך וואָס די צעברעקלונג פון דעם

איידער די פריהערדיגע עקאָנאָמען, וועלכע האָבען ניט אַזאַ פּאָלעמישען אינ־טערעס אין דער זאַך ווי ער, און בעסער אַפילו ווי זיינע צייט־גענאָסען, ווי צום ביישפּיעל באַבבאַדזש, וועלכער שטעהט אַפילו העכער פּאַר איהם אַלס מאַטעמאַ־טיקער און מעכאַניקער, אָבער פאַסט אויף פונדעמענטען די גרויס־אינדוסטריע איינענטליך נאַר פון דעם שטאַנדפּונקט פון דער מאַנופאַקטור. אורע בעמערקט: „די צופּאַסונג (אַנאייננונג) פון די אַרבייטער צו יעדער בעזונדער אָפּעראַציע מאַכט אויס דעם עצם פון דער אַרבייט־צוטיילונג." פון דער אַנדער זייט בע־צייכענט ער די דאָזיגע צוטיילונג אַלס „אַ צופּאַסונג פון די אַרבייטען צו די פערשיידענע אינדיווידועלע פעהיגקייטען" און כאַראַקטעריזירט ענדליך דעם גאַנצען מאַנופאַקטור־סיסטעם ווי „אַ סיסטעם פון טיילונג אָדער גראַדאַציע פון דער אַרבייט לויט דעם ראַנג פון דער געשיקטליכקייט" אַלס „אַ צוטיילונג פון דער אַרבייט לויט די פערשיידענע גראַדען פון פעהיגקייט" א.אז.וו. (Ure, "Philosophy of Manufacture", p. 19-23.)

[49] „אַזוי ווי יעדער האַנדווערקער . . . האָט געקריגען די מעגליכקייט צו

און אפילו די אונפּאָלקאָמענהייט פון דעם טייל־אַרבייטער ווערן פּאָלקאָמענהייטען, ווען ער איז אַ גליעד פון דעם קאָלעקטיוו־אַרבייטער.[46] די געוועהנהייט אויסצופיהרן אַ איינזייטיגע פונקציע פערוואַנדעלט איהם אין אַן אָרגאַן, וואָס ווירקט מיט אַ אינסטינקטיווער זיכערקייט, בעת זיין צוזאַמענהאַנג מיט דעם גאַנצען מעכאַניזם צווינגט איהם צו אַרבייטען מיט דער רעגעלמעסיגקייט פון אַ טייל פון אַ מאַשין.[47]

אַזוי ווי די פערשיידענע פונקציעס פון דעם קאָלעקטיוו־אַרבייטער זיינען אי איינפאַכע, אי צוזאַמענגעזעצטע, נידעריגערע און העכערע, דאַרפען זיינע אָרגאַנען, די אינדיווידועלע אַרבייטס־קרעפטען, האָבען זעהר פערשיידענע שטופען פון אויסבילדונג, און בעזיצען דעריבער זעהר פערשיידענע ווערטהען. די מאַנופאַקטור ענטוויקעלט אויף דעם אופן אַ היעראַרכיע פון די אַרבייט־קרעפטען, צו וועלכער עס איז צוגעפּאַסט אַ שטופען־לייטער פון אַרבייטס־לוינען. אויב פון איין זייט פּאַסט זיך צו דער אינדיווידועלער אַרבייטער און ווערט צוגעבונדען זיין גאַנצען לעבען צו אַן איינזייטיגער פונקציע, ווערען פּונקט אַזוי פון דער אַנדער זייט די פערשיידענע אַרבייט־אָפּעראַציעס פון יענער היעראַרכיע צוגעפּאַסט צו די נאַטירליכע און ערוואָרבענע פעהיגקייטען.[48] יעדער פּראָדוק־

פּראָצעס; בעת אָבער ווען די גאַנצע אַרבייט ווערט געטאָן פון איין אַרבייטער, מוז אַזאַ אַרבייטער בעזיצען גענוג פעהיגקייט „פאַר די פיינסטע אָפּעראַציעס און גענוג כח פאַר די שווערסטע.“ (Ch. Babbage, "On the Economy of Machinery", London 1832, ch. XIX.)

[46] צום ביישפּיעל אַן אַבנאָרמאַלע ענטוויקלונג פון געוויסע מוסקולען, אויסגעקרימטע ביינער א.אַז.וו.

[47] אויף דער פראַגע פון דעם אונטערזוכונג־קאָמיסאַר, ווי אַזוי עס ווערט אויפגעהאַלטען די אַרבייטזאַמקייט פון די יונגע פּערזאָנען, האָט גאַנץ ריכטיג געענטפערט הערר וויליאם מאַרשאַל, דער הויפּט־אויפזעהער פון אַ גלאַז־מאַנופאַקטור: „זיי קאָנען ניט פערנאַכלעסיגען די אַרבייט אפילו ווען זיי זאָלען וועלען; הויבען זיי איינמאָל אָן, מוזען זיי שוין ווייטער געהן; זיי זיינען מעהר גאָרנישט ווי טיילען פון אַ מאַשין.“ ("Children's Employment Commission", 4th Report, 1865, p. 247.)

[48] דר. אורע אין זיין פערהערליכונג פון דער גרויס־אינדוסטריע ברענגט שאַרפער אַרויס די אייגענטימליכע כאַראַקטער־שטריכען פון דער מאַנופאַקטור

סיאנען, וואס קומט דערמיט, ענטוויקעלט זיך, פונקט ווי די צו־ טיילונג פון דער ארבייט אין דער מאנופאקטור, פון אנטקעגענגע־ זעצטע אנהויב־פונקטען. אין א פאמיליע,*[60] און נאך א וויטערער ענטוויקלונג, אין דעם שטאם, ענטשטעהט א נאטורמעסיגע צוטיי־ לונג פון דער ארבייט צוליעב די חלוקים אין געשלעכט און עלטער— געבוים, הייסט עס, אויף א ריין־פיזיאלאגישער גרונדלאגע, וועלכע ברייטערט אוים איהר מאטעריאל מיט דער אויסשפרייטונג פון גע־ מיינשאפטליכען לעבען, מיט דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג און ספעציעל מיט די קאנפליקטען צווישען די פערשיידענע שטאמען און מיט דער אונטעריאכונג פון איין שטאם דורך דעם אנדערן. פון דער אנדער זייט, ווי איך האב שוין פריהער בעמערקט, וואקסט ארוים דער פראדוקטען־אויסטויש ביי די פונקטען, וואו פערשיידענע פא־ מיליען, שטאמען און געמיינדען קומען אין בעריהרונג איינע מיט די אנדערע; ווארים אין אנפאנג פון דער ציוויליזאציע טרעטען ארוים זעלבשטענדיג איינע נעגען די אנדערע נים קיין פריוואט־פערזאנען,

פערשיידענארטיגע פראפעסיאנען, ביז צו אזא צוטיילונג, וואו מעהרערע ארביי־ טער צוטיילען צווישען זיך די ארבייט אויף איין און דעמזעלבען פראדוקט, ווי אין דער מאנופאקטור." (סטארך, „קור ד'עקאנאמיע פאליטיק", פאריזער אויס־ גאבע, ב. 1, ז. 173.) „מיר געפינען ביי די פעלקער, וועלכע האבען שוין גע־ נרייכט א געוויסען גראד פון ציוויליזאציע, דריי סארטען פון ארבייט־צוטיילונג: די ערשטע, וועלכע מיר רופען אן די צוטיילונג פון דער ארבייט אין אלגעמיינעם, פיהרט צו דער איינטיילונג פון די פראדוצירער אין לאנד־ווירטהען, אינדוסט־ ריעלע און סוחרים; זי בעציהט זיך אויף די דריי הויפט־צווייגען פון דער נא־ ציאנאלער ארבייט; דער צווייטער סארט, וועלכען מען קאן אנרופען די צו־ טיילונג פון דער ארבייט אין בעזונדערן, איז די צוטיילונג פון יעדער פראדוק־ ציאנס־נאטונג אין מינים.... דער דריטער סארט, וועלכען מען דארף בעציי־ כענען אלס די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דעם ענגערן זין, איז די צוטיילונג, וואס קומט פאר אין די איינצעלנע מלאכות און פראפעסיאנען... וועלכע פער־ נעהמען א פלאץ אין די מעהרסטע מאנופאקטורען און ווערקשטאטען." (סקארבעק, „טעאריע דע רישען סאסיאל", 2טע אויפלאגע, פאריז 1840, ב. 1, ז. 84 און 85.)

*[60] אין א נאטע צו דער דריטער אויפלאגע בעמערקט אויף דעם ענגעלס ווי פאלגט: „שפעטערע זעהר גרינדליכע שטודיען וועגען דעם פרימיטיווען מענשליכען צושטאנד האבען געפיהרט דעם פערפאסער צו דעם שלוס, אז נים די פאמיליע האט זיך אורשפרינגליך ענטוויקעלט אין דעם שטאם, נאר פערקעהרט, דער שטאם איז געווען די פרימיטיווע, פון־זיך ענטוויקעלטע פארם פון מענש־

אַרבייט־פּראָצעס רופט אַרויס נייע צוזאַמענפּאַסענדע פונקציעס, וועלכע זיינען גאָר ניט פאָרגעקומען אין דער האַנדווערק־אינדוסט־ריע, אָדער ניט אין דעמזעלבען אומפאַנג. די רעלאַטיווע פערקלע־נערונג פון'ם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, וועלכע נעהמט זיך פון דעם, וואָס די קאָסטען אויסצולערנען זיך די אַרבייט פאַלט אַרונטער אָדער ווערט פערמינערט, שליסט דירעקט איין אַ העכערע פערוועהרטונג פון קאַפּיטאַל, וואָרים אַלץ, וואָס עס פערקירצט די נויטווענדיגע צייט אויף צו רעפּראָדוצירן די אַרבייט־קראַפט, פער־ברייטערט דעם געביט פון דער מעהר־אַרבייט.

4. צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופאַקטור און צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער געזעלשאַפט.

מיר האָבען צוערשט בעטראַכט דעם אורשפּרונג פון דער מאַנו־פאַקטור, דערנאָך איהרע איינפאַכע עלעמענטען, דעם טייל־אַרביי־טער און זיין ווערקצייג, און ענדליך איהר מעכאַניזם אינגאַנצען גענומען. איצט וועלען מיר קורץ בעריהרן די שייכות צווישען דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער אַרבייט און דער געזעל־שאַפטליכער צוטיילונג פון דער אַרבייט, וועלכע שטעלט צוזאַמען די אַלגעמיינע גרונדלאַגע פון יעדער סחורה־פּראָדוקציאָן.

ווען מען זאָל האָבען אין אויג נאָר די אַרבייט אַליין, קאָן מען בעצייכענען די אָבזונדערונג פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן אין איהרע גרויסע גאַטונגען, ווי אַגריקולטור, אינדוסטריע א.אז.וו., אַלס צוטיילונג פון דער אַרבייט *אין אַלגעמיינעם*, די אָבזונדערונג פון אָט די פּראָדוקציאָנס־גאַטונגען און מינים און אונטער־מינים אַלס צוטיילונג פון דער אַרבייט *אין בעזונדערן*, און די צוטיילונג פון דער אַרבייט אינערהאַלב אַ ווערק־שטאַט אַלס צוטיילונג פון דער אַרבייט *אין איינצעלנעם*.[60]

די צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער געזעלשאַפט און די בע־גרענקונג פון די איינצעלנע צו בעזונדערע ספערען פון פּראָפע־

פערפאלקאמען זיך דורך איבונג אין איין ספעציעלען פונקט, איז ער געווארן א בילינערער ארבייטער." (אורע, ד. נ., ז. 19.)

[60] „די צוטיילונג פון דער ארבייט הויבט אן מיט דער אבזונדערונג פון די

דונג פון שטאַדט און לאַנד.[51] מען קאָן זאָגען, אַז די גאַנצע עקאָנאָמישע געשיכטע פון דער געזעלשאַפט איז צוזאַמענגעפאַסט אין דער בעוועגונג פון אָט דעם געגענזאַץ; מיר וועלען אָבער דאָ זיך לענגער ניט אָבשטעלען אויף דעם פּונקט.

פּונקט ווי אַ געוויסע צאָהל פון גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע אַרבייטער איז דער מאַטעריעלער תנאי פאַר דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער מאַנופאַקטור, אַזוי איז די גרויס פון דער בעפעלקערונג און איהר געדיכטקייט, וואָס האָט דיזעלביגע בעדייטונג ווי די צונויפגעדרענגטקייט פון די אַרבייטער אין דעמזעלבען ווערקשטאַט, אַ נויטיגער בעדינג פאַר דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער געזעלשאַפט.[52] די דאָזיגע געדיכטקייט איז אָבער אַ רעלאַטיווע זאַך. אַ פערהעלטניסמעסיג שיטער בעפעלקערטעס לאַנד, וואָס האָט ענטוויקעלטע פערקעהר־מיטלען, בעזיצט אַ געדיכטערע בעפעלקערונג, איידער אַ מעהר־בעפעלקערט לאַנד מיט ניט־ענטוויקעלטע פערקעהר־מיטלען; און אין דעם זין זיינען צום ביישפּיעל די צפון־שטאַאטען פון אַמעריקא געדיכטער בעפעלקערט איידער אינדיע.[53]

---

[51] אָם בעסטען האָט אָט דעם פּונקט בעהאַנדעלט סער דזשיימס סטואַרט. ווי ווענינ בעקאַנט זיין ווערק, וואָס איז ערשיענען 10 יאָהר פאַר אַדאַם סמיטה'ס „וועלטה און ניישאַנס", איז היינטיגען טאָג, קאָן מען זעהן צווישען אַנדערעס דערפון, וואָס מאַלטוס'עס בעוואונדערער ווייסען אפילו ניט, אַז אין דער ערשטער אויסגאַבע פון זיין שריפט איבער דעם „בעפעלקערונגס־געזעץ" האָט מאַלטוס, אַ חוץ דעם ריין־דעקלאַמאַטאָרישען טייל, כמעט מעהר נישט געטאָן ווי איבערגעשריבען סטואַרט'ן, און אין אַ קלענערן טייל אויף די גלחים וואַליים און טאַונסענד.

[52] „אַ בעשטימטע געדיכטקייט פון דער בעפעלקערונג פאָדערט זיך פּונקט אַזוי גוט פאַר דעם געזעלשאַפטליכען פערקעהר, ווי אויף פאַר יענער פעראייניגונג פון קרעפטען, דורך וועלכער די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט ווערט פערגרעסערט." (דזשיימס מילל, עלעמענטס און פּאָליטיקאַל עקאָנאָמי", לאָנדאָן 1821, ז. 50.) „מיט דער פערגרעסערונג פון דער צאָהל אַרבייטער שטייגט די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער געזעלשאַפט לפי ערך פון דער דאָזיגער פערגרעסערונג, מולטיפּליצירט מיט דעם ערפאָלג פון דער אַרבייטס־צוטיילונג." (Th. Hodgskin, Popular Political Economy", p. 120.)

[53] מחמת דער גרויסער נאָכפראַגע אויף באַוועל זינט דעם יאָהר 1861, האָט

נאר פאמיליען, שטאמען א.אז.וו. פערשיידענע געמיינדען געפינען אין זייער נאטירליכער אומגעבונג פערשיידענע פראדוקציאנס־מיטלען און פערשיידענע לעבענס־מיטלען. זייער אופן פון פראדוקציאן, ווי זייער ארט לעבען און זייערע פראדוקטען, זיינען דעריבער פערשיידען. אט די נאטירליכע פערשיידענהייט איז עס, וואס רופט ארויס, בעת די געמיינדען קומען אין געגענזייטיגער בעריהרונג, דעם אויסטויש פון זייערע פראדוקטען, און ממילא די שטופענווייזע פערוואנדלונג פון די דאזיגע פראדוקטען אין סחורות. דער אויסטויש בעשאפט ניט דעם אונטערשייד צווישען די פראדוקציאנס־ספערען, נאר ער ברענגט דאס פערשיידענע אין א שייכות איינע צו די אנדערע און פערוואנדעלט זיי אויף דעם אופן אין מעהר אדער וועניגער איינע פון די אנדערע אבהענגיקע צווייגען פון איין געזעלשאפטליכער קאלעקטיוו־פראדוקציאן. די געזעלשאפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט ענטשטעהט דא דורך דעם אויסטויש צווישען פראדוקציאנס־ספערען, וועלכע זיינען לכתחילה פערשיידענע און אונאבהענגיקע איינע פון די אנדערע. דארט, וואו די פיזיאלאגישע צוטיילונג פון דער ארבייט איז דער אנהויב־פונקט, רייסען זיך אב די בעזונדערע ארגאנען פון א דירעקט־צוזאמענגעהעריגען גאנצען, צעברעקלען זיך—דעם הויפט־שטויס צו אט דעם פראצעס פון צעברעקלונג גיט דער סחורה־אויסטויש מיט פרעמדע געמיינדען—און פערזעלבשטענדיגען זיך ביז צו דעם פונקט, וואו די פערשיידענע ארבייטען בעקומען ווידער א צוזאמענבונד דורך דעם אויסטויש פון די פראדוקטען אלס סחורות. אין איין פאל ווערן די פריהער־זעלבשטענדיגע אונזעלבשטענדיג, אין דעם אנדער פאל קומט פאר א פערזעלבשטענדיגונג פון די פריהער־אונזעלבשטענדיגע.

די גרונדלאגע פון יעדער ענטוויקעלטער צוטיילונג פון דער ארבייט, וואס קומט דורך דעם סחורה־אויסטויש, איז די צושיי־

ליכען צוזאמענלעבען, געבויט אויפ'ן יסוד פון בלוט־פערוואנדשאפט, און נאר ווען די שטאם־בענדער האבען זיך גענומען אויפלעזען, האבען די פיעלפאכיג פערשיידענע פארמען פון דער פאמיליע זיך אנגעהויבען צו ענטוויקלען."

דענע פאַרמען, וואָס דערזעלבינער רויה־שטאָף קאָן בעקומען. אַזוי איז שוין אין דער ערשטער העלפט פון 18טען י.ה. געוועבט געוואָרן אין פראַנקרייך אַליין איבער 100 פערשיידענאַרטיגע זיידען־צייג, און אין אַוויניאָן צ.ב.ש. איז געווען אַ געזעץ, אַז „יעדער לעהרלינג מוז זיך אײנגאַנצען אָבגעבען צו איין סאָרט פאבריקאַציע און טאָר זיך ניט לערנען צו מאַכען מעהרערע סאָרטען צייג אין דערזעלביגער צייט.“ די טעריטאָריעלע צוטיילונג פון דער אַרבייט, וואָס בעשרענקט ספּעציעלע פּראָדוקציאָנס־צווייגען צו ספּעציעלע בעצירקען פון לאַנד, בעקומט אַ נייעם אָנשטויס דורך דער מאַנופאַקטור־סיסטעם, וועלכער עקספּלואַטירט אַלע ספּעציעלע אומשטענדען.[55] דער קאָלאָניאַל־סיסטעם און די אויסברייטערונג פונ׳ם וועלט־מאַרק, וואָס געהען אַריין אין דעם קרייז פון די אַלגעמיינע עקזיסטענץ־בעדינגונגען פון דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, שטעלען־צו אַ רייכען מאַטעריאַל פאַר דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אינערהאַלב פון דער געזעלשאַפט. דאָ איז ניט דער אָרט צו בעווייזען ווייטער, ווי אַזוי די צוטיילונג פון דער אַרבייט כאַפּט אַרום ניט נאָר די עקאָנאָמישע, נאָר אויך יעדע אַנדערע געזעלשאַפטליכע ספערע, און לעגט אומעטום אַוועק דעם יסוד פאַר דער אויסבילדונג פון דעם פאַך־סיסטעם, פון ספּעציאַליטעטען, און פון אַ צעברעקלונג פונ׳ם מענשען, וואָס האָט געמאַכט, אַז א. פערגוסאָן, אַדאַם סמיטה׳ס לעהרער, זאָל שוין אויסשרייען: „מיר שאַפען אַ נאַציאָן פון העלאָטען און האָבען ניט מעהר קיין פרייע בירגער.“[56]

ניט קוקענדיג אָבער אויף די צאָהלרייכע אַנאַלאָגיען און צוזאַמענהאַנגען צווישען דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אין תוך פון דער געזעלשאַפט און דער צוטיילונג אינעווייניג אין ווערק־

[55] „איז ניט ענגלאַנד׳ס וואָלענס־מאַנופאַקטור אָבגעזונדערט אין פערשיידענע טיילען אָדער צווייגען, וועלכע זיינען געבונדען צו ספּעציעלע געגענדען, וואו זיי קאָנען אויסשליסליך אָדער הויפּטזעכליך פּראָדוצירט ווערען — פיינע טוך אין סאָמערסעטשיר, גראָבע אין יאָרקשיר, טאָפּעל־ברייטע אין עקסעטער, סרעפּפּס אין סאַדבורי, קרעפּ אין נאָריטש, האַלב־וואָלענצייג אין קענדאַל, דעקען אין וויטני א.אז.וו.?“ (Berkley, “The Querist”, 1750, § 520.)

(A. Ferguson, “History of Civil Society”, Edinburgh 1776, part IV, sec. II, p. 285.)

אַזוי ווי די פּראָדוקציאָן און צירקולאַציע פון סחורות זיינען דער אַלגעמיינער תנאי קודם פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, פאָדערט די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט אַ ביז אַ געוויסען ענטוויקלונגס־גראַד שוין צייטיג־געוואַרענע צוטיילונג פון דער ארבייט אין תוך פון דער געזעלשאַפט. פערקעהרט וויעדער, די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער אַרבייט ענטוויקעלט און פערפיעלפאַכט צוריקווירקענדיג די געזעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט. צוזאַמען מיט דער דיפערענצירונג פון די אַרבייט־אינסטרומענטען, דיפערענצירן זיך אַלץ מעהר און מעהר די אינדוסטריען, וועלכע פּראָדוצירן די דאָזיגע אינסטרומענטען.[54] ווען דער מאַנופאַקטור־סיסטעם נעהמט אריין אַ אינדוסטריע, וועלכע איז ביזאהער אָנגעפיהרט געוואָרן אַלס הויפּט־ אָדער נעבען־אינדוסטריע אין צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערע, און דורך דיזעלבינע פּראָדוצירער, קומט גלייך פאָר אַ פאַנאַנדערטיילונג צווישען זיי און אַ געגענזייטיגע פערזעלבשטענדיגונג פון יעדערער. ווען ער נעהמט אריין איין בעזונדערע פּראָדוקציאָן־שטופע פון אַ סחורה, ווערן די אַנדערע שטופען פון איהר פּראָדוקציאָן פערוואַנדעלט אין פערשיידענע אונאָבהענגיקע אינדוסטריען. עס איז שוין אָנגעדייטעט געוואָרן, אז וואו דער פאַרטיגער פּראָדוקט איז בלויז אַ מעכאַנישע צונויפשטעלונג פון טייל־פּראָדוקטען, קאָנען די טייל־אַרבייטען וויעדער ווערן זעלבשטענדיגע מלאכות. כדי פאָלקאָמענער דורכצופיהרן די צוטיילונג פון דער ארבייט אין אַ מאַנופאַקטור, ווערט דערזעלבינער פּראָדוקציאָנס־צווייג צושפּאָלטען אין פערשיידענע, טיילווייז גאַנץ נייע מאַנופאַקטורען—לויט דער פערשיידענהייט פון זיינע רויה־שטאָפען, אָדער לויט די פערשיי־

זיך אין איינינע צאַהלרייך בעפעלקערטע געגענדען פון אסט־אינדיע פערגרעסערט די באַוועל־פּראָדוקציאָן אויף'ן חשבון פון דער רייז־פּראָדוקציאָן. אין פיעלע ערטער האָט דעריבער אויסגעבראָכען אַ הונגער, ווייל צוליעב דעם דוחק אין פערקעהר־מיטלען און פאַלגליך דעם דוחק אין אַ פיזישען צוזאַמענהאַנג, האָט דער רייז־דורכפאַל אין איין געגענד ניט געקאָנט אויסגעגליכען ווערן דורך דעם אריינפיהר פון אַנדערע געגענדען.

[54] אַזוי האָט די פאַבריקאַציע פון דעם וועבער־שיפעל שוין אין משך פון 17טען י.ה. געבילדעט אַ בעזונדערן אינדוסטריע־צווייג אין האָלאַנד.

זייערע פּראָדוקטען עקזיסטירן אַלס סחורות. וואָס כאַראַקטעריזירט, פערקעהרט, דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט? דאָס, וואָס דער טייל־ארבייטער פּראָדוצירט ניט קיין סחורות? [58] דער געמיינשאַפטליכער פּראָדוקט פון די טייל־ארבייטער ווערט ערשט אַ סחורה.[58*] די צוטיילונג פון דער ארבייט אין תוך פון דער געזעלשאַפט ווערט צו שטאַנד געבראַכט דורך דעם קויף און פערקויף פון די פּראָדוקטען פון פערשיידענע ארבייט־צווייגען, בעת דער צוזאַמענהאַנג פון די טייל־ארבייטען אין דער מאַנופאַקטור קומט צו שטאַנד דורך דעם פערקויף פון פערשיידענע ארבייט־קרעפטען צו דעמזעלביגען קאַפּיטאַליסט, וועלכער פערטהוט זיי ווי אַ קאָמבינירטע ארבייט־קראַפט. די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט איז משער אַ פריהערדיגע קאָנצענטראַציע פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין די הענד פון איין קאַפּיטאַליסט; די געזעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט—אַ צושפּליטערונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען צווישען פיעלע איינע פון די אַנדערע אונאָבהענגיקע סחורה־פּראָדוצירער. בעת דאָס אייזערנע געזעץ פון דער לפי ערך־צאָהל אָדער פּראָפּאָרציאָנאַליטעט בינדט אין דער מאַנופאַקטור בעשטימטע ארבייטער־מאַסען צו בע־

וויטער, ווי צאהללאזע און פערשיידענארטיגע אינדוסטריעז טראגען ביי זייער חלק צו בעפריעדיגען די בעדערפענישען פון א פראסטען ארבייטער, איז קאפיערט כמעט ווארט פאר ווארט פון ב. דע מאנדעוויל'ס בעמערקונגען צו זיין בוך „פאבל און דהי ביז“ (די ערשטע אויסגאבע אהן די בעמערקונגען איז 1706, מיט די בעמערקונגען אין 1714).

[58] „עס איז שוין מעהר גארנישט דא, וואס מיר זאלען קאנען אנרופען דער נאטירליכער לוין פאר דער ארבייט פון דעם איינצעלנעם. יעדער ארבייטער פראדוצירט נאר א טייל פון עפעס א גאנצעס, און אזוי ווי יעדער טייל פאר זיך אליין האט ניט קיין ווערטה און קיין נוצען, איז גאר נישטא וואס דער ארבייטער זאל קאנען אנכאפען און זאגען: דאס איז דער פראדוקט פון מיין ארבייט, דאס וויל איך האלטען פאר זיך.“ ("Labor Dependent Against the Claims of Capital", London 1825, p. 25.) דער פערפאסער פון אט דער אויס־געצייכענטער שריפט איז דער פריהער־ציטירטער Thomas Hodgkins.

[58*] נאטע צו דער צווייטער אויסגאבע. וועגען אט דעם אונטערשייד צווישען געזעלשאפטליכער און מאנופאקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט האבען

שטאָט, זיינען זיי ביידע פערשיידען ניט נאָר אין גראַד, נאָר אויך אין עצם. אַם קלאָרסטען דוכט זיך, אַז די אַנאַלאָגיע לאָזט זיך ניט אָבפרעגען, דאָרט וואו אַ אינעווענינגסטער [אונזיכטבארער] באַנד כאַפּט אַרום פערשיידענע געשעפט־צווייגען. דער פיה־ציכטער צום ביישפּיעל פּראָדוצירט פעל, דער גאַרבער פערוואַנדעלט די פעל אין לעדער, דער שוסטער מאַכט פון די לעדער שטיוועל. יעדערער פּראָדוצירט דאָ אַ שטופען־פּראָדוקט, און די לעצטע פאַרטיגע געשטאַלט איז דער קאָמבינירטער פּראָדוקט פון זייערע בעזונדערע אַרבייטען. צו דעם קומען נאָך צו די פערשיידענע אַרבייטצווייגען, וועלכע שטעלען־צו די פּראָדוקציאָנס־מיטלען פאַר דעם פיה־ציכטער, גאַרבער און שוסטער. מען קאָן, אַלזאָ, זיך פאָרשטעלען, צוזאַמען מיט אַדאַם סמיטה, אַז אָט די געזעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער אַרבייט אונטערשיידט זיך פון דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער אַרבייט בלויז סוביעקטיוו, ד.ה. בלויז פאַר דעם בעאָבאַכטער, וועלכער קאָן אין דער מאַנופאַקטור זעהן מיט איין קוק די פיעלפאַכיגע טייל־אַרבייטען צוזאַמען אין איין פּלאַץ, בעת אין דער געזעלשאַפט איז דער צוזאַמענהאַנג פאַרשטעלט, צוליעב דעם וואָס די אַרבייט איז צעוואָרפען איבער גרויסע שטח'ן און צוליעב דער גרויסער צאָהל אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין יעדען בעזונדערן צווייג.[57] וואָס אָבער שטעלט צוזאַמען דעם צוזאַמענהאַנג צווישען די אונאָבהענגיקע אַרבייטען פון דעם פיה־ציכטער, דעם גאַרבער און דעם שוסטער? דער פאַקט, וואָס

---

[57] אין די אייגענטליכע מאַנופאַקטורען, זאָגט ער, זעהט זיך אַז די צוטיילונג פון דער אַרבייט גרעסער, ווייל „די, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין יעדען פערשיידענעם אַרבייט־צווייג, געפינען זיך אָפט אין דעמזעלבינגען ווערקשטאָט צוזאַמען און אַ בעאָבאַכטער קאָן זיי אַלעמען זעהן מיט איין בליק. אין די גרויסע מאַנופאַקטורען (!) אָבער, וועלכע מוזען בעפריעדיגען די נויטווענדיגע בעדערפעניסען פון דער גרויסער מאַסע פון פאָלק, בעשעפטיגט יעדער איינצעלנער אַרבייטצווייג אַזאַ גרויסע צאָהל אַרבייטער, אַז עס איז אונמעגליך זיי אַלעמען צונויפצוברענגען אין איין אַרבייט־הויז. . . . די צוטיילונג איז ווייט ניט אַזוי קענטיג.“ (אַדאַם סמיטה, „וועלטה און ניישאַנס, בוך 1, קאַפּיטעל 1.) דער בעריהמטער פּאַראַגראַף אין דעמזעלבינגען קאַפּיטעל, וועלכער פאַנגט זיך אַן מיט די ווערטער: „בעטראַכט די בעקוועמליכקייטען פון דעם געוועהנליכסטען בעל מלאכה אָדער טאָג־אַרבייטער אין אַ ציוויליזירטען און בליהענדען לאַנד“ א.אז.וו. און מאַלט

אַקציע אַנטקעגען דער שטענדיגער צערשטערונג פון דעם גלייכגעוויכט. די נאָרמע, וואָס ווערט דורכגעפיהרט ביי דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אינעווענינ אין ווערקשטאַט אַ פּריאָרי [לכתחילה] און פּלאַנמעסיג, ווירקט ביי דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אין תוך פון דער געזעלשאַפט נאָר אַ פּאָסטעריאָרי [לאחר המעשה], ווי אַ אינערליכע, שטומע נאַטור־נויטווענדיגקייט, וואָס איז גובר דעם רעגעללאָזען קאַפּריז פון די פּראָדוצירער, און לאָזט זיך געוואָהר ווערן אין די באַראָמעטרישע שוואַנקונגען פון די מאַרק־פּרייזען. די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער אַרבייט איז משער די אונבעדינגטע אויטאָריטעט פון דעם קאַפּיטאַליסט איבער מענשען, וועלכע זיינען נישט מעהר ווי גליעדער פון איין גאַנצען מעכאַניזם, וואָס געהערט צו איהם; די געזעלשאַפטליכע צוטיילונג פון דער אַרבייט שטעלט אַוועק איינע אַנטקעגען די אַנדערע אונאָבהענגיקע סחורה־פּראָדוצירער, וועלכע אָנדערקענען ניט קיין אַנדער אויטאָריטעט אַ חוץ פון דער קאָנקורענץ, פון דעם צוואַנג, וואָס דער דרוק פון זייערע געגענזייטיגע אינטערעסען איבט אויף זיי אויס—פּונקט ווי *דער בעלום אָמניום קאָנטראַ אָמנעס* [דער קאַמף פון אַלע אַנטקעגען אַלע] אין דער טהיערען־וועלט האַלט אויף מעהר אָדער וועניגער די עקזיסטענץ־בעדינגונגען פון אַלע מינים. דאָסזעלביגע בירגערליכע בעוואוסטזיין, וואָס פייערט די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער אַרבייט—די לעבענסלענגליכע געבונדענקייט פון דעם אַרבייטער צו איין טייל מלאכה און די אונבעדינגטע אונטערוואָרפענקייט פון דעם טייל־אַרבייטער אונטער דעם קאַפּיטאַל—אַלס אַן אָרגאַניזאַציע פון דער אַרבייט, וועלכע פּערגרעסערט איהר פּראָדוקטיוו־קראַפט, בראַנדמאַרקט פּונקט אַזוי שרייעריש יעדען בעוואוסטזיניגען געזעלשאַפטליכען קאָנטראָל און יעדע רעגולירונג פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אַלס אַן אָנגריף אויף די הייליגע אייגענטום־רעכטען, אויף דער פרייהייט און דער זיך־אַליין־בעשטימענדע „געניאַליטעט“ פון דעם אינדיווידועלען קאַפּיטאַליסט. עס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, אַז די בעגייסטערטע אַפּאָלאָגעטען פון דעם פאַבריק־סיסטעם געפינען ניט קיין ערגערע זאַך צו זאָגען אַנטקעגען יעדער אַלגעמיינער אָרגאַני־

שטימטע פונקציעס, איז די פערטיילונג פון די סחורה־פּראָדוצירער
און זייערע פּראָדוקציאָנס־מיטלען צווישען די פערשיידענע געזעל־
שאַפטליכע ארבייט־צווייגען אַ מעשה פון צופאַל און קאַפּריז. אמת,
די פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־ספערען זוכען שטענדיג זיך צו
האַלטען אין גלייכגעוויכט, וואָרים פון איין זייט מוז יעדער סחורה־
פּראָדוצירער פּראָדוצירן אַ געברויך־ווערטה, ד.ה. ער מוז בעפריע־
דיגען אַ בעזונדערע געזעלשאַפטליכע בעדערפעניש, און אזוי ווי דער
אומפאַנג פון די דאָזיגע בעדערפענישען איז קוואַנטיטאַטיוו פער־
שיידען, געפינט זיך אַ אינערליכער באַנד, וואָס קעטעלט צוזאַמען
די פערשיידענע מאַסען בעדערפענישען אין איין פון־זיך־ענטוויקעל־
טען סיסטעם; פון דער אַנדער זייט בעשטימט דאָס געזעץ פון
דעם ווערטה פון סחורות וויפיעל די געזעלשאַפט קאָן אויסגעבען פון
דער גאַנצער ארבייט־צייט, וואָס שטעהט אין איהר רשות, אויף
דער פּראָדוקציאָן פון יעדען מין סחורה בעזונדער. אָבער אָט די
שטענדיגע טענדענץ פון די פערשיידענע פּראָדוקציאָן־ספערען זיך
צו האַלטען אין אַ גלייכגעוויכט, פערווירקליכט זיך נאָר אַלס רע־

די יאַנקיס נעקרינען א פראקטישע אילוסטראציע. איינע פון די נייע שטייערן, וואס זיי האבען אויסגעקלערט אין וואשינגטאן אין דער צייט פונ'ם בירגער־קריעג, איז געווען אן ארויפלעג פון 6 פראצענט אויף אלע „אינדוסטריעלע פראדוקטען". פראגע: וואס איז א אינדוסטריעלער פראדוקט? דער ענטפער פונ'ם געזעצ־געבער: א זאך איז פראדוצירט, „ווען זי איז געמאכט" (when it is made) און זי איז געמאכט, ווען זי איז פארטיג פאר'ן פערקויף. לאמיר נעהמען איין ביישפיעל פון פיעלע. די פאבריקען אין ניו יארק און פילאדעלפיא פלעגען פריהער „מאכען" רעגענשירמס מיט אלע זאכען, וואס געהערט צו זיי. אזוי ווי אבער רעגענשירמס זיינען א „מיקסטום קאמפאזיטום" [א צוזאמענשטעלונג] פון פערשיידענארטיגע טיילען, זיינען די דאזינע טיילען ביסלעכוויז געווארן די פראדוקטען פון בעזונדערע אינדוסטריען, וואס ווערן אנגעפיהרט אונאבהענגיק און אין פערשיידענע פלעצער. זייערע טייל־פראדוקטען געהען איצט אריין ווי זעלבשטענדיגע סחורות אין דער מאנופאקטור פון רעגענשירמס, וועלכע שטעלט זיי נאר צונויף אין איין גאנצען ארטיקעל. די יאנקים האבען אזוינע פראדוקטען א נאמען נעגעבען „אסעמבלד ארטיקלס" [געזאמעלטע ארטיקלען], וואס זיי האבען ווירקליך פערדיענט אלס זאמעלפלעצער פון שטייערן. דער רעגענשירם האט אויף דעם אופן „פערזאמעלט" ערשטענס 6 פראצענט שטייער אויף דעם פרייז פון יעדערן פון זיינע עלעמענטען, און דאן ווידער אום 6 פראצענט אויף זיין אייגענעם טאטאלען פרייז.

אונאבהענגיק פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט, וואס ווערט דורכגעפיהרט אין דער אינדישער געזעלשאפט אלס גאנצעס דורך דעם אויסטויש פון סחורות. נאר דער עודף (איבערשוס) פון די פראדוקטען פערוואנדעלט זיך אין סחורה, און א טייל אפילו פון דעם אויך ערשט אין די הענד פונ'ם שטאאט, וועלכער קריגט אריין א בעשטימטען סכום, פון אייביגע צייטען, אלס נאטוראל־רענט. פערשיידענע טיילען פון אינדיע האבען פערשיידענע פארמען פון געמיינדען. אין דער איינפאכסטער פארם בעארבייט די געמיינדע די ערד געמיינשאפטליך און פערטיילט די פראדוקטען צווישען איהרע מיטגליעדער; אין דערזעלביגער צייט פערנעהמט זיך יעדע פאמיליע בעזונדער מיט שפינען, וועבען א.ד.ג. אלס הויזליכע זייטיגע מלאכות. נעבען דער מאסע, וואס איז בעשעפטיגט מיט דעמזעלבען סארט ארבייט, געפינען מיר: דעם „ראש הקהל", וועלכער איז ריכטער, פאליצמייסטער און שטייערען־קלייבער אין איין פערזאן; דעם בוכהאלטער, וועלכער פערצייכענט און פיהרט די חשבונות פון דער ערד־ארבייט און אלץ, וואס איז נוגע דערצו; א דריטען בעאמטען, וועלכער פערפאלגט די פערברעכער, בעשיצט פרעמדע רייזענדע און בעגלייט זיי פון איין דארף ביז דעם אנדערן; דעם גרעניץ־מאן, וועלכער בעוואכט די גרעניצען פון דער געמיינדע אנטקעגען די שכנ'ישע געמיינדען; דעם וואסער־אויפזעהער, וועלכער טיילט אויס דאס וואסער פון די געמיינשאפטליכע רעזערוואארען פאר די צוועקען פון איריגאציע; דעם בראהמאן, וועלכער ערפילט די פונקציעס פון דעם רעליגיעזען קולט; דעם לעהרער, וועלכער לערנט די קינדער פון דער געמיינדע שרייבען און לעזען אין זאמד; דעם לוח־בראהמאן, וועלכער צייגט אן אלס אסטראלאג די צייטען פאר זעען, שניידען און די גוטע און שלעכטע שטונדען פאר אלע ספעציעלע ערד־ארבייטען; א שמיעד און א סטאליער, וועלכע מאכען און פעררירכטען אלע ווערק־צייג וואס געהערן צום אקער־בוי; דעם טעפער, וועלכער מאכט אלע כלים פאר'ן גאנצען דארף; דעם צירולניק; דעם וואשער, וואס רייניגט די קליידער; דעם זילבער־שמיעד, און אין געוויסע פעלען דעם פאעט, וועלכער פערנעהמט אין אייניגע געמיינדען דעם פלאץ פונ'ם זילבער־שמיעד און אין אנדערע דעם פלאץ פונ'ם לעהרער. אט דער טוצען פער־

זאַציע פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, ווי נאָר, אַז זי וועט די גאַנצע געזעלשאַפט פערוואַנדלען אין אַ פאַבריק.

אויב די אַנאַרכיע פון דער געזעלשאַפטליכער און די דעספּאָטיע פון דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער אַרבייט זיינען אַ תנאי איינע פאַר דער אַנדערער אין דער געזעלשאַפט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, שטעלען פערקעהרט פאַר די פריהערדיגע געזעלשאַפט־פאָרמען, אין וועלכע די אָבזונדערונג פון די מלאכות האָט זיך נאַטירליכערהייט ענטוויקעלט, דערנאָך קריס־טאַליזירט און לסוף זיך געזעצליך בעפעסטיגט, פון איין זייט דאָס בילד פון אַ פּלאַן־ און אויטאָריטעט־מעסיגער אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, בעת פון דער אַנדער זייט שליסען זיי די צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דעם ווערקשטאַט גאָר אינגאַנצען אויס, אָדער זיי ענטוויקלען זי נאָר אויף אַ קאַרליקשען מאָסשטאַב, אָדער נאָר ספּאָראַדיש און צופעליג.[59]

יענע אור־אַלטע, קליינע אינדישע געמיינדען צום ביישפּיעל, וועלכע עקזיסטירן נאָך טיילוויז עד היום, זיינען געבויט אויף דעם געמיינשאַפטליכען בעזיץ פון גרונד און באָדען, אויף אַ דירעקטער פערבינדונג פון אַגריקולטור מיט האַנדווערק און אויף אַ פעסטער צוטיילונג פון דער אַרבייט, וועלכע דיענט אַלס פאַרטיגער פּלאַן און אופן פון אַרבייט פאַר יעדער ניי־געגרינדעטער געמיינדע. יעדע געמיינדע, וועלכע פערנעהמט אַ שטח פון 100 ביז איניגע טויזענד אַקער, שטעלט צוזאַמען אַ גאַנצעס, וואָס פּראָדוצירט אַלץ וואָס עס האָט נויטיג פאַר זיך. די הויפּט מאַסע פון די פּראָדוקטען ווערט פּראָדוצירט פאַר דעם דירעקטען אייגענעם געברויך פון דער גע־מיינדע, ניט אַלס סחורה, און דעריבער איז די פּראָדוקציאָן גופא

[59] „מען קאַן עס אוועקשטעלען ווי אַן אַלגעמיינעם כלל: וואָס וועניגער די אויטאָריטעט געוועלטיגט איבער דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אין דער גע־זעלשאַפט, אַלץ מעהר ענטוויקעלט זיך די צוטיילונג פון דער אַרבייט אינעווייניג אין ווערקשטאַט, און אַלץ מעהר איז זי אונטערוואַרפען אונטער דער אויטאָריטעט פון אַן איינצעלנעם. עס קומט אויף דעם אופן אויס, אַז די אויטאָריטעט אין ווערקשטאַט און די אויטאָריטעט אין דער געזעלשאַפט שטעהען איינע צו דער אַנדערער בנוגע דער אַרבייט־צוטיילונג אין אַ פערקעהרטער פּראָפּאָרציע.“ (קאַרל מאַרקס, „דאָס עלענד דער פילאָסאָפיע“, 2טע אויפלאַגע, שטוטגאַרט 1892, ז. 120.)

פאקט וואס שטעלט פאר אזא אויפפאלענדען קאנטראסט צו דער שטענדיגער אויפלעזונג און ווידער־אויפבויאונג פון די אזיאטישע שטאאטען און צו דער אונאויפהערליכער ענדערונג פון דינאסטיען. די סטרוקטור פון די עקאנאמישע גרונד־עלעמענטען פון דער געזעל־שאפט בלייבט אומבעריהרט פון די שטורם־וואלקענס פון פאליטי־שען הימעל.

די צעך־געזעצען, ווי עס איז שוין פריהער בעמערקט געווארן, האבען פלאנמעסיג געשטערט די פערוואנדלונג פון דעם צעך־מייס־טער אין א קאפיטאליסט דורך דער שטרענגסטער בעשרענקונג פון דער צאהל געזעלען, וואס ער האט געמעגט בעשעפטיגען. אזוי אויך האט ער נאר געקאנט בעשעפטיגען געזעלען אין דעם אויסשליסליכען האנדווערק, פון וואס ער איז אליין געווען דער מייסטער. דער צעך האט אייפערזיכטיג בעקעמפט יעדעס אריינדרינגען פון דעם סוחר'י־שען קאפיטאל—די איינציגע פרייע פארם פון קאפיטאל, מיט וועל־כער ער איז געקומען אין בעריהרונג. דער סוחר האט געקאנט קויפען אלע סחורות, נאר ניט די ארבייט אלס סחורה. מען האט איהם געלאזט עקזיסטירן נאר אלס אויפקויפער פון די האנדווערק־פראדוקטען. ווען אויסערליכע אומשטענדען האבען ארויסגערופען א ווייטערדיגע צוטיילונג פון דער ארבייט, האבען זיך די בעשטע־הענדע צעכען צושפאלטען אין אונטער־מינים, אדער נייע צעכען האבען זיך געגרינדעט נעבען די אלטע, אבער אהן א צוזאמענפא־סונג פון די פערשיידענע האנדווערקען אין איין ווערקשטאט. ווי־פיעל די אבזונדערונג, איזאלירונג און די אויסבילדונג פון די מלאכות פון דער צעך־ארגאניזאציע זאל ניט האבען בייגעטראגען צו די מא־טעריעלע עקזיסטענץ־בעדינגונגען פון דער מאנופאקטור־פעריאדע, האט זי אבער אויסגעשלאסען די מאנופאקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט. בכלל גענומען איז דער ארבייטער און זיינע פרא־דוקציאנס־מיטלען געבליבען פערבונדען איינע מיט די אנדערע, ווי דער שנעק מיט זייןביידעל, און פאלגליך האט געפעהלט די ערשטע

צו וועלכען הערשער איז די הענד ער פאלט אריין. די ווירטשאפט אינעווייניג אין דארף בלייבט אומפערענדערט." (Th. Stamford Raffles, late lieut. Gov. of Jāva; "The History of Java", London 1817, Vol. II, p. 285.)

זאָגען ווערט אויסגעהאַלטען אויף די קאָסטען פון דער גאַנצער געמיינדע. וואַקסט די בעפעלקערונג, בויט זיך אויף אַ נייע געמיינדע אויף אַ ניט־בעאַרבייטען באָדען נאָך דעם מושטער פון דער אַלטער. דער געמיינדע־מעכאַניזם צייגט אַרויס אַ פּלאַנמעסיגע צוטיילונג פון דער אַרבייט, אָבער אַ מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג איז דאָ אונמעגליך, היות ווי דער מאַרק פאַר די אַרבייטען פון דעם שמיעד, דעם סטאָליער א.אז.וו. בלייבט אומפערענדערט, נאָר עס קאָן העכסטענס פּאַרקומען, לויט דעם אונטערשייד אין דער גרויס פון די דערפער, אַנשטאַט איין שמיעד, אָדער איין טעפּער א.אז.וו., צוויי אָדער דריי זייערע.[60] דאָס געזעץ, וואָס רעגולירט די צוטיילונג פון דער געמיינדע־אַרבייט, ווירקט דאָ מיט דער אונווידערשטעהליכער אויטאָריטעט פון אַ נאַטור־געזעץ, בעת יעדער בעזונדערער האַנדווערקער, ווי דער שמיעד א.אז.וו. פיהרט אויס אין זיין ווערקשטאַט אַלע אָפּעראַציעס, וואָס געהערען צו זיין פאַך, אויף אַ טראַדיציאָנעלען אופן, אָבער זעלבשטענדיג און אָהן אָנדערקענונג פון וועלכער עס איז אויטאָריטעט. דער איינפאַכער פּראָדוקטיווער אָרגאַניזם פון אָט די זיך אַליין אויפהאַלטענדע געמיינדען, וועלכע רעפּראָדוצירן זיך שטענדיג אין דערזעלביגער פאָרם, און בויען זיך ווידער אויף, ווען זיי ווערן צושטערט, אויף דעמזעלביגען אָרט און מיט דיזעלביגע נעמען,[61] גיבען דעם שליסעל צו דעם סעקרעט פון דער אונפערענדערליכקייט פון די אַזיאַטישע געזעלשאַפטען—אַ

---

[60] Lieut. Col. Mark Wilks, Historical Sketches of the South of India לאָנדאָן, 1810-17, ב. 1, ז. 118-20. אַ גוטע צוזאַמענשטעלונג פון דעם אינדישען געמיינדען־סיסטעם קאָן מען געפינען אין דזשאָרדזש קאַמפּבעל׳ס „מאָדערן אינדיאַ“, לאָנדאָן 1852.

[61] „אין אָט די איינפאַכע פאָרמען... האָבען די איינוואוינער פון לאַנד געלעבט פון אייביג אָן. די גרעניצען פון די דאָרף־געביטען זיינען נאָר זעלטען געענדערט געוואָרן, און הגם די דערפער זיינען נאָכאַנאַנד צושעדיגט און אַפילו פערניכטעט געוואָרן דורך מלחמות, הונגער און מגפות, האָבען זיך פונדעסטוועגען די נעמען, די גרעניצען, די אינטערעסען און אַפילו די פאַמיליען אויפגעהאַלטען דורך פיעלע דורות. די איינוואוינער קימערן זיך ניט וועגען דעם צוזאַמענברוך און דער צוטיילונג פון מלוכות; כל זמן דער דאָרף בלייבט ניט צוטיילט, אַהרט זיי ניט צו וועלכער מאַכט דער דאָרף נעהמט איבער אָדער

הענד פון דעם איינצעלנעם קאַפּיטאַליסט, אָדער די אַלץ־גרעסערע פערוואַנדלונג פון די געזעלשאַפטליכע לעבענס־מיטלען און פּראָדוקציאָנס־מיטלען אין קאַפּיטאַל, איז דעריבער אַ געזעץ, וואָס וואַקסט אַרויס פון דעם טעכנישען כאַראַקטער פון דער מאַנופאַקטור.[62]

אַזוי ווי אין דער איינפאַכער קאָאָפּעראַציע אַזוי איז אין דער מאַנופאַקטור דער פונקציאָנירענדער אַרבייטס־קערפּער אַן עקזיסטענץ־פאָרם פון קאַפּיטאַל. דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָנס־מעכאַניזם, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון פיעלע אינדיווידועלע טייל־אַרבייטער, געהערט צו דעם קאַפּיטאַליסט. די פּראָדוקטיוו־קראַפט, וואָס נעהמט זיך פון דער קאָמבינאַציע פון די אַרבייטען, ערשיינט דעריבער אַלס פּראָדוקטיוו־קראַפט פון קאַפּיטאַל. די ריכטיגע מאַנופאַקטור אונטערוואַרפט ניט נאָר דעם פריהער־זעלבשטענדיגען אַרבייטער אונטער דער קאָמאַנדע און דער דיסציפּלין פון קאַפּיטאַל, נאָר ער שאַפט אַ חוץ דעם אַ היעראַרכישע שטופען־איינטיילונג צווישען די אַרבייטער גופא. בעת די איינפאַכע קאָאָפּעראַציע לאָזט איבער דעם אופן פון דער אַרבייט פון די איינצעלנע בכלל אומפערענדערט, רעוואָלוציאָנירט איהם די מאַנופאַקטור פון גרונד אויס און פערכאַפּט די אינדיווידועלע אַרבייט־קראַפט מיט די וואָרצלען. זי מאַכט פון דעם אַרבייטער אַ משונה'דיגען קאַליקע, קולטיווירענדיג קינסטליך איין ספּעציעלע פעהיגקייט זיינע, דורך

---

[62] „עס איז ניט גענוג, אז דער קאפיטאל (ריכטיגער געזאגט, די נויטיגע לעבענס־מיטלען און פראדוקציאנס־מיטלען), וואס פאדערט זיך פאר די אונטער־אבטיילונגען פון די האנדווערקען, זאל זיך געפינען גרייט אין דער געזעלשאפט: עס איז נויטיג אויסערדעם, ער זאל זיך אנקלייבען אין גענוג־גרויסע סומען אין די הענד פון די אונטערנעהמער, כדי זיי זאלען קאנען פיהרען די ארבייט אויף א גרויסען מאסשטאב. . . . וואס מעהר די צוטיילונג ווערט פערגרעסערט, אלץ מעהר פאדערט די שטענדיגע בעשעפטיגונג פון א בעשטימטער צאהל ארבייטער א גרעסערן אויסלעג פון קאפיטאל אויף ווערקציינג, רויה־שטאפען א.אז.וו." (סטארק, „קור ד'עקאנאמיע פאליטיק", ב. 1, ז. 250־1) „די קאנצענטראציע פון די פראדוקציאנס־מיטלען און די צוטיילונג פון דער ארבייט קאנען פונקט אזוי ניט אבגעזונדערט ווערן איינע פון די אנדערע, ווי אויפ'ן פאליטישען געביעט די צענטראליזאציע פון די עפענטליכע מעכטע און די צוטיילונג פון די פריוואט־אינטערעסען." (קארל מארקס, „דאס עלענד דער פילאסאפיע", שטוטגארט 1892, ז. 123־4).

גרונדלאַגע פון דער מאַנופאַקטור: די פערזועלבשטענדיגונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען אַלס קאַפּיטאַל אַנטקעגענאיבער דעם אַר־בייטער.

בעת די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער געזעלשאַפט בכלל — סיי זי קומט פאָר דורך דער פערמיטלונג פון דעם סחורה־אויסטויש, סיי אָהן איהם — געהערט צו אַלערליי פערשיידענע עקאָנאָמישע גע־זעלשאַפט־פאָרמאַציעס, איז די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט אַ גאַנץ ספּעציפישע בעשאַפונג פון דעם קאַפּיטאַליס־טישען פּראָדוקציאָנס־אופן.

5. דער קאַפּיטאַליסטישער כאַראַקטער פון דער מאַנופאַקטור.

אַ גרעסערע צאָהל ארבייטער אונטער דער קאָמאַנדע פון איין און דעמזעלביגען קאַפּיטאַל איז דער נאַטירליכער אָנהויב־פונקט, ווי פון דער קאָאָפּעראַציע בכלל, אַזוי אויך פון דער מאַנופאַקטור. די מאַ־נופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט אָבער מאַכט די פער־גרעסערונג פון דער צאָהל בעשעפטיגטע ארבייטער פאַר אַ טעכ־נישער נויטווענדיגקייט. דעם מינימום ארבייטער, וואָס אַ קאַפּי־טאַליסט מוז בעשעפטיגען, ווערט איהם איצט פאָרגעשריבען דורך דער איינגעפיהרטער צוטיילונג פון דער ארבייט. פון דער אַנדער זייט הענגען אָב די נוצען פון אַ ווייטערדיגער צוטיילונג פון דער ווייטערדיגער פערגרעסערונג פון די צאָהל ארבייטער, וועלכע קאָן אויסגעפיהרט ווערן נאָר אויף אַזאַ אופן, אַז די פערגרעסערונג זאָל פאָרגענומען ווערן אין בעשטימטע פּראָפּאָרציעס ביי די אַלע פער־שיידענע גרופּען פון דער אינדוסטריע מיט איין קלאַפּ. אָבער מיט דעם וואַריאַבלען טייל פון קאַפּיטאַל מוז אויך וואַקסען דער קאָנ־סטאַנטער טייל, צוזאַמען מיט דעם אומפאַנג פון די געמיינשאַפט־ליכע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, ווי די געביידען, אויוועגס א.אז.וו., מוז אויך ספּעציעל וואַקסען און נאָך פיעל ראַשיגער איידער די ארבייטער־צאָהל, דער רויה־מאַטעריאַל. די מאַסע רויה־מאַטעריאַל, וואָס ווערט פערצעהרט אין אַ בעשטימטער צייט דורך אַ בעשטימ־טען סכום ארבייט, פערגרעסערט זיך אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע ווי די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, וואָס ווערט גרעסער מחמת איהר צוטיילונג. די וואַקסענדע מינימאַל־סומע קאַפּיטאַל אין די

דעם אויסגעוועהלטען פאָלק אויפ'ן שטערן איז געשטאַנען געשריבען, אַז ער איז יעהאָוואַ'ס אייגענטום, אַזוי דריקט אַרויף די צוטיילונג פון דער אַרבייט אַ שטעמפּעל אויף דעם מאַנופאַקטור־אַרבייטער, וואָס בראַנדמאַרקט איהם אַלס אייגענטום פון קאַפּיטאַל.

די אַלע קענטענישען, אורטייל־קראַפט און ווילען, וועלכע דער זעלבשטענדיגער פויער אָדער בעל מלאכה ענטוויקעלט אין זיך, ווען אפילו נאָר אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב—אַ שטייגער ווי דער ווילדער איבט אויס די גאַנצע קונסט פון מלחמה אַלס פּערזענליכע כיטרע־קייט—פאָדערן זיך איצט נאָר פאַר דעם ווערקשטאַט אַלס אַ גאַנצעס. די גייסטיגע פּאָטענצען [טרייב־קרעפטען] פון דער פּראָדוקציאָן פערברייטערן זייער מאַסשטאַב אין איין זייט, ווייל זיי פערשווינדען אין פיעלע זייטען. וואָס די טייל־אַרבייטער פערלירן, קאָנצענטרירט זיך זיי אנטקעגען אין דעם קאַפּיטאַל.[66] עס איז אַ פּראָדוקט פון דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער אַרבייט, וואָס די גייסטיגע פּאָטענצען פון דעם מאַטעריעלען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס ווערן אוועקגעשטעלט אנטקעגען די אַרבייטער ווי אַ פרעמד אייגענטום און אַ מאַכט, וואָס בעהערשט זיי. אָט דער צושיידונג־פּראָצעס פאַנגט זיך אָן אין דער איינפאַכער קאָאָפּעראַציע, וואו דער קאַפּיטאַליסט פערטרעט לגבי דעם איינצעלנעם אַרבייטער די איינהייט און דעם ווילען פון דעם געזעלשאַפטליכען אַרבייטס־קערפּער. ער ענטוויקעלט זיך אין דער מאַנופאַקטור, וועלכע זעצט אַרונטער דעם אַרבייטער צו דער מדרגה פון אַ טייל־אַרבייטער. ער ווערט פאָלשטענדיג אין דער גרויס־אינדוסטריע, וועלכע זאָנדערט אָב די וויסענשאַפט אַלס אַ זעלבשטענדיגע פּראָדוקציאָנס־קראַפט פון דער אַרבייט און שטעלט זי אין דיענסט פון קאַפּיטאַל.‟[67] ..

---

[66] א. פערגוסאן, „היסטארי אוו סיוויל סאסייעטי‟, ז. 281 : „דער ערשטער [דער מייסטער אין דער פאבריק, דער לייטענדער שטאאטסמאן, דער גענעראל] האט געקאנט האבען געוואונען, וואס דער אנדערער [דער ארבייטער, דער נידעריגער בעאמטער, דער סאלדאט] האט פערלארען.‟

[67] „דער מאן וואס בעזיצט וויסען און דער פראדוקטיווער ארבייטער זיינען ווייט אבגעשיידט איינער פון דעם אנדערן, און די וויסענשאפט, אנשטאט צו פערמעהרן אין דעם ארבייטער'ס הענד זיינע אייגענע פראדוקטיוו־קרעפטען פאר איהם אליין, האט זיך כמעט אומעטום אוועקגעשטעלט אנטקעגען איהם.... די

דעם וואָס זי אונטערדריקט אין איהם אַ וועלט פון פּראָדוקטיווע אנלאַגען און טריעבען: אזוי ווי אין די לאַ־פּלאַטאַ שטאַאטען, וואו זיי דער׳הרג׳ענען אַ גאַנצע חיה, נאָר כּדי אַרויסצוקריגען פון איהר דאָס חלב און די פעל. ניט נאָר ווערן די בעזונדערע טייל־אַרבייטען פערטיילט צווישען די פערשיידענע אינדיווידומען, נאָר דער אינ־דיווידום גופא ווערט צוטיילט, ער ווערט פערוואַנדעלט אין אַן אויטאָמאַטישען טרייב־ווערק פון איין טייל־אַרבייט,[63] און אַזוי ווערט פערווירקליכט די אונזיניגע פאַבעל פון מעניוס אַגריפּפּאַ, וועלכע שטעלט פאָר דעם מענשען בלויז ווי אַ שטיקעל פון זיין אייגענעם קערפּער.[64] אויב דער אַרבייטער האָט לכתחילה פערקויפט זיין אַרבייטס־קראַפט צו דעם קאַפּיטאַל, דעריבער ווייל עס האָבען איהם נעפעהלט די מאַטעריעלע מיטלען פאַר דער פּראָדוק־ציאָן פון אַ סחורה, זאָגט זיך איצט אָב זיין אינדיווידועלע אַרבייטס־קראַפט פון איהר דיענסט, וויבאַלד זי ווערט ניט פערקויפט צום קאַפּיטאַל. זי פונקציאָנירט נאָר אין אַ צוזאַמענהאַנג מיט אַנדערעס, וואָס עקזיסטירט ערשט נאָכדעם ווי זי ווערט פערקויפט—אין ווערק־שטאַט פון דעם קאַפּיטאַליסט. דער מאַנופאַקטור־אַרבייטער, וואָס איז אונפעהיג געוואָרן פון דער נאַטור צו מאַכען עטוואָס זעלב־שטענדיגעס, ענטוויקעלט נאָך אַ פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט בלויז ווי אַ ווייַדעל פון דעם קאַפּיטאַליסט׳ס ווערקשטאַט.[65] אַזוי ווי ביי

---

[63] דוגאַלד סטוארט רופט אז די מאַנופאַקטור־אַרבייטער „לעבעדיגע אויטאָ־מאַטען... וועלכע זיינען בעשעפטינט אין די קלענערע טיילען פון דער אַרבייט" (אין דעם אויבען־ציטירטען ווערק, ז. 318.)

[64] ביי די קאָראַלען איז טאַקע יעדער אינדיווידום פאַקטיש דער אָרגאַן פאַר דער גאַנצער גרופּע; ער ברענגט אָבער די נאַהרונגס־שטאָפען צו דער גאַנצער גרופּע, אנשטאַט וואָס דער רוימישער פּאַטריציער נעהמט די נאַהרונגס־שטאָפען פון איהר אַוועק.

[65] „דער אַרבייטער, וואָס בעהערשט זיין מלאכה אינגאַנצען, קאָן אומעטום זיך פערנעהמען מיט אַ פּראָדוקטיווער טהעטיגקייט און פערדיענען זיין חיונה; דער אַנדערער (דער מאַנופאַקטור־אַרבייטער) איז ניט מעהר ווי אַ נאָכשלעפּער, און אָבגעזונדערט פון זיינע אַרבייטס־ברידער טויג ער צו גאָרנישט און האָט ניט קיין זעלבשטענדיגקייט: ער איז דעריבער געצוואונגען אָנצונעהמען די קאָנדיציעס, וועלכע זיין בעל הבית שלאָגט איהם פאָר". (שטאָרך, „קור ל׳עקאָנאָמיע פּאָליטיק". פּעטערבורגער אויסגאַבע 1815, ב. 1, ז. 204.)

אנדערע בעשעפטיגונגען א חוץ אין דער ארבייט, צו וועלכער ער איז צוגעוועהנט געווארן. זיין געניטקייט אין זיין אייגענער ספעציעלער מלאכה, קומט אויף דעם אופן אויס, ווערט ערווארבען אויפ'ן חשבון פון זיינע אינטעלעקטועלע, סאציאלע און קריעגערישע אייגענשאפטען. אבער דאס איז דער צושטאנד אין יעדער אינדוסטריעלער און ציוויליזירטער געזעלשאפט, אין וועלכען די ארימע ארבייטער, דאס הייסט די גרויסע מאסע פון פאלק, מוז נויטיגערווייז אריינפאלען." [70] כדי צו פערהינדערן די דאזיגע פאלשטענדיגע פערדארבונג פון דער פאלקסמאסע, וואס נעהמט זיך פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט, רעקאמענדירט אדאם סמיטה פאלקסבילדונג אויפ'ן חשבון פונ'ם שטאאט, הגם נאר פארזיכטיג און אין האמעאפאטישע דאזען. זיין פראנצויזישער איבערזעצער און קאמענטאטאר, ג. גארניע, וועלכער האט זיך גאנץ נאטירליך ארויפגעארבייט צו ווערן א סענאטאר אין דער ערשטער פראנצויזישער אימפעריע, פאלעמיזירט קאנזעקווענט אנטקעגען דעם. פאלקסבילדונג, טענה'ט ער, געהט להיפך צו די ערשטע געזעצען פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט און דערמיט „וואלט מען צערשטערט אונזער גאנצען געזעלשאפט־סיסטעם." „ווי אלע אנדערע צוטיילונגען פון דער ארבייט", זאגט ער, „איז די צוטיילונג צווישען האנד־ארבייט און קאפ־ארבייט [71] מעהר אויסגעשפראכען און ענט־

---

[70] אדאם סמיטה, „וועלטה אוו ניישאנס", בוך V, קאפיטעל I, ארטיקעל II ווי א תלמיד פון א. פערגוסאן, וועלכער האט בעוויזען די שעדליכע פאלגען פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט, איז אדאם סמיטה געווען וועגען דעם פונקט גאנץ קלאר. אין דער איינלייטונג צו זיין ווערק, וואו ער בעריהמט די צוטיילונג פון דער ארבייט, וואס פאסט צום פלאן פון זיין ווערק, דערמאנט ער זי נאר פערבייגעהענדיג אלס א קוואל פון די געזעלשאפטליכע אונגלייכהייטען. ערשט אין 5טען בוך, וואו ער רעדט וועגען דעם שטאאט'ס הכנסות, רעפראדוצירט ער פערגוסאנ'ען. אין מיין „מיזער דע לא פילאסאפיע" האב איך ערקלערט ווי־פיעל עס איז נויטיג די היסטארישע שייכות צווישען פערגוסאן, אדאם סמיטה, לעמאנטעי און סעי בנוגע זייער קריטיק אויף דער צוטיילונג פון דער ארבייט, און האב דארט אויך צוערשט קלאר געשטעלט די צוטיילונג פון דער ארבייט אלס א ספעציפישע פארם פון דעם קאפיטאליסטישען אופן פון פראדוקציאן. (ז. 122. אין דער דייטשער אויסגאבע—ז. 112.)

[71] פערגוסאן האט שוין געזאגט, אין זיין „היסטארי אוו סיוויל סאסייעטי",

אין דער מאַנופאַקטור קומט דעם קאָלעקטיוו־אַרבייטער'ס, און ממילא קאַפּיטאַל'ס, בערייכערונג אין געזעלשאַפטליכער פּראָדוקטיוו־קראַפט דורך דעם אַרבייטער'ס פעראָרימונג אין אינדיווידועלע פּראָדוקטיוו־קרעפטען. „די אונוויסענהייט איז די מוטער פון דער אינדוסטריע, אַזוי גוט ווי פון דעם אַבערגלויבען. דאָס נאָכדענקען און די איינבילדונגס־קראַפט זיינען עלול זיך טועה צו זיין; אָבער די געוואוינהייט צו בעוועגען אַ פוס אָדער אַ האַנד הענגט ניט אָב פון קיינעם פון דיביידע. מאַנופאַקטורען געדייהען פאָלגליך אַם מייסטען, וואו מען געברויכט דעם שכל אַם ווענינגסטען, און וואו דער ווערקשטאַט קאָן בעטראַכט ווערן ווי אַ מאַשין, וואָס איהרע טיילען זיינען מענשען."[68] עס איז אַ פאַקט, אַז איינינע פאַבריקאַנטען, אין מיטען פון 18טען י.ה., האָבען פאָרגעצויגען צו בעשעפטיגען פאַר געוויסע איינפאַכע אָפּעראַציעס, וועלכע זיינען געוועזען פאַבריק־סעקרעטען, האַלבע אידיאָטען.[69]

„דער פערשטאַנד פון די גרעסטע מעהרצאָהל מענשען", זאָגט אַדאַם סמיטה, „ענטוויקעלט זיך נויטיגערווייז דורך זייערע אַלטעגליכע בעשעפטיגונגען. אַ מענש, וועלכער פערברענגט זיין גאַנץ לעבען אין טהאָן איינינע איינפאַכע אַרבייטען... האָט ניט קיין געלעגענהייט אויסצואיבען זיין פערשטאַנד... ער ווערט געוועהנליך אַזוי דום און אונוויסענד, ווי עס איז נאָר מעגליך פאַר אַ מענשליכע בעשעפעניש צו ווערן." נאָכדעם ווי ער בעשרייבט די שטומפּזיניגקייט פון דעם טייל־אַרבייטער, זאָגט ער ווייטער: „די איינפאָרמיגקייט פון זיין ענטשטאַנענעם לעבען פערדאַרבט בטבע דעם מוטה פון זיין גייסט.... עס פערדאַרבט אפילו די טהעטיגקייט פון זיין קערפּער און מאַכט איהם אונפעהיג אָנצווענדען זיינע כחות מיט ענערגיע און אויסדויער אין וועלכע עס איז

וויסענשאַפט ווערט אַז אינסטרומענט, וואָס לאָזט זיך אָבטיילען פון דער אַרבייט און זיך שטעלען אַנטקעגען איהר." (W. Thompson, "An Inquiry into the Principles of the Distribution of Wealth", London 1824, p. 274.)

[68] אַ. פערנוסאָן ד. ג. ז. 280.

[69] (J. D. Tuckett, "A History of the Past and Present State of the Labouring Population", London 1864, Vol. I, p. 149.)

„פאנאנדערטיילען א מענשען, הייסט איהם הינריכטען, ווען ער פערדיענט דעם טויט־אורטייל; עס הייסט איהם מערדערן, ווען ער פערדיענט ניט דעם טויט־אורטייל. די פאנאנדערטיילונג פון דער ארבייט איז דער מארד פון א פאלק.“ [74]

די קאאפעראציע אדער די מאנופאקטור, וואס איז געבויט אויף דער צוטיילונג פון דער ארבייט, פאנגט זיך לכתחילה אן ווי א נאטירליכער [ספאנטאנער] געבוי. אזוי באלד ווי זי געווינט וויפיעל־ניט־איז פעסטקייט און א ברייטערן קיום, ווערט זי די בעוואוסטזיניגע, פלאנמעסיגע און סיסטעמאטישע פארם פון דעם קאפיטאליסטישען אופן פון פראדוקציאן. די געשיכטע פון דער ריכטיגער מאנופאקטור צייגט, ווי איהר אייגענטימליכע צוטיילונג פון דער ארבייט קריעגט איהרע ריכטיג־צוגעפאסטע פארמען צוערשט דורך ערפאהרונג, הינטערן רוקען, אזוי צו זאגען, פון די האנדלענדע פערזאנען, דערנאך אבער שטרעבט זי, אזוי ווי די צעך־מלאכות, פעסטצוהאלטען די איינמאל־געפונענע פארם, ווי א מין טראדיציע, און אין איינצעלנע פעלען האלט זי זיי טאקע פעסט יאהרהונדערטען לאנג. ענדערט זיך אט די פארם, איז דאס, א חוץ אין נעבענזאכען, אלעמאל נאר אלס פאלגע פון א רעוואלוציע אין די ארבייטס־אינסטרומענטען. די מאדערנע מאנופאקטור—איך רעד דא ניט וועגען דער גרויס־אינדוסטריע, וואס איז געבויט אויף מאשינעריע—געפינט איהרע גליעדער ענטוועדער שוין פארטיגע, ווי צום ביישפיעל די קליידער־מאנופאקטור אין די גרויסע שטעדט, וואו זי ענטשטעהט, און ווען אפילו זיי זיינען צעווארפען, דארף זי זיי נאר צונויפזאמלען; אדער דער פרינציפ פון צוטיילונג ליעגט אפען פון אויבען־אויף, און די פערשיידענע אפעראציעס פון דער האנדווערקמעסיגער פראדוקציאן (ווי צ.ב.ש. אין דער בוכבינדעריי) דארף נאר צוגעטיילט ווערן צו אויסשליסליך בעזונדערע ארבייטער. אין

וויכטיג זיינען די אפיציעלע „רעפארטס אז פובליק העלטה“. זעה אויך עדווארד רייך מ.ד. „איבער די ענטארטונג דעם מענשען“, ערלאנגען 1868.

[74] ד. אורקהארט, „פאמיליאר ווארדס“, לאנדאן 1855. העגעל האט געהאט זעהר אפיקורס'ישע מיינונגען וועגען דער צוטיילונג פון דער ארבייט. „אונטער געבילדעטע מענשען קאן מען קודם פערשטעהן אזעלכע, וועלכע קאנען מאכען אלעס, וואס אנדערע קאנען טהאן“, זאגט ער אין זיין רעכטספילאזאפיע.

שיידען אין דערזעלבער מאָס, וואָס די געזעלשאַפט (ער ווענדט ריכ־טיג אָן אָט דעם אויסדרוק פאַר קאַפּיטאַל, גרונד־אייגענטום און זייער שטאַאט) ווערט רייכער. אָט די צוטיילונג פון דער אַרבייט, פּונקט ווי יעדע אַנדערע, איז אַ ווירקונג פון דעם פאַרגאַנגענעם פּראָגרעס און אַן אורזאַך פון דעם צוקינפטיגען פּראָגרעס... זאָל די רע־גירונג אַרבייטען אַנטקעגען דער דאָזיגער צוטיילונג פון דער אַר־בייט און אָבהאַלטען איהר נאַטירליכען גאַנג? זאָל זי דען אויס־געבען אַ טייל פון דעם שטאַאט'ס הכנסה אויף דעם פּערזוך צונויפ־צומישען און פעראייניגען צוויי קלאַסען אַרבייט, וועלכע שטרעבען צו זיין צוטיילט און אָבגעזונדערט?"[72] אַ געוויסע גייסטיגע און קערפּערליכע פערקריפּלונג איז אונפערמיידליך אפילו ביי דער צו־טיילונג פון דער אַרבייט אין דער געזעלשאַפט בכלל. אַזוי ווי אָבער די מאַנופאַקטור־פּעריאָדע טרייבט די דאָזיגע צושפּאַלטונג פון די אַרבייט־צווייגען פיעל ווייטער, און אַזוי ווי פון דער אַנדער זייט גרייפט זי אָן, ערשט מיט איהר אייגענטימליכער צוטיילונג, דעם אינדיווידום אין זיין ריכטיגען לעבענס־וואָרצעל, דעריבער איז זי טאַקע די ערשטע וואָס גיט דעם מאַטעריאַל און דעם ערשטען שטויס צו אַ אינדוסטריעלער פּאַטהאָלאָגיע.[73]

ז. 281: „אפילו דאס דענקען גופא קאן נאך ווערן אין אט דער צייט פון דער אַרבייט־צוטיילונג א ספּעציעלע פּראָפעסיאָן."

[72] ג. גארניע, באנד V פון זיין איבערזעצונג, ז. 25.

[73] ראַמאַזיני, פּראָפעסאָר פון פּראַקטישער מעדיצין אין פּאַדוא, האט פער־עפענטליכט אין 1713 זיין ווערק „דע מארבים ארטיפיקום" [אַרבייטער קראַנק־הייטען], וואס איז איבערזעצט געוואָרן אין פראנצויזיש אין 1781 און איז ווידער אבגעדרוקט געוואָרן אין דער ענציקלאָפּעדיע דע סיענס מעדיקאל אין 1841. די פּעריאָדע פון דער גרויס־אינדוסטריע האט זיין קאטאלאג פון אַרביי־טער־קראַנקהייטען נאַטירליך זעהר פערגרעסערט. זעה צווישען אַנדערע „היזשיען פיזיק ע מאראל דע ל'אווריע עטצ." פון דר. א. ל. פאנטערעל, פּאריז 1858, און „די קראַנקהייטען, וועלכע פערשיעדענען שטאַנדען, אלטערן אונד געשלעכטערן אייגענטהימליך זינד", 6 בענדער, אולם 1860. אין יאָהר 1854 האט די „סאָסייעטי אוו ארטס" בעשטימט א אונטערזוכונגס־קאמיסיע איבער אינדוסטריעלער פּאַ־טהאלאגיע. דעם ליסט פון דאָקומענטען, וואס די קאמיסיע האט געזאמעלט, געפינט מען אין דעם קאַטאַלאָג פון „טוויקענהאם עקאנאמיק מיוזעאום". זעהר

ריבער זי ווייזט זיך ארויס פון איין זייט ווי א היסטארישער פראָ־גרעס און א נויטווענדיגער ענטוויקלונגס־מאָמענט אין דעם עקאָ־נאָמישען פאָרמירונג־פּראָצעס פון דער געזעלשאפט, קומט זי פאַר פון דער אנדער זייט ווי א מיטעל פון ציוויליזירטער און ראפּי־נירטער עקספּלואטאציע.

די פּאָליטישע עקאָנאָמיע, וועלכע איז ארויסגעקומען אלס זעלב־שטענדיגע וויסענשאפט ערשט אין דער מאנופאקטור־פּעריאָדע, בע־טראכט די געזעלשאפטליכע צוטיילונג פון דער ארבייט נאָר פון דעם שטאנדפּונקט פון דער מאנופאקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט[76]—ווי א מיטעל צו פּראָדוצירן מעהר סחורה מיט דעמ־זעלבען סכום ארבייט, פאָלגליך וועלוועלער צו מאכען די סחורות און פערשנעלערן די אָנזאמלונג פון קאפּיטאל. אין שטרענגסטען נעגענזאץ צו אָט דער בעטאָנונג אויף דער קוואנטיטעט און דעם טוישווערטה, האלטען זיך די שריפטשטעלער פון דעם קלאסישען אלטערטום אויסשליסליך אָן דער קוואליטעט און דעם געברויך־ווערטה.[77] אָלס א פאָלגע פון דער פאנאנדערשיידונג פון די געזעל־

---

[76] די עלטערע שרייבער, ווי פּעטטי, דער אנאָנימער פערפאסער פון „אדוועג־טיידזשעם און דהי איסט אינדיע טרייד“ א.אז.וו. האבען טיעפער איידער סמיטה איינגעזעהן דעם קאפּיטאליסטישען כאראקטער פון דער מאנופאקטורמעסיגער צו־טיילונג פון דער ארבייט.

[77] צווישען די מאדערנע מאכען אן אויסנאהם איינינע שרייבער פון 18טען י.ה., וועלכע בנוגע דער צוטיילונג פון דער ארבייט רעדען נאָר כמעט נאָך די אלטע, דהיינו באקקאריא און דזשיימס הארריס. באקקאריא זאגט: „די איי־גענע ערפאהרונג בעווייזט יעדען איינעם, אז דער וואס גיט אב זיין פעהינקייט און זיין פערשטאנד אלעמאל פאר דעמזעלבינען סארט ארבייטען און פּראָדוקטען, דערגרייכט דערביי א לייכטערן, א רייכערן און א בעסערן ערפאלג, איידער ווען יעדערער מוז שאפען פאר זיך אלץ, וואס ער האט נויטיג. אויף אָט דעם אופן טיילען זיך די מענשען איין צום נוצען פון כלל ווי פון איינצעלנעם, אין פער־שיידענע קלאסען און פּראָפעסיאָנען.“ (צעזארע באקקאריא, „עלעמענטי די עקאָ־נאָמיא פּובליקא“, באנד XI ז. 28.) דזשיימס הארריס, שפּעטער אירל און מאלמ־סבורי, בעריהמט דורך די „דייאריס“ [טאגע־ביכער] וועגען זיין געזאנדשאפט אין פּעטערבורג, זאגט אליין אין א נאָטע צו זיין „דיאלאג קאנסערנינג האפּפּי־נעס“, לאָנדאָן 1741 און שפּעטער ווידער אבגעדרוקט אין „טהרי טריטייזעס עטצ.“, דריטע אויפלאגע, לאָנדאָן 1772, ווי פאָלגט: „די גאנצע ארגומענטאציע

אזוינע פעלען נעהמט ניט קיין וואָך ערפאהרונג אויסצוגעפינען די פּראָפּאָרציע צווישען דער צאָהל הענד, וואָס איז נויטיג פאַר יעדער פונקציע.[75]

די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט שאַפט דורך דער צוגליעדערונג פון דער האַנדווערקמעסיגער טהעטיגקייט, דורך דער ספּעציאַליזירונג פון די ארבייט־אינסטרומענטען, דער פאַרמירונג פון טייל־ארבייטער און זייער גרופּירונג און פעראייניגונג אין איין גאַנצען מעכאַניזם, א קוואַליטאַטיווע שטופען־איינטיילונג און א קוואַנטיטאַטיווע פּראָפּאָרציאָנאַליטעט אין די געזעלשאַפט־ליכע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען; זי בעשאַפט פאָלגליך א בעשטימטע אָרגאַניזאַציע פון געזעלשאַפטליכער ארבייט און ענטוויקעלט צוגלייך דערמיט א נייע, געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט. אַלס א ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס—און אונטער די געגעבענע אומשטענדען (די פאָרגעפונענע גרונדלאַגען) האָט זי ניט געקאָנט זיך אַנדערש ענטוויקלען ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער פאָרם—איז זי נאָר א ספּעציעלע מעטאָדע ווי אזוי צו שאַפען רעלאַטיווען מעהר־ווערטה, אָדער ווי אזוי צו פערגרעסערן אויפ׳ן חשבון פון די ארבייטער די זעלבסט־פערווערטונג פון קאַפּיטאַל, וואָס ווערט געווענליך אָנגערופען געזעלשאַפטליכער רייכטום, „וועלטה און נייַשאָנס“ א.אז.וו. זי ענטוויקעלט די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט ניט נאָר פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, אנשטאַט פאַר דעם ארבייטער, נאָר זי פועל׳ט עס דורך דער פערקריפּלונג פון דעם אינדיווידועלען ארבייטער. זי שאַפט נייע בעדינגונגען פאַר דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל איבער דער ארבייט. אויב דע־

[75] דער געמיטליכער גלויבען אין דעם ערפינדונגס־זשעניע, וואָס דער איינצעלנער קאַפּיטאַליסט האָט לכתחילה אויסגעאיבט אין דער צוטיילונג פון דער ארבייט, געפינט זיך נאָך נאָר ביי דייטשע פּראָפעסאָרען, ווי ביי הערר ראָשער צום ביישפּיעל, וועלכער ווידמעט אַלס דאַנק דעם קאַפּיטאַליסט, פון וועמעס יופּי־טער־קאָפּ די צוטיילונג פון דער ארבייט איז ארויסגעשפּרונגען א פאַרטינע, „אַלערליי ארבייט־שכירות“. די גרעסערע אָדער קלענערע אַנווענדונג פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט העננט אָב פון דער לענג פון זיין בייטעל, ניט פון דער גרויס פון זיין זשעניע.

טיילונג פון דער אַרבייט אַלס אַ גרונדלאַגע פאַר דער געזעלשאַפט־ליכער שיידונג פון די קלאַסען, ווי ביי קזענאָפאָן,[81] וועלכער קומט שוין נעהענטער צו מיט זיין כאַראַקטעריסטיש־בירגערליכען אינ־סטינקט צו דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אין אַ ווערקשטאַט. פּלאַטאָ׳ס רעפּובליק, אויף ווי ווייט די צוטיילונג פון דער אַרבייט

פעהינקייטען פון די אינדיווידומען. זיין הויפּט־פּונקט איז, אז דער ארבייטער מוז זיך צופּאַסען צו דעם ווערק, ניט דאָס ווערק צו דעם ארבייטער—דאָס לעצטע איז אַבער אונפערמיידליך, ווען דער ארבייטער בעשעפטיגט זיך מיט עטליכע פּראָפעסיאָנען אויף אַמאָל, ד.ה. ווען ער פיהרט אן איינע אדער די אַנדערע אלס אַ זייטיגע אַרבייט. „דאָס ווערק, וואָס דאַרף געטאָן ווערן, טאָר ניט וואַרטען אויף דער אויפגעלעגטקייט פון דעם, וואָס דאַרף עס טהאָן; אדרבא, עס איז נויטיג, ער זאָל זיך נעהמען פאַר דאָס, וואָס ער האָט צו טהאָן, מיט פלייס און ניט נאָר אַזוי פערבייגעהענדיג.“—„אודאי“—„וואָרים אַלעס ווערט געשאַפען ריי־כער און שעהנער און מיט ווענינער מיה, ווען יעדערער טהוט נאָר איין זאַך, אַקוראַט ווי עס פּאַסט זיך צו זיינע פעהיגקייטען, און אין דער ריכטיגער צייט, ניט ווערענדיג געשטערט דורך אַנדערע ארבייטען.“ („רעספּובליקאַ“, בוך 2, קאַפּיטעל 12.) טהוצידידעס זאָגט עהנליכעס (ד. ג. אַבשניט 142): „די מלאכה פון טרייבען שיפען אויפ׳ן ים איז פּונקט אַזאַ קונסט ווי וועלכע עס איז אנדער מלאכה און מען קאָן זיך דערמיט נימ פערנעהמען נאָר אגב אורחא, אַלס אַ זיי־טיגע ארבייט; אדרבא פערקעהרט, זי פערליידט ניט קיין אַנדער ארבייט נעבען איהר.“ ווען די אַרבייט, זאָגט פּלאַטאָ, מוז וואַרטען אויף דעם ארבייטער, קאָן אָפט דורכגעלאָזט ווערן דער קריטישער צייט־פּונקט פון דער פּראָדוקציאָן און דער פּראָדוקט וועט ווערן פערדאָרבען, „די ריכטיגע צייט פאַר דער ארבייט ווערט פערזוימט.“ דיזעלביגע פּלאַטאָנישע אידעע געפינט מען ווידער אין דעם פּראָטעסט, וואָס די ענגלישע בלייכערייען־בעזיצער האָבען דערלאַנגט אַנטקעגען דעם פּונקט אין פאַבריק־אַקט, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט אַ בעשטימטע שטונדע צום עסען פאַר אַלע ארבייטער גלייך. זייער געשעפט קאָן זיך ניט צו־פּאַסען צו דער בעקוועמליכקייט פון די אַרבייטער, וואָרים קיינע פון די פערשיידענע אָפּע־ראַציעס, ווי וואַשען, בלייכען, מאַנגלען, פּרעסען און פאַרבען קאָן ניט אַבגע־שטעלט ווערן אין אַ בעשטימטען אויגענבליק אָהן אַ געפאַהר פון היזק.... ווען מען זאָל אַרויפצווינגען דיזעלבע עס־שטונדע פאַר אַלע אַרבייטער, קאָנען ווערטה־פולע שטיקער ווערן פערדאַרבען צוליעב דער ניט־פּאַלשטענדיגער בעאַרבייטונג.“ וואוהין וועט דער פּלאַטאָניזם נאָך פיהרן?

[81] קזענאָפאָן דערצעהלט, אז עס איז ניט נאָר אַ כבוד צו בעקומען שפּייז פון דעם פּערסישען קעניג׳ס טיש, נאָר אז די דאָזיגע שפּייזען זיינען אויך אַ סך געשמאַקער איידער אַנדערע. „און דאָס איז גאָר קיין חדוש ניט, וואָרים אַזוי ווי די איבעריגע קונסטען זיינען ספּעציעל פערפאָלקאָמט אין די גרויסע שטעדט,

שאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־צווייגען ווערן די סחורות בעסער געמאַכט, די פערשיידענע נייגונגען און טאַלאַנטען פון די מענשען וועהלען זיך אויס די פּאַסענדע ווירקונג־ספערען,[78] און אָהן [אַ געוויסער] בעשרענקונג קאָן מען אין ערגעץ ניט אויפטאָן עפּעס וויכטיגעס.[79] פאָלגליך ווערן ביידע, אי דער פּראָדוקט, אי דער פּראָדוצירער פער־בעסערט דורך דער צוטיילונג פון דער ארבייט. אויב עס ווערט אויך ביי געלעגענהייט דערמאָנט דער וואוקס פון דער סומע פון די פּראָדוקטען, איז עס נאָר בנוגע דער גרעסערער שפע פון געברויך־ווערטהען. עס ווערטה אַ וואָרט ניט דערמאָנט וועגען טוישווערטה אָדער וועגען וועלוועלער מאַכען די סחורות. אָט דער שטאַנדפּונקט הערשט פּונקט אַזויפיעל ביי פּלאַטאָ,[80] וועלכער בעהאַנדעלט די צו־

צו בעווייזען, אז די געזעלשאַפט איז עטוואַס נאַטירליכעס (ד.ה. דורך דער צו־טיילונג פון די בעשעפטיגונגען) איז גענומען פון דעם צווייטען בוך פון פּלאַטאָ'ס „רעפּובליק".

[78] אזוי געפינט מען אין דער אדיסעע, 14טער געזאנג, פערז 228: „דען איינעם געפעלט די ארבייט, דעם אנדערן יענע", און ארכילאכוס אין סעקסטוס עמפּיריקוס זאגט: „יעדער דערפרעהט זיין הארץ מיט אנאנדער ארבייט."

[79] „ער האט פערשטאנען פיעלע ווערק, האט זיי אבער אלעמען שלעכט פער־שטאנען" [דערצעהלט זיך וועגען דעם קאמישען שוטה מארגיטעס, אין אַ געדיכט, וואס ווערט צוגעשריבען צו האמער]. — דער אטהענער האט זיך אלס סחורה־פּראדוצירער געפיהלט העכער איידער דער ספּארטאנער, ווייל יענער האט אין קריעג טאקע געהאט גענוג מענשען, אבער ניט גענוג געלד, ווי טהוצידידעס לאזט זאגען פעריקלעס אין דער רעדע, אין וועלכער ער רייצט אויף די אטהענער צו דעם פעלאפּאנעזישען קריעג: „די, וועלכע פּראדוצירן פאר דעם אייגענעם גע־ברויך, זיינען בערייטוויליגער צו פיהרן דעם קריעג מיט זייערע לייבער איידער מיט זייער געלד." (טהוצידידעס, „געשיכטע דעם פעלאפּאנעזישען קריעג", בוך 1, אבשניט 141.) פונדעסטוועגען איז אויך אין דער מאטעריעלער פּראדוקציאן איהר אידעאל געבליבען די „אוטארקסיא [די מלאכה, וואס פּראדוצירט אליין גענוגענד פאר דעם אייגענעם קאנזום], וועלכע נעהט להיפך צו דער צוטיילונג פון דער ארבייט, „דען דורך דער צוטיילונג ווערט געזיכערט דער וואוילשטאנד, דורך די אוטארקסיא ווערט אבער אויך די זעלבשטענדיגקייט געזיכערט." דערביי מוז מען דערמאנען, אז אין דער צייט פון דעם נידערפאל פון די 30 טיראנען זיינען נאך ניט געווען קיין פינף טויזענד אטהענער אהן גרונד־אייגענטהום.

[80] פּלאטאָ ענטוויקעלט די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער געמיינדע פון דער פיעלזייטיגקייט פון די בעדערפעניסען און דער איינזייטיגקייט פון די

אין דער צייט פון דער ריכטיגער מאנופאקטור־פעריאָדע, ד.ה. די פעריאָדע, אין וועלכער די מאנופאקטור איז די הערשענדע פאָרם פון דעם קאפיטאליסטישען פראָדוקציאָנס־אופן, בעגעגענט די פולע אויספיהרונג פון איהרע אייגענע טענדענצען פיעלזייטיגע שטע־רונגען. הגם די מאנופאקטור שאפט, ווי מיר האָבען געזעהן, אן איינפאכע שיידונג צווישען געלערנטע און ניט־געלערנטע ארבייטער, צוגלייך מיט זייער היעראַרכישער צוגליעדערונג אין קלאסען, בלייבט פונדעסטוועגען די צאָהל פון די ניט־געלערנטע ארבייטער זעהר בע־שרענקט, צוליעב דעם אריבערוועגענדען איינפלוס פון די געלערנטע ארבייטער. הגם זי פאסט־צו די טייל־אָפעראציעס צו דעם פער־שיידענעם גראד רייפקייט, כח און ענטוויקלונג פון איהרע לעבע־דיגע ארבייט־אָרגאנען, און פיהרט פאָלגליך צו דער פראָדוקטיווער עקספלואטאציע פון ווייבער און קינדער, דאָך שלאָגט זיך אָב אָט די טענדענץ בכלל אָן די געוואוינהייטען און דעם ווידערשטאנד פון די מענער־ארבייטער. הגם די צעברעקלונג פון דער האנדווערק־מעסיגער מהעטיגקייט מאכט קלענער די בילדונג־קאָסטען און ממילא דעם ווערטה פון די ארבייטער, דאָך בלייבט נויטיג פאר די שווע־רערע טייל־ארבייטען א לענגערע לערן־צייט, און אפילו דאָרט וואו זי איז איבערפליסיג, ווערט זי אייפערזיכטיג אויפגעהאלטען פון די ארבייטער. מיר געפינען צום ביישפיעל אין ענגלאנד די געזעצען וועגען לעהרלינגע, מיט זייער זיבען־יאָהריגער לערן־צייט, אין פולער קראפט ביז צום סוף פון דער מאנופאקטור פעריאָדע, און ערשט די גרויס־אינדוסטריע האָט זיי בטל געמאכט. אַזוי ווי די האנד־ווערק־פעהיגקייט בלייבט אלץ די גרונדלאגע פון דער מאנופאקטור, און דער גאנצער מעכאניזם, וואָס פונקציאָנירט אין איהר, האָט ניט קיין אָביעקטיווען געשטעל־ווערק אונאָבהענגיק פון די ארבייטער גופא, איז קאפיטאל שטענדיג געצוואונגען זיך צו ראנגלען מיט דער ווידערשפעניגקייט פון די ארבייטער. „די שוואכקייט פון דער מענשליכער נאטור“, שרייט אויס פריינד אורע, „איז אזוי גרויס, אז וואָס געשיקטער דער ארבייטער איז, אלץ אייגענוויליגער איז ער, אלץ ווייניגער לאָזט ער זיך דיענען, און פאָלגליך ברענגט ער דעם

ווערט אין איהר ענטוויקעלט אלס דער בויענדער פּרינציפּ פון שטאאט, איז נאר די אַטהענישע אידעאליזירונג פון דעם עגיפּטי־שען קאסטע־סיסטעם; אויך פאר אנדערע פון זיינע צייט־גענאָסען האָט עגיפּטען געדיענט אלס אינדוסטריעלעם מוסטער־לאַנד, צום ביישפּיעל פאר איזאָקראטעס.[82] און די בעדייטונג האָט נאָך אָנגע־האַלטען אפילו פאר די גריעכען פון דער צייט פון דער רוימישער אימפּעריע.[83]

אזוי ווערן אויך די קעניגליכע שפּייזען גאנץ ספּעציעל צוגעגרייט. ווארים אין די קליינע שטעדט מאכט דערזעלביגער מענש בעטען, טירען, אן אקער, א טיש; אפט בויט ער נאך א חוץ דעם הייזער, און איז צופריעדען ווען ער געפינט גענוג אזוינע ארבייט צו ציהען דערפון זיין חיונה. עס איז פּשוט אונמעגליך, אז א מענש, וואס מאכט אזויפיעל זאכען, זאל אלעס קאנען מאכען גוט. אין די גרויסע שטעדט אבער, וואו יעדער איינצעלנער געפינט א סך קויפער, איז איין האנדווערק גענוג צו געבען חיונה דעם בעל מלאכה. יא, אפטמאל דארף מען דערויף ניט אפילו קיין גאנצע מלאכה, נאר איינער מאכט מענער־שיך און דער אנדערער פרויען־שיך. אפטמאל לעבט איינער בלויז פון נעהען די שיך און דער אנדערער פון צושניידען זיי; איינער שניידט בלויז צו קליידער און דער אנדערער שטעלט נאר צוגויף די שטיקער. עס איז נויטיג, אז אפילו דער וואס טהוט די איינ־פאכסטע ארבייט, זאל זי מאכען אויף'ן בעסטען אופן. אזוי שטעהט עס אויך מיט דער קונסט פון קאכען." (קזענאפאן, „קיראפּעדיע", בוך VIII קאפּיטעל 2). דא ווערט אויסשליסליך געהאלטען אין אויג די גוטסקייט פון דעם געברויך־ווערטה, אבוואויל קזענאפאן ווייס שוין, אז די גראדאציעס פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט העננען אב פון דעם אומפאנג פון מארק.

[82] „ער (בוזירים) האט אלעמען איינגעטיילט אין בעזונדערע קאסטען... האט בעפוילען, אז דיזעלבע מענשען זאלען שטענדיג האבען דיזעלבינע בעשעפ־טיגונגען, ווייל ער האט געוואוסט, אז די וועלכע בייטען זייערע בעשעפטיגונגען, לערנען זיך גרינדליך ניט אויס קיינע; די אבער, וועלכע בלייבען ביי דיזעלביגע בעשעפטיגונגען, קאנען יעדע איינע דורכפיהרען אויף'ן פאלקאמענסטען אופן. באמת וועלען מיר טאקע געפינען, אז בנוגע די קונסטען און די האנדווערקען האבען זיי איבערגעיאגט זייערע קאנקורענטען מעהר ווי א מייסטער דעם פּארטאטש; און בנוגע די איינריכטונגען, דורך וועלכע זיי האלטען אויף די קעניג־הערשאפט און די איבעריגע שטאאטס־אינסטיטוציעס זיינען זיי אזוי פארטרעפ־ליך, אז די העכסט בעריהמטע פילאזאפען, וועלכע נעהמען זיך אונטער צו רעדען וועגען דעם, לויבען די קאנסטיטוציע פון דעם עגיפּטישען שטאאט העכער איבער אלע." ((איזאקראטעס „בוזירים", קאפּיטעל 8.)

[83] פערגלייך דיאדארוס סיקולוס.

ספעציעל די קאָמפּליצירטע מעכאַנישע אַפּאַראַטען, וועלכע זיינען שוין דאַן אָנגעווענדעט געוואָרן. „אַזאַ ווערקשטאַט“, זאָגט אורע, „האָט פאָרגעשטעלט אַ בילד פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט אין איהרע פיעלפאַכיגע גראַדאַציעס. דער בויערער, דער דלאָט, דער דרעקסעל־באַנק האָבען געהאַט זייערע אייגענע ארבייטער, היע־ראַרכיש איינגעטיילט לויט דעם גראַד פון זייער פעהיגקייט.“ אָט דער פּראָדוקט פון דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער אַרבייט האָט פּראָדוצירט פון זיין זייט—מאַשינען. זיי האָבען אָב־געשאַפט די האַנדווערקמעסיגע טהעטיגקייט אַלס דעם רעגולירענ־דען פּרינציפּ פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן. דערמיט ווערט אָבגעשאַפט פון איין זייט דער טעכנישער גרונד פאַר דעם אַרבייטער׳ס לעבענסלענגליכע צוגעבונדענקייט צו איין טייל־פונק־ציע. פון דער אַנדער זייט פאַלען אוועק די בעגרענצונגען, וואָס דערזעלביגער פּרינציפּ האָט נאָך געהאַט ארויפגעלעגט אויף דער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל.

גאַנצען מעכאַניזם שווערע שאָדען דורך זיינע קאַפּריזען.״ [84] דורך דער גאַנצער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע לאָזט זיך דעריבער הערן די קלאַגע וועגען דעם וואָס עס פעהלט דיסציפּלין צווישען די אַרביי־טער. [85] און וואָלטען מיר אפילו ניט געהאַט די עדות פון די שרייבער פון יענער עפּאָכע, וואָלטען די איינפאַכע פאַקטען, אַז פון דעם 16טען י.ה. ביז דעם אָנפאַנג פון דער גרויס־אינדוסטריע איז דעם קאַפּיטאַל ניט געלונגען צו קריגען די מאַכט איבער דער גאַנצער צייט פון די מאַנופאַקטור־אַרבייטער, אַז די מאַנופאַקטורען האָבען אַ קורצע לעבען און לויט דער איינוואַנדערונג אָדער אויסוואַנדערונג פון די אַרבייטער פערלאָזען זיי זייער פּלאַץ אין איין לאַנד און בע־זעצען זיך אין אַנאַנדער לאַנד—אָט די פאַקטען רעדען מעהר ווי גאַנצע ביבליאָטעקען. „אָרדנונג מוז אויף איין אופן אָדער אַנ־אַנדערן איינגעפיהרט ווערן״, שרייט אויס אין יאָהר 1770 דער אָפּט־ציטירטער פערפאַסער פון דעם עססעי "On Trade and Commerce." אָרדנונג קלינגט צוריק אָב 66 יאָהר שפּעטער פון דר. אַנדריו אורע׳ס מויל. „אָרדנונג״ האָט געפעהלט אין דער מאַנופאַקטור, וואָס איז געווען געבויט אויף דער „סכאָלאַסטישער דאָגמע פון צוטיילונג פון דער אַרבייט״, און „אַרקרייט האָט געשאַפען די אָרדנונג.״

אין דערזעלביגער צייט האָט די מאַנופאַקטור ניט געהאַט בכח אַרומצוכאַפּען די פּראָדוקציאָן אין איהר גאַנצען אומפאַנג, אָדער צו רעוואָלוציאָנירן זי ביז׳ן גרונד. זי האָט זיך דערהויבען אַלס עקאָנאָמישעס קונסט־ווערק אויף דעם ברייטען באַזיס פון די שטאָד־טישע מלאכות און די דאָרפישע הויז־אינדוסטריען. איהר אייגענע ענגע טעכנישע גרונדלאַגע איז אויף אַ געוויסען ענטוויקלונגס־גראַד געשטאַנען אין ווידערשפּרוך מיט די פּראָדוקציאָן־בעדערפענישען, וואָס זיינען פון איהר אַליין געשאַפען געוואָרן.

איינע פון איהרע פאָלשטענדיגסטע בעשאַפונגען איז געווען דער ווערקשטאַט אויף צו פּראָדוצירן די אַרבייט־אינסטרומענטען גופא,

---

[84] (Ure, "Philosophy of Manufacture", p. 20)

[85] דאַס איז מעהר דער פאַל אין ענגלאַנד, ווי אין פראַנקרייך, און מעהר אין פראַנקרייך איידער אין האָללאַנד.

מאַטעמאַטיקער און מעכאַניקער—און מען געפינט דאָס איינגע
ווידערהאָלט דאָ און דאָרט פון ענגלישע עקאָנאָמען—רופען אַן אַ
ווערקצייג אַן איינפאַכע מאַשין, און אַ מאַשין—אַ צונויפגעשטעלטען
ווערקצייג. זיי זעהען דאָ ניט קיין אונטערשייד אין עצם, און רופען
אַן אפילו די איינפאַכע מעכאַנישע קרעפטען (פּאָטענצען), ווי למשל
דעם הויב־שטאַנג, די משופּע'דיגע פלעכע, דעם שרויף, די קלין
א.אז.וו.—מאַשינען.[87] אין דער אמת'ן בעשטעהט טאַקע יעדע מאַשין
פון די דאָזיגע איינפאַכע קרעפטען, ווי פערשטעלט און קאָמבינירט
זיי זאָלען ניט זיין. פון אַ עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט אָבער טויג
ניט די ערקלערונג, וואָרים עס פעהלט איהר דער היסטאָרישער
עלעמענט. פון דער אַנדער זייט זוכט מען דעם אונטערשייד צווישען
ווערקצייג און מאַשין אין דעריין, וואָס ביי דעם ווערקצייג איז דער
מענש די בעוועגונג־קראַפט, און ביי דער מאַשין—אַנאַנדער נאַטור־
קראַפט, ניט קיין מענשליכע, דהינו אַ חיה, וואַסער, ווינד א.אז.וו.[88]
לויט דער דערקלערונג וואָלט אויסגעקומען, אַז אַ פלוג, געשלעפּט
פון אָקסען—וואָס געהערט צו די פערשיידענסטע פּראָדוקציאָנס־
עפּאָכען—איז אַ מאַשין, און קלאַססענס „סירקולאַר לום" [אַ רונד־
וועבשטוהל], וואָס ווערט בעוועגט דורך די הענד פון אַן איינציגען
אַרבייטער און מאַכט 96,000 אויגלעך אין אַ מינוט, איז נישט מעהר
ווי אַ ווערקצייג. נאָך מעהר, דערזעלביגער וועבשטוהל וואָלט געווען
אַ ווערקצייג, ווען מען בעוועגט איהם מיט'ן האַנד, און אַ מאַשין,
ווען מען בעוועגט איהם מיט דאַמף. און אַזוי ווי די אָנווענדונג
פון דער קראַפט פון חיות איז איינע פון די עלטסטע ערפינדונגען
פון דער מענשהייט, הייסט עס פאַקטיש, אַז די מאַשין־פּראָדוקציאָן

[87] זעה צום ביישפּיעל האַטטאָן: „קאָרס און מאַטהעמאַטיקס".

[88] לויט דעם שטאַנדפּונקט לאָזט זיך אָוועקשטעלען אַ שאַרפע גרעניץ צווישען אַ ווערקצייג און אַ מאַשין. גראַב־אייזענס, האַמערס, דלאָטען א.אז.וו., סיסטעמען פון הויב־שטאַנגען און שרויפען, פאַר וועלכע דער מענש איז די בעוועגונג־קראַפט, ווי קינסטליך זיי זאָלען ניט זיין . . . דאָס אַלעס פאַלט אונטער דעם בעגריף פון ווערקצייג: בעת אַ פלוג, וואָס ווערט בעוועגט פון טהיער־קראַפט, ווינד־מיהלען א.ד.ג. מוזען צוגערעכענט ווערען צו מאַשינען." (ווילהעלם שולץ, „די בעוועגונג דער פּראָדוקציאָן", ציריך 1843, ז. 38.) אַ שריפט, וואָס איז אין געוויסע פּרטים לויבענסווערטה.

דרייצעהנטער קאַפּיטעל.

מאַשינעריע און גרויס־אינדוסטריע.

1. ענטוויקלונג פון מאַשינעריע.

דזשאהן סטוארט מילל זאָגט אין זיינע „פּרינציפּען פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע": „עס איז נאָך אַ פראַגע, צי די אַלע מע־כאַנישע ערפינדונגען, וואָס זיינען ביז איצט געמאַכט געוואָרן, האָבען פערלייכטערט די טעגליכע ארבייט פון אַ וועלכען עס איז מענשען." [86] דאָס איז אָבער בשום אופן גאָרניט דער צוועק פון דער מאַשינעריע, וואָס ווערט קאַפּיטאַליסטיש אָנגעווענדעט. די מאַשינעריע, ווי יעדע אַנדערע ענטוויקלונג פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, דאַרף נאָר וועלוועלער מאַכען די סחורות און פערקירצען דעם טייל פון ארבייטס־טאָג, וואָס דער ארבייטער נעברויכט פאַר זיך אליין, כדי צו פערלענגערן דעם אַנדער טייל פון זיין ארבייטס־טאָג, וועלכען ער גיט אַוועק אומזיסט דעם קאַפּיטאַ־ליסט. זי איז אַ מיטעל פאַר דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה.

די רעוואָלוציע אין דעם אופן פון פּראָדוקציאָן הויבט זיך אָן אין דער מאַנופאַקטור מיט דער א ר ב י י ט ־ ק ר א פ ט, אין דער גרויס־אינדוסטריע—מיט דעם א ר ב י י ט ס מ י ט ע ל. מען מוז דעריבער קודם אונטערזוכען, דורך וואָס ווערט דער ארבייטס־מיטעל פערוואַנדעלט פון אַ ווערקצייג אין אַ מאַשין, אָדער מיט וואָס אונ־טערשיידט זיך די מאַשין פון אַ האַנדווערק־אינסטרומענט. אונז איז אָבער דאָ נוגע נאָר די גרויסע, אַלגעמיינע כאַראַקטער־שטריכען; וואָרים די עפּאָכען אין דער געשיכטע פון דער געזעלשאַפט טיילען זיך פונקט אַזוי ווייניג אָב דורך אַבסטראַקט־שטרענגע גרעניץ־ליניען, ווי די עפּאָכען פון דער ערד־געשיכטע.

---

[86] מילל האָט געזאָלט זאָגען: „פון אַ וועלכען עס איז מענשען, וואָס לעבט ניט פון דעם אַנדערן'ס ארבייט", וואָרים עס איז קיין ספק ניט, אַז די מאַשי־נעריע האָט זעהר פערמעהרט די צאָהל פון די רייכע לעדיג־געהער.

אַנשטוים פון אַ פאַרטיגער נאַטור־קראַפט פון דרויסען, ווי דער וואַסער־ראַד פונ׳ם וואַסער־פאַל, דער ווינד־פליעגעל פון דעם ווינד א.אַז.וו. דער טראַנסמיסיאָן־מעכאַניזם, וואָס איז צונויפגעשטעלט פון שוואונג־רעדער, טרייב־וואַלען, צייהן־רעדער, דרעה־רעדער, טרייב־רימענס, שטריק, בענדער, צווישענגעשיר און אַלערליי סאָרטען אויסשטאַטונגען, רעגולירט די בעוועגונג, ענדערט, וואו עס איז נויטיג, איהר פאָרם, צום ביישפּיעל פון אַ ווערטיקאַלער אין אַ קרייז־פאָרמיגער בעוועגונג, פערטיילט און טראָגט אריבער די בעוועגונג אויף דער ווערקצייג־מאַשינעריע. די ביידע טיילען פון דעם מעכאַניזם דיענען נאָר איבערצוגעבען די בעוועגונג צו דער ווערקצייג־מאַשין, דורך וועלכער זי כאַפּט אָן דעם ארבייט־געגענשטאַנד און פערענדערט איהם צוועקמעסיג. אָט דער טייל פון דער מאַשינעריע, די ווערקצייג־מאַשין, איז עס, פון וואַנען די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע פון 18טען י.ה. הויבט זיך אָן. די ווערקצייג־מאַשין מאַכט נאָך אויס דעם אָנהויב־פּונקט יעדען טאָג פון דאָס ניי, אַזוי אָפט ווי אַ האַנדוועָרק־ אָדער מאַנופאַקטור־פּראָדוקציאָן געהט אריבער אין אַ מאַשינען־פּראָדוקציאָן.

בעטראַכט מען גענויער די ווערקצייג־מאַשין אָדער די אייגענטליכע ארבייט־מאַשין, דערזעהט מען בכלל ווידער, ווען אפילו אָפט אין אַ פערענדערטער פאָרם, די אַפּאַראַטען און ווערקצייג, מיט וועלכע דער האַנדווערקער אָדער מאַנופאַקטור־ארבייטער ארבייט, אָבער אנשטאַט דעם מענשען׳ס ווערקצייג זיינען זיי איצט ווערקצייג פון אַ מעכאַניזם אָדער מעכאַנישע ווערקצייג. אָדער די גאַנצע מאַשין איז אַ מעהר אָדער ווענינער פערענדערטע מעכאַנישע אויסגאַבע פון דעם אַלטען האַנדווערק־אינסטרומענט, ווי מען זעהט עס

ליגיעזע נעבעל־פאַרשטעלונגען, איידער פערקעהרט, צו ענטוויקלען פון די יעדעס־מאַליגע ווירקליכע לעבענס־פערהעלטנישען איהרע פערהימעלטע פאָרמען. די לעצטע איז די איינציג מאַטעריאַליסטישע און פאַלגליך וויסענשאַפטליכע מעטאָדע. די חסרונות פון דעם אבסטראַקט־נאַטורוויסענשאַפטליכען מאַטעריאַליזם, וועלכער שליסט אויס דעם געשיכטליכען פּראָצעס, קאָן מען שוין זעהן פון די אבסטראַקטע און אידעאַלאָגישע פאַרשטעלונגען פון זיינע וואָרט־פיהרער, וויבאַלד נאָר זיי וואַגען ארויסצוטרעטען ווייטער איידער זייער ספּעציאַליטעט.

איז פארגעקומען פריהער איידער די האנד־פראדוקציאן. בעת דזשאהן וויאט האט אין יאהר 1735 געלאזט הערן וועגען זיין שפין־מאשין און דערמיט אנגעזאגט די אינדוסטריעלע רעוואלוציע פון 18טען יאהרהונדערט, האט ער אווארט ניט דערמאנט, אז אן עזעל טרייבט די מאשין, דאך איז די ראליע אנגעקומען דעם עזעל. „א מאשין אויף צו שפינען אהן פינגער“ האט עס געהייסען אין זיין פראגראם.[89]

יעדע ענטוויקעלטע מאשינעריע בעשטעהט פון דריי בעצם־פערשיידענע טיילען: פון דער בעוועגונג־מאשין, דעם טראנסמי־סיאן [איבערטראגונג]־ מעכאניזם און ענדליך פון דער ווערקצייג־מאשין אדער ארבייט־מאשין. די בעוועגונג־מאשין דיענט אלס טרייב־קראפט פון דעם גאנצען מעכאניזם. זי שאפט איהר איי־גענע בעוועגונג־קראפט, ווי למשל די דאמף־מאשין, די הייסע־לופט מאשין, עלעקטרא־מאגנעטישע מאשין א.אז.וו., אדער זי קריגט דעם

[89] שוין פאר איהם זיינען אנגעווענדט געווארן מאשינען צום שפינען, וועןן אפילו גאר ניט קיין פאלקאמענע — צוערשט וואהרשיינליך אין איטאליען. א קריטישע געשיכטע פון דער טעכנאלאגיע וואלט איבערהויפט בעוויזען, ווי וועניג וועלכע עס איז ערפינדונג פון 18טען י.ה. איז די ארבייט פון איין איינציגען מענשען. ביז אהער איז נאך אזא ווערק ניטא. דארווין האט אונז פעראינטערעסירט אין דער געשיכטע פון דער נאטור־טעכנאלאגיע, דאס הייסט אין דער אויסבילדונג פון די ארגאנען פון פלאנצען און טהיערען, וועלכע דיענען אלס פראדוקציאנס־אינסטרומענטען צו דערהאלטען דאס לעבען פון די דאזיגע פלאנצען און טהיערען. פערדיענט אפשר ניט די געשיכטע פון דער אויסבילדונג פון די פראדוקטיווע ארגאנען פון דעם געזעלשאפט־מענשען, וועלכע זיינען דער מאטעריעלער באזיס פון יעדער געזעלשאפטליכער ארגאניזאציע, אויך אזא אויפמערקזאמקייט? און וואלט דען ניט געווען לייכטער צו שאפען אזא געשיכטע, היות די מענשען־געשיכטע, ווי וויקא זאגט, אונטערשיידט זיך דערמיט פון דער נאטור־געשיכטע, וואס די ערשטע האבען מיר געמאכט און די אנדערע ניט? די טעכנאלאגיע דעקט אויף דעם מענשען'ס אקטיווע בעציהונג צו דער נאטור, דעם דירעקטען פראדוקציאנס־פראצעס פון זיין לעבען, און דערמיט אויך פון זיינע געזעלשאפטליכע לעבענס־פערהעלטענישען און פון די גייסטיגע בעגריפען, וואס קומען ארויס פון זיי. אפילו יעדע רעליגיאנס־געשיכטע, וועלכע נעהמט ניט אין אנבעטראכט אט דעם מאטעריעלען באזיס, איז אונ־קריטיש. עס איז פאקטיש פיעל לייכטער ארויסצוגעפינען דורך אנאליז דאס ערדישע קערענדיל פון די רע־

זעצען איין שפּינער בײַ צוויי שפּין־רעדער, ער זאָל, הייסט עס, אַרבייטען אין דערזעלביגער צייט מיט בײַדע הענד און בײַדע פיס. דאָס איז אָבער געווען צופיעל אָנשטרענגענד. שפּעטער האָט מען ערפונדען אַ טרעט־שפּינראָד מיט צוויי שפּינדלען, אָבער די שפּין־קינסטלער, וואָס זאָלען קאָנען שפּינען צוויי פעדים מיט אַמאָל, זיינען געווען כמעט אַזוי זעלטען ווי מענשען מיט צוויי קעפּ. פערקעהרט, די „דזשעני" שפּינט לכתחילה מיט 12 ביז 18 שפּינדלען, די זאָקען־שטריק מאַשין שטריקט מיט פיעלע טויזענדער שפּיזלען אויף אַמאָל א.אז.וו. די צאָהל ווערקצייג, מיט וועלכער דיזעלביגע ווערקצייג־מאַשין אַרבייט אין דערזעלביגער צייט, איז פון אָנהויב אָן בעפרייט פון דער אָרגאַנישער גרעניץ, וואָס בעשרענקט די האַנד־געצייג פון אַן אַרבייטער.

בײַ פיעלע האַנדווערקצייג קאָן מען זעהן בחוש דעם חילוק צווישען דעם מענשען אַלס פּשוט'ע טרייב־קראַפט און אַלס אַר־בייטער, וועלכער טהוט־אויף די אייגענטליכע האַנד־אַרבייט. צום ביישפּיעל ביים שפּין־ראָד ווירקט דער פוס נאָר אַלס טרייב־קראַפט, בעת די האַנד, וואָס אַרבייט מיט'ן שפּינדעל און צופּט און דרעהט, טהוט די ריכטיגע שפּין־אַרבייט. די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע האָט צוערשט אָנגעגריפען גראָד אָט דעם לעצטען טייל פון'ם האַנד־ווערק־אינסטרומענט, און האָט איבערגעלאָזט פאַר'ן מענשען, אַ חוץ דער נייער אַרבייט אויפצופּאַסען די מאַשין מיט'ן אויג און פער־ריכטען איהרע פעהלערן מיט'ן האַנד, די ריין־מעכאַנישע ראָלע פון אַ טרייב־קראַפט. פערקעהרט ווידער, די ווערקצייג, בײַ וועלכע דער מענש ווירקט לכתחילה נאָר אַלס פּשוט'ע טרייב־קראַפט, דהינו ביים דרעהען דאָס הענטעל פון אַ מיהל,[92] ביים פּומפּען, ביים בע־וועגען אַרויף און אַראָב די אָרעמס פון אַ בלאָז־זאַק, ביים שטויסען אין אַ שטופּע א.אז.וו.—רופען טאַקע אַרויס צוערשט די אָנווענדונג

[92] משה פון מצרים האט געזאגט: „דו זאלסט ניט פערצוימען דאס מויל פונ'ם אקס בעת ער דרעשט." די קריסטליך־גערמאנישע פילאנטראפען אבער פלעגען ארויפלעגען א גרויסע הילצערנע ברעט אויפ'ן האלז פון דעם לייבאייגענעם, וועלכען זיי האבען בענוצט אלס טרייבקראפט צום מאהלען, כדי ער זאל ניט קאנען ברענגען קיין מעהל מיט'ן האנד צום מויל.

אין דעם מעכאַנישען וועבשטוהל; [90] אָדער די אַקטיווע אָרגאַנען, וואָס זיינען אריינגעפּאַסט געוואָרן אין געשטעל פון דער ארבייט־מאַשין, זיינען אַלטע בעקאַנטע, ווי למשל די שפּינדלען אין דער שפּין־מאַשין, די שפּיזלען אין דער זאָקען־שטריק־מאַשין, זעג־קלינגען אין דער זעג־מאַשין, מעסערס אין דער האַק־מאַשין א.אז.וו. דער אונטערשייד צווישען אָט די ווערקצייג און דעם עצם קערפּער פון דער ארבייטס־מאַשין הויבט זיך אָן פון זייער געבורט. זיי ווערן נאָך אַלץ גרעסטענטיילס פּראָדוצירט האַנדווערקמעסיג אָדער מאַנו־פאַקטורמעסיג, און דערנאָך ערשט זעצט מען זיי אריין אין דער ארבייטס־מאַשין, וואָס ווערט פּראָדוצירט מאַשינענמעסיג.[91] די ווערקצייג־מאַשין איז, הייסט עס, א מעכאַניזם, וואָס טהוט־אויף מיט זיינע ווערקצייג, נאָכדעם ווי ער בעקומט די געהעריגע בעווע־גונג, דיזעלביגע אַרבייט, וועלכע דער אַרבייטער האָט פריהער אויפ־געטאָן מיט עהנליכע ווערקצייג. צי די טרייב־קראַפט נעהמט זיך פון דעם מענשען, צי וויעדער פון א מאַשין, מאַכט אין עצם פון דער זאַך קיין חלוק ניט. ווען דער אייגענטליכער ווערקצייג ווערט אריבערגעטראָגען פון דעם מענשען אויף א מעכאַניזם, ווערט עס א מאַשין אנשטאָט אַן איינפאַכער ווערקצייג. דער אונטערשייד וואַרפט זיך גלייך אין אויג, אפילו ווען דער מענש אַליין בלייבט נאָך אַלץ דער ערשטער מאָטאָר [די ערשטע טרייב־קראַפט]. די צאָהל ארבייט־אינסטרומענטען, מיט וועלכע א מענש קאָן גלייב־צייטיג אַרבייטען, איז בעשרענקט דורך דער צאָהל פון זיינע נאַ־טירליכע פּראָדוקציאָנס־אינסטרומענטען, פון זיינע אייגענע קער־פּערליכע אָרגאַנען. מען האָט אין דייטשלאַנד געפּרובט צוערשט

---

[90] ספּעציעל אין דער אורשפּרינגליכער פאָרם פון דעם מעכאַנישען וועבשטוהל דערקענט מען מיט׳ן ערשטען בליק וויעדער דעם אַלטען וועבשטוהל. גרינדליך פער־ענדערט קומט ער נאָר פאָר אין זיין מאָדערנער פאָרם.

[91] ערשט אומגעפעהר פון דעם יאָהר 1850 אָן ווערט אין ענגלאַנד פאַבריצירט מאַשינענמעסיג אַלץ א גרעסערער טייל פון די ווערקצייג פון ארבייטס־מאַשינען, הגם ניט פון דיזעלביגע פאַבריקאַנטען, וועלכע מאַכען די מאַשינען גופא. מאַשינען צו פאַבריצירן אזעלכע מעכאַנישע ווערקצייג זיינען צום ביישפּיעל „די אויטאָ־מאַטיק באָבין מייקינג ענדזשין“, „קאַרד סעטינג ענדזשין“, מאַשינען צו מאַכען די וועב־שיפלעך, מאַשינען צו שמיעדען די „מיול און טהראָסל“־שפּינדלען.

דאמף־מאשין. אזוי באלד ווי דער מענש ווירקט בלויז אלס טרייב־קראפט אויף א ווערקצייג־מאשין, אנשטאט צו ווירקען מיט דעם ווערקצייג אויף דעם ארבייט־געגענשטאנד, קאן ווינד, וואסער אדער דאמף א.ד.ג. פערנעהמען זיין פלאץ, און עס איז נישט מעהר ווי א צופאל, וואס די טרייב־קראפט נעהמט אן די פארם פון מענשליכע מוסקולען. דאס שליסט נאטירליך ניט אויס, אז אזא אומבייט וועט פאדערען גרויסע טעכנישע ענדערונגען אין דעם מעכאניזם, וועלכער איז לכתחילה געווען געבויט נאר פאר מענשליכער טרייב־קראפט. היינטיגע צייטען ווערן געבויט אלע מאשינען, וועלכע דארפען נאך ערשט דורכברעכען פאר זיך א וועג, ווי נעה־מאשינען, מאשינען צו באקען ברויט א.ד.ג., אויב זייער כאראקטער שליסט נאר ניט אויס פון אנהויב אן זייער געברויך אויף א קליינעם מאסשטאב, פאר מענשליכער און ריין־מעכאנישער טרייב־קראפט צוגלייך.

די מאשין, פון וועלכער די אינדוסטריעלע רעוואלוציע פאנגט זיך אן, פערבייט דעם ארבייטער, וואס ארבייט מיט אן איינצעלנעם ווערקצייג, אויף א מעכאניזם, וואס אפערירט מיט א סך פון דיזעלביגע אדער עהנליכע ווערקצייג אויף אמאל, און וועלכער ווערט בעוועגט פון אן איינציגער טרייב־קראפט, פון וואס פאר א פארם זי זאל ניט זיין.[95] דא האבען מיר די מאשין, אבער דערווייל נאך אלס איינפאכער עלעמענט פון דער מאשינענמעסיגער פראדוקציאן.

די פערגרעסערונג פון דעם אומפאנג פון דער ארבייט־מאשין און פון דער צאהל ווערקצייג, מיט וועלכע זי ארבייט אין איין צייט, פאדערט א מעהר־מאסיווען בעוועגונג־מעכאניזם, און כדי בייצוקומען זיין אייגענעם ווידערשטאנד, פאדערט אזא מעכאניזם א שטארקערע טרייב־קראפט איידער דעם מענשענ'ס—שוין ניט צו רעדען, וואס דער מענש איז זעהר ניט קיין פאלקאמענער מיטעל צו פראדוצירן א גלייכפארמיגע און ניט־אונטערבראכענע בעוועגונג. אנגענומען אז דער מענש ווירקט איצט נאר אלס איינפאכע טרייב־קראפט, ד.ה. אז די ווערקצייג־מאשין האט פערנומען דעם פלאץ פון

[95] „די פעראייניגונג פון אט די אלע איינפאכע אינסטרומענטען, און געבראכט אין בעוועגונג דורך אן איינציגען מאטאר, שטעלט צוזאמען א מאשין.“
(Babbge, “On the Economy of Machinery”, London 1832)

פון חיות, וואסער, ווינד [93] אלס טרייב־קראפט. זיי דערהויבען זיך צו דער מדרגה פון מאשינען טיילווייז אין דער מאנופאקטור־פּעריאָדע און אין איינצעלנע פעלען נאָך א לאַנגע צייט פריהער, אָבער זיי רעוואָלוציאָנירן ניט דעם פּראָדוקציאָנס־אופן. אַז זיי זיינען שוין כמעט מאשינען אפילו אין זייער האנדווערקמעסיגער פאָרם, ציינט זיך אַרויס אין דער פּעריאָדע פון דער גרויס־אינדוסטריע. די פּומפּען צום ביישפּיעל, מיט וועלכע די האָללענדער האָבען אויסגעפּומפּט די האַרלעם־אָזערע, אין 1836־37, זיינען געווען געבויט אויפ'ן פּרינציפּ פון געוועהנליכע פּומפּען, נאָר זייערע קאָלבען זיינען געטריבען געוואָרן פון ריעזיגע דאמף־מאשינען, אנשטאט פון מענשליכע הענד. דעם שמיעד'ס געוועהנליכער און זעהר ניט פאָלקאָמענער בלאָז־זאַק ווערט צייטענווייז נאָך איצט אין ענגלאַנד פערוואנדעלט אין א מעכאנישע לופט־פּומפּ דורכדעם וואָס מען פערבינדעט זיינע אָרעמס מיט א דאמף־מאשין. אפילו די דאמף־מאשין גופא, ווי זי איז ערפונדען געוואָרן צום סוף פון 17טען י.ה., אין משך פון דער מאנופאקטור־פּעריאָדע, און איז פערבליבען ביז די 80־יגער יאָהרען פון 18טען י.ה.,[94] האָט ניט אַרויסגערופען קיין אינדוסטריעלע רעוואָלוציע. גיכער פערקעהרט, די בעשאַפונג פון ווערקצייג־מאשינען, האָט נויטיג געמאַכט די רעוואָלוציאָנירטע

---

[93] טיילווייז דער דוחק אין נאטירליכע וואסערפאלען, טיילווייז דער קאמף אנטקעגען אן איבערפלוס פון וואסער אין אנדערע פארמען, האבען געצוואונגען די האללענדער צו בענוצען דעם ווינד אלס טרייב־קראפט. די ווינד־מיהל גופא האבען זיי בעקומען פון דייטשלאנד, וואו די דאזיגע ערפינדונג האט ארויסגערופען א שטילען קאמף צווישען דעם אדעל, די גלחים און דעם קייזער מכח דעם, צו וועמען פון די דריי „געהערט" דער ווינד. די לופט ברענגט פערשקלאפונג (מאכט אייגען) פלעגט מען זאגען אין דייטשלאנד, אבער דער ווינד האט האללאנד פריי געמאכט. דא האט ער געמאכט צום קנעכט ניט דעם האללענדער, נאר דעם גרונד און בארען לטובת דעם האללענדער. שוין אין 1836 זיינען אין האללאנד בענוצט געווארן 12,000 ווינד־מיהלען פון 6000 פפערד־קראפט, כדי צו פערהיטען צוויי־דריטעל פונ'ם לאנד פון ווערן צוריק פערוואנדעלט אין זומפען.

[94] זי איז, טאקע אמת, שוין זעהר פיעל פערבעסערט געווארן דורך וואט'ס ערשטע, אזוי־גערופענע איינפאך־ווירקענדע דאמף־מאשין, זי איז אבער אין דער פארם געבליבען נישט מעהר ווי א הויב־מאשין פאר וואסער און פאר דער זאלץ־לעזונג פון די זאלץ־מינען.

דערפון, וואָס דער אויסדרוק פערד־קראַפט ווערט נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג געברויכט אַלס אַ מאָס פון מעכאַנישער קראַפט. דער ווינד איז צו־פערענדערליך און לאָזט זיך ניט קאָנטראָלירן, און די אָנווענדונג פון וואַסער־קראַפט איז אויסער דעם געווען מעהר ווי אַלץ פערשפּרייט אין ענגלאַנד, דעם געבורטס־אָרט פון דער גרויס־אינדוסטריע, שוין אין דער צייט פון דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע. מען האָט נאָך אין 17טען י.ה. פּרובירט טרייבען צוויי „לויפער" [בעוועגטע מיהלשטיינער] און אַזוי אויך צוויי געננ מיהלשטיינער מיט איין וואַסער־ראָד. דער פערגרעסערטער אומפאַנג אָבער פון דעם טראַנסמיסיאָן־מעכאַניזם איז געקומען אין צוזאַמענשטויס מיט דער שוין ניט מעהר גענוגענדער וואַסער־קראַפט, און דאָס איז געווען איינער פון די אומשטענדען, וואָס האָט געפיהרט צו אַ גענויערער אונטערזוכונג פון די רייבונג־געזעצען. אַזוי אויך האָט די ניט־גלייכפאָרמיגע ווירקונג פון דער בעוועגונג־קראַפט, אין די מיהלען, וועלכע זיינען געטריבען געוואָרן דורך שטופען און שלעפּען אַ הויב־שטאַנג, געפיהרט צו דער טעאָריע און אָנווענדונג פון דעם שוואונג־ראָד,[97] וועלכער האָט שפּעטער געשפּיעלט אַזאַ וויכטיגע ראָליע אין דער גרויס־אינדוסטריע. אַרקראַיט'ס טראָסל־שפּינערייַ איז לכתחילה געטריבען געוואָרן מיט וואַסער. דער געברויך פון וואַסער־קראַפט אַלס די הויפּט טרייב־קראַפט איז אָבער אויך געווען פערבונדען מיט פיעל שוועריגקייטען. מען קאָן איהר קראַפט ניט פערגרעסערן ווי־פיעל מען וויל און מען קאָן ניט העלפען, ווען עס איז ניט גענוג; צייטענווייז איז זי גאָר ניטאָ, און האָט איבערהויפּט אַ ריין־לאָ־קאַלען כאַראַקטער.[98] ערשט מיט וואַטט'ס צווייטער, אַזוי גערופע־נער טאָפּעלט־ווירקענדער דאַמף־מאַשין, איז ערפונדען געוואָרן אַן ערשטער מאָטאָר, וועלכער שאַפט אַליין זיין בעוועגונג־קראַפט פון דער פערצעהרונג פון קויהלען און וואַסער, און וואָס זיין לייסטונג־קראַפט שטעהט אינגאַנצען אונטער דעם מענשענ'ס קאָנטראָל. זיינענדיג בעוועגליך און אַ מיטעל פון בעוועגונג, שטאָדטיש און ניט

---

[97] פאול האלבער, 1625, דע קאוס 1618.

[98] די מאדערנע ערפינדונג פון טורבינעז בעפרייט די אינדוסטריעלע אויס־נוצונג פון וואסער־קראפט פון פיעלע פריהערדיגע בעשרענקונגעז.

זיין ווערקצייג, קאָנען איצט נאַטור־קרעפטען פערנעהמען זיין פּלאַץ אויך אַלס טרייב־קראַפט. פון אַלע גרויסע טרייב־קרעפטען, וואָס זיינען אַריבערגענומען געוואָרן פון דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, איז די פערד־קראַפט געווען די ערגסטע, טיילווייז ווייל אַ פערד האָט אַן אייגענעם קאָפּ, און טיילווייז ווייל ער קאָסט טייער, און דער אומפאַנג, וואו מען קאָן איהם בענוצען אין די פאַבריקען, איז אַ בעגרענוצטער.[96] פונדעסטוועגען איז דער פערד זעהר פיעל גע־ברויכט געוואָרן אין די קינדער־יאָהרען פון דער גרויס־אינדוסטריע, ווי מען קאָן עס זעהן, אַ חוץ פון דעם פאַקט, וואָס די שרייבער איבער אַגריקולטור פון יענער צייט האָבען געקלאָגט אויף דעם, שוין

---

[96] דזשאהן ס. מארטאן האט אין יאנואר 1861 געלעזען א פארטראג אין דער „סאסייעטי אוו ארטס" איבער „די קרעפטען, וואס ווערן אנגעווענדט אין דער אגריקולטור". ער זאגט דארט צווישען אנדערעס: „יעדע פערבעסערונג, וואס ברענגט מיט א איינפארמיגקייט פונ'ם באדען, מאכט מען זאל קאנען אנווענדען די דאמף־מאשין פאר דער ריין־מעכאנישער קראפט.... פערד־קראפט ווערט נויטיג, וואו קרומע אבצוימונגען און אנדערע הינדערנישען שטערן די גלייכ־פארמיגע בעוועגונג. די דאזיגע הינדערנישען פערשווינדען וואס פון טאג. פאר אפעראציעס, וועלכע פאדערן א גרעסערע אויסאיבונג פונ'ם ווילען און ווע־ניגער ווירקליכע קראפט, איז די קראפט, וועלכע קאן יעדע מינוט געלענקט ווערן דורך דעם מענשליכען גייסט, ד.ה. די מענשליכע קראפט, די איינציגע, וואס קאן אנגעווענדט ווערן." הערר מארטאן רעדוצירט דאן די דאמף־קראפט, פערד־קראפט, און מענשען־קראפט צו דער געוועהנליכער מאס־איינהייט פון דאמף־מאשינען—די קראפט, וואס איז נויטיג אויפצוהויבען 33 טויזענד פונט איין פוס הויך אין א מינוט,—און בערעכענט, אז 1 פערד־קראפט פון א דאמף־מאשין קאסט 3 פענס א שטונדע און פון א פערד 3½ פענס א שטונדע. ווייטער, אויב מען וויל האלטען א פערד אין א פאלקאם געזונדען צושטאנד, טאר מען איהם ניט לאזען ארבייטען מעהר ווי 8 שטונדען א טאג. דורך דאמף־קראפט קאן מען איינשפארן אויף בעארבייטען לאנד ווענינסטענס 3 פון יעדע 7 פערד דעם גאנצען יאהר, און די קאסטען זאלען ניט זיין גרעסער וויפיעל די אבגעשפארטע פערד וואלטען געקאסט אין יענע 3—4 מאנאט אליין, ווען זיי וואלטען ריכטיג געארבייט. ענדליך, די דאמף־קראפט אין די אגריקולטור־אפעראציעס, וואו זי קאן אנגעווענדט ווערן, פערבעסערט אין פערגלייך מיט פערד־קראפט די קוואליטע פון דער ארבייט. אויפצוטאן די ארבייט פון א דאמף־מאשין וואלט געפאדערט די ארבייט פון 66 מענשען, וואס וואלט געקאסט צוזאמען 15 שילינג א שטונדע; אויפטאן די ארבייט פון א פערד וואלט זיך געפאדערט 32 מענשען און עס וואלט געקאסט צוזאמען 8 שילינג א שטונדע.

די בעשרענקונגען פון מענשליכער קראפט. דער מיט זינקט ארונטער די איינצעלנע ווערקצייג־מאשין, וועלכע מיר האָבען ביז אהער בעטראכט, צו דער מדרגה פון בלויז איין עלעמענט אין דער מאשינען־מעסיגער פּראָדוקציאָן. איין בעוועגונג־מאשין האָט איצט געקאָנט טרייבען אין דערזעלביגער צייט מעהרערע ארבייט־מאשינען. מיט דער גרעסערער צאָהל ארבייט־מאשינען ווערט אויך גרעסער די בעוועגונג־מאשין, וואָס טרייבט זיי אלעמען אין איין צייט, און דער טראנסמיסיאָן־מעכאניזם ווערט א ווייט־אויסגעברייטערטער אפּאַראַט.

איצט דארף מען אונטערשיידען צוויי זאכען: די קאָאָפּעראַציע פון פיעלע גלייכארטיגע מאשינען און דעם מאשינען־סיסטעם.

אין איין פאל ווערט דער גאנצער פּראָדוקט געמאכט פון דערזעלביגער ארבייט־מאשין. זי פיהרט דורך אלע פערשיידענע אָפּעראציעס, וועלכע א האנדווערקער פיהרט דורך מיט זיין ווערקצייג, צ.ב.ש. דער וועבער מיט זיין וועבשטוהל, אָדער וואָס מעהרערע האנדווערקער פיהרען דורך מיט פערשיידענע ווערקצייג, סיי זעלבשטענדיג, סיי איינע נאָך די אנדערע אלס גליעדער פון א מאנופאקטור.[100] צום ביישפּיעל אין דער מאָדערנער מאנופאקטור פון קאָנווערטען פאלדעט איין ארבייטער דאָס פּאַפּיער מיט דעם פאלדביינדעל, אן אנדערער לעגט ארויף די גומי, א דריטער קעהרט אויס דעם לאַץ, אויף וועלכען עס ווערט ארויפגעדרוקט דער מאָנאָגראַם, א פערטער פּרעסט איין דעם מאָנאָגראַם א.אז.וו. און ביי יעדען פון

---

[100] פון דעם שטאנדפונקט פון דער מאנופאקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט איז וועבעריי גאר ניט קיין איינפאכע, נאר אדרבא א גאנץ־קאמפּליצירטע האנדווערק־מעסיגע ארבייט, און בכן איז דער מעכאנישער וועבשטוהל א מאשין, וואס טהוט אויף זעהר פיעלפאכיגע ארבייט. עס איז איבערהויפּט א פאלשע פאָרשטעלונג, אז די מאָדערנע מאשינעריע האט אין אנפאנג אוועקגענומען די אָפּעראציעס, וועלכע די מאנופאקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט האט פעראיינפאכט. שפּינען און וועבען זיינען אין דער מאנופאקטור־פּעריאָדע צוטיילט געוואָרן אין נייע מינים ארבייט, און זייערע ווערקצייג זיינען אויסגעבעסערט און פערענדערט געוואָרן, אבער דער ארבייט־פּראצעס גופא איז אויף קיין אופן ניט צוטיילט געוואָרן און איז געבליבען האנדווערקמעסיג. ניט די ארבייט, נאר דער ארבייטס־מיטעל דיענט אלס אנהויב־פּונקט פאר דער מאשין.

ווי דער וואַסער־ראָד דאָרפיש, מאַכט ער מעגליך די קאָנצענטראַציע פון דער פּראָדוקציאָן אין שטעדט, אנשטאָט צו פערשפּרייטען זי איבער'ן לאַנד. ווי דער וואַסער־ראָד.[99] ענדליך, קאָן מען איהם טעכנאָלאָגיש אָנווענדען אומעטום און דער פּלאַץ וואו איהם אויפצושטעלען הענגט פערהעלטניסמעסיג ווענינ אָב פון לאָקאַלע אומשטענדען. וואַטט'ס גרויסע גאונות צייגט זיך ארויס אין דער ערקלערונג צו דעם פּאַטענט, וואָס ער האָט ארויסגעגעבען אין אַפּריל 1784, וואו ער בעשרייבט זיין דאַמפּ־מאַשין ניט אַלס אַן ערפינדונג פאַר ספּעציעלע צוועקען, נאָר אַלס אַן אַלגעמיין־ווירקענדע קראַפט פון דער גרויס־אינדוסטריע. אייניגע אָנווענדונגען, אויף וועלכע ער צייגט דאָרט אָן, ווי צום ביישפּיעל דער דאַמפּ־האַמער, זיינען ערשט איינגעפיהרט געוואָרן מעהר ווי אַ האַלב יאָהרהונדערט שפּעטער. פונדעסטוועגען איז ער ניט געווען זיכער, צי מען וועט קאָנען אָנווענדען די דאַמפּ־מאַשין אויף צו פיהרן שיפען איבער'ן ים. זיינע נאָכפאָלגער, באולטאַן און וואַטט, האָבען אויסגעשטעלט אין 1851, אויף דער לאָנדאָנער אינדוסטריע־אויסשטעלונג, די קאָלאָסאַלע דאַמפּ־מאַשין פאַר אָקעאַנען־דאַמפּערס.

ערשט נאָכדעם ווי די ווערקצייג זיינען געוואָרן די געצייג פון אַ מעכאַנישען אַפּאַראַט, פון דער ווערקצייג־מאַשין, אנשטאָט ווערקצייג פון דעם מענשליכען אָרגאַניזם, האָט אויך די בעוועגונג־מאַשין בעקומען אַ זעלבשטענדיגע פאָרם, וואָס איז אינגאַנצען בעפרייט פון

[99] „אין דער ערשטער צייט פון דער טעקסטיל־מאַנופאַקטור איז דער אָרט פון דער פאַבריק אבגעהאַנגען פון דער עקזיסטענץ פון אַ וואַסער־שטראָם, וואָס האָט אַ גענוג־שטאַרקען פאַל צו קאָנען טרייבען אַ וואַסער־ראָד. און הגם דער איינפיהר פון וואַסער־מיהלען איז געווען דער אָנהויב פון דעם פאַנאַנדערפאַל פון דעם הויזליכען אינדוסטריע־סיסטעם, זיינען פונדעסטוועגען די פאַבריקען, וועלכע האָבען געמוזט געבויט ווערן ביי וואַסערן און אָפטמאָל גאַנץ ווייט איינע פון די אַנדערע, געווען ניכער אַ טייל פון אַ דאָרפישען סיסטעם איידער פון אַ שטאָדטישען. ערשט ווען דאַמפּ־קראַפט האָט פערביטען די וואַסער־קראַפט, האָבען די פאַבריקען זיך אַנגעקליבען אין די שטעדט און אין אַזעלכע ערטער, וואו עס זיינען געווען גענוג קויהלען און וואַסער צו מאַכען דאַמפּ. די דאַמפּ־מאַשין איז די מוטער פון פאַבריק־שטעדט.“ (A. Redgrave, Report of Insp. of Fact. ,30th April 1866, p. 36.)

איהם פערצווייגען זיך פאַר יעדער איינצעלנער ווערקצייג־מאַשין. פּונקט אזוי ווי פיעלע ווערקצייג זיינען די אָרגאַנען פון איין אַר־בייט־מאַשין, אזוי שטעלען איצט פיעלע ארבייט־מאַשינען צונויף די גלייכאַרטיגע אָרגאַנען פון דעמזעלביגען בעוועגונג־מעכאַניזם.

דער אייגענטליכער מאַשינען־סיסטעם אָבער פערנעהמט דעם פּלאַץ פון דער איינצעלנער זעלבשטענדיגער מאַשין ערשט דאָרט, וואו דער געגענשטאַנד פון דער ארבייט מאַכט דורך א צוזאַמענ־הענגענדע רייהע פון פערשיידענע שטופען־פּראָצעסען, וועלכע ווערן אויסגעפיהרט פון א קייט פון פערשיידענאַרטיגע ווערקצייג־מאַשי־נען, וואָס דערגענצען אָבער איינע די אַנדערע. דאָ ווייזט זיך ווידער ארויס די קאָאָפּעראַציע דורך צוטיילונג פון דער ארבייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער מאַנופאַקטור, אָבער איצט אַלס א קאָמבינאַציע פון טייל־ארבייט־מאַשינען [אנשטאָט טייל־ארבייטער]. די ספּעציפישע ווערקצייג פון די פערשיידענע טייל־ארבייטער, אין דער וואָל־מאַנופאַקטור למשל פון די, וואָס קלאַפּען, קעמען, שערן, שפּינען די וואָל א.אז.וו., פערוואַנדלען זיך איצט אין די ווערקצייג פון ספּעציפיצירטע ארבייט־מאַשינען, און יעדע מאַשין איז א בעזונדער אָרגאַן פאַר א בעזונדער פונקציע אין דעם סיסטעם פון דעם קאָמבינירטען ווערקצייג־מעכאַניזם. אין יענע צווייגען, וואו דער מאַשין־סיסטעם ווערט צוערשט איינגעפיהרט, גיט די מאַ־נופאַקטור אליין אין אַלגעמיין דעם נאַטירליכען באַזיס פאַר דער צוטיילונג און ממילא פאַר דער אָרגאַניזאַציע פון דעם פּראָדוק־ציאָנס־פּראָצעס.[101] באַלד אָבער האָט זיך ארויסגעצייגט א וויכטי־

[101] איידער די עפּאָכע פון דער גרויס־אינדוסטריע איז די וואָל־מאַנופאַקטור געוועזן ענגלאַנד'ס הויפּט־מאַנופאַקטור. די מעהרסטע עקספּערימענטען זיינען דע־ריבער געמאַכט געוואָרן אין איהר, אין פערלויף פון דער ערשטער העלפט פון 18טען י.ה. די ערפאַהרונגען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן ביי וואָל איז צוניץ געקומען ביי באַוועל, וואָס פאָדערט וועניגער מיה אין צוגרייטען זי פאַר מעכאַ־נישער אויסאַרבייטונג; פערקעהרט, שפּעטער האָט זיך די מעכאַנישע וואָל־אינ־דוסטריע ענטוויקעלט אויפ'ן באַזיס פון דער מעכאַנישער באַוועל־שפּינעריי און וועבעריי. איינינע עלעמענטען פון דער וואָל־מאַנופאַקטור, ווי צום ביישפּיעל דאָס קאַמען פון דער וואָל, זיינען ערשט אין די לעצטע עטליכע צעהנדליג יאָהר פער־

די דאָזיגע טייל־ארבייטען מוז יעדער איינצעלנער קאָנווערט אריי־בערגעהן פון איין האנד צו אנאנדערער. איין איינציגע קאָנווער־טען־מאַשין טהוט אָב די אלע אָפּעראציעס מיט איין קלאַפּ און מאַכט 3000 אָדער מעהר קאָנווערטען אין א שטונדע. אַן אַמעריקאנער מאַ־שין אויף צו מאַכען פּאַפּיער־זעקלעך, וואָס איז געווען אויסגעשטעלט אויף דער לאָנדאָנער אינדוסטריע־אויסשטעלונג פון 1862, האָט גע־שניטען דאָס פּאַפּיער, געקלעבט, געפּאַלדעט און פארטיג געמאכט 300 שטיק אין א מינוט. דער גאַנצער פּראָצעס, וועלכער איז אין דער מאנופאקטור צוטיילט און דורכגעפיהרט אין א סדר, איין טייל נאָך דעם אנדערן, ווערט דאָ אָבגעטאָן פון איין ארבייט־מאַשין, וועלכע ווירקט דורך א קאָמבינאציע פון פערשיידענע ווערקצייג.

אין דער פאבריק, דאָס הייסט אין דעם ווערקשטאַט, וואָס איז געבויט אויף מאַשינען־ארבייט, בעוויזט זיך די איינפאכע קאָאָפּע־ראציע יעדעס מאָל ווידער. און, ווען מיר לאָזען אויס דעם אר־בייטער פון בעטראַכט, זעהט מען טאקע, ווי די קאָאָפּעראציע וויזט זיך קודם ארויס, ווי א צונויפדרענגונג אין שטח פון גלייכארטיגע און גלייכצייטיג־צוזאמענווירקענדע ארבייט־מאשינען. דאָס איז איהר אויסשליסליכע פאָרם דאָרט, וואו יעדער פּראָדוקט געהט ארויס א פארטיגער פון יעדער ארבייט־מאַשין, סיי די דאָזיגע מאשין איז נאָר א מעכאנישע ווידערגעבורט פון א קאָמפּליצירטען האנד־ווערק־צייג, סיי זי איז א קאָמבינאציע פון פערשיידענארטיגע איינפאכע אינסטרומענטען, פון וועלכע יעדער איינער האָט זיך זיין בעזונדערע פונקציע. אַזוי ווערט צוזאמענגעשטעלט א וועב־פאבריק, דורכדעם וואָס פיעלע מעכאנישע וועבשטוהלען ווערן צונויפגעבראכט איינע נעבען די אנדערע אין איין געביידע, און אַ נעה־פאבריק דורכדעם וואָס פיעלע נעה־מאַשינען ווערן אויפגעשטעלט איינע נעבען די אנ־דערע אין דערזעלביגער ארבייטס־געביידע. אָבער דאָ עקזיסטירט א טעכנישע איינהייט, דערמיט וואָס די פיעלע גלייכארטיגע ארבייטס־מאַשינען בעקומען זייער אָנטרייב אין דערזעלביגער צייט און אין דערזעלביגער מאָס פון דעם הארץ־קלאַפּען פון דעם געמיינשאַפטלי־כען ערשטען מאָטאָר, וואָס ווערט צו זיי אריבערגעטראָגען דורך דעם טראַנסמיסיאָן־מעכאניזם, וועלכער איז טיילווייז אויך א געמיינ־שאפטליכער פאר זיי אלעמען, ווייל נאָר בעזונדערע אויסלויפער פון

שטופּען פון זיין פאַבריקאַציע און געפינט זיך אויך שטענדיג אין אַ איבערגאַנג פון איין פּראָדוקציאָן־פּאַזע אין דער אַנדערער. אַזוי ווי די דירעקטע קאָאָפּעראַציע פון די טייל־ארבייטער אין דער מאַנו־פאַקטור שאַפט בעשטימטע פּראָפּאָרציעס צווישען די בעזונדערע ארבייטער־גרופּען, אַזוי ווערט אויך געשאַפען אין דעם אָרגאַניזירטען מאַשינען־סיסטעם, וואו איין טייל־מאַשין ווערט געהאַלטען בעשעפ־טיגט דורך דער אַנדערער, אַ בעשטימטע פּראָפּאָרציע צווישען זייער צאָהל, זייער אומפאַנג און זייער געשווינדקייט. די קאָמבינירטע ארבייטס־מאַשין, וועלכע איז איצט אַן אָרגאַניזירטער סיסטעם פון פערשיידענאַרטיגע איינצעלנע ארבייט־מאַשינען און פון גרופּען פון אַזוינע מאַשינען, איז אַלץ מעהר פּאָלקאָמען, וואָס מעהר אָנהאַל־טענד איהר גאַנצער פּראָצעס איז, ד.ה. מיט וואָס ווייניגער אונטער־ברעכונג דער רויה־מאַטעריאַל געהט אריבער פון זיין ערשטער ביז זיין לעצטער פאַזע; וואָס מעהר, הייסט עס, דער איבערגאַנג פון איין פּראָדוקציאָן־פּאַזע אין דער אַנדערער ווערט צושטאַנד געבראַכט פון דעם מעכאַניזם אַליין, אנשטאָט פון אַ מענשליכער האַנד. אויב אין דער מאַנופאַקטור איז די איזאָלירונג פון יעדען טייל־פּראָצעס אַ פּרינציפּ, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרן פון דער צוטיילונג פון דער ארבייט גופא, הערשט אין דער ענטוויקעלטער פאַבריק פער־קעהרט די קאָנטינויטעט [דער ניט־אונטערבראָכענער צוזאמענ־האַנג] פון די בעזונדערע פּראָצעסען.

אַ סיסטעם פון מאַשינעריע, סיי ער האַלט זיך בלויז אויף דער קאָאָפּעראַציע פון גלייכאַרטיגע מאַשינען, ווי אין דער וועבעריי, סיי אויף אַ קאָמבינאַציע פון פערשיידענאַרטיגע מאַשינען, ווי אין דער שפּינעריי—וויבאַלד די מאַשינעריע ווערט געטריבען פון אַן ערשטען מאָטאָר, וואָס בעוועגט זיך אַליין, איז זי אַן און פאַר זיך אַ גרויסער אויטאָמאַט. אָבער אפילו ווען דער גאַנצער סיסטעם ווערט גע־טריבען פון אַ דאַמף־מאַשין צ.ב.ש., קאָנען פונדעסטוועגען איינ־צעלנע ווערקצייג־מאַשינען פאָדערן די הילף פון אַן ארבייטער פאַר געוויסע בעוועגונגען, (דהינו אריינצוטאָן דעם „מיול“ איידער דער „סעלף־אקטינג מיול“ איז ערפונדען געוואָרן, און ווי עס פאָדערט זיך נאָך איצטער ביי פיין־שפּינעריי), אָדער בעשטימטע טיילען פון דער מאַשין מוזען ווי אַ ווערקצייג געלענקט ווערן פון דעם ארביי־

גער אונטערשייד. אין דער מאַנופאַקטור מוזען אַרבייטער, איינציג־ווייז אָדער אין גרופּען, אויספיהרען יעדען בעזונדערן טייל־פּראָצעס מיט זייערע האַנד־ווערקצייג. אויב דער אַרבייטער מוז זיך צופּאַסען צום פּראָצעס, איז אָבער פון פריהער דער פּראָצעס אויך צו־געפּאַסט געוואָרן צום אַרבייטער. אָט דער סוביעקטיווער פּרינציפּ פון דער אַרבייט־צוטיילונג פאַלט אָב אין דער מאַשינען־אַרטיגער פּראָדוקציאָן. דאָ ווערט דער גאַנצער פּראָצעס בעטראַכט אָביעקטיוו, פאַר זיך אַליין; די פאַזען, וואָס שטעלען איהם צונויף, ווערן צוגליעדערט, און דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי אויסצופיהרן יעדען טייל־פּראָצעס און ווי אַזוי די פערשיידענע טייל־פּראָצעסען צו פער־בינדען, ווערט געלעזט דורך דער טעכנישער אָנווענדונג פון דער מעכאַניק, כעמיע א.אַז.וו.[102] עס פערשטעהט זיך, דאָ מוז אויך אַזוי ווי פריהער די טעאָרעטישע לעזונג פערפּאָלקאָמט ווערן דורך דער אָנגעזאַמעלטער פּראַקטישער ערפאַהרונג אויף אַ גרויסען מאָס־שטאַב. יעדע טייל־מאַשין גיט איבער איהר רויה־מאַטעריאַל דער מאַשין, וואָס קומט נאָך איהר, און אַזוי ווי זיי אַרבייטען אַלע אין איין צייט, מאַכט דער פּראָדוקט שטענדיג דורך די פערשיידענע

קערפּערט געוואָרן אין דעם פאַבריק־סיסטעם. „די אַנווענדונג פון מעכאַנישער קראַפט פאַר דעם פּראַצעס פון קעמען וואָל... וואָס קומט פאַר איז אַ גרויסען ערך זינט די קאַם־מאַשין, דערהויפּט ליסטער׳ס, איז איינגעפיהרט געוואָרן, האָט בלי ספק מיטגעבראַכט די אַרבייטלאָזינקייט פון אַ גרויסער צאַהל אַרבייטער. פריהער פלעגט מען קעמען די וואָל מיט די הענד, און מעהרסטענטיילס ביי דעם וואָל־קעמער אין שטוב. איצט ווערט זי כמעט אינגאַנצען געקעמט אין דער פאַבריק, און די האַנד־אַרבייט איז געוואָרן איבערפליסיג, מיט דער אויסנאַהם פון איייניגע ספּעציעלע סאָרטען אַרבייט, וואו מען וויל בעסער האָבען האַנד־געקעמטע וואָל. אַ סך האַנד־קעמער האָבען געפונען אַרבייט אין די פאַבריקען; אָבער דער פּראָדוקט פון דעם האַנד־קעמער איז אַזוי קליין אין פערגלייך מיט דעם פּראָדוקט פון דער מאַשין, אַז אַ זעהר גרויסע צאַהל קעמער זיינען געבליבען אָהן אַרבייט.“ ("Report of Insp. of Fact. for 31st October, 1856", p. 16.)

[102] „דער פּרינציפּ פון פאַבריק־סיסטעם בעשטעהט דעריין, וואָס די צוגליע־דערונג פון דעם אַרבייט־פּראָצעס אויף זיינע גרינדליכע בעשטאַנד־טיילען פער־נעהמט דעם פּלאַץ פון דער פערטיילונג אָדער שטופּען־אָבטיילונג פון דער אַרבייט צווישען די אייגענע האַנדווערקער.“ (Ure, "Philosophy of Manufacture", p. 20.)

איינציגער מאשין טרעט דא ארויס א מעכאנישער מאנסטער, וואס פילט אן מיט זיין קערפער גאנצע פאבריק־געביידען, און וואס זיין טייפעלשע קראפט, וועלכע ליעגט אין אנהויב בעהאלטען אין דער כמעט־פייערליך געמאסטענער בעוועגונג פון זיינע ריעזען־גליעדער, רייסט זיך דורך אין דעם פיעבערהאפטען, משוגע׳נעם ווירבעל־טאנץ פון זיינע צאהללאזע אייגענטליכע ארבייטס־ארגאנען.

עס זיינען געוועזען „מיולס“ [שפין־מאשינען], דאמף־מאשינען א.אז.וו. נאך איידער עס זיינען געוועזען ארבייטער, וואס זייער אויס־שליסליכע בעשעפטיגונג איז געוועזען צו מאכען דאמף־מאשינען, „מיולס“ א.אז.וו.: פונקט אזוי ווי דער מענש האט געטראגען קליי־דער איידער עס זיינען נאך געוועזען שניידער. די ערפינדונגען אבער פון וואוקאנסאן, ארקרייט, וואטט א. א. זיינען נאר דעריבער געוועזען דורכפיהרבאר, ווייל יענע ערפינדער האבען געהאט פאר זיך א היבשע צאהל געשיקטע מעכאנישע ארבייטער, וועלכע זיינען אי־בערגעליפערט געווארן פארטיגע פון דער מאנופאקטור־פעריאדע. א טייל פון די דאזיגע ארבייטער איז בעשטאנען פון זעלבשטענדיגע האנדווערקער פון פערשיידענע פאכען, אן אנדער טייל איז געוועזען גרופירט אין די מאנופאקטורען, וואו די צוטיילונג פון דער ארבייט, ווי עס איז פריהער דערמאנט געווארן, האט געהערשט מיט ספעציעלער שטרענגקייט. וואס ווייטער די ערפינדונגען האבען זיך פערמעהרט, און וואס מעהר די נאכפראגע אויף די ניי־ערפונדענע מאשינען איז געוואקסען, אלץ מעהר האט זיך ענטוויקעלט פון איין זייט די אבזונדערונג פון דער מאשינען־פאבריקאציע אין פיעלערליי זעלבשטענדיגע צווייגען, און פון דער אנדער זייט די צוטיילונג פון דער ארבייט אינעווענינג אין די מאשינענבויענדע פאבריקען. מיר דערזעהען דא, הייסט עס, אין דער מאנופאקטור די דירעקטע טעכנישע גרונדלאגע פון דער גרויס־אינדוסטריע. די מאנופאקטור האט געשאפען די מאשינעריע, דורך וועלכע די גרויס־אינדוסטריע האט אין די ספערען, וואו זי איז צוערשט איינגעדרונגען, געמאכט א סוף פון דער האנדווערק־ און מאנופאקטורמעסיגער פראדוקציאן. די מאשין־פראדוקציאן האט זיך, הייסט עס, אליין אויפגעהויבען אויף א מאטעריעלען באזיס, וואס איז ניט געוועזען אנגעמאסטען פאר איהר. ווען זי האט געגרייכט א געוויסען ענטוויקלונג־גראד,

טער, כדי די מאַשין זאָל קאָנען טהאָן איהר ארבייט, ווי עס איז געוועזן דער פאַל ביים בויען מאַשינען איידער דער „סליידן־רעסט“ (אזא דרעה־אַפּאַראַט) איז פערוואַנדעלט געוואָרן אין אַ זעלבשטענדיגען אויטאָמאַט [„סעלף־אַקטער“]. אַזוי באַלד ווי די ארבייטס־מאַשין מאַכט אַלע בעוועגונגען, וואָס זיינען נויטיג צו בעאַרבייטען דעם רויה־שטאָף, אָהן מענשליכער מיט־הילף, און דאַרף נאָר האָבען מענשליכע אויפפאַסונג, האָבען מיר אַן אויטאָמאַטישען סיסטעם פון מאַשינעריע, וועלכער קאָן שטענדיג אויסגעבעסערט ווערן אין זיינע פּרטים. אַזוי זיינען צום ביישפּיעל דער אַפּאַראַט, וואָס שטעלט אָב די שפּין־מאַשין ווי נאָר עס צורייסט זיך איין איינציגער פאָדים, און „דער סעלף־אַקטינג סטאָפּ“, וועלכער שטעלט אָב דעם פערבעסערטען דאַמף־וועבשטוהל, ווי נאָר דער איינשלאָג־פאָדים געהט אויס פון דער שפּול פון וועבער־שיפעל — גאַנץ מאָדערנע ערפינדונגען. אַלס אַ ביישפּיעל פון דער קאָנטינואיטעט [ניט־אונטערבראָכענקייט] פון דער פּראָדוקציאָן, אַזוי גוט ווי פון דער דורכפיהרונג פון דעם אויטאָמאַטישען פּרינציפּ, קאָן דיענען די מאָדערנע פּאַפּיער־פאַבריק. אין דער פּאַפּיער־פּראָדוקציאָן קאָן מען איבערהויפּט שטודירן אין אַלע פּרטים דעם אונטערשייד פון פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־אופנים, אויף׳ן גרונד פון פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, ווי אויך דעם צוזאַמענהאַנג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־פערהעלטנישען מיט די דאָזיגע פּראָדוקציאָנס־אופנים; וואָרים די עלטערע דייטשע פּאַפּיער־מאַכעריי גיט אונז אַ מושטער פון דער האַנדווערק־פּראָדוקציאָן, האָלאַנד אין 17טען און פראַנקרייך אין 18טען י.ה. גיבען אַ מושטער פון דער אייגענטליכער מאַנופאַקטור, און די מאָדערנע ענגלאַנד — אַ מושטער פון דער אויטאָמאַטישער פאַבריקאַציע אין דעם דאָזיגען צווייג; אויסערדעם געפינען זיך אין כינאַ און אינדיען נאָך צוויי פערשיידענע אַלט־אַזיאַטישע פאָרמען פון דערזעלביגער אינדוסטריע.

די מאַשין־פּראָדוקציאָן בעקומט איהר העכסט ענטוויקעלטע געשטאַלט, ווען זי ווערט אַן אָרגאַניזירטער סיסטעם פון ארבייטס־מאַשינען, וועלכע קריגען זייער בעוועגונג נאָר דורך דער טראַנסמיסיאָן־מאַשינעריע פון אַ צענטראַלען אויטאָמאַט. אנשטאָט אַן

אַלץ מעהר אָבגעריסען פון דעם האַנדווערקמעסיגען מושטער, וועלכער האָט אין אָנהויב בעהערשט איהר געבוי, און האָט אָנגענומען אַ פרייע געשטאַלט, וואָס איהר מעכאַנישע אויפגאַבע אַליין האָט בעשטימט; די אויסבילדונג פון דעם אויטאָמאַטישען סיסטעם און די אַלץ מעהר אונפערמיידליך געוואָרענע אָנווענדונג פון אַ מאַטעריאַל, וואָס איז שווערער גובר צו זיין, דהינו אייזען אנשטאָט האָלץ[103]—די לעזונג פון אָט די אַלע נאַטירליך־אויסגעוואַקסענע פּראָבלעמען האָט זיך אומעטום אָנגעשטויסען אויף די פּערזענליכע גרעניצען, וועלכע דער קאָמבינירטער אַרבייטער־פּערסאָנאַל אין דער מאַנופאַקטור האָט אויך נאָר דורכגעבראָכען ביז אַ געוויסען גראַד, אָבער ניט אין עצם. אַזוינע מאַשינען צוםביישפּיעל, ווי די מאָדערנע דרוק־פּרעסען, דער מאָדערנער דאַמף־וועבשטוהל און די מאָדערנע קאַרדיער־מאַשין [צו קעמען וואָל] האָבען ניט געקאָנט געשאַפען ווערן פון דער מאַנופאַקטור.

די רעוואָלוציאָנירונג פון דעם פּראָדוקציאָנס־אופן אין איין ספערע פון דער אינדוסטריע ברענגט מיט איהר רעוואָלוציאָנירונג אין דער אַנדערער. קודם איז דאָס ריכטיג פאַר אַזוינע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע זיינען אפילו איזאָלירט, דורך דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער אַרבייט, אַזוי אַז יעדער צווייג פּראָדוצירט

---

[103] דער מעכאַנישער וועבשטוהל אין זיין ערשטער פאָרם בעשטעהט הויפּטזעכליך פון האָלץ, דער פערבעסערטער, דער מאָדערנער, בעשטעהט פון אייזען. אויף וויפיעל די אַלטע פאָרם פון דעם פּראָדוקציאָנס־מיטעל האָט אין אָנפאַנג בעהערשט זיין נייע פאָרם בעווייזט צווישען אנדערע די אויבערפלעכליכע פערגלייכונג פון דעם מאָדערנעם דאַמף־וועבשטוהל מיט דעם אַלטען, די מאָדערנע בלאָז־אַפּאַראַטען אין די אייזענגיסערייען מיט דער ערשטער אונבעהאָלפענער מעכאַנישער ווידערגעבורט פון דעם געוועהנליכען בלאָז־זאַק; מעהר אויפפאַלענד ווי אַלץ אָבער איז אפשר דער לאָקאָמאָטיוו, וואָס מען האָט פּרובירט בויען איידער די היינטיגע לאָקאָמאָטיוען זיינען ערפונדען געוואָרן, וועלכער האָט בפועל ממש געהאַט צוויי פיס, וואָס האָבען זיך געהויבען איינער נאָכ'ן אַנדערן, ווי ביי אַ פערד. ערשט מיט דער וויטערדיגער ענטוויקלונג פון דער מעכאַניק און דורך דער אָנגעקליבענער פּראַקטישער ערפאַהרונג ווערט די פאָרם אינגאַנצען בעשטימט דורך דעם מעכאַנישען פּרינציפּ און פאָלגליך אינגאַנצען בעפרייט פון דער נע'ירשנ'טזיר קערפּער־פאָרם פון דעם וועיקצייג, וועלכער האָט זיך איצט ענטוויקעלט אין אַ מאַשין.

האָט זי געמוזט אַליין רעוואָלוציאָנירן דעם דאָזיגען באַזיס, וועלכען זי האָט צוערשט געפונען אַ פאַרטיגען און דערנאָך ווייטער אויס־געאַרבייט אויף דער אַלטער פאָרם און האָט געמוזט שאַפען אַ נייעם באַזיס, וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו איהר אייגענעם פּראָדוקציאָנס־אופן. אַזוי ווי די איינצעלנע מאַשין בלייבט אַ קאַרליק אַזוי לאַנג ווי זי ווערט נאָר בעוועגט דורך מענשען; אַזוי ווי דער מאַשינען־סיסטעם האָט זיך ניט געקאָנט פריי ענטוויקלען איידער די דאַמף־מאַשין האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון די פריהערדיגע טרייב־קרעפ־טען—חיות, ווינד און אפילו וואַסער—, פּונקט אַזוי איז די גרויס־אינדוסטריע געווען געלעהמט אין איהר גאַנצער ענטוויקלונג, כל זמן איהר כאַראַקטעריסטישער פּראָדוקציאָנס־מיטעל, די מאַשין גופא, האָט געמוזט פערדאַנקען איהר עקזיסטענץ דער פּערזענלי־כער קראַפט און פּערזענליכער געשיקטקייט, ד.ה. האָט געמוזט אָב־העגנגען פון דער ענטוויקלונג פון די מוסקולען, פון דער שאַרפקייט פונ׳ם בליק און פון דער מייסטערהאַפטער האַנד, מיט וועלכע דער טייל־אַרבייטער אין דער מאַנופאַקטור און דער האַנדווערקער אוי־סער דער מאַנופאַקטור האָבען דירעקטירט זייער קאַרליק־אינסטרו־מענט. אַ חוץ דער טייערקייט פון מאַשינען, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אויף אַזאַ אופן—אַן אומשטאַנד, וואָס בעהערשט דעם קאַ־פּיטאַליסט אַלס בעוואוסטזיניגער מאָטיוו—איז די אויסשפּרייטונג פון דער מאַשינענמעסיג שוין־אַנגעפיהרטער אינדוסטריע און דאָס אריינדרינגען פון מאַשינעריע אין נייע פּראָדוקציאָנס־צווייגען גע־בליבען דירעקט אָבהענגיק פון דעם וואוקס פון אַן אַרבייטער־קאַטע־גאָריע, וועלכע צוליעב דעם האַלב־קינסטלערישען כאַראַקטער פון איהר בעשעפטיגונג, האָט זיך געקאָנט פערמעהרן נאָר ביסלעכווייז און ניט מיט איין שפּרונג. די גרויס־אינדוסטריע איז אָבער אויף אַ געוויסער שטופע פון איהר ענטוויקלונג אויך טעכניש געקומען אין ווידערשפּרוך מיט איהר האַנדווערק־ און מאַנופאַקטורמעסיגער אונטערלאַגע. דער פערגרעסערטער אומפאַנג פון די בעוועגונג־מאַשינען, פון דעם טראַנסמיסיאָן־מעכאַניזם און פון די ווערקצייג־מאַשינען; די גרעסערע קאָמפּליקאַציעס, פיעלפאַכיגקייט און שטרענגערע רעגעלמעסיגקייט פון זייערע בעשטאַנד־טיילען, וועלכע זיינען געוואַקסען אין דעם ערך, וואָס די ווערקצייג־מאַשין האָט זיך

גרויס־אינדוסטריע מיט איהר פיעבערהאַפטיגער געשווינדקייט פון פּראָדוקציאָן, איהר גרויסען מאָסשטאַב, איהר נאָכאַנאַנדיגען וואַרפען קאַפּיטאַלען און אַרבייטער־מאַסען פון איין פּראָדוקציאָן־ספערע אין דער אַנדערער און מיט איהרע נײ־געשאַפענע פערבינדונגען אויפ'ן וועלט־מאַרק. שוין ניט צו רעדען וועגען דער גרויסער איבערקעהרעניש אין דעם בויען פון זעגעל־שיפען, האָט זיך דער פערקעהר און טראַנספּאָרט ביסלעכווייז צוגעפּאַסט צו דעם פּראָדוקציאָנס־אופן פון דער גרויס־אינדוסטריע דורך א סיסטעם פון טײך־דאַמפ־שיפען, אײזענבאַהנען, אָקעאַנישע דאַמפ־שיפען און טעלעגראַפען. אָבער די שרעקליכע אײזען־מאַסען, וואָס מען האָט איצט געמוזט שמידען, שווייסען, שניידען, בויערן און פאָרמירן, האָבען פון זייער זייט געפאָדערט ריעזיגע מאַשינען, וועלכע דער מאַנופאַקטור־מעסיגער מאַשינען־בוי האָט ניט געקאָנט שאַפען.

די גרויס־אינדוסטריע, הייסט עס, האָט געמוזט בעהערשען איהר כאַראַקטעריסטישען פּראָדוקציאָנס־מיטעל, די מאַשין גופא, און פּראָדוצירן מאַשינען דורך מאַשינען. ערשט יעמאָלט האָט זי זיך געשאַפען א פּאַסיגען טעכנישען באַזיס און האָט זיך געשטעלט אויף איהרע אייגענע פיס. וואָס מעהר די מאַשין־פּראָדוקציאָן איז גע־וואַקסען אין די ערשטע צעהנדליגע יאָהרען פון 19טען י.ה., אַלץ מעהר האָט די מאַשינעריע ביסלעכווייז פאַקטיש בעהערשט די פאַבריקאַציע פון די ווערקצייג־מאַשינען. דאָך האָבען ערשט אין דעם לעצטען צעהנדליג יאָהרען [פאַר 1867] די אונגעהויערע בויאונג פון אײזענבאַהנען און אָקעאַנישע דאַמפ־שיפען אַרויסגערופען אין לעבען די ציקלאָפּישע [ריעזיגע] מאַשינען, וואָס ווערן בענוצט צו בויען די ערשטע מאָטאָרען.

דער וויכטיגסטער פּראָדוקציאָנס־תנאי פאַר דער פאַבריקאַציע פון מאַשינען דורך מאַשינען איז געווען צו האָבען אַזא בעוועגונג־מאַשין, וואָס זאָל זיין פעהיג צו לייסטען יעדע סומע קראַפט און דאָך זיין אין דערזעלביגער צייט גאַנץ־קאָנטראָלירבאַר. די דאַמפ־מאַשין האָט שוין כמעט דעם בעדינגג ערפילט. עס האָט זיך אָבער אין דערזעלביגער צייט אויך געפאָדערט צו פּראָדוצירן מאַשינען־מעסיג די נויטיגע שטרענג־געאָמעטרישע פאָרמען פאַר די אײנ־צעלנע טײלען פון א מאַשין, ווי ליניען, פלאַכען, קרייזען, צי־

אַ זעלבשטענדיגע סחורה, אָבער פונדעסטוועגען זיינען זיי צונויפ־געקעטעלט איינע מיט די אַנדערע אַלס פאַזען פון איין קאָלעקטיוו־פּראָצעס. די מאַשין־שפּינערייַ האָט אָט אַזוי געמאַכט נויטיג די מאַשין־וועבערייַ, און ביידע צוזאַמען האָבען געמאַכט נויטיג די מעכאַניש־כעמישע רעוואָלוציע אין דער בלייכערייַ, דרוקערייַ און פאַרבערייַ. פון דער אַנדער זייט האָט אַזוי אויך די רעוואָלוציע אין דער באַוועל־שפּינערייַ אַרויסגערופען די ערפינדונג פון דעם „דזשין“—אַ מאַשין אָבצוטיילען די באַוועל־פעדים פון די זאַמען—וועלכע האָט ערשט מעגליך געמאַכט דעם נויטיגען גרויסען מאָס־שטאַב פון דער באַוועל־פּראָדוקציאָן.[104] די רעוואָלוציע אין דעם פּראָדוקציאָנס־אופן פון דער אינדוסטריע און אַגריקולטור האָט אָבער אויך ספּעציעל נויטיג געמאַכט אַ רעוואָלוציע אין די אַלגעמיינע בעדינגונגען פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס פּראָצעס, ד.ה. אין די פערקעהר־ און טראַנספּאָרט־מיטלען. די פערקעהר־ און טראַנספּאָרט־מיטלען פון אַ געזעלשאַפט, וואָס איהר „פּיוואָט“ אָדער העגג־שטיפט, צו געברויכען פוריע׳ס אַן אויסדרוק,[104*] איז געווען איהר קליינע אַגריקולטור, איהר הויזליכע נעבען־אינדוסטריע און שטאָדטישער האַנדווערק, האָבען דורכאויס מעהר ניט געקאָנט פער־ענטפערן די פּראָדוקציאָנס־בעדערפעני‌שען פון דער מאַנופאַקטור־פעריאָדע מיט איהר ברייטערער צוטיילונג פון דער געזעלשאַפטלי־כער אַרבייט, מיט איהר קאָנצענטראַציע פון אַרבייטס־מיטלען און אַרבייטער, און מיט איהרע קאָלאָניאַלע מערק: פאָלגליך זיינען זיי טאַקע אויך רעוואָלוציאָנירט געוואָרן. אַזוי זיינען די טראַנספּאָרט־און פערקעהר־מיטלען, וואָס זיינען געקומען פון דער מאַנופאַקטור־פעריאָדע, באַלד געוואָרן אַן אונדערטרעגליכע שטערונג פאַר דער

[104] דעם יאַנקי׳ס עלי וויטני׳ס „קאָטאָן דזשין“ איז ביז דער גאַר לעצטער צייט ווייניגער געענדערט געוואָרן אין אַ וויכטיגען טייל איידער וועלכע עס איז אַנדערע מאַשינען פון 18טען י.ה. ערשט אין די 50־גער יאָהרען האָט אַן אַנדער אַמעריקאַנער, עמערי פון אַלבאַני, נ. י., איבערגעבויט וויטני׳ס מאַשין דורך אַ איינפאַכער אָבער ווירקזאַמער פערבעסערונג.

[104*] פוריע האָט אָנגערופען דעם וויכטיגען צייכען פון יעדער פעריאָדע אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט איהר „פּיוואָט“ אָדער העגג־שטיפט, אַרום וועלכען אַלעס דרעהט זיך.

דערם פון די גרויסע דאַמף־מאַשינען און די הידראוּלישע פּרעסען. די מעכאַנישע דרעקסעל־באַנק איז די ציקלאָפּישע ווידערגעבורט פון דער געוועהנליכער פוס־דרעקסעל־באַנק; די הובעל־מאַשין איז אַן אייזערנער סטאָליער, וואָס ארבייט מיט דיזעלבע ווערקצייג אין אייזען, ווי דער סטאָליער אין האָלץ; דער ווערקצייג, וואָס שניידט די האָלץ־בעלאַגען (פורניר־ווערק), אויף די לאָנדאָנער שיף־ווערפען, איז אַ ריעזענאַרטיגער גאָל־מעסער; דער ווערקצייג פון דער שער־מאַשין, וואָס שניידט אייזען ווי דעם שניידער'ס שער שניידט געוואַנט, איז אַ מאָנסטער־שער, און דער דאַמף־האַמער ארבייט מיט אַ געוועהנליכען האַמער־קאָפּ, נאָר פון אַזאַ געוויכט, אַז „טהאָר" אליין וואָלט איהם ניט געקאָנט אויפהויבען.[106] איינער פון די דאָזיגע דאַמף־האַמערס צום בייישפּיעל, וועלכע זיינען נאַסמיטה'ס אַן ערפינדונג, וועגט אריבער 6 טאָן און לאָזט זיך אַרונטער מיט אַ ווערטיקאַלען פאַל פון 7 פוס אויף אַן אַמבאָס פון 36 טאָן געוויכט. שפּיעלענדיג צוקלאַפּט ער אַ גראַניט־בלאָק אויף שטויב, און קאָן אויך ניט ווייניגער לייכט ארייננשלאָגען אַ נאָגעל אין ווייכען האָלץ מיט גאַנץ זאַכטע קלעפּ איינע נאָך די אַנדערע.[107]

אַלס מאַשינעריע בעקומט דער ארבייטס־מיטעל אַזאַ מאַטע־ריעלע עקזיסטענץ־פאָרם, וועלכע מאַכט נויטיג, אַז די קראַפט פון מענשען זאָל פערביטען ווערען אויף נאַטור־קרעפטען און די ער־פאַהרונגסמעסיגע רוטין אויף בעוואוסטזיניגער אַנווענדונג פון נאַ־טור־וויסענשאַפט. אין דער מאַנופאַקטור איז די אָרגאַניזירונג פון דעם געזעלשאַפטליכען ארבייט־פּראָצעס אַ ריין סוביעקטיווע [פּער־זענליכע], אַ קאָמבינאַציע פון טייל־ארבייטער; אין דעם מאַשינען־סיסטעם בעזיצט די גרויס־אינדוסטריע אַ גאַנץ אָביעקטיווען [זאַכ־ליכען] פּראָדוקציאָנס־אָרגאַניזם, וועלכען דער ארבייטער געפינט

---

[106] איינע פון די דאָזיגע מאַשינען אין לאָנדאָן, וואָס שמידט וואַלען פאַר אַזוינע רעדער, טראָגט דעם נאָמען „טהאָר". [טהאָר איז אַן אַלט־גערמאַנישער גאָט פון שטורם, וועלכער איז בעוואָפענט מיט אַ שרעקליכען דונערהאַמער. K.] די מאַשין שמידט אַ וואַל פון 16½ טאָן געוויכט מיט דערזעלבינגער לייכטיגקייט, ווי דער שמיד אַ פּאָדקעווע.

[107] די מאַשינען, וואָס ארבייטען אין האָלץ און קאָנען אנגעווענדט ווערן אויף אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, זיינען מעהרסטענטיילס אַמעריקאַנישע ערפינדונגען.

לינדערס, קאָנוסען און קוגלען. אָט דעם פּראָבלעם האָט געלעזט הענרי מאָודסלעי, אין דעם ערשטען צעהנדליג יאָהר פון דעם 19טען י.ה. דורך דער ערפינדונג פון דעם „סלייד־רעסט“ [דער דרעה־באַנק־שליטען], וועלכער איז באַלד געמאַכט געוואָרן אויטאָמאַטיש, און פון דער דרעקסעל־באַנק, פאַר וועלכער ער איז צוערשט בע־שטימט געוואָרן, איז ער אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם אריבערגע־טראָגען געוואָרן אויף אַנדערע קאָנסטרוקציאָן־מאַשינען. דער דאָ־זיגער מעכאַנישער הילף־מיטעל האָט פערנומען דעם פּלאַץ ניט פון אַ וועלכען עס איז ספּעציעלען ווערקצייג, נאָר פון דער מענשליכער האַנד גופא, און ער קאָן ארויסברענגען אַ בעשטימטע פאָרם צוהאַל־טענדיג, אָנפּאַסענדיג און אָנשטעלענדיג דעם שאַרף פון אַ שנייד־אינסטרומענט א.ד.ג. אַנטקעגען אָדער אריבער דעם אַרבייטס־מאַ־טעריאַל, למשל אייזען. אַזוי איז עס געלונגען די געאָמעטרישע פאָרמען פון איינצעלנע מאַשינען־טיילען „צו פּראָדוצירן מיט אַזאַ גראַד פון לייכטקייט, גענויקייט און שנעלקייט, וואָס קיין אָנגעזאַ־מעלטע ערפאַהרונג פון דער האַנד פון דעם העכסט־געשיקטען אר־בייטער, וואָלט ניט געקאָנט דערגרייכען.“ [105]

בעטראַכטען מיר דעם טייל מאַשינעריע, וואָס ווערט אָנגע־ווענדט צום מאַשינען־בוי, וועלכער איז די אייגענטליכע ווערקצייג־מאַשין, ערשיינט פאַר אונז ווידער דער האַנדווערקמעסיגער אינ־סטרומענט, נאָר אין אַ ריעזיגען אומפאַנג. דער ווירקענדער טייל פון דער בויער־מאַשין, צום ביישפּיעל, איז אַן אוינגעהויערער בוי־ערער, וועלכער ווערט געטריבען דורך אַ דאַמף־מאַשין; און, פער־קעהרט, אָהן איהם וואָלט מען ניט געקאָנט פּראָדוצירן די צילינ־

---

[105] "The Industry of Nations", London 1855, Part II, p. 239. דאָרט טאַקע ווערט בעמערקט: „אָט דער צושטעל צו דער דרעה־באַנק קאָן זיך אויסדרוקטען איז גאָר איינפאַך און אויסערליך ניט וויכטיג; מיר גלויבען אבער, אַז מען בעהויפּטעט ניט צו־פיעל, ווען מען זאָגט, אַז זיין איינפלוס אויף דער פערבעסערונג און פערברייטערונג פון דעם געברויך פון דער מאַשין איז געווען פונקט אַזוי גרויס ווי דער איינפלוס פון די פערבעסערונגען, וועלכע וואַט אַליין האָט געמאַכט אין דער דאַמף־מאַשין. די איינפיהרונג פון דעם צושטעל האָט גלייך מיטגעבראַכט אַ פערפאָלקאָמונג און פערביליגונג פון אַלע מאַשינען, און האָט אָנגערעגט צו ווייטערע ערפינדונגען און פערבעסערונגען.“

אָבער כדי אויסצונוצען די דאָזיגע געזעצען פאַר טעלעגראַפיע, מוז מען האָבען קאָסטשפּיעליגע און קאָמפּליצירטע אַפּאַראַטען. דער ווערקצייג, ווי מיר האָבען געזעהן, ווערט ניט אַרויסגעשטופּט דורך דער מאַשין. פון אַ קאַרליק־ווערקצייג פון דעם מענשליכען אָרגאַניזם, ציהט ער זיך אויס אין אומפאַנג און אין צאָהל ביז ער ווערט אַ ווערקצייג פון אַ מעכאַניזם, וואָס איז געשאַפען פון אַ מענשען. אנשטאָט מיט אַ האַנד־ווערקצייג, לאָזט קאַפּיטאַל דעם אַרבייטער איצט אַרבייטען מיט אַ מאַשין, וועלכע פיהרט אַליין איהרע ווערקצייג. אויב עס איז דעריבער קלאָר מיט'ן ערשטען בליק, אַז אַריינגעהמענדיג אונגעהויערע נאַטור־קרעפטען און די נאַטור־וויסענשאַפט אין דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, מוז די גרויס־אינדוסטריע ניט אין אַן ערך פערגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, איז עס גאָר ניט אַזוי קלאָר, אַז זי בעצאָהלט ניט פאַר אָט דער געהעכערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט אויף דער אַנדער זייט מיט אַ פערגרעסערטער אויסגאַבע פון אַרבייט. די מאַשינעריע, אַזוי ווי יעדער אַנדערער בעשטאַנד־טייל פון דעם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, שאַפט ניט קיין [נייען] ווערטה, נאָר זי גיט אָב איהר אייגענעם ווערטה צו דעם פּראָדוקט, וואָס ווערט פון איהר געשאַפען. אַזוי ווייט ווי זי האָט ווערטה און פאָלגליך טראָגט אַריבער דעם ווערטה אויפ'ן פּראָדוקט, אויף אַזוי פיעל איז זי אַ ווערטה־בעשטאַנדטייל פון דעם פּראָדוקט. אנשטאָט וועלוועלער צו מאַכען דעם פּראָדוקט, מאַכט זי איהם טייערער פּראָפּאָרציאָנעל צו איהר אייגענעם ווערטה. און עס איז לייכט איינצוזעהן, אַז די מאַשין און די סיסטעמאַטיש־ענטוויקעלטע מאַשינעריע—דער כאַראַקטעריסטישער אַרבייטס־מיטעל פון דער גרויס־אינדוסטריע—פערגרעסערט דעם ווערטה ניט

זיך די „פרעמדע“ וויסענשאַפט פונקט ווי די פרעמדע אַרבייט. „קאַפּיטאַליסטישע“ אַנאייגענונג און „פערזענליכע“ אַנאייגענונג, סיי פון וויסענשאַפט, סיי פון מאַטעריעלען רייכטום, זיינען אָבער גאָר אינגאַנצען פערשיידענע זאַכען, וועלכע האָבען איינע מיט די אַנדערע גאָרנישט צו טהאָן. דר. אורע אַליין בעקלאַגט די גראָבע אונבעקאַנטשאַפט פון זיינע ליעבע, מאַשינען־עקספּלואַטירענדע פאַבריקאַנטען מיט דער מעכאַניק, און ליעביג וויים צו דערצעהלען וועגען דער שרעקליכער אונוויסענהייט פון די ענגלישע כעמישע פאַבריקאַנטען אין דער כעמיע.

פאַר זיך אַלס אַ פאַרטיגע, מאַטעריעלע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונג. אין דער איינפאַכער קאָאָפּעראַציע און אפילו אין דער קאָאָפּעראַציע, וואָס איז געבויט אויף צוטיילונג פון דער ארבייט, קומט נאָך אַלץ פאָר, אַז דאָס, וואָס דער פעראיינצעלטער ארבייטער ווערט ארויס־געשטופּט דורך דעם פערגעזעלשאַפטעטען, איז מעהר אָדער ווייניגער צופעליג. די מאַשינעריע, מיט איניגע אויסנאַהמען, וועלכע וועלען שפּעטער דערמאָנט ווערן, פונקציאָנירט נאָר אין די הענד פון די־רעקט־פערגעזעלשאַפטעטער אָדער געמיינזאַמער ארבייט. דער קאָ־אָפּעראַטיווער כאַראַקטער פון דעם ארבייט־פּראָצעס ווערט איצט אַ טעכנישע נויטווענדיגקייט, וואָס ווערט דיקטירט פון דער נאַטור פון דעם ארבייטס־מיטעל גופא.

2. דער ווערטה, וואָס די מאַשינעריע גיט איבער דעם פּראָדוקט.

מיר האָבען געזעהן, אַז די פּראָדוקטיוו־קרעפטען, וואָס ענט־שטעהען פון קאָאָפּעראַציע און צוטיילונג פון דער ארבייט, קאָסטען דעם קאַפּיטאַל גאָרנישט. זיי זיינען נאַטור־קרעפטען פון געזעל־שאַפטליכער ארבייט. די נאַטור־קרעפטען, ווי דאַמף, וואַסער א.אז.וו., וועלכע ווערן צוגעפּאַסט צו פּראָדוקטיווע פּראָצעסען, קאָסטען אויך גאָרנישט. אָבער אַזוי ווי דער מענש מוז האָבען לונגען כדי צו אָטהעמען, אַזוי מוז ער אויך האָבען עפּעס וואָס איז „געבויט פון אַ מענשליכער האַנד“, כדי די נאַטור־קרעפטען פּראָ־דוקטיוו צו פערברויכען. מען מוז האָבען אַ וואַסער־ראָד, כדי אויס־צונוצען די בעוועגונגס־קראַפט פון וואַסער, אַ דאַמף־מאַשין, כדי אויסצונוצען די עלאַסטיציטעט פון דאַמף. מיט דער וויסענשאַפט איז אויך דאָס אייגענע, ווי מיט די נאַטור־קרעפטען. האָט מען איינמאָל ענטדעקט דאָס געזעץ וועגען דער אָבווייכונג פון אַ מאַגנעט־נאָדעל אין דעם ווירקונג־קרייז פון אַן עלעקטרישען שטראָם, אָדער וועגען דער מאַגנעטיזירונג פון אייזען דורך אַן עלעקטרישען שטראָם, קאָסט עס שוין מעהר קיין פּרוטה ניט.[108]

---

[108] די וויסענשאַפט קאָסט דעם קאַפּיטאַליסט איבערהויפּט „גאָרנישט“, פונ־דעסטוועגען שטערט עס איהם ניט זי אויסצונוצען. קאַפּיטאַל נעהמט אריין אין

אומפאנג פון דעם ווערקצייג, אויף אזויפיעל גרעסער איז דער אומפאנג פון איהר ניט־בעצאהלטער דיענסט אין פערגלייך מיט דער ניט־בעצאהלטער דיענסט פון דעם ווערקצייג. אין דער גרויס־אינדוסטריע לערנט ערשט דער מענש צו לאזען דעם פראדוקט פון זיין פערגאנגענער, שוין פערקערפערטער ארבייט ווירקען אויף א גרויסען מאסשטאב אומזאנסט, גלייך ווי א נאטור־קראפט.[109]

עס האט זיך ארויסבעוויזען, ווען מיר האבען בעטראכט די קאאפעראציע און מאנופאקטור, אז געוויסע אלגעמיינע פראדוקציאנס־בעדינגונגען, ווי געביידען א.אז.וו., ווערן עקאנאמיזירט דורך דעם געמיינשאפטליכען געברויך, אין פערגלייך מיט די צושפליטערטע פראדוקציאנס־בעדינגונגען פון פעראיינצעלטע ארבייטער, און פאלגליך פערטייערן זיי וועניגער דעם פראדוקט. אין דער [פראדוקציאן דורך] מאשינעריע פערברויכען ניט נאר א סך ווערקצייג דעם קערפער פון איין ארבייטס־מאשין, נאר א סך ארבייטס־מאשינען פערברויכען דיזעלביגע בעוועגונג־מאשין צוזאמען מיט איין טייל פון דעם טראנסמיסיאן־מעכאניזם.

ווען דער חלוק צווישען דעם ווערטה פון דער מאשינעריע און דעם ווערטה־טייל, וואס ווערט אריבערגעטראגען אויף איהר טעגליכען פראדוקט, איז א בעשטימטער, דאן העננט אב דער גראד,

---

[109] ריקארדא שענקט מאנכעסמאל אזויפיעל אויפערקזאמקייט אויף אט דער ווירקונג פון מאשינען, (וועלכע ער האט איבעריגענס פונקט אזוי וועניג ענטוויקעלט ווי דעם אלגעמיינעם אונטערשייד צווישען ארבייט־פראצעס און ווערטה־בילדונג־פראצעס), אז ער פערגעסט אפטמאל דעם ווערטה־בעשטאנדטייל, וואס מאשינען גיבען אב צו דעם פראדוקט און מישט זיי גאר איינגאנצען צוזאמען מיט די נאטורקרעפטען. אזוי זאגט ער צום ביישפיעל: „אדאם סמיטה אונטערשעצט אין ערגעץ ניט די דיענסטען, וואס די קרעפטען פון דער נאטור און פון מענשען לייסטען אונז, אבער ער אונטערשיידט גאנץ ריכטיג די נאטור פון דעם ווערטה וואס זיי זיינען מוסיף צו די ארטיקלען.... אזוי ווי זיי טהוען זייער ארבייט אומזיסט, איז די הילף, וואס זיי גיבען אונז גארניט מוסיף צו דעם טוישווערטה.“ (ריקארדא, „פרינסיפלס און פאליטיקאל עקאנאמיע“, 3טע אויפלאגע, לאנדאן 1821, ז. 336-7.) ריקארדא'ס בעמערקונג איז, פערשטעהט זיך, ריכטיג אנטקעגען זש. ב. סעי, וועלכער רעדט זיך איין, אז די מאשינען לייסטען דאס דאזינע „דיענסט“ פון שאפען ווערטה, וואס עס מאכט אויס א טייל פון דעם „פראפים“.

אין אן ערך פיעל, אין פערגלייך צו די ארבייטס־מיטלען פון דער האנדווערק־ און מאנופאקטור־פראדוקציאן.

קודם מוז מען בעמערקען, אז די מאשינעריע געהט שטענדיג איינגאנצען אריין אין דעם פראצעס פון דער ארבייט און אלעמאל נאר טיילווייז אין דעם פראצעס פון פערווערטונג. זי גיט קיינמאל ניט צו מעהר ווערטה, איידער זי פערלירט דורכשניטליך דורך איהר אבניצונג. עס קומט, הייסט עס, פאר א גרויסער חלוק צווישען דעם ווערטה פון דער מאשין און דעם ווערטה־טייל, וואס ווערט פעריאָ־דיש אריבערגעטראגען פון איהר אויף דעם פראדוקט. וואס גרעסער די פעריאדע, אין משך פון וועלכער דיזעלביגע מאשינעריע דיענט נאכאנאנד אין דעמזעלביגען ארבייט־פראצעס, אלץ גרעסער איז יענער חלוק. געוויס האבען מיר געזעהן, אז יעדער אייגענטליכער ארבייטס־מיטעל אדער פראדוקציאנס־אינסטרומענט געהט אלעמאל איינגאנצען אריין אין דעם ארבייטס־פראצעס און שטענדיג נאר שטיקלעכווייז, פראפארציאנעל צו זיין טעגליכער דורכשניטס־אב־ניצונג, אין דעם פערווערטונגס־פראצעס. אט דער חלוק אבער צווישען בענוצונג און אבניצונג איז פיעל גרעסער ביי דער מא־שינעריע איידער ביי דעם ווערקצייג, ערשטענס ווייל זי, די מא־שינעריע, מחמת זי איז געבויט פון א מעהר דויערהאפטיגען מא־טעריאל, לעבט לענגער; צווייטענס ווייל איהר געברויך, וואס ווערט רעגולירט דורך שטרענג־וויסענשאפטליכע געזעצען, מאכט מעגליך א גרעסערע שפארזאמקייט אין דעם אויסגעבען פון איהרע בעשטאנד־טיילען און אין די מיטלען, וואס זי פערצעהרט; און ענדליך ווייל איהר פראדוקציאנס־פעלד איז ניט אן ערך גרעסער איידער דאס פראדוקציאנס־פעלד פון דעם ווערקצייג. ציהען מיר ארונטער פון ביידען, פון דער מאשינעריע און פון ווערקצייג, זייערע טעגליכע דורכשניט־קאסטען אדער דעם טייל ווערטה, וואס זיי זיינען מוסיף צו דעם פראדוקט דורך זייער דורכשניטליכער טעגליכער אבניצונג און דורך דעם פערברויך פון הילף־שטאפען ווי אויל, קויהלען א.אז.וו., קומט אויס, אז זיי ארבייטען אומזיסט, גאר ווי נאטור־קרעפטען, וואס זיינען בנמצא אהן דער הילף פון מענשליכער ארבייט. אויף וויפיעל דער פראדוקטיווער ווירקונגס־אומפאנג פון דער מאשינעריע איז גרעסער איידער דער ווירקונגס־

מיול־שפּינדלען מיט זייערע ביי־כלים, אָדער 200 טראָסל־שפּינדלען, אָדער 15 וועב־שטוהלען פאַר 40 צאָליגע טוך, מיט די איינריכטונגען ארויפצוציהען די קייטען, דעם אויפזאַץ א.אז.וו.״. די טעגליכע קאָסטען פון אַ דאַמף־פערד־קראַפט און די אָבניצונג פון דער מאַ־שינעריע, וואָס זי בעוועגט, דאַרפען פערטיילט ווערן אין ערשטען פאַל אויף 450 מיול־שפּינדלען, אין צווייטען פאַל אויף 200 טראָסל־שפּינדלען, אין דריטען—אויף 15 מעכאַנישע וועבשטוהלען, אַזוי אַז עס קומט אויס, אַז אויף איין אונץ פעדים אָדער אויף איין על טוך ווערט אַריבערגעטראָגען זעהר אַ קליינער ווערטה־טייל. דאָס־זעלביגע איז אויך אין דעם פריהערדיגען ביישפּיעל מיט דעם דאַמף־האַמער. אַזוי ווי זיין טעגליכע אָבניצונג, זיין קויהלען־פערברויך א.אז.וו. פערטיילען זיך אויף די שרעקליך־גרויסע אייזען־מאַסען, וואָס ער שלאָגט אויס יעדען טאָג, קומט אָן אויף יעדען צענטנער אייזען בלויז זעהר אַ קליינער ווערטה־טייל, ער וואָלט אָבער געווען זעהר אַ גרויסער טייל, ווען דער ריעזיגער אינסטרומענט וואָלט אַריינגעשלאָגען קליינע נעגעל.

ווען דער ווירקונג־קרייז פון אַן אַרבייטס־מאַשין, ד.ה. די צאָהל פון איהרע ווערקצייג, אָדער זייער אומפאַנג, אויב עס רעדט זיך וועגען קראַפט, איז אַ בעשטימטער, דאַן וועט די פּראָדוקטען־מאַסע אָבהענגען פון דער געשווינדקייט, מיט וועלכער זי אַרבייט, ווי צ.ב.ש. פון דער געשווינדקייט, מיט וועלכער די שפּינדעל דרעהט זיך, אָדער פון דער צאָהל קלעפּ, וואָס דער האַמער דערלאַנגט אין אַ מינוט. אייניגע פון יענע קאָלאָסאַלע האַמערס גיבען 70 קלעפּ אין אַ מינוט, ריידער׳ס פּאַטענטירטע שמיעד־מאַשין, וועלכע גע־ברויכט קלענערע דאַמף־האַמערס צו שמיעדען שפּינדלען, גיט 700 קלעפּ אין אַ מינוט.

ווען די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער די מאַשינעריע טראָגט אַריי־בער ווערטה אויף דעם פּראָדוקט, איז אַ בעשטימטע, וועט די גרויס

די עפעקטיווע דאַנעגען איז די קראַפט, וואָס די מאַשין גיט ווירקליך ארויס נאָכדעם, ווי זי האָט בייגעקומען די אינערליכע רייבונגען און אַנדערע הינ־דערנישען. — K.

אין וועלכען דער דאזיגער ווערטה־טייל מאכט דעם פראדוקט מייערער, קודם פון דעם אומפאנג פונ׳ם פראדוקט, אזוי צו זאגען פון זיין אויבערפלעך. הערר בעינס פון בלאקבורן האט אבגעשאצט, (אין א פארלעזונג, פערעפענטליכט אין 1858) אז „יעדע רעאלע מעכאנישע פערד־קראפט [109*] טרייבט 450 „סעלף־אקטינג"

[109*] אין א נאטע צו דער דריטער אויסגאבע דערקלערט ענגעלס די בעדייטונג פון די ווערטער „רעעלע פערד־קראפט" ווי פאלגט: „א פערד־קראפט איז גלייך צו דער קראפט פון 33 טויזענד פוס־פונט אין א מינוט, ד.ה. צו דער קראפט, וועלכע הויבט אויף 33 טויזענד פונט אין א מינוט אויף 1 פוס (ענגלישע מאס) הויך, אדער 1 פונט אויף 33 טויזענד פוס הויך. דאס איז, וואס דער אויסדרוק פערד־קראפט מיינט אויבען אין טעקסט. אין דער געוועהנליכער געשעפט־שפראך און אויך אין ציטאטען אין אייניגע שטעלען פון אט דעם ווערק ווערט אבער געמאכט אן אונטערשייד צווישען „נאמינעלע" און „קאמערציעלע" אדער „אינדיצירטע" פערד־קרעפטען פון דערזעלביגער מאשין. די אלטע אדער נאמינעלע פערד־קראפט ווערט גערעכענט אויסשליסליך נאכ׳ן קאלבען־הויב און דיאמעטער פון צילינדער, און לאזט אינגאנצען אויס פון בעטראכט דעם דאמף־דרוק און די קאלבען־געשווינדקייט. דאס הייסט, זי זאגט פאקטיש: אט די דאמף־מאשין האט צ.ב.ש. 50 פערד־קראפט, ווען זי ווערט געטריבען מיט דעמזעלביגען שוואכען דאמף־דרוק און מיט דערזעלביגער לייכטער קאלבען־געשווינדקייט, ווי אין די צייטען פון באולטאן און וואטט. די לעצטע בײדע פאקטארען זיינען אבער פון יעמאלט אן אונגעהויער פיעל געוואקסען. כדי אויסצומעסטען די מעכאנישע קראפט, וועלכע ווערט היינט ווירקליך ארויסגעגעבען פון א מאשין, האט מען ערפונדען דעם אינדיקאטאר, וועלכער צייגט אן דעם דאמף־דרוק. די קאלבען־געשווינדקייט לאזט זיך לייכט פעסטשטעלען. אזוי איז די מאס פון דער „אינדיצירטער" אדער „קאמערציעלער" פערד־קראפט פון א מאשין א מאטעמאטישע פארמולע, וועלכע נעהמט אין אנבעטראכט דעם דיאמעטער פון צילינדער, די הויך פון דעם קאלבען־הויב, די קאלבען־געשווינדקייט און דעם דאמף־דרוק אין דערזעלביגער צייט, און צייגט דערמיט אן וויפיעל מאל 33 טויזענד פוס־פונט אין א מינוט די מאשין גיט ווירקליך ארויס. א נאמינעלע פערד־קראפט קאן דעריבער ארויסגעבען 3, 4 און אפילו 5 אינדיצירטע אדער ווירקליכע פערד־קראפט. דאס אלעס כדי צו דערקלערן פערשיידענע שפעטיגערע ציטאטען."— ענגעלס נעברויכט דא די ענגלישע מאס־רעכענונגען. אין די לענדער וואו מען געברויכט די מעטער־מאס רעכענט זיך א פערד־קראפט די קראפט, וועלכע הויבט אויף 75 קילאגראם 1 מעטער הויך אין א סעקונדע. די אינדיצירטע פערד־קראפט ווערט אונטערשיידט ניט נאר פון דער נאמינעלער, נאר אויך פון דער ווירקליכער אדער עפעקטיווער. די אינדיצירטע איז, ווי ענגעלס גיט אן, די בערעכענטע קראפט־לייסטונג פון דער מאשין,

עס איז קלאָר, אַז אויב פּראָדוצירן אַ מאַשין קאָסט אַזויפיעל אַרבייט וויפיעל איהר געברויך פערשפּאָרט, דאַן קומט נאָר פאָר אַ פּלאַץ־איבערבייט פון דער אַרבייט, און בכן ווערט דערפון דער סך הכל פון דער אַרבייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן אַ סחורה, ניט קלענער, אָדער די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט ניט גרעסער. דער חלוק אָבער צווישען דער אַרבייט, וואָס זי קאָסט, און דער אַרבייט, וואָס זי שפּאָרט איין, אָדער דער גראַד פון איהר פּראָדוקטיוויטעט, הענגט גאַנץ זיכער ניט אָב פון דעם חלוק צווישען איהר אייגענעם ווערטה און דעם ווערטה פון׳ם ווערקצייג, וועמעס פּלאַץ זי האָט פערנומען. דער חלוק דויערט אַזוי לאַנג, ווי די אַרבייט־קאָסטען פון דער מאַשין, און בכן דער טייל ווערטה, וואָס זי איז מוסיף צום פּראָדוקט, בלייבען קלענער איידער דער

געוואָרן אַלס דעם מענשען׳ס געהילף און ווי עס איז אויך שפּעטער פאַרגעקומען דעם הערן פאַן האַללער אין זיין „רעסטאַוראַציאָן דער שטאַאַטסוויסענשאַפטען“. אַז דעקאַרט האָט פּונקט אַזוי ווי בייקאָן בעטראַכט די פערענדערטע פאָרם פון דער פּראָדוקציאָן און דעם מענשען׳ס פּראַקטישע בעהערשונג פון דער נאַטור אַלס אַ רעזולטאַט פון דער פערענדערטער מעטאָדע פון דענקען, צייגט אַן זיין "Discourse de la Methode" וואו ער זאָגט צווישען אַנדערעס: „עס איז מעגליך (דורך דער מעטאָדע, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אין דער פּהילאָסאָפיע) צו דערגרייכען אַזוינע קענטעניש, וועלכע זיינען זעהר נוצליך פאַר׳ן לעבען, און להיפך צו יענער ספּעקולאַטיווער פילאָסאָפיע וואָס מען לערנט אין די שולען, ערלויבט אָט די מעטאָדע צו ציהען פון זיי פּראַקטישע נוצען. ווען מיר זאָלען קאָנען וויסען די קרעפטען און די ווירקונגען פון פייער, פון וואַסער, פון דער לופט, פון די שטערען און פון אַלע אַנדערע זאַכען אַרום אונז, אַזוי גענוי ווי מיר קענען די בעשעפטיגונגען פון אונזערע האַנדווערקער, וואָלטען מיר געקאָנט בענוצען די פאָרשונגס־רעזולטאַטען צו אַלע אַנווענדונגען, אויף וועלכע זיי קאָנען טויגען, און דורך דעם ווערן די האַררען און בעזיצער פון דער נאַטור“, און דערביי „ביי־טראַגען צו דער פערפאָלקאָמונג פון מענשליכען לעבען.“— אין דער פאָררעדע צו סער דאַדלי נאָרטה׳ס "Discourses upon Trade" (1691) ווערט געזאָגט, אַז דעקאַרט׳ס מעטאָדע אַנגעווענדט אויף דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָט אָנגעפאַנגען צו בעפרייען זי פון די אַלטע באָבע מעשיות און אָבערגלויבישע איינבילדונגען וועגען געלד, האַנדעל א.אז.וו. דורכשניטליך אָבער האָבען זיך די פריהעריגע ענגלישע עקאָנאָמיסטען אָנגעשלאָסען אַן בייקאָן און האָבבס אַלס זייערע פילאָסאָפען, בעת שפּעטער איז לאָק געוואָרן „דער פילאָסאָף“ פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע פאַר ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליען.

פון אַט דעם ווערטה־טייל אָבהענגען פון דער גרויס פון דער מאַשינעריע׳ס אייגענעם ווערטה.[110] וואָס ווייניגער ארבייט זי אליין ענטהאלט, אַלץ ווייניגער ווערטה איז זי מוסיף צום פּראָדוקט. וואָס ווייניגער ווערטה זי גיט אָב, אַלץ מעהר פּראָדוקטיוו איז זי און אַלץ מעהר דערנעהענטערט זי זיך אין איהר דיענסט־לייסטונג צו די נאטור־קרעפטען. די פּראָדוקציאָן פון מאַשינעריע דורך מאַשינעריע פערקלענערט אָבער זייער ווערטה, לפי ערך פון זייער אויסברייטערונג און ווירקונג.

ווען מען אונטערזוכט און פערגלייכט דעם פּרייז פון סחורות, וואָס זיינען פּראָדוצירט דורך האנדווערק אָדער מאַנופאַקטורמעסיג, מיט דעם פּרייז פון דיזעלביגע סחורות, וואָס זיינען פּראָדוצירט דורך מאַשינען, צייגט דער רעזולטאַט, אז בכלל איז דער טייל ווערטה אין דעם מאַשין־פּראָדוקט, וואָס נעהמט זיך פון דעם אַרבייטס־מיטעל, רעלאַטיוו פערגרעסערט, אָבער אבסאָלוט—פערקלענערט. דאָס הייסט אַבסאָלוט איז דער דאָזיגער ווערטה קלענער, אָבער רעלאַטיוו, אין פּראָפּאָרציע צו דעם גאַנצען ווערטה פון דעם פּראָדוקט, דהינו פון אַ פונט פעדים, איז ער גרעסער.[111]

---

[110] דער לעזער, וועלכער געפינט זיך אונטער דער שליטה פון קאַפּיטאַליסטישע דמיונות, וועט נאַטירליך פיהלען, אז דאַ פעהלט דער „צינז“, וואָס די מאַשין איז מוסיף צום פּראָדוקט לויט דעם ערך פון איהר קאַפּיטאַל־ווערטה. מען קאָן אָבער לייכט איינזעהן, אז אַזוי ווי די מאַשין שאַפט פונקט אַזוי ווענינ נייעם ווערטה, ווי יעדער אנדער בעשטאַנד־טייל פון׳ם קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, קאָן זי ניט מוסיף זיין אַזאַ ווערטה אונטער דעם נאָמען „צינז“. עס איז אויך ווייטער קלאָר, אז דאַ, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען דער פּראָדוקציאָן פון מעהר־ווערטה, קאָן שוין לכתחילה קיין טייל פון דעם ניט אנגענומען ווערן אונטער דעם נאָמען „צינז“. די ערקלערונג פון אַט דעם קאַפּיטאַליסטישען אופן פון רעכענען, וועלכער זעהט אויס פון אויבען־אויף אונזיניג און ווידערשפּרעכט די געזעצען פון ווערטה־שאַפונג, געפינט זיך אין דריטען בוך פון אַט דעם ווערק.

[111] אַט דער טייל ווערטה, וואָס ווערט צוגעגעבען פון דער מאַשין, פאַלט אי אַבסאָלוט, אי רעלאַטיוו, ווען די מאַשין פערבייט פערד אָדער בכלל ארבייט־חיות, וועלכע ווערן בענוצט נאָר אַלס בעוועגונג־קראַפט און ניט אַלס מאַשינען, וואָס ענדערן די פאָרם פון שטאָף. אגב אורחא בעמערקט, דעקאַרט מיט זיין דעפיניציאָן פון חיות אַלס פּשוט׳ע מאַשינען, קוקט מיט די אויגען פון דער מאַנופאַקטור־פּעריאָדע, ניט ווי אין מיטעלאַלטער, ווען די חיה איז בעטראַכט

מיט דער הילף פון א מאַן אָדער פון א אינגעל, אַזויפיעל פּיער־פּאַרביגע קאַטון אין איין שטונדע, וויפיעל פריהער פלעגען אָב־דרוקען 200 מענער.[114] איידער עלי וויטני האָט ערפונדען זיין „קאַטאַן דזשין" אין 1793, האָט פּאַנאַנדערדרייסען א פונט באַוועל פון די זאַמען געקאָסט א דורכשניטליכען אַרבייטס־טאָג. אַ דאַנק זיין ערפינדונג האָט איין נעגערין געקאָנט פּאַנאַנדערדרייסען 100 פונט באַוועל א טאָג, און די ווירקזאַמקייט פון דער „קאַטאַן־דזשין" איז זייט דאַן נאָך בעדייטענד פערגרעסערט געוואָרן. איין פונט באַוועל־פעדים, וואָס איז פריהער פּראָדוצירט געוואָרן מיט 50 סענט א פונט, איז שפּעטער פערקויפט געוואָרן פאַר 10 סענט נאָך מיט א גרעסערן פּראָפיט, דאָס הייסט עס האָט ענטהאַלטען נאָך מעהר אונבעצאָהלטע אַרבייט. אין אינדיע געברויכט מען פּאַנאַנדערצורייסען דעם באַוועל פון די זאַמען א האַלב־מאַשינען־אַרטיגען אינסטרומענט, וועלכער הייסט די „טשורקאַ", מיט וועל־כען איין מאַן און איין פרוי רייניגען 28 פונט א טאָג. מיט דער „טשורקאַ", וואָס דר. פאָרבעס האָט ערפונדען איניגע יאָהר צוריק, פּראָדוצירן 1 מאַן און 1 אינגעל 250 פונט א טאָג. וואו מען גע־ברויכט אָקסען, דאַמף אָדער וואַסער אַלס טרייב־קרעפטען, פאָדערן זיך נאָר איניגע אינגלעך און מיידלעך אַלס „פידערס" (ד.ה. צו דערלאַנגען דעם מאַטעריאַל צו דער מאַשין). 16 אַזוינע מאַשינען, געטריבען מיט אָקסען, טהוען אויף טעגליך די פריהערדיגע דורכ־שניט־אַרבייט פון 750 מענשען.[115]

ווי עס איז שוין דערמאָנט געווען, טהוט אויף די דאַמף־מאַשין ביים דאַמף־פלוג אַזויפיעל אַרבייט אין א שטונדע פאַר 3 פּענס אָדער ¼ שילינג, וויפיעל 66 מענשען פאַר 15 שילינג א שטונדע. איך קעהר זיך אום צו דעם ביישפּיעל, כדי אויסצומיידען א פאַלשע פאָרשטעלונג. די 15 שילינג זיינען בשום אופן ניט דער אויסדרוק פון דער אַרבייט, וואָס די 66 מענשען האָבען צוגעגעבען אין דער

---

[114] ביי דעם מאַשינען־דרוק ווערן אויך אויסער דעם איינגעשפּאַרט פאַרבען.

[115] זעה פאַרטראַג געהאַלטען פון דר. וואַטסאָן פאַר דער „סאָסייעטי אָוו אַרטס", אַפּריל 17, 1860.

ווערטה, וואָס דער ארבייטער מיט זיין ווערקצייג וואָלט מוסיף געווען צום געגענשטאנד פון דער ארבייט. די פּראָדוקטיוויטעט פון דער מאשין מעסט זיך דעריבער לויט דעם ערך, אין וועלכען זי פערנעהמט דעם פּלאַץ פון מענשליכער ארבייט־קראפט. נאָך הערר בעינס׳ רעכענונג קומט אויס אויף 450 מיול־שפּינדלען מיט די פּאַר־בערייטונג־מאשינען, וועלכע ווערן געטריבען פון איין דאמף־פערד־קראפט 2½ ארבייטער,[112] און מיט יעדער „סעלף־אקטינג“ מיול־שפּינדעל, ביי א 10־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, ווערן אויסגעשפּונען 13 אונצען פעדים (פון א דורכשניטליכען נומער), הייסט עס 365 5/8 פונט פעדים ווערן אויסגעשפּונען אין א וואָך פון 2½ ארבייטער. כדי צו ווערן פערוואנדעלט אין פעדים, נעהמען אין זיך אריין אומ־געפעהר 366 פונט באוועל (צוליעב פערא״ינפאכונג לאָזען מיר ארויס פון חשבון דעם אָבפאל) בלויז 150 ארבייט־שטונדען אָדער 15 צעהנ־שטונדיגע ארבייטס־טעג, בעת מיט׳ן שפּינראָד, אויב דער האנד־שפּינער זאָל מאכען 13 אונצען פעדים אין 60 שטונדען, וואָלט דער־זעלביגער סכום באוועל פערנומען 2700 צעהנשטונדיגע ארבייטס־טעג אָדער 27,000 ארבייטס־שטונדען.[113] וואו די אלטע מעטאָדע פון „בלאָק־פּרינטינג“ אָדער די האנד־קאטון־דרוקעריי איז פערבי־טען געוואָרן אויף מאשינען־דרוק, דרוקט איין איינציגע מאשין,

[112] לויט א יעהרליכען בעריכט פון דעם האנדעלס־קאמער פון עססען (אָקטאָ־בער 1863) האט קרופּ׳ס שטאהל־גיסעריי פאבריק פּראדוצירט אין 1862, מיט 161 שמעלץ־ גליה־ און צעמענט־אויוועגס, 32 דאמף־מאשינען (אין 1800 איז דאס געווען אומגעפעהר די גאנצע צאהל דאמף־מאשינען, וואס זיינען געברויכט גע־ווארן אין מאנטשעסטער) און 14 דאמף־האמערס, וועלכע האבען רעפּרעזענטירט צוזאמען 1236 פערד־קראפט, אויף 49 שמיעד־טיעגלען, 203 ווערקצייג־מאשינען און ארום 1400 ארבייטער—13 מיליאן פונט גוס־שטאהל. דא קומט אויס נאָך װעניגער ווי 2 ארבייטער אויף 1 פערד־קראפט.

[113] באבבאדזש רעכענט אויס, אז אין יאוואַ קומט צו דעם באוועל 117 פּראַ־צענט ווערטה בלויז דורך דער שפּין־ארבייט. אין דערזעלביגער צייט (1832) האט אין ענגלאנד אנגעטראפען דער גאנצער ווערטה, וואס מאשינעריע און ארבייט האבען צוגעגעבען צו דער באוועל ביי דער פיינשפּינעריי, אומגעפעהר 33 פּראצענט פון דעם ווערטה פון דעם רויהען מאטעריאל. ("On the Economy of Machinery", London 1832, p. 214.)

דעם ווערטה פון דער אַנגעווענדעטער אַרבייט־קראַפט, איז פאַר איהם דער מאַשינען־געברויך בעגרענצט דורך דעם חלוק צווישען דעם ווערטה פון דער מאַשין און דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, וואָס זי פערבייט. אַזוי ווי די איינטיילונג פון דעם אַרבייטס־טאָג אין נויטווענדיגע אַרבייט און מעהר־אַרבייט איז פערשיידען אין פערשיידענע לענדער, און אפילו אין דעמזעלביגען לאַנד אין פערשיידענע פעריאָדען, אָדער אין דערזעלביגער פעריאָדע אין פערשיידענע געשעפט־צווייגען; און אַזוי ווי, ווייטער, דעם אַרבייטער'ס ווירקליכער לוין פאַלט אַמאָל נידעריגער איידער דער ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט, און שטייגט אַמאָל העכער איבער איהר, קאָן דער חלוק צווישען דעם פרייז פון דער מאַשינעריע און דעם פרייז פון דער אַרבייט־קראַפט, וואָס זי דאַרף פערבייטען, זיך זעהר פיעל ענדערן, אפילו ווען דער חלוק צווישען דעם סכום אַרבייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן די מאַשין, און דעם גאַנצען סכום אַרבייט, וואָס זי פערבייט, בלייבט דערזעלביגער.*116 אָבער נאָר דער ערשטער חלוק בעשטימט די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון דער סחורה פאַר דעם קאַפּיטאַליסט אַליין און בעאיינפלוסט איהם דורך די צוואַנג־געזעצען פון דער קאָנקורענץ. עס ווערן דעריבער היינט ערפונדען מאַשינען אין ענגלאַנד, וועלכע ווערן געברויכט נאָר אין אַמעריקא, אַזוי ווי דייטשלאַנד האָט אין 16טען און 17טען י.ה. ערפונדען מאַשינען, וועלכע נאָר האָללאַנד האָט אַנגעווענדעט, און ווי איינציגע פראַנצויזישע ערפינדונגען פון 18טען י.ה. זיינען נאָר אין ענגלאַנד אויסגענוצט געוואָרן. אין די עלטער־ענטוויקעלטע לענדער פּראָדוצירט די מאַשין גופא דורך איהר אַנווענדונג אין איינציגע געשעפט־צווייגען אַזאַ איבערפלוס פון אַרבייט “Redundance of Labor” (ריקאַרדאָ), אין אַנדערע צווייגען, אַז דאָס פאַלען פון דעם אַרבייטס־לוין אונטער דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט הינדערט דעם געברויך פון מאַשינעריע און מאַכט איהם איבערפליסיג און אָפט אונמעגליך פונ'ם שטאַנדפּונקט פון

*116 נאָטע צו דער צווייטער אויסגאַבע. איז אַ קאָמוניסטישער געזעלשאַפט וואָלט די מאַשינעריע דעריבער געהאַט אַ גאַנץ אַנדער פעלד פון פערווענדונג איידער אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט.

שטונדע. אויב די פּראָפּאָרציע פון מעהראַרבייט צו נויטווענדיגער אַרבייט איז געווען 100 פּראָצענט, דאַן האָבען די דאָזיגע 66 אַר־בייטער פּראָדוצירט אין אַ שטונדע אַ ווערטה פון 30 שילינג. אָב־וואויל פון די 66 אַרבייט־שטונדען בלייבט פאַר זיי אַליין נאָר אַן עקוויוואַלענט פון 33, דאָס הייסט ער ווערט פאַרגעשטעלט אין אַן אַרבייטס־לוין פון 15 שילינג. ווען מיר נעהמען אָן, הייסט עס, אַז אַ מאַשין קאָסט פּונקט אַזויפיעל וויפיעל דער לוין פאַר אַ גאַנץ יאָהר פון די 150 אַרבייטער, וואָס זי האָט אַרויסגעשטופּט, לאָמיר זאָגען 3000 פונט סטערלינג, דאַן זיינען די 3000 פונט סט. נאָך בשום אופן ניט דער געלד־אויסדרוק פון דער אַרבייט, וואָס די 150 אַרבייטער האָבען געטאָן און צוגעגעבען צו דעם אַרבייטס־געגענ־שטאַנד, נאָר עס שטעלט בלויז פאָר דעם טייל פון זייער יאָהר־אַרבייט, וועלכער דריקט זיך אויס פאַר זיי אין אַרבייטס־לוין. פערקעהרט וויעדער, דער געלד־ווערטה פון דער מאַשין, די 3000 פונט סט., דריקט מיט זיך אויס די גאַנצע אַרבייט, וואָס איז אויס־געגעבען געוואָרן אויף איהר פּראָדוקציאָן, קיין אונטערשייד וואָס פאַר אַ פּראָפּאָרציע אַרבייטס־לוין פאַר דעם אַרבייטער און מעהר־ווערטה פאַר דעם קאַפּיטאַליסט די דאָזיגע אַרבייט שטעלט פאָר. ווען די מאַשין, הייסט עס, קאָסט אפילו פּונקט אַזויפיעל, וויפיעל די אַרבייט־קראַפט וואָס זי האָט פערביטען, איז דאָך די אַרבייט, וואָס איז אין איהר אַליין פערקערפּערט, אַלץ ווענינער ווי די לעבע־דיגע אַרבייט, וואָס זי פערבייט.[116]

בעטראַכט מען די מאַשין אויסשליסליך אַלס מיטעל וועלוועלער צו מאַכען דעם פּראָדוקט, בעשטעהט דער גרעניץ פון איהר געברויך אין דעם, וואָס איהר אייגענע פּראָדוקציאָן קאָסט ווענינער אַרבייט, איידער די אַרבייט, וואָס איהר אָנווענדונג פערבייט. פאַר דעם קאַפּיטאַל אָבער דריקט זיך אויס דער גרעניץ אין אַן ענגערע פאָרם. אַזוי ווי ער צאָהלט ניט פאַר דער פערברויכטער אַרבייט, נאָר פאַר

---

[116] „אַט די שטומע אַרבייט־קרעפטע (די מאַשינען) זיינען שטענדיג דער פּראָדוקט פון פיעל ווענינער אַרבייט, איידער די סומע אַרבייט, וואָס זיי פער־בייטען, אפילו ווען זיי האָבען ביידע דעמזעלביגען געלדווערטה.“ (ריקאַרדאָ, „פּרינציפּלס און פּאָליטיקאַל עקאָנאָמיע“, דריטע אויסגאַבע, לאָנדאָן 1821, ז. 40.)

ברויכען זיי ניט, ווייל דער „עלענדער“ ("Wretch") איז אין דער ענגלישער פּאָליטישער עקאָנאָמיע דער טעכנישער אויסדרוק פאַר דעם לאַנד־אַרבייטער), וואָס טהוט די דאָזיגע אַרבייט, קריגט בע־צאָהלט אַזאַ קליינעם טייל פון זיין אַרבייט, אַז די מאַשינעריע וואָלט די פּראָדוקציאָן טייערער געמאַכט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט.“[118] אין ענגלאַנד געברויכט מען נאָך איצט אויך אָפטמאָל ווייבער אַנ־שטאָט פערד צו שלעפּען די קאַנאַל־שיפען א.אַז.וו.,“[119] ווייל די אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן פערד און מאַשינען איז אַ מאַטעמאַטיש אויסגערעכענטע סומע, בעת די אַרבייט, וואָס איז נויטיג אויסצוהאַלטען די ווייבער פון דער איבער־בעפעלקערונג, שטעהט נידעריגער פון יעדער אויסרעכענונג. דערפאַר געפינט מען אין ערגיץ ניט אַ מעהר אונפערשעמטע פערשווענדונג פון מענשען־קראַפט אויף לומפּערייען, איידער גראָד אין ענגלאַנד, דאָס לאַנד פון מאַשינען.

3. די נעהענטסטע ווירקונגען אויפ'ן אַרבייטער פון דער מאַשינענמעסיגער פּראָדוקציאָן.

די רעוואָלוציע פון דעם אַרבייט־מיטעל איז, ווי מיר האָבען געצייגט, דער אָנפאַנג־פּונקט פון דער גרויס־אינדוסטריע, און דער רעוואָלוציאָנירטער אַרבייטס־מיטעל בעקומט זיין העכסט־ענטוויקעל־טע געשטאַלט אין דעם אָרגאַניזירטען מאַשין־סיסטעם פון דער פאַבריק. איידער מיר וועלען נאָכזעהן, ווי אַזוי מענשען־מאַטעריאַל ווערט פערקערפּערט אין דעם דאָזיגען אָביעקטיווען אָרגאַניזם, וועלען מיר בעטראַכטען אייניגע אַלגעמיינע צוריק־ווירקונגען פון יענער רעוואָלוציע אויף דעם אַרבייטער גופא.

[118] „מאַשינעז... קאַנעז פיעל אַנגעווענדעט ווערז ערשט ווען די אַרבייט (ער מיינט: דער לוין) שטייגט.“ (ריקאַרדאָ, ד. ג. ז. 579.)

[119] זעה „רעפּאָרט אָוו דהי סאָשעל סייענס קאָנגרעס אָוו עדינבורג“, 1863.

קאַפּיטאַל, וועמעס געווינס קומט דאָך ניט פון דעם, וואָס וועניגער אַרבייט ווערט אַנגעווענדט, נאָר פון דעם וואָס וועניגער אַרבייט ווערט בעצאָהלט. אין איינִיגע צווייגען פון דער ענגלישער וואָל־מאַנופאַקטור איז אין די לעצטע יאָהרען די קינדער־אַרבייט פיעל פערקלענערט געוואָרן, און אין איינִיגע פּלעצער כמעט אינגאַנצען אַרויסגעשטופּט געוואָרן. פאַר וואָס? דאָס פאַבריק־געזעץ האָט געצוואונגען איינצופיהרן אַ טאָפּעלטע קינדער־רייה, איין רייה זאָל אַרבייטען 6 שטונדען און די אַנדערע 4, אָדער יעדע רייה זאָל אַרבייטען צו 5 שטונדען. די עלטערן האָבען אָבער ניט געוואָלט פערקויפען די „האַף־טיימערס" (וואָס אַרבייטען אַ העלפט צייט) ביליגער איידער פריהער די „פול־טיימערס" (וואָס אַרבייטען אַ גאַנצע צייט). דעריבער זיינען די „האַף־טיימערס" פערביטען געוואָרן דורך מאַשינעריע.[117] איידער דעם פערבאָט צו לאָזען פרויען און קינדער (אונטער 10 יאָהר) אַרבייטען אין די מינען האָט קאַפּיטאַל איינגעפונען, אַז די מעטאָדע אויסצונוצען נאַקעטע ווייבער און מיידלעך אין די קויהלען־ און אַנדערע מינען, אָפט צוזאַמען מיט מענער, שטימט גאַנץ גוט איין מיט זיין מאָראַל־קאָדעקס און דער־הויפּט טאַקע אויך מיט זיין הויפּט־בוך; און ערשט נאָכ'ן פערבאָט האָט ער זיך גענומען צו מאַשינעריע. די יאַנקיס האָבען ער־פונדען מאַשינען אויף צו ברעכען שטיינער. די ענגלענדער גע־

[117] „די אונטערנעהמער האבען ניט געוואָלט ניט־נויטיגערהייט האלטען צוויי שיכטען קינדער אונטער 13 יאהר אלט.... איינִיגע פאבריקאנטען, ווי די שפּינער פון וואָל־פעדים, בעשעפטיגען אין דער ווירקליכקייט היינט זעהר זעלטען קינדער אונטער 13 יאהר אלט, ד.ה. די וואס דארפען ארבייטען אַ העלפט צייט. זיי האבען איינגעפיהרט פערשיידענע און נייע מאשינען, דורך וועלכע די בעשעפ־טיגונג פון קינדער (ד.ה. אונטער 13 יאהר אלט) איז געווארן איבערפליסיג. כדי צו אילוסטרירען דעם פאקט ווי די צאהל קינדער איז פערקלענערט געווארן, וויל איך דערמאנגען אן ארבייט־פּראצעס, ביי וועלכען עס ווערט צוגעשטעלט אזא אפּאראט, וואס רופט זיך אַ קניפּ־מאשין, צו די געוועהנליכע מאשינען, און דורך דעם קאָן די ארבייט פון 6 אדער 4 האלב־צייט קינדער—עס הענגט אב פון די אייגענשאפטען פון דער בעטרעפענדער מאשין—אויפגעטאן ווערען פון איין אינגעל (איבער 13 יאהר אלט).... דער האלב־צייט־סיסטעם איז געווען דער דירעקטער שטופּ פאר דער ערפינדונג פון דער אנקניפּ־מאשין." (Reports of Inspector of Factories, for 31st Oct. 1858.)

דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז געווען בעשטימט ניט נאָר דורך דער אַרבייט־צייט, וואָס איז געווען נויטיג צו דערהאַלטען דעם אינדיווידועלען דערוואַקסענעם אַרבייטער, נאָר דורך דער אַר־בייט־צייט, וואָס איז געווען נויטיג צו דערהאַלטען דעם אַרביי־טער׳ס פאַמיליע. דערמיט וואָס די מאַשינעריע וואַרפט אויפ׳ן אַרבייט־מאַרק אַלע מיטגליעדער פון דעם אַרבייטער׳ס פאַמיליע, פערטיילט זי דעם ווערטה פון דעם מאַן׳ס אַרבייט־קראַפט אויף זיין גאַנצער פאַמיליע. זי פערמינערט דעריבער דעם ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט. איינקויפען אַ פאַמיליע, וואָס בעשטעהט למשל פון 4 אַרבייט־קרעפטען, קאָסט אפשר מעהר איידער עס האָט פריהער געקאָסט צו קויפען די אַרבייט־קראַפט פון דעם הויפּט פון דער פאַמיליע, אָבער דערפאַר טרעטען איצט אַרויס 4 אַרבייט־טעג אויף דעם אָרט פון 1, און זייער פּרייז פאַלט לפי ערך וויפיעל די מעהר־אַרבייט פון 4 איז מעהר איידער די מעהר־אַרבייט פון 1. כדי אַ פאַמיליע זאָל קאָנען לעבען, מוזען איצטער 4 געבען דעם קאַפּיטאַל ניט נאָר אַרבייט, נאָר מעהר־אַרבייט. אַט אַזוי פערגרעס־סערט די מאַשינעריע גלייך פון אָנהויב אָן צוזאַמען מיט דעם מענש־ליכען מאַטעריאַל פון עקספּלואַטאַציע, וואָס איז דאָס אייגענטימ־ליכסטע עקספּלואַטאַציאָנס־פעלד פון קאַפּיטאַל,[121] אויך דעם גראַד פון דער עקספּלואַטאַציע.

גענע שולען. עס איז נויטיג געווען אַן אַמעריקאַנער רעוואָלוציע און אַ וועלט־קריזיס, כדי די אַרבייטער־מיידלעך, וועלכע שפּינען פאַר דער גאַנצער וועלט, זאָלען זיך אויסלערנען נעהען!

[121] „די צאָהל פון אַרבייטער איז שטאַרק געוואַקסען, דורכדעם וואָס די אַרבייט פון מענער איז אין אַלץ אַ גרעסערער מאָס אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער אַרבייט פון פרויען, און דערהויפּט וואָס די אַרבייט פון דערוואַקסענע איז אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער אַרבייט פון קינדער. 3 מיידלעך פון 13 יאָהר, מיט אַ וואָכען־לוין פון 6 ביז 8 שילינג פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אַ דערוואַק־סענעם מאַן מיט אַ וואָכען־לוין פון 18 ביז 45 שילינג.“ (Th. de Quincey, “The Logic of Political Economy”, London 1845, p. 147.) אַזוי ווי געוויסע פונקציעס פון דער פאַמיליע, ווי צום ביישפּיעל וויגען און אויפּפּאַסען אויף קינדער א.אז.וו. קאָנען ניט אינגאַנצען אונטערדריקט ווערען, מוזען די מוטערס, וואָס קאַפּיטאַל קאָנפיסקירט פאַר זיך, דינגען מעהר אָדער ווייניגער שטעל־פערטרעטער. די אַרבייטען, וואָס מוזען אָבגעטאָן ווערען פאַר דעם פאַ־

א) ווי קאַפּיטאַל איינעגנט זיך אָן צוגעקומענע אַרבייט־קרעפטען. פרויען און קינדער־אַרבייט.

אויף וויפיעל די מאַשינעריע מאַכט מען זאָל קאָנען אויסקומען אָהן מוסקול־קראַפט, ווערט זי א מיטעל צו געברויכען אַרבייטער אָהן מוסקול־קראַפט, אָדער אַרבייטער מיט ניט־געענוג־ענטוויקעלטע קערפּערס אָבער מיט מעהר בויגיגע גליעדער. פרויען און קינדער־אַרבייט איז דעריבער געוועז דאָס ערשטע וואָרט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג פון מאַשינעריע! אָט דער געוואַלטיגער מיטעל צו פערנעהמען דעם פּלאַץ פון אַרבייט און אַרבייטער איז אויף דעם אופן באַלד פערוואַנדעלט געוואָרן אין א מיטעל צו פערמעהרן די צאָהל פון די לוין־אַרבייטער, אַריינגעהמענדיג אונטער דער דירעקטער הערשאַפט פון קאַפּיטאַל אַלע מיטגליעדער פון דער אַרבייטער־פאַמיליע אָהן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער. די צוואַנג־אַרבייט, וואָס האָט געמוזט געטאָן ווערן פאַר'ן קאַפּיטאַליסט, האָט ניט נאָר פערנומען דעם פּלאַץ פון קינדערשע שפּיעלען, נאָר אויך דעם פּלאַץ פון דער פרייער אַרבייט אין הויזליכען קרייז, אין די גרעניצען פון זיטליכקייט, וואָס האָט געזאָלט געטאָן ווערן פאַר דער פאַמיליע גופא.[120]

---

[120] אין דער צייט פון דעם באוועל־קריזיס, וואָס האָט בעגלייט דעם אמעריקאַנער בירגער־קריעג, האָט די ענגלישע רעגיערונג געשיקט דר. עדוו. סמיטה, אין לאַנקאַשיר, טשעסיר א.אז.וו. צו אונטערזוכען דעם געזונד־צושטאַנד פון די באוועל־אַרבייטער. ער בעריכטעט צווישען אַנדערעס: היגיעניש האָט דער קריזיס געהאַט פיעלערליי נוצען, שוין ניט רעדענדיג פון דעם, וואָס ער האָט פערטריבען די אַרבייטער פון דער פאַבריק־אַטמאָספערע. די אַרבייטער־פרויען האָבען איצט די נויטיגע פרייע צייט צו געבען זייערע קינדער די ברוסט, אַנשטאָט זיי צו פערגיפטען מיט „גאָדפריע'ס קאָרדיעל“ (אַן אָפּיום־מיקסטור). זיי האָבען בעקומען צייט זיך אויסצולערנען קאָכען. צום אומגליק איז די קאָך־קונסט געקומען אין אַזאַ צייט, ווען זיי האָבען ניט וואָס צו עסען. אָבער מען זעהט ווי קאַפּיטאַל האָט אָוועקגערויבט פאַר זיין איינענער פערווערטונג די אַרבייט וואָס איז נויטיג פאַר דעם געברויך פון דער פאַמיליע. דער קריזיס איז אויך אויסגענוצט געוואָרן צו לערנען די טעכטער פון די אַרבייטער נעהען אין זייערע איי־

פראַגע אויף קינדער־אַרבייט איז אָפט אפילו אין דער פאָרם גלייך צו דער נאָכפראַגע אויף נעגער־שקלאַווען, ווי מיר זיינען געוועהנט געווען זיי צו לעזען אין אַמעריקאַנער צייטונגס־אַנאָנסען. „מען האָט געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט", זאָגט צום ביישפיעל אַן ענגלישער פאַבריק־אינספעקטאָר, „אויף אַן אַנאָנסע אין דער לאָקאַלער צייטונג פון איינער פון די גרעסטע מאַנופאַקטור־שטעדט פון מיין דיסטריקט, וועלכע האָט ענטהאַלטען די פאָלגענדע ווערטער: פערלאַנגט 12 ביז 20 אינגלעך, ניט יונגער ווי די, וואָס קאָנען גילטען פאַר 13 יאָהר. לוין 4 שילינג א וואָך, נאָכצופרעגען א.אז.וו."[123] די פראַזע „וואָס קאָנען גילטען פאַר 13 יאָהר" בעציהט זיך דערויף, וואָס לויט דעם פאַבריק־געזעץ מעגען קינדער אונטער 13 יאָהר אַרבייטען בלויז 6 שטונדען. אַן אָפיציעל אנערקענטער דאָקטאָר מוז בעשטעטיגען דעם עלטער פון דעם קינד. דער פאַבריקאַנט פערלאַנגט, הייסט עס, אינגלעך, וועלכע זעהען אויס ווי זיי וואָלטען שוין געווען 13 יאָהר אַלט. די פערקלענערונג אין דער צאָהל פון קינדער אונטער 13 יאָהר, וועלכע זיינען בעשעפטיגט געוואָרן פון די פאַבריקאַנטען, וואָס צייגט זיך מאַנכעסמאָל אַרויס שפּרונגווייז און איבעראַשט אונז אין דער ענגלישער סטאַטיסטיק פון די לעצטע 20 יאָהר, איז, לויט די עדות פון די פאַבריק־אינספעקטאָרען גופא, די אַרבייט פון די דאָזיגע אָפיציעלע דאָקטוירים "Certifying Surgeons", וועלכע פערהעכערן די יאָהרען פון די קינדער אין די אינטערעסען פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע און דעם מסחר־בעדערפעניש פון די עלטערן. אין דעם טרויעריג־בעריהמטען לאָנדאָנער דיסטר׳קט פון בעטהנאַל גרין ווערט יעדען מאָנטאָג און דיענסטאָג אין דער פריה געהאַלטען אַן אָפענער מאַרק,

---

און מאָראַליש פעראומרייניגט. דער אידישער היסטאָריקער, וואָס בעשרייבט די צערשטערונג פון ירושלים דורך טיטוס, זאָגט אַז עס איז קיין וואונדער ניט וואָס עס איז געקומען צו אַזאַ שרעקליכער פערניכטונג, ווען אַן אונמענשליכע מוטער האָט געאָפּפערט איהר אייגענעם קינד, כדי צו שטילען איהר נאַגענדען הונגער."
("Public Economy Concentrated", Carlisle 1833, p. 56.)

[123] א. רעדגראַוו אין „רעפּאָרטס און איספּ. און פאַקטאָריעס, 31 אָקטאָבער 1858, ז. 40 און 41.

די מאַשינעריע רעוואָלוציאָנירט אויך פון גרונד אויס די פאָר־מעלע פערמיטלונג פון דער קאַפּיטאַל־שייכות — דעם קאָנטראַקט צווישען אַרבייטער און קאַפּיטאַליסט. עס איז געווען די ערשטע השערה, אויף׳ן באַזיס פון סחורה־אויסטויש, אַז דער קאַפּיטאַליסט און דער אַרבייטער טרעטען אַרויס איינער לגבי דעם אַנדערן ווי פרייע פערזאָנען, ווי אומאָבהענגיקע סחורה־בעזיצער: איינער ווי אַ בעזיצער פון געלד און פּראָדוקציאָנס־מיטלען, דער אַנדערער ווי אַ בעזיצער פון אַרבייט־קראַפט. אָבער איצטער קויפט דער קאַפּי־טאַל אונמינדיגע אָדער האַלב־מינדיגע. פריהער האָט דער אַרביי־טער פערקויפט זיין אייגענע אַרבייט־קראַפט, וועלכע ער אַלס פאָר־מעל פרייע פערזאָן האָט געהאַט אין זיין רשות. איצט פערקויפט ער ווייב און קינד. ער ווערט אַ שקלאַפּענהענדלער.[122] די נאָכ־

מיליען־געברויך, ווי נעהען, פערריכטען זאַכען א.ד.ג. מוזען ערפילט ווערן דורך קויפען פאַרטיגע זאַכען. וואָס עס ווערט אויסגעגעבען ווייניגער הויזליכע אַרבייט, גלייכט זיך אויס דורך גרעסערע געלד־אויסגאַבען. עס וואַקסען דעריבער די פּראָ־דוקציאָנס־קאָסטען פון אַן אַרבייטער־פאַמיליע און גלייכען זיך אויס מיט דער גרעסערער הכנסה. אַ חוץ דעם ווערט נאָך אונמעגליך צו פיהרן עקאָנאָמיע און צוועקמעסיגקייט אין דער צוגרייטונג און פערניצונג פון די לעבענסמיטלען. וועגען אַט די פאַקטען, וואָס די אָפיציעלע פּאָליטישע עקאָנאָמיע פערבעהאַלט, קאָן מען געפינען אַ רייכען מאַטעריאַל אין די „רעפּאָרטס" פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרען, די „טשילדרענס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן" און דערהויפּט אין די „רעפּאָרטס אָן פּובליק העלטה".

[122] אין געגענזאַץ צו דעם גרויסען פאַקט, אַז די דערוואַקסענע מענער־אַר־בייטער האָבען אויסגעקעמפט פון דעם קאַפּיטאַל די בעגרעניצונג פון די פרויען־און קינדער־אַרבייט אין די ענגלישע פאַבריקען, געפינט מען נאָך אין די לעצטע בעריכטען פון דער „טשילדרענס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן" אמת־שוידערהאַפטיגע און דורכאויס שקלאַווענהענדלערישע כאַראַקטער־צייכענס פון די אַרבייטער־על־טערן בנוגע צו דעם קינדער מסחר. דער קאַפּיטאַליסטישער פאַריסעער אַבער, ווי מען קאָן עס זעהן פון די זעלבינע בעריכטען, קלאָגט אויף דער דאָזיגער בעס־טיאַליטעט, וועלכע ער האָט אַליין געשאַפען, פעראייביגט און עקספּלואַטירט, און וועלכע ער רופט זאַנסט אַז „די פרייהייט פון דער אַרבייט". „די קינדער־אַרבייט איז צוגעצויגען געוואָרן אויסצוהעלפען... איצט מוזען זיי אַרבייטען פאַר זייער איינען שטיקעל ברויט. אָהן דער קראַפט אויסצוהאַלטען אַזאַ ניט נאָך זייערע כחות אָנגעמאָסטענע אָנשטרענגונג, אָהן אונטעררריכט ווי צו פיהרן זייער צוקינפ־טיג לעבען, זיינען זיי אַריינגעוואָרפען געוואָרן אין אַ לאַגע, וועלכע איז פיזיש

דוקציאָן די גלייכהייט אין די בעדינגונגען פון ארבייט־עקספּלואַ־טאַציע אַלס זיין מיטגעבוירן מענשען־רעכט, ווערט די געזעצליכע בעשרענקונג פון קינדער־ארבייט אין איין אינדוסטריע־צווייג אַן אורזאך פאר דערזעלביגער בעשרענקונג אין אַנאַנדער צווייג.

עס איז שוין פריהער אָנגעצייגט געוואָרן אויף דער פיזישער פערדאַרבונג פון קינדער און יונגע פּערזאָנען, ווי אויך פון די אַר־בייטער־פרויען, וואָס די מאַשינעריע האָט זיי אונטערוואָרפען צו דער עקספּלואַטאַציע פון קאפּיטאל, צוערשט דירעקט אין די פאַב־ריקען, וועלכע שפּראָצען ארויס אויף'ן באַזיס פון דער מאַשינעריע, און דערנאָך אינדירעקט אין אַלע איבעריגע צווייגען פון דער אינ־דוסטריע. מיר וועלען דעריבער זיך אָבשטעלען דאָ נאָר אויף איין פּונקט, אויף דער אונגעהויערער שטערבליכקייט פון ארבייטער־קינדער אין זייערע ערשטע לעבענס־יאָהרען. אין ענגלאַנד זיינען פאַראַנען 16 רעגיסטראַציאָן־דיסטריקטען, וואו עס קומען פאָר, אין יעהרליכען דורכשניט אויף 100,000 לעבענדע קינדער אונטער 1 יאָהר אַלט, בלויז 9000 טויטענפעלען (אין איין דיסטריקט בלויז 7047), אין 24 דיסטריקטען—איבער 10,000 אָבער אונטער 11,000, אין 39 דיסטריקטען איבער 11,000 אָבער אונטער 12,000, אין 48 דיסטריקטען איבער 12,000 אָבער אונטער 13,000, אין 22 דיסטריק־טען איבער 20,000, אין 25 דיסטריקטען איבער 21,000, אין 17 איבער 22,000, אין 11 איבער 23,000, אין האָאָ, וואָלווערהאמפּטאָן, אַשטאָן אנדער לעין און פּרעסטאָן איבער 24,000, אין נאָטינגהאַם, שטאָקפּאָרט און בראַדפאָרד איבער 25,000, אין וויסביטש 26,000 און אין מאַנטשעסטער 26,125.[127] ווי אַן אָפּיציעלע ערצטליכע אונטערזוכונג אין יאָהר 1861 האָט בעוויזען, איז אין דער הויכער מאָס פון שטערבליכקייט הויפּטזעכליך שולדיג, אַ חוץ אָרטיגע אור־זאַכען, די בעשעפטיגונג פון די מוטערס אויסערן הויז און די פאָלג־ליכע פרנאַכלעסיגונג און שלעכטע בעהאַנדלונג פון די קינדער, צווי־שען אַנדערע: די ניט־פּאַסיגע נאַהרונג, צו־ווייניג נאַהרונג, דאָס שטאָפּען מיט אָפּיום־מיקסטורען א.אַז.וו. דערצו די אוננאַטירליכע פערפרעמדונג צווישען די מוטערס און די קינדער, וועלכע ברענגט

[127] 6טער „רעפּאָרט אַז פּובליק העלטה", לאָנדאָן 1864, ז. 34.

וואו קינדער פון 9 יאָהר אַלט אָן, פון ביידע געשלעכטער, פער־דינגען זיך אַליין צו די לאָנדאָנער זיידענס־מאַנופאַקטורען. „די געוועהנליכע בעדינגונגען זיינען 1 שילינג 8 פּענס א וואָך (וואָס געהערט צו די עלטערן) און 2 פּענס פּאר מיר אַליין מיט טהעע." די קאָנטראַקטען זיינען גילטיג נאָר אויף 1 וואָך. די סצענען און די שפּראַך אויף די דאָזיגע מערק זיינען באמת שוידערליך.[124] אין ענגלאַנד פּאַסירט נאָך ביז איצטער, אַז פרויען נעהמען אינגלעך פון „וואָירקהויז" און פערדינגען זיי צו א וועלכען עס איז קונה פאַר 2 שילינג און 6 פּענס א וואָך.[125] ניט קוקענדיג אויפ'ן געזעץ ווערן נאָך ביז איצט אין גרויס־בריטאַניען פערקויפט פון זייערע אייגענע עלטערן וועניגסטענס 2000 אינגלעך אַלס לעבעדיגע קוי־מען־קעהרער מאַשינען. (הגם עס עקזיסטירן מאַשינען צו פערנעה־מען זייער פּלאַץ).[126] די רעוואָלוציע, וואָס די מאַשינעריע האָט געמאַכט אין דער רעכט־שייכות צווישען דעם קויפער און פערקוי־פער פון אַרבייט־קראַפט, אַזוי אַז דער גאַנצער מסחר האָט איצט פערלוירן אפילו דאָס אויסזעהן פון א קאָנטראַקט צווישען פרייע פּערזאָנען, האָט שפּעטער געגעבען דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט א יורידישען באַזיס, וואָס האָט בערעכטיגט דאָס אַריינמישען זיך פון שטאַאט אין דעם פאַבריק־עסק. אַזוי אָפט ווי דאָס פאַבריק־געזעץ בעשרענקט די קינדער־אַרבייט אין די פריהער ניט־בעריהרטע אינ־דוסטריע־צווייגען אויף 6 שטונדען, הויבט זיך באַלד אויף א יאָמער פון די פאַבריקאַנטען, וועלכע טענה'ן: א טייל עלטערן נעהמען אַרויס די קינדער פון די געזעצליך־רעגולירטע אינדוסטריען, כדי זיי צו פערקויפען אין אַזעלכע אינדוסטריען, וואו עס הערשט נאָך די „פרייהייט פון אַרבייט", ד.ה. וואו קינדער פון 13 יאָהר זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען ווי דערוואַקסענע, און קאָנען דעריבער פערקויפט ווערן טייערער. אַזוי ווי קאַפּיטאַל איז בטבע אַן אויס־גלייכער, דאָס הייסט ער פאָדערט אין אַלע ספערען פון דער פּראַ־

---

[124] „טשילד. עמפּ. קאָמ.", 5טער רעפּאָרט, לאָנדאָן 1866, ז. 81.

[125] ד. נ. דריטער רעפּאָרט, לאָנדאָן 1864, ז. 53.

[126] ד. נ. 5טער רעפּאָרט, ז. 23.

דער רעװאָלוציע אין דער בעאַרבײטונג פֿון באָדען איז דאָרט אױך אײנגעפֿיהרט געװאָרן דער אינדוסטריעלער סיסטעם. „פֿערהײראַ־טעטע פֿרױען, װעלכע אַרבײטען אין חבֿרותא צוזאַמען מיט מײדלעך און אינגלעך, װערן צוגעשטעלט דעם פֿערמער פֿאַר אַ בעשטימטער סומע דורך אַ מאַן, װעלכער הײסט דער „קאָנטראַקטאָר“, װאָס דינגט זײ גאַנצע חבֿרות׳װײז. די דאָזיגע חבֿרות װאַנדערן אָפֿט אַװעק מײלען־װײט פֿון זײערע דערפֿער; מען טרעפֿט זײ אין דער פֿריה און פֿאַרנאַכט אױף די דאָרפֿישע װעגען, אָנגעטאָן אין קורצע אונטערקלײדלעך מיט צוגעפּאַסטע רעק און שטיװעל, און אַמאָל אױך אין הױזען; זײ זעהען אױס שטאַרק און געזונד אָבער פֿער־דאָרבען דורך זײער געװעהנליכער אוממאָראַלישער פֿיהרונג, און זײ אַהרט ניט פֿאַר די שעדליכע רעזולטאַטען, װאָס זײער חשק צו אָט דעם טהעטיגען און אומאָבהענגיקען לעבען ברענגט זײערע אומ־גליקליכע קינדער, װעלכע שמאַכטען אין דער הײם.“ [132] אַלע ער־שײנונגען פֿון די פֿאַבריק־דיסטריקטען װידערהאָלען זיך דאָ, אױך, און נאָך אין אַ העכערן גראַד: דער בעהאַלטענער קינדער־מאָרד און די בעטױבונג פֿון די קינדער מיט אָפּיום־מיקסטורען. [133] „מײן בע־קאַנטשאַפֿט מיט די דאָזיגע איבלען“, זאָגט דר. סײמאָן, דער ערצט־ליכער בעאַמטער פֿון דעם ענגלישען פּרײװי־קאָונסיל [געהײמען ראַטה] און דער הױפּט־רעדאַקטאָר פֿון די בעריכטען איבער פּובליק העלטה [פֿאָלקס־געזונדהײט], „מוז ענטשולדיגען די טיעפֿע אַנגסט, מיט װעלכער איך בעטראַכט יעדע גרױסע אינדוסטריעלע בעשעפֿ־טיגונג פֿון דערװאַקסענע פֿרױען.“ [134] „עס װאָלט געװען אַ גליק“,

---

[132] ד. ג. ז. 456.

[133] דער נעבערױך פֿון אָפּיום פֿערשפּרײט זיך אַלץ מעהר צװישען די דער־װאַקסענע אַרבײטער און אַרבײטערינען, אַזױ גוט אין די אַגריקולטור־דיסטריק־טען, װי אין די ענגלישע פֿאַבריק־דיסטריקטען. „טרײבען דעם פֿערקױף פֿון אָפּיום־פּרעפּאַראַטען... איז דער צװעק פֿון אײניגע אונטערנעהמענדע גרױס־הענדלער. די אַפּטײקערס בעטראַכטען עס אַלס זײער גאַנגבאַרסטען אַרטיקעל. (ד. ג. ז. 459). זױג־קינדער, װעלכע קריגען אָפּיום, שרומפּען אײן װי קלײנע אַלטינקע מענשען אָדער װי פֿערדאַרטע מאַלפּעס.“ (ד. ג. ז. 460) מען קאָן אין דעם זעהן, װי אינדיען און כינאַ זײנען זיך נוקם אין ענגלאַנד.

[134] ד. ג. ז. 37.

מיט אבזיכטליכע אויסהונגערונג און פערניפּטונג.[128] אין די אגרי־קולטור־דיסטריקטען, „וואו אַזוינע פּרויען־בעשעפטיגונגען געפינען זיך אַמוועניגסטען, איז דער גראַד פון שטערבליכקייט פערקעהרט דער נידעריגסטער.“ [129]

די אונטערזוכונג־קאָמיסיע פון 1861 האָט אָבער אויך אַרויס־געבראַכט דעם אונדערוואַרטעטען רעזולטאַט, אַז אין איינינגע ריין־אגריקולטור דיסטריקטען, וואָס געפינען זיך ביים נאָרד־ים, איז די שטערבליכקייט פון קינדער אונטער 1 יאָהר אַלט כמעט אַזוי גרויס ווי אין די ערגסטע פאַבריק־דיסטריקטען. דר. יוליאַן האָנטער איז דעריבער בעאויפטראַגט געוואָרן אויסצופאָרשען די זאַך אין די ערטער גופא. זיין בעריכט איז אריינגענומען געוואָרן אין דעם "Sixth Report on Public Health" [130] מען האָט ביז דאַן גערעכנט, אַז מאַלאַריא און אַנדערע קראַנקהייטען, וואָס געפינען זיך אין נידעריגע און זומפּיגע ערטער, האָבען אָוועקגעריסען די יונגע לעבענס. די אונטערזוכונג האָט בעוויזען אַקוראַט דעם היפּך, און דאָס איז, „אַז דיזעלביגע אורזאַך, וואָס האָט פערטריבען די מאַלאַריא—דאָס, וואָס האָט פערוואַנדעלט דעם באָדען פון זומפּיגע בלאָטעס אין ווינטער און טרוקענע לאָנקעס אין זומער אויף פּרוכט־באַרעם קאָרן־לאַנד, האָט געשאַפען די אונגעוועהנליך הויכע שטערב־ליכקייט פון די זויג־קינדער.“ [131] די 70 פּראַקטיצירענדע דאָקטוי־רים, וועלכע דר. האָנטער האָט אויסגעפרעגט אין יענע דיסטריקטען, זיינען געווען „וואונדערבאַר איינשטימיג“ וועגען דעם פּונקט. מיט

---

[128] „זי (די אונטערזוכונג פון 1861) צייגט איבעריגענס, אז אונטער די בעשריבענע צושטאנדען קומען אום פון איין זייט די קינדער דורך דער פערנאכ־לעסיגונג און ניט־געהעריגער בעהאנדלונג, וואס זייערע מוטערס' בעשעפטיגונג אין די פאבריקען ברענגט מיט, און פון דער אנדער זייט פערלירן די מוטערס אין א שרעקליכען גראד זייערע נאטירליכע געפיהלען צו די קינדער. זיי אהרט ניט שטארק ווען די קינדער שטארבען, און מאנכעסמאל.... נעהמען זיי אליין דירעקטע מיטלען מיטצוברענגען זייער טויט.“ (ד. נ.)

[129] ד. נ. ז. 454.

[130] ד. ג. ז. 454 ביז 463.

[131] ד. ג. ז. 35, 455, 456.

האט ארויסגעגעבן א בעטריגערישען געזעץ, וואס האט כלומר׳שט געדארפט זארגען פאר דער ערציהונג פון די קינדער, אבער ענט־האלט ניט קיין איינציגע בעשטימונג, ווי אזוי דער דאזיגער צוועק זאל קאנען געזיכערט ווערן. עס בעשטימט גארנישט א חוץ דאס, אז די קינדער זאלען א געוויסע צאהל שטונדען (3 שטונדען) אין טאג איינגעשלאסען ווערן צווישען 4 ווענט פון א פלאץ, וועלכער רופט זיך די שוהלע, און אז דער וואס בעשעפטיגט דאס קינד מוז יעדע וואך בעקומען א כתב (סערטיפיקאט) אונטערגעשריבען פון א פערזאן, וואס רופט זיך שוהל־לעהרער אדער לעהרערין."[136] איידער דאס אמענדירטע פאבריק־געזעץ פון 1844 איז ארויסגע־קומען פלעגט ניט זעלטען פאסירן, אז דער שיין וועגען שוהל־בעזוך איז געווען אונטערגעצייכענט מיט א קרייץ, ווייל דער לעה־רער אליין האט ניט געקאנט שרייבען. „בעזוכענדיג אמאל ביי געלעגענהייט איינע פון די שוהלען, וואס שטעלען צו סער־טיפיקאטען, בין איך אזוי ערשטוינט געווארן פון דער אונוויסענ־הייט פון דעם שוהל־לעהרער, אז איך האב איהם געפרעגט: איך בעט אייך, מיין הערר, קאנט איהר לעזען? זיין ענטפער איז געווען: „יא, עפעס" Summat [פערדארבען פון דעם ווארט Somewhat]. דערנאך האט ער צוגעלעגט אלס פערענטפערונג: „יעדענפאלס קען איך מעהר ווי מיינע שילער." בעת דער פאר־בערייטונג פון דעם געזעץ פון 1844 האבען די פאבריק־אינספעקטא־רען געבראנדמארקט דעם שענדליכען צושטאנד פון די פלעצער, וואס האבען זיך גערופען שוהלען און וואס זייערע סערטיפיקאטען האבען לויט׳ן געזעץ געמוזט אנגענומען ווערן אלס גילטיגע. אלץ וואס זיי האבען אויסגעפיהרט איז געווען, אז זינט דעם געזעץ פון 1844 האבען „די ציפער אין דעם שוהל־סערטיפיקאט געמוזט אויסגעפילט ווערן אין דעם לעהרער׳ס האנדשריפט, און ער מוז אויך אליין אונטערשרייבען זיין ערשטען און צווייטען נאמען."[137]

---

[136] לעאנארד הארנער אין „רעפארטס עטצ." פאר דעם 30טען יוני 1857, ז. 17.

[137] דערזעלבינגער אין „רעפארטס עטצ." פאר דעם 31טען אקטאבער 1855, ז. 18 און 19.

רופט אויס דער פאַבריק־אינספּעקטאָר ר. בייקער אין אַ אָפּיציעַ־לען בעריכט—„עס וואָלט באמת געווען אַ גליק פאַר די מאַנופאַקטור־דיסטריקטען פון ענגלאַנד, ווען יעדע פערהייראַטע פרוי, וואָס האָט אַ פאַמיליע, זאָל זיין פערבאָטען צו ארבייטען אין וועלכער עס איז פאַבריק.“ [135]

די מאָראַלע פערדאָרבענקייט, וואָס נעהמט זיך פון דער קאַפּי־טאַליסטישער עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבייט, איז אַזוי פאָלשטענדיג בעשריבען געוואָרן פון פ. ענגעלס אין זיין בוך „די לאַגע פון די אַרבייטענדע קלאַסען אין ענגלאַנד“ און פון אַנ־דערע שרייבער, אַז איך וויל דאָ נאָר דערמאָנען וועגען דעם. די אינטעלעקטועלע פערוויסטונג אָבער, וואָס ווערט קינסטליך פּראָדו־צירט דורך דעם, וואָס מען פערוואַנדעלט נאָך ניט צייטיגע מענשען אין בלויזע מאַשינען צו פּראָדוצירן מעהרווערטה—און מען מוז שטאַרק אונטערשיידען דעם צושטאַנד פון דער נאַטירליכער אונ־וויסענהייט, וואָס לאָזט דעם גייסט ליעגען רויה, אָבער עס פער־דאַרבט ניט זיין ענטוויקלונגס־פעהיגקייט, זיין נאַטירליכע פרוכט־באַרקייט גופא—דער דאָזיגער צושטאַנד האָט ענדליך געצוואונגען אפילו דעם ענגלישען פּאַרלאַמענט צו מאַכען די עלעמענטאַרע ביל־דונג פאַר אַ געזעצליכען בעדינג אין אַלע אינדוסטריען, וועלכע זיינען אונטערוואָרפען דעם פאַבריק־געזעץ, פאַר קינדער אונטער 14 יאָהר אַלט, וואָס ווערן געברויכט „פּראָדוקטיוו“. דער גייסט פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן לייכט קלאָר אַרויס פון דער נאַכלעסיגער רעדאַקציע פון די אַזויגערופענע ערציהונג־פּאַראַ־גראַפען פון די פאַבריק־געזעצען; פון דעם, וואָס עס פעהלט אין די תקנות דער פונקט וועגען דער אויפזיכט פון דער ממשלה איבער דעם דאָזיגען צוואַנג־אונטערריכט, און ממילא איז דער גאַנצער אויפטהו בלויז לפנים׳דיג; פון דער אָפּאָזיציע פון די פאַבריקאַנ־טען אפילו אַנטקעגען אָט דעם אונטערריכט־געזעץ, און פון זייערע פּראַקטישע דריידלעך און קונצען איהם אויסצומיידען אינגאַנצען. „די געזעץ־געבונג אַליין פערדיענט געטאַדעלט צו ווערן, ווייל זי

135 רעפּאָרט עטצ. אָקטאָבער 1862, ז. 59. דער פאַבריק אינספּעקטאָר איז פריהער געווען אַ דאָקטאָר.

Educated." [139] אין שאָטלאַנד זעהען די פאַבריקאַנטען ווי ווייט מעגליך ניט אָנצונעהמען קיין קינדער, וועלכע זיינען אונטער־וואָרפען דעם שוהל־בעזוך. „דאָס איז גענוג צו בעווייזען, ווי זעהר אונצופריעדען די פאַבריקאַנטען זיינען מיט דעם ערציהונג־געזעץ." [140] לעכערליך־שוידערהאַפטיג ציינט זיך אַרויס די דאָזיגע ערציהונג אין די קאַטון־דרוקערייען, וועלכע זיינען רעגולירט דורך אַ בעזונדערן פאַבריק־געזעץ. לויט די בעשטימונגען פון דעם געזעץ, „מוז יעדעס קינד, איידער ער ווערט בעשעפטיגט אין אַזאַ דרוקעריי, האָבען בעזוכט די שוהלע ווענינסטענס 30 טעג און ניט ווענינער ווי 150 שטונדען אין די 6 מאָנאַט, וואָס זיינען פאָראיבער דירעקט פאַר דעם ערשטען טאָג פון זיין בעשעפטיגונג. אין משך פון זיין בעשעפטיגונג אין דער דרוקעריי מוז יעדעס קינד אויך בעזוכען די שוהלע 30 טעג און 150 שטונדען יעדען צווייטען זמן פון 6 מאָנאַט.... דער שוהל־בעזוך מוז פאָרקומען צווישען 8 אוהר אין דער פריה און 6 אוהר נאָכמיטאָג. אַ בעזוך פון ווע־ניגער ווי 2½ שטונדען אָדער מעהר פון 5 שטונדען אין דעמזעל־ביגען טאָג זאָל ניט פעררעכענט ווערן אַלס אַ טייל פון די 150 שטונדען. אונטער געוועהנליכע אומשטענדען בעזוכען די קינדער די שוהלע פאָרמיטאָג און נאָכמיטאָג פאַר 30 טעג צו 5 שטונדען אַ טאָג, און צום סוף פון די 30 טעג, ווען דער סך הכל פון 150 שטונדען, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט, איז פאַרפול, אָדער צו בע־נוצען זייער אייגענעם אויסדרוק, ווען זיי האָבען „אָבגעמאַכט דעם בוך", קעהרן זיי זיך אום צוריק אין דער דרוקעריי און אַרבייטען ווייטער 6 מאָנאַט, ביז עס קומט דער צווייטער זמן פון שוהל־בעזוך; דאַן געהען זיי ווידער אין שוהלע, ביז זיי „מאַכען אָב דעם בוך".... פיעלע קינדער, וועלכע האָבען בעזוכט די שוהלע די 150 שטונדען, וואָס דאָס געזעץ פאָדערט, און האָבען דערנאָך געאַרבייט 6 מאָנאַט אין דער דרוקעריי, ווייסען אַזוי ווי וועניג ווען זיי קעהרן זיך צוריק אין שוהלע, וויפיעל זיי האָבען געוואוסט אין

[139] לעאָנארד הארנער אין „רעפּאָרטס עטצ.", 1857, ז. 17 און 18.

[140] סער דזש. קינקייד אין „רעפּארטס עטצ.", 1856, ז. 66.

סער דזשאהן קינקייד, אַ פאַבריק־אינספּעקטאָר פון שאָטלאַנד, דערצעהלט פון עהנליכע ערפאַהרונגען, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין אַמט. „די ערשטע שוהלע, וואָס מיר האָבען בעזוכט, האָט געהאַלטען איינע אַ מרס. אַנן קיללין. אויף מיין אויפפאָדערונג זי זאָל אויסלעגען איהר נאָמען, האָט זי גלייך געמאַכט אַ פעהלער, אָנהויבענדיג מיט אַ C ; זי האָט זיך אָבער גלייך פערריכט און געזאָגט, אַז איהר נאָמען פאַנגט זיך אָן מיט אַ K. ווען איך האָב איבערגעקוקט איהר אונטערשריפט אין די ביכער פון שוהל־סערטי־פיקאַטען, האָב איך בעמערקט, אַז זי לעגט אויס איהר נאָמען פער־שיידען, און איהר האַנדשריפט האָט בעוויזען אָהן אַ שום ספק, אַז זי איז ניט פעהיג צו זיין אַ לעהרערין. זי האָט אויך אַליין צו־געגעבען, אַז זי קאָן ניט פיהרען דעם רעגיסטער.... אין אַ צווייטער שוהלע האָב איך געפונען, אַז דער שוהל־חדר איז געווען 15 פוס לאַנג ביי 10 די ברייט, און האָב אָנגעצעהלט 75 קינדער, וועלכע האָבען געבעקעט עפּעס אומפערשטענדליכעס.“ [138] „אָבער ניט נאָר אין אַזעלכע קלעגליכע לעכער קריגען די קינדער שוהל־סערטיפיקאַ־טען אָהן אַ וועלכען עס איז אונטערריכט ; דען אין פילע שוהלען, וואו דער לעהרער האָט גענוג בילדונג, קאָן ער ביי זיין בעסטען ווי־לען גאָרניט אויפטאָן מיט דער קאָפּ־פערטומלענדער כאַפּטע קינדער פון יעדען עלטער, פון 3 יאָהר אָן און העכער. זיין פרנסה, וועלכע איז אַ קלעגליכע אין בעסטען פאַל, הענגט אינגאַנצען אָב פון די פענניעס, וואָס ער בעקומט פון דער גרעסטער צאָהל קינדער, וואָס איז מעגליך אַריינצוקוועטשען אין איין צימער. דערצו קומט נאָך די קנאַפּע מעבלירונג פון דער שוהלע, דער דוחק אין ביכער און אַנדערע לעהר־מאַטעריאַלען, און די נידערשלאָגענדע ווירקונג פון דער געדריקטער, שווערער לופט אויף די אָרימע קינדער אַליין. איך בין געווען אין אַ סך אַזוינע שוהלען, וואו איך האָב געזעהען רייהען קינדער, וועלכע האָבען אַבסאָלוט גאָרנישט געטאָן, און דאָס ווערט דערנאָך אונטערגעשריבען אַלס שוהל־בעזוך, און אַזעלכע קינדער רעכענען זיך אין דער אָפיציעלער סטאַטיסטיק אַלס ערצויגענע

[138] סער דזשאהן קינקייד אין „רעפּאָרטס עטצ.“ פאַר דעם 31טען אָקטאָבער 1858, ז. 31 און 32.

דערשטאַנד, וואָס דער מאַן־אַרבייטער אין דער מאַנופאַקטור האָט נאָך געשטעלט אַנטקעגען דער דעספּאָטיע פון קאַפּיטאַל.[142]

ב) פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג.

אויב די מאַשינעריע איז דער מעכטיגסטער מיטעל צו פערגרעסערן די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט, דאָס הייסט צו פערקירצען די אַרבייט־צייט, וואָס איז נויטיג צו פּראָדוצירן אַ סחורה, ווערט זי, אַלס טרעגער פון קאַפּיטאַל, קודם אין די אינדוסטריען, וועלכע זי פערכאַפּט דירעקט, דער מעכטיגסטער מיטעל צו פערלענגערן דעם אַרבייטס־טאָג אַריבער אַלע נאַטירליכע גרעניצען. פון איין זייט בעשאַפט זי נייע בעדינגונגען, וואָס גיבען דעם קאַפּיטאַל די מעגליכקייט לויז צו לאָזען די לייצעס פון אָט דער שטענדיגער טענדענץ זיינער, פון דער אַנדער זייט שאַפט זי נייע מאָטיוען צו פערשאַרפען זיין הייסען הונגער נאָך פרעמדער אַרבייט.

קודם פערזעלבשטענדיגט זיך אין דער מאַשין די בעוועגונג און די ווערק־טהעטיגקייט פון דעם אַרבייטס־מיטעל אַנטקעגען־איבער דעם אַרבייטער. דער אַרבייטס־מיטעל ווערט אַן און פאַר זיך אַ אינדוסטריעלער „פּערפּעטואום מאָבילע“ [אַ זאַך, וואָס בעוועגט זיך אָהן אויפהער], וועלכער וואָלט כסדר פּראָדוצירט אָהן אַן אונטערברעכונג, ווען ער וואָלט זיך נים אָנגעשטויסען אויף געוויסע נאַטור־בעגרעניצונגען אין זיין מענשליכען געהילף: אין

---

[142] „הערר ע., אַ פאַבריקאַנט, דערצעהלט מיר, אז ער בעשעפטיגט אויסשליסליך פרויען ביי זיינע מעכאַנישע וועבשטוהלען. ער ציהט פאָר פערהייראַטע פרויען, איבערהויפּט אַזעלכע, וועלכע האָבען צו הויז אַ פאַמיליע, וואָס הענגט אָב פון זייער שטיצע. זיי זיינען פיעל מעהר אויפמערקזאַם און לאָזען זיך ניכער לערנען איידער אונפערהייראַטע, און זיינען געצוואונגען זיך אָנצושטרענגען מיט אַלע כחות, כדי צו פערדיענען אויף די נויטווענדיגע לעבענסמיטלען. אָט אַזוי ווערן די טוגענדען, די אייגענטימליכע טוגענדען פון דעם פרויען־כאַראַקטער, אויסגענוצט צו זייער שאָדען; אָט אַזוי ווערט אַלץ, וואָס איז זיטליך און צאַרט אין זייער נאַטור, געמאַכט צום מיטעל פון זייער שקלאַפעריי און זייערע ליידען.“
("Ten hours Factory Bill". The Speech of Lord Ashley, March 15, 1844, p. 20.)

אָנהויב.... זיי האָבען נאַטירליך ווידער פערגעסען אַלץ וואָס זיי האָבען אויסגעלערנט אין דעם פריהערדיגען שוהל־בעזוך. אין אַנ־דערע קאַטון־דרוקעריייען העננגט דער שוהל־בעזוך גאָר אינגאַנצען אָב פון די געשפּעטליכע פּאָדערונגען פון דער פאַבריק. די נויטיגע צאָהל שטונדען ווערט אויסגעפילט אין משך פון דעם 6 חדשים־דיגען זמן אויף אָבצאָהלונגען, פון 3 ביז 5 שטונדען אויף אַמאָל, וועלכע האָבען זיך געקאָנט אויסציהען אויף די גאַנצע 6 מאָנאַט. צום ביישפּיעל, איין טאָג בעזוכט דאָס קינד די שוהלע פון 8 ביז 11 אוהר אין דער פריה, אַן אַנדער טאָג פון 1 ביז 4 נאָכמיטאָג, דערנאָך עטליכע טעג נאָכאַנאַנד גאָרניט און מיט אַמאָל ווידער פון 3 ביז 6 אוהר נאָכמיטאָג; דאַן קומט ער נאָכאַנאַנד דריי־פיער טעג אָדער אפשר אַ גאַנצע וואָך און פערשווינדט ווידער אויף 3 וואָכען אָדער אַ גאַנצען מאָנאַט, און קומט צוריק עטליכע צעוואָר־פענע טעג אויף אַ פּאָר אָבגעשפּאָרטע שטונדען, ווען צופעליג זיין באַלעבאָס נויטיגט זיך ניט אין איהם. אָט אַזוי ווערט דאָס קינד ארומגעשליידערט, אַזוי צו זאָגען, הין און צוריק, פון דער שוהלע אין דער פאַבריק און פון דער פאַבריק אין דער שוהלע, ביז עס קלייבט זיך אָן די סומע פון 150 שטונדען.[141] דורך דעם גרויסען (איבערוויעגענדען) צוגאָב פון קינדער און פרויען צו דעם קאָמבי־נירטען אַרבייט־פּערזאָנאַל, צוברעכט די מאַשינעריע לסוף דעם ווי־

[141] א. רעדגראוו אין „רעפּארטס עטצ.", אָקטאָבער 1857, ז. 41 און 42. אין די ענגלישע אינדוסטריע־צווייגען, וואו דער אייגענטליכער פאַבריק־אַקט (ניט דאָס געזעץ פון די „פּרינט־וואַרקס", וואָס מיר האָבען געבראַכט אין טעקסט) הערשט פון אַ לענגערער צייט, זיינען די שטערונגען צו די ערציהונגס־פּאַראַגראַפען אין די לעצטע יאהרען בעזייטיגט געוואָרען ביז אַ געוויסען גראַד. אין די אינדוסטריען, וואָס זיינען ניט אונטערוואָרפען דעם פאַבריק־געזעץ, הערשט נאָך זעהר די מיינונג פון דעם גלאָז־פאַבריקאַנט דזש. געדדעס, וועלכער האָט געגעבען צו פערשטעהן דעם אונטערזוכונגס־קאָמיסאַר וואַייט, אַז „ווי ווייט איך קאָן זעהן, איז די גרעסערע מאָס בילדונג, וואָס אַ טייל פון די אַרבייטער געניעסט די לעצטע יאהרען, אַ שלעכטע זאַך. עס איז געפעהרליך, ווייל עס מאַכט זיי צופיעל אונאָבהענגיק." "Children's Employment Commission", 4th Report 1865, p. 253.

פון דעם ווערטה־טייל, וואָס זי טראָגט אריבער אויף דעם פּראָדוקט. וואָס לענגער די פּעריאָדע, אין וועלכער זי פונקציאָנירט, אַלץ גרע־סער איז די מאַסע פּראָדוקטען, אויף וועלכער עס פּערטיילט זיך דער ווערטה, וואָס זי גיט־צו, און אַלץ קלענער איז דער ווערטה־טייל, וואָס זי איז מוסיף צו דער איינצעלנער סחורה. די אַקטיווע לעבענס־פּעריאָדע פון דער מאַשינעריע איז אָבער גאַנץ קלאָר בע־שטימט דורך דער לענג פון דעם ארבייטס־טאָג, אָדער דורך דעם דויער פון דעם אַרבייט־פּראָצעס, גע׳כפל׳ט אויף דער צאָהל טעג, אין וועלכע ער געהט אָן.

די אָבניצונג פון דער מאַשין איז בשום אופן ניט מאַטעמאַטיש פּראָפּאָרציאָנעל צו דער צייט פון איהר בענוצונג.*[144] און ווען אפילו דאָס וואָלט יאָ געווען אַזוי, נעהמט ארום א מאַשין, וואָס דיענט 16 שטונדען א טאָג אין משך פון 7½ יאָהר, פּונקט אַזאַ גרויסע פּראָדוקציאָנס־פּעריאָדע, ווי דיזעלביגע מאַשין, וואָס דיענט נאָר 8 שטונדען א טאָג אין משך פון 15 יאָהר, און גיט אויך ניט צו מעהר ווערטה צו דעם סך הכל פון פּראָדוקט. אין דעם ערשטען פאַל וואָלט אָבער דער ווערטה פון דער מאַשין טאָפּעלט אַזוי שנעל רעפּראָדוצירט געוואָרן, ווי אין דעם לעצטען פאַל, און דער קאַפּי־טאַליסט וואָלט דורך איהר איינגעשלונגען אין 7½ יאָהר אַזויפיעל מעהרווערטה, ווי אין דעם אנדער פאַל אין 15 יאָהר.

די מאַטעריעלע אָבניצונג פון אַ מאַשין איז אַ טאָפּעלטע. איין אָבניצונג נעהמט זיך פון איהר געברויך, ווי געלד־מטבעות ניצען זיך אָב דורך זייער צירקולאַציע; די אַנדערע נעהמט זיך פון ניט־געברויך, ווי אַ ניט־טהעטיגער שווערד ווערט פערראָסט אין שייד.

*[144] אויפ׳ן גליון פון מארקס׳עס האנד־עקזעמפּלאר פון דער ערשטער אויפ־לאגע שטעהט די פאלגענדע בעמערקונג: דאס איז אויך ריכטיג בנוגע די אנ־דערע אויסגאבען, וואס זיינען פערבונדען מיט דער מאשינעריע. צום ביישפּיעל: „יעדער פאבריקאנט ווייס, אז ווען ער דארף איינהייצען די דאמף־מאשין, קאסט איהם פונקט אזויפיעל צו שאפען דאמף פאר 3 שטונדען ווי פאר 4.... דערפון נעהמט זיך (פאר אייזענבאהנען) א קליינער איינשפּאר אין ברען־מאטעריאל, ווען דער צוג לויפט א גרויסען מרחק.“ (“Royal Commission on Railways”, London 1867. Evidence, n. 176) K.

דעם מענשען'ס שוואכען קערפער און זיין איינגענווילען. אלס קאפיטאל—און אלס אזעלכער בעזיצט דער אויטאמאט [די מאשין] אין דעם קאפיטאליסט א בעוואוסטזיין און א ווילען—איז ער דערפאר בעלעבט פון דעם טריעב איינצוצווימען ביז צו א מינימום דעם ווידערשטאנד פון דעם אנטקעגען־שטרעבענדען אבער עלאסטישען מענשליכען נאטור־גרעניץ.[143] דער דאזיגער ווידערשטאנד איז שוין סיי־ווי פערקלענערט דורך דער כלומר'שטדיגער לייכטקייט פון דער ארבייט אויף דער מאשין און דורך דעם בויגזאמערן און מעהר־צופאסיגען עלעמענט פון פרויען־ און קינדער־ארבייט.[144]

די פראדוקטיוויטעט פון דער מאשינעריע שטעהט, ווי מיר האבען געזעהן, אין א פערקעהרטער פראפארציע צו דער גרויס

---

[143] „זינט דער אלגעמיינער איינפיהרונג פון קאסטשפיעליגע מאשינען איז די מענשליכע קראפט געטריבען געווארן ווייט אריבער איהר דורכשניטליכער לייסטונג־פעהיגקייט." (Robert Owen, "Observations on the Effects of the Manufacturing System", 2d Ed., London 1817.)

[144] די ענגלענדער, וועלכע בעטראכטען גערן די ערשטע ערשיינונג־פארם פון א זאך אלס דעם גרונד פון דער זאך, גיבען אפט אן אלס אורזאך פון דער לאנגער ארבייט־צייט אין די פאבריקען די גרויסע צאהל קינדער, וואס קאפיטאל האט אין אנהויב פון דעם פאבריק־סיסטעם גערויבט ווי א הערד פון די ארמען־הייזער און ווייזען־הייזער, און דורך וועלכע ער האט זיך איינגעשאפט א גאנץ ווילענלאזען מענשען־מאטעריאל. אזוי זאגט צ.ב.ש. פיעלדען, אליין אן ענגלישער פאבריקאנט: „עס איז קיין ספק ניט, אז די פערלענגערונג פון דער ארבייט־צייט איז געקומען דורכדעם, וואס הילפלאזע קינדער פון די פערשיידענסטע טיילען פון לאנד זיינען אין א גרויסער צאהל געשטעלט געווארן אין רשות פון די אונטערנעהמער, אזוי אז זיי זיינען געווארן אונאבהענגיק פון די ארבייטער. און נאכדעם ווי זיי האבען שוין איינמאל, מיט דער הילף פון אט דעם עלענדען מאטעריאל, וואס זיי האבען זיך פערשאפט אויף אזא אופן, איינגעפיהרט די לאנגע ארבייט־צייט אלס א געוועהנהייט, האבען זיי זי לייכט געקאנט ארויפצווינגען אויף זייערע נאכבארען." (J. Fielden, "The Curse of the Factory System", London 1836, p. 11.) בנוגע פרויען־ארבייט זאגט פאבריק־אינספעקטאר סאנדערס אין דעם פאבריק־ראפארט פון 1844: צווישען די ארבייטערינען זיינען פאראן פרויען, וועלכע ארבייטען וואכען נאכאנאנד, מיט דער אויסנאהם פון עטליכע טעג, פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 12 ביינאכט, מיט ווייניגער ווי 2 שטונדען פאר מאהלצייטען; אזוי אז 5 טעג אין וואך בלייבט זיי נאר 6 שטונדען פון די 24 אויף צו געהן צו דער ארבייט און פון דער ארבייט און אויף אויסצורוהען זיך אין בעט."

רונגען, וועלכע גרייפען אָן ניט נאָר איינצעלנע טיילען און אַפּאַ־ראַטען, נאָר איהר גאַנצע קאָנסטרוקציע. אין איהר ערשטער לע־בענס־פּעריאָדע ווירקט דעריבער אַט דער ספּעציעלער מאָטיוו צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאָג אַמשטאַרקסטען.[148]

ווען אַלע אנדערע אומשטאַנדען בלייבען דיזעלביגע און די לענג פון ארבייטס־טאָג איז א בעשטימטע, פאָדערט די עקספּלואַ־טאַציע פון א פערטאָפּעלטער צאָהל ארבייטער א פערטאָפּלונג פון דעם טייל קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, וואָס ליעגט אין מאַשינעריע און געביידען, אַזוי גוט ווי פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעלעגט אין רויה־מאַטעריאַל, הילף־שטאָפען א.אַז.וו. ווערט דער ארבייטס־טאָג פערלענגערט, שפּרייט זיך אויס דער מאָסשטאַב פון דער פּראָ־דוקציאָן, בעת דער טייל קאַפּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלעגט אין מאַ־שינעריע און געביידען, בלייבט אומפערענדערט.[149] ניט נאָר וואַקסט דורך דעם דער מעהרווערטה, נאָר עס ווערן אויך קלענער די נויט־ווענדיגע אויסלאָגען אויף ארויסצוקריגען דעם מעהרווערטה. דאָס

צווייטען. (Babbage, "On the Economy of Machinery", London 1832, p. 211.)

[148] „זינט איינינגע יאהר זיינען אין דער פאבריקאציע פון טיול געמאכט געווארן אזוינע וויכטיגע און צאהלרייכע פערבעסערונגען, אז א מאשין נאך גאר אין א גוטען צושטאנד, וואס האט לכתחילה געקאסט 1200 פונט סטערלינג, איז פערקויפט געווארן עטליכע יאהר שפעטער פאר 60 פונט סט.... די פערבעסע־רונגען זיינען געקומען אזוי געשווינד איינע נאך די אנדערע, אז מאשינען זיינען געבליבען ניט פערענדיגטע ביי די מאשינען־בויער, ווייל זיי זיינען שוין פער־עלטערט געווארן דורך גליקליכערע ערפינדונגען.“ אין דער דאזיגער שטורם און דראנג פעריאדע האבען דעריבער די טיול־פאבריקאנטען באלד אויסגעצויגען די אנפאנגליכע ארבייט־צייט פון 8 שטונדען אויף 24 שטונדען מיט א טאפעלטער רייה ארבייטער. (דארט גופא, ז. 233.)

[149] „עס פערשטעהט זיך אליין, אז אין דעם שטייגען און פאלען פון די פערהעלטענישען פון מארק, און בעת די נאכפראגע ווערט גרעסער אדער קלענער, קומען פאר געלעגנהייטען, ווען דער פאבריקאנט קאן פערווענדען א צוגעגעבענעם צירקולירענדען קאפיטאל, ניט מוזענדיג פערווענדען קיין צוגעגעבענעם פיקסען קאפיטאל... ווען עס קאנען אויסגעארבייט ווערן צוגעגעבענע מאסען רויה־מא־טעריאל, ניט פערגרעסערענדיג דעם אויסלאג אויף געביידען און מאשינעריע.“ (R. Torrens, "On Wages and Combination", 1834, p. 36.)

דאָס ווערט זי פערצעהרט פון די נאַטור־עלעמענטען. דער ערשטער אופן פון אָבניצונג שטעהט מעהר אָדער ווייניגער אין דירעקטער שייכות צו איהר געברויך, דער אַנדער אופן שטעהט אין אַ געוויסען גראַד אין אַ פערקעהרטער פּראָפּאָרציע צו איהר געברויך."[145]

אַ חוץ דער מאַטעריעלער אָבניצונג, קאָן אַ מאַשין אויך ליידען, אַזוי צו זאָגען, אַ מאָראַלע אָבניצונג. זי פערלירט טוישווערטה אין דעם ערך, וואָס מאַשינען פון דערזעלביגער קאָנסטרוקציע קאָנען וועלכע רעפּראָדוצירט ווערן, אָדער ווען עס קומען ארוים בעסערע מאַשינען, וואָס קאָנקורירן מיט איהר."[146] אין ביידע פעלען מעג זי נאָך זיין ווי יונג און לעבענסקרעפטיג, איז איהר ווערטה שוין ניט מעהר בעשטימט דורך דער ארבייט־צייט, וואָס איז פאַקטיש פערקערפּערט אין איהר, נאָר דורך דער ארבייט־צייט, וואָס איז נויטווענדיג צו רעפּראָדוצירן איהר אַליין אָדער די בעסערע מאַשין. זי פערלירט אויף דעם אופן מעהר אָדער ווייניגער פון איהר ווערטה. וואָס קירצער עס איז די פּעריאָדע, אין וועלכער איהר גאַנצער ווערטה ווערט רעפּראָדוצירט, אַלץ קלענער איז די געפאַהר פון איהר מאָראַל אָבניצונג, און וואָס לענגער דער אַרבייטס־טאָג, אויף אַזויפיעל קירצער איז יענע פּעריאָדע. גלייך נאָך דעם ערשטען איינפיהר פון מאַשינעריע אין וועלכען עס איז פּראָדוקציאָנס־צווייג קומען באַלד איינע נאָך די אַנדערע נייע מעטאָדען ווי אַזוי צו רעפּראָדוצירן זיי וועלוועלער[147] און פערבעסע־

---

[145] „אונטהעטיגקייט פעראורזאכט א שעדיגונג פון די עמפינדליכע טיילען פון דעם געטריעב פון דער מעטאַלענער מאַשינעריע. (Ure, "Philosophy of Manufacture", p. 28')

[146] דער שוין פריהער דערמאַנטער „מאַנטשעסטער שפּינער" (אין „טיימז" פון 26טען נאָוועמבער 1862) רעכענט אוים צווישען די קאָסטען פון דער מאַשינעריע: „זי (די רשימה פאר דער אבניצונג פון דער מאשינעריע) מוז אויך דעקען דעם היזק, וועלכער נעהמט זיך כסדר דערפון, וואס איידער די מאשינען זיינען נאך פאקטיש פערברויכט, ווערן זיי שוין ארויסגעשטופּט דורך נייע און בעסערע קאָנסטרוקציעס."

[147] מען רעכענט בכלל, אז אויפבויען דעם ערשטען עקזעמפּלאר פון א נייערפונדענער מאשין קאסט אומגעפעהר פינף מאל אזויפיעל ווי אויפבויען דעם

די מאשין פראָדוצירט רעלאַטיווען מעהרווערטה ניט נאָר דורכ־דעם, וואָס זי פערקלענערט דירעקט דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראפט און מאכט זי אינדירעקט וועלוועלער, ווייל זי מאכט וועל־וועלער די סחורות וואָס רעפראָדוצירן די ארבייט־קראפט, נאָר אויך דורכדעם, וואָס זי, די מאשין, ביי איהר ערשטען ספּאָראדישען [וואו־ניט־וואו] איינפיהר, פערוואנדעלט די ארבייט, וואָס דער מאשינענבעזיצער פערברויכט, אין פּאָטענצירטע ארבייט [ארבייט פון א העכערן גראד], וואָס זי דערהויבט דעם געזעלשאפטליכען ווערטה פון דעם מאשין־פּראָדוקט איבער זיין אינדיווידועלען ווערטה, און גיט אויף דעם אופן דעם קאפּיטאליסט די מעגליכקייט צו פערבייטען (ערזעצען) דעם ווערטה פון א טאָג ארבייט־קראפט דורך א קלענערן ווערטה־טייל פון דעם טאָג־פּראָדוקט. אין דער דאָזיגער איבערגאנג־פּעריאָדע, ווען די מאשין־פּראָדוקציאָן איז נאָך א מין מאָנאָפּאָל, זיינען די פּראָפיטען אונגעוועהנליך גרויס, און דער קאפּיטאליסט זוכט וואָס מעהר צו עקספּלואטירן די דאָזיגע „ערשטע צייט פון דער יונגער ליעבע“ דורך דער מעגליכסט־גרעס־טער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג. די גרויס פון די פּראָ־פיטען שארפט דעם הייסען הונגער נאָך מעהר פּראָפיטען.

מיט דער פערא‏לגעמיינערונג פון דער מאשינעריע אין דעמ־זעלביגען פּראָדוקציאָנס־צווייג פאלט ארונטער דער געזעלשאפטלי־כער ווערטה פון דעם מאשין־פּראָדוקט ביז צו זיין אינדיווידועלען ווערטה, און עס צייגט זיך ארויס די קראפט פונ׳ם געזעץ, אז דער מעהרווערטה נעהמט זיך ניט פון די ארבייט־קרעפטען, וועלכע דער קאפּיטאליסט האָט פערביטען (ערזעצט) דורך דער מאשין, נאָר פערקעהרט, פון די ארבייט־קרעפטען, וואָס ער בעשעפטיגט ביי דער

די גרויסע מאסע פון דעם פיקסען קאפיטאל, אלץ מעהר דרינגענד.“ (דארט גופא, ז. 11 ביז 13.) „עס זיינען פאראן פערשיידענע אויסלאגען אין א פאבריק, וועלכע בלייבען אלעמאל דיזעלביגע, סיי די פאבריק ארבייט מעהר, סיי ווענינגער צייט, צום ביישפיעל דירה־געלד, לאקאלע און אלגעמיינע שטייערן, פייער־פערזי־כערונג, שכירות פאר פערשיידענע שטענדינגע ארבייטער, אבניצונג פון דער מא־שינעריע און פערשיידענע אנדערע הוצאות, וואס זייער פראפארציע צום פראפיט וואקסט אין אומזעלביגען ערך ווי דער אומפאנג פון דער פראדוקציאן ווערט קלענער.“ (רעפּארטס עטצ.“, 31טער אקטאבער 1862, ז. 19.)

קומט אפילו מעהר אָדער וועניגער פּאָר ביי יעדער פערלענגערונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג, אין דעם פאַל אָבער קומט עס אַרויס מעהר בולט, ווייל דער טייל קאַפּיטאַל, וואָס איז פערוואַנדעלט אין דעם אַרבייט־מיטעל, וועגט איבערהויפּט מעהר אַריבער.[150] די ענטוויקלונג פון דער מאַשין־פּראָדוקציאָן בינדט וואָס ווייטער אַלץ אַ גרעסערן טייל קאַפּיטאַל אין אַ פאָרם, אין וועלכער ער קאָן, פון איין זייט, כסדר פערמעהרן זיין ווערטה, און פון דער אַנדער זייט פערלירן געברויך־ווערטה און טויש־ווערטה, וויבאַלד זיין בעריהרונג מיט דער לעבענדיגער אַרבייט ווערט איבערגעריסען. „ווען אַן ערד־אַרבייטער", האָט הערר אַשוואָרטה, אַן ענגלישער באַוועלמאַגנאַט, געלערנט דעם פּראָפעסאָר נאַסאו וו. סיניאָר, „לעגט אַוועק אויף אַ ווייַלע זיין גראָב־אייזען, מאַכט ער נוצלאָז פאַר דער דאַזיגער צייט אַ קאַפּיטאַל פון 18 פּענס. ווען אָבער איינער פון אונזערע מענשען, (דאָס הייסט פון די פאַבריק־אַרבייטער) פערלאָזט די פאַבריק, מאַכט ער נוצלאָז אַ קאַפּיטאַל, וואָס האָט געקאָסט 100,000 פונט סטערלינג."[151] דענקט נאָר! אַ קאַפּיטאַל, וואָס האָט געקאָסט 100,000 פונט סט. זאָל מען „נוצלאָז" מאַכען אפילו אויף איין אויגענבליק! עס איז דאָךווירקליך הימעלשרייענד, אַז איינער פון אונזערע מענשען זאָל איבערהויפּט ווען עס איז פערלאָזען די פאַבריק! דער וואַקסענדער אומפאַנג פון דער מאַשינעריע, ווי סעניאָר, וואָס האָט זיך געלערנט ביי אַשוואָרטה'ן, זעהט איין, מאַכט אַ שטענדיג וואַקסענדע פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג „ווינשענסווערטה".[152]

---

[150] דער דערמאַנטער אומשטאַנד איז טעקסט ווערט דערמאַנט נאָר פון וועגען דער פאַלשטענדיגקייט פונ'ם געדאַנק, ווארים די ראַטע פון פּראָפיט, ד.ה. די שייכות פון מעהרווערטה צו דעם גאַנצען אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל, וועל איך ערשט בעהאַנדלען אין דריטען בוך.

[151] Senior, Letters on the Factory Act, London 1837, p. 31, 14.

[152] „דאָס, וואָס דער פיקסער קאַפּיטאַל וועגט אַריבער דעם צירקולירענדען קאַפּיטאַל . . . מאַכט לאַנגע אַרבייט־שטונדען ווינשענסווערטה." מיט דעם פערגרעסערטען אומפאַנג פון דער מאַשינעריע אא.וו. „ווערט דער מאָטיוו צו פערלענגערן די אַרבייט־צייט, אַלס דער איינציגער מיטעל צו מאַכען פּראָפּיטאַבעל

איין אינדוסטריע־צווייג, דער רעגולירענדער געזעלשאפטליכער ווערטה פון אלע סחורות פון דעמזעלבינען סארט; און עס איז ווידער אמאל אט דער ווידערשפרוך, וואס טרייבט דעם קאפיטאל, וועלכער האט ניט קיין קלארען בעוואוסטזיין דערפון,[153] צו דער געוואלטיגסטער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאג, כדי ממלא צו זיין די פערקלענערונג אין דער פערהעלטניסמעסיגער צאהל פון די עקספלואטירטע ארבייטער דורך א פערגרעסערונג ניט נאר פון דער רעלאטיווער, נאר אויך פון דער אבסאלוטער מעהר־ארבייט.

אויב, אלזא, די קאפיטאליסטישע אנווענדונג פון מאשינעריע שאפט פון איין זייט נייע מעכטיגע מאטיווען צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאג אהן א שיעור, און רעוואלוציאנירט דעם ארבייטס־אופן גופא, אי דעם כאראקטער פון געזעלשאפטליכען ארבייטס־קערפער אויף אזא ארט, אז זי צוברעכט יעדען ווידערשטאנד אנט־קעגען דער דאזיגער טענדענץ; פראדוצירט זי פון דער אנדער זייט—טיילווייז דורכדעם, וואס זי שטעלט־צו דעם קאפיטאל נייע שיכטען פונ׳ם ארבייטער־קלאס, וועלכע זיינען פריהער ניט געווען צוגענגליך, טיילווייז דורכדעם וואס זי זעצט ארוים די ארבייטער, וועלכע די מאשין האט ארויסגעשטופט — אן איבערפליסיגע אר־בייטער־בעפעלקערונג,[154] וועלכע מוז זיך לאזען דיקטירן דאס גע־זעץ פון דעם קאפיטאל. דערפון נעהמט זיך די מערקווירדיגע ער־שיינונג אין דער געשיכטע פון דער מאדערנער אינדוסטריע, וואס די מאשינעריע פערווארפט אלע מאראלישע און נאטירליכע גרע־ניצען פון דעם ארבייטס־טאג. דערפון נעהמט זיך דער עקאנאמי־שער פאראדאקס, וואס דער מעכטיגסטער מיטעל אויף צו פער־

---

[153] פאר וואס אט דער אימאנענטער ווידערשפרוך קומט ניט צום בעוואוסט־זיין פון דעם איינצעלנעם קאפיטאליסט און ממילא אויך ניט פון דער פאלי־טישער עקאנאמיע, וואס קוקט מיט זיינע אויגען, וועט מען ארויסזעהן אין די ערשטע אבטיילען פונ׳ם דריטען בוך.

[154] עס איז איינע פון ריקארדא׳ס און זיסמאנדי׳ס גרויסע פערדיענסטען, וואס זיי האבען בעגריפען, אז די מאשינעריע איז ניט א מיטעל צו פראדוצירן סחורות, נאר אויך צו שאפען אן איבערפליסיגע בעפעלקערונג (redundant population).

מאשין. דער מעהרווערטה נעהמט זיך נאר פון דעם וואריאבלען טייל פון קאפיטאל, און מיר האבען געזעהן, אז די מאסע פון מעהר־ווערטה ווערט בעשטימט דורך צוויי פאקטארען: די ראטע פון דעם מעהרווערטה און די צאהל ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט אין דערזעלביגער צייט. ווען די לענג פונ'ם ארבייטס־טאג איז א בעשטימטע, ווערט די ראטע פון רעם מעהרווערטה בעשטימט דורך דער פראפארציע, אין וועלכער דער ארבייטס־טאג צוטיילט זיך אין נויטווענדיגע ארבייט און מעהר־ארבייט. די צאהל פון די גלייכ־צייטיג־בעשעפטיגטע ארבייטער הענגט אב פון איהר זייט פון דער פראפארציע פון דעם וואריאבלען טייל קאפיטאל צו דעם קאנסטאנ־טען טייל. עס איז דעריבער קלאר, אז די מאשין־פראדוקציאן, ווי־פיעל זי זאל נים, דורך א פערגרעסערונג פון דער פראדוקטיוו־קראפט פון דער ארבייט, אויסציהען די מעהר־ארבייט אויפ'ן חשבון פון דער נויטווענדיגער ארבייט, קאן זי ארויסברענגען אט דעם רע־זולטאט נאר דורכדעם, וואס זי פערקלענערט די צאהל ארבייטער, וועלכע א געוויסער קאפיטאל בעשעפטיגט. זי פערוואנדעלט איין טייל פון קאפיטאל, וועלכער איז פריהער געווען וואריאבעל, דאס הייסט, וועלכער האט זיך פערביטען אויף לעבעדיגער ארבייט־קראפט, אין מאשינעריע, הייסט עס אין קאנסטאנטען קאפיטאל, וואס פראדוצירט נים קיין מעהרווערטה. עס איז אונמעגליך, צום ביישפיעל, ארויסצוקוועטשען פון 2 ארבייטער אזויפיעל מעהר־ווערטה ווי פון 24. ווען יעדער איינער פון די 24 ארבייטער גיט פון 12 שטונדען נאר 1 שטונדע מעהר־ארבייט, גיבען זיי צוזאמען 24 שטונדען מעהר־ארבייט, בעת די גאנצע ארבייט פון די 2 אר־בייטער בעטרעפט נים מעהר ווי 24 שטונדען. אין דער אנווענדונג פון מאשינעריע צו פראדוצירן מעהרווערטה ליעגט אלזא אן אימאַ־נענטער ווידערשפרוך, ווארים פון די צוויי פאקטארען פון מעהר־ווערטה, וואס א קאפיטאל פון א געוויסער גרויס ברענגט ארויס, פערגרעסערט זי דעם איין פאקטאר, די ראטע פון מעהרווערטה, נאר דורכדעם וואס זי פערקלענערט דעם אנדער פאקטאר, די צאהל אר־בייטער. אט דער אימאנענטער ווידערשפרוך טרעט ארויס אזוי באלד ווי דער ווערטה פון דער מאשינענמעסיג פראדוצירטער סחורה ווערט, ווי דורך דער אלגעמיינער איינפיהרונג פון מאשינעריע אין

האָבען קיין בעגריף ניט געהאַט, ווי דער חכם באַסטיאַ האָט ענט־דעקט, און פריהער פאַר איהם דער נאָך־קליגערער מעקקולאָך, פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע און קריסטענטום. זיי האָבען, צווישען אַנ־דערע זאַכען, ניט פערשטאַנען, אַז די מאַשין איז דער זיכערסטער מיטעל אויף צו פערלענגערן דעם אַרבייטס־טאָג. זיי האָבען ענט־שולדיגט אַ שטייגער די שקלאַפערייַ פון איינעם אַלס אַ מיטעל פאַר דער פולער מענשליכער ענטוויקלונג פון דעם אַנדערן. אָבער פערדיגען די שקלאַפערייַ פון די מאַסען, כדי צו מאַכען עטליכע רויהע אָדער האַלב־געבילדעטע אויפגעקומענע גבירים פאַר Eminent Spinner [ערהאַבענע שפּינער], Extensive Sausage Makers [וואורשט־פאַבריקאַנטען אויף אַ גרויסען שטייגער], און Influential Shoe - black dealers [איינפלוסרייכע שוה־וואַקס הענדלער]—דערצו האָט זיי געפעהלט דער ספּעציפיש קריסטליכער אָרגאַן.

ג) אינטענסיפיקאַציע פון דער אַרבייט.*

די גרעניצלאָזע פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג, וואָס די מאַשינעריע שאַפט אין די הענד פון קאַפּיטאַל, רופט אַרויס, ווי מיר האָבען געזעהן, שפּעטער אַ רעאַקציע אין דער געזעלשאַפט, וועמעס לעבענס־וואָרצלען ווערן דורכדעם געשטעלט אין געפאַהר, און דער־מיט אַ געזעצליך בעשרענקטען נאָרמאַל־אַרבייטס־טאָג. אויפ'ן גרונד פון דעם בעשרענקטען אַרבייטס־טאָג ענטוויקעלט זיך אַן ערשיינונג, וועלכע מיר האָבען שוין פריהער בעגעגענט, און וועלכע גרייכט אַן ענטשיידענדע וויכטיגקייט—דאָס איז די אינטענסיפי־קאַציע פון דער אַרבייט. אין דעם אַנאַליז פונ'ם אַבסאָלוטען מעהר־ווערטה האָט זיך קודם געהאַנדעלט וועגען דער עקסטענסיווער גרויס [ד.ה. וועגען דער אויסשפּרייטונג] פון דער אַרבייט, בעת דער גראַד

---

* אין דער פראַנצויזישער אויסגאַבע מאַכט דאַ מאַרקס די בעמערקונג: אונטער דעם וואָרט אינטענסיפיקאַציע פון דער אַרבייט־קראַפט פערשטעה איך די וועגען און מיטלען, וועלכע האָבען די ווירקונג צו פערגרעסערן די אַנשפּאַנונג פון דער אַרבייט־קראַפט. K.

קירצען די אַרבייט־צייט, דרעהט זיך אויס און ווערט דער זיכער־סטער מיטעל צו פערוואַנדלען די גאַנצע לעבענס־צייט פון דעם אַר־בייטער און זיין פאַמיליע אין פערווענדבאַרע אַרבייט־צייט פאַר דער פערווערטונג פון קאַפּיטאַל. „ווען", האָט געטרוימט אַריס־טאָטעל, דער גרעסטער דענקער פון אַלטערטום, „ווען יעדער ווערק־צייג וואָלט אויף בעפעהל, אָדער גאָר פון זיך אַליין, געקאָנט טהאָן די אַרבייט, וואָס געהערט צו איהם, ווי דאַדאַלוס'עס קונסט־ווערק האָבען זיך בעוועגט פון זיך אַליין, אָדער ווי העפאַסטאָס'עס דריי פיס זיינען פון זיך אַליין געגאַנגען צו זייער הייליגער אַרבייט: ווען די וועבער־שיפלעך וואָלטען אַט אַזוי פון זיך אַליין געוועבט, דאַן וואָלטען פאַר דעם ווערק־מייסטער ניט נויטיג געווען קיין גע־הילפען און פאַר דעם העררן קיין שקלאַפען." [155] און אַנטיפּאַטראָס, אַ גריכישער דיכטער פון ציצעראָן'ס צייט, האָט בעגריסט די ער־פינדונג פון דער וואַסער־מיהל צו מאָהלען תבואות—די עלעמענ־טאַרע פאָרם פון אַלע פּראָדוקטיווע מאַשינעריען—אַלס די בעפריי־ערין פון די שקלאַפינען און די איינפיהרערין פון דעם גאָלדענעם צייט־אַלטער! [156] „די געצען־דיענער, אָה די געצען־דיענער!" זיי

---

[155] פ. ביעסע: „די פילאָסאָפיע דעם אַריסטאָטעלס". בערלין 1842, ב. 2, ז. 408.

[156] איך גיב דאַ איבער די איבערזעצונג פון דעם גריכישען געדיכט, ווייל ער כאַראַקטעריזירט, פּונקט אַזוי ווי די פריהערדיגע ציטאַטען וועגען דער צו־טיילונג פון דער אַרבייט, דעם געגענזאַץ צווישען דער פאַרצייטיגער אַנשויאונג און דער הייגטיגער.

„שוינט די מאַהלענדע האַנד, אָה איהר מיהלערינען, און שלאַפט
רוהיג! דער האָהן קרעהט אויס אייך דעם מאָרגען אומזאָנסט!
דאָא האָט די נימפען בעפוילען טהאָן די אַרבייט פון די מיידלעך,
און איצט שפּרינגען זיי ליכט אויף די רעדער אַרום,
די צעטרייסעלטע אַקסען מיט זייערע שפּיצען צו קייקלען
און דרעהען אין קרייז די לאַסט פון דעם רייבענדען שטיין.
לאָזט אונז לעבען דאָס אַמאָליגע לעבען, און לאָזט אונז אַרבייטלאָז
זיך פרעהען מיט די מתנות, וואָס עס שענקט אונז די געטין."

(גריכישע געדיכטע איבערזעצט פון כריסטיאַן גראַף צו שטאָלבערג, האַמבורג 1782) [ליכט פעראידישט פונ'ם איבערזעצער].

מאַכען אז דער ארבייטער זאָל, דורך א פערגרעסערטער פראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, קאָנען מיט דערזעלביגער אויסגאַבע פון ארבייט און אין דערזעלביגער צייט מעהר פראָדוצירען. דיזעלביגע ארבייט־צייט איז נאָך אלץ ווי פריהער מוסיף דעמזעלביגען ווערטה צו דעם גאַנצען פראָדוקט, הגם דער דאָזיגער אומפערענדערטער טויש־ווערטה [ד.ה. די ארבייט־צייט] שטעלט זיך איצט פאַר אין מעהר געברויך־ווערטהען, און פאָלגליך פאַלט דער ווערטה פון דער איינצעלנער סחורה. עס איז אָבער אַנדערש, אזויבאַלד ווי די געצוואונגענע פערקירצונג פונ'ם ארבייטס־טאָג, מיט דעם אונגעהויערן שטויס, וואָס זי גיט דער ענטוויקלונג פון דער פראָדוקטיוו־קראַפט און דער עקאָנאָמיזירונג פון די פראָדוקציאָנס־בעדינגונגען, צווינגט ארויף צוגלייך אויף דעם ארבייטער א פערגרעסערטע ארבייט־אויסגאַבע אין דערזעלביגער צייט, א העכערע שפּאַנונג פון דער ארבייט־קראַפט, א געדיכטערע אויספילונג פון די פּאָרען [די צווישען־רוימען] פון דער ארבייט־צייט, ד.ה. א קאָנדענזאַציע [א געדיכטער מאַכען] פון דער ארבייט, וועלכע איז נאָר מעגליך צו דערגרייכען אין דעם פערקירצטען ארבייטס־טאָג. אָט די צונויפּפּרעסונג פון א גרעסערער מאַסע ארבייט אין א געגעבענער צייט־פעריאָדע רעכענט זיך איצט פאַר דאָס, וואָס זי איז—אלס א גרעסערער סכום ארבייט. אַ חוץ דער מאָס פון דער אַרבייט־צייט „אין דער לענג“, איהר עקסטענסיווער גרויס, קומט איצט צו די מאָס פון איהר געדיכטקייט, איהר אינטענסיווער גראַד.[167] די אינטענסיווערע שטונדע פונ'ם צעהן־שטונדיגען ארבייטס־טאָג ענטהאַלט איצט אזוי פיעל אָדער מעהר ארבייט, ד.ה. אויסגעגעבענע ארבייט־קראַפט, איידער די שיטערערע

---

[167] עס קומען, פערשטעהט זיך, אלעמאל פאָר אונטערשיידען אין דער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט אין פערשיידענע פראָדוקציאָנס־צווייגען. זיי גלייכען זיך אָבער אויס, ווי אדאַם סמיטה האָט עס שוין בעוויזען, טיילווייז דורך זייטיגע אומשטענדען, וועלכע זיינען אייגענטימליך פאַר יעדען בעזונדער סאָרט ארבייט. אָבער אויך אין דעם פאַל ווירקט עס אויף דער ארבייט־צייט אלס ווערטה־מאָס נאָר אין דעם ערך, וואָס די אינטענסיווע און עקסטענסיווע גרויסען פון דער ארבייט שטעלען זיך פאָר אלס אַנטקעגענגעזעצטע און איינע די אַנדערע אויסשליסענדע אויסדרוקען פון דעמזעלביגען סכום ארבייט.

פון איהר אינטענסיוויטעט [קראַפט־שפּאַנונג] איז אָנגענומען גע־וואָרן אַלס עטוואָס בעשטימטעס. איצטער האָבען מיר צו בע־טראַכטען די אומוואַנדלונג פון דער עקסטענסיווער גרויס אין דער אינטענסיווער, אָדער אין דער גרויס פון דעם גראַד פון דער אַרבייט.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אַז מיט דעם פאָרטשריט פון דעם מאַשינען־סיסטעם און מיט דער אָנגעקליבענער ערפאַהרונג פון א ספּעציעלען קלאַס מאַשינען־אַרבייטער, מוז נאַטירליך וואַקסען די געשווינדקייט פון דער אַרבייט און דערמיט אויך די אינטענסי־וויטעט. אַזוי איז אין ענגלאַנד, אין פערלויף פון א האַלבען יאָהר־הונדערט, די פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג געגאַנגען האַנד אין האַנד מיט דער וואַקסענדער אינטענסיוויטעט פון דער פאַבריק־אַרבייט. עס פערשטעהט זיך אָבער, אַז ביי אַן אַרבייט, וואו עס האַנדעלט זיך ניט וועגען פּאָראיבערגעהענדע אָנפאַלען פון פיעבער־האַפטיגער טהעטיגקייט, נאָר וועגען א רעגעלמעסיגער גלייכפאָר־מיגקייט, וואָס ווידערהאָלט זיך טאָג איין־טאָג אויס, מוז קומען א צוזאַמענשטויס־פּונקט, ווען אויסציהונג פון דעם אַרבייטס־טאָג און אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט שליסען איינע די אַנדערע אויס, אַזוי אַז די פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג קאָן זיך פערטראָגען נאָר מיט א שוואַכערן גראַד אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט, און פערקעהרט א פערגרעסערטער גראַד אינטענסיוויטעט קאָן נאָר געהן צוזאַמען מיט א פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג. אַזוי באַלד ווי דער שטענדיג־וואַקסענדער צאָרן פון דעם אַרבייטער־קלאַס האָט געצוואונגען דעם שטאַאט מיט געוואַלט צו פערקירצען די אַרבייט־צייט און דיקטירן צוערשט די ריכטיגע פאַבריקען א נאָרמאַל אַרבייטס־טאָג,—פון דעם אויגענבליק, הייסט עס, וואָס די פערגרעסערטע פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה דורך א פערלענגערונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָבגעשניטען גע־וואָרן—האָט זיך קאַפּיטאַל א וואָרף געטאָן מיט'ן גאַנצען כח און פולען בעוואוסטזיין אויף דער פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהר־ווערטה דורך א פערשנעלערטער ענטוויקלונג פון דעם מאַשין־סיס־טעם. אין דערזעלביגער צייט איז פאָרגעקומען א פערענדערונג אין דעם כאַראַקטער פון דעם רעלאַטיווען מעהרווערטה. בכלל בע־שטעהט די מעטאָדע ווי צו פּראָדוצירן מעהרווערטה דעריין, צו

פון דער מאשינעריע שוין לאנג געשאפען די שטרענגסטע דיס־ציפלין. דעריבער ווען עס האט זיך געהאנדעלט אין יאהר 1844 וועגען פערקירצען דעם ארבייטס־טאג אויף ווענינער ווי 12 שטונ־דען, האבען די פאבריקאנטען דערקלערט במעט איינשטימיג, אז „זייערע אויפזעהער פאסען שוין אויף אין די פערשיידענע אר־בייט־צימערן אז די „הענד" זאלען קיין צייט ניט פערלירן" ; אז „דער גראד פון וואכזאמקייט און אויפמערקזאמקייט מצד פון די ארבייטער קאן קוים פערגרעסערט ווערן" ; און אנגענומען, אז אלע אנדערע אומשטענדען, ווי דער גאנג פון דער מאשינעריע א.אז.וו., בלייבען דיזעלביגע, „איז עס דעריבער אן אונזין צו דערווארטען אין גוט־געפיהרטע פאבריקען א וועלכען עס איז געניגענדען רע־זולטאט פון א גרעסערער אויפמערקזאמקייט א.אז.וו. פון די אר־בייטער." [160] עקספערימענטען האבען בעוויזען, אז די דאזיגע בע־הויפטונג איז ניט ריכטיג. הערר ר. גארדנער האט אין זיינע צוויי גרויסע פאבריקען אין פרעסטאן, פון 20טען אפריל אן, געלאזט ארבייטען אנשטאט 12 שטונדען בלויז 11 שטונדען א טאג. נאך אומגעפעהר א יאהר צייט האט דער רעזולטאט בעוויזען, אז „עס האט זיך בעקומען דערזעלביגער סכום פראדוקטען פאר דיזעלביגע קאסטען, און די ארבייטער האבען בכלל פערדיענט פונקט אזופיעל ארבייט־לוין אין די 11 שטונדען, ווי פריהער אין 12." [161] איך לאז אוים די עקספערימענטען, וואס זיינען געמאכט געווארן אין די אבטיילונגען פון שפינען און קעמען די וואל, ווייל זיי זיינען געווען פערבונדען מיט א פערגרעסערטער שנעלקייט פון דער מאשינעריע (אויף 2 פראצענט). אין דער וועבען־אבטיילונג דאגעגען, וואו עס זיינען נאך א חוץ דעם געוועבט געווארן זעהר פערשיידענע סארטען לייכטע מאטעריען מיט פאנטאסטישע פיגורען, איז קיין ענדערונג ניט פארגעקומען אין די אביעקטיווע בעדינגונגען פון דער פראדוק־ציאן. דער רעזולטאט איז געווען : „פון 6טען יאנואר ביז'ן 20טען

---

[160] „רעפארטס עטצ. פאר 1844 אנד דהי קווארטער ענדינג 30 אפריל 1845", ז. 20 און 21.

[161] ר. נ., ז. 19. אזוי ווי דער שטיק־לוין איז געבליבען דערזעלביגער, איז די הויך פון דעם וואכען־לוין אבגעהאנגען פון דעם סכום פונ'ם פראדוקט.

שטונדע פון דעם צוועלף־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג. איהר פּראָדוקט האָט דעריבער אזוי פיעל אָדער מעהר ווערטה איידער דער פּראָדוקט פון דער שיטערער שטונדע און א פינפטעל. אויסלאָזענדיג די פערגרעסערונג פון דעם רעלאַטיווען מעהרווערטה דורך דער העכערער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, גיבען איצט דעם קאַפּיטאַליסט צוםביישפּיעל 3⅓ שטונדען מעהר־אַרבייט אויף 6⅔ שטונדען נויטוועדיגער אַרבייט דיזעלביגע ווערטה־מאַסע ווי פריהער 4 שטונדען מעהראַרבייט אויף 8 שטונדען נויטוועדיגער אַרבייט.

עס פרעגט זיך איצטער, ווי אזוי ווערט די אַרבייט אינטענסיפיצירט?

די ערשטע ווירקונג פון דעם פערקירצטען אַרבייטס־טאָג פאָלגט פון דעם זעלבסט־פערשטענדליכען געזעץ, אז די ווירקונגס־פעהיגקייט פון דער אַרבייט־קראַפט שטעהט אין א פערקעהרטער פּראָפּאָרציע צו דער צייט פון איהר טהעטיגקייט. דעריבער געווינט זיך, אין געוויסע גרעניצען, אין דעם גראַד פון דער קראַפט־אויסגעבונג דאָס, וואָס עס פערלירט זיך אין איהר צייט־דויער. און כדי דער אַרבייטער זאָל ווירקליך אויסגעבען (פליסיג מאַכען) מעהר אַרבייט־קראַפט, פאַר דעם זאָרגט שוין דער קאַפּיטאַליסט דורך דער מעטאָדע פון צאָהלונג.[158] אין אזוינע מאַנופאַקטורען, ווי צ.ב.ש. אין די טעפּערייען, וואו די מאַשינעריע שפּיעלט גאָר קיין ראָליע ניט אָדער נאָר א גאַנץ אונבעדייטענדע ראָליע, האָט די איינפיהרונג פון דעם פאַבריק־געזעץ איבערצייגענד בעוויזען, אז בלויז די פערקירצונג פון׳ם אַרבייטס־טאָג אליין דערהעבט וואונדערבאַר די רעגעלמעסיגקייט, גלייכפאָרמיגקייט, אָרדנונג, בעשטענדיגקייט און די ענערגיע פון דער אַרבייט.[159] עס האָט אָבער אויסגעוויזען צווייפעלהאַפטיג, צי עס וועט האָבען דיזעלביגע ווירקונג אין דער עכטער פאַבריק, ווייל דאָרט האָט דעם אַרבייטער׳ס אָבהענגיקייט פון דער בעשטענדיגער און גלייכפאָרמיגער בעוועגונג

---

[158] דהיינו דורך שטיק־לויז, א פאָרם, וועלכע וועט בעטראַכט ווערן שפּעטער, אין זעקסטען אַבטייל.

[159] זעה „רעפּאָרטס עטצ. 21 אָקטאָבער 1865".

בייטער דארף אויפפאסען אויף א פערגרעסערטען אומפאנג פון מאשינעריע, ד. ה. אויף א פערגרעסערטען ארבייטס־פעלד. די פערבעסערטע קאנסטרוקציע פון דער מאשינעריע איז טיילוויין נויטווענדיג כדי אויסצואיבען א גרעסערן דרוק אויפ'ן ארבייטער, און טיילוויין בעגלייט זי פון זיך אליין די אינטענסיפיקאציע פון דער ארבייט, ווייל די בעגרענעצונג פון דעם ארבייטס־טאג צווינגט דעם קאפיטאליסט צו דער שטרענגסטער עקאנאמיע אין די קאסטען פון פראדוקציאן. די פערבעסערונג פון דער דאמף־מאשין פער־מעהרט די צאהל פון די קאלבען־שלעג, וואס זי מאכט אין א מינוט, און דורך איהר קראפט־איינשפארונג ערלויבט זי אין דערזעלביגער צייט צו טרייבען מיט דעמזעלביגען מאטאר אן אומפאנגרייכערן מעכאניזם, בעת דער פערברויך פון קויהלען בלייבט דערזעלביגער אדער ווערט נאך אפילו פערקלענערט. די פערבעסערונג פון דעם טראנסמיסיאן־מעכאניזם פערקלענערט די רייבונג און—וואס עס צייכענט אויס אזוי אויפפאלענד די מאדערנע פון דער עלטערער מאשינעריע—רעדוצירט ביז צו א מינימום דעם דיאמעטער און דאס געוויכט פון די גרויסע און קליינע וואלען. און ענדליך, די פער־בעסערונגען פון דער ארבייטס־מאשינעריע פערקלענערן איהר אומ־פאנג אין דערזעלביגער צייט, וואס זיי פערגרעסערן איהר געשווינד־קייט און בערייטערן אויס איהר ווירקונג, ווי צ.ב.ש. ביי דעם מאָ־דערנעם דאמף־וועבשטוהל; אדער זיי פערגרעסערן אינאיינעם מיט דעם גוף פון דער מאשין דעם אומפאנג און די צאהל ווערקצייג, וואס ווערן פון איהר געפיהרט, ווי אין דער שפין־מאשין; אדער זיי פערמעהרן די בעוועגליכקייט פון די דאזיגע ווערקצייג דורך אונ־בעמערקבארע פערענדערונגען אין געוויסע פרטים, ווי דאס איז פארגעקומען ביי דער „סעלף־אקטינג מיול“, אין מיטען פון די 50־יגער יאהרען, ווען די געשווינדקייט פון די שפינדלען איז פער־גרעסערט געווארן אויף א פינפטעל.

די פערקירצונג פונ'ם ארבייטס־טאג אויף 12 שטונדען האט זיך אנגעהויבען אין ענגלאנד אין יאהר 1833. שוין אין 1836 האט אן ענגלישער פאבריקאנט דערקלערט: „אין פערגלייך מיט פריהער איז די ארבייט, וואס ווערט איצט אויפגעטאן אין די פאבריקען, זעהר געוואקסען, צוליעב דער גרעסערער אויפמערקזאמקייט און

אַפּריל 1844, ביי אַ 12־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, איז דער וועכענט־ליכער דורכשניט־לוין פון יעדען אַרבייטער געווען 10 שילינג 1½ פּענס; פון דעם 20טען אַפּריל ביז דעם 29טען יוני 1844, ביי אַן 11־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, איז דער וועכענטליכער דורכשניט־לוין געווען 10 שילינג 3½ פּענס."[162] אין 11 שטונדען איז דאָ מעהר פּראָדוצירט געוואָרן ווי פריהער אין 12, אויסשליסליך אַלס רעזולטאַט פון דער גרעסערער גלייכמעסיגער אויסגעהאַלטענקייט פון די אַרבייטער און פון דער עקאָנאָמיע פון זייער צייט. בעת זיי האָבען בעקומען דעמזעלביגען לוין און געוואונען אַ שטונדע פרייע צייט, האָט דער קאַפּיטאַליסט בעקומען דיזעלביגע מאַסע פּראָדוקטען און האָט געשפּאָרט די הוצאות פון קויהלען, גאַז א.אז.וו. אויף 1 שטונדע. ענליכע עקספּערימענטען מיט דעמזעלביגען ער־פאָלג זיינען אויסגעפיהרט געוואָרן אין די פאַבריקען פון די הערען האָרראָקס און דזשעקסאָן.[163]

אַזויבאַלד ווי די פערקירצונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג ווערט אַ גע־זעצליך־געצוואונגענע — וואָס עס גיט קודם די סוביעקטיווע בעדינ־גונג פון דער קאָנדענזאַציע פון דער אַרבייט, ד.ה. עס שאַפט דעם אַרבייטער'ס פעהיגקייט אַרויסצוגעבען (פליסיג צו מאַכען) מעהר קראַפט אין אַ בעשטימטער צייט — ווערט די מאַשין אין האַנד פון קאַפּיטאַל אַן אָביעקטיווער און סיסטעמאַטיש־אָנגעווענדעטער מי־טעל אַרויסצופּרעסען מעהר אַרבייט אין דערזעלביגער צייט. דאָס קומט פאָר אויף אַ צוויפאַכיגען אופן: דורך דער פערגרעסערטער שנעלקייט פון די מאַשינען און דורכדעם, וואָס דערזעלביגער אַר־

[162] דאָרט גופא, ז. 22.

[163] דאָרט גופא, ז. 21. דער מאָראַלער עלעמענט האָט געשפּיעלט אַ בעדיי־טענדע ראָליע אין די אויבען־דערמאָנטע עקספּערימענטען. „מיר — האָבען די אַר־בייטער דערקלערט דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר — אַרבייטען מיט מעהר חשק, מיר האָבען שטענדיג אין אויג די בעלוינונג, וואָס מיר ווערען אין אָבענד פריהער קאָנען אַוועקגעהן. אַ גייסט פון טהעטיגקייט און אַרבייטס־פרייד נעהמט דורך די גאַנצע פאַבריק, פון דעם יינגסטען אַנדרעהער ביז דעם עלטסטען אַרבייטער, און מיר זיינען אימשטאַנד טיכטיגער צו אַרבייטען איינער דעם אַנדערען צום האַנד." (ד. ג.)

גערן באַוועל, וועלכער פאָדערט מעהר ארבייט.... אין דער אַב־טיילונג וואו מען קעמט די וואָל, איז אויך פאָרגעקומען אַ גרויסע פערמעהרונג פון דער ארבייט. איין פערזאָן טהוט איצט די אר־בייט, וועלכע איז פריהער געווען איינגעטיילט פאַר צווייען....
אין דער וועבעריי, וואו אַ גרויסע צאָהל פערזאָנען, דאָס רוב פרויען, זיינען בעשעפטיגט, איז די ארבייט אין משך פון לעצטען יאָהר געוואקסען אויף פולע 10 פּראָצענט, אַלס רעזולטאַט פון דער פער־גרעסערטער געשווינדקייט פון דער מאַשינעריע. אין יאָהר 1838 זיינען אויסגעשפּונען געוואָרן 18,000 מאַטיקעס אַ וואָך; אין יאָהר 1843 האָט די צאָהל דערגרייכט 21,000. אין יאָהר 1819 איז די צאָהל שיצען־קלעפּ (picks) ביים דאַמף־וועבשטוהל געווען 60 אין אַ מינוט; אין יאָהר 1842 האָט די צאָהל בעטראָפען 140, וואָס עס בעווייזט אַ גרויסען צו־וואוקס פון ארבייט." [165]

איינזעהענדיג די דאָזיגע מערקווירדיגע אינטענסיוויטעט, וואָס די אַרבייט האָט דערגרייכט אונטער דער הערשאַפט פון דעם 12־שטונדיגען געזעץ, שוין אין 1844, האָט זיך דאַמאָלסט די ערקלע־רונג פון די ענגלישע פאַבריקאַנטען אויסגעוויזען צו זיין בערעכ־טיגט, אַז עס קאָן קיין וויטערער פאָרטשריט אין דער דאָזיגער ריכטונג שוין מעהר ניט זיין, און פאָלגליך וועט יעדע וויטערע פערקירצונג פון דער ארבייט־צייט פשוט הייסען אַ פערקירצונג פון דער פּראָדוקציאָן. די אויבענאויפיגע ריכטיגקייט פון זייער מיינונג ווערט אַמבעסטען בעוויזען דורך די פאָלגענדע בעהויפּטונגען, וואָס זיינען אין דערזעלבער צייט געמאַכט געוואָרן פון זייער אונערמיעד־ליכען צענזאָר, דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר לעאָנאַרד האָרנער:—

„אַזוי ווי די פּראָדוצירטע סומע ווערט הויפּטזעכליך רעגולירט דורך דער געשווינדקייט פון דער מאַשינעריע, מוז עס זיין אין דעם פאַבריקאַנט'ס אינטערעסען צו טרייבען די מאַשינען מיט דעם העכ־סטען גראַד געשווינדקייט, וואָס איז נאָר מעגליך אינאיינעם מיט די פאָלגענדע בעדינגונגען: פערהיטען די מאַשינעריע פון אַ צו־שנעלער פערדאַרבונג, אויפהאַלטען די קוואַליטעט פון דעם פאַב־

---

[165] Lord Ashley, "Ten Hours Factory Bill. Speech of the 15th of March", London 1844, p. 6—9.

טהעטיגקייט, וואָס די פיעל־גרעסערע געשווינדקייט פון דער מאַ־שינעריע פאָדערט פון רעם אַרבייטער.״ [164] אין יאָהר 1844 האָט לאָרד אַשלער, איצט גראַף שאַפטסבורי, געמאַכט אין „הויז אוו קאמאנס״ די פאָלגענדע אויף דאָקומענטען געשטיצטע בעהויפּ־טונגען :—

„די אַרבייט פון די, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די פאַבריק־פּראָצעסען, איז איצט דריי מאָל אַזוי גרויס ווי ווען מען האָט איינגעפיהרט די דאָזיגע אָפּעראַציעס. די מאַשינעריע האָט בלי ספק אָבגעטאָן אַן אַרבייט, וואָס האָט פערנומען דעם פּלאַץ פון די גליעדער און מוסקולען פון מיליאָנען מענשען. זי האָט אָבער אויך וואונדערליך פערמעהרט די אַרבייט פון די מענשען, וועלכע ווערן בעהערשט דורך איהר שרעקליכער בעוועגונג.... די אַרבייט נאָכצוגעהן הין און צוריק אַ פּאָר מיולס אויף צו שפּינען באַוועל־פעדים נומר 40 אין משך פון 12 שטונדען, האָט אין יאָהר 1815 געפאָדערט דורכצוגעהן אַ מהלך פון 8 מייל. אין יאָהר 1832 האָט בעטראָפען דער מהלך נאָכצוגעהן אין משך פון 12 שטונדען אַ פּאָר מיולס, וואָס שפּינען דעמזעלביגען נומר באַוועל־פעדים, 20 מייל און אַמאָל נאָך מעהר. אין יאָהר 1815 האָט דער שפּינער אין משך פון 12 שטונדען געדאַרפט מאַכען 820 אויסצוגען אויף יעדען מיול, וואָס עס מיינט אַ סך הכל פון 1640 פאַר די 12 שטונדען. אין יאָהר 1832 האָט דער שפּינער אין זיין 12־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג געדאַרפט מאַכען אויף יעדען מיול 2200 אויסצוגען, צוזאַמען הייסט עס 4400 ; אין יאָהר 1844 אויף יעדען מיול 2400, צוזאַמען 4800, און אין איינִיגע פעלען איז די גענויטיגטע מאַסע אַרבייט נאָך גרעסער.... איך האָב דאָ ביי מיר אַנאַנדער דאָקומענט פון יאָהר 1842, וואו עס ווערט בעוויזען, אַז די אַרבייט וואַקסט אַלץ מעהר און מעהר, ניט נאָר ווייל עס דאַרף דורכגעמאַכט ווערן אַ גרעסע־רער מהלך, נאָר ווייל עס פערגרעסערט זיך די סומע פון די פּראָ־דוצירטע סחורות, בעת די צאָהל אַרבייטער ווערט פּראָפּאָרציאָנעל קלענער ; און אויך דערפאַר, ווייל מען שפּינט איצט אָפטער ער־

[164] John Fielden: "The Curse of the Factory System", London 1836, p. 32.

די „מיול־שפינדלען“, וואס איז פריהער געווען 5000, בעטרעפט איצט 6000 אין א מינוט: די געשווינדקייט איז אין ערשטען פאל געוואקסען אויף 1⁄10 און אין צווייטען אויף 1⁄5 [168] דזשיימס נאסמיטה, דער בעריהמטער ציוויל־אינזשעניר פון פאטריקראפט ביי מאנטשעסטער, האט אין א בריעף צו לעאנארד האָרנער אויסגערעכענט די פערבעסערונגען, וואס זיינען געמאכט געווארן אין דער דאמף־מאשין פון 1848 ביז 1852. נאכדעם ווי ער בעמערקט, אז די דאמף־פערדקראפט, וואס ווערט נאך אלץ געשאצט אין דער אָפיציעלער פאבריק־סטאטיסטיק לויט איהר ווירקונג אין יאָהר 1828,[169] איז נאר נאָמינעל און קאן בלויז דיענען אלס אינדעקס [אָנצייגער] פון דער ווירקליכער קראפט, זאגט ער צווישען אנדערעם: „עס איז גאר קיין ספק ניט, אז דאמף־מאשינען פון דעמזעלביגען געוויכט (אפט זיינען עס אינגאנצען דיזעלביגע מאשינען, צו וועלכע עס זיינען נאר צוגעגעבען די מאָדערנע פערבעסערונגען) טהוען איצט אויף אין דורכשניט 50 פראָצענט מעהר ארבייט ווי פריהער, און אז אינגאנצען דיזעלביגע מאשינען, וואס פלעגען אין דער צייט פון א בעשרענקטער געשווינדקייט פון 220 פוס א מינוט ארויסגעבען 50 פערד־קראפט, גיבען היינט ארויס אין פיעל פעלען איבער 100 פערד־קראפט נאך מיט א פערקלענערטען פערברויך פון קויהלען.... די מאָדערנע דאמף־מאשין פון דערזעלביגער נאָמינעלער פערד־קראפט ווערט געטריבען מיט א גרעסערען כח ווי פריהער, מחמת די פערבעסערונגען אין איהר קאָנסטרוקציע, איהר קלענערן אומפאנג און בוי פון די דאמף־קעסלען א.אז.וו.... הגם

[168] „רעפארטס אקטאבער 1862“, ז. 62.

[169] דאס האט זיך געענדערט מיט דעם „פארלאמענטארי רעטורן““ פון 1862. דא טרעט ארוים די ווירקליכע דאמף־פערדקראפט פון די מאדערנע דאמף־מאשינען און וואסער־רעדער אויף דעם ארט פון די נאמינעלע [זעה נאטע [109a] . K]. אויך זיינען די דובליער־שפינדלען ניט מעהר צוזאמענגעמישט מיט די עכטע שפין־שפינדלען (ווי אין די „רעטורנס“ פון 1839, 1850 און 1856); אין פאל פון די וואל־פאבריקען איז צוגעגעבען די צאהל „דזשיגס“, עס ווערט געמאכט אן אונטערשייד צווישען דזשוט־ און האנף־פאבריקען פון איין זייט, און פלאקס־פאבריקען פון דער אנדער זייט; און ענדליך איז צום ערשטען מאל ארייגענומען געווארן אין בעריכט די זאקען־שטריקערייען.

ריצירטען אַרטיקעל און אויפהאַלטען די פעהיגקייט פון דעם אַר־בייטער נאָכצופאָלגען די בעוועגונג פון דער מאַשין אָהן אַ גרעסערער אַנשטרענגונג ווי ער קאָן שטענדיג אויסהאַלטען. עס פּאַסירט אָפט, אַז דער פאַבריקאַנט אין זיין האַסט פערגרעסערט די בעוועגונג צו־פיעל. ברעכעניש און שלעכטע פּראָדוקטען וועגען דאַן מעהר אַרוי־בער די געשווינדקייט, און ער איז געצוואונגען צו מעסיגען דעם גאַנג פון דער מאַשינעריע. אַזוי ווי אַ טהעטיגער און אינטעלי־גענטער פאַבריקאַנט געפינט שוין אויס דעם מאַקסימום, וואָס מען קאָן דערגרייכען, האָב איך בעשלאָסען אַז עס איז אונמעגליך צו פּראָדוצירן אין 11 שטונדען אַזויפיעל ווי אין 12. איך האָב אויך סערדעם אָנגנעומען, אַז דער אַרבייטער, וואָס קריגט בעצאָהלט פון שטיק, שטרענגט זיך אָן אויפ׳ן העכסטען גראַד, וואָס ער קאָן נאָכ־אַנאַנד אויסהאַלטען." [166] האָרנער האָט דעריבער בעשלאָסען, ניט קוקענדיג אויף די עקספּערימענטען פון גאַרדנער א.א., אַז ווייטער פערקלענערן דעם אַרבייטס־טאָג אונטער 12 שטונדען, מוז פער־קלענערן די קוואַנטיטעט פון דעם פּראָדוקט. [167] צעהן יאָהר שפּע־טער האָט ער אַליין ציטירט זיין מיינונג פון 1845 צו בעווייזען ווי וועניג ער האָט נאָך דאַמאָלסט בעגריפען די עלאַסטיציטעט פון דער מאַשינעריע און פון דער מענשליכער אַרבייטס־קראַפט, וועלכע קאָנען ביידע גלייך אָנגעשטרענגט ווערן אויפ׳ן העכסטען גראַד דורך דער געצוואונגענער פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג.

מיר קומען איצט צו דער פּעריאָדע נאָך 1847, זינט מען האָט איינגעפיהרט דעם צעהן־שטונדען־געזעץ אין די ענגלישע פאַברי־קען פון באַוועל, וואָל, זייד און פלאַקס.

„די געשווינדקייט פון די שפּינדלען אויף „טראָסלס" איז גע־וואַקסען מיט 500 דרעהונגען אין אַ מינוט און אויף „מיולס" מיט 1000 דרעהונגען אַ מינוט; דאָס הייסט די געשווינדקייט פון „טראָסל־שפּינדלען", וועלכע האָט אין 1839 געצעהלט 4500 דרע־הונגען אין אַ מינוט, בעטרעפט איצט (אין 1862) 5000, און פון

[166] „רעפּאָרטס 30 סעפּטעמבער 1844 ביז 30 אַפּריל 1845", ז. 20.

[167] ד. ג., ז. 22.

2 שטונדען אָדער ⅙), ווי פריהער אין דעם לענגערן ארבייטס־טאָג.‟ [173]

ווי גרויס דער רייכטום פון די פאַבריקאַנטען איז געוואקסען דורך דער מעהר־אינטענסיווער עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייט־קראַפט, בעווייזט שוין דער איין פאַקט אליין, וואָס דער דורכ־שניטליכער פּראָפּאָרציאָנעלער וואוקס פון די ענגלישע באַוועל־און אַנדערע פאַבריקען האָבען בעטראָפען פון 1838 ביז 1850 32 פּראָצענט, בעת פון 1850 ביז 1856 גאַנצע 86 פּראָצענט.*

אָבער ווי גרויס דער פּאָרטשריט פון דער ענגלישער אינ־דוסטריע איז געוועזען אין די 8 יאָהר, פון 1848 ביז 1856, אונטער דער הערשאַפט פון דעם 10־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, איז ער ווייט אריבערגעשטיגען געוואָרן אין דער נעקסטער 6־יאָהריגער פּעריאָדע, פון 1856 ביז 1862. אין די זייד־פאַבריקען צ.ב.ש. זיינען געוועזען שפּינדלען: אין 1856—1,093,799, אין 1862—1,388,544 ; וועב־שטוהלען: אין 1856—9260, אין 1862—10,709. דאַגעגען די צאָהל ארבייטער: אין 1856—56,131, אין 1862—52,429. דאָס גיט א וואוקס פון דער צאָהל שפּינדלען אויף 62.9 פּראָצענט און פון וועבשטוהלען אויף 15.6 פּראָצענט, מיט א גלייכצייטיגער פער־

[173] „רעפּאָרטס עטצ. פאר אקטאבער 1858, ז. 9 און 9 פערג. רעפּארטס פאר אפּריל 1860, ז. 30.

* די פּראָצענט־צאָהלען, וואָס זיינען דא אנגעגעבען, זיינען פּאָזיטיוו פאַלש און לכתחילה אונמעגליך. דא מוז שטעקען א דרוק־פעהלער. די אבסאָלוטע צאָהל פון די טעקסטיל־פאַבריקען, וועגען וועלכע דא האַנדעלט זיך, האָט בע־טראָפען לויט דעם אינספּעקטאָרען־בעריכט פון 1862:

יאהר	באוועל	וואָל	קאָם־פּעדים	לײַן	זייד	סך הכל
1839	1911	1399	456	403	287	4454
1850	1932	1497	501	393	277	4600
1856	2210	1505	525	417	460	5117

דער וואוקס אליזא מאַכט אויס פון 1839 ביז 1850 3.2 פּראָצענט, פון 1850 ביז 1856 11.2 פּראָצענט. K.

דיזעלביגע צאָהל אַרבייטער ווי פריהער זיינען בעשעפטיגט לפי ערך צו דער נאָמינעלער פערד־קראַפט, ווערן וועניגער אַרבייטער בעשעפטיגט לפי ערך צו דער אַרבייט־מאַשינעריע."[170] אין יאָהר 1850 האָבען די פאַבריקען פון פעראייניגטען קעניגרייך פערברויכט 134,217 נאָמינעלע פערד־קראַפט צו בעוועגען 25,638,716 שפּינדלען און 301,495 וועבשטוהלען. אין יאָהר 1856 האָט די צאָהל שפּינדלען אָנגעטראָפען 33,503,580 און די צאָהל וועבשטוהלען 369,705. ווען די נויטיגע פערד־קראַפט וואָלט געבליבען דיזעלביגע ווי אין 1850, דאַן וואָלטען אין 1856 געווען נויטיג 175,000 פערד־קראַפט. זי האָט אָבער בעטראָפען לויט דעם אָפּיציעלען בעריכט בלויז 161,435, ד.ה. אַריבער 10,000 פערד־קראַפט וועניגער, ווי ווען מען וואָלט גערעכענט אויפ'ן באַזיס פון 1850.[171] „די פאַקטען, וואָס זיינען פעסטגעשטעלט געוואָרען דורך דעם לעצטען בעריכט פון 1856 (אָפּיציעלע סטאַטיסטיק) צייגען, אַז דער פאַבריק־סיסטעם פערגרעסערט זיך זעהר ראַשיג, אַז לפי ערך צו דער מאַשינעריע איז די צאָהל פון די אַרבייטער קלענער געוואָרען, אַז דורך דער פערשפּאָרונג פון קראַפט און אַנדערע מעטאָדען קאָן די דאַמף־מאַשין טרייבען אַ גרעסערן מאַשינען־געוויכט, און אַז עס בעקומט זיך אַ גרעסערער סכום פּראָדוקטען אַלס רעזולטאַט פון פערבעסערטע אַרבייט־מאַשינען, אַנדערע מעטאָדען פון פאַבריקאַציע, גרעסערע שנעלקייט פון דער מאַשינעריע און פיעלע אַנדערע אורזאַכען."[172] „די גרויסע פערבעסערונגען, וואָס זיינען איינגעפיהרט געוואָרען אין מאַשינען פון יעדען סאָרט, האָבען זעהר פיעל פערגרעסערט זייער פּראָדוקטיווע קראַפט. בלי שום ספק האָט די פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג... געגעבען דעם שטויס צו די דאָזיגע פערבעסערונגען. זיי און די אינטענסיווע אָנשטרענגונג פון דעם אַרבייטער האָבען פועל געווען וועניגסטענס, אַז עס ווערן פּונקט אַזויפיעל פּראָדוקטען געליפערט אין דעם פערקירצטען אַרבייטס־טאָג (אויף

[170] רעפּאָרטס אָקטאָבער 1856, ז. 11.

[171] ד. ג., ז. 14 און 15.

[172] ד. ג., ז. 20.

פערגרעסערט די מיה פון דעם פאַבריק־אַרבייטער פאַר די לעצטע 10 יאָהר.״ [175]

דעריבער, איז הגם די פאַבריק־אינספּעקטאָרען הערן ניט אויף צו לויבען, און מיט פולער רעכט, די גינסטיגע רעזולטאַטען פון די פאַבריק־געזעצען פון 1844 און 1850, זיינען זיי דאָך מודה, אז די פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג האָט אַרויסגערופען אַזאַ אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט, וואָס צערשטערט כמעט דעם אַרבייטער׳ס געזונד און ממילא אויך די אַרבייט־קראַפט גופא. „אין די מעהרסטע באַוועל־, וואָרשטעד־ און זייד־פאַבריקען שיינט צו זיין דער ערמידענדער צושטאַנד פון אויפרעגונג ביי דער אַרבייט אויף די מאַשינען, וואָס זייער בעוועגונג איז די לעצטע יאָהרען אונגעוועהנליך פערשנעלערט געוואָרן, איינע פון די אורזאַכען פון דער צו־גרויסער שטערבליכקייט פון לונגען־קראַנקהייטען, וואָס דער דר. גרינהאַו האָט בעוויזען אין זיין לעצטען בעוואונדערנסווערטהען בעריכט.״ [176]

עס איז ניטאָ דער מינדסטער צווייפעל, אז די טענדענץ פון קאַפּיטאַל—וויבאַלד אז די פערלענגערונג פון׳ם אַרבייטס־טאָג איז פאַר איהם איינמאָל פאַר אַלע מאָל אָבגעשניטען דורכ׳ן געזעץ—צו פערגיטיגען זיך דורך אַ סיסטעמאַטישער פערגרעסערונג פון דעם אינטענסיוויטעט־גראַד פון דער אַרבייט און אויסצונוצען יעדע פער־

---

[175] מיט דעם מאָדערנעם דאַמף־וועבשטוהל פאַבריצירט איצט איין וועבער אין 60 שטונדען אַ וואָך אויף 2 שטוהלען 26 שטיק מאַטעריע פון אַ בעשטימטער לענג און ברייט, בעת אויפ׳ן אַלטען דאַמף־וועבשטוהל האָט ער געקאָנט פאַב־ריצירען נאָר 4 אַזעלכע שטיק. די קאָסטען פון וועבען אַזאַ שטיק זיינען שוין אין אָנהויב פון די 50־גער יאָהרען געפאַלען פון 2 שילינג 9 פּענס אויף 5⅛ פּענס.

הוספה צו דער צווייטער אויסגאַבע: „פאַר 30 יאָהרען (1841) האָט מען פערלאַנגט פון אַ באַוועל פאָדים־שפּינער מיט דריי העלפער ער זאָל אויפפּאַסען אויף איין פּאָר „מיולס״ מיט 300 ביז 324 שפּינדלען. איצט (סוף 1871) מוז ער מיט 5 העלפער אויפפּאַסען אַזויפיעל „מיולס״, וואָס זייער צאָהל שפּינדלען בעטרעפט 2,200 און פּראָדוצירט ווענינגסטענס 7 מאָל מעהר פאָדים איידער אין 1841.״ (אַלעקסאַנדער רעדגראַוו, פאַבריק־אינספּעקטאָר אין „דזשורנאַל אָוו אַרטס״, 5טען יאַנואַר 1872).

[176] רעפּאָרטס עטצ., אָקטאָבער 1861, ז. 25 און 26.

קלענערונג פון די אַרבייטער־צאָהל אויף 7 פּראָצענט. אין יאָהר 1850 זיינען אין די וואורשטעד־פאַבריקען [קאַם־וואָל] געווען בע־שעפטיגט 875,830 שפּינדלען, אין יאָהר 1856—1,324,549 (אַ וואוקס פון 51,2 פּראָצענט), און אין 1862—1,289,172 (אַ פערקלענערונג פון 2,7 פּראָצענט). רעכענט מען אָבער אַראָב די דובליער־שפּינד־לען, וועלכע זיינען אריין אין חשבון פון יאָהר 1856, אָבער ניט אין דעם יאָהר 1862, דאַן בלייבט די צאָהל שפּינדלען זינט 1856 כמעט דיזעלביגע. דאַגעגען איז זינט 1850 די געשווינדקייט פון די שפּינד־לען און וועבשטוהלען אין פיעל פעלען פערטאָפּעלט געוואָרן. די צאָהל פון די דאַמף־וועבשטוהלען אין די וואורשטעד־פאַבריקען איז געווען אין 1850—32,617 אין 1856—38,956 און אין 1862—43,048. דערביי זיינען געווען בעשעפטיגט פּערזאָנען: אין 1850—79,737, אין 1856—87,794 און אין 1862—86,063; אָבער דערפון זיינען געווען קינדער אונטער 14 יאָהר: אין 1850—9956, אין 1856—11,228 און אין 1862—13,178. טראָץ דער זעהר פערמעהרטער צאָהל פון וועבשטוהלען אין 1862, אין פערגלייך מיט 1856, איז דער סך הכל פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער אָבגעפאַלען, אָבער די צאָהל עקספּלואַטירטע קינדער איז געשטיגען.[174]

דעם 27טען אַפּריל 1863 האָט דער מיטגליעד פון פּאַרלאַמענט, פערראַנד, ערקלערט אין „האוז אוו קאמאנס“: „אַרבייטער־דעלע־גאַטען פון 16 דיסטריקטען פון לאַנקאשיר און טשעשיר, אין וועמעס נאָמען איך רעד דאָ, האָבען מיר מיטגעטיילט, אַז די אַרבייט אין די פאַבריקען, צוליעב דער פערבעסערונג אין דער מאַשינעריע, האַלט שטענדיג אין וואַקסען. אנשטאָט וואָס פריהער האָט 1 אַרבייטער מיט 2 העלפער בעדיענט 2 וועבשטוהלען, בעדיענט ער איצטער 3 וועבשטוהלען אָהן העלפער, און עס איז גאָר ניט אומ־געוועהנליך, אַז 1 אַרבייטער בעדיענט 4 וועבשטוהלען. ווי עס זעהט זיך אַרויס פון די מיטגעטיילטע פאַקטען, ווערט איצט די אַרבייט פון 12 שטונדען צונויפגעפּרעסט אין וועניגער ווי 10. עס איז דעריבער לייכט צו זעהן, ווי אונגעהויער פיעל עס האָט זיך

---

[174] „רעפּאָרטס עטצ. פאַר אָקטאָבער 1862“, ז. 100 און 130.

	וועררטה פון דעם עקספאָרט			
	1848 פונט סטערלינג	1851 פונט סטערלינג	1860 פונט סטערלינג	1865 פונט סטערלינג
באַוועל-פאַבריק.				
באוועל־גארן — — — — —	5 927 831	6 634 026	9 870 875	10 351 049
באוועל־געוועב — — — — —	16 753 369	23 454 810	42 141 505	46 903 796
פלאַקס און האַנף-פאַבריק.				
גארן — — — — — — —	493 449	951 426	1 801 272	2 505 497
געוועב — — — — — — —	2 802 789	4 107 396	4 804 803	46 903 796
זייד-פאַבריק.				
גארן — — — — — — —	77 780	195 380	918 342	768 067
געוועב — — — — — — —	410 328	1 130 398	1 587 303	1 409 221
וואָל-פאַבריק.				
וואל און װארסטעד־גארן				
וואל — — — — — — — —	776 975	1 484 544	3 843 450	5 424 017
געוועב — — — — — — —	5 733 828	8 377 183	12 156 998	20 102 259

ריקען. אבער וואס פאר א גרויסען פראפארציאנעלען פלאץ זיי פערנעהמען אין דער פאבריקאציע פון גארן און געוועב איבערהויפט, קאן מען זעהן דערפון, וואס זיי אליין מאכען אויס 45.2 פראצענט פון אלע פאבריקען פון דעם סארט אין ענגלאנד, וועלס, שאטלאנד און אירלאנד; פון אלע שפינדלען קומט אויף זייער חלק 83.3 פראצענט; פון אלע דאמף־וועבשטוהלען 81.4 פראצענט; פון אלע דאמף־פערד־קראפט, וואס בעוועגען זיי—72.6 פראצענט, און פון דער גאנצער צאהל פון בעשעפטיגטע פערזאנען—58.2 פראצענט. (דארט גופא, ז. 62, 63).

	די קוואנטיטעט פון דעם עקספארט			
	1848	1851	1860	1865
באוועל־פאבריק.				
באוועל־גארן — — — —	פונט 135 831 162	פונט 143 966 106	פונט 197 343 655	פונט 103 751 455
נעה־גארן — — — — —	" 3 728 909	" 4 392 176	" 6 297 554	" 4 648 611
באוועל־געוועב— — — —	יארד 1 096 751 823	יארד 1 543 161 789	יארד 2 776 218 427	יארד 2 105 237 851
פלאקס און האנף־פאבריק.				
גארן — — — — — — —	פונט 11 722 182	פונט 18 841 326	פונט 31 210 612	פונט 36 777 334
געוועב — — — — — —	יארד 89 002 431	יארד 129 106 753	יארד 143 996 773	יארד 247 012 529
זייד־פאבריק.				
גארן — — — — — — —	פונט 194 815	פונט 462 513	פונט 897 402	פונט 812 589
געוועב — — — — — —	" 411 147	" 1 181 455	" 1 060 466	יארד 2 869 837
וואל־פאבריק.				
וואל און וואורשטעד גארן	פונט 8 429 152	פונט 14 670 880	פונט 27 533 968	פונט 31 669 267
געוועב — — — — — —	יארד 84 791 846	יארד 141 120 973	יארד 190 381 537	יארד 278 837 438

זעה די בלויע ביכער "Statistical Abstracts for the United Kingdom" No. 8 and No. 13. London
1861 and 1866. אין לאנקאשיר האבען זיך די פאבריקען צווישען די יאהרען 1839 און 1850 פערמעהרט בלויז אויף
4 פראצענט, צווישען 1850 און 1856 אויף 19 פראצענט, צווישען 1856 און 1862 אויף 33 פראצענט, בעת אין די ביידע
11־יאהריגע פעריאדען איז די אבסאלוטע צאהל פון בעשעפטיגטע געוואקסען, און די רעלאטיווע איז געפאלען. פערגל.
"Reports of Insp. of Fact. for 31st October, 1862", p. 93. אין לאנקאשיר זיינען דא מעהרסטענס באוועל פאב־

פון פערשיידענע קלאַסען ארבייטער, דערוואַקסענע און ניט־דער־וואַקסענע, וועלכע פּאַסען־אויף מיט געניטקייט און פלייסיגקייט א סיסטעם פון פּראָדוקטיווער מאַשינעריע, וועלכע ווערט געבראַכט אין בעוועגונג אָהן אָן אויפהער דורך איין צענטראַל־קראַפט (דעם ערשטען מאָטאָר)"; און פון דער אַנדער זייט—אַלס „אָן אונגע־הויערער אויטאָמאַט, וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון צאָהללאָזע מעכאַנישע און זעלבסט־בעוואוסטע אָרגאַנען, וועלכע ווירקען אין איינפערשטענדניש און אָהן אונטערברעכונג, כדי צו פּראָדוצירן איין און דעמזעלבען געגענשטאַנד, אַזוי אַז אָט די אַלע אָרגאַנען זיינען אונטערוואָרפען צו איין בעוועגונג־קראַפט, וואָס בעוועגט זיך פון זיך אַליין." אָט דיביידע אויסדרוּקען זיינען אויף קיין פאַל ניט גלייך־בעדייטענד. אין איין אויסדרוק ערשיינט דער קאָמ־בינירטער קאָלעקטיוו־ארבייטער אָדער דער געזעלשאַפטליכער אר־בייט־קערפּער אַלס דער הערשענדער סוביעקט, און דער מעכאַני־שער אויטאָמאַט אַלס אָביעקט; אין דעם אַנדער אויסדרוק איז דער אויטאָמאַט אַליין דער סוביעקט, און די ארבייטער אַלס בעוואוסט־זיניגע אָרגאַנען זיינען בלויז צוגעשטעלט צו זיינע בעוואוסטלאָזע אָרגאַנען, און מיט זיי צוזאַמען אונטערוואָרפען צו דער צענטראַלער בעוועגונג־קראַפט. דער ערשטער אויסדרוק געהט אויף יעדער מעג־ליכער אָנווענדונג פון מאַשינעריע אויף א גרויסען מאַסשטאַב; דער אַנדערער כאַראַקטעריזירט די קאַפּיטאַליסטישע אָנווענדונג פון דער מאַשינעריע, און פאַלגליך דעם מאָדערנעם פאַבריק־סיסטעם. אורע האָט דעריבער טאַקע ליעב ארויסצושטעלען די צענטראַל־מאַשין, פון וועלכער די בעוועגונג קומט ארויס, ניט נאָר אַלס אויטאָמאַט, נאָר אַלס אויטאָקראַט. „אין די דאָזיגע גרויסע ווערקשטאַטען פער־זאַמעלט ארום זיך די וואוילטהעטיגע מאַכט פון דאַמף איהרע טוי־זענדער אונטערטאַנען." [179]

אינאיינעם מיט דעם ווערקצייג געהט אריבער פון דעם ארביי־טער צו דער מאַשין אויך די געשיקטקייט ווי צו פיהרן דעם ווערק־צייג. די לייסטונג־פעהיגקייט פון דעם ווערקצייג איז פריי געוואָרן פון די פּערזענליכע בעגרעניצונגען פון מענשליכער ארבייטס־

[179] אורע, „פילאָסאָפיע אוו מאַנופאַקטור", ז. 18.

בעסערונג אין דער מאַשינעריע אַלס אַ מיטעל צו אַ גרעסערער אויס־זויגונג פון דער ארבייט־קראַפט, וועט באַלד ווידער מוזען טרייבען צו אַ פונקט, ווען די פערקירצונג פון די ארבייט־שטונדען וועט ווידער אמאָל ווערן אונפערמיידליך.[177] פון דער אַנדער זייט האָט דער שטורם־גאַנג פון דער ענגלישער אינדוסטריע פון 1848 ביז איצט (1866), ד.ה. די פעריאָדע פון 10־שטונדיגען ארבייטס־טאָג, ווייט מעהר אריבערגעיאָגט די פעריאָדע פון 12־שטונדיגען אר־בייטס־טאָג (פון 1838 ביז 1847), איידער די לעצטע האָט אריבער־געיאָגט דעם האַלבען יאָהרהונדערט זינט דער איינפיהרונג פונ'ם פאַבריק־סיסטעם, ד.ה. די פעריאָדע פון אונבעשרענקטען ארבייטס־טאָג.[178]

4. די פאַבריק.

אין אָנהויב פונ'ם קאַפּיטעל האָבען מיר בעטראַכט דעם גוף פון דער פאַבריק, די אָרגאַניזירונג פון דעם מאַשינען־סיסטעם. מיר האָבען דאַן געזעהן, ווי די מאַשינעריע פערמעהרט דעם מענשליכען מאַטעריאַל, וואָס קאַפּיטאַל עקספּלואַטירט, דורכדעם וואָס זי נעהמט אריין די פרויען־ און קינדער ארבייט; ווי זי קאָנפיסקירט דעם ארבייטער'ס גאַנצע לעבענס־צייט, דורכדעם וואָס זי ציהט אויס אָהן אַ שיעור דעם ארבייטס־טאָג, און ווי איהר פּאָרטשריט, וועלכער ערלויבט צו פּראָדוצירן אַן אונגעהויער־וואַקסענדע צאָהל פּראָדוק־טען אין אַ אַלץ קירצערער צייט, דיענט ענדליך אַלס אַ סיסטעמאַ־טישער מיטעל ארויסצובערענגען (פליסיג צו מאַכען) אין יעדען צייט־מאָמענט מעהר ארבייט אָדער שטענדיג־אינטענסיווער צו עקספּלואַ־טירן די ארבייט־קראַפט. איצט וועלען מיר בעטראַכטען די פאַבריק אַלס גאַנצעס, און טאַקע אין איהר העכסט־ענטוויקעלטער געשטאַלט.

דר. אורע, דער פינדאַר [גריכישער פּאָעט] פון דער אויטאָ־מאַטישער פאַבריק, בעשרייבט זי פון איין זייט אַלס „קאָאָפּעראַציע

[177] די 8־שטונדען־אַגיטאַציע האַט זיך איצט אַנגעפאַנגען (1867) צווישען די פאַבריק־ארבייטער אין לאַנקאַשיר.

[178] די פאָלגענדע ווענינע צאָהלען צייגען דעם פּאָרטשריט פון די ריכטיגע „פאַבריקען" אין גרויס בריטאַניען און אירלאַנד זינט 1848: —

(זעה טאַבעלען אויף זייטען 652 און 653.)

שאפטליך געבילדעטער, טיילווייז א האנדווערקמעסיגער ארבייטער־קלאס, וועלכער געהט ניט אריין אין קרייז פון די פאבריק־ארבייטער, און איז נאר צוגעשטעלט צו זיי.[181] אט די צוטיילונג פון דער אר־בייט איז א רייז טעכנישע.

יעדע ארבייט אויף דער מאשין פאדערט, אז דער ארבייטער זאל זי אויסלערנען יונגערהייט. אלס א קינד לערנט ער זיך אויס אמלייכסטען צוצופאסען זיין אייגענע בעוועגונג צו דער גלייכפאר־מיגער, ניט־אונטערבראכענער בעוועגונג פון אן אויטאמאט. אויף וויפיעל די גאנצע מאשינעריע גופא שטעלט צוזאמען א סיסטעם פון פערשיידענע, גלייכצייטיג ווירקענדע און קאמבינירטע מאשינען, פאדערט אויך די קאאפעראציע, וואס איז געבויט אויף איהר, אז די פערשיידענארטיגע ארבייטער־גרופען זאלען ווערן פערטיילט צווי־שען די פערשיידענארטיגע מאשינען. דער מאשינען־סיסטעם אבער שאפט אב די נויטווענדיגקייט צו פערפעסטיגען די דאזיגע פער־טיילונג ווי אין דער מאנופאקטור דורך א שטענדיגען צובינדען דעמ־זעלביגען ארבייטער צו דערזעלביגער פונקציע.[182] אזוי ווי די גאנצע בעוועגונג פון דער פאבריק געהט ניט ארויס פון דעם ארבייטער,

---

[181] עס איז כאראקטעריסטיש פאר דער כונה פון דעם סטאטיסטישען בעטרוג (וועלכע קאן א חוץ דעם נאך בעווייזען ווערן בפרטיות), וואס די ענגלישע פאבריק־געזעצגעבונג שליסט אויס פון איהר ווירקונג־קרייז די אלע ארבייטער, וואס זיינען צולעצט דערמאנט געווארן אין טעקסט, אלס ניט־פאבריק־ארבייטער; פון דער אנדער זייט קומען די פערעפענטליכטע בעריכטען פון פארלאמענט און נעהמען אויסדריקליך אריין אין דער קאטעגאריע פון פאבריק־ארבייטער ניט נאר אינזשע־ניערען, מעכאניקער א.אז.וו., נאר אפילו אויך די פאבריק־פערוואלטער, די קאמיס, די שיק־יונגען, די לאגער־אויפזעהער, די פערפאקער א.אז.וו., קורץ אלעמען א חוץ דעם אייגענטימער פון פאבריק אליין.

[182] אורע גיט דאס צו. ער זאגט, אז אין א „נויט־פאל“ קאנען די ארבייטער, לויט דעם ווילען פון פערוואלטער, צוגענומען ווערן פון איין מאשין און אוועק־געשטעלט ווערן ביי דער אנדערער, און ער רופט אויס מיט טריאומף: „אזא סארט איבערבייט שטעהט אין אפענעם ווידערשפרוך מיט דער אלטער רוטין [געוועהנטען מנהג], וועלכע צוטיילט די ארבייט און טיילט־צו איין ארבייטער די אויפגאבע צו מאכען דאס קעפיל פון א שפילקע און דעם אנדערן צו שלייפען איהר שפיץ.“ ער האט זיך בעסער געדארפט פרעגען, פארוואס ווערט די דאזיגע „אלטע רוטין“ פערלאזען אין דער אויטאמאטישער פאבריק נור אין „שעת הדחק“?

קראַפט. דערמיט ווערט אָבגעשאַפט די טעכנישע גרונדלאַגע, אויף וועלכער די צוטיילונג פון דער ארבייט אין דער מאַנופאַקטור איז געבויט. אנשטאָט דער היעראַרכיע פון ספּעציאַליזירטע ארבייטער, וואָס כאַראַקטעריזירט די מאַנופאַקטור, טרעט אין דער אויטאָמאַטישער פאַבריק דעריבער אריין די טענדענץ גלייך צו מאַכען אָדער ניוועלירן די מלאכות, וואָס די העלפער פון דער מאַשין דאַרפען טהאָן; [180] אנשטאָט די קינסטליך-געשאַפענע אונטערשיידען פון די טייל-ארבייטער, וועגען דאָ אריבער די נאַטירליכע אונטערשיידען פון עלטער און געשלעכט.

אויף וויפיעל די צוטיילונג פון דער ארבייט קומט ווידער פאָר אין דער אויטאָמאַטישער פאַבריק, איז זי קודם אַ פערטיילונג פון ארבייטער צווישען די ספּעציאַליזירטע מאַשינען, און אַ פערטיילונג פון ארבייטער-מאַסען, וועלכע שטעלען אָבער ניט צוזאַמען קיין אָרגאַניזירטע גרופּען, צווישען די פערשיידענע אָבטיילונגען פון דער פאַבריק, וואו זיי ארבייטען אויף גלייכאַרטיגע, איינע נעבען די אַנדערע אויסגעשטעלטע ווערקצייג-מאַשינען: פאָלגליך קומט צווישען זיי פאָר נאָר אַן איינפאַכע קאָאָפּעראַציע. די אָרגאַניזירטע גרופּע פון דער מאַנופאַקטור ווערט דאָ פערביטען אויף דעם צוזאַמענהאַנג פון אַ הויפּט-ארבייטער מיט עטליכע העלפער. די איינציגע גרינדליכע צוטיילונג בעשטעהט דאָ פון ארבייטער, וועלכע זיינען ווירקליך בעשעפטיגט ביי די ווערקצייג-מאַשינען (אהער-צו געהערן אויך אייניגע ארבייטער, וואָס פאַסען-אויף און שפּייזען די בעוועגונג-מאַשין), און פון בלויז דערלאַנגער (כמעט דורכאויס קינדער) צום האַנד פון די דאָזיגע מאַשינען-ארבייטער. צו די דערלאַנגער געהערן מעהר אָדער ווייניגער אַלע „פידערס" (די וואָס דערלאַנגען בלויז דעם ארבייט-שטאָף צו די מאַשינען). נעבען אָט די הויפּט-קלאַסען געפינט זיך אַ פּערזאָנאַל אונבעדייטענד אין צאָהל, וואָס האָט צו טהאָן מיט דעם קאָנטראָל פון דער גאַנצער מאַשינעריע און איהר בעשטענדיגער רעפּאַראַטור, ווי אינזשעניערען, מעכאַניקער, בויער א.אז.וו. דאָס איז אַ העכערע, טיילווייז וויסענ-

---

[180] ד. ג., ז. 31. פערגלייך קארל מארקס, „דאס עלענד דער פילאזאפיע", 2טע אויפלאַגע, 1892, ז. 127 און 128.

מען די פערזאָנען, וואָס פלאָגען זיך ביי אָט דער נודנער ארבייט, אלעמאָל און שנעל איבערבייטען אויף אנדערע.

הגם די מאשינעריע פערוואַרפט טעכניש דעם אלטען סיסטעם פון צוטיילונג פון דער ארבייט, שלעפט ער זיך אלץ נאָך על פי הרגל אין דער פאבריק, קודם אלס טראדיציע פון דער מאנופאקטור, כדי דערנאָך סיסטעמאטיש רעפראָדוצירט און בעפעסטיגט צו ווערן פונ׳ם קאפיטאל אלס א מיטעל צו עקספלואטירן די ארבייט־קראפט אין נאָך א מעהר עקעלהאפטער פאָרם. פון דער לעבענסלאנגער ספעציאליטעט צו פיהרן א טייל פון א ווערקצייג איז איצט די לעבענסלאנגע ספעציאליטעט געוואָרן צו בעדיענען א טייל פון א מאשין. די מאשינעריע ווערט מיסברויכט, כדי צו פערוואנדלען דעם ארבייטער אליין פון קינדהייט־אויף אין א טייל פון א טייל־מאשין.[185] ניט נאָר ווערן אויף דעם אופן פערקלענערט די קאָסטען, וואָס זיינען נויטיג פאר זיין אייגענער רעפראָדוקציאָן, נאָר עס ווערט אויך פערפאָלשטענדיגט אין דערזועלביגער צייט זיין אונבעהאָלפענע אָבהענגיקייט פון דער גאנצער פאבריק, פאָלגליך פון דעם קאפי־טאליסט. דאָ ווי אומעטום מוז מען אונטערשיידען צווישען דער גרעסערער פראָדוקטיוויטעט, וואָס קומט פון דער ענטוויקלונג פון געזעלשאפטליכען פראָדוקציאָנס־פראָצעס, און דער גרעסערער פראָ־

בארען, בעת די מאשינען זיינען אין בעוועגונג. פערשיידענע „מיינדערס" (אר־בייטער ביי די דאָזיגע מיולס) זיינען געריכטליך פערפאָלגט געוואָרן (פון די פאבריק־אינספעקטארען) און פעראורטיילט געוואָרן צו צאָהלען א געלד־שטראף, פאר אָט דער שולד, אבער קיין אלגעמיינע פערבעסערונג איז פון דעם ניט גע־קומען. ווען די מאשין־מאכער וואָלטען נאָר געוואָלט ערפינדען אן אויטאמא־טישען קעהרער, וואָס דורך זייער געברויך וואָלט מעהר ניט נויטיג געווען פאר די קליינע קינדער צו קריכען אונטער די מאשינען, וואָלט עס געווען א גליקליכער בייטראג צו אונזערע בעשיצונגס־מיטלען." (רעפּארט און אינספּ. און פעקטאָרים" פאר 31טען אָקטאָבער 1866, ז. 36.)

[185] לויט דעם קאָן מען אָבשעצען פרודאָן׳ס פאבעלהאפטען איינפאל, וועלכער „קאָנסטרואירט" די מאשינעריע ניט ווי א סינטעז [צוזאמענפאסונג] פון אר־בייטס־מיטלען, נאָר ווי א סינטעז פון טייל־ארבייטען פאר די ארבייטער אליין. א חוץ דעם מאכט ער פונקט אזא היסטארישע ווי א וואונדערבארע ענטדעקונג, אז „די פעריאָדע פון מאשינען אונטערשיידט זיך דורך א בעזונדער סמן— די לוין־ארבייט."

נאר פון דער מאשין, קאנען די פערזאנען זיך נאכאנאנד בייטען און דער ארבייט־פראצעס זאל דערפון נים אונטערבראכען ווערן. דעם שטארקסטען בעוויין דערצו גיט אונז דער „רעליי־סיסטעם", וואס איז איינגעפיהרט געווארן פון 1848 ביז 1850, אין דער צייט פון דעם בונט פון די ענגלישע פאבריקאנטען. ענדליך, די געשווינדקייט, מיט וועלכער מען לערנט זיך אויס יונגערהייט צו ארבייטען אויף דער מאשין, בעזייטיגט אויך די נויטווענדיגקייט צוצוציהען א בעזונדער קלאס ארבייטער אויסשליסליך אלס מאשינען־ארבייטער.[183] די דיענסטען פון די פשוט'ע האנד־דערלאנגער אבער קאנען אין דער פאבריק טיילווייז פערביטען ווערן דורך מאשינען,[184] און טיילווייז, ווייל די ארבייט איז אזא פשוט'ע, קאן

[183] אין צייטען פון גרויסער נויט, ווי צום ביישפיעל בעת ד׳ע אמעריקאנער בירגער־קריעג, ווערט דער פאבריק־ארבייטער אמאל בעשעפטינט ביי דעם בורזשוא אויף די גראבסטע ארבייטען, ווי בויען גאסען א.ד.ג. די ענגלישע „נאציאנאלע ווערקשטאטען" פונ'ם יאהר 1862 און שפעטער פאר די ארבייטסלאזע באוועל־ארבייטער אונטערשיידען זיך פון די פראנצויזישע נאציאנאל־ווערקשטאטען דערמיט, וואס אין די לעצטערע האבען די ארבייטער געמוזט טהאן אונפראדוקטיווע ארבייט אויפ'ן חשבון פון שטאאט, בעת אין די ענגלישע האבען זיי געטאן פראדוקטיווע שטאדטישע ארבייט לטובת דער בורזשואזיע, און דערצו נאך ביליגער איידער די רעגעלמעסיגע ארבייטער, מיט וועלכע זיי זיינען אויף דעם אופן ארייננעטראטען אין קאנקורענץ. „דער קערפערליכער אויסזעהן פון די באוועל־ארבייטער האט זיך בלי ספק געבעסערט. בנוגע די מענער, שרייב איך דאס צו. . . צו זייער בעשעפטיגונג מיט קהל'שער ארבייט אויף דער פרייער לופט." — דאס רעדט זיך וועגען די פאבריק־ארבייטער אין פרעסטאן, וועלכע זיינען געוועזן בעשעפטיגט ביי די זומפען פון פרעסטאן. (רעפארטס און אינספ. און פעקטארים פאר אקטאבער 1865, ז. 59.)

[184] צום ביישפיעל: די פערשיידענע מעכאנישע אפאראטען, וואס זיינען איינגעפיהרט געווארן אין די וואל־פאבריקען צו פערבייטען די קינדער־ארבייט, זינט עס איז אריין אין קראפט דאס געזעץ פון 1844. זאלען נאר די קינדער פון די הערען פאבריקאנטען אליין דארפען דורכמאכען „די שוהלע" אלס פראסטע העלפער אין דער פאבריק, דאן וועט אט דער כמעט נאך גארניט ענטוויקעלטער געביט פון מעכאניק באלד מאכען א מערקווירדיגען פארטשריט. „צווישען אנדערע מאשינען איז די „סעלף־אקטינג מיול" אפשר אזא נעפעהרליכע מאשין ווי יעדע אנדערע. די מעהרסטע אומגליק־פעלען טרעפען די קליינע קינדער צוליעב דעם וואס זיי קריכען אונטער די „מיולס" אויסצוקעהרן דעם

פּערוועהרטונג־פּראָצעס פון קאַפּיטאַל, האָט דעם געמיינשאַפטליכען שטריך, וואָס ניט דער ארבייטער געברויכט די ארבייטס־בעדינגונג, נאָר פערקעהרט די ארבייטס־בעדינגונג געברויכט דעם ארבייטער, אָבער דער דאָזיגער פערקעהרטער אומשטאַנד בעקומט טעכנישׁ אַן אויגענשיינליכע ווירקליכקייט ערשט מיט דעם איינפיהר פון מאַשינעריע. דורכדעם וואָס דער ארבייטס־מיטעל ווערט פערוואַנדעלט אין אַן אויטאָמאַט, טרעט ער ארויס בעת דעם ארבייט־פּראָצעס גופא אַנטקעגענאיבער דעם ארבייטער אלס קאַפּיטאַל—אלס טויטע ארבייט, וועלכע בעהערשט און זויגט אויס די לעבעדיגע ארבייט־קראַפט.

די צושיידונג צווישען די גייסטיגע קרעפטען פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס און דער האַנד־ארבייט, און די פערוואַנדלונג פון די דאָזיגע גייסטיגע קרעפטען אלס א מאַכט פון קאַפּיטאַל איבער דער ארבייט, ווערט פערפאָלשטענדיגט, ווי עס איז שוין פריהער אָנגעדייטעט געוואָרן, אין דער גרויס־אינדוסטריע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אויפ'ן יסוד פון דער מאַשינעריע. די טייל־געניטקייט פון דעם אינדיווידועלען, אויסגעלעדיגטען מאַשין־ארבייטער פערשווינדט ווי א ניט־וויכטיגע נעבענזאַך לגבי דער וויסענשאַפט, די אונגעהויערע נאַטור־קרעפטען און דער געזעלשאַפטליכער מאַסען־ארבייט, וועלכע זיינען פערקערפּערט אין דעם מאַשין־סיסטעם און שטעלען מיט איהם צוזאַמען די מאַכט פון דעם „מייסטער" (דעם בעל־הבית). דער דאָזיגער מייסטער, אין וועמעס מוח די מאַשינעריע און זיין מאָנאָפּאָל איבער איהר איז אַזוי צונויפגעוואַקסען, אַז זיי קאָנען ניט צושיידט ווערן, רופט דעריבער אויס מיט פעראַכטונג צו זיינע „הענד" אין פאַל פון א צוזאַמענשטויס מיט זיי: „די פאַבריק־ארבייטער דאַרפען גוט געדענקען, אַז זייער ארבייט איז פאַקטיש א גאַנץ נידעריגער סאָרט געשיקטע ארבייט; אַז קיין אנדער ארבייט קאָן מען אַזוי לייכט ניט אויסלערנען און לפי ערך פון איהר קוואַליטעט ווערט קיינע ניט בעסער בעצאָהלט; אַז קיין אנדער ארבייט קאָן דורך א קורצען למוד פון די וואָס האָבען די קלענסטע ערפאַהרונג, ניט צוגעשטעלט ווערן אין אַזאַ קורצער צייט און אין אַזאַ איבערפלוס. דעם מייסטער'ס מאַשינעריע שפּיעלט אין דער אמת'ן א פיעל־וויכטיגערע

דוקטיוויטעט וואָס נעהמט זיך פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקס־פּלואַטאַציע פון דעם דאָזיגען פּראָצעס.

אין מאַנופאַקטור און האַנדווערק בעדיענט זיך דער ארבייטער מיט'ן ווערקצייג, אין דער פאַבריק דיענט ער דער מאַשין. דאָרט געהט די בעוועגונג פון ארבייטס־מיטעל ארויס פון איהם, דאָ מוז ער פאָלגען דער בעוועגונג פון דעם ארבייטס־מיטעל. אין דער מאַנופאַקטור זיינען די ארבייטער די גליעדער פון אַ לעבעדיגען מעכאַניזם. אין דער פאַבריק עקזיסטירט אַ טויטער מעכאַניזם, וועלכער איז אונאָבהענגיק פון זיי, און זיי ווערן פערקערפּערט אין איהם אַלס לעבעדיגע אָנהאַנג־טיילען. „די טרויעריגע רוטין פון אַ געמאַטערטער ארבייט, וואָס האָט קיין סוף ניט, און וואו דערזעל־ביגער מעכאַנישער פּראָצעס מוז שטענדיג ווידער דורכגעמאַכט ווערן, איז אַזוי ווי די ארבייט פון סיזיפוס; די לאַסט פון דער ארבייט, אַזוי ווי יענער שטיין, פאַלט נאָכאַנאַנד ווידער צוריק אויף דעם אויסגעמאַטערטען ארבייטער.“ [186] בעת די מאַשין־אַר־בייט גרייפט אָן דעם נערוועז־סיסטעם אויפ'ן העכסטען גראַד, אונטערדריקט זי דעם פיעל־זייטיגען שפּיעל פון די מוסקולען און נעהמט אוועק ביי דעם ארבייטער יעדע פרייע קערפּערליכע און גייסטיגע טהעטיגקייט.[187] אפילו די פערלייכטערונג פון דער אַר־בייט ווערט אַ קוואַל פון יסורים, וואָרים די מאַשין בעפרייט ניט דעם ארבייטער פון דער ארבייט, נאָר זי נעהמט אוועק פון דער ארבייט יעדען אינטערעס. יעדע קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, אויף וויפיעל זי איז ניט נאָר אַן ארבייטס־פּראָצעס, נאָר אויך אַ

[186] פ. ענגעלס, „לאַגע דער ארבייטענדען קלאַסע אין ענגלאַנד“, לייפּציג 1845, ז. 217 [שטוטגאַרט אויסגאַבע ז. 180] אפילו דער גאַנץ־געוועהנליכער אָפּטימיס־טישער פריי־הענדלער, הערר מאַלינאַרי, בעמערקט: „אַ מענש ווערט שנעלער אבגענוצט, ווען ער פּאַסט־אויף 15 שטונדען אַ טאָג די גלייכפאַרמיגע בעוועגונג פון אַ מאַשין, איידער ווען ער שטרענגט אַן אין דערזעלביגער צייט זיין פיזישע קראַפט. די דאָזיגע אויפפּאַסונגס־ארבייט, וואָס וואָלט אפשר געקאָנט דיענען אַלס ניצליכע גימנאַסטיק פאַר'ן גייסט, ווען זי זאָל ניט געדויערן אַזוי לאַנג, רואינירט דורך דער איבערמעסיגקייט דעם גייסט און דעם קערפּער.“ (ג. דע מאַלינאַרי, „עטיוד עקאָנאָמיק“, פּאַריז 1846.)

[187] פ. ענגעלס דאָרט גופא, ז. 216 [שטוטגאַרט אויסגאַבע ז. 179.]

קאָדעקס, וואו קאַפּיטאַל פאָרמולירט זיין זעלבסט־הערשאַפט איבער זיינע אַרבייטער אויף אַ פּריוואַט־געזעצליכען און אויטאָקראַטישען אופן, אָהן דער מאַכט־צוטיילונג, וואָס איז אַזוי בעליעבט ביי דער בורזשואַזיע, און אָהן דעם נאָך מעהר בעליעבטען רעפּרעזענטאַטיוו־סיסטעם—אָט דער קאָדעקס איז נאָר אַ קאַפּיטאַליסטישע קאַריקאַ־טור פון דער געזעלשאַפטליכער רעגולירונג פון׳ם אַרבייט־פּראָצעס, וועלכע ווערט אַ נויטווענדיגקייט ביי דער קאָאָפּעראַציע אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב און ביי דער אָנווענדונג פון געמיינשאַפטליכע אַרבייטס־מיטלען, די מאַשינעריע. אַנשטאָט דעם שקלאַווען־טריי־בער׳ס בייטש טרעט אַרויס דעם אויפזעהער׳ס שטראָף־בוך. אַלע שטראָפען לאָזען זיך נאַטירליך אויס צו געלד־שטראָפען און אָרונ־טערציהונג פון׳ם לוין, און דער געזעצגעבערישער שאַרפזין פון די פאַבריק־ליקורגען מאַכט די פערלעצונג פון זייערע געזעצען אפשר נאָך מעהר איינטרעגליך איידער ווען מען פאָלגט זיי.[190]

רופען נאבעל. פון אלע גרויסע ערפינדער פון 18טען יאהרהונדערט איז ער גאנץ בעשטימט געווען דער גרעסטער גנב פון פרעמדע ערפינדונגען און דער געמיינ־סטער קערל.

[190] „די שקלאווערייי, אין וועלכער די בורזשואזיע האלט דעם פראלעטאריאט געבונדען, בעווייזט זיך אין ערגעץ ניט ארויס אזוי קלאר ווי אין דעם פאבריק־סיסטעם. דא הערט אויף יעדע פרייהייט געזעצליך און פאקטיש. דער ארבייטער מוז האלב זעקס אין דער פריה זיין אין פאבריק; קומט ער א פאר מינוט צו־שפעט, ווערט ער בעשטראפט, קומט ער 10 מינוט צו־שפעט, לאזט מען איהם גארניט אריין ביז נאך פריהשטיק און ער פערלירט א פערטעל טאג פון זיין לוין. ער מוז עסען, טרינקען און שלאפען לויט׳ן בעפעהל... דאס דעספאטישע גלעקעל רופט איהם ארויס פון בעט, רופט איהם אוועק פון פריהשטיק און מיטאג־טיש. און ווי געהט עס איהם שוין אין דער פאבריק גופא? דא איז דער פאב־ריקאנט דער אבסאלוטער געזעצגעבער. ער גיט ארויס פאבריק־רעגולאציעס ווי עס גלוסט זיך איהם; ער ענדערט און מאכט הוספות צו זיין קאדעקס ווי עס געפעלט איהם; און ווען ער זאל דארט אריינשטעלען דעם גרעסטען אונזין, זאגט אלץ דאס געריכט צום ארבייטער: וויבאלד איהר זייגט פרייוויליג איינ־געגאנגען אויף אזא קאנטראקט, מוזט איהר איהם אויף פאלגען.... די ארבייטער זיינען פער׳משפט צו לעבען אונטער אט דעם גייסטיגען און קערפערליכען קאנ־טשיק פון דעם 9טען יאהר ביז זייער טוידט.” (פ. ענגעלס, „די לאגע דער אר־בייטענדען קלאסע אין ענגלאנד”, לייפציג 1845, ז. 217.) וואס „דאס געריכט זאגט” וויל איך דערקלערען מיט א פאר ביישפיעלען. איין פאל האט זיך אבגע־

ראַליע אין דעם געשעפט פון דער פּראָדוקציאָן, איידער די ארבייט און דעם ארבייטער'ס געשיקטקייט, וואָס מען קאָן זיך אויסלערנען אין 6 מאָנאט, און וואָס יעדער דאָרף־פויער קאָן זיך עס לערנען." [188] די טעכנישע אונטערוואָרפענקייט פון דעם ארבייטער אונטער דעם גלייכפאָרמיגען גאַנג פון דעם ארבייטס־מיטעל, און די אייגענטימ־ליכע צוזאַמענשטעלונג פון דעם ארבייטס־קערפּער אויס אינדיווי־דומען פוןביידע געשלעכטער און די פערשיידענסטע עלטער־שטו־פען, שאַפען אַ קאַזאַרמען־מעסיגע דיסציפּלין, וואָס בילדעט זיך אויס אין אַ פאָלשטענדיגען פאַבריק־רעזשים, און די שוין פריהער־דערמאָנטע אויפזיכט־ארבייט, דאָס הייסט די איינטיילונג פון די ארבייטער אין האַנד־אַרבייטער און ארבייט־אויפזעהער, אין פּראָס־טע אינדוסטריע־סאָלדאַטען און אינדוסטריע־אונטעראָפיציערען, ווערט אויך פאָלשטענדיג ענטוויקעלט. „די הויפּט שוועריגקייט אין דער אויטאָמאַטישער פאַבריק איז בעשטאַנען אין איינפיהרען די נויטווענדיגע דיסציפּלין, כדי צו פועל'ן אז די מענעשן זאָלען אוועקוואַרפען זייערע אונרעגעלמעסיגע געוואָהנהייטען און ברענגען זיי אין איינשטימונג מיט דער אומפערענדערליכער רעגעלמעסיג־קייט פון דעם גרויסען אויטאָמאַט. ערפינדען אָבער אַ דיסציפּלי־נאַר־קאָדעקס, וואָס זאָל פּאַסען צו די בעדערפענישען און צו דער געשווינדקייט פון דעם אויטאָמאַטישען סיסטעם, און דורכפיהרען איהם מיט ערפאָלג—דאָס איז געווען אַן אונטערנעהמונג, וואָס האָט געפּאַסט פאַר אַ הערקולעס, און דאָס איז אַרקרייט'ס נאָבעלער אויפ־טהו! אפילו ביי היינטיגען טאָג, ווען דער סיסטעם איז אָרגאַניזירט פאָלשטענדיג, איז כמעט אונמעגליך צו געפינען ניצליכע העלפער פאַר'ן אויטאָמאַטישען סיסטעם צווישען ארבייטער, וועלכע האָבען שוין דערגרייכט זייערע דערוואַקסענע יאָהרען." [189] דער פאַבריק־

---

[188] "The Master Spinners' and Manufacturers' Defense Fund. Report of the Committee." מאַנטשעסטער 1854, ז. 17. מיר וועלן שפּעטער זעהן ווי דער „מייסטער" זינגט אַנאַנדער נגון, ווײַבאַלד עס שטעהט איהם פאַר צו פערלירן זיין „לעבעדיגען" אויטאמאט.

[189] אורע, „פילאָסאָפיע אוו מאַנופאַקטור", ז. 15. דער וואָס ווייס נאָר אַרקרייט'ס לעבענס־געשיכטע, וועט אַט דעם געניאַלען גאַלער קיינמאָל ניט אָנ־

ליידען גלייך פון דער קינסטליך־געהעכערטער טעמפעראטור, פון דער לופט וואס איז פול מיט'ן אבפאל פון דעם רויה־מאטעריאל,

---

זייגער איז אין דער געביידע ניט געווען, זיינען די אומגליקליכע „הענד“ געלעגן אונטער דער מאכט פון דעם קליינעם צייט־וועכטער, וועלכען הארופ האט אנגעלערנט ווי צו האנדלען. די „הענד“, וועלכע זיינען ארוים אין סטרייק, מיידלעך און מוטערס פון פאמיליען, האבען ערקלערט, אז זיי וועלען זיך ניט צוריקקעהרען צו דער ארבייט ביז וואנען מען וועט ניט פערבייטען דעם ווערכטער אויף א זייגער און מען וועט ניט איינפיהרען א גערעכטערן שטראף־טאריף. הארופ האט דאן אנגעקלאגט 19 פרויען און מיידלעך פאר דעם מאגיסטראט פאר ברעכען דעם קאנטראקט. זיי זיינען פער'משפט געווארן צו בעצאהלען יעדע איינע 6 פענס שטראף און 2 שילינג 6 פענס געריכט־קאסטען. דער עולם איז געווען שטארק אויפגעבראכט און האט הארופ'ן ארויסבעגלייט פון געריכט מיט שאנד־געשרייען. — די פאבריקאנטען האבען א ליעבלינג־מעטאדע צו בעשטראפען די ארבייטער, ארונטערציהענדיג פון זייער לויז, פאר פעהלערן אין דעם מאטעריאל, וואס ווערט זיי געגעבען. די דאזיגע מעטאדע האט אין 1866 ארומגערופען אן אלגעמיינעם סטרייק אין די טעפער־דיסטריקטען אין ענגלאנד. די בעריכטען פון דער „טשילדרענ'ס עמפלאימענט קאמישיאן“ ברענגען פעלען וואו דער ארבייטער אנשטאט צו בעקומען לויז, ווערט גאר דורך זיין ארבייט און לויט די שטראף־רעגעלען נאך א בעל חוב צו זיין געשעצטען „מייסטער“. דער לעצטער באוועל־קריזיס האט אויך געליפערט בעלעהרענדע שטריכען וועגען דעם שארפזין פון די פאבריק־אויטאקראטען בנוגע דער לוין־ארבציהונג. „איך האב ניט לאנג צוריק — זאגט דער פאבריק־אינספעקטאר ר. בייקער — געמוזט אליין אנפיהרען א געריכטליכע פערפאלגונג אנטקעגען א באוועל־פאבריקאנט, ווייל ער האט אין אט די שווערע און געדריקטע צייטען ארונטערגענומען 10 פענס ביי איניגע פון די אינגלעך (אריבער 13 יאהר), וועלכע ארבייטען ביי איהם, פאר א דאקטאר־שיין, וואס איהם אליין האט געקאסט בלויז 6 פענס, פאר וועלכען דאס געזעץ ערלויבט בלויז 3 פענס און לויט'ן מנהג דארף מען גארנישט רעכענען.... אנאנדער פאבריקאנט, כדי צו גרייכען דעמזעלבינגען צוועק און ניט קומען אין קאנפליקט מיט'ן געזעץ, רעכענט די ארימע קינדער, וואס ארבייטען ביי איהם, א שילינג יעדערן אלס שכר למוד, פאר אויסלערנען זיך די קונסט און די מיסטעריע פון שפינען, און זיי מוזען עס איינצאהלען גלייך ווי דער דאקטאר דערקלערט, אז זיי זיינען רייף פאר דער מלאכה. עס זיינען, הייסט עס, פאראן אונטערשטראמען, וועלכע מען מוז וויסען, כדי צו בעגרייפען אזוינע אונגעוועהנליכע ערשיינונגען ווי סטרייקס אין היינטיגע צייטען, (עס האנדעלט זיך דא וועגען א סטרייק פון די מאשין־וועבער אין דער פאבריק אין דארווען, יוני 1863).“ „רעפארטס עטצ.“, 30 אפריל 1863, ז. 50 און 51. — די פאבריק־בעריכטען געהען אלעמאל ווייטער איידער זייער אפיציעלער דאטום.

מיר צייגען דאָ נאָר אָן אויף די מאַטעריעלע בעדינגונגען, אונטער וועלכע די פאַבריק־אַרבייט ווערט געטאָן. אַלע חושים

שפיעלט אין שעפפיעלד, צו ענד פון יאהר 1866. אן ארבייטער האט זיך דארט פערדונגען אויף 2 יאהר אין א מעטאל־פאבריק. צוליעב א מחלקה מיט'ן פאבריקאנט האט ער פערלאזט די פאבריק און געזאגט, אז ער וועט אונטער קיינע אומשטענדען מעהר פאר איהם ניט ארבייטען. דער ארבייטער איז אנגעקלאגט געווארן פאר ברעכען דעם קאנטראקט און איז פער'משפט געווארן צו 2 מאנאט געפענגעניש. (ווען דער פאבריקאנט ברעכט דעם קאנטראקט, קאן ער אנגעקלאגט ווערן נאר פאר א ציוויל־געריכט און ריזיקירט נאר מיט א געלד־שטראף.) נאכדעם ווי ער איז אבגעזעסען די צוויי מאנאט, האט דער פאבריקאנט איהם צוגעשטעלט א פאדערונג צוריק צו קומען אין דער פאבריק לויט דעם אלטען קאנטראקט. דער ארבייטער האט זיך ענטזאגט: ער האט שוין געליטען זיין שטראף פאר ברעכען דעם קאנטראקט. דער פאבריקאנט האט איהם אנגעקלאגט פון דאס ניי, דאס געריכט האט איהם ווידער אמאל פעראורטיילט, הגם איינער פון די ריכטער, מר. שיע, האט דעם אורטייל עפענטליך פערדאמט אלס א יוריסטישען פערברעכען, לויט וועלכען א מענש קאן זיין גאנצען לעבען פעריאדיש ווידער און ווידער בעשטראפט ווערן פאר דערזעלביגער עולה אדער פערברעכען. דעם דאזיגען אורטייל האט ארויסגעטראגען ניט א וועלכער עס איז פראווינציעלער דאגבעררי, פון די „גרייט אנפייד" [די אומזיסטע ריכטער, זעה אויבען], נאר איינס פון די העכסטע געריכטען פון לאנדאן. [ווי ענגעלס בעמערקט, איז דאס איצט שוין אבגעשאפט. א חוץ אין איניגע פעלען, ווי צ.ב.ש. אין די עפענטליכע גאז־ווערק, איז איצט דער ארבייטער אין ענגלאנד גלייך מיט'ן באלעבאס בנוגע ברעכען דעם קאנטראקט, און קאן נאר בעשטראפט ווערן ציוויל־געזעצליך. K] — דער צווייטער פאל האט זיך אבגעשפיעלט אין ווילטשיר, סוף נאוועמבער 1863. ארום 30 ארבייטערינען ביי דאמף־וועבשטוהלען, וועלכע זיינען געווען בעשעפטיגט ביי א געוויסען הארופ, א טוך־פאבריקאנט אין לעווער'ס מילל, ווערטבורי לעיה, האבען געמאכט א סטרייק, ווייל דער דאזיגער הארופ האט געהאט די ליעבע געוואנהייט ארונטערצוציהען פון זייער לוין, ווען זיי האבען זיך פערשפעטיגט צו דער ארבייט אין דער פריה: 6 פענס פאר 2 מינוט, 1 שילינג פאר 3 מינוט און 1 שילינג 6 פענס פאר 10 מינוט. אויפ'ן חשבון פון 9 שילינג א שטונדע מאכט עס אוים 4 פונט 10 שילינג א טאג, בעת זייער דורכשניט־לוין פאר'ן גאנצען יאהר האט קיינמאל ניט אריבערגעשטיגען פון 10 ביז 12 שילינג א וואך. הארופ האט אנגעשטעלט א אינגעל אויסצופייפען מיט א פייפעל די שטונדע אין דער פריה, ווען די ארבייטער מוזען אנקומען אין פאבריק, וואס ער פלעגט אפטמאל טהאן נאך פאר 6 אין דער פריה; און ווען די „הענד" זיינען דאן ניט געווען אויפ'ן פלאץ, פלעגט מען פערשליסען די טויערן און די, וואס זיינען געבליבען דרויסען, האבען געמוזט צאהלען שטראף. און אזוי ווי קיין

ליכע פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס ווערט ערשט צייטיג אין דעם פאַבריק־סיסטעם ווי אין אַ טרייב־הויז, ווערט אין דערזעלביגער צייט אין די הענד פון קאַפּיטאַל אַ סיסטעמאַטישע בערויבונג פון דעם אַרבייטער'ס לעבענס־בעדינגונגען בעת'ן אַרבייטען, אַ בע־רויבונג פון לופט, ליכט און פון די פּערזענליכע שוץ־מיטלען אַנט־קעגען די לעבענס־געפעהרליכע און אַנדערע אומשטענדען פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, וואָס שאַדען דעם געזונד—שוין ניט צו רעדען וועגען איינריכטונגען פאַר דעם אַרבייטער'ס בעקוועמליכ־קייט.[191] איז פוריע ניט געווען גערעכט, ווען ער האָט אָנגערופען די פאַבריקען „געמילדערטע צוכט־הייזער“ ?[192]

[191] אין דעם ערשטען אבטייל פון דעם דריטען בוך וועל איך בעריכטען וועגען אַ קריעגס־צוג, וואָס די ענגלישע פאַבריקאַנטען האָבען דאַ ניט לאַנג גע־מאַכט אַנטקעגען די פּאַראַגראַפען פון דעם פאַבריק־געזעץ, וועלכע שרייבען פאָר ווי צו בעשיצען די ביינער פון די „הענד“ אַנטקעגען דער לעבענס־געפעהרליכער מאַשינעריע. דאַ וועט זיין גענוג איין ציטאַטע פון אַן אָפיציעלען בעריכט פון דעם פאַבריק־אינספעקטאָר לעאָנאַרד האָרנער: „איך האָב געהערט פאַבריקאַנטען רעדען מיט אַ לייכטזין, וואָס לאָזט זיך ניט ענטשולדיגען, וועגען איינינע אומגליקס־פעלען; צום ביישפּיעל, אַז דער פערלוסט פון אַ פינגער איז אַ קליי־ניגקייט. דאָס לעבען און די אויסזיכטען פון אַן אַרבייטער הענגען אַזוי־פיעל אָב פון זיינע פינגער, אַז אַזאַ פערלוסט מוז פאַר איהם זיין אַ זעהר ערנסטע פּאַ־סירונג. ווען איך הער אַזעלכע אונזיניגע בעמערקונגען שטעל איך זיי די פראַגע: „לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז איהר דאַרפט האָבען נאָך אַן אַרבייטער און עס מעלדען זיך צוויי איהרע, ביידע גלייך טיכטיג אין אַלע אַנדערע הינזיכטען, נאָר איינעם פעהלט דער גראָבער פינגער אָדער דער פאָר־פינגער—וועלכען פון די צוויי וואָלט איהר אויסגעקליבען? זיי האָבען קיינמאָל ניט אָבגעשטעלט זיך אַ רגע איבערצוטראַכטען, נאָר האָבען גלייך געענטפערט צו גונסטען פון דעם וואָס האָט אַלע פינגער.... אָט די הערען פאַבריקאַנטען האָבען פאַלשע פאָראור־טיילען אַנטקעגען דאָס, וואָס זיי רופען אַן פּסעודאָ־פילאַנטראָפּישע געזעצגעבונג.“ („רעפּאָרטס אוו אינספעקטאָר אוו פאַקטאָריס“, 31 אָקטאָבער 1855.) די דאָזיגע הערען פאַבריקאַנטען זיינען „געשייטע לייט“ און ניט אומזיסט זיינען זיי געווען בעגייסטערט פאַר דעם אויפשטאַנד פון די שקלאַווען־האַלטער!

[192] אין די פאַבריקען, וועלכע זיינען לענגער פאַר אַלע געווען אונטערוואָרפען צו דעם פאַבריק־געזעץ מיט זיין געצוואונגענער בעשרענקונג פון דער אַרבייט־צייט און זיינע אַנדערע רעגולאַציעס, זיינען איינינע פריהערדיגע שלעכטע צו־שטענדען פערשוואונדען. די פערבעסערונג פון דער מאַשינעריע גופא פאָדערט

פון דעם טויב־מאַכענדען ליאַרם א.אז.וו., שוין ניט צו רעדען וועגען דער לעבענס־געפאַהר, ווען מען געפינט זיך צווישען מאַשינען, וואָס שטעהען געדיכט איינע נעבען די אַנדערע און שטעלען־צו זייערע אינדוסטריעלע שלאַכט־בולעטינס אַזוי רעגעלמעסיג ווי דער בייט פון די יאָהרעס־צייטען.[190*] די עקאָנאָמיזירונג פון די געזעלשאַפט־

[190*] די געזעצען צו בעשיצען פון געפעהרליכע מאַשינעריע האָבען געהאַט אַ גוטע ווירקונג. „אַבער... עס זיינען איצט פאַראַן נייע אורזאַכען פון אומ־גליקס־פעלען, וועלכע האָבען ניט עקזיסטירט מיט 20 יאָהר צוריק, איבערהויפּט די פערגרעסערטע געשווינדקייט פון די מאַשינען. רעדער, וואַלצען, שפּינדלען און וועב־שטוהלען ווערן איצט געטריבען מיט אַלץ מעהר און מעהר געוואַלט; די פינגער מוזען אַלץ שנעלער און זיכערער אָנכאַפּען דעם צעריסענעם פאָדים, וואָרים ווען זיי כאַפּען איהם ניט שנעל און פאָרזיכטיג גענוג, ווערן זיי גע־אָפּפערט.... אַ גרויסע צאָהל אומגליקס־פעלען ווערט פעראורזאַכט דורכדעם וואָס די אַרבייטער פלייסען זיך אָבצוטאָן שנעל די אַרבייט. מען מוז געדענקען, אַז עס איז פאַר די פאַבריקאַנטען פון דער העכסטער וויכטיגקייט צו האַלטען זייערע מאַשינען נאָכאַנאַנד אין בעוועגונג, דאָס הייסט נאָכאַנאַנד פּראָדוצירן גאָרן און געוועבען. יעדע מינוט וואָס די מאַשינען שטעהען שטיל איז אַ פער־לוסט ניט נאָר פון טרייב־קראַפט, נאָר אויך פון דער פּראָדוקציאָן. די אַרבייטער ווערן דעריבער געטריבען פון די אויפזעהער, וועלכע זיינען פעראינטערעסירט אין דעם סכום פון די פּראָדוקטען, צו האַלטען די מאַשינעריע כסדר אין בעוועגונג; און עס איז אויך ניט ווייניגער וויכטיג פאַר די אַרבייטער אַליין, וועלכע קריגען געצאָהלט פון שטיק אָדער נאָכ׳ן געוויכט. הגם אין די מעהרסטע פאַב־ריקען איז דעריבער פאַרמעל פערבאָטען צו רייניגען די מאַשינען בעת זיי בע־וועגען זיך, ווערט עס דאָך אומעטום געטאָן. אָט די אורזאַך אַליין האָט אין די לעצטע 6 מאָנאַט געגעבען 906 אומגליק־פעלען.... און אָבוואָויל די מאַשינען ווערן גערייניגט יעדען טאָג, איז אָבער שבת דער בעשטימטער טאָג פאַר דער גרינדליכער רייניגונג, און דאָס קומט מעהרסטענטיילס פאַר בעת די מאַשינען זיינען אין בעוועגונג. עס איז אַן אונבעצאָהלטע אַרבייט און די אַרבייטער זוכען פערטיג צו ווערן דערמיט אַזוי שנעל ווי מעגליך. דעריבער איז די צאָהל פון די אומגליקס־פעלען פיעל גרעסער פרייטאָג און דערהויפּט שבת איידער די אַנ־דערע טעג פון וואָך. פרייטאָג פאַסירן אומגעפעהר 12 פּראָצענט מעהר אומ־גליקען ווי דורכשניטליך די ערשטע 4 טעג אין וואָך, און שבת—35 פּראָצענט מעהר איידער אין די פריהערדיגע 5 טעג; און ווען מען נעהמט אין אָנבעטראַכט, אַז דער שבת׳דינער אַרבייטס־טאָג אין פאַבריק איז בלויז 7½ שטונדען, בעת אין די איבעריגע טעג פון וואָך אַרבייט מען 10½ שטונדען, דאַן שטייגט דער איבער־שוס אויף מעהר ווי 65 פּראָצענט, (רעפּאָרט אוו אינספּ. אוו פאַקטאָרים, 31 אָק־טאָבער 1866, לאָנדאָן 1867, ז. 9, 15, 16 און 17.)

געזעהן אין דאַנציג אַ זעהר קינסטליכע מאשין, וועלכע קאָן פערפערטיגען פון 4 ביז 6 געוועבען אויף אַ מאָל. אַזוי ווי אָבער דער שטאָדט־ראַטה האָט מורא געהאַט, אַז די מאשין וועט אַ סך אַרבייטער מאַכען פאַר בעטלער, האָט ער די ערפינדונג אונטערדריקט און דעם ערפינדער אין געהיים גלאָזט דערשטיקען אָדער דערטרינקען." אין ליידען האָט מען אַזאַ מאשין צוערשט בענוצט אין יאָהר 1629. די בונטען פון די פּאָזומענטור־מאַכער האָבען גע־צוואונגען דעם מאַגיסטראַט צו פערבאָטען די מאשין. דורך פערשיידענע פעראָרדנונגען אין די יאָהרען 1623, 1639 א.אז.וו. מצד די גענעראַל־שטאַאטען האָט דער געברויך פון דער מאשין געזאָלט בעשרענקט ווערן. ענדליך איז ערלויבט געוואָרן זי צו געברויכען אונטער געוויסע בעדינגונגען דורך אַ פעראָרדענונג פון 15טען דע־צעמבער 1661. „אין יענער שטאָדט", זאָגט באָקסהאָרן וועגען דער איינפיהרונג פון דער באַנד־מיהל אין ליידען, „האָבען איינִיגע מענשען, אַן ערך 20 יאָהר צוריק, ערפונדען אַ וועב־שטוהל, מיט וועלכען אַן איינציגער אַרבייטער קאָן אַרויסברענגען מעהר געוועבען און פיעל לייכטער, איידער מעהרערע אַרבייטער קאָנען אין דערזעלביגער צייט אַרויסגעבען אָהן דעם. דאָס האָט אַרויסגערופען אונרוהען און אונצופריעדענהייט פון די וועבער, ביז דער מאַגיסטראַט האָט שליסליך פערבאָטען צו געברויכען די דאָזיגע כלי." [194] די־זעלביגע מאשין איז אין יאָהר 1676 פערבאָטען געוואָרן אין קעלן, און איהר איינפיהרונג אין ענגלאַנד אין דערזעלביגער צייט האָט אַרויסגערופען אַרבייטער־אונרוהען. דורך אַ קייזערליכען געבאָט (עדיקט) פון 19טען פעברואַר 1865 איז פערבאָטען געוואָרן זי צו געברויכען אין גאַנץ דייטשלאַנד. אין האַמבורג האָט מען זי על פי בעפעהל פון מאַגיסטראַט עפענטליך פערברענט. קאַרל דער 6טער האָט דעם 9טען פעברואַר 1719 בעגייט דעם עדיקט פון 1685, און קורזאַקסען האָט ערלויבט איהר עפענטליכען געברויך ערשט אין יאָהר 1765. די דאָזיגע מאשין, וועלכע האָט אַנגעמאַכט אַזויפיעל ליאַרם אויף דער וועלט, איז פאַקטיש געוועזען דער פאָר־לויפער פון די שפּין־ און וועב־מאַשינען, און דאַרום אויך פון דער

---

194 (Buxhorn, "Institutiones Politicae", Leyden 1663.)

5. דער קאמף צווישען ארבייטער און מאשין.

דער קאמף צווישען דעם קאפיטאליסט און דעם לוין־ארבייטער פאנגט זיך אן גלייך פון אנהויב פון דער קאפיטאליסטישער שייכות. ער האט געשטורעמט דורך דער גאנצער צייט פון דער מאנופאקטור־פעריאדע.[193] אבער ערשט זינט דער איינפיהרונג פון דער מאשינעריע בעקעמפט דער ארבייטער דעם ארבייטס־מיטעל גופא, דעם מאטעריעלען עקזיסטענץ־אופן פון קאפיטאל. ער רע־וואלטירט אנטקעגען את דער בעשטימטער פארם פון דעם פראדוק־ציאנס־מיטעל אלס דעם מאטעריעלען באזיס פון דעם קאפיטאליס־טישען פראדוקציאנס־אופן.

כמעט גאנץ אייראפא האט דורכגעלעבט אין 17טען יאהרהונ־דערט ארבייטער־אויפשטאנדען אנטקעגען דער אזוי גערופענער באנד־מיהל (זי האט אויך געהייסען שנור־מיהל אדער מיהל־שטוהל)—א מאשין צו וועבען בענדער און בעפוצונגען. די באנד־מיהל איז ערפונדען געווארן אין דייטשלאנד. דער איטאליענישער גלח לאנצעלאטטי דערצעהלט אין א ווערק וואס איז ערשיענען אין ווענעדיג, 1636: אנטאן מיללער פון דאנציג האט אן ערך 50 יאהר צוריק (לאנצעלאטטי האט געשריבען אין יאהר 1759)

אויף א געוויסען פונקט א „פערבעסערטע קאנסטרוקציע פון די פאבריק־געביידען“, וועלכע זיינען אויך בעסער פאר די ארבייטער. (פערגלייך „רעפארטס עטצ. פאר 21 אקטאבער 1863“, ז. 109.)

[193] זעה צווישען אנדערע דזשאהן האוטאן: ‘‘Husbandry and Trade Improved, London 1727. ‘‘The Advantages of the East India Trade’’, 1720, and John Bellers: ‘‘Proposals for raising a College of Industry’’, London 1696. „די מייסטער און די ארבייטער זיינען אונ־גליקליכערווייז אין א שטענדיגען קריעג איינע מיט די אנדערע. דער אונפער־ענדערליכער ציעל פון די מייסטערס איז צו קריגען געמאכט די ארבייט אזוי ביליג ווי נאר מעגליך, און זיי ווענדען אן צו דעם צוועק יעדע רמאות; בעת די ארבייטער נוצען אוים מיט פונקט אזא אייפער יעדע געלעגענהייט צו צווינגען זייערע באלעבאטים צו בעוויליגען זייערע העכערע פאדערונגען An Inquiry into the Causes of the Present High Price of Provision’’, 1767, p. 61, 62. — דער פערפאסער רעווערענד נאטהאניעל פארסטער שטעהט איני־גאנצען אויף דער זייט פון די ארבייטער.

די קאמפען וועגען דעם ארבייט־לוין אין דער מאנופאקטור נעהמען אן די מאנופאקטור אלס א פאקט און זיינען בשום אופן ניט געריכטעט אנטקעגען איהר עקזיסטענץ. אויף וויפיעל די אויפ־בויאונג פון מאנופאקטורען ווערט בעקעמפט, קומט עס פאר פון די צונפט־ [צעך] מייסטערס און פריווילעגירטע שטעדט, ניט פון די לוין־ארבייטער. די שרייבער פון דער מאנופאקטור־פעריאדע האבען דעריבער אויפגעפאסט די צוטיילונג פון דער ארבייט הויפט־זעכליך אלס מיטעל, וואס גיט די מעגליכקייט ווירטועל [לויט איהר ווירקונג] צו פערנעהמען דעם פלאץ פון [אויספעהלענדע] ארביי־טער, אבער ניט אלס מיטעל די ארבייטער ווירקליך ארויסצושטופען. דער אונטערשייד איז א גאנץ קלארער. ווען מען זאגט צום ביי־שפיעל, אז עס וואלטען זיך געפאדערט אין ענגלאנד הונדערט מיליאן מענשען, כדי אויסצושפינען מיט'ן אלטען שפין־ראד נאר די באוועל, וואס ווערט איצט אויסגעשפונען מיט דער מאשין פון א האלבען מיליאן מענשען, הייסט עס נאטירליך ניט, אז די מאשין האט פערנומען דעם פלאץ פון די דאזיגע מיליאנען, וועלכע האבען קיינמאל ניט עקזיסטירט. עס הייסט נאר, אז עס וואלטען זיך געפאדערט פיעלע מיליאנען ארבייטער, כדי צו פערנעהמען דעם פלאץ פון די שפין־מאשינען. ווען מען זאגט אבער פערקעהרט, אז דער דאמף־וועבשטוהל האט אין ענגלאנד ארויסגעווארפען אכט הונדערט טויזענד וועבער אויפ'ן גאס, דאן רעדט מען ניט וועגען די עקזיסטירענדע מאשינען, וועלכע וואלטען געמוזט פערביטען ווערן דורך א בעשטימטער צאהל ארבייטער, נאר מען רעדט וועגען אן עקזיסטירענדער צאהל ארבייטער, וועלכע איז פאקטיש דורך די מאשינען פערביטען אדער ארויסגעשטופט געווארן. אין משך פון דער מאנופאקטור־פעריאדע איז די האנדווערקמעסיגע פראדוקציאן, הגם שוין א צופאלענע, נאך אלץ געבליבען די גרונדלאגע. די נייע קאלאניאלע מערק האבען ניט געקאנט בעפריעדיגט ווערן דורך דער לפי ערך קליינער צאהל שטאדטישע ארבייטער, וועלכע זיינען פער־בליבען בירושה פון מיטעלאלטער, און די ריכטיגע מאנופאקטורען

אזוי צום ביישפיעל דער אויפשטאנד אין שעפפיעלד, אין יאהר 1865, ביי די פיילען־שלייפער.

אינדוסטריעלער רעוואָלוציע פון 18טען י.ה. זי האָט מעגליך גע־מאכט, אז אַ אינגעל, וואָס האָט קיין ערפאַהרונג ניט אין וועבעריי, זאָל בלויז צוציהענדיג און אָברוקענדיג אַ טרייב־שטאַנג קאָנען ברענגען דעם גאַנצען שטוהל מיט אַלע זיינע איינריכטונגען אין בעוועגונג, און אין איהר פערבעסערטער פאָרם האָט זי ארויסגע־געבען פון 40 ביז 50 שטיק אויף אַ מאָל.

צום סוף פון ערשטען דריטעל פון 17טען י.ה. איז אַ ווינד־זעג מיל, וועלכע אַ האָללענדער האָט אויפגעבויט ניט ווייט פון לאָנדאָן, צושטערט געוואָרן פון דעם אויפגערייצטען המון. נאָך אין אָנהויב פון 18טען י.ה. האָבען אין ענגלאַנד די זעג־מאַשינען, וואָס ווערן געטריבען פון וואַסער, קוים בייגעקומען דעם ווידער־שטאַנד פון פאָלק, וואָס איז געשטיצט געוואָרן פונ׳ם פארלאַמענט. אין 1758, ווען עווערעט האָט אויפגעבויט די ערשטע מאַשין צו שערן וואָל, וואָס איז געטריבען געוואָרן פון וואַסער, האָבען 100,000 מענשען, וואָס זיינען געבליבען אויסער ארבייט, זי פערברענט. 50,000 ארבייטער, וועלכע האָבען געלעבט פון קראַצען וואָל, האָבען דערלאַנגט אַ פּעטיציע צום פארלאַמענט אַנטקעגען אַרקרייט׳ס „סקריבלינג מיללס“ און קאַרדיר־מאַשינען. די מאַסענהאַפטע צער־שטערונגען פון מאַשינען, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין די ענגלישע מאַנופאַקטור־דיסטריקטען, אין די ערשטע 15 יאָהר פונ׳ם 19טען י.ה., אַלס רעזולטאַט פון דעם געברויך פונ׳ם דאַמף־וועבשטוהל, און זיינען געווען בעקאַנט אונטער׳ן נאָמען די לודדיטען־בעוועגונג, האָבען געגעבען אַן אויסרייד דער אַנטי־יאַקאָבינער רעגיערונג פון אַזוינע מענשען ווי סידמאוטה, קאַסטעלריה א.אַז.וו. פאָרצונעהמען די רעאַקציאָנערסטע געוואַלט־מיטלען. עס נעהמט צייט און ער־פאַהרונג איידער דער ארבייטער לערנט זיך אוים אונטערצושיידען צווישען דער מאַשין און איהר קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג און פאָלגליך צו ריכטען זיינע אָנגריפען ניט אויף דעם מאַטעריעלען פּראָדוקציאָנס־מיטעל גופא, נאָר אויף דער געזעלשאַפטליכער פאָרם, אין וועלכער ער ווערט געברויכט.[195]

[195] אין די אַלט־מאָדישע מאַנופאַקטורען ווערען האַלט זיך צייטענווייז נאָך היינט די רויהע פאָרם פון ארבייטער־אויפשטאַנדען אַנטקעגען דער מאַשינעריע.

זיים, די ארבייטער ווערן ארויסגעשטופט דורך ארבייטס־מיטלען, שעפסען, פערד א.אז.וו.. זיינען דא די דירעקטע געוואלט־טהאטען אין ערשטער אינסטאנץ דער פארשפיעל (פאראויסזעצונג) פון דער אינדוסטריעלער רעוואלוציע. פריהער ווערן די ארבייטער פער־טריבען פון גרונד און באדען, דערנאך קומען די שעפסען. די לאנד־גנבה אויף א גרויסען מאסשטאב, ווי עס איז פארגעקומען אין ענגלאנד, האט ערשט געשאפען דאס פעלד פאר דער אנווענ־דונג פון גרויס־אגריקולטור.[196*] די דאזיגע איבערקעהרעניש אין דער אגריקולטור האט אין איהרע אנפאנגען דעריבער מעהר געהאט דעם אויסזעהן פון א פאליטישער רעוואלוציע.

אלס מאשין ווערט דער ארבייטס־מיטעל גלייך א קאנקורענט פונ'ם ארבייטער גופא.[197] די זעלבסט־פערווערטונג פון קאפיטאל דורך דער מאשין שטעהט אין א דירעקטער פראפארציע צו דער צאהל ארבייטער, וועמעס לעבענס־בעדינגונגען זי פערניכטעט. דער גאנצער סיסטעם פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן איז געבויט אויף דעם, וואס דער ארבייטער פערקויפט זיין ארבייט־קראפט ווי א סחורה. די צוטיילונג פון דער ארבייט מאכט די דאזיגע ארבייט־קראפט איינזייטיג און ספעציאליזירט זי צו דער איין פעהיגקייט צו פיהרן א טייל־ווערקצייג. אזויבאלד ווי די פיהרונג פון דעם ווערקצייג געהט איבער צו דער מאשין, ווערט דער טוישווערטה פון דער ארבייט־קראפט אויסגעלאשען אינאיינעם מיט דעם געברויך־ווערטה. דער ארבייטער ווערט אומפערקויפליך, ווי פאפיער־געלד, וואס איז ארויס פון קורס. דער טייל פון דעם ארבייטער־קלאס, וועלכען די מאשינעריע האט אויף דעם אופן גע־מאכט איבערפליסיג, ד.ה. וואס זי האט פערוואנדעלט אין א בע־

[196*] אין דער 4טער אויפלאגע בעמערקט דא ענגעלס: דאס איז אויך ריכטיג וועגען דייטשלאנד. וואו ביי אונז געהט אז גרויס־אגריקולטור, דערהויפט אין מזרח, איז זי ערשט מעגליך געווארן דורך די „בויערענלעגען" [דאס ארונטער־ווארפען די פויערשע הייזער], וואס איז געקומען זינט דעם 16טען י.ה., ספעציעל זינט 1648.

[197] „מאשינען און ארבייט האלטען שטענדיג אין קאנקורירן." (ריקארדא, „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע", לאנדאן 1821, ז. 479.

האָבען דאָן אויפגעעפּענט נייע געביטען פון פּראָדוקציאָן פאַר דער דאָרפישער בעפעלקערונג, וועלכע איז, מיט דעם צופאַלען פון פעאָדאַליזם, פערטריבען געוואָרן פון גרונד און באָדען. דאַמאָלסט האָט זיך, הייסט עס, אין דער צוטיילונג פון דער אַרבייט און אין דער קאָאָפּעראַציע אין די ווערקשטאַטען אַרויסגעוויזען מעהר די פּאָזיטיווע זייט, וואָס האָט די בעשעפטיגטע אַרבייטער געמאַכט מעהר פּראָדוקטיוו.[196] אמת, די קאָאָפּעראַציע און די קאָמבינאַציע פון אַרבייטס־מיטלען אין די הענד פון וועניגע, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן אין דער אַגריקולטור, האָבען אין פיעלע לענדער אַרויסגערופען גרויסע, פּלוצליכע און געוואַלטיגע רעוואָלוציעס פון דעם פּראָדוקציאָנס־אופן און פאָלגליך פון די לעבענס־בעדינגונגען און בעשעפטיגונגס־מיטלען פון דער דאָרפישער בעפעלקערונג אַ לאַנגע צייט פאַר דער פּעריאָדע פון דער גרויס־אינדוסטריע. אָבער דער דאָזיגער קאַמף האָט זיך אין אָנהויב אָבגעשפּיעלט מעהר צווישען גרויסע און קליינע לאַנד־אייגענטימער, איידער צווישען קאַפּיטאַל און לוין־אַרבייט; אויף ווי ווייט וויעדער פון דער אַנדער

[196] סער דזשיימס סטואַרט פאַסט אויך אויף די ווירקונג פון דער מאַשינעריע אינגאַנצען נאָך אין אַט דעם זין. „איך בעטראַכט אַלזאָ די מאַשינען אַלס מיטעל צו פערגרעסערן די צאָהל אַרבייטער, וועלכע מען דאַרף ניט געבען עסען.... מיט וואָס אונטערשיידט זיך די ווירקונג פון אַ מאַשין פון דער ווירקונג, וואָס נייע איינוואוינער מאַכען?“ („פּרינסיפּלס אָוו פּאָליטיקאַל עקאָנאָמיע“, פראַנצ. איבערזעצונג, ב. 1, בוך 1, קאַפּ. 19.) פּיעל נאַאיווער איז פּעטטי, וועלכער זאָגט, אַז זיי פערנעהמט דעם פּלאַץ פון „פּאָליגאַמיע“. אַט דער שטאַנדפּונקט פּאַסט העכסטענס פאַר אייניגע טיילען פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. דאַגעגען: „מאַשינען קאָנען זעלטען געברויכט ווערען מיט ערפאָלג צו פערקלענערן די אַרבייט פון דעם איינצעלנעם; עס וואָלט זיך פאַרלאָרען מעהר אַרבייט אויפצובויען די מאַשין, איידער מען וואָלט געקאָנט איינשפּאָרען דורך איהר געברויך. נאָר דאָרט קאָנען זיי געברויכט ווערען מיט ווירקליכע נוצען, וואו זיי ווירקען אויף גרויסע מאַסען, וואו אַן איינצעלנע מאַשין אונטערשטיצט די אַרבייט פון טויזענדער מענשען. זיי געפינען זיך דעריבער אַם מעהרסטען אין די לענדער מיט דער נעדיכטסטער בעפעלקערונג, וואו עס זיינען פאַראַן די מעהרסטע אַרבייטסלאָזע מענשען. זיי ווערען ניט אָנגעווענדעט, ווייל עס זיינען ניטאָ גענוג אַרבייטס־קרעפטען, נאָר גראָד צוליעב דער לייכטקייט, מיט וועלכער מען קאָן זיי אין מאַסען צוציהען צו דער אַרבייט.“ (פּיערסי רייווענסטאָן, „טהאָטס אָן דהי פאָנדינג סיסטעם עטצ.“, לאָנדאָן 1824, ז. 15.)

וועל־מאַשינעריע געהאַט אויף אָסט־אינדיען. דער דאָרטיגער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר פון 1834 ביז 1835 האָט קאָנסטאַטירט: „דער עלענד קאָן קוים געפינען זיין גלייכען אין דער געשיכטע פון האנדעל. די ביינער פון די באוועל־וועבער מאַכען די פליינען פון אינדיע אויסזעהן ווייס.“ געוויס, העלפענדיג די דאָזיגע וועבער זיך גע־זעגנען מיט'ן „צייטווייליגען“ לעבען, האָט די מאַשינעריע זיי נאָר געמאַכט „צייטווייליגע אונבעקוועמליכקייט“. איבעריגענס, אַזוי ווי די מאַשינעריע כאַפּט אַרום אַלץ נייע פּראָדוקציאָנס־געביטען, איז איהר „צייטווייליגע“ ווירקונג אין אמת'ן אַ דויערהאַפטיגע. די פערזעלבשטענדיגטע און פערפרעמדטע געשטאַלט, וואָס דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן בכלל גיט די אַרבייט־בע־דינגונגען [אַרבייטס־מיטלען] און די אַרבייט־פּראָדוקטען קעגענ־איבער דעם אַרבייטער, ווערט מיט דער מאַשינעריע ענטוויקעלט אין אַ פאָלשטענדיגען געגענזאַץ צווישען זיי.[199] דעריבער קומען צוזאַמען מיט דער מאַשינעריע צום ערשטען מאָל די ברוטאַלע אויפשטאַנדען פונ'ם אַרבייטער אַנטקעגען דעם אַרבייטס־מיטעל.

זי וואָלט איהם נאָך מעהר אַרויסגעשטופּט, ווען די האַנדוועבער וואָלטען ניט געווען אימשטאַנד אויסצוקומען מיט די אַרונטערגעזעצטע לוינען.“ פראַגע: „אָבער נעהמט ניט דער האַנדוועבער אויף דעם אופן אַז אַ לוין, וואָס איז ניט גענוג אויף זיין חיונה, און איז ער ניט אַנגעוויזען אויף דער אַרימען־אונטער־שטיצונג ממלא צו זיין זיינע לעבענס־נויטען?“ ענטפער: „יאַ, פאַקטיש קאָן דער האַנדוועבער קאָנקורירן מיט דעם מאַשין־וועבער נאָר דורך דער אַרימען־אונטערשטיצונג.“ — אָט דאָס איז די טובה, וואָס די פלייסיגע אַרבייטער האָבען צו פערדאַנקען דער איינפיהרונג פון מאַשינען: ווערן בעטלער, אָדער פערלאָזען זייערע היימען. די טובה בעשטעהט דעריין, וואָס פון בכבוד'ע און געוויסער־מאָסען אונאָבהענגיקע האַנדווערקער ווערן זיי שלעפּערישע קבצנים, וואָס עסען דאָס ערנידעריגענדע ברויט פון צדקה. אָט דאָס רופט מען „אַ צייטווייליגע אונבעקוועמליכקייט“. ("Prize Essay on the Comparative Merits of Competition and Cooperation", 1834, p. 29.)

[199] „דיזעלביגע אורזאַך, וועלכע קאָן פערגרעסערן די ריינע הכנסה פון לאַנד (דאָס הייסט, ווי ריקאַרדאָ דערקלערט אין דעמזעלבען אָרט, די הכנסה פון די גרונד־בעזיצער און קאַפּיטאַליסטען, וואָס זייער רייכטום, עקאָנאָמיש בעטראַכט, איז בכלל גלייך צו דעם רייכטום פון פאָלק) קאָן אין דערזעלבער צייט שאַפען אַן איבערפליסיגע בעפעלקערונג און פערערגערן די לאַגע פון דעם אַרבייטער.“ (ריקאַרדאָ, ד. ג., ז. 469.) דער בעשטענדיגער צוועק און די טענדענץ פון

פעלקערונג, וועלכע איז ניט מעהר דירעקט נויטווענדיג פאַר דער זעלבסט־פערווערטונג פון קאַפּיטאַל—געהט אונטער, פון איין זייט, אין דעם ניט־גלייכען קאַמף, וואָס די אַלטע האַנדווערקמעסיגע און מאַנופאַקטורמעסיגע פּראָדוקציאָן פיהרט אַנטקעגען דער מאַשינען־מעסיגער פּראָדוקציאָן; פון דער אַנדער זייט, פערפלייצט ער אַלע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע זיינען לייכטער צוגענגליך, איבער־פילט דעם אַרבייט־מאַרק און וואַרפט פאַלגליך אַרונטער דעם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט אונטער איהר ווערטה. אַ גרויסער טרויסט פאַר די פּאָופּעריזירטע [צו בעטלער געוואָרענע] אַרבייטער זאָל זיין דער אומשטאַנד, וואָס טיילווייז זיינען זייערע ליידען נאָר „צייטליכע“ (a temporary inconvenience), און טיילווייז וואָס די מאַשינעריע פערכאַפּט אַ גאַנצעס פּראָדוקציאָנס־פעלד נאָר ביס־לעכווייז, און ממילא ווערט דער אומפאַנג און די אינטענסיוויטעט פון איהר פערניכטענדער ווירקונג געבראָכען. אָבער איין טרייסט צוקלאַפּט די אַנדערע. דאָרט וואו די מאַשין כאַפּט אַרום אַ פּראָ־דוקציאָנס־פעלד ביסלעכווייז, שאַפט זי אַ כראָנישען עלענד צווישען די אַרבייטער, וואָס קאָנקורירען מיט איהר. וואו דער איבערגאַנג איז ראַשיג, איז די ווירקונג אַ מאַסענהאַפטיגע און אַ שאַרפע. די וועלט־געשיכטע ווייזט ניט אויף קיין שרעקליכערע טראַגעדיע ווי דער לאַנגזאַמער אונטערגאַנג פון די ענגלישע האַנד־באַוועל־וועבער, וואָס האָט זיך געשלעפּט צעהנדליגע יאָהרען און זיך פערענדיגט אין 1838. אַ סך פון זיי זיינען געשטאָרבען פון הונגער, אַ סך האָבען זיך לאַנג געמאַטערט מיט זייערע פאַמיליען אויף 2½ פּענס אַ טאָג.[198] אַ שאַרפע ווירקונג, פערקעהרט, האָט די ענגלישע באַ־

---

[198] די קאָנקורענץ צווישען האַנד־געוועב און מאַשין־געוועב האָט לענגער אָנ־געהאַלטען אין ענגלאַנד, פאַר דער איינפיהרונג פון דעם אָרימען־געזעץ, ווייל די טיעף אונטער דעם מינימום געפאַלענע לוינען זיינען ערגענצט געוואָרן דורך אונטערשטיצונג פון די קירכען. „דער רעווערענד מר. טורנער איז אין יאָהר 1827 געווען דער גלח פון ווילמסלאָו אין טשעשייר, אַ פאַבריק־בעצירק. די פראַגען פון דעם אונטערזוכונג־קאָמיטעט וועגען דער אויסוואַנדערונג און טורנער'ס ענט־פערס צייגען, ווי אַזוי די האַנד־אַרבייט האָט זיך דערהאַלטען אַנטקעגען: דער קאָנקורענץ פון דער מאַשין־אַרבייט. פראַגע: „האָט ניט דער געברויך פון דער וועב־מאַשין אַרויסגעשטופּט דעם האַנד־שטוהל?“ ענטפער: „גאַנץ געוויס; און

אויפּפּאַסען."[202] „אין דעם אויטאָמאַטישען סיסטעם ווערט די גע־שיקטע אַרבייט אַלץ מעהר און מעהר אַרויסגעשטופּט."[203] די פּער־בעסערונג פון דער מאַשינעריע ערלויבט ניט נאָר אַ פּערקלענערונג אין דער צאָהל בעשעפטיגטע דערוואַקסענע אַרבייטער, וועלכע זיינען נויטיג צו גרייכען אַ בעשטימטען רעזולטאַט, נאָר זי שטעלט אויף דעם אָרט פון איין קלאַס מענשליכער אַרבייט אַנאַנדער קלאַס, אויף דעם אָרט פון פעהיגערע וועניגער פעהיגע, קינדער אנשטאָט דערוואַקסענע, פרויען אנשטאָט מענער. אָט די אַלע ענדערונגען פעראורזאַכען שטענדיגע שוואַנקונגען אין דער הויך פון דעם אַר־בייטס־לוין."[204] „די מאַשינעריע וואַרפט נאָכאַנאַנד די דערוואַק־סענע אַרויס פון פאַבריק."[205]

די אונגעווערהנליכע עלאַסטיציטעט פון דעם מאַשינען־סיסטעם— מחמת דער אָנגעקליבענער פּראַקטישער ערפאַהרונג, דעם אומפאַנג פון די שוין־עקזיסטירענדע מעכאַנישע מיטלען און דעם שטענדיגען פּאָרטשריט פון דער טעכניק—צייגט אונז זיין שטורם־גאַנג אונטער דעם דרוק פון אַ פערקירצטען אַרבייטס־טאָג. ווער וואָלט אָבער אין 1860, אין דעם גרעסטען יאָהר פון דער ענגלישער באַוועל־אינ־

[202] אורע, „פילאָסאָפי און מאַנופאַקטור", ז. 19. דער גרויסער פּאָרטייל פון אַנגעווענדעטע מאַשינעריע אין ציגעלניעס בעשטעהט אין דעם, וואָס עס מאַכט דעם באַס אינגאַנצען אונאָבהענגיק פון געשיקטע אַרבייטער. (Children's Employment Commission, 5th report, London 1866, p. 180, n. 46.)

הוספה צו דער צווייטער אויסגאַבע: הערר אַ. סטורראַק, דער סופּעראינ־טענדענט פון דעם מאַשין־דעפּאַרטמענט פון דער „גרייט נאָרטהערן ריילוויי", זאָגט אונז בנוגע דעם בוי פון מאַשינען (לאָקאָמאָטיווען א.אז.וו.): „טייער־בע־צאָהלטע ענגלישע אַרבייטער ווערן מיט יעדען טאָג אַלץ ווייניגער געברויכט. די פּראָדוקציאָן ווערט פערמעהרט דורך דער אַנווענדונג פון פערבעסערטע אינסטרו־מענטען, און די דאָזיגע אינסטרומענטען ווערן בעזאָרגט פון אַ נידעריגען סאָרט אַרבייט.... פריהער פלעגען אַלע טיילען פון דער דאַמף־מאַשין נויטיגערווייז פּראָדוצירט ווערן פון געשיקטער אַרבייט. דיזעלבינגע טיילען ווערן איצט פּראָ־דוצירט מיט ווייניגער געשיקטער אַרבייט אָבער מיט גוטע אינסטרומענטען.... אונטער אינסטרומענטען פערשטעה איך די מאַשינען, וואָס ווערן אַנגעווענדעט ביי דעם מאַשינען־בוי." (Royal Commission on Railways. Minutes of Evidence' n. 17862 and n. 17863, London 1867.)

[203] אורע, „פילאָסאָפי און מאַנופאַקטור", ז. 20.

[204] ד. ג., ז. 321.

[205] ד. ג., ז. 23.

דער ארבייטס־מיטעל דערשלאָגט דעם ארבייטער. דער דאָ־זיגער דירעקטער געגענזאַץ צייגט זיך געווים ארוים אַם קלאָרסטען ווען אַ ניי־איינגעפיהרטע מאַשין קאָנקורירט מיט דער פריהער־דיגער האַנדווערק־ אָדער מאַנופאַקטור־פּראָדוקציאָן. אָבער אפילו אין דער גרויס־אינדוסטריע גופא ווירקט די שטענדיגע פערבעסע־רונג פון דער מאַשינעריע און די ענטוויקלונג פון דעם אויטאָמאַ־טישען סיסטעם אויפ׳ן זעלביגען אופן. „דער בעשטענדיגער צוועק פון דער פערבעסערטער מאַשינעריע איז צו פערקלענערן די האַנד־ארבייט אָדער צו פערפאָלקאָמען דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אין דער פאַבריק דורכדעם, וואָס אייזערנע אַפּאַראַטען ווערן איינגע־פיהרט אנשטאָט מענשליכע."[200] „די אָנווענדונג פון דאַמף און וואַסער־קראַפט אויף מאַשינעריע, וועלכע איז ביז אהער בעוועגט געוואָרן מיט׳ן האַנד, איז אַ טעגליכע פּאַסירונג.... די קלענערע פערבעסערונגען אין דער מאַשינעריע, וועלכע בעצוועקען אַ עקאָ־נאָמיע אין דער בעוועגונג־קראַפט, אַ פערבעסערונג אין פּראָדוקט, אַ פערגרעסערטע פּראָדוקציאָן אין דערזעלביגער צייט אָדער ארויס־צושטופען אַ קינד, אַ פרוי אָדער אַ מאַן פון דער ארבייט, געהען שטענדיג אָן, און הגם זיי זעהען ניט אויס פון אויבען־אויף אַזוי וויכטיג, האָבען זיי דאָך וויכטיגע רעזולטאַטען."[201] „אומעטום, וואו אַן ארבייט פאָדערט פיעל פעהיגקייט און אַ זיכערע האַנד, ווערט זי ארויסגענומען אַזוי שנעל ווי מעגליך פון די הענד פון דעם געניטען ארבייטער, וועלכער איז אָפטמאָל געניינט צו אַלערליי אונ־רעגעלמעסיגקייטען, כדי צו פערטרויען דערמיט אַ ספּעציעלען מע־כאַניזם, וואָס איז אַזוי גוט רעגולירט, אַז אַ קינד קאָן אויף איהם

יעדער פערפאָלקאָמונג אין מאַשינעריע איז פאַקטיש אויסצוקומען איינגאַנצען אהן דעם מענשען׳ס ארבייט, אדער צו פערקלענערן דעם פּרייז פון דער ארבייט, פערבייטענדיג די דערוואַקסענע מענער־ארבייטער אויף פרויען־ און קינדער־ארבייט, אדער די געשיקטע ארבייטער אויף פּראָסטע ארבייטער." (אורע, ד. ג., ז. 25).

[200] „רעפּאָרטס עטצ.", 21 אקט, 1858, ז. 43.

[201] „רעפּארטס עטצ.", 21 אקטאבער 1856, ז. 15.

דער פאַבריק־אינספּעקטאָר א. רעדגראַוו בעמערקט דערצו: „די פער־מינדערונג פון ארבייטער ביי אַ פערגרעסערטער פּראָדוקציאָן געהט שנעל פאָרווערטס. אין די וואָל־פאַבריקען האָט זיך קירצליך אָנ־געהויבען אַ נייע פערמינערונג פון „הענד“, און זי גערט נאָך אָן ווייטער. איינינע טעג צוריק האָט מיר געזאָגט אַ שוהל־לעהרער, וועלכער וואוינט נעבען ראָקדייל, אַז דער פיעל קלענערער בעזוך אין די מיידלעך־שוהלען קומט ניט נאָר פון דער געדריקטער לאַגע פון דעם קריזיס, נאָר אויך צוליעב די ענדערונגען אין דער מאַשי־נעריע פון דער וואָל־פאַבריק, וואָס האָט פעראורזאַכט אַ פערמינע־רונג פון 70 האַלבע־צייט אַרבייטערקעס.“ [207]

די פאָלגענדע טאַבעלע ציינט דעם אַלגעמיינעם רעזולטאַט פון די מעכאַנישע פערבעסערונגען אין דער ענגלישער באַוועל־אינדוסט־ריע, וואָס איז געקומען צוליעב דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריעג:

די צאָהל פאַבריקען

	1858	1861	1868
ענגלאַנד און וויילס — — — — — — —	2,046	2,715	2,405
שאָטלאַנד — — — — — — — — — —	152	163	131
אירלאַנד — — — — — — — — — —	12	9	13
פעראייניגטעס קעניגרייך — —	2,210	2,887	2,549

[207] ד. נ., ז. 109. די שנעלע פערבעסערונג פון דער מאַשינעריע אין דער צייט פון דעם באַוועל־קריזיס האָט געמאַכט מעגליך פאַר די ענגלישע פאַבריקאַנ־טען, גלייך ווי עס האָט זיך געענדיגט דער אַמעריקאַנער בירגער־קריעג, ווידער צו איבערפילען דעם וועלט־מאַרק. די לעצטע 6 חדשים פון יאָהר 1866 האָט מען שוין כמעט ניט געקאָנט פערקויפען קיין געוועב. דאָן האָט זיך אָנגעהויבען דאָס אַרויסשיקען סחורה נאָך כינאַ און אינדיען, וואָס האָט נאַטירליך געמאַכט די איבערפילונג פון מאַרק נאָך שטאַרקער. אָנהויב 1867 האָבען די פאַבריקאַנטען זיך גענומען פאַר זייער געוועהנליכען מיטעל—די פערקלענערונג פונ׳ם אַרבייט־לוין אויף 5 פּראָצענט. די אַרבייטער האָבען זיך געשטעלט אַנטקעגען און דער־קלערט, טהעאָרעטיש גאַנץ ריכטיג, אַז דער איינציגער מיטעל איז צו אַרבייטען אַ קירצערע צייט, ד.ה. 4 טעג אַ וואָך. נאָך אַ לענגערן קאַמף האָבען די הערען, וועלכע האָבען זיך אַליין נענעבען דעם טיטול קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע, געמוזט איינגעהן אויף דעם, אין איינינע פלעצער מיט אַ פערקלענערונג פונ׳ם לוין אויף 5 פּראָצענט, אין אַנדערע אָהן אַ פערקלענערונג פונ׳ם לוין.

דוסטריע, געקאָנט פּאַראויסזאָגען די גאַלאָפּירענדע פערבעסערונגען פון דער מאַשינעריע און דאָס פּאָלגליכע אַרויסשטופּען פון האַנד־אַרבייט, וועלכע די דריי נעקסטע יאָהרען האָבען אַרויסגערופען אונטער דעם סטימול פון דעם אַמעריקאַנער בירגער־קריעג? עס וועט זיין גענוג צו ברענגען אַ פּאָר ביישפּיעלען פון די אָפיציעלע בעריכטען פון די ענגלישע פאַבריק־אינספּעקטאָרען וועגען דעם דאָ־זיגען פּונקט. אַ פאַבריקאַנט פון מאַנטשעסטער האָט דערקלערט: „אַנשטאָט 75 קאַרדיער־מאַשינען [מאַשינען צו קעמען וואָל] גע־ברויכען מיר איצט נאָר 12, וועלכע גיבען אַרויס דיזעלביגע קוואַנ־טיטעט פּונקט אַזעלכע גוטע, אויב ניט נאָך בעסערע אַרבייט.... די איינשפּאָרונג אין אַרבייט־לוין בעטרעפט 10 פונט סט. וועכענט־ליך און דער באַוועל־אָבפאַל איז 10 פּראָצענט וועניגער." אין אַ מאַנטשעסטער פיין־שפּינעריי האָט מען „דורך פערשנעלערטער בע־וועגונג און איינפיהרונג פון פערשיידענע אויטאָמאַטישע פּראָצעסען פערקלענערט די צאָהל אַרבייטער אין איין אָבטיילונג אויף אַ פערטעל, אין נאָך איינער אויף מעהר ווי אַ העלפט, בעת די קאָם־מאַשין, וואָס איז איינגעפיהרט געוואָרן אַנשטאָט דער צווייטער קאַרדיער־מאַשין, האָט זעהר פערקלענערט די צאָהל „הענד", וואָס זיינען פריהער געווען בעשעפטיגט אין דער קאַרדיער־אָבטיילונג." אַן אַנדער שפּין־פאַבריק שאַצט איהר אַלגעמיינע איינשפּאָרונג אין „הענד" אויף 10 פּראָצענט. די הערען גילמאָר, שפּין־פאַבריקאַנ־טען אין מאַנטשעסטער, דערקלערן: „מיר שאַצען די איינשפּאָרונג אין „הענד" און אַרבייט־לוין, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין דער אָבטיילונג פאַר רייניגען דעם באַוועל, צוליעב דעם איינפיהר פון נייער מאַשינעריע, אויף אַ פולען דריטעל." אין צוויי אַנדערע צוגרייטונג־פּראָצעסען „האָבען מיר אונגעפעהר אַ דריטעל וועניגער „הענד" און אויסלעג, אין דער שפּינעריי־אָבטיילונג אַ דריטעל וועניגער אויסלעג. אָבער דאָס איז ניט אַלעס. ווען אונזער גאַרן געהט איצט צום וועבער, איז ער אַזויפיעל פערבעסערט דורך דער אַנווענדונג פון דער נייער מאַשינעריע, אַז עס קומט אַרויס מעהר און אַ בעסערער געוועב איידער פון דעם אַלטען מאַשין־גאַרן." [206]

[206] „רעפּאָרטס עטצ. 31 אָקטאָבער, 1863", ז. 108.

און געמאַכט געוואָרן פאַר אַ שטענדיגע צרה דורך דעם שנעלען און אָנהאַלטענדען פאָרטשריט פון דער מאַשינעריע.

די מאַשינעריע אָבער ווירקט ניט בלויז ווי אַן איבערמעכטיגער קאָנקורענט, וועלכער איז אַלעמאָל גרייט צו מאַכען דעם לוין־אַר־בייטער „איבערפליסיג“. זי ווערט הויך און מיט אַ כיון פּראָקלאַ־מירט פון קאַפּיטאַל אַלס אַ פיינדליכע מאַכט צום ארבייטער און ווערט בענוצט אַלס אַזוינס. זי ווערט דער מעכטיגסטער קריעגס־מיטעל צו אונטערדריקען די פּעריאָדישע ארבייטער־אויפשטאַנדען, סטרייקס א.ד.ג. אַנטקעגען דער אויטאָקראַטיע פון קאַפּיטאַל.[208] נאָך גאַסקעל נאָך איז די דאַמף־מאַשין געוועזן פון אָנהויב אָן אַ געגנער פון דער „מענשען־קראַפט“ און האָט געגעבען די קאַפּיטאַ־ליסטען די מעגליכקייט צו צעשמעטערן די שטייגענדע פאָדערונגען פון די ארבייטער, וועלכע האָבען געסטראַשעט צו טרייבען דעם אָנפאַנגענדען פאַבריק־סיסטעם צו אַ קריזיס.[209] מען וואָלט געקאָנט אָנשרייבען אַ גאַנצע געשיכטע פון די ערפינדונגען זינט דעם יאָהר 1830, וועלכע זיינען אריינגעטראָטען אין לעבען בלויז ווי קאַפּי־טאַל'ס קריעג־מיטלען אַנטקעגען די ארבייטער־בונטען. מיר וועלען קודם כל דערמאָנען די „סעלף־אַקטינג מיול“, ווייל זי האָט גע־עפענט אַ נייע עפּאָכע פון דעם אויטאָמאַטישען סיסטעם.[210]

נאַסמיטה, דער ערפינדער פון דאַמף־האַמער, אין זיין עדות־זאָגען פאַר דער קאָמיסיע צו אונטערזוכען די טרייד־יוניאָנס, בעריכ־

---

[208] „די שייכות צווישען די באַסעם און די ארבייטער איז דער פלינט־ און פלעשער גלאַז פאַבריקען איז אַ כראָנישער סטרייק.“ דערפון נעהמט זיך דער וואוקס פון דער פאַבריקאַציע פון געפּרעסטען גלאַז, וואו די הויפּט־אָפּעראַציעס קאָנען אויסגעפיהרט ווערן דורך מאַשינעריע. איין פירמע נעבען ניו קאַסעל, וועלכע האָט פריהער פּראָדוצירט יעהרליך 350,000 פונט געבלאָזענעם פלינט־ גלאַז, פּראָדוצירט איצט אַנשטאָט דעם 3,00,500 פונט געפּרעסטעם גלאַז. ("Children's Empl. Commission", 4th Report 1865, p. 262, 293.)

[209] (Gaskell, "The Manufactur;ng Population of England", London 1833, p. 3, 4.)

[210] הערר פערבערן האָט ערפונדען איינינע זעהר וויכטיגע אַנווענדונגען פון מאַשינען צו בויען מאַשינען אַלס רעזולטאַט פון סטרייקס אין זיין אייגענער מאַשינען־פאַבריק.

די צאָהל דאַמף-וועבשטוהלען

	1858	1861	1868
ענגלאַנד און וויילס	725,590	368,125	344,719
שאָטלאַנד	21,624	30,110	31,864
אירלאַנד	1,633	1,757	2,746
פעראייניגטעס קעניגרייך	298,847	399,992	379,329

די צאָהל שפּינדלען

	1858	1861	1868
ענגלאַנד און וויילס	25,818,576	28,352,152	30,478,228
שאָטלאַנד	2,041,129	1,915,398	1,497,546
אירלאַנד	150,512	119,944	124,240
פעראייניגטעס קעניגרייך	28,010,217	30,387,494	32,000,014

די צאָהל בעשעפּטיגטע פּערזאָנען

	1858	1861	1868
ענגלאַנד און וויילס	341,170	407,598	357,052
שאָטלאַנד	34,698	41,237	39,809
אירלאַנד	3,345	2,734	4,203
פעראייניגטעס קעניגרייך	379,213	451,569	401,064

פון 1861 ביז 1868 זיינען אַלזאָ פערשוואונדען געוואָרן 338 באַוועל־פאַבריקען; דאַס הייסט מעהר פּראָדוקטיווע און אַ גרע־סערע צאָהל מאַשינעריע האָט זיך קאָנצענטרירט אין די הענד פון אַ קלענערער צאָהל קאַפּיטאַליסטען. די צאָהל דאַמף־וועבשטוהלען איז פערקלענערט געוואָרן אויף 20,663, אָבער זייער פּראָדוקט האָט זיך אין דערזעלביגער צייט פערמעהרט, אַזוי אַז איין פערבעסער־טער וועבשטוהל לייסטעט מעהר איידער איינער פון די אַלטע דאַמף־וועבשטוהלען. די צאָהל שפּינדלען איז געוואַקסען אויף 1,612,541, בעת די צאָהל בעשעפּטיגטע אַרבייטער איז פערקלענערט געוואָרן אויף 50,505. דער „צייטווייליגער" עלענד, מיט וועלכען דער באַוועל־קריזיס האָט די אַרבייטער צודריקט, איז נאָך געשטיגען

צווינגט ער שטענדיג די רעבעלישע האַנד פון ארבייט זיך צו בויגען."[211]

זוגם אורע'ס שריפט איז ערשיענען אין 1835, אין אַ צייט, הייסט עס, ווען דער פאַבריק־סיסטעם איז לפי ערך נאָך געווען שוואַך ענטוויקעלט, בלייבט זי עד היום דער קלאַסישער אויסדרוק פון'ם פאַבריק־גייסט, ניט נאָר מחמת איהר אָפענהערציגען ציניזם, נאָר אויך צוליעב דער נאַאיוויטעט, מיט וועלכער ער, דער פערפאַסער, פּלוידערט ארויס די זינלאָזע ווידערשפּרוכען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען מוח. נאָכדעם ווי ער ענטוויקעלט צום ביישפּיעל די „דאָקטרין", אַז קאַפּיטאַל מיט דער הילף פון דער וויסענשאַפט, וואָס שטעהט איהם צו דיענסט, „צווינגט שטענדיג די רעבעלישע האַנד פון ארבייט זיך צו בויגען", ווערט ער אויפגעבראַכט, פאַרוואָס „מען האָט פון אַ געוויסער זייט בעשולדיגט די מעכאַניש־פּיזישע וויסענשאַפט, אַז זי דיענט דעם דעספּאָטיזם פון די רייכע קאַפּיטאַליסטען ווי אַ מיטעל צו אונטערדריקען די אָרימע קלאַסען." נאָכדעם ווי ער האָט ווייט און ברייט געפּרעדיגט ווי פאָרטיילהאַפט די שנעלע ענטוויקלונג פון דער מאַשינעריע איז פאַר די ארבייטער, וואָרענט ער זיי, אַז מיט זייער עקשנות, סטרייקס א.אז.וו. פערשנעלערן זיי די ענטוויקלונג פון דער מאַשינעריע. „אַזוינע געוואַלטזאַמע אויפשטאַנדען, זאָגט ער, צייגען די מענשליכע קורצזיכטיגקייט אין איהר שענדליכסטען כאַראַקטער—אין דעם כאַראַקטער פון אַ מענשען, וואָס מאַכט זיך פאַר זיין אייגענעם הענקער." איינינע בלעטלעך פריהער זאָגט ער פערקעהרט: „ווען ניט די געוואַלטזאַמע צונויפשטויסונגען און אונטערברעכונגען, וואָס ווערן פעראורזאַכט דורך די פעראירטע מיינונגען פון די ארבייטער, וואָלט זיך דער פאַבריק־סיסטעם נאָך פיעל שנעלער ענטוויקעלט צום נוצען פון אַלע אינטערעסירטע צדדים." דאַן שרייט ער אויס: „צום גליק פאַר דער בעפעלקערונג פון די באַוועל־בעצירקען פון גרויס־בריטאַניען קומען פאַר די פערבעסערונגען אין דער מעכאַניק נאָר ביסלעכווייז. מען בעשולדיגט זי (דער דאָזיגער פערבעסערונג פון דער מאַשינעריע), אַז זי פערקלענערט דעם ארבייט־לוין פון די

---

[211] אורע, ד. ג., ז. 70—368.

טעט וועגען די פּערבעסערונגען פון דער מאַשינעריע, וואָס ער האָט איינגעפיהרט אַלס פאָלגע פון דעם גרויסען און לאַנגען סטרייק פון די מאַשין־אַרבייטער אין יאָהר 1851: „דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אונזערע מאָדערנע מעכאַנישע פּערבעסערונגען איז די איינפיהרונג פון אויטאָמאַטישע ווערקצייג־מאַשינען. אַלץ וואָס אַ מעכאַנישער אַרבייטער האָט איצט צו טהאָן, און וואָס יעדער אינגעל קאָן טהאָן, איז ניט אַליין צו אַרבייטען, נאָר אויפצופּאַסען אויף דער שעהנער אַרבייט פון דער מאַשין. דער גאַנצער קלאַס אַרביי־טער, וואָס האָבען זיך געהאַלטען אויסשליסליך אויף זייער געשיקט־קייט, איז איצט בעזייטיגט. פריהער האָב איך בעשעפטיגט 4 אינגלעך אויף 1 מעכאַניקער. אַ דאַנק די נייע מעכאַנישע הילף־מיטלען האָב איך רעדוצירט די צאָהל דערוואַקסענע אַרבייטער פון 1500 אויף 750. דער רעזולטאַט איז אַ בעדייטענדער צו־וואוקס פון מיינע פּראָפיטען.“

אורע זאָגט וועגען אַ מאַשין אין די קאַטון־דרוקערייען: „ענד־ליך האָבען די קאַפּיטאַליסטען געזוכט זיך צו בעפרייען פון אָט דער אונדערטרעגליכער שקלאַווערײ (ד.ה. פון די לעסטיגע קאָנטראַקט־בעדינגונגען פון די אַרבייטער) רופענדיג די וויסענשאַפט צו הילף, און האָבען באַלד ווידער געוואונען זייערע לעגיטימע רעכטען— דאָס רעכט פון דעם קאָפּ איבער די אַנדערע טיילען פון קערפּער.“ וועגען אַן ערפינדונג פון שליכטען די קעטען [ביים וועבען], וואָס איז דירעקט אַרויסגערופען געוואָרן דורך אַ סטרייק, זאָגט ער: „די מחנה אונצופריעדענע, וועלכע האָט געמיינט, אַז זי איז אונבעזיעג־באַר הינטער די אַלטע פעסטונגען פון דער צוטיילונג פון דער אַר־בייט, האָט איינגעזעהן, אַז זי איז אַטאַקירט פון פלאַנק, און אַז איהרע פערטיידיגונג־מיטלען זיינען פערניכטעט דורך דער מאָדער־נער מעכאַנישער טאַקטיק. זיי האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען, וואָס עס זאָל ניט זיין.“ ער זאָגט וועגען דער ערפינדונג פון דער „סעלף־אַקטינג־מיול“: „איהר איז געווען בעשערט צוריק איינצו־פיהרן אָרדנונג צווישען די אינדוסטריעלע קלאַסען.... די דאָזיגע ערפינדונג בעשטעטיגט די שוין ענטוויקעלטע דאָקטרין, אַז ווען קאַפּיטאַל בענוצט זיך מיט די דיענסטען פון דער וויסענשאַפט,

קויהלען א.אז.וו. לאָזען מיר דאָ אויס פון בעטראַכט. ער בעשעפ־טיגט 100 אַרבייטער צו 30 פונט סט. אַ יאָהר. דער וואַריאַבלער קאַפּיטאַל, וואָס ער לעגט אויס יעהרליך, בעטרעפט אויף דעם אופן 3000 פונט סט. ער זאָגט אָב 50 אַרבייטער און בעשעפטיגט די איבערגעבליבענע 50 ביי אַ מאַשינעריע, וואָס קאָסט איהם 1500 פונט סט. מיר נעהמען ווייטער אָן, אַז דער רויה־מאַטעריאַל, וואָס ווערט פערצעהרט דורכ'ן יאָהר, קאָסט ווי פריהער 3000 פונט סט.[214]

איז אַ וועלכער עס איז קאַפּיטאַל „פריי געוואָרן" דורך דער דאָזיגער אומוואַנדלונג? אין דעם אַלטען אופן פון פּראָדוקציאָן איז די אויסגעלעגטע גאַנצע סומע פון 6000 פונט סט. בעשטאַנען אַ העלפט פון קאָנסטאַנטען און אַ העלפט פון וואַריאַבלען קאַפּיטאַל. איצט בעשטעהט זי פון 4,500 פונט סט. (3000 פונט סט. פאַר רויה־מאַטעריאַל און 1,500 פונט סט. פאַר מאַשינעריע) קאָנסטאַנ־טען קאַפּיטאַל און 1,500 פונט סט. וואַריאַבלען. אנשטאָט אַ העלפט מאַכט איצט אויס דער וואַריאַבלער אָדער דער טייל קאַפּיטאַל, וואָס איז אויסגעביטען אויף לעבעדיגער אַרבייט־קראַפט, נישט מעהר ווי אַ פערטעל פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל. אנשטאָט בעפרייאונג קומט דאָ פאָר אַ בינדונג פון קאַפּיטאַל אין אַ פאָרם, אין וועלכער ער הערט אויף זיך אויסצובייטען אויף אַרבייט־קראַפט, דאָס הייסט עס קומט פאָר אַ פערוואַנדלונג פון וואַריאַבלען אין קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל. דער קאַפּיטאַל פון 6000 פונט סט. קאָן איצט, ווען אַלע איבעריגע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, קיינמאָל ניט בע־שעפטיגען מעהר ווי 50 אַרבייטער. מיט יעדער פערבעסערונג פון דער מאַשינעריע בעשעפטיגט ער אַלץ וועניגער.

כדי נאָכצוגעבען די טעאָרעטיקער פון קאָמפּענסאַציע, וועלען מיר אָננעהמען, אַז די נייע־איינגעפיהרטע מאַשינעריע קאָסט וועניגער איידער די סומע פון דער אַרבייט־קראַפט און אַרבייט־ווערק־צייג, וואָס זי האָט אַרויסגעשטופּט, למשל אנשטאָט 1500 נאָר 1000 פונט סט.

---

[214] נאָטאַ בענע: איך גיב די אילוסטראַציע אינגאַנצען אויפ'ן זעלביגען שטייגער ווי די אויבען־דערמאַנטע עקאָנאָמען.

דערוואַקסענע אַרבייטער, דורכדעם וואָס זי וואַרפט אַרויס אַ טייל פון זיי און זייער צאָהל שטייגט פאָלגליך אַריבער די נאָכפראַגע אויף אַרבייט. זי פערמעהרט אָבער די נאָכפראַגע אויף קינדער־אַרבייט און פערגרעסערט דערמיט זייער לוין."

דערזעלביגער טרויסטער פערטיידיגט פון דער אַנדער זייט דעם נידעריגען קינדער־לוין דערמיט, וואָס „עס האַלט אָב די עלטערן צו שיקען די קינדער צו־פריה אין דער פאַבריק." זיין גאַנצעס בוך איז אַ פערהערליכונג פון דעם אונבעגרענצטען אַרבייטס־טאָג, און דער פערבאָט פונ'ם געזעץ צו מאַטערן ביי דער אַרבייט קינדער פון 13 יאָהר מעהר ווי 12 שטונדען אַ טאָג דערמאָנט זיין ליבעראַלע נשמה אָן די דונקעלסטע צייטען פון דעם מיטעלאַלטער. דאָס האַלט איהם ניט אָב אויפצופאָדערן די פאַבריק־אַרבייטער, זיי זאָלען אָבגעבען אַ דאַנק דעם רבש"ע, וועלכער האָט זיי דורך דער מאַשינעריע „געגעבען גענוג פרייע צייט נאָכצודענקען וועגען זייערע אונשטערבליכע אינטערעסען."[212]

6. די טעאָריע פון קאָמפּענסאַציע בנוגע די אַרבייטער, וואָס זיינען אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער מאַשינעריע.

אַ גאַנצע רייה בורזשואַזע עקאָנאָמען ווי דזשיימס מילל, מעק־קולאָך, טאָררענס, סיניאָר, דזש. סט. מילל א.אַ. בעהויפּטען, אַז יעדע מאַשינעריע, וואָס שטופּט אַרויס אַרבייטער, בעפרייט אַלע־מאָל גלייכצייטיג און נויטיגערווייז פּונקט אַזויפיעל קאַפּיטאַל צו בעשעפטיגען דיזעלביגע אַרבייטער.[213]

לאָמיר אָננעהמען, אַז אַ קאַפּיטאַליסט פערווענדט למשל אין אַ טאַפּעטען־פאַבריק אַ קאַפּיטאַל פון 6,000 פונט סט., און דערפון ווערט אַ העלפט אויסגעגעבען אויף רויה־מאַטעריאַל. די געביידען,

[212] אורע, ד. ג., ז. 368, 7, 370, 180, 321, 281, 475.

[213] ריקאַרדאָ האָט אין אָנהויב אויך געהאַלטען אָט די מיינונג, ער האָט אָבער שפּעטער, מיט זיין כאַראַקטעריסטישער וויסענשאַפטליכער אונבעצוואונ־גענקייט און ליעבע צום אמת, זיך אויסדריקליך אָבגעזאַגט פון איהר. זעה ד. ריקאַרדאָ, „פּרינסיפּלס אָוו פּאָליט. עק.", קאַפּיטעל 31.

נאָר זי שאַפט אויך צוגלייך אָב זייער צוזאַמענהאַנג מיט לעבענס־מיטלען, וואָס זיינען ווערטה 1500 פונט סט., און אויף אָט דעם אופן „שטעלט זי פריי" די דאָזיגע לעבענסמיטלען. דער פשוט'ער און בשום אופן ניט נייער פאַקט, אַז די מאַשינעריע שטעלט דעם אַרבייטער אַרויס פריי פון לעבענסמיטלען הייסט אין דער עקאָנאָמישער שפּראַך, אַז די מאַשינעריע שטעלט לעבענסמיטלען פריי פאַר דעם אַרבייטער, אָדער זי פערוואַנדעלט זיי אין קאַפּיטאַל פאַר זיין בעשעפטיגונג. מען זעהט טאַקע ווי אַלץ הענגט אָב פון דער פאָרם פון אויסדרוק. Nominibus Mollire licet mala [דאָס שלעכטע דאַרף מען דורך שעהנע ווערטער מאַכען אויסזעהן מילדער.]

לויט דער דאָזיגער טעאָריע זיינען די לעבענסמיטלען אין דעם ווערטה פון 1500 פונט סט. א קאַפּיטאַל, וואָס פערווערטעט זיך דורך דער אַרבייט פון די 50 אָבגעזאָגטע טאַפּעטען־אַרבייטער. דער דאָזיגער קאַפּיטאַל פערלירט פאָלגליך זיין בעשעפטיגונג, אַזוי באַלד ווי די 50 ווערען אַרבייטסלאָז, און ער ראַסט ניט און רוהט ניט, ביז ער געפינט ניט אַ נייע „אַנלאַגע", אין וועלכער יענע 50 אַרבייטער זאָלען איהם ווידער קאָנען פּראָדוקטיוו קאָנזומירן. פריהער אָדער שפּעטער, הייסט עס, מוזען קאַפּיטאַל און אַרבייט זיך ווידער צו־זאַמענטרעפען און דאַמאָלסט וועט שוין זיין די קאָמפּענסאַציע. די ליידען פון די אַרבייטער, וואָס זיינען אַרויסגעשטופּט געוואָרן דורך דער מאַשינעריע, זיינען אַלזאָ פּונקט אַזוי פאַרבייגעהענדע, ווי די גיטער פון דער וועלט.

די לעבענסמיטלען אין בעטרעף פון 1500 פונט סט. זיינען קיינמאָל ניט געשטאַנען קעגענאיבער די אַרבייטער אַלס קאַפּיטאַל. וואָס איז יאָ געשטאַנען קעגענאיבער זיי אַלס קאַפּיטאַל, איז געוועזען די 1500 פונט סט., וועלכע זיינען איצט פערוואַנדעלט אין מאַשינעריע. גענויער בעטראַכט, רעפּרעזענטירן די דאָזיגע 1500 פונט סט. נאָר אַ טייל פון די טאַפּעטען, וואָס די אָבגעזאָגטע 50 אַרבייטער האָבען פּראָדוצירט פאַר'ן יאָהר און האָבען זיי בעקומען פון זייער באַס אַלס לוין אין געלד־פאָרם, אנשטאָט אין נאַטורא [אין פּראָדוקטען]. פאַר די טאַפּעטען, וואָס זיינען פערוואַנדעלט געוואָרן אין 1500 פונט סט. האָבען זיי געקויפט לעבענסמיטלען אויף דערזעלביגער סומע. די דאָזיגע לעבענסמיטלען עקזיסטירן דעריי־

אונטער אַט דער בעדינגונג וואָלט א וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פון 1000 פונט סט. פערוואַנדעלט אָדער געבונדען געוואָרן אין קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל און א קאַפּיטאַל פון 500 פונט סט. וואָלט געוואָרן פריי. ער וואָלט געוואָרן איבעריג פאַר דער טאַפּעטען־פאַבריק און וואָלט געקאָנט פונקציאָנירן אַלס נייער קאַפּיטאַל. אָנגענומען דעמזעלביגען יעהרליכען לוין, וואָלט ער געקאָנט אויסמאַכען א בעשעפטיגונג־פאָנד פאַר אַן ערך 16 ארבייטער, בעת עס זיינען אָבגעזאָגט געוואָרן 50; ניין, ער וואָלט געקאָנט בעשעפטיגען א סך וועניגער איידער 16 ארבייטער, וואָרים פון די 500 פונט סט. מוז דאָך א טייל ווידער פערוואַנדעלט ווערן אין קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, הייסט עס, אַז נאָר א טייל דערפון קאָן אויסגעביטען ווערן אויף ארבייט־קראַפט.

גאַנץ געוויס וועט די פאַבריצירונג פון דער נייער מאַשינעריע בעשעפטיגען א גרעסערע צאָהל מעכאַניקער; זאָל מען אין דעם געפינען א קאָמפּענסאַציע פאַר די טאַפּעטען־מאַכער, וואָס זיינען אַרויסגעוואָרפען געוואָרן אויפ׳ן גאַס? אויף יעדען פאַל בעשעפטיגט די פערפערטיגונג פון דער מאַשינעריע וועניגער אַרבייטער, איידער איהר בענוצונג שטופּט אַרויס. די סומע פון 1500 פונט סט., וועלכע שטעלט פאַר נאָר דעם אַרבייט־לוין פאַר די אָבגעזאָגטע טאַפּעטען־מאַכער, שטעלט איצט פאַר אין דער געשטאַלט פון מאַשינעריע: 1) דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען וואָס פאָדערן זיך זי אויפצובויען, 2) דעם אַרבייט־לוין פון די מעכאַניקער, וואָס פערפערטיגען זי, 3) דעם מעהרווערטה, וואָס קומט אָן זייער „מייסטער“. היינט ווייטער: איז איינמאָל די מאַשין פערטיג, דאַרף מען זי ניט בענייען ביז נאָך איהר טויט. הייסט עס, כדי צו האַלטען בעשעפטיגט די צוגעגעבענע צאָהל מעכאַניקער, מוז איין טאַפּעטען־פאַבריקאַנט נאָכ׳ן אַנדערן כסדר אַרויסשטופּען אַרבייטער דורך מאַשינען.

אויף אַן אמת מיינען גאָרניט יענע פערטיידיגער פון קאַפּיטאַל אַט דעם סאָרט בעפרייאונג פון קאַפּיטאַל. זיי מיינען די לעבענס־מיטלען פון די פריי־געוואָרענע אַרבייטער. מען קאָן ניט לייקענען, אַז צום ביישפּיעל אין דעם אויבען־דערמאָנטען פאַל מאַכט די מאַשינעריע פריי און ממילא „פערוועגדבאַר“ ניט נאָר 50 אַרבייטער,

נעריע שטופּט אַרויס, ווערן פון ווערקשטאַט אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן אַרבייט־מאַרק און פערמעהרן דאָרט די צאָהל פון די אַרבייט־קרעפטען, וואָס שטעהען שוין גרייט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. אין דעם זיעבעטען אָבטייל פון אָט דעם בוך וועט זיך אַרויסצייגען, אַז אָט די ווירקונג פון דער מאַשינעריע, וועלכע ווערט אונז דאָ פאָרגעשטעלט אַלס אַ קאָמפּענסאַציע פאַר דעם אַרבייטער־קלאַס, איז פערקעהרט די שרעקליכסטע פּורעניות פאַר'ן אַרבייטער. דאָ ווילען מיר נאָר בעמערקען: די אַרבייטער, וועלכע זיינען אַרויסגעוואָרפע̤ן געוואָרן פון איין אינדוסטריע־צווייג, קאָנען גאַנץ געוויס זוכען בעשעפטיגונג אין אַ וועלכען עס איז אַנדער צווייג. געפינען זיי אַזאַ בעשעפטיגונג, און קניפּט זיך דערמיט ווידער אָן דער באַנד צווישען זיי און די לעבענסמיטלען, וועלכע זיינען אינאיינעם מיט זיי פריי געשטעלט געוואָרן, קומט עס פאָר דורך אַ נייעם צוגעקומענעם קאַפּיטאַל, וואָס שפּאַרט זיך פערווענדט צו ווערן, אָבער בשום אופן ניט דורך דעם קאַפּיטאַל, וואָס האָט שוין פריהער פונקציאָנירט און איז איצט פערוואַנדעלט אין מאַשינעריע.

און אַפילו דאַן, ווי קליין זיינען זייערע אויסזיכטען! פערקריפּעלטע דורך דער צוטיילונג פון דער אַרבייט, זיינען אָט די אָרימע טייוואָלים אַזוי ווייניג ווערטה אויסערהאַלב זייער אַלטען אַרבייטס־קרייז, אַז זיי האָבען אין ערגעץ קיין צוטריט ניט, אַ חוץ אין איינינגע נידעריגע אַרבייט־צווייגען, וועלכע זיינען צוליעב זייער איינפאַכקייט שטענדיג איבערפילט און שלעכט בעצאָהלט.[215]

---

[215] ריקאַרדאָ'ס אַ תלמיד בעמערקט וועגען דעם ענין אַנטקעגען דזש. ב. סעי'ס פּלוידערייען: „אין אַ ענטוויקעלטער צוטיילונג פון דער אַרבייט קאַן דעם אַרבייטער'ס געשיקטקייט בענוצט ווערן נאָר אין דעם ספּעציעלען צווייג, אין וועלכען ער האָט זי ערוואָרבען. זיי אַליין זיינען אַ סאָרט מאַשין. עס העלפט דעריבער אַבסאָלוט גאָרנישט צו פּלאַפּלערן ווי אַ פּאַפּוגיי, אַז אָט די אַלע זאַכען האָבען אַ טענדענץ צו געפינען זייער אויסגלייכונג. מיר מוזען זיך אַרומקוקען און זעהן, אַז אַ לאַנגע צייט קאָנען זיי גאָרניט געפינען זייער אויסגלייכונג; און ווען זיי געפינען זי יאָ, שטעהט דאָס ניוואָ נידריגער איידער ביים אָנפאַנג פון'ם פּראָצעס. ("An Inquiry into those Principles respecting the Nature of Demand etc."' London 1821, p. 72.)

בער פאַר זיי ניט אַלס קאַפּיטאַל, נאָר אַלס סחורות, און זיי אַליין עקזיסטירן פאַר די דאָזיגע סחורות ניט אַלס לוין־אַרבייטער, נאָר אַלס קויפער. דער אומשטאַנד, וואָס די מאַשינעריע האָט זיי „אַרויסגעשטעלט פריי" פון קויף־מיטלען, פערוואַנדעלט זיי פון קויפער אין ניט־קויפער. דעריבער ווערט קלענער די נאָכפראַגע אויף די דאָזיגע סחורות. דאָס איז אַלעס.

אויב אָט די פערקלענערטע נאָכפראַגע גלייכט זיך אויס דורך אַ פערגרעסערטער נאָכפראַגע פון אַנאַנדער זייט, פאַלט דער מאַרק־פרייז פון די וועניגער־פערלאַנגטע סחורות. איז דאָס אפשר אַ גרונד צו בעוועגען דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז פערטאָן אין דער פראָדוקציאָן פון יענע לעבענסמיטלען, אַז ער זאָל בעשעפטיגען די אַרבייטסלאָז־געוואָרענע טאַפּעטען־אַרבייטער? אין גענענטייל, אויב יענע געפאַלענע פרייזען האַלטען אָן אַ לענגערע צייט, וועט מען זיך נעהמען אַרונטערזעצען די לוינען פון די אַרבייטער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין דער פראָדוקציאָן פון יענע סחורות. אויב דער דוחק אין אָבזאַץ פון די נויטווענדיגע לעבענסמיטלען דויערט אַ לענגערע צייט, וועט אַ טייל קאַפּיטאַל, וואָס איז געווען אָבגע־געבען אויף זייער פראָדוקציאָן, זיך ציהען צוריק און זוכען אַ פער־ווענדונג ערגעץ אַנדערשוואו. בעת עס פאַלען די מאַרק־פרייזען און קאַפּיטאַל בייט זיין פּלאַץ, ווערן אויך די אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער פראָדוקציאָן פון די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען, „בעפרייט" פון אַ טייל פון זייער לוין. פאָלגליך, אנשטאָט צו בעווייזען, אַז ווען די מאַשינעריע שטעלט פריי די אַרבייטער פון לעבענסמיטלען, פערוואַנדעלט זי גלייכצייטיג די דאָזיגע לע־בענסמיטלען אין קאַפּיטאַל, וועלכער בעשעפטיגט די אַרבייטער, בעווייזט דער הערר אַפּאָלאָגעט [דער פערטיידיגער פון קאַפּיטאַל] מיט דעם פעסטען געזעץ פון נאָכפראַגע און אָנבאָט אַקוראַט פער־קעהרט, אַז די מאַשינעריע וואַרפט אַרויס די אַרבייטער אויף'ן גאַס ניט נאָר אין דעם פראָדוקציאָנס־צווייג וואו זי ווערט איינגעפיהרט, נאָר אויך אין די פראָדוקציאָנס־צווייגען וואו זי ווערט ניט איינ־געפיהרט.

די ווירקליכע פאַקטען, וועלכע ווערן פערדרעהט פון דעם עקאָ־נאָמישען אָפּטימיזם, זיינען די: די אַרבייטער, וועלכע די מאַשי־

אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט; פאַר זיך אַליין איז זי אַ נצחון פון מענשען איבער דער נאַטור־קראַפט, בעת קאַפּיטאַליסטיש אָנגעווענדעט אונטעריאָכט זי דעם מענשען דורך דער נאַטור־קראַפט; פאַר זיך אַליין פערמעהרט זי דאָס רייכטום פון'ם פּראָדוצירער, בעת קאַפּיטאַליסטיש אָנגעווענדעט פעראָרימט זי איהם א.אז.וו.— דערקלערט פּשוט דער בורזשואַזער עקאָנאָם, אַז די אַלע פאַר־זיך בעטראַכטונגען פון דער מאַשינעריע בעווייזען קלאָר ווי דער טאָג, אַז יענע אַלע אויבען־אויפיגע ווידערשפּרוכען זיינען בלויז אַ פערבלענדעניש פון דער געמיינער ווירקליכקייט, אָבער פאַר זיך אַליין און בכן אויך אין דער טעאָריע זיינען זיי גאָרניט פאַראַנען. ער שפּאָרט זיך איין אויף דעם אופן אַלע ווייטערע קאָפּ־דרעהענישען, און מאַכט נאָך אַ חוץ דעם זיין געגנער צום נאַרן, אַזוי ווי יענער וואָלט בעקעמפט ניט די קאַפּיטאַליסטישע אָנווענדונג פון דער מאַשינעריע, נאָר די מאַשינעריע גופא.

דער בורזשואַזער עקאָנאָם לייקענט בשום אופן ניט, אַז דערביי קומען אויך אַרויס צייטווייליגע אונאַנגענעהמליכקייטען; אָבער וואו געפינט זיך דען אַ מעדאַל אָהן אַ לינקער זייט! און אַנאַנדער אויסנוצונג פון מאַשינעריע אויסער אַ קאַפּיטאַליסטישע איז פאַר איהם אונמעגליך. עקספּלואַטירן דעם אַרבייטער דורך דער מאַשין איז פאַר איהם אַלץ איינס ווי עקספּלואַטירן די מאַשין דורך דעם אַרבייטער. איז דעריבער, ווער עס דעקט אויף דעם ווירקליכען צושטאַנד אין דעם קאַפּיטאַליסטישען געברויך פון מאַשינעריע, דער וויל איבערהויפּט ניט, מען זאָל זיך בענוצען מיט מאַשינעריע, דער איז אַ געגנער פון סאָציאַלען פּראָגרעס![216]

[216] אַ מייסטער אין דעם סאָרט העזה'דיגען קרעטיניזם איז צווישען אַנדערע מאַקקולאָך. ער זאָגט צום ביישפּיעל מיט דער געמאַכטער נאַאיוויטעט פון אַ 8־יאָהריגען קינד: „אויב עס איז פאָרטיילהאַפט צו ענטוויקלען וואָס מעהר דעם אַרבייטער'ס געשיקטקייט, כדי ער זאָל זיין בכח צו פּראָדוצירן אַ שטענדיג גרעסערן סכום סחורות מיט דעמזעלביגען אָדער נאָך אַ קלענערן סכום אַרבייט, דאַן מוז עס אויך זיין פאָרטיילהאַפט, אַז ער זאָל זיך בענוצען מיט דער הילף פון אַזעלכע מאַשינעריע, וועלכע אונטערשטיצט איהם אַם ווירקזאַמסטען צו דערגרייכען דעם דאָזיגען רעזולטאַט.“ (MacCulloch, "Principles of Political Economy", London 1830, p. 166.)

אויסער דעם ציהט יעהרליך צו יעדער אינדוסטריע־צווייג, ווי צום ביישפּיעל די טאַפּעטען־פאַבריקאַציע, אַ נייעם שטראָם מענשען, פון וועלכע אויסצופילען די לעדיג־געוואָרענע פּלעצער און צונעהמען נייע פאַר זיין רעגעלמעסיגען וואוקס. אַזויבאַלד ווי די מאַשינעריע מאַכט פריי אַ טייל ארבייטער, וואָס זיינען ביז אהער געווען בעשעפטיגט אין אַ בעשטימטען אינדוסטריע־צווייג, ווערן אויך אָבגעצויגען די קאַנדידאַטען אויף די לעדיגע פּלעצער פון דעם אינדוסטריע־צווייג, פאַר וועלכען זיי זיינען געווען בעשטימט, און ווערן ביסלעכווייז אויפגענומען אין אַנדערע ארבייט־צווייגען, בעת די אורשפּרינגליכע קרבנות ווערן אין דער איבערגאַנג־צייט גרעסטענטיילס פערלאָזט און פערלאָרן.

עס איז גאַנץ געוויס אַן אונצווייפעלהאַפטער פאַקט, אַז די מאַשינעריע פאַר זיך אַליין איז ניט פעראַנטוואָרטליך פאַר די לייַדען, וואָס זי ברענגט מיט זיך. עס איז ניט איהר שולד, אויב זי „זעצט ארויס פריי“ דעם ארבייטער אונטער די היינטיגע אומשטענדען און רייסט איהם אָב פון זיינע לעבענסמיטלען. זי מאַכט וועלוועלער און פערמעהרט דעם פּראָדוקט אין דעם צווייג, וואָס זי כאַפּט ארום, און לאָזט אין אָנהויב די מאַסע לעבענסמיטלען, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין אַנדערע צווייגען, אומפערענדערט. די געזעלשאַפט בעזיצט אַלזאָ נאָכדעם, אַזוי גוט ווי פריהער איידער זי איז איינגעפיהרט געוואָרן, פּונקט אַזויפיעל, אָדער מעהר, לעבענסמיטלען פאַר די פריי ארויסגעזעצטע ארבייטער, שוין ניט נעהמענדיג אין בעטראַכט דעם אונגעהויערן טייל פּראָדוקטען, וואָס די ניט־אַרבייטער פערשווענדען. אין דער ערקלערונג פון אָט דעם פאַקט גלענצט זעהר העל דער שעהן־פאַרבענדער גייסט פון די עקאָנאָמען. די ווידערשפּרוכען און געגענזאַצען, וואָס לאָזען זיך ניט אָבטיילען פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג פון דער מאַשינעריע, עקזיסטירן ניט, ווייל זיי וואַקסען ניט ארויס פון דער מאַשינעריע גופא, נאָר פון איהר קאַפּיטאַליסטישער אָנווענדונג! אַזוי ווי אָבער די מאַשינעריע פאַר זיך אַליין בעטראַכטעט פערקירצט די ארבייט־צייט, בעת קאַפּיטאַליסטיש אָנגעווענדעט פערלענגערט זי דעם ארבייטס־טאָג; פאַר זיך אַליין פערלייכטערט זי די ארבייט, בעת קאַפּיטאַליסטיש אָנגעווענדעט פערגרעסערט זי די

פון דער אָנווענדונג פון מאַשינעריע. אַ חוץ דעם וואָלט דער מאַשין־פּראָדוקט געווען פונקט אַזוי טייער אָדער נאָך טייערער איידער דער האַנד־פּראָדוקט. אַנשטאָט אָבער צו בלייבען דערזעלביגער סכום, וואַקסט די גאַנצע מאַסע מאַשין־אַרטיקלען, וואָס ווערן פּראָדוצירט פון אַ פערקלענערטער צאָהל אַרבייטער, פּאַקטיש ווייט אַריבער דעם סך הכל פון די אַרויסגעשטופּטע האַנדווערק־אַרטיקלען. לאָמיר אָננעהמען, אַז 400,000 עלען מאַשין־געוועב וואָלטען געקאָנט פּראָדוצירט ווערן פון ווייניגער אַרבייטער איידער 100,000 עלען האַנד־געוועב. אין דעם פיער מאָל פערגרעסערטען פּראָדוקט שטעקט פיער מאָל מעהר רויה־מאַטעריאַל, אַ שטייגער וואָל. די פּראָדוקציאָן פון דעם רויה־מאַטעריאַל מוז אַלזאָ פיער מאָל פערגרעסערט ווערן. וואָס איז שייך אָבער צו די פערצעהרטע אַרבייט־מיטלען, ווי געביידען, קויהלען, מאַשינען א.אז.וו., ענדערן זיך די גרעניצען, אין וועלכע עס קאָן וואַקסען די צוגעקומענע אַרבייט, וואָס איז נויטיג זיי צו פּראָדוצירן, לויט דעם חלוק צווישען דער מאַסע פונ׳ם מאַשין־פּראָדוקט און דער מאַסע פון דעם האַנד־פּראָדוקט, וואָס דיזעלביגע צאָהל אַרבייטער קאָן אַרויסגעבען.

ווען די מאַשין־פּראָדוקציאָן שפּרייט זיך אויס אין איין אינדוסטריע־צווייג, מוז דעריבער זיך פערגרעסערן די פּראָדוקציאָן צוערשט אין די אַנדערע צווייגען, וועלכע שטעלען איהם צו זיינע פּראָדוקציאָנס־מיטלען. ווי ווייט עס וואַקסט דורכדעם די בעשעפטיגטע צאָהל אַרבייטער, הענגט אָב, ווען די לענג פונ׳ם אַרבייטס־טאָג און די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט איז בעשטימט, פון דער צוזאַמענשטעלונג פון דעם אַריינגעלעגטען קאַפּיטאַל, דאָס הייסט פון דער פּראָפּאָרציע צווישען זיינע קאָנסטאַנטע און וואַריאַבלע בעשטאַנד־טיילען. די דאָזיגע פּראָפּאָרציע ווידער בייט זיך פיעל לויט דעם ערך אויף וויפיעל די מאַשינעריע האָט שוין פערכאַפּט אָדער האַלט אין פערכאַפּען יענע אינדוסטריען גופא. די צאָהל מענשען, וואָס זיינען פעראורטיילט צו אַרבייטען אין די קויהלען־ און מעטאַל־מינען, איז אונגעהויער געוואַקסען מיט דעם פאָרטשריט פון דעם ענגלישען מאַשין־סיסטעם, הגם אין דעם לעצטען צעהנדליג יאָהר איז דער דאָזיגער וואוקס געווען לאַנגזאַמער

דאָס איז פּונקט ווי דער בעריהמטער גאָרגעל־שניידער ביל סייקס וואָלט גע׳טענה׳ט: „מיינע הערען געשוואָרענע, עס איז קיין צווייפעל ניט, אז דעם קאָמי וואָיאזשאָר׳ס האַלז איז איבערגע־שניטען געוואָרן. דער פאַקט איז אָבער ניט מיין שולד; עס איז די שולד פון דעם מעסער. זאָלען מיר אָבער צוליעב אַזעלכע צייט־ווייליגע אונאַנגענעהמליכקייטען אָבשאַפען דעם געברויך פון מע־סערס? בעקלערט זיך נאָר! וואָס וואָלט געוואָרן פון דעם אַקער־בוי און פון האַנדווערק אָהן מעסערס? ברענגט ניט דער מעסער פיעל הילף אין דער כירורגיע, און בעלעהרונג אין דער אַנאַטאָמיע? און איז ער ניט דערצו אַ געווינשטער העלפער ביי אַ פרעהליכער סעודה? שאַפט אָב דעם מעסער—און איהר שליידערט אונז צוריק אין דער טיעפסטער באַרבאַריי!" [216*]

הגם די מאַשינעריע שטופּט נויטיגערוייז אַרויס אַרבייטער אין די אַרבייט־צווייגען וואו זי ווערט איינגעפיהרט, קאָן זי פונדעסט־וועגען אַרויסרופען אַ פערגרעסערטע בעשעפטיגונג אין אַנדערע צווייגען. אַזאַ ווירקונג האָט אָבער גאָרנישט געמיינשאַפטליכעס מיט דער אַזויגערופענער טעאָריע פון קאָמפּענסאַציע.

אַזוי ווי יעדער מאַשין־פּראָדוקט, צום ביישפּיעל אַן על מאַשין־געוועב, איז וועלכער איידער דער האַנד־געמאַכטער פּראָדוקט פון דעמזעלבען סאָרט, וועלכען ער האָט אַרויסגעשטופּט, פאָלגט דער־פון גאַנץ קלאָר, ווי אַן אַבסאָלוטעס געזעץ: אויב דער גאַנצער סכום מאַשינענמעסיג־פּראָדוצירטע אַרטיקלען בלייבט גלייך צו דעם גאַנצען סכום אַרטיקלען, וואָס זיינען פריהער פּראָדוצירט געוואָרן דורך האַנדווערק אָדער מאַנופאַקטורמעסיג, דאַן פערקלענערט זיך דער סך הכל פון דער בעשעפטיגטער אַרבייט. די צוגעקומענע אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך אַ שטייגער פאַר דער פּראָדוקציאָן פון דעם אַרבייט־מיטעל גופא, מאַשינעריע, קויהלען א.אז.וו., מוז זיין קלענער איידער די אַרבייט־פערמינערונג, וואָס איז אַ פּועל יוצא

216* „דער ערפינדער פון דער שפּינ־מאַשין האָט רואינירט אינדיען, דאָך אהרט עס אונז וועניג." (א. טהיער, „דע לא פּראָפּריעטע", פּאַריז 1848.) דער גרויסער שטאַאטסמאַן פערבייט דאַ די שפּינ־מאַשין מיט דעם מעכאַנישען וועב־שטוהל, „וואָס עס אהרט אונז אויך וועניג."

אקער־לאַנד אין לאָנקעס צו פיטערן שאָף, האָט ארויסגערופען אַ מאַסענהאַפטע פעריאָגונג פון די ערד־אַרבייטער און זיי געמאַכט „איבעריג“. אירלאַנד מאַכט נאָך איצט דורך דעם פּראָצעס, און איהר בעפעלקערונג, וועלכע איז זינט 1845 פערקלענערט געוואָרן אויף אַ העלפט, ווערט נאָך ווייטער רעדוצירט גענוי אין דער מאָס, וואָס שטימט מיט די בעדערפעניסען פון איהרע לענדלאָרדס און פון די ענגלישע הערען וואָל־פאַבריקאַנטען.

ווען די מאַשינעריע כאַפּט ארום די פּאָר־שטופען אָדער צווי־שען־שטופען, וואָס אַן ארבייט־געגענשטאַנד דאַרף דורכמאַכען ביז ער בעקומט זיין לעצטע פאָרם, דאַן פערמעהרט זיך צוזאַמען מיט דעם אַרבייט־מאַטעריאַל אויך די נאָכפראַגע אויף ארבייט אין די פּראָדוקציאָנען, וואָס ווערען נאָך בעטריבען האַנדווערקמעסיג אָדער מאַנופאַקטור־מעסיג. אין וועלכע די דאָזיגע מאַשין־פאַבריקאַטען געהען אריין. די מאַשין־שפּינערייַ צום ביישפּיעל שטעלט צו די גאַרן אַזוי ווּאָלוועל און אַזוי פּיעל, אַז די האַנד־וועבער האָבען אין אָנהויב געקאָנט ארבייטען די פולע צייט אָהן אַ פערגרעסערטען אויסלאָג. אויף דעם אופן איז געשטיגען זייער הכנסה.[220] דעריבער איז געווען אַזאַ צופלוס פון מענשען אין די באַוועל־וועבערייַ, ביז די 800,000 באַוועל־וועבער, וועלכע זיינען אין ענגלאַנד צום ביי־שפּיעל ארויסגערופען געוואָרן אין לעבען דורך דער „דזשעני“, „טראָסל“ און „מיול“, צום סוף ווידער דערשלאָגען געוואָרן דורך דעם דאַמף־וועבשטוהל. אַזוי איז מיט דעם איבערפלוס פון דער מאַשינענמעסיג פּראָדוצירטע קליידונג־שטאָפען געוואַקסען די צאָהל שניידער, קליידער־מאַכערינען, נעהטערקעס א.אז.וו., ביז עס האָט זיך בעוויזען די נעה־מאַשין.

[220] „אַ פאַמיליע פון 4 דערוואַקסענע פּערזאָן (באַוועל־וועבער) מיט 2 קינדער אַלס וויקלער האָבען פערדיענט, אין ענד פון לעצטען י.ה. און אַנפאַנג פון דעם איצטיגען י.ה. 4 פונט סט. ביי אַ צעהן־שטונדיגען ארבייטס־טאָג; ווען עס איז געווען זעהר פּיעל אַרבייט, האָבען זיי געקאָנט פערדיענען נאָך מעהר . . . פריהער פלעגען זיי שטענדיג ליידען, ווייל זיי האָבען ניט געקאָנט קריגען גענוג גאַרן.“ (Gaskell, “The Manufacturing Population of England”, London 1883, p. 25—27.)

דורך דעם געברויך פון נייער מאַשינעריע אין דער מינען־אַרבייט.[217] מיט דער מאַשין ווערט געבאָרן אַ נייער סאָרט אַרבייטער—איהר פּראָדוצירער. מיר ווייסען שוין, אַז די מאַשין־פּראָדוקציאָן בע־הערשט וואָס ווייטער אַלץ אויף אַ גרעסערן מאָסשטאַב אָט דעם פּראָדוקציאָנס־צווייג גופא.[218] ווייטער, וואָס איז שייך דעם רויה־מאַטעריאַל,[219] איז צום ביישפּיעל גאָר קיין ספק ניט, אַז די ראַ־שיגע ענטוויקלונג פון דער באַוועל־שפּינערייי האָט שטאַרק סטימו־לירט די קולטיווירונג פון באַוועל אין די פעראייניגטע שטאַאטען און צוזאַמען מיט איהר, ניט נאָר דעם אַפריקאַנער שקלאַווען־האַנ־דעל, נאָר עס האָט אויך געמאַכט די נעגער־צוכט פאַר דעם הויפּט־געשעפט פון די אַזויגערופענע גרעניץ־שקלאַווען־שטאַאטען. ווען דער ערשטער שקלאַווען־צענזוס איז גענומען געוואָרן אין די פער־אייניגטע שטאַאטען, אין יאָהר 1790, האָט זייער צאָהל בעטראָפען 697,000 ; אין 1861 האָט די צאָהל געגרייכט אַרום 4 מיליאָן. פון דער אַנדער זייט איז ניט ווייניגער זיכער, אַז דאָס אויפבליהען פון דער מעכאַנישער וואָל־פאַבריק און די שטענדיגע פערוואַנדלונג פון

[217] לויט דעם צענזוס פון 1861 (לאנדאָן 1863, באנד 2) האט די צאהל בע־שעפטיגטע ארבייטער אין די קויהלען־מינען פון ענגלאנד און וועלס בעטראָפען 246,613, פון וועלכע 73,546 זיינען געווען אונטער 20 יאהר אלט און 173,067 אריבער 20. אין דער ערשטער רובריק געהערן 835 פינף ביז צעהן־יעהריגע, 30,701 צעהן ביז פופצעהזיעהריגע, 42,010 פופצעהן ביז נײנצעהן־יעהריגע. די צאהל ארבייטער, וואס זיינען געווען בעשעפטיגט אין די אייזען־, קופער־, בליי־, ציין־ און אלע אנדערע מעטאל־מינען, האט בעטראָפען 319,222.

[218] אין ענגלאנד און וועלס זיינען אין יאהר 1861 געווען בעשעפטיגט אין דער פראָדוקציאָן פון מאשינעריע 60,807 פערזאָן, אריינגערעכענט די פאבריקאנ־טען מיט זייערע קאמיס, מיט אלע אגענטען און האנדעלסלייט פון דעם פאך. דאגעגען זיינען פון דער צאהל אויסגעשלאסען די פראָדוצירער פון קלענערע מאשינען, ווי נעה־מאשינען א.אז.וו., אזוי אויך די פראָדוצירער פון ווערקציינג פאר די ארבייט־מאשינען, ווי שפינדלען א.אז.וו. די צאהל פון אלע ציוויל־אינזשעניערען האט בעטראָפען 3,329.

[219] אזוי ווי אייזען איז איינער פון די וויכטיגסטע רויה־שטאָפען, דארף מען דא בעמערקען, אז אין יאהר 1861 זיינען אין ענגלאנד און וועלס געווען 125,771 אייזען־גיסער : 123,430 מענער און 2,341 פרויען. פון די ערשטע זיינען געווען 30,810 אונטער 20 יאהר, 92,620 איבער 20 יאהר אלט.

אינדוסטריע א גרעסערע מאסע פרעמדע רויה־שטאפען, טייל־פראָ־דוקטען, האלב־פאבריקאטען א.אז.וו. אלס פראָדוקציאָנס־מיטלען. צוזאמען מיט די דאָזיגע בעציהונגען פון וועלט־מארק שטייגט די ארבייט־נאָכפראגע אין דער טראנספאָרט־אינדוסטריע, וועלכע שפאלט זיך אין פיעלע נייע אונטער־מינים.[222]

די פערמעהרונג פון פראָדוקציאָנס־מיטלען און פון לעבענס־מיטלען דורך א רעלאטיוו קלענערער צאָהל ארבייטער טרייבט צו אן אויסשפרייטונג פון דער ארבייט אין אזוינע אינדוסטריע־צווייגען, וואָס זייערע פראָדוקטען וועלען טראָגען פרוכט ערשט אין דער ווייטער צוקונפט, ווי למשל בויען קאנאלען, דאָקען, טונעלען, ברי־קען א.אז.וו. סיי דירעקט אויפ'ן יסוד פון דער מאשינעריע, אָדער מחמת דער אלגעמיינער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, וואָס זי איז גורם, בילדען זיך אויס גאנץ נייע פראָדוקציאָנס־צווייגען און פאָלג־ליך נייע ארבייט־פעלדער. זייער טייל פלאַץ אָבער אין דער כלל־פראָדוקציאָן איז אפילו אין די העכסט־ענטוויקעלטע לענדער בשום אופן ניט קיין בעדייטענדער. די צאָהל ארבייטער, וואָס זיי בע־שעפטיגען, שטייגט אין א דירעקטער פראָפּאָרציע צו דער נויט־ווענדיגקייט, וואָס זיי שאפען אין די גרעבסטע האנד־ארבייט. אלס הויפט־אינדוסטריען פון דעם סאָרט קאָן מען געגענווערטיג בע־טראכטען גאז־ווערק, טעלעגראפיע, פאָטאָגראפיע, דאמף־שיף נא־וויגאציע און אייזענבאהנען. דער צענזוס פון 1861 (פאר ענגלאנד און וועלס) גיט אָן אין דער גאז־אינדוסטריע (גאז־ווערק, פראָדוק־ציאָן פון מעכאנישע אפאראטען, אגענטען פון די גאז־קאָמפאניען א.אז.וו.) 15,211 פערזאָנען, טעלעגראפיע 2,399, פאָטאָגראפיע 2,366, דאמף־שיף־דיענסט 3,570 און אייזענבאהנען 70,599, צווישען וועלכע עס געפינען זיך אומגעפעהר 28,000 מעהר אָדער ווייניגער שטענדיג בעשעפטיגטע „אונגעשיקטע" ערד־גראָבער, א חוץ דעם גאנצען אדמיניסטראטיווען און קאָמערציעלען פערזאָנאל. דער סך־הכל, אלזאָ, פון אלע בעשעפטיגטע אין די דאָזיגע פינף נייע אינ־דוסטריען בעטרעפט 94,145.

[222] אין יאהר 1861 זיינען אין ענגלאנד און וועלס געווען 94,665 מאטראָזען בעשעפטיגט אין דער האנדעלס־מארין.

אין דעם ערך וואָס עס שטייגט די מאַסע רויה־שטאָפען, האַלב־פאַבריקאַטען, אַרבייט־אינסטרומענטען א.אז.וו., וועלכע די מאַשין־פּראָדוקציאָן שטעלט־צו מיט אַ פערהעלטניסמעסיג קליינער צאָהל אַרבייטער, זונדערט זיך אָב די בעאַרבייטונג פון די דאָזיגע רויה־שטאָפען און האַלב־פאַבריקאַטען אין אָהן אַ צאָהל אונטער־מינים; עס וואַקסט, הייסט עס, די פיעלפאַכיגקייט פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־צווייגען. די מאַשין־פּראָדוקציאָן טרייבט די געזעל־שאַפטליכע צוטיילונג פון דער אַרבייט ניט אָן ערך ווייטער איידער די מאַנופאַקטור, ווייל זי פערמעהרט אין ניט אָן ערך העכערן גראַד די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון די מלאָכות, וואָס זי האָט פערכאַפּט.

דער דירעקטער רעזולטאַט פון דער מאַשינעריע איז צו פער־גרעסערן דעם מעהרווערטה און צוגלייך די פּראָדוקטען־מאַסע, אין וועלכער ער שטעלט זיך אַרויס; מיט דעם סובסטאַנץ, הייסט עס, פון וואַנען דער קאַפּיטאַליסטען־קלאַס און זיינע נאָכשלעפּער לעבען, ווערן אויך פערגרעסערט די דאָזיגע געזעלשאַפט־שיכטען גופא. זייער וואַקסענדער רייכטום און די רעלאַטיוו שטענדיג־פאַלענדע צאָהל אַרבייטער, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן די ערשטע לע־בענסמיטלען, שאַפען צוזאַמען מיט נייע לוקסוס־בעדערפעניישען אויך נייע מיטלען זיי צו בעפריעדיגען. אַ גרעסערער טייל פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטען ווערט פערוואַנדעלט אין איבערפלי־סיגע (סורפלוס) פּראָדוקטען, און אַ גרעסערער טייל פון די איבער־פליסיגע פּראָדוקטען ווערט אין פערפיינערטע און פערפיעלפאַכטע פאָרמען רעפּראָדוצירט און פערצעהרט. מיט אַנדערע ווערטער, די לוקסוס־פּראָדוקציאָן וואַקסט.[221] די פערפיינערונג און פערפיעלפאַ־כונג פון די פּראָדוקטען קומען אויך אַרויס פון די נייע בעציהונגען פונ׳ם וועלט־מאַרק, וואָס די גרויס־אינדוסטריע בעשאַפט. עס ווערן ניט נאָר מעהר אויסלענדישע גענוס־מיטלען אויסגעטוישט אויף היי־מישע פּראָדוקטען, נאָר עס געהט אויך אַריין אין דער היימישער

[221] פ. ענגעלס אין „לאַגע דער אַרבייטענדען קלאַססע אין ענגלאַנד" ווייזט אָן אויף דעם יאָמערליכען צושטאַנד פון אַ גרויסען טייל פון גראַד אָט די לוקסוס־אַרבייטער. זעהר פיעלע נייע פאַקטען וועגען דעם געפינען זיך אין די בעריכטען פון דער „טשילדרענ׳ס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן".

אויוןענס, וואלצווערק א.אז.וו.) און מעטאל־מאנופאקטורען
פון אלערליי סארטען — — — — — — — — — — — 396,998 [224]
דער דיענער־קלאס — — — — — — — — — — — — — — 1,208,648 [225]

ווען מיר רעכענען צוזאמען די בעשעפטיגטע אין אלע טעקסטיל־פאבריקען מיט די וואס זיינען בעשעפטיגט אין די קויהלען־ און

---

[224] דערפון זיינען פון ווייבליכען געשלעכט 30,501.

[225] דערפון זיינען פון מענליכען געשלעכט 137,447. פון די 1,207,648 זיינען אויסגעשלאסען אלע וואס דיענען ניט אין פריוואט־הייזער.

הוספה צו דער 2טען אויסגאבע. פון 1861 ביז 1870 האט זיך די צאהל פון מענליכע דיענער כמעט פערטאפעלט. זי איז אויסגעוואקסען ביז 267,671. אין יאהר 1847 זיינען געווען 6294 ווילד־היטער (פאר די אריסטאקראטישע געיעג־פארקען), אין יאהר 1869 דאגעגען—4921. די יונגע מיידלעך, וואס דיענען ביי די לאנדאנער קליינע שפיזבירגער, הייסען אויף דער פאלקס־שפראך „ליטל סלייוויעס“, קליינע שקלאווען.

[אין מארקס׳עס האנד־עקזעמפלאר פון דער 1טער אויפלאגע געפינט זיך פערצייכענט די פאלגענדע ציטאטע פון דעם „איווענינג סטאר“, פון 11טען סעפט. 1868: „דער אופן ווי אזוי גאנץ יונגע דיענסט־מיידלעך ווערן געפייניגט פון איבער־ארבייט איז א שאנדע פאר זייערע באלעבאסטעס. צופעליג קען איך א סך פון די דאזיגע „שקלאפינען“, ווי אנדערע רופען זיי אן, און איך האב אויף זיי רחמנות פון גאנצען הארצען. זיי מוזען פריה אויפשטעהן און ארבייטען ביז שפעט אין דער נאכט. זיי שלאפען אין א קעלער־צימער פול מיט אונגעציפער, אדער אין דאך־קאמערן צוזאמען מיט די ראטצען. זיי עסען וואס בלייבט פון טיש. זיי ווערן בעשימפט, פערפאלגט פון די יונגע זיהנדלעך פון הויז און געפלאגט פון 4 אדער 5 קינדער; מען שיקט זיי אין אלע שלעכטע וועטערן נאך ביער, און אפטמאל קריגען זיי קלעפ פון זייער דערצארנטע באלעבאסטע. וואכענלאנג לאזט מען זיי ניט געהן אין קירך. מען צאהלט זיי אן עלענדען געהאלט, און ווען זיי ווערן קראנק שיקט מען זיי אוועק צו זייער פאמיליע, אויב זיי האבען א פאמיליע, אויב ניט, איז אין שפיטאל אדער אין ארמען־הויז. קיין וואונדער ניט, וואס עס ווערט זיי מיאוס די אנשטענדיגע ארבייט און בעשליסען זיך „צו געהן צום טייוועל“, וואס זיי, די ארימע קליינע שקלאווען, טהוען דאס גערן. איך האב זיי געזעהן וויינענדיג, ווען זיי האבען מיר דערצעהלט פון זייערע ליידען, פון די שלעג, פון דעם הונגער און דער קעלט, וואס זיי זיינען אויסגעשטאנען, ווי זיי זיינען ארויסגעטריעבן געווארן פון „פלאץ“, ווען זיי זיינען קראנק געווארן, ווי זיי האבען דאן געלעבט פערקויפענדיג זייערע קליידער, און ווי זיי זיינען צום סוף, ווען אלעס האט זיך אויסגעלאזט, געזונקען אין שמוץ און זינקען זייט דאן אלץ טיעפער און טיעפער. ליידער זיינען פאראן ווייניג מענשען, וואס זאלען אויף זיי רחמנות האבען.“

ענדליך די אונגעוועהנליך־פערגרעסערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט אין די ספּערען פון דער גרויס־אינדוסטריע, בעגלייט ווי זי איז פון אַ אינטענסיוו און עקסטענסיוו געשטייגענער עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייט־קראַפט אין אַלע איבעריגע פּראָדוקציאָנס־ספּערען, גיט די מעגליכקייט צו פערווענדען אַ שטענדיג־גרעסערן טייל פון דעם אַרבייטער־קלאַס אונפּראָדוקטיוו, און אויף אַזאַ אופן צו רע־פּראָדוצירן אין אַלץ־גרעסערע מאַסען די אַלטע הויז־שקלאַווען אונ־טער'ן נאָמען „דער דיענענדער קלאַס", ווי בעדיענטע, הויז־מיידלעך, לאַקייען א.אַז.וו. לויט דעם צענזוס פון 1861 האָט די גאַנצע בע־פעלקערונג פון ענגלאַנד און וועלס געצעהלט 20,066,224 פּערזאָן, פון וועלכע 9,776,259 זיינען געווען מענער און 10,289,965 פרויען. ציהט מען דערפון אַראָב אַלע וואָס זיינען צו־אַלט אָדער צו־יונג צו אַרבייטען, אַלע „אונפּראָדוקטיווע" פרויען, יונגע פּערזאָנען און קינדער, דאַן די „אידיאָלאָגישע" שטאַנדען, ווי רעגיערונג־בעאַמטע, גייסטליכע, יוריסטען, מיליטער א.אַז.וו., ווייטער אַלע די, וואָס זייער איינציגע בעשעפטיגונג איז צו פערצעהרן פרעמדע אַרבייט אין דער פאָרם פון גרונד־רענטע, צינזען א.אַז.וו., ענדליך קבצנים, אַרומשלעפּער, פערברעכער א.אַז.וו., בלייבען אין רונדע צאָהלען 8 מיליאָן מענשען פון ביידע געשלעכטער און די פערשיידענע עלטערס, אריינרעכענענדיג אויך אַלע קאַפּיטאַליסטען, וועלכע פונקציאָנירן אויף אַ וועלכען עס איז אופן אין דער פּראָדוקציאָן, דעם האַנדעל, דער פינאַנץ א.אַז.וו. פון אָט די 8 מיליאָן קומט אויס: —

אַקערבוי־אַרבייטער (אריינרעכענענדיג די פּאַסטוכער און די קנעכט און דיענסטען וואָס וואוינען ביים פערמער) — —	1,098,261
אַלע וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די באַוועל־, וואָל־, וואַר־שטעד־, פלאַקס־, האַנף־, זייד־, דזשוט־פאַבריקען און אין די מעכאַנישע שטרומף־פאַבריקען און שפּיצען־פאַבריקאַציע	642,627 [223]
אַלע בעשעפטיגטע אין קויהלען־ און מעטאַל־מינען — — —	565,835
אַלע בעשעפטיגטע אין פערשיידענע מעטאַל־ווערקען (שמעלץ־	

---

[223] דערפון זיינען בלויז 177,596 פון מענליכען געשלעכט איבער 13 יאָהר.

בעקאנטע „פערפעקטיביליטע פערפעקטיבל“ [„פערפאלקאמונגס־פעהיגע פערפאלקאמונגס־פעהיגקייט“], וועלכע פוריע האט אזוי בייסיג אויסגעלאכט. ווי וועניג גאנילה פערשטעהט די בעוועגונג פון דער פראדוקציאן, פיהלט ער דאך וועניגסטענס, אז די מאשינעריע איז זעהר א געפעהרליכע איינריכטונג, אויב איהר איינפיהרונג פערוואנדעלט בעשעפטיגטע ארבייטער אין פאופערס און איהר ענטוויקלונג רופט ארויס אין לעבען מעהר ארבייט־שקלאווען איידער זי האט דערשלאגען. דעם קרעטיניזם [שמאל־קעפיגקייט] פון זיין אייגענעם שטאנדפונקט קאן מען נאר אויסדריקען אין זיינע אייגענע ווערטער: „די קלאסען, וועלכע זיינען פעראורטיילט צו פראדוצירן און צו קאנזומירן, פערמינערן זיך, און די קלאסען, וועלכע דירעקטירן די ארבייט, וועלכע העלפען דער גאנצער בעפעלקערונג, טרייסטען זי און קלערן זי אויף, זיי פערפיעלפאלכען זיך.... און נעהמען זיך צו אלע פארטיילען, וואס קומען ארויס פון די פערקלענערטע ארבייט־קאסטען, פון דער איבערפולקייט פון די סחורה־אוצרות און פון דעם ביליגען פרייז פון די קאנזום־ארטיקלען. געהענדיג אין אט דער ריכטונג, דערהויבט זיך דער מענשליכער מין ביז צו די העכסטע שעפפונגען פון זשעניע, ער דרינגט אריין אין די געהיימניש־פולע טיעפענישען פון דער רעליגיאן, ער בעפעסטיגט די היילזאמע פרינציפען פון דער מאראל (וועלכע בעשטעהט אין דעם, „צו נעהמען פאר זיך אלע פארטיילען א.אז.וו.“), די געזעצען צו בעשיצען די פרייהייט (די פרייהייט פאר די קלאסען, וועלכע זיינען פעראורטיילט צו פראדוצירן?) און די מאכט, די געהארכזאמקייט און די גערעכטיגקייט, די פליכט און די מענשליכקייט.“ [226]

אין אייניגע פעלען האט זיך שוין טאקע ארויסגעוויזען, צום ביישפיעל אין די ענגלישע וואורשטעד־ און זייד־פאבריקען, אז אויף א געוויסער שטופע פון ענטוויקלונג קאן א אויסערגעוועהנליכע אויסשפרייטונג פון פאבריק־צווייגען זיין פערבונדען ניט נאר

---

226 אט דעם קוואטש געפינט מען אין מ. ש. גאנילה, „דע סיסטעם ד׳עקאנאמיע פאליטיק עטצ.“, 2טע אויפלאגע, פאריז 1821, ב. 2, ז. 224. זעה אויך ד. נ., ז. 212.

מעטאַל־מינען, בעקומען מיר די צאָהל 1,208,442 ; רעכענען מיר זיי צוזאַמען מיט די אַרבייטער אין אַלע מעטאַל־ווערקען און מעטאַל־מאַנופאַקטורען, איז דער סך הכל 1,039,605—בײדע מאָל קלענער איידער די צאָהל פון די מאָדערנע הויז־שקלאַווען. וואָס פאַר אַן ערהאַבענער רעזולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטיש־אָנגעווענדעטער מאַשינעריע!

7. אָבשטויסונג און צוציהונג פון אַרבייטער מיט דער ענט־ווײקלונג פון מאַשינען־סיסטעם. די קריזיסען פון דער באַוועל־אינדוסטריע.

אַלע וויפיעל עס איז אנערקענטע פאָרשטעהער פון דער פּאָלי־טישער עקאָנאָמיע זיינען מודה, אַז די נייע איינפיהרונג פון מאַ־שינעריע ווירקט ווי אַ פעסט אויף די אַרבייטער אין די געבליבענע האַנדווערקען און מאַנופאַקטורען, מיט וועלכע די מאַשינעריע קאָנ־קורירט אין אָנהויב. כמעט אַלע בעקלאָגען די שקלאַווערייַ פון דעם פאַבריק־אַרבייטער. און וואָס איז דער גרויסער טרומף, וואָס זיי אַלע שפּיעלען? אַז די מאַשינעריע, נאָכדעם ווי די שרעקען פון איהר איינפיהרונג־ און ענטוויקלונג־פעריאָדע זיינען פאָראיבער, פערמעהרט סוף כל סוף די אַרבייט־שקלאַווען אנשטאָט זיי צו פערמינערן! יאָ, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע צוגעהט זיך פון שמחה אויפשטעלענדיג דעם שוידערליכען טהעאָרעם—שוידערליך פאַר יע־דען פילאַנטראָפּ, וועלכער גלויבט אין דער אייביגער נאַטור־נויט־ווענדיגקייט פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן—אַז אפילו די פאַבריק, וואָס איז שוין געגרינדעט אויף מאַשין־פּראָדוק־ציאָן, נאָך אַ בעשטימטער פעריאָדע פון וואַקסען, נאָך אַ קירצערער אָדער לענגערער „איבערגאַנגס־צייט“, מאַטערט אויס מעהר אַרביי־טער איידער זי האָט אין אָנהויב אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס.

גאַנילה איז אַן אויסנאַהם [פון די עקאָנאָמיסטען]. ער בע־טראַכט אַלס דעם ענד־רעזולטאַט פון דער מאַשינען־פּראָדוקציאָן אַן אַבסאָלוט פערקלענערטע צאָהל פון די אַרבייט־שקלאַווען, וואָס אויף זייער רעכנונג לעבט דאַן אַ פערגרעסערטע צאָהל פון די "Gens Honetes" [די „אנשטענדיגע לייט“] און ענטוויקלען זייער

וואוקס פון בעשעפטיגטע פאבריק־ארבייטער אפט נאר לפנים’דיג, דאס הייסט ער נעהמט זיך ניט פון דער אויסברייטונג פון דער פאבריק, וואס איז שוין געבויט אויף דער מאשין־פראדוקציאן, נאר פון דעם, וואס זייטיגע אינדוסטריען קניפען זיך אן ביסלעכווייז אן דער פאבריק. צום ביישפיעל, „די פערמעהרונג פון מעכאנישע וועבשטוהלען און פון די פאבריק־ארבייטער, וואס זיינען ביי זיי בעשעפטיגט, פון 1838 ביז 1858, האט זיך אין דער (בריטישער) באוועל־פאבריקאציע איינפאך גענומען פון דער אויסברייטונג פון דעם דאזיגען געשעפט־צווייג; אין די אנדערע פאבריקען, דאגעגען, איז די פערמעהרונג געקומען דורך דער נייערער אנווענדונג פון דאמף־קראפט אויף די וועבשטוהלען פון טעפיכען, באנטען און לייווענט, וועלכע זיינען פריהער געטריבען געווארן דורך מענשליכער מוסקול־קראפט.“ [229] דער וואוקס אין צאהל פון אט די פאבריק־ארבייטער איז נאר געווען דער אויסדרוק פון א פערמינערונג אין דעם גאנצען סך הכל פון די בעשעפטיגטע ארבייטער. ענדליך לאזען מיר דא אינגאנצען אויס פון בעטראכט דעם פאקט, אז אור־מעטום, אויסער אין די מעטאל־פאבריקען, בעשטעהט דער וויים־גרעסטער עלעמענט פון דעם פאבריק־פערזאנאל פון יונגע ארביי־טער (אונטער 18 יאהר), פרויען און קינדער.

מען קאן פונדעסטוועגען בעגרייפען, אז טראץ דעם וואס די מאשין־פראדוקציאן האט פאקטיש ארויסגעשטופט און ווירטועל [לויט איהר ווירקונג] פערנומען דעם פלאץ פון א מאסע ארבייטער, קאנען די פאבריק־ארבייטער סוף כל סוף ווערן רייכער אין צאהל איידער די ארויסגעשטופטע מאנופאקטור־ארבייטער אדער האנד־ווערקער, סיי דורך דעם וואוקס פון דער מאשין־פראדוקציאן, וואס דריקט זיך אויס אין א פערמעהרטער צאהל פאבריקען פון דעמ־

אויס, אז די מאשינען טהוען די גאנצע ארבייט. אויף מיין אנפראגע האט מיר א פאבריקאנט געגעבען די פאלגענדע ערקלערונג: „אונטער דעם אלטען סיסטעם האב איך בעשעפטיגט 63 מענשען; איינפיהרענדיג פערבעסערטע מאשינעריע האב איך רעדוצירט די „הענד“ ביז 33, און לעצטענס אלס רעזולטאט פון נייע גרויסע פערענדערונגען בין איך געווען אימשטאנד צו רעדוצירן די 33 ביז 13.“

[229] „רעפארטס עטצ., אקטאבער 1856“, ז. 16.

מיט א רעלאַטיווער, נאָר מיט אַן אבסאָלוטער פערקלענערטער צאָהל בעשעפטיגטע ארבייטער. אין יאָהר 1860, ווען אויפ'ן בעפעהל פון פּארלאַמענט איז אויפגענומען געוואָרן א צענזוס פון אַלע פאַבריקען פונ'ם פערייניגטען קעניגרייך, האָט זיך איינגעפונען אין די פאַב־ריק־דיסטריקטען לאַנקאַשיר, טשעסיר און יאָרקשיר, וועלכע זיינען אריין אין דער אָבטיילונג פון דעם פאַבריק־אינספעקטאָר ר. בייקער, 652 פאַבריקען; 570 פון זיי האָבען ענטהאַלטען 85,622 דאַמף־וועבשטוהלען, 6,819,146 שפּינדלען (א חוץ די דובליער שפּינדלען); פערדקראַפט אין דאַמף־מאַשינען 27,439, אין וואַסער־רעדער— 1,390; בעשעפטיגטע פערזאָנען—94,119. דאַגעגען אין דעם יאָהר 1865 האָבען דיזעלבע פאַבריקען ענטהאַלטען: וועבשטוהלען 95,163, שפּינדלען 7,025,031, פערדקראַפט אין דאַמף־מאַשינען 28,925, אין וואַסער־רעדער 1445, בעשעפטיגטע פערזאָנען 88,913. פון 1860 ביז 1865 האָט, הייסט עס, אין די דאָזיגע פאַבריקען בעטראָפען דער צו־וואוקס אין דאַמף־וועבשטוהלען 11 פּראָצענט, אין שפּינדלען 3 פּראָצ., אין דאַמף־פערד־קרעפטען 5 פּראָצ., בעת די צאָהל בעשעפטיגטע פערזאָנען האָט זיך אין דערזעלבער צייט פערקלענערט אויף 5½ פּראָצ.[227] צווישען 1852 און 1862 איז פאָר־געקומען א היבשער צו־וואוקס אין דער ענגלישער וואָל־פאַבריקאַ־ציע, בעת די צאָהל בעשעפטיגטע ארבייטער איז געבליבען כמעט דיזעלביגע. „דאָס בעווייזט אין וואָס פאַר א גרויסער מאָס די ניי־איינגעפיהרטע מאַשינעריע האָט ארויסגעשטופּט די ארבייט פון די פריהערדיגע פעריאָדען."[228] אין איניגע פעלען איז דער צו־

[227] „רעפּאָרטס עטצ., אָקט. 1865", ז. 58. אין דערזעלביגער צייט איז שוין געשאַפען געוואָרן די מאַטעריעלע גרונדלאַגע פאַר דער בעשעפטיגונג פון א גרע־סערער צאָהל ארבייטער אין 110 נייע פאַבריקען מיט 11,625 דאַמף־וועבשטוהלען, 628,756 שפּינדלען, 2,695 דאַמף־ און וואַסער־פערדקראַפט. ד. ג.

[228] „רעפּאָרטס עטצ., אָקט. 1862", ז. 79.

הוספה צו דער צווייטער אויסגאַבע. סוף דעצעמבער 1871 האָט דער פאַבריק־אינספעקטאָר א. רעדגראַוו געזאָגט אין א פאָרטראַג, וואָס ער האָט געהאַלטען אין בראַדפאָרד, אין דער ניו מעקאַניקס אינסטיטושאַן: „וואָס מיר איז די לעצטע צייט אויפגעפאַלען, איז דאָס פערענדערטע אויסזעהען פון די וואָל־פאַב־ריקען. פריהער זיינען זיי געווען פול מיט פרויען און קינדער, איצט ווייזט

איז אויסגעלעגט אין ארבייט־קראַפט, פאַלט; און מיר ווייסען אויך צוגלייך, אַז אין קיין אַנדער פּראָדוקציאָנס־אופן קומען די פערבעסערונגען ניט פאָר אַזוי אָהן אַן אָבהאַלט ווי דאָ, פאָלגליך איז די צוזאַמענשטעלונג פון דעם גאַנצען קאַפּיטאַל אינערגעץ ניט אַזוי פערענדערליך. אָבער די דאָזיגע שטענדיגע פערענדערונג ווערט פּונקט אַזוי שטענדיג אונטערבראָכען דורך פּעריאָדען פון רוה און דורך בלויז־קוואַנטיטאַטיווע אויסברייטערונגען אויף אַ געגעבענער טעכנישער גרונדלאַגע. דערמיט וואַקסט די צאָהל פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער. אַזוי האָט די צאָהל אַרבייטער אין די פאַבריקען פון באַוועל, וואָל, וואורשטעד, פלאַקס און זייד פונ׳ם פעראייניגטען קעניגרייך, אין יאָהר 1835, בעטראָפען נישט מעהר ווי 354,684, בעת אין 1861 האָט די צאָהל דאַמף־וועבער אליין (פוןביידע געשלעכטער און אין יעדען עלטער פון 8 יאָהר אָן) בעטראָפען 230,654. געוויס קוקט אויס דער דאָזיגער וואוקס וועניגער גרויס, ווען מען בעטראַכט, אַז די בריטישע האַנד־באַוועל־וועבער אינאיינעם מיט זייערע פאַמיליען, וועלכע זיי האָבען אליין בעשעפטיגט, האָבען נאָך אין יאָהר 1838 געצעהלט 800,000 פּערזאָן,[230] אַרויסלאָזענדיג פון חשבון די וואָס זיינען געווען אויסער אַרבייט אין אַזיע און אויפ׳ן אייראָפּעאישען קאָנטינענט.

אין די עטליכע בעמערקונגען, וואָס מיר האָבען נאָך צו מאַכען וועגען דעם פּונקט, וועלען מיר טיילוויז בעריהרען ריין פאַקטיש אַזוינע פערהעלטענישען, צו וועלכע אונזער טעאָרעטישע פאָרשונג גופא האָט נאָך ניט געפיהרט.

כל זמן די מאַשין־פּראָדוקציאָן שפּרייט זיך אויס אין אַ צווייג פון אינדוסטריע אויפ׳ן חשבון פון דער אַלטער האַנדווערק אָדער

[230] „די ליידען פון די האַנד־וועבער (פון באַוועלנע און מיט באַוועל־געמישטע שטאָפען) זיינען אונטערזוכט געוואָרן פון אַ קעניגליכער קאָמיסיע, אָבער הגם זייער עלענד איז אַנערקענט און בעדויערט געוואָרן, האָט מען פונדעסטוועגען איבערגעלאָזט די פערבעסערונג (!) פון זייער לאַגע צום צופאַל און דער ענדערונג וואָס די צייט קאָן ברענגען; מיר ווילען האָפען, אַז די דאָזיגע ליידען זיינען איצטער (20 יאָהר שפּעטער!) כמעט אויסגעלאָשען, און גאַנץ וואַהרשיינליך האָט דערצו בייגעטראָגען די גרויסע אויסברייטערונג פון די דאַמף־וועבשטוהלען.“ („רעפּאָרטס עטצ., אָקט. 1856“, ז. 15.)

זעלבען סאָרט, סיי דורך דעם בריימערן פערנעהם פון די עקזיסטי־רענדע פאַבריקען. אין דעם אַלטען פּראָדוקציאָנס־אופן, צום ביי־שפּיעל, בעשטעהט דער קאַפּיטאַל פון 500 פונט סט., וואָס ווערט פערוועגדט יעדע וואָך, פון ⅖ קאָנסטאַנטע און ⅗ וואַריאַבלע בע־שטאַנד־טיילען; דאָס הייסט, 200 פונט סט. זיינען אויסגעלעגט אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען און 300 פונט סט. אין אַרבייט־קראַפט, לאָמיר זאָגען, 1 פונט סט. פער אַרבייטער. אין דער מאַשין־פּראָ־דוקציאָן ענדערט זיך די צונויפשטעלונג פון דער קאַפּיטאַל־סומע. איצט צוטיילט ער זיך צום ביישפּיעל אין ⅘ קאָנסטאַנטע, און ⅕ וואַריאַבלען בעשטאַנד־טייל, אָדער עס ווערט איצט אויסגעלעגט נישט מעהר ווי 100 פונט סט. אויף אַרבייט־קראַפט, און ⅔ פון די פריהער־בעשעפטיגטע אַרבייטער ווערן אָבגעזאָגט. ווען דאָס דאָ־זיגע פאַבריק־געשעפט וואַקסט אויס, און דער גאַנצער אַריינגעלעג־טער קאַפּיטאַל פערגרעסערט זיך פון 500 אויף 1500 פונט סט., בעת די איבעריגע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען בלייבען דיזעלביגע, וועלען דאַן זיין בעשעפטיגט 300 אַרבייטער, פונקט אַזויפיעל ווי פאַר דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע. וואַקסט דער אַריינגעלעג־טער קאַפּיטאַל ווייטער ביז 2000 פונט סט., וועלען 400 אַרבייטער זיין בעשעפטיגט; הייסט עס, ⅓ מעהר איידער ביי דעם אַלטען פּראָדוקציאָנס־אופן. די בעשעפטיגטע צאָהל אַרבייטער איז גע־שטיגען אַבסאָלוט אויף 100, רעלאַטיוו אָבער, דאָס הייסט לפי ערך צו דעם גאַנצען אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל, איז זי געפאַלען אויף 800, וואָרים אַ קאַפּיטאַל פון 2000 פונט סט. וואָלט אין דעם אַלטען פּראָדוקציאָנס־אופן בעשעפטיגט 1200 אנטשאָט 400 אַרבייטער. אַ רעלאַטיווע פערקלענערונג פון דער בעשעפטיגטער צאָהל אַרביי־טער קאָן אַלזאָ געהן צוזאַמען מיט אַן אַבסאָלוטער פערגרעסערונג פון דער אַרבייטער־צאָהל.

מיר האָבען פריהער אָנגענומען, אַז מיט דעם וואוקס פון גאַנצען קאַפּיטאַל בלייבט זיין צוזאַמענשטעלונג דיזעלביגע, ווייל די פּראָ־דוקציאָנס־בעדינגונגען זיינען ניט געענדערט. מיר ווייסען שוין אָבער, אַז מיט יעדען פאָרטשריט פון מאַשינען־סיסטעם וואַקסט דער קאָנסטאַנטער טייל פון קאַפּיטאַל, וואָס בעשטעהט פון מאַשי־נעריע, רויה־מאַטעריאַל א.אַז.וו., בעת דער וואַריאַבלער טייל, וואָס

קאָמוניקאַציע ווי וואָפּען צו ערוֹבערן פרעמדע מערק. דורכדעם וואָס די מאַשין־פּראָדוקציאָן רואינירט זייערע האַנדוועקמעסיגע פּראָדוקטען, פערוואַנדעלט זי זיי [די דאָזיגע לענדער] איבער גע־וואַלט אין פּראָדוקציאָנס־פעלדער פאַר איהרע רויה־מאַטעריאַלען. אַזוי איז אָסט־אינדיען געצוואונגען געוואָרן צו פּראָדוצירן באַוועל, וואָל, האַנף, דזשוט, אינדיגאָ א.אַז.וו. פאַר גרויס־בריטאַניען.[232] דאָס שטענדיגע שאַפען פון „איבעריגע" ארבייטער אין די לענדער פון דער גרויס־אינדוסטריע רופט ארויס אַ שטאַרקע אויסוואַנדע־רונג און פיהרט צו אַ קאָלאָניזאַציע פון פרעמדע לענדער, וועלכע ווערן פערוואַנדעלט אין פּלאַנץ־פעלדער פון רויה־מאַטעריאַל פאַר'ן מוטער־לאַנד, ווי אויסטראַליע צום ביישפּיעל איז געוואָרן אַ פלאַנץ־פעלד פון וואָל.[233] עס ווערט געשאַפען אַ נייע אינטערנאַציאָנאַלע צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע איז צוגעפּאַסט צו די הויפּט־צענטערס פון דער מאַשין־פּראָדוקציאָן, וואָס פערוואַנדעלט איין טייל פון דעם ערד־קוגעל אין אַ הויפּטזעכליך אַגריקולטור־פּראָדוק־ציאָנס־פעלד, און אַנדער טייל הויפּטזעכליך אין אַ פעלד פאַר אינ־דוסטריעלער פּראָדוקציאָן. אָט די רעוואָלוציע איז פערבונדען מיט איבערקעהרענישען אין דער אַגריקולטור, וועלכע קאָנען דאָ נאָך ניט דערקלערט ווערן.[234]

---

[232] באַוועל־עקספּאָרט פון אָסט־אינדיע נאָך גרויס־בריטאַניען: אין 1846—34,540,143 פונט; אין 1860—204,141,168 פונט; אין 1865—445,947,600 פונט. וואָל־עקספּאָרט פון אָסט־אינדיע נאָך גרויס־בריטאַניען: אין 1846—4,570,581 פונט; אין 1860—20,214,173 פונט; אין 1865—20,679,111 פונט.

[233] וואָל־עקספּאָרט פון קייפּ אוו גוד האָופּ נאָך גרויס־בריטאַניען: אין 1846—2,958,457 פונט; אין 1860—16,574,345 פונט; אין 1865—29,920,623 פונט; וואָל־עקספּאָרט פון אויסטראַליע נאָך גרויס־בריטאַניען: אין 1846—21,789,346 פונט; אין 1860—59,166,616 פונט; אין 1865—109,734,261 פונט.

[234] די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון די פעראייניגטע שטאַאַטען איז גופא אַ פּראָדוקט פון דער אייראָפּעאישער, ספּעציעל פון דער ענגלישער גרויס־אינ־דוסטריע. אין איהר איצטיגער געשטאַלט (1867) מוזען זיי נאָך אַלץ בעטראַכט ווערן ווי אַ קאָלאָניאַל־לאַנד פון אייראָפּאַ. [ענגעלס בעמערקט אין דער 4טער אויפ־לאַגע: „זינט יענער צייט האָבען די פעראייניגטע שטאַאַטען זיך ענטוויקעלט אַלס דאָס צווייטע אינדוסטריע־לאַנד פון דער וועלט, ניט האָבענדיג פונדעסט־

פון דער מאַנופאַקטור, זיינען איהרע ערפאָלגען אזוי זיכער, ווי עס וואָלט אַ שטייגער געווען דער ערפאָלג פון אַן ארמעע, וואָס איז בעוואָפּענט מיט צינד־נאָדעל־געוועהר אַנטקעגען אַן ארמעע פון פייל און בויגענס. די דאָזיגע ערשטע פעריאָדע, אין וועלכער די מאַשין עראָבערט ערשט איהר ווירקונגס־קרייז, איז זעהר וויכטיג צוליעב די אויסערגעוועהנליכע פּראָפּיטען, וואָס זי העלפט פּראָדוצירן. די דאָזיגע פּראָפּיטען מאַכען אוים ניט נאָר אַ קוואַל פון שנעלער אקומולאַציע [אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל] אַן און פאַר זיך, נאָר זיי ציהען צו אין דער בעגינסטיגטער פּראָדוקציאָן־ספערע אַ גרויסען טייל פון דעם שטענדיג ניי־געשאַפענעם געזעלשאַפטליכען צוגעקומענעם קאַפּיטאַל, וואָס זוכט נייע אָנלאַגען. די ספּעציעלע פאָרטיילען פון דער ערשטער שטורם־ און דראַנג־פּעריאָדע ווידערהאָלען זיך שטענדיג אין יענע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, אין וועלכע די מאַשינעריע ווערט נאָר־וואָס איינגעפיהרט. אַזויבאַלד אָבער ווי דער פאַבריק־סיסטעם האָט שוין געוואונען אַן אָנהאַלט פון אַ געוויסער ברייט און אַ בעשטימטען גראַד פון רייפקייט; אזוי באַלד הויפּטזעכליך ווי זיין אייגענער טעכנישער באַזיס, די מאַשינעריע, ווערט אליין ווידער פּראָדוצירט דורך מאַשינען; אזוי באַלד ווי דאָס ארויסבעקומען פון קויהלען און אייזען, ווי אויך די בעארבייטונג פון די מעטאַלען און דער טראַנספּאָרט־סיסטעם ווערן רעוואָלוציאָנירט; איבערהויפּט ווי נאָר די געהעריגע אַלגעמיינע פּראָדוקציאָנס־בעדינגונגען ווערן איינגעשטעלט—בעקומט דער דאָזיגער פּראָדוקציאָנס־אופן אַן עלאַסטיציטעט, אַ פּלוצליכע, שפּרונג־אַרטיגע אויסשפּרייטונגס־פעהיגקייט, וועלכע געפינט איהר גרעניץ נאָר אין דעם רויה־מאַטעריאַל און אין דעם מאַרק וואו אָבצוזעצען די פּראָדוקטען. די מאַשינעריע רופט ארויס פון איין זייט אַ דירעקטע פערמעהרונג פון דעם רויה־מאַטעריאַל, ווי צום ביישפּיעל דער „קאָטאָן דזשין" האָט פערגרעסערט די באַוועל־פּראָדוקציאָן.[231] פון דער אַנדער זייט דיענען די ביליגקייט פון דעם מאַשינען־פּראָדוקט און דער רעוואָלוציאָנירטער סיסטעם פון טראַנספּאָרט און

[231] אַנדערע מעטאָדען, דורך וועלכע די מאַשינעריע האָט אַ ווירקונג אויף דער פּראָדוקציאָן פון רויה־מאַטעריאַל, ווערן דערמאָנט אין דריטען בוך.

פינף־יאָהריגע פעריאָדען און דער יאָהר 1866.

	1835-1831	1840-1836	1845-1841	1850-1846	1855-1851	1860-1856	1865-1861	1866
יעהרליכער דורכשניט אימפארט (אין קוואטערס) —	1,096,373	2,389,729	2,843,865	8,776,552	8,345,237	10,912,612	15,009,871	16,457,340
יעהרליכער דורכשניט עקספארט (קוואטערס) — —	225,363	251,770	139,056	155,461	307,491	341,150	302,754	216,318
דער עודף פון אימפארט איבער עקספארט אין א דורכשניט־יאהר (קוואטערס) —	871,010	2,173,959	2,704,809	8,621,091	8,037,746	10,572,462	14,707,117	16,241,022
בעפעלקערונג יעהרליכער דורכשניטס־צאהל אין יעדער פעריאדע — —	24,621,107	25,929,507	27,262,569	27,797,598		28,391,544	29,381,460	29,935,404
דורכשניטס־סכום פון קארן א. אז.וו. אין קוואטערס, פערצעהרט יעהרליך פער פערזאן אריבער דער היימישער פראדוקציאן, ביי גלייכער צוטיילונג אונטער דער בעפעלקערונג — — — — — —	0.036	0.082	0.099	0.310	0.291	0.372	0.543	0.543

אויף מר. גלאַדסטאָן'ס פאָרשלאַג האָט דאָס „הויז או קאמאנס" בעפוילען דעם 17טען פעברואר 1867 צו מאַכען אַ סטאַטיסטיק פון אַלע מינים קאָרן, תבואות און מעהל, וואָס זיינען אריינגעפיהרט און ארויסגעפיהרט געוואָרן אין און פון דעם פעראייניגטען קעניג־רייך, אין דער פעריאָדע פון 1831 ביז 1866. איך גיב דאָ איבער דעם צוזאַמענפאַסענדען רעזולטאַט. (זעה די טאַבעלע אויף דער אַנדער זייט.) דאָס מעהל ווערט גערעכענט אין קוואָרטערס [פערטלען] קאָרן.

די פעהיגקייט פון דעם פאַבריק־סיסטעם אונגעהויער זיך אויס־צושפרייטען שפרונגווייז און זיין אָבהענגיקייט פון דעם וועלט־מארק שאַפען נויטיגערווייז אַ פיעבערהאַפטע פּראָדוקציאָן און

וועגען אינגאַנצען פערלאָרען זייער קאָלאָניאַל־כאַראַקטער." — אויף די נאַטע איז שוין פערעלטערט געוואָרן. די פעראייניגטע שטאַאטען זיינען געוואָרן דאַס ערשטע אינדוסטריע־לאַנד פון דער וועלט און זיי האָבען אויף אַזויפיעל פער־לאָרען זייער קאָלאַניאַל־כאַראַקטער, אַז זיי אַליין טרייבען שוין אַ קאָלאַניאַלע עקספּאַנסיאָן פּאָליטיק. קאוטסקי.]

באַוועל־עקספּאָרט פון די פעראייניגטע שטאַאטען נאָך גרויס־בריטאַניען: אין 1846—401,949,393 פונט; אין 1852—765,630,544 פונט; אין 1859—961,707,264 פונט; אין 1860—1,115,890,608 פונט.

עקספּאָרט פון תבואה א.אז.וו. פון די פעראייניגטע שטאַאטען נאָך גרויס־בריטאַניען (1850 און 1862) אין ענגלישע צענטנער:

	1850	1862
ווייץ — — — — — —	16,202,312	41,033,503
גערשטען — — — —	3,669,653	6,624,800
האָבער — — — — —	3,174,801	4,426,994
קאָרן — — — — —	388,749	7,108
ווייצענמעהל — — — —	3,819,440	7,207,113
גריקע — — — — —	1,054	19,571
מאַיז — — — — —	5,473,161	11,694,818
בערע אדער בינג (אַזאַ מין		
גערשטען — — —	2,039	7,675
אַרבעס — — — — —	811,620	1,024,722
בעבלעך — — — — —	1,822,972	2,037,137
	34,365,801	74,083,351

דער וואוקס אין צאָהל פאַבריק־אַרבייטער הענגט אַלזאָ אָב פון דעם פּראָפּאָרציאָנעל פיעל שנעלערן וואוקס פון דעם גאַנצען קאַ־פּיטאַל, וואָס איז אַריינגעלעגט אין די פאַבריקען. דער דאָזיגער פּראָצעס קומט אָבער פאָר נאָר אין די עבב־ און פלוט־פּעריאָדען פון דעם אינדוסטריעלען ציקל. אויסער דעם ווערט ער שטענדיג אונטערבראָכען דורך דעם טעכנישען פאָרטשריט, וועלכער פער־נעהמט ווירטועל דעם פּלאַץ פון די אַרבייטער, אָדער שטופּט זיי פאַקטיש אַרויס. די דאָזיגע קוואַליטאַטיווע ענדערונג אין דער מאַשין־פּראָדוקציאָן דערווייטערט נאָכאַנאַנד אַרבייטער פון דער פאַבריק אָדער פערשליסט איהרע טויערן פאַר דעם שטראָם פון נייע רעקרוטען, בעת די בלויז קוואַנטיטאַטיווע אויסברייטערונג פון די פאַבריקען שלינגט איין אַ חוץ די אַרויסגעוואָרפענע אויך פרישע קאָנטינגענטען. די אַרבייטער ווערען אַט אַזוי נאָכאַנאַנד אַוועקגעשטויסען און צוגעצויגען, אַרומגעשלידערט אַהין און אַהער, און דערביי בייט זיך שטענדיג דער געשלעכט, עלטער און די גע־שיקטקייט פון די אָנגעשטעלטע אַרבייטער.

נוצען אפילו אויס די שווערע צייטען פון דער אינדוסטריע, כדי דורך אן איבער־טריבענער ארונטערזעצונג פון דעם ארבייט־לוין, דאס הייסט דירעקט בע'גנב'ענדיג דעם ארבייטער פון זיינע נויטווענדיגסטע לעבענסמיטלען, צו מאכען אונגעוועהנ־ליך־גרויסע פראפיטען. איין ביישפיעל. עס האנדעלט זיך וועגען דעם קריזיס אין דער זייד־וועבעריי אין קאווענטרי: „אויס די ידיעות, וואס איך האב בעקומען פון די פאבריקאנטען, אזוי גוט ווי פון די ארבייטער, קאן מען זעהן קלאר, אז די שכירות זיינען פערקלענערט געווארן אין א פיעל גרעסערן אומפאנג איידער עס איז געווען נויטיג צוליעב דער קאנקורענץ פון די אויסלענדישע פאבריקאנטען אָדער דורך אנדערע אומשטענדען. דאס רוב וועבער ארבייטען איצט פאר א לוין, וואס איז קלענער מיט 30 אדער 40 פראצענט. א שטיק באנט, פאר וועלכען דער וועבער האט מיט יאהרען צוריק בעקומען 6 אדער 7 שילינג, ברענגט איהם איצט איין נישט מעהר ווי 3 שילינג מיט 3 אדער 6 פענס; אנדערע ארבייט, וואס האט זיך פריהער געצאהלט צו 4 שילינג אדער 4 שילינג מיט 3 פענס, צאהלט איצטער נאר 2 שילינג אדער 2 שילינג מיט 3 פענס. די לוין־פערקלענערונג איז גרעסער איידער עס איז נויטיג צו סטימולירן די נאכפראגע. אין פאקט, ביי פיעלע סארטען באנט איז דאס ארונטערזעצען פון דעם לוין אפילו ניט בעגלייט געווארן פון א וועלכער עס איז ארונטערזעצונג אין דעם פרייז פון דעם ארטיקעל.“ (בעריכט פון דעם קאמיסאר פ. ד. לאנגע, אין „טשילדרענ'ס עמפלאימענט קא־מישיאן“, 5טער רעפארט 1866, ז. 114, נ. 1.)

פאַלגליך אַן איבערפילונג פון די מערק; און ווערן די מערק קלע־נער, טרעט אריין א פּאַראַליזירונג פון דער פּראָדוקציאָן. דאָס לעבען פון דער אינדוסטריע פערוואַנדעלט זיך אין א כסדר'דיגער רייהע פעריאָדען פון מיטעלער לעבעדיגקייט, פּראָספּעריטעט [הצלחה, שפע], איבערפּראָדוקציאָן, קריזיס און שטילשטאַנד. די אונזיכערהייט און אונבעשטענדיגקייט, אין וועלכער די מאַשין־פּראָדוקציאָן שטעלט אַוועק די בעשעפטינונג און דערמיט די לאַגע פון דעם ארבייטער'ס לעבען, ווערן א נאָרמאַלע ערשיינונג דורך אָט דעם פּעריאָדען־וועקסעל פון דעם אינדוסטריעלען ציקל [קרייז־לויף]. ניט רעכנענדיג די צייטען פון פּראָספּעריטעט, ווערט גע־טריבען צווישען די קאַפּיטאַליסטען דער שטאַרקסטער קאַמף פאַר זייער אינדיווידועלען חלק פּלאַץ אויפ'ן מאַרק. דער דאָזיגער חלק שטעהט אין א דירעקטער שייכות צו דער בילינקייט פון דעם פּראָ־דוקט. אַ חוץ דער קאָנקורענץ, וואָס קומט דערפון, אין דעם גע־ברויך פון פערבעסערטע, ארבייט־קראַפט איינשפּאָרענדע מאַשינע־ריע און נייע פּראָדוקציאָנס־מעטאָדען, טרעט יעדעס מאָל אריין א פּונקט, ווען מען זוכט וועלוועלער צו מאַכען די סחורות ארונטער־דריקענדיג מיט געוואַלט דעם ארבייט־לוין אונטער דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט.[235]

[235] אין אַן אויפרוף צו די „טרייד־סאָסייעטיס אוו ענגלאַנד“, וואָס איז ארויס־געלאָזט געוואָרן אין יולי 1866 פון די שוה־ארבייטער אין לעסטער, ווענען די פאַבריקאַנטען האָבען ארויסגעוואָרפען אויפ'ן גאַס דורך א „לאָק־אוט“, זאָגען זיי צווישען אַנדערעס: „זינט אַן ערך 20 יאָהר איז די שוה־מאַכעריי אין לעסטער רעוואָלוציאָנירט געוואָרן דורך דעם איינפיהר פון ניעטעווען אנשטאָט נעהען. דאַמאָלסט האָט מען געקאָנט פערדיענען גוטע שכירות. דער דאָזיגער נייער געשעפט האָט זיך באַלד זעהר פערשפּרייט. עס האָט זיך ארויסגעצייגט א גרויסע קאָנקורענץ צווישען די פערשיידענע פירמען ארויסצובריינגען וואָס א בעסערן אַרטיקעל. קורץ נאָכדעם אָבער האָט זיך אָנגעהויבען א שלעכטער סאָרט קאָנקורענץ—צו וואַרפען די פּרייזען אויפ'ן מאַרק. די שעדליכע פאָלגען דערפון האָבען זיך באַלד בעוויזען אין א פערקלענערונג פון דעם ארבייט־לוין, און דאָס פאַלען פון די פּרייזען פון דער ארבייט איז געגאַנגען אַזוי רייסענד שנעל, אַז פיעלע פירמען צאָהלען איצט נישט מעהר ווי א העלפט פון דעם פריהערדיגען לוין. דער לוין זינקט אַלץ טיעפער און טיעפער, די פּראָפיטען אָבער וואַקסען מיט יעדער ענדערונג אין דעם ארבייט־פּרייז אַלץ העכער.“ — די פאַבריקאַנטען

זייערע טויזענדער נאָך יאָרקשיר און ווערן צוריקגעטריבען דורך דעם מיליטער; זייערע פיהרער ווערן געשטעלט פאַר'ן געריכט אין לאַנקאַסטער. אין 1843 הערשט גרויסער עלענד. אין 1844 ווידער אַן אויפלעבונג. אין 1845 אַ גרויסע פּראָספּעריטעט. אין 1846— פון אָנהויב נאָך אַלץ אַ שפע, דערנאָך סימפּטאָמען פון אַ רעאַקציע; די קאָרן־געזעצען ווערן אָבגעשאַפט. אין 1847—אַ קריזיס; אַן אַלגעמיינע אַרונטערזעצונג פון די לוינען אויף 10 אָדער מעהר פּראָצענט, צו פייערן דעם „ביג לאָאף“ [דעם „גרויסען לאַבען ברויט“, וואָס די „פרי־טריידערס“ האָבען צוגעזאָגט די אַרבייטער אַלס נויטווענדיגע פאָלגע פון אָבשאַפען דעם טאַריף אויף תבואות]. אין 1848 האַלט נאָך אָן די געדריקטע לאַגע; מאַנטשעסטער ווערט געשטעלט אונטער מיליטערישער שוטץ. אין 1849—ווידער אַן אויפלעבונג. אין 1850—פּראָספּעריטעט. אין 1851—געפאַלענע פּרייזען אויף סחורות, ניעדעריגע לוינען, אָפטע סטרייקס. אין 1852 פאַנגט אָן אַ פערבעסערונג די סטרייקס האַלטען אָן; די פאַבריקאַנטען סטראַשען מיט אַריינפיהרן פרעמדע אַרבייטער. אין 1853 שטייגט דער עקספּאָרט; אַן 8־מאָנאַטדיגער סטרייק און גרויסע נויט אין פּרעסטאָן. אין 1854 אויפבליהונג; איבערגע־פילטע מערק. אין 1855 קומען אָן בעריכטען וועגען באַנקראָטען פון די פעראייניגטע שטאַאטען, קאַנאַדאַ און מזרח־אַזיאַטישע מערק. אין 1856 גרויסע פּראָספּעריטעט. אין 1857 קריזיסען. אין 1858 אַ פערבעסערונג. אין 1859 גרויסע פּראָספּעריטעט, פער־מעהרונג פון פאַבריקען. אין 1860 גרייכט די ענגלישע באַוועל־אינדוסטריע איהר הויכפּונקט; די אינדישע, אויסטראַלישע און אַנדערע מערק זיינען אַזוי איבערפילט, אַז זיי האָבען נאָך אין 1863 קוים געהאַט פערצעהרט דעם גאַנצען פּאַק; עס קומט פאָר דער פראַנצויזישער האַנדעלס־אָבמאַך; אונגעהויערער וואוקס פון פאַב־ריקען און מאַשינעריע. אין 1861 האַלט נאָך אָן דער אויפשוואונג אַ געוויסע צייט, דאַן קומט אַ רעאַקציע, דער אַמעריקאַנער ביר־גער־קריעג, דוחק אויף באַוועל. פון 1862 ביז 1863—אַ פאָלשטענ־דיגער צוזאַמענבראָך.

די געשיכטע פון דער באַוועל־נויט איז צו־כאַראַקטעריסטיש, ניט אָבצושטעלען זיך דערביי אַ קליין ווייַלע. מען זעהט פון די

די שיקזאַלען פון דעם פאַבריק־אַרבייטער קאָנען אַמבעסטען בעוויזען ווערן דורך אַ שנעלען איבערבליק איבער דעם גורל פון דער ענגלישער באַוועל־אינדוסטריע.

פון 1770 ביז 1815 איז די באַוועל־אינדוסטריע געווען אין אַ געדריקטען צושטאַנד אָדער געשטאַנען שטיל 5 יאָהר. אין משך פון אַט דער ערשטער פעריאָדע פון 45 יאָהר האָבען די ענגלישע פאַבריקאַנטען געהאַט די מאָנאָפּאָל פון דער מאַשינעריע און פון וועלט־מאַרק. פון 1815 ביז 1821 איז די אינדוסטריע געדריקט. אין 1822 און 1823—בליהענד. אין 1824 אָבשאַפונג פון די קאָאַלי־ציאָנס־געזעצען [געזעצען געגען טרייד־יוניאָנס]; אַלגעמיינע גרוי־סע אויסשפּרייטונג פון פאַבריקען. אין 1825—אַ קריזיס. אין 1826 גרויסער עלענד און אויפשטאַנדען צווישען די באַוועל־אַר־בייטער. אין 1827 אַ לייכטע פערבעסערונג. אין 1828 אַ גרויסער צו־וואוקס פון דאַמף־וועבשטוהלען און פון עקספּאָרט. אין 1829 שטייגט אַריבער דער עקספּאָרט, דערהויפּט נאָך אינדיען, אַלע פרי־הערדיגע יאָהרען. אין 1830—איבערגעפילטע מערק, גרויסע נויט. פון 1831 ביז 1833—אַ אָנהאַלטענדער געדריקטער צושטאַנד; די מאָנאָפּאָל פונ'ם האַנדעל מיט מזרח־אַזיע, אינדיע און כינאַ) ווערט אַוועקגענומען פון דער אָסט־אינדישער קאָמפּאַניע. אין 1834—אַ גרויסער וואוקס פון פאַבריקען און מאַשינעריע, אַ דוחק אין אַרבייטער; דאָס נייע געזעץ פאַר אָרימע העלפט דער אויסוואַנ־דערונג פון די לאַנד־אַרבייטער אין די פאַבריק־דיסטריקטען; קינ־דער פון די דאָרפישע קרייזען ווערן מאַסענהאַפט געטריבען אין דער אינדוסטריע; עס ווערט איינגעפיהרט אַ ווייסער שקלאַפען־האַנדעל. אין 1835 גרויסע אויפבליהונג (פּראָספּעריטעט); אין דערזעלביגער צייט ווערן די באַוועל־האַנדוועבער פערהונגערט צום טויט. אין 1836—גרויסע פּראָספּעריטעט. אין 1837 און 1838—אַ געדריקטער צושטאַנד און אַ קריזיס. אין 1839—אַ צוריק אויפ־לעבונג. אין 1840—אַ זעהר געדריקטער צושטאַנד, אויפשטאַנדען, אַריינמישונג פון דער מיליטער. אין 1841 און 1842—שרעקליכע ליידען פון די פאַבריק־אַרבייטער. אין 1842 וואַרפען די פאַברי־קאַנטען אַרויס די אַרבייטער פון די פאַבריקען, כדי צו צווינגען די אָבשאַפונג פון די קאָרן־געזעצען; די אַרבייטער שטראָמען אין

בעציהט זיך אויף דעם גאַנצען אינדוסטריע־צווייג, דער צושטאַנד איז נאַטירליך געווען פערשיידען אין די איינצעלנע דיסטריקטען. זעהר וועניג פאַבריקען האָבען געאַרבייט פולע צייט (60 שטונדען אַ וואָך), די איבעריגע האָבען געאַרבייט מיט הפסקות. אפילו די וועניגע אַרבייטער, וועלכע האָבען געאַרבייט די פולע צייט פאַר דעם געוועהנליכען שטיק־לוין, האָבען אויך פערדיענט נויטיגער־ווייז אַ קלענערן וואָכען־לוין, מחמת די בעסערע באַוועל איז פער־ביטען געוואָרן אויף ערגערע: דער סי־איילאַנד באַוועל אויף עגיפּ־טישען (אין די פיין־שפּינערייען), דער אַמעריקאַנער און עגיפּטישער אויף סוראַט (אָסט־אינדישער באַוועל) און דער ריינער באַוועל אויף אַ געמיש פון באַוועל־אָבפאַל מיט סוראַט. די קירצערע פאַ־זערן פון דעם סורט־באַוועל, זיין שמוציגע אייגענשאַפט, דאָס וואָס זיינע פעדים רייסען זיך מעהרער, דער געברויך פון אַלערליי שווערע שמאָפען אנשטאָט מעהל ביים מאַכען דעם אויפצוג א.אַז.וו. האָבען פערקלענערט די געשווינדקייט פון דער מאַשינעריע אָדער די צאָהל וועבשטוהלען, אויף וועלכע איין וועבער האָט געקאָנט אויפפּאַסען, האָבען געמאַכט מעהר אַרבייט צוליעב די טעות'ן פון דער מאַשין, און מיט דעם קלענערן פּראָדוקט איז דער שטיק־לוין געווען קלע־נער. ביי דעם געברויך פון סוראַט האָט דעם אַרבייטער'ס פערלוסט, אפילו ווען ער איז געווען בעשעפטיגט די פולע צייט, בעטראָפען פון 20 ביז 30 פּראָצענט און אמאָל נאָך מעהר. דאָס רוב פאַברי־קאַנטען האָבען אָבער אויך אַרונטערגעזעצט דעם שטיק־לוין אויף 5, 7½ און 10 פּראָצענט. מען קאָן זיך שוין פאָרשטעלען די לאַגע פון די, וועלכע האָבען נאָר געאַרבייט 3, 3½ אָדער 4 טעג אַ וואָך, אָדער נאָר 6 שטונדען אַ טאָג. נאָכדעם ווי אין 1863 איז שוין איינגעטראָטען אַ רעלאַטיווע פערבעסערונג פאַר וועבער, שפּינער א.אַז.וו., זיינען נאָך אַלץ געווען וואָכען־לוינען פון 3 שילינג 4 פּענס, 3 שילינג 10 פּענס, 4 שילינג 6 פּענס, 5 שילינג 1 פּעני א.אַז.וו.[238] אַפילו אונטער אָט די צרה'דיגע צושטענדען האָט דעם פאַברי־קאַנט'ס ערפינדונג־גייסט אַרונטערצורייסען דעם לוין ניט אויפגע־הערט צו אַרבייטען. מען האָט אַרונטערגעריסען אַלס שטראָף פאַר

[238] „רעפּאָרטס עטצ.", 31טען אָקטאָבער 1865, ז. 41 ביז 45.

אַנדרייטונגען וועגען די צושטענדען פון וועלט־מאַרק אין 1861-1860, אַז די באַוועל־נויט איז פאַר די פאַבריקאַנטען געקומען פּונקט ווי געוואונשען און איז טיילווייז געווען פאַר זיי פּאַרטייל האַפט — אַ פאַקט, וועלכער איז אַנערקענט געוואָרן אין די בעריכטען פון דער מאַנטשעסטער האַנדעלס־קאַמער, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט פון פּאַלמערסטאָן און דערבי, און איז בעשטעטיגט געוואָרן דורך דער רעגיערונג.[236] עס איז זיכער, אַז אין יאָהר 1861 זיינען צווישען די 2887 באַוועל־פאַבריקאַנטען פון דעם פעראייניג־טען קעניגרייך געווען אַ סך קליינע. לויט דעם בעריכט פון פאַב־ריק־אינספּעקטאָר אַ. רעדגראַוו, וועלכער האָט פון יענע 2887 פאַב־ריקען געהאַט 1209 אין זיין פערוואַלטונגס־בעצירק, האָבען פון די 1209 פאַבריקען 392 אָדער 19 פּראָצענט געברויכט ווייניגער ווי 10 דאַמפּף־פערדקרעפטען; 145 אָדער 16 פּראָצענט האָבען געברויכט פון 10 ביז 20 פערד־קרעפטען, בעת 1372 פאַבריקען האָבען גע־ברויכט 20 און מעהר פערד־קרעפטען.[237] דאָס רוב פון די קליינע פאַבריקען זיינען געווען וועבערייען, וועלכע זיינען אויפגעבויט גע־וואָרן אין דער אויפבליהונג־פעריאָדע זינט 1858, מעהרסטענטיילס פון ספּעקולאַנטען, פון וועלכע איינער האָט צוגעשטעלט די גאַרן, דער אַנדערער די מאַשינעריע, דער דריטער די געביידען, און זיינען געפיהרט געוואָרן פון געוועזענע אויפזעהער אָדער אַנדערע לייט אָהן מיטלען. די דאָזיגע קליינע פאַבריקאַנטען זיינען מעהרסטענ־טיילס אונטערגעגאַנגען. דעמזעלביגען מזל וואָלטען זיי געהאַט אין דעם האַנדעל־קריזיס, וואָס איז פערהינדערט געוואָרן דורך דעם דוחק אין באַוועל. הגם זיי האָבען אויסגעמאַכט אַ דריטעל פון דער צאָהל פאַבריקאַנטען, האָבען זייערע פאַבריקען פערנומען גאָר אַ קליינעם טייל פון דעם קאַפּיטאַל, וואָס איז געווען אַריינגעלעגט אין דער באַוועל־אינדוסטריע. וואָס אַנבעטרעפט דעם אומפאַנג פון דעם חורבן אין דער אינדוסטריע, זיינען אין אָקטאָבער 1862, לויט גאַנץ זיכערע אָבשאַצונגען, געשטאַנען לעדיג 60,3 פּראָצענט פון די שפּינדלען און 58 פּראָצענט פון די וועבשטוהלען. דאָס

---

[236] זעה „רעפּאָרטס אוו אינספּעקטאָרס", 31טען אָקטאָבער, 1862, ז. 30.

[237] ד. ג., ז. 19.

ליטעט פון דעם באַוועל־געמיש; אמאָל איז עס נאָר 15 פּראָצענט ווענינער ווי די פריהערדיגע פּערדיענסטען, און די נעקסטע אָדער צווייטע וואָך פאַלט עס אַרונטער אויף 50 ביז 60 פּראָצענט." [241] די דאָזיגע עקספּערימענטען זיינען געמאַכט געוואָרן ניט נאָר אויפ'ן חשבון פון די אַרבייטער'ס לעבענסמיטלען; אַלע זייערע פינף חושים האָבען דערפאַר געמוזט בעצאָהלען.

„די מענשען, וואָס זיינען בעשעפטיגט ביים אויסאַרבייטען די סוראַט־באַוועל, קלאָגען זיך זעהר פיעל. זיי דערצעהלען מיר, אַז בעת מען עפענט אויף די באַלען באַוועל, פערשפּרייט זיך אַזאַ אונערטרעגליכער געשטאַנק, אַז עס ווערט זיי איבעל.... דער שטויב און שמוץ אין די צימערן וואו מען מישט, בערשט און קאַמט די באַוועל, רייצט אויף די נאָז, האַלז און לופט־רעהרען, רופט אַרויס אַ הוסט און אַ שווערען אָטהעם.... צוליעב דער קורצקייט פון די פאַזערן ווערט ביים שליכטען דעם גאַרן צוגעגעבען אַ סך קליי, וואָס ווערט צוגעריכט פון טהיערישע און פּלאַנצען־שטאָפען, אַנשטאָט מעהל, וואָס מען האָט פריהער געברויכט. דער־פון קומט איבעלקייט און שלעכטע פערדייאונג ביי די וועבער. פון דעם שטויב ליידען זיי פון האַלז־קאַטאַר און ענטצינדונג, אויך פון אַ הויט־קראַנקהייט, וואָס קומט פון דעם שמוץ אין דעם סוראַט, וועלכער רייצט אויף די הויט."

פון דער אַנדער זייט זיינען די מיטלען, וואָס האָבען פערביטען די מעהל געוועזען אַ „פאָרטונאַטוס זעקעל" [אַ קוואַל פון עשירות] פאַר די הערען פאַבריקאַנטען, דורכדעם וואָס עס האָט פערגרע־סערט דאָס געוויכט פונ'ם גאַרן. צוליעב זיי „וועגען 15 פונט רויה־מאַטעריאַל, ווען זיי ווערן אויסגעוועבט, 26 פונט." [242]

אין דעם בעריכט פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרען, פון דעם 30טען אַפּריל 1864, לעזען מיר: „די אינדוסטריע מאַכט צו געלד דעם דאָזיגען הילפס־קוואַל [דעם שווערן קליי] שוין גאָר אין אַן אונאַנשטענדיגער מאָס. איך ווייס פון אַ זיכערער אויטאָריטעט, אַז אַן 8־פונטיגער געוועב ווערט געמאַכט פון 5¼ פונט באַוועל

---

[241] דאָרט גופא, ז. 50 און 51.

[242] ד. נ., ז. 62, 63.

פּעהלערן אין דעם פּראָדוקט, וואָס איז געווען די שולד פון דעם שלעכטען באַוועל, פון ניט־פּאַסיגער מאַשינעריע א.אז.וו. דאָרט וואו דער פאַבריקאַנט איז געווען דער אייגענטימער פון די אַר־בייטער׳ס הייזלעך, האָט ער זיך אַליין געצאָהלט די דירה־געלד, אָרונטערציהענדיג פון דעם נאָמינעלען אַרבייט־לוין. דער פאַב־ריק־אינספּעקטאָר רעדגראַוו דערצעהלט וועגן „סעלף־אַקטינג מיינ־דערס" (אַזוינע, וואָס פּאַסען אויף אַ פּאָר „סעלף־אַקטינג מיולס"), וועלכע האָבען פערדיענט פאַר 14 טעג פולע אַרבייט 8 שילינג מיט 11 פּענס, און פון אָט דער סומע איז אַראָבגעצויגען געוואָרן די דירה־געלד, נאָר דער פאַבריקאַנט האָט זיי אַ העלפט פון דעם צוריק־געגעבען אַלס אַ מתנה, אַזוי אַז די אַרבייטער האָבען אַוועקגע־טראָגען אַ היים גאַנצע 6 שילינג מיט 11 פּענס. אין פיעלע ערטער האָט דער וואָכען־לוין פון די „סעלף־אַקטינג מיינדערס" בעטראָפען צווישען 5 און 9 שילינג אַ וואָך, און דער וואָכען־לוין פון די וועבער איז געווען פון 2 שילינג 6 פּענס און העכער אין די לעצטע מאָנאַטען פון יאָהר 1862." [239] די דירה־געלד פלעגט אָפט אַרונטערגעצויגען ווערן אפילו ווען די „הענד" האָבען געאַרבייט נאָר אַ טייל צייט." [240] קיין וואונדער ניט, וואָס אין איינִיגע טיילען פון לאַנקאַשיר האָט אויסגעבראָכען אַ מין הונגער־מגפה! מעהר כאַראַקטעריסטיש ווי אַלץ אָבער איז דאָס, וואָס די רעוואָלוציאָנירונג פון דעם פּראָדוק־ציאָנס־פּראָצעס איז פאָרגעקומען אויפ׳ן חשבון פון׳ם אַרבייטער. דאָס זיינען געווען אמת׳ע „עקספּערימענטאַ אין קאָרפּאָרע ווילי" [עקספּערימענטען אויף ווערטהלאָזע קערפּערס], ווי די עקספּערי־מענטען, וואָס די אַנאַטאָמען מאַכען אויף פרעש. „הגם איך האָב אָנגעגעבען", זאָגט דער פאַבריק־אינספּעקטאָר רעדגראַוו, „די ווירק־ליכע הכנסות פון די אַרבייטער אין פיעלע פאַבריקען, הייסט דאָס אָבער ניט, אַז זיי פערדיענען דיזעלבע סומע פון וואָך צו וואָך. די אַרבייטער זיינען אונטערוואָרפען אונטער די גרעסטע לוין־ענ־דערונגען צוליעב דעם שטענדיגען עקספּערימענטירן פון די פאַב־ריקאַנטען... זייער פערדיענסט שטייגט און פאַלט מיט דער קוואַ־

---

[239] „רעפּאָרטס עטצ.", אָקטאָבער 1865, ז. 41 און 42.

[240] דאָרט גופא ז. 51.

„חרוב מאכענדיג דעם מענשליכען מין“ [די מאַסענהאַפטע אויסראַטונג פון די אינדישע האנדוועבער]. נאָך דער אָבשאַפונג פון די קאָרן־געזעצען, פון 1846 ביז 1863, זיינען געווען 8 יאָהר פון מיטעלמעסיגער לעבעדיגקייט און שפע אויף 9 יאָהר פון געדריקטקייט און שטילשטאַנד. וועגען דער לאַגע פון די דערוואַקסענע מענער באוועל־ארבייטער, אפילו אין דער שפע־צייט, קאָן מען אורטיילען פון דאָס פאָלגענדע אונטען אין דער נאָטע.[245]

[245] אין אן אויפרוף פון די באוועל־ארבייטער, אין פריהלינג פון יאהר 1863, צו גרינדען אן אויסוואנדערונג־געזעלשאפט געפינט מען צווישען אנדערעס: „אז א גרויסע אויסוואנדערונג פון פאבריק־ארבייטער איז איצט אבסאלוט נויטיג, וועלען נאר ווייניגע אבלייקענען. אז עס פאדערט זיך אבער א שטענדיגער אויסוואנדערונג־שטראם אין אלע צייטען, און אז אהן דעם איז אונמעגליך אנצוהאלטען אונזער שטעלונג אונטער געוועהנליכע אומשטענדען, בעווייזען די פאלגענדע פאקטען: אין דעם יאהר 1814 האט בעטראפען דער אפיציעלער ווערטה (וואס צייגט נאר די קוואנטיטעט) פון די עקספארטירטע באוועל־סחורות 17,665,378 פונט סט., איהר ווירקליכער מארק־ווערטה איז געווען 20,070,824 פונט סט. אין יאהר 1858 האט בעטראפען דער אפיציעלער ווערטה פון די עקספארטירטע באוועל־סחורות 182,221,681 פונט סט., איהר ווירקליכער מארק־ווערטה איז געווען נאר 43,001,322 פונט סט., אזוי אז די פערצעהנפאכונג פון דער קוואנטיטעט האט ארייינגעבראכט נאר עפּעס מעהר ווי א פערטאפּעלונג פון דעם פּרייז. אט דער רעזולטאט, וואס איז אזוי טרויעריג פאר׳ן לאנד בכלל און פאר די פאבריק־ארבייטער בפרט, איז ארויסגערופען געווארן דורך פערשיידענע צוזאמענוויר־קענדע אורזאכען. איינע פון די קענטיגסטע אורזאכען איז דער שטענדיגער איבערפלוס פון ארבייט, וואס איז נויטיג פאר אט דעם אינדוסטריע־צווייג, וועלכער מוז שטענדיג האבען פערגרעסערטע מערק, כדי ניט צו געהן צו גרונד. אונזערע באוועל־פאבריקען קאנען אבגעשטעלט ווערן דורך דעם פּעריאדישען שטילשטאנד פונ׳ם האנדעל, וועלכער איז ביי היינטיגע איינריכטונגען אזוי אונפערמיידליך ווי דער טוידט אליין. אבער דער מענשליכער ערפינדונגס־גייסט שטעלט זיך צוליעב דעם ניט אב. הגם 6 מיליאן לכל הפחות האבען פערלאזט דאס לאנד אין די לעצטע 25 יאהר, געפינט זיך פונדעסטוועגען, מחמת די שטענדיגע ערפינדונגען אויסצוקומען מיט ווייניגער ארבייט, כדי צו מאכען וועלפעלער דעם פּראדוקט, א גרויסער פּראצענט דערוואקסענע מענער, וואס קאנען אפילו אין די צייטען פון דער העכסטער פּראספּעריטעט ניט געפינען קיין שום בעשעפטיגונג אין די פּאבריקען אויף וועלכע ניט איז בעדינגונגען.“ („רעפּארטס אוו אינספּ. אוו פאקטאריעס“ פאר׳ן 30טען אפּריל 1863, ז. 51 און 52.) אין א ווייטערן קאַפּיטעל וועלען מיר זעהען, ווי די הערען פאבריקאנטען האבען אין

און 2¾ פונט קליי. אַן אַנדער פינף און אַ פערטעל־פונטיגער געוועב האָט ענטהאַלטען 2 פונט קליי. דאָס איז געווען געוועהנליכע שירטינג פאַר׳ן עקספּאָרט. אין אַנדערע סאָרטען זיינען אָפּטמאָל צוגעגעבען געוואָרן 50 פּראָצענט קליי, אַזוי אַז די פאַבריקאַנטען האָבען זיך געקאָנט בעריהמען און האָבען טאַקע זיך בעריהמט, אַז זיי ווערן רייך פערקויפענדיג די געוועבען פאַר ווייניגער געלד איידער עס קאָסט זיי דער גאַרן, וואָס ליעגט אין זיי נאָמינעל."[243] די אַרבייטער אָבער האָבען געהאַט צו ליידען ניט נאָר אונטער די עקספּערימענטען פון די פאַבריקאַנטען אין די פאַבריקען און פון די מוניציפּאַליטעטען אויסער די פאַבריקען, ניט נאָר פון דעם אַרונטערגעזעצטען לוין און פון אַרבייטלאָזיגקייט, פון דחקות און קצבה, פון די לויב־רעדען פון די לאָרדס און „קאַממאַנס". „אומגליקליכע פרויען האָבען צוליעב דעם דוחק אין באַוועל גלייך פון אָנהויב פערלאָרן זייער בעשעפטיגונג און זיינען דורכדעם געוואָרן די אויסוואורפען פון דער געזעלשאַפט. איצט האָט די אינדוסטריע וויעדער אויפגעלעבט און אַרבייט איז פאַראַן גענוג, זיי אָבער בלייבען מיטגליעדער פון דעם דאָזיגען אומגליקליכען קלאַס און וועלען שוין וואהרשיינליך דערביי פערבלייבען. עס געפינען זיך טאַקע איצט אין שטאָדט מעהר יונגע פּראָסטיטוטקעס איידער ווען עס איז אין די לעצטע 25 יאָהר."[244]

מיר געפינען, אַלזאָ, אין די ערשטע 45 יאָהר פון דער בריטישער באַוועל־אינדוסטריע נאָר 5 יאָהר פון קריזיס און שטילשטאַנד, אָבער דאָס איז געווען די פּעריאָדע פון איהר וועלט־מאָנאָפּאָל. די צווייטע 48־יאָהריגע פּעריאָדע פון 1815 ביז 1863, צעהלט נאָר 20 יאָהר פון וויעדעראויפלעבונג און בליהונג אויף 28 יאָהר פון געדריקטקייט און שטיל־שטאַנד. פון 1815 ביז 1830 הויבט זיך אָן די קאָנקורענץ מיט די איבעריגע לענדער אין אייראָפּא און מיט די פערייניגטע שטאַאטען. זינט 1833 ווערט מיט געוואַלט דורכגעפיהרט די אויסשפּרייטונג פון די אַזיאַטישע מערק

---

[243] „רעפּאָרטס עטצ., 30טען אפּריל 1864", ז. 27.

[244] פון די בריעף פון דעם „טשיעף קאָנסטאַבל" האַררים פון באָלטאָן אין „רעפּאָרטס אָוו אינספּ. אָוו פאַקטאָריעס", אָקטאָבער 1865, ז. 61 און 62.

וואַסער, פערנעהמט דעם פּלאַץ פון מענשליכע מוסקולען צו ברענגען די מאַשין אין בעוועגונג. דאָ און דאָרט, און אויך נאָר אויף אַ ווײַלע, קאָן אַ קליינע פּראָדוקציאָן אָנגעפיהרט ווערן מיט מעכאַני־שער טרייב־קראַפט דינגענדיג דעם דאַמף, אַזוי ווי אין אייניגע מאַנופאַקטורען אין בירמינגהאַם, אָדער דורך דעם געברויך פון קליי־נע קאַלאָרישע מאַשינען, ווי אין געוויסע צווייגען פון דער וועבעריי א.אז.וו.[247] אין דער זייד־וועבעריי אין קאָווענטרי האָט זיך נאַטור־מעסיג ענטוויקעלט דער עקספּערימענט פון די קאַטטעדזש־פאַבריי־קען [קאַטטעדזש—אַ קליין הויז צום וואָהנען]. אין מיטען פון אַ רייה „קאַטטעדזשעס“, וואָס איז געבויט ווי אַ קוואַדראַט, איז אויפ־געשטעלט געוואָרן אַן אַזוי גערופענע „אינדזשען־הויז“ פאַר דער דאַמף־מאַשין, וועלכע איז פערבונדען געוואָרן דורך וואַלען מיט די וועבשטוהלען אין די „קאַטטעדזשעס“. דעם דאַמף האָט מען אין אַלע פעלען געדונגען, צום ביישפּיעל פאַר 2½ שילינג פּער וועב־שטוהל. די דאָזיגע דאַמף־רענטע האָט זיך געצאָהלט פון וואָך, סיי די וועבשטוהלען זיינען געלאָפען, סיי נים. יעדע קאַטעדזש האָט ענטהאַלטען פון 2 ביז 6 וועבשטוהלען, וועלכע האָבען גע־הערט צו די אַרבייטער—געקויפט אויף באָרג אָדער געדונגען. דער קאַמף צווישען דער קאַטטעדזש־פאַבריק און דער ריכטיגער פאַב־ריק האָט געוועהרט אַריבער 12 יאָהר. ער האָט זיך געענדיגט מיט דער פאָלשטענדיגער רואינירונג פון די 300 קאַטטעדזש־פאַבריקען.[248]

וואו די נאַטור פון דעם פּראָצעס האָט נים געפאָדערט פון אָנהויב אָן קיין פּראָדוקציאָן אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב, זיינען די ניי־אויפגעקומענע אינדוסטריען, ווי צום ביישפּיעל מאַכען קאָנ־ווערטען, שטאָהלענע פעדער א.אז.וו. געוועהנליך דורכגעגאַנגען

[247] אין די פעראייניגטע שטאַאטען קומט אָפט פאָר דער דאָזיגער סאָרט צוריק אויפשטעלען פון האַנדוועֶרק אויפ׳ן גרונד פון דער מאַשינעריע. ביי דעם אונפערמיידליכען איבערגאַנג צום פאַבריק־סיסטעם וועט דאָרטען די קאָנצענט־ראַציע דעריבער טאַקע מאַרשירען מיט קפיצת הדרך אין פערגלייך צו אייראָפּא און אפילו צו ענגלאַנד.

[248] זעה „רעפּאָרטס אוו אינספּעק. אוו פאַקטאָריעס, אָקטאָבער 1865“, ז. 64.

8. די רעוואָלוציאָנירונג פון מאַנופאַקטור, האַנדווערק און הויז־אַרבייט דורך דער גרויס־אינדוסטריע.

א) די אַבשאַפונג פון דער קאָאָפּעראַציע, וואָס איז געבויט אויף האַנדווערק און אויף דער צוטיילונג פון דער אַרבייט.

מיר האָבען געזעהן ווי די מאַשינעריע שאַפט אָב די קאָאָפּעראַציע, וואָס איז געבויט אויף האַנדווערק, און די מאַנופאַקטור, וואָס איז בעגרינדעט אויף דער צוטיילונג פון דער האַנדווערקמעסיגער אַרבייט. אַ ביישפּיעל פון דעם ערשטען סאָרט איז די שנייד־מאַשין: זי פערנעהמט דעם פּלאַץ פון דער קאָאָפּעראַציע פון תבואה־שניידער. אַ שלאַגענדער ביישפּיעל פון דעם צווייטען סאָרט איז די מאַשין צו פאַבריצירן נעה־נאָדלען. לויט אַדאַם סמיטה האָבען אין זיין צייט 10 מענער דורך צוטיילונג פון דער אַרבייט פערטיג געמאַכט 48,000 נעה־נאָדלען אַ טאָג. איין איינציגע מאַשין פּראָדוצירט 145,000 נאָדלען אין איין אַרבייטס־טאָג פון 11 שטונדען. איין פרוי אָדער איין מיידעל פּאַסט אויף דורכשניטליך אויף 4 אַזעלכע מאַשינען און פּראָדוצירט אויף דעם אופן מיט דער מאַשינעריע אַרום 600,000 נאָדלען אַ טאָג און אַריבער 3,000,000 אַ וואָך.[246] אַזוי ווייט ווי אַן איינצעלנע אַרבייט־מאַשין פערנעהמט דעם פּלאַץ פון קאָאָפּעראַציע אָדער פון דער מאַנופאַקטור, קאָן זי אַליין ווערען ווידער דער באַזיס פון אַ האַנדווערקמעסיגער פּראָדוקציאָן. אָבער דער דאָזיגער צוריקקעהר צו האַנדווערק־פּראָדוקציאָן, וואָס איז געגרינדעט אויף מאַשינעריע, איז נאָר אַן איבערגאַנג צו דער פאַבריק־פּראָדוקציאָן, וועלכע קומט בדרך כלל יעדעס מאָל, אַזוי באַלד ווי מעכאַנישע טרייב־קראַפט, דאַמף אָדער

דער צייט פון דער באוועל־קאטאסטראפע געזוכט מיט אלע מיטלען, אפילו פון שטאאט'ס וועגען, ניט צו דערלאזען די אויסוואנדערונג פון פאבריק־ארבייטער.

[246] „טשילדרענ'ס עמפּלאָימענט קאמישיאן", 4טער רעפּארט 1864, ז. 108, נאָטע 447.

טיילען דעם פראָדוקציאָנס־פראָצעס אויף זיינע קאָנסטיטואירענדע פאַזען [אויף די איינצעלנע טייל־פראָצעסען, פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט] און צו לייזען די אויפגאַבען, וואָס ווערן דורכדעם געגעבען, דורך דער אָנווענדונג פון דער מעכאַניק, כעמיע א.אז.וו., קורץ פון די נאַטור־וויסענשאַפטען—ווערט דער בעשטימענדער פרינציפ אומעטום. מאַשינעריע שטופט זיך פאָלגליך אריין אין די מאַנופאַקטורען דאָ פאַר איין טייל־פראָצעס, דאָ פאַר אַנאַנדערן. די פעסטע קריסטאַליזאַציע פון איהר אָרגאַניזירונג, וואָס האָט אָבגעשטאַמט פון דער אַלטער צוטיילונג פון דער ארבייט, לייזט זיך דערמיט אויף און מאַכט פלאַץ פאַר כסדר'דיגע ענדערונגען. אָבגעזעהן דערפון, ווערט רעוואָלוציאָנירט פון גרונד אויס די צוזאַמענשטעלונג פון דעם ארבייטער־קאָלעקטיוו אָדער פון דעם קאָמבינירטען ארבייטער־פערזאָנאַל. פערקעהרט ווי אין דער מאַנופאַקטור־פעריאָדע, ווערט איצט אויפגעבויט דער פלאַן פון דער ארבייט־צוטיילונג אויף דער אָנווענדונג פון פרויען־ארבייט, פון קינדער־ארבייט פון יעדען עלטער, פון ניט־געלערנטע ארבייטער, וואו נאָר עס לאָזט זיך; קורץ פון „טשיפ לייבאָר“, וואָלוועלער ארבייט, ווי דער ענגלענדער רופט עס אָן אזוי כאַראַקטעריסטיש. דאָס גילט ניט נאָר פאַר יעדער פראָדוקציאָן, וואָס איז קאָמבינירט אויף א גרויסען מאָסשטאַב, סיי זי ווענדעט אָן מאַשינעריע, סיי ניט, נאָר אויך פאַר דער אזוי־גערופענער מאָדערנער הויז־אינדוסטריע, סיי זי ווערט אָנגעפיהרט אין די פריוואַט־וואוינונגען פון די ארבייטער, סיי אין קליינע ווערקשטאַטען. די דאָזיגע אזוי גערופענע מאָדערנע הויז־אינדוסטריע האָט, אויסער דעם נאָמען, גאָרניט געמיינשאַפטליכעס מיט דער אַלט־מאָדישער הויז־אינדוסטריע, וועלכע זעצט פאָראויס אַ אונאָבהענגיקען שטאָדטישען האַנדווערק, אַ זעלבשטענדיגע פויערן־ווירטשאַפט און קודם כל אַ הויז פאַר דעם ארבייטער און זיין פאַמיליע. זי איז איצט געוואָרן די אויסווערטיגע אָבטיילונג פון דער פאַבריק, פון דער מאַנופאַקטור אָדער פון דעם סחורה־מאַגאַזין. אַ חוץ די פאַבריק־ארבייטער, מאַנופאַקטור־ארבייטער און האַנדווערקער, וועלכע קאַפיטאַל שטופט צוזאַמען אין גרויסע מאַסען אין איין פלאַץ און קאָמאַנדירט איבער זיי דירעקט, בעוועגט ער דורך ניט־געזעהענע פעדים אַנאַנדער ארמעע, די הויז־

אפריהער די שטופע פון האַנדווערק און דאַן פון מאַנופאַקטור־פּראָ־דוקציאָן אלס קורצע איבערגאַנג־שטופען צו דער פאַבריק־פּראָדוק־ציאָן. די דאָזיגע אומוואַנדלונג קומט פאָר אַם שווערסטען דאָרט, וואו די מאַנופאַקטורמעסיגע פּראָדוקציאָן פון דעם אַרטיקעל איז ניט אַ רייה פון כסדר'דיגע ענטוויקלונג־פּראָצעסען, נאָר בעשטעהט פון מעהרערע דיספּאַראַטע [ניט־גלייכאַרטיגע] פּראָצעסען. דאָס איז צום ביישפּיעל געווען אַ גרויסער שטער פאַר דער שטאָהלפע־דער־פאַבריק. דאָך איז שוין אַן ערך 15 יאָהר צוריק [רעכענענדיג פון 1867, הייסט עס אין אָנפאַנג פון די 50־גער יאָהרען] ערפונדען געוואָרן אַ מאַשין, וועלכע האָט אָבגעטאָן 6 בעזונדערע פּראָצעסען מיט איין מאָל. דאָס האַנדווערק האָט געליפערט, אין 1820, די ערשטע 12 טוץ שטאָהל־פעדערן פאַר 7 פונט סט. מיט 4 שילינג; די מאַנופאַקטור האָט זיי אין 1830 געליפערט פאַר 8 שילינג, און די פאַבריק ליפערט זיי היינט אַנגראָ פון 2 ביז 6 פּענס אַ גראָס."[249]

ב) די צוריקווירקונג פון דעם פאַבריק־סיסטעם אויף דער מאַנופאַק־טור און הויז־אַרבייט.

מיט דער ענטוויקלונג פון דעם פאַבריק־סיסטעם און מיט דער רעוואָלוציע אין דער אַגריקולטור, וואָס בעגלייט איהם, ווערט דער פּראָדוקציאָנס־מאָסשטאַב אין אַלע אַנדערע אינדוסטריע־צווייגען ניט נאָר פערברייטערט, נאָר זיין כאַראַקטער ווערט אויך פערענ־דערט. דער פּרינציפּ פון דער מאַשין־פּראָדוקציאָן—פאַנאַנדערצו־

[249] הערר גיללאָט האָט אויפגעבויט אין בירמינגאַם די ערשטע שטאָהל־פעדער מאַנופאַקטור אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. שוין אין יאָהר 1851 האָט זי געליפערט איבער 180 מיליאָן פעדערן און פערצעהרט יעהרליך 120 טאָן שטאָהל־בלעך. בירמינגאַם, וועלכע האָט מאָנאָפּאָליזירט די אינדוסטריע אין דעם פעראייניגטען קעניגרייך, פּראָדוצירט איצטער מיליאַרדען שטאָהל־פעדערן יעהרליך. די צאָהל בעשעפטיגטע פּערזאָנען האָט בעטראָפען לויט דעם צענזוס פון יאָהר 1861, 1428 אַרבייטער; דערונטער זיינען 1268 אַרבייטערינען אין עלטער פון 5 יאָהר און העכער.

און האָט פון אָנהויב אָן אָנגעפיהרט אַן אָהן־רחמנות'דיגע פערשוועג־דונג פון דער אַרבייט־קראַפט און אַ בערויבונג פון די נאָרמאַלע בעדינגונגען פון דער אַרבייט־פונקציאָן—ציינט איצט אַרויס איהר פערניכטענדע און מענשען־מערדערישע זייט אַלץ מעהר. וואָס ווע־ניגער די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט און די טעכנישע גרונדלאַגע פון די קאָמבינירטע אַרבייט־פּראָצעסען זיינען ענטוויקעלט אין אַ געוויסען צווייג פון דער אינדוסטריע.

ג) די מאָדערנע מאַנופאַקטור.

איך וויל איצט קלאָר מאַכען דורך אייניגע ביישפּיעלען די אויבען־אַוועקגעשטעלטע זאַצען. דער לעזער איז שוין פּאַקטיש בעקאַנט מיט אַ סך ביישפּיעלען פון דעם אָבטייל וועגען דעם אַר־בייטס־טאָג. די מעטאַל־מאַנופאַקטורען אין בירמינגאַם און אומ־געגענד בעשעפטיגען גרעסטענטיילס פאַר זעהר שווערער אַרבייט 30,000 קינדער און יונגע פערזאָנען צוזאַמען מיט 10,000 פרויען. מען געפינט זיי דאָ אין די אונ־היגיענישע מעש־גיסערייען, קנעפּ־פאַבריקען, עמאַלירונג־, גאַלוואַניזירונג־ און לאַקיר־אַרבייטען.[251] פערשיידענע לאָנדאָנער ציי‌טונג־ און בוך־דרוקערייען האָבען צו־ליעב דער איבערמעסיגער אַרבייט פון זייערע דערוואַקסענע און ניט־דערוואַקסענע אַרבייטער, בעקומען דעם שעהנעם נאָמען „דאָס שלאַכט־הויז“.[251*] דיזעלביגע איבער־אַרבייט געפינען מיר אין דער בוכבינדעריי, וואו די קרבנות זיינען פרויען, מיידלעך און קינדער. ניט־דערוואַקסענע טהוען שווערע אַרבייט אין די שטריק־ווערק, נאַכט־אַרבייט אין זאַלץ־מינען, אין די ליכט־ און אַנדערע כעמישע מאַנופאַקטורען; יונגע פערזאָנען ווערן געמערדערט ביי דער אַר־בייט פון דרעהען די וועבשטוהלען, וואו זיי ווערן ניט געטריבען

[251] קינדער זיינען בעשעפטיגט אפילו ביי שלייפען פיילען אין שעפּפיעלד!

[251*] „טשילדרען'ס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן“, 5טער ראַפּאָרט 1866, ז. 3, נ. 24, ז. 6, נ. 55 און ז. 7, נ. 59 און 60.

אַרבייטער, וואָס זיינען צושפּרייט אין די גרויסע שטעדט און איבער די דערפער. איין ביישפּיל: די העמדער־פאַבריק פון די הערן טילליע און לאָנדאָנדערי, אירלאַנד, בעשעפטיגט 1000 פאַבריק־אַרבייטער און 9000 איבער'ן לאַנד צושפּרייטע הויז־אַרבייטער.[250]

די עקספּלואַטאַציע פון וואָלוועלע און ניט־רייפע אַרבייט־קרעפטען געהט אָן מעהר אונפערשעהמט אין דער מאָדערנער מאַנופאַקטור, איידער אין דער ריכטיגער פאַבריק, ווייל די טעכנישע גרונדלאַגע, וואָס עקזיסטירט אין דער פאַבריק—דאָס פערבייטען די מוסקול־קראַפט דורך מאַשינען און די לייכטקייט פון דער אַרבייט—פעהלט מעהרסטענטיילס אין דער מאַנופאַקטור; אין דערזעלביגער צייט ווערט דער פרויען־קערפּער אָדער דער ניט־רייפער קערפּער [פון יונגע קינדער] העכסט געוויסענלאָז אונטערוואָרפען דעם איינפלוס פון גיפטיגע שטאָפען א.אז.וו. די עקספּלואַטאַציע איז נאָך מעהר אונפערשעהמט אין דער אזוי־גערופענער הויז־אַרבייט איידער אין דער מאַנופאַקטור, ווייל די ווידערשטאַנד־פעהיגקייט פון די אַרבייטער ווערט קלענער, וואָס מעהר צעוואָרפען זיי זיינען; ווייל אַ גאַנצע רייהע רויבערישע פּאַראַזיטען דרינגען אריין צווישען דעם אייגענטליכען אַרבייט־געבער און דעם אַרבייטער; ווייל די הויז־אַרבייט מוז אומעטום קאָנקורירן מיט דער מאַשין־פּראָדוקציאָן אָדער ווייניגסטענס מיט דער מאַנופאַקטור־פּראָדוקציאָן אין דעמזעלביגען פּראָדוקציאָנס־צווייג; ווייל די אָרימקייט בערויבט דעם אַרבייטער פון די נויטווענדיגסטע אַרבייט־בעדינגונגען—רוים, ליכט, ווענטילאַציע א.אז.וו.; ווייל די בעשעפטיגונג ווערט אַלץ מעהר אונרעגעלמעסיג; און ענדליך, ווייל אין די דאָזיגע לעצטע ערי מקלט (צופלוכטס־שטאָטען) פון די, וועמען די גרויסע אינדוסטריע און אַגריקולטור האָבען געמאַכט פאַר „איבעריגע", דערגרייכט די אַרבייטער־קאָנקורענץ נויטיגערוויז איהר העכסטען פּונקט.

די עקאָנאָמיזירונג פון די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, וואָס האָט זיך ערשט סיסטעמאַטיש אויסגעבילדעט דורך דער מאַשין־פּראָדוקציאָן,

---

[250] „טשילדרענ'ס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן, 2טער ראַפּאָרט 1864", ז. LXVIII נ. 415.

יאָהר ווערן בעשעפטיגט. זיי ארבייטען דיזעלבע צאָהל שטונדען, ווי די דערוואקסענע, און אָפטמאָל נאָך מעהר. די ארבייט איז שווער און די זומער־היץ פערגרעסערט נאָך די אויסגעמאטערט־קייט. אין א ציגעלניע אין מאָזלעי, צום ביישפיעל, האָט א 24־יעהריג מיידעל געמאכט 2000 ציעגעל א טאָג, מיט דער הילף פון 2 ניט־דערוואקסענע מיידלעך, וועלכע פלעגען טראָגען דעם לעהם און צונויפלעגען די ציעגעל־שטיינער. די דאָזיגע מיידלעך פלעגען יעדען טאָג ארויפשלעפען א מאסע פון 10 טאָן איבער די גלי־טשיגע זייטען פון דער ציעגעל־גרוב, וואָס איז געווען 30 פוס טיעף, און האָבען עס געטראָגען א מהלך פון 210 פוס. „עס איז אונ־מעגליך פאר א קינד דורכצוגעהן דעם גיהנום־פייער פון א ציגעל־ניע און ניט ווערן געזונקען מאָראליש.... די גראָבע שפראך, וואָס זיי קומט אוים צו הערן פון קליינווייז־אויף; די שמוציגע, אונ־אנשטענדיגע און אונפערשעהמטע געוועוהנהייטען, צווישען וועלכע זיי וואקסען אויף פערווילדעט און אונגוויסענד, מאכען זיי אויפ׳ן גאנצען לעבען געזעצלאָז, פערוואָרפען, צולאָזען.... דער אופן.ווי זיי וואוינען צוזאמען איז א שרעקליכער קוואל פון דעמאָראליזאציע. יעדער „מאָלדער" (דער וואָס פורעמט די ציעגעל—א ריכטיג גע־שיקטער ארבייטער און הויפט פון אן ארבייטער־גרופע) בעזאָרגט זיין כתה, וואָס בעשטעהט פון 7 ארבייטער, מיט לאָזשי און קעסט אין זיין שטיבעל אָדער „קאטטעדזש". אין דעם שטיבעל שלאָפען מענער, אינגלעך און מיידלעך, סיי זיי געהערען צו זיין פאמיליע, סיי נים. דאָס שטיבעל בעשטעהט פון 2 צימערן, נאָר אויסנאהמס־ווייז פון 3, אלע אונטען, און עס האָט ווענינ ווענטילאציע. די קערפערס זיינען אזוי אויסגעמאטערט פון דער שווערער ארבייט דורכ׳ן טאָג, אז זיי קאָנען ניט אָבהיטען קיינע געזונדהייט־רעגעלען, ניט קיין ריינליכקייט אָדער אנשטענדיגקייט. א סך פון די שטיב־לעך זיינען מושטערס פון אונאָרדנונג, שמוץ און שטויב.... די ערגסטע צרה פון׳ם סיסטעם, וואָס בעשעפטיגט יונגע מיידלעך פאר אָט דער ארבייט, בעשטעהט אין דעם, וואָס עס בינדט זיי צו, בדרך כלל, אויף זייער גאנצען לעבען, פון קינדרווייז אָן, צו א חברה העבסט־צולאָזענע אויסוואורפען. זיי ווערן פערגרעבטע אינגלעך מיט מיאוס׳ע מיילער, איידער די נאטור האָט זיי געלערנט, אז זיי

מעכאַניש.[252] איינע פון די שענדליכסטע, שמוציגסטע און ערגסט־בעצאָהלטע אַרבייטען, ביי וועלכער עס ווערן אם ליעבסטען בע־שעפטיגט יונגע מיידלעך און פרויען, איז די אַרבייט צו סאָרטירן קאָדער. עס איז בעקאַנט, אַז גרויס־בריטאַניען, ניט רעכענענדיג איהרע אייגענע מאַסען קאָדער, איז דער צענטער פון דעם קאָדער־האַנדעל פון דער גאַנצער וועלט. זיי שטראָמען אהער פון יאַפּאַן, פון די ווייטסטע שטאַאטען פון דרום־אַמעריקא און פון די קאַנאַ־נאַרישע אינזלען. די הויפּט־קוועלען אָבער פון וואַנען זיי קומען אָן, זיינען דייטשלאַנד, פראַנקרייך, רוסלאַנד, איטאַליען, עגיפּטען, טערקיי, בעלגיען און האָללאַנד. זיי דיענען פאַר בעמיסטיגונג, פאַר דער פאַבריקאַציע פון מאַטראַצען־איינשיט, פון שאדדי, (גע־מאַכטע וואָל) און אַלס רויה־מאַטעריאַל פון פּאַפּיער. די פרויען, וואָס סאָרטירן די קאָדער, דיענען אַלס פערמיטלער צו פערשפּריי־טען פּאָקען און אַנדערע אַנשטעקינע קראַנקהייטען, פון וועלכע זיי אַליין זיינען די ערשטע קרבנות.[253]

אַלס קלאַסישער ביישפּיעל פון איבעראַרבייט, פון שווערער און אונפּאַסענדער אַרבייט, און ממילא פון דער ברוטאַליזירונג פון די אַרבייטער, וואָס ווערן פערצעהרט פון קינדרווייז אָן, קאָן דיענען, א חוץ דער מינען־ און קויהלען־פּראָדוקציאָן, די ציעגעל־ און באַק־שטיין־פאַבריקאַציע, ביי וועלכע די ניי־ערפונדענע מאַשין ווערט אין ענגלאַנד אָנגעווענדעט נאָר וואו־ניט־וואו (1867). צווישען מאַי און סעפּטעמבער דויערט די אַרבייט פון 5 אוהר מאָרגענס ביז 8 אוהר אבענדס, און וואו דאָס טריקענען קומט פאָר אויף דער פרייער לופט—אָפט פון 4 אוהר מאָרגענס ביז 9 אוהר אבענדס. דער אַרבייטס־טאָג פון 5 אוהר אין דער פריה ביז 7 אין אבענד רעכענט זיך ווי א „רעדוצירטער", א „מעסיגער" אַרבייטס־טאָג. קינדער פוןביידע געשלעכטער אין עלטער פון 6 און אפילו פון 4

[252] דאָרט גופא, ז. 114 און 115, נ. 6 און 7. דער קאָמיסאַר בעמערקט ריכטיג, אַז אויב געוועהנליך פערבייט די מאַשין דעם מענשען, פערבייט דאָ בוכשטעבליך א אינגעל די מאַשין.

[253] זעה בעריכט וועגען דעם קאָדער־האַנדעל און פיעלע ביישפּיעלען אין „פּובליק העלטה", 8טער ראַפּאָרט, לאָנדאָן 1866, אַנהאַנג ז. 196—208.

ברענגען, זאל, אויף וויפיעל דאס העננגט אב פון איהם, זיין פריי פון אלע ניט־היגיענישע אומשטענדען, וועלכע קאנען נאר אויס־געמיטען ווערן. איך האב נאכגעוויזען, אז בעת די ארבייטער זיינען פראקטיש ניט בכח זיך אליין צו פערשאפען דאס דאזיגע געזונדהייטס־רעכט, קריגען זיי אויך ניט קיין ווירקזאמע שטיצע פון די בעצאהלטע אדמיניסטראטארען פון דער געזונדהייטס־פא־ליציי.... דאס לעבען פון צעהנדליגע טויזענדער ארבייטער און ארבייטערינען ווערט איצט אהן שום נוצען געפייניגט און פער־קירצט דורך די ענדלאזע פיזישע ליידען, וואס קומט בלויז פון זייער בעשעפטיגונג." [255] אלס אן אילוסטראציע פון דעם איינ־פלוס פון די ווערקשטעפער אויף דעם געזונדהייטס־צושטאנד, גיט דר. סיימאן די פאלגענדע שטערבליכקייט־טאבעלע: [256]

אינדוסטריען פערגליכען בנוגע צו דער געזונדהייט	די צאהל פער־זאנען פון יעדען עלטער וואס זיינען בעשעפטיגט אין די בעזונ־דערע אינ־דוסטריען	די ראטע פון שטערבליכקייט אויף 100,000 מענער אין די בעזונדערע אינדוסטריען לויט דעם אנגעגעבענעם עלטער: 25 ביז 35 יאהר	35 ביז 45 יאהר	45 ביז 55 יאהר
אגריקולטור אין ענגלאנד און וועלס — — — — — —	958,265	743	805	1145
לאנדאנער שניידער — —	22,301 מענער 12,379 פרויען	958	1262	2093
לאנדאנער דרוקער — — —	13,803	894	1747	2367

[255] „פובליק העלטה", 6טער ראפארט, לאנדאן 1864", ז. 31.

[256] דארט גופא, ז. 30. דר. סיימאן בעמערקט, אז די שטערבליכקייט פון די לאנדאנער שניידער און דרוקער פון 25 ביז 35 יאהר איז אין דער ווירקליכקייט פיעל גרעסער, ווייל זייערע לאנדאנער ארבייט־געבער קריגען אריין א גרויסע צאהל יונגע לייט אונטער 30 יאהר פון דער פראווינץ אלס „לעהרלינגע" און „אימפרואווס" (וואס ווילען זיך פערפאלקאמען אין דער ארבייט). די דאזיגע

זיינען פרויען. אַנגעטאַן אין שמוציגע שמאַטעס, די פיס נאַקעט ביז אריבער די קניה, די האָר און דאָס געזיכט אויסגעשמירט אין קויט, געוועהנען זיי זיך איין צו בעהאַנדלען מיט פעראַכטונג יעדען געפיהל פון אנשטענדיגקייט. אין דער צייט פון עסען ליעגען זיי אויסגעצויגען אויף די פעלדער אָדער קוקען זיך צו ווי די אינגלעך באָדען זיך אין אַ דערבייעדיגען קאַנאַל. ווען זיי זיינען ענדליך פאַרטיג געוואָרן מיט זייער שווערן טאָג אַרבייט, טהוען זיי זיך אָן זייערע בעסערע קליידער און בעגלייטען די מענער אין די ביער־שענקען." עס איז ניט מעהר ווי נאַטירליך, אַז אין דעם דאָזיגען גאַנצען קלאַס הערשט פון זייער קינדהייט אָן די גרעסטע שכרות. „דאָס ערגסטע איז, וואָס די ציעגעל־מאַכער פערצווייפלען אין זיך אַליין. איינער פון די בעסערע האָט געזאָגט צום גלח פון סאוטהאָל־פיעלד: איהר, מיין הערר, קאָנט פונקט אַזוי גוט פרובירן דערהעבען און אויסבעסערן דעם טייוועל, ווי אַ ציעגעל־מאַכער![254]

וועגען דער קאַפּיטאַליסטישער עקאָנאָמיזירונג פון די אַרבייט־בעדינגונגען אין דער מאָדערנער מאַנופאַקטור (אונטער וועלכער מיר פערשטעהען אַלע ווערקשטאַטען אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב, אַ חוץ די ריכטיגע פאַבריקען) געפינט מען אָן אָפּיציעלען און העכסט רייכען מאַטעריאַל אין דעם פערטען (1861) און זעקסטען (1864) „פּובליק העלטה רעפּאָרט". די בעשרייבונג פון די „וואָרקשאָפּס", ספּעציעל פון די לאָנדאָנער דרוקער און שניידער, שטייגט אַריבער די עקעלהאַפטעסטע פאַנטאַזיעס פון אונזערע ראָמאַנען־שרייבער. די ווירקונג אויף דעם געזונד־צושטאַנד פון די אַרבייטער קאָן מען שוין אַליין פערשטעהן. דר. סיימאָן, דער עלטסטער אַרצטליכער בעאַמטער פון דעם „פּרייווי קאָונסיל" און אָפּיציעלער אַרויסגעבער פון די „פּובליק העלטה רעפּאַרטס", זאָגט צווישען אַנדערעס: „אין מיין פערטען בעריכט (1863) האָב איך געצייגט, ווי עס איז פּראַקטיש אונמעגליך פאַר די אַרבייטער צו בעשטעהן אויף זייער ערשטען געזונדהייטס־רעכט, דאָס רעכט, אַז די אַר־בייט, פאַר וועלכער זייער בעשעפטיגער זאָל זיי ניט צוזאַמענ־

[254] „טשידרדרענ׳ס עמפּלאָימענט קאמישיאן", 5טער ראפּאַרט, 1866, ז. XVI נ. 96, 97, ז. 130, נ. 39, 61. אויך ד. ג. 3טער ראפּאַרט 1864, ז. 48, 56.

1852	1 אויף 45	1856	1 אויף 15	1859	1 אויף 9
1853	1 " 28	1857	1 " 13	1860	1 " 8
1854	1 " 17	1858	1 " 15	1861	1 " 8
1855	1 " 18				

אַט דער פּאָרטשריט אין דער פּערשפּרייטונג פון שווינדזוכט ד'אַרף זיין גענוג פאַר דעם העכסט אָפּטימיסטישען פּאָרטשריטלער און ליגנערישען דייטשישען פרייהאַנדעל־קרעמער יונג.

דער פאַבריק־אַקט פון 1861 רעגולירט די אייגענטליכע שפּיצען־מאַכעריי, אַזוי ווייט ווי דאָס קומט פאָר דורך מאַשינעריע, און דער אופן איז אין ענגלאַנד דער רעגעל. די צווייגען, וועלכע מיר בעטראַכטען דאָ אינקורצען, ניט בנוגע די ארבייטער, וואָס זיינען קאָנצענטרירט אין מאַנופאַקטורען, „וואָר־הייזער" [מאַגאַזינען] א.אז.וו., נאָר בלויז אויף וויפיעל זיי זיינען אַזוי־גערופענע הויז־אַרבייטער, טיילען זיך איין ערשטענס אין „ליים פינישינג" (דאָס לעצטע צורעכטמאַכען פון די מאַשינענמעסיג־פאַבריצירטע שפּיצען—אַ קאַטעגאָריע, וועלכע שליסט ווידער איין פיעלע אונטער־אָבטיילונגען), און צווייטענס אין שפּיצען־העפטען.

דאָס „ליים־פינישינג" ווערט אָנגעפיהרט אַלס הויז־אַרבייט ענטוועדער אין די אַזוי־גערופענע „מיסטרעסעס האַוזעס" [הייזער פון מייסטערקעס], אָדער פון פרויען, אַליין אָדער מיט זייערע קינדער, אין זייערע פּריוואַט־וואוינונגען. די פרויען, וועלכע האַלטען די „מיסטרעסעס האַוזעס", זיינען אַליין אָרים. דאָס אַרבייט־צימער איז אַ טייל פון זייער פּריוואַט־וואוינונג. זיי בעקומען בעשטעלונגען פון פאַבריקאַנטען, אייגענטימער פון מאַגאַזינען א.אז.וו. און בעשעפטיגען פרויען, מיידלעך און יונגע קינדער, לויט דער גרויס פון זייערע צימערן און דער ניט־שטענדיג־גלייכער נאָכפראַגע פון דעם געשעפט. די צאָהל בעשעפטיגטע אַרבייטערינען בייט זיך פון 20 ביז 40 אין איינִיגע פלעצער, פון 10 ביז 20 אין אַנדערע. דער דורכשניטליכער מינימאַל עלטער, אין וועלכען קינדער פאַנגען אָן צו אַרבייטען, איז 6 יאָהר, איינִיגע אָבער זיינען נאָך אונטער 5 יאָהר. די געוועהנליכע אַרבייט־צייט

ד) די מאָדערנע הויז־אַרבייט.

איך געה איצט איבער צו דער אַזוי־גערופענער הויז־אַרבייט. כדי זיך צו מאַכען אַ בעגריף פון אָט דער ספערע פון קאַפּיטאַליס־טישער עקספּלואַטאַציע, וואָס איז אויפגעבויט אויף'ן הינטערגרונד פון דער גרויס־אינדוסטריע, און פון איהרע שרעקליכקייטען, דאַרף מען בעטראַכטען, צום ביישפּיעל, די גאַנץ אידיליש אויסזעהענדע נעגעל־פאַבריקאַציע אין אייניגע פערוואָרפענע דערפער פון ענג־לאַנד.[257] עס וועט זיין גענוג צו געבען דאָ אייניגע ביישפּיעלען פון די שפּיצען־פאַבריקאַציע און שטרוי־פלעכטעריי, וועלכע ווערן נאָך גאָרניט אָנגעפיהרט מאַשינענמעסיג, אָדער פון די צווייגען, וועלכע קאָנקורירן מיט דער מאַשין און מאַנופאַקטור־פּראָדוקציאָן.

פון די 150,000 פּערזאָן, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דער ענג־לישער שפּיצען־פּראָדוקציאָן, קומען אומגעפעהר 10,000 אונטער דער מאַכט פון דעם פאַבריק־געזעץ פון 1861. די אונגעהויערע מעהר־צאָהל פון די איבעריגע 140,000 זיינען פרויען, יונגע פּערזאָנען און קינדער פוןביידע געשלעכטער, הגם דער מענליכער געשלעכט איז נאָר שוואַך פּערטראָטען. דער געזונד־צושטאַנד פון דעם דאָזיגען „וואָלוועלען" עקספּלואַטאַציאָנס־מאַטעריאַל ווייזט זיך אַרויס פון דער פאָלגענדער טאַבעלע פון דר. טרומאַן, דער דאָקטאָר אין דער „דזשענעראַל דיספּענסערי" [אַלגעמיינע קליניק פאַר אָרימע] פון נאָטינגאַם. פון 686 פּאַציענטען, שפּיצען־מאַכערינס, מעהרסטענס צווישען 17 און 24 יאָהר, זיינען געוועזן שווינדזיכטיגע:[258]

יונגע לייט ווערן פערעכענט אין צענזוס אַלס לאָנדאָנער, זיי פערגרעסערן די צאָהל פּערזאָנען, אויף וועלכע די לאָנדאָנער ראַטע פון שטערבליכקייט ווערט בערעכענט, ניט פערגרעסערענדיג פערהעלטניסמעסיג די צאָהל פון די לאָנדאָנער טויט־פעלען. אַ גרויסער טייל פון זיי, ווען זיי ווערן קראַנק און ספּעציעל אין שווערע קראַנקהייטס־פעלען, קעהרן זיך אום צוריק אַהיים. (דאָרט גופא).

[257] עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען געהעמערטע נעגעל און אונטערשייד פון די מאַשינענמעסיג־פאַבריצירטע געשמיטע נעגעל. זעה „טשילדרען'ס עמפּלאָימענט קאָמישיאָן" 3טען ראַפּאָרט, ז. XI, XIX נ. 125—130, ז. 53, נ. 11, ז. 144, נ. 487, ז. 137, נ. 674.

[258] דאָרט גופא, 2טער ראַפּאָרט, ז. XXII, נ. 166.

אַרבייט.“ [259] "Their work is like slavery." וואו פרויען אַר־ בייטען מיט זייערע אייגענע קינדער צו הויז, דאָס הייסט אין דעם מאָדערנעם זין, אין אַ געדונגענעם צימער, גאַנץ אָפּט אין אַ דאַך־ צימער, זיינען די צושטענדען, אויב מעגליך, נאָך ערגער. אָט דער סאָרט אַרבייט ווערט אַרויסגעגעבען אויף 80 מייל אַרום נאָטינגאַם. ווען דאָס קינד, וואָס איז בעשעפטיגט אין מאַגאַזין, געהט אַהיים 9 אָדער 10 אוהר אין אבענד, גיט מען איהם אָפּט נאָך אַ בינטעל אַרבייט מיט זיך, פאַרטיג צו מאַכען אין דער היים. דער קאַפּי־ טאַליסטישער פאַריסער, פערטראָטען פון איינעם פון זיינע לוין־ קנעכט, טהוט עס נאַטירליך מיט דער בוימעלדיגער פראַזע: „דאָס איז פאַר דער מוטער“; ער ווייס אָבער גאַנץ גוט, אז דאָס אָרימע קינד וועט מוזען זיצען ביז שפּעט אין דער נאַכט און העלפען.[260]

די אינדוסטריע פון שפּיצען־העפטען ווערט אָנגעפיהרט הויפּט־ זעכליך אין צוויי ענגלישע אַגריקולטור־דיסטריקטען: אין דעם האָ־ ניטאָן שפּיצען־דיסטריקט, פון 20 ביז 30 מייל לאַנג ביים דרום־ ברעג פון דעוואָנשיר, אַריינגעהמענדיג עטליכע פלעצער פון נאָרד־ דעוואָן; און נאָך אַ דיסטריקט, וואָס נעהמט אַרום אַ גרויסען טייל פון באָקינגהעם, בעדפאָרד און נאָרטהאַמפּטאָן „קאַונטיעס“, און אויך די אַרומיגע טיילען פון אָקספאָרדשיר און האָנטינגדאָנשיר. די „קאָטעדזשעס“ פון די אַגריקולטורעלע טאָג־אַרבייטער זיינען געוועהנליך די אַרבייט־פּלעצער. אייניגע פאַבריקאַנטען בעשעפ־ טיגען אַריבער 3000 אַזעלכע הויז־אַרבייטער, דערהויפּט קינדער און יונגע פערזאָנען, אויסשליסליך פון פרויען־געשלעכט. די צושטענ־ דען, וואָס זיינען בעשריבען געוואָרן אין די „לייס־פינישינג“ פּלע־ צער, ווידערהאָלען זיך דאָ. נאָר אנשטאָט די „מיסטרעסעס האַו־ זעס“ קומען דאָ פאַר די אַזוי־גערופענע „לייס־סקולס“ (שפּיצען־ שולען), וואָס ווערן געהאַלטען פון אָרימע פרויען אין זייערע שטיבלעך. קינדער פון 5 יאָהר, און אמאָל נאָך יינגערע, אַרביי־ טען אין די דאָזיגע שולען ביז זיי זיינען 12 אָדער 14 יאָהר אַלט; דעם ערשטען יאָהר אַרבייטען די יינגסטע פון 4 ביז 8 שטונדען,

---

[259] דאָרט גופא, 2טער ראַפּאָרט, ז. XIX, XX, XXI

[260] ד. ג., ז. XXI, XXVI

געוועהרט פון 8 אוהר אין דער פריה ביז 8 אוהר אין אבענד, מיט א שטונדע און א האַלב פּאַר מאָהל־צייטען, וועלכע זיי עסען אונ־רעגעלמעסיג און אָפט טאַקע דאָרט אין די שטינקיגע אַרבייט־לעכער גופא. ווען די געשעפטען געהען גוט, געוועהרט די אַרבייט אָפט פון 8 אוהר (מאַנכעסמאָל פון 6 אוהר) אין דער פריה ביז 10, 11 אָדער 12 אוהר ביינאַכט.

אין די ענגלישע קאַזאַרמעס קומט אויס לויט'ן פאָרשריפט פון 500 ביז 600 קוביק־פוס רוים פאַר יעדען סאָלדאַט; אין די מילי־טער־לאַזאַרעטען—1200 קוביק פוס. אין יענע אַרבייט־לעכער קומט אויס אויף יעדער פּערזאָן פון 67 ביז 100 קוביק־פוס. אין דער־זעלביגער צייט פערצעהרט נאָך דאָס גאַז־ליכט דעם זויערשטאָף פון דער לופט. כדי צו האַלטען די שפּיצען ריין, מוזען די קינדער אָפט אויסטאָן די שיך, אפילו אום ווינטער, אָבוואויל דער דיעל איז פון שטיין־פּלאַטען אָדער פון ציעגעל. „עס איז גאָרניט קיין אונגעוועהנליכע זאַך אין נאָטינגאַם צו געפינען פון 14 ביז 20 קינדער צונויפגעפּעקעלט אין א צימער פון אפשר ניט מעהר ווי 12 פוס אין קוואַדראַט, און בעשעפטיגט 15 שטונדען אין מעת לעת ביי אַן אַרבייט, וואָס מאַטערט אויס שוין אַליין דורך איבערדרי־סיגקייט און איינפאָרמיגקייט, און וועלכע ווערט נאָך דערצו אָנ־געפיהרט אונטער אַלע געזונד־צושטערענדע אומשטענדען, וואָס נאָר מעגליך.... אפילו די איינגסטע קינדער אַרבייטען מיט אַזא אָנ־געשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט און געשווינדקייט, וואָס איז צום ערשטוינען, און פערגינען זיך כמעט קיינמאָל ניט געבען זייערע פינגער עטוואָס רוה אָדער אַרבייטען לאַנגזאַמער. פרעגט מען זיי עפּעס, ענטפערן זיי, ניט אויפהעבענדיג די אויגען פון דער אַרבייט, ווייל זיי האָבען מורא צו פערלירן א מאָמענט.“ דער „לאַנגער שטעקען“ דיענט דער „מיסטרעס“ אַלס מיטעל אונטערצוטרייבען די קינדער אַלץ מעהר, וואָס לענגער עס געדויערט די אַרבייט־צייט. „די קינדער ווערן ביסלעכווייז מיעד און אונרוהיג ווי פויגלען ביים סוף פון זייער לאַנגער געבונדענקייט צו א בעשעפטיגונג, וואָס איז מאָנאָטאָן, שטרענגט אָן די אויגען און מאַטערט אויס דורך דער איינפאָרמיגער האַלטונג פונ'ם קערפּער. עס איז אמת'ע שקלאַווען־

4 יאהר, מאנכעסמאל צווישען דריטען און פערטען יאהר. קיין ערציהונג, פערשטעהט זיך, בעקומען זיי גארניט. די קינדער אליין רופען די עלעמענטאר־שוהלען „נאטיוראל סקולס“ (נאטירליכע שולען) אין אונטערשייד פון אט די בלוט־אויסזויגענדע אנשטאל־טען, אין וועלכע זיי ווערן איינפאך געהאלטען ביי דער ארבייט, כדי פארטיג צו מאכען די מלאכה, וואס זייערע האלב־פערהונגער־טע מוטערס הייסען זיי טהאן, מעהרסטענס 30 יארד [ענגלישע עלען] א טאג. די דאזיגע מאמעס צווינגען זיי נאך אפט צו אר־בייטען צו הויז ביז 10, 11 און 12 אוהר ביינאכט. דער שטרוי צו־שניידט זיי די פינגער און דאס מויל, מיט וועלכען זיי מוזען עס שטענדיג בענעצען. לויט דר. באלארד, וועלכער האט צוזאמענ־געפאסט די אלגעמיינע מיינונג פון די מעדיצינישע בעאמטע אין לאנדאן, זיינען 300 קוביק־פוס דער מינימום רוים פאר יעדער פער־זאן אין א שלאף־צימער אדער אן ארבייט־צימער. אין די שטרוי־פלעכט־שוהלען איז אבער דער רוים נאך שפארעוודיגער צוגעמאס־טען ווי אין די שפיצען־שוהלען— 12, 17, 18½ און ווייניגער ווי 22 קוביק־פוס פאר יעדער פערזאן. „די קלענערע פון די דאזיגע צאהלען“, זאגט דער קאמיסאר ווהייט, „שטעלען פאר ווייניגער ווי א העלפט פון דעם רוים, וואס א קינד וואלט פערנומען, ווען מען זאל עס אריינזעצען אין א קעסטעל פון 3 פוס אין אלע מאס־ריכטונגען (דימענזיאנען).“ אט דאס איז דער לעבענס־גענוס פון די קינדער ביז צום 12טען אדער 14טען יאהר. די עלענדע, פער־זונקענע עלטערן טראכטען נאר ווי ארויסצושלאגען פון די קינדער אזויפיעל פערדיענסט ווי נאר מעגליך. ווען זיי וואקסען אויס אהרט זיי נאטירליך ניט פאר די עלטערן וואס א גראשען איז ווערטה און זיי פערלאזען זיי. עס איז קיין וואונדער ניט, וואס אונוויסענהייט און פערדארבענהייט הערשט אין א בעפעלקערונג, וואס איז אזוי ערצויגען געווארן.... איהר מאראל שטעהט אויף דער נידעריג־סטער שטופע.... א גרויסע צאהל פון די פרויען האבען אילעגי־טימע קינדער, און אייניגע פון זיי אין אזא ניט־רייפען עלטער, אז אפילו די וואס זיינען גוט בעקאנט מיט דער קרימינאל־סטא־

שפּעטער—פון 6 אוהר אין דער פריה ביז 8 און 10 אוהר אין אבענד. „די צימערן זיינען בכלל געוועהנליכע חדרים פון קליינע הייזלעך; דער קוימען איז פערמאַכט כדי אויסצומיידען אַ צוג־ווינד; די וואָס זיצען דאָרטן, מוזען אָפּטמאָל אפילו אין ווינטער זיך בע־נוגענען מיט דער וואַרעמקייט פון זייערע אייגענע קערפּערס. אין אַנדערע פעלען זיינען די דאָזיגע אַזוי־גערופענע שוהל־צימערן עהנ־ליך צו קליינע שפּייז־קאַמערן, גאָר אָהן אַ פייער־פּלאַץ.... די ענגקייט אין די דאָזיגע לעכער און די פערפּעסטעטע לופט, וואָס קומט דערפון, זיינען אָפט געפעהרליך גרויס. דערצו קומט נאָך די שעדליכע ווירקונג פון די רינשטאָקען, אַבטרעטען, פערפוילטע שטאָפען און אַנדערע שמוץ, וואָס געפינען זיך אין די דורכגענג צו די קלענערע שטיבלעך." וואָס געהערט צו דעם שטח פון די צימערן, איז אַזוי: „אין איין שפּיצען־שוהלע פון 18 מיידלעך און איין לעהרערקע קומט אויס 35 קוביק־פוס פאַר יעדער פּערזאָן; אין אַנאַנדערער, וואו דער געשטאַנק איז געווען אונערטרעגליך, האָבען זיך געפונען 18 פּערזאָן און 24½ קוביק־פוס פער קאָפּ. אין דער דאָזיגער אינדוסטריע געפינט מען אַרבייטען קינדער פון 2 און 2½ יאָהר אַלט." [261]

אין די דאָרפישע „קאַונטים" (גראַפשאַפטען) פון באַקינגהאַם און בעדפאָרד, וואו דאָס שפּיצען־העפטען הערט אויף, פאַנגט זיך אָן די שטרוי־פּלעכטעריי. זי שטרעקט זיך אויס איבער אַ גרויסען טייל פון הערטפאָרדשיר און די מערב און צפון־טיילען פון עסעקס. אין יאָהר 1861 זיינען ביים שטרוי־פּלעכטען און ביי מאַכען שטרוי־היט געווען בעשעפטיגט 40,043 פּערזאָן—3815 פון דער צאָהל פון מענליכען געשלעכט פון יעדען עלטער, די איבעריגע זיינען אַלע פון פרויען־געשלעכט, און דערפון זיינען 14,913 געווען אונטער 20 יאָהר אַלט און אַן ערך 7,000 קינדער.

אויף דעם אָרט פון די שפּיצען־שוהלען טרעטען דאָ אַרויס די שטרוי־פּלעכטען־שוהלען (Straw-plait Schools). די קינדער הויבען דאָ זיך אָן צו לערנען דאָס שטרוי־פּלעכטען געוועהנליך צו

[261] ד. ג., ז. XXIX, XXX

דער איינפיהרונג פון מאַשינעריע און פאַר דער פון איצט אָן שנע־לער פערוואַנדלונג פון דער צוברעקעלטער הויז־ארבייט (אָדער אויך מאַנופאַקטור) אין פאַבריק־פּראָדוקציאָן.

דעם קאָלאָסאַלסטען ביישפּיעל פון דער דאָזיגער בעוועגונג גיט אונז די פּראָדוקציאָן פון „וועריגנ אַפּפּאַרעל" (אַלערליי קליידונג־אַרטיקלען). די דאָזיגע אינדוסטריע פאַסט אום, לויט דער קלאַ־סיפיקאַציע פון דער „טשילדרענ'ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן", שטרוי־היט און דאַמען־היט מאַכער, קאַפּענמאַכער, שניידער, „מי־לינערס" און „דרעסמייקערס",[264] העמדענמאַכער און נעהטערקעס, קאָרסעטען־ האַנדשוה־ שוה־מאַכער, מיט פיעלע קלענער צווייַ־גען, ווי די פאַבריקאַציע פון קראַוואַטען, האַלז־קראַגען א.אז.וו. דער פרויען־פּערזאָנאַל, וואָס איז געווען בעשעפטיגט אין ענגלאַנד און וועלס אין די דאָזיגע אינדוסטריען, אין יאָהר 1861, האָט בעטראָ־פען 586,298, פון וועלכע וועניגסטענס 115,242 זיינען אונטער 20 יאָהר און 16,650 אונטער 15 יאָהר אַלט. די צאָהל פון די דאָזיגע ארבייטערינען אין דעם פעראייניגטען קעניגרייך (אין יאָהר 1861) איז געווען 750,,334. די צאָהל פון מענער־ארבייטער, וואָס זיינען גלייכצייטיג בעשעפטיגט ביי הוט־, שוה־, האַנדשוה־מאַכעריי און שניידעריי אין ענגלאַנד און וועלס, איז 437,969, פון וועלכע 14,964 זיינען אונטער 15 יאָהר, 89,285 זיינען פון 15 ביז 20 יאָהר, 333,117 אריבער 20 יאָהר אַלט. עס פעהלען אין דער רשימה פיעלע קלע־נערע צווייגען, וואָס געהערן אַהער. ווען מיר נעהמען אָבער די צאָהלען ווי זיי שטעהען, קומט אוים לויט דעם צענזוס פון 1861, פאַר ענגלאַנד און וועלס אַליין, אַ סומע פון 1,024,277 פּערזאָן— אומגעפעהר אזויפיעל, וויפיעל עס זיינען פערנומען ביי אַקער־בוי און פיה־צוכט. מען פאַנגט אָן דערפון צו פערשטעהן צו וואָס די מאַשינעריע העלפט אַרויסצו'כשופ'ן אזוינע אונגעהויערע פּראָדוק־טען־מאַסען, און פאַרוואָס זי „מאַכט פריי" אזוינע אונגעהויערע ארבייטער־מאַסען.

[264] „מילינערי" בעציהט זיך אייגענטליך נאָר אויף קאָפּ־פוין, דאָך אָבער נעהמט עס אויך אריין דאַמען־מאַנטלען און מאַנטלען, בעת „דרעסמייקערס" איז דיזעלבע זאַך, וואָס אין דייטש פוצמאַכערינען.

טיסטיק זיינען ערשטוינט פון דעם."[262] און דאָס היימלאַנד פון אָט די מושטער־פאַמיליען איז דאָס קריסטליכע מושטער־לאַנד פון איירָאָפּא—אַזוי זאָגט דער גראַף מאָנטאַלעמבערט, וועלכער איז אַ מומחה אין הלכות קריסטענטום!

דער אַרבייט־לוין אין די נאַר־וואָס בעשריבענע אינדוסטריע־צווייגען, וועלכער איז איבערהויפּט אַ קלענליכער (דער מאַקסימאַל־לוין פון די קינדער אין די שטרוי־פלעכט־שוהלען איז אין אויס־נאַהם־פעלען 3 שילינג אַ וואָך), ווערט נאָך ארונטערגעזעצט טיעף אונטער זיין נאָמינעלען בעטרעף דורך דעם „טראָק־סיסטעם" [דער סיסטעם צו צאָהלען די אַרבייטען מיט סחורה אנשטאָט מיט מזומן געלד], וואָס הערשט פאָר אין די שפּיצען־דיסטריקטען בכלל.[263]

ה) דער איבערגאַנג פון דער מאָדערנער מאַנופאַקטור און הויז־אַרבייט צו גרויס־אינדוסטריע. די פערשנעלערונג פון דער דאָזיגער רעוואָלוציע דורך דער אָנווענדונג פון די פאַבריק־געזעצען אויף יענע פּראָדוקציאָנס־אופנים.

די פערבילינונג פון דער אַרבייט־קראַפט דורך דעם פּשוט'ן מיסברויכען פון פרויען־ און ניט־רייפע אַרבייט־קרעפטען, דורך פּשוט'ער בערויבונג פון אַלע נאָרמאַלע אַרבייט־ און לעבענס־בע־דינגונגען, און דורך פּשוט'ער ברוטאַליטעט פון איבער־אַרבייט און נאַכט־אַרבייט, שטויסט זיך לסוף אָן אויף געוויסע נאַטור־גרעניצען, וועלכע מען קאָן ווייטער ניט איבערטרעטען; און מיט איהר מוז זיך אויך אָבשטעלען די פערבילינונג פון סחורות און די קאַפּיטאַ־ליסטישע עקספּלואַטאַציע איבערהויפּט, וואָס איז געבויט אויף די דאָזיגע יסודות. אַזוי באַלד ווי אָט דער פּונקט ווערט ענדליך גע־גרייכט—און עס דויערט אַ לאַנגע צייט—שלאָגט די שטונדע פאַר

---

[262] ד. ג., ז. XL. XLI.

[263] ד. ג., ערשטער ראַפּאָרט 1863, ז. 185.

פון דעם מינימום אַרבייט־לוין, וואָס איז נויטיג אויפצוהאַלטען אַ טרויעריג לעבען, פערבונדען מיט דעם מאַקסימום אַרבייט־צייט, וואָס איז נאָר מעגליך פאַר אַ מענשען. טאַקע אָט די ביליגקייט פון מענשען־שוויים און מענשען־בלוט, וואָס איז פערוואַנדעלט אין סחורה, האָט שטענדיג פערגרעסערט און פערגרעסערט נאָך יעדען טאָג דעם אָבזאַץ־מארק, אויך דעם קאָלאָניאַל־מארק פאַר ענגלאַנד ספּעציעל, וואו עס הערשט פאַר אויסער דעם די ענגלישע געוועג־הייט און דער ענגלישער געשמאַק. ענדליך איז געקומען צו אַ קריטישען פּונקט. די גרונדלאַגע פון דער אַלטער מעטאָדע—בלויז ברוטאַלע עקספּלואַטאַציע פון דעם אַרבייטער־מאַטעריאַל, בעגלייט מעהר אָדער ווייניגער פון אַ סיסטעמאַטיש ענטוויקעלטער אַרבייט־צוטיילונג—איז שוין מעהר ניט געווען גענוג פאַר דעם וואַקסענדען מארק און פאַר דער נאָך־שנעלער וואַקסענדער קאָנקורענץ פון די קאַפּיטאַליסטען. עס האָט געשלאָגען די שטונדע פון דער מאַשי־נעריע. די פּאָזיטיוו־רעוואָלוציאָנערע מאַשין, וואָס האָט אין אַ גלייכער מאָס ארומגעכאַפּט אַלע אונצעהליגע צווייגען פון דער דאָ־זיגער פּראָדוקציאָן־ספערע, ווי פּוצמאַכעריי, שניידעריי, שוסטעריי, נעהעריי, הוטמאַכעריי א.אז.וו. איז—די נעה־מאַשין.

איהר דירעקטע ווירקונג אויף די אַרבייטער איז אומגעפעהר דיזעלבינע ווי פון אַלע מאַשינען, וועלכע האָבען עראָבערט נייע געשעפטס־צווייגען אין דער פּעריאָדע פון דער גרויסער אינדוסטריע. זעהר יונגע קינדער ווערן ארויסגעוואָרפען. דער לוין פון די מאַ־שינען־אַרבייטער שטייגט פערהעלטניסמעסיג צו דעם לוין פון די הויז־אַרבייטער, וואָס אַ סך זייערע געהערן צו די „אָרימסטע פון די אָרימע“. דער לוין פון די בעסער־געשטעלטע האַנדווערקער, מיט וועלכע די מאַשין קאָנקורירט, זינקט אַרונטער. די נייע מאַשין־אַרבייטער זיינען אויסשליסליך מיידלעך און יונגע פרויען. מיט דער הילף פון דער מעכאַנישער קראַפט פערניכטען זיי דעם מאָנאָפּאָל פון דער מענערשער אַרבייט ביי שווערע אַרבייטען און

שוך־פאַבריק מיט 1300 פּערזאָן, פון וועלכע כמעט אַ העלפט זיינען געוועזן קינדער און יונגע פּערזאָנען א.אז.וו. („טשילד. עמפּ. קאָמ., 2טען ראַפּאָרט“, ז. 319.)

די פּראָדוקציאָן פון „ווערינג אַפּאַראַל“ ווערט אָנגעפיהרט פון מאַנופאַקטורען, וועלכע האָבען רעפּראָדוצירט ביי זיך נאָר די צו־טיילונג פון דער אַרבייט, וואָס איהרע „מעמברא דיזיעקטא [צו־שטרייטע גליעדער] האָבען זיי שוין געפונען פאַרטיג פון פריהער; פון קלענערע האַנדווערק־מייסטערס, וועלכע אַרבייטען אָבער ניט ווי פריהער פאַר אינדיווידועלע פערברויכער, נאָר פאַר מאַנופאַק־טורען און סחורה־מאַגאַזינען, אַזוי אַז גאַנצע שטעדט און לאַנד־שטרעקען פערנעהמען זיך מיט אַזעלכע צווייגען ווי שוסטעריי א.ד.ג. אַלס ספּעציאַליטעט; און ענדליך ווערט די דאָזיגע פּראָ־דוקציאָן אָנגעפיהרט פון אַזוי־גערופענע הויז־אַרבייטער, וועלכע מאַכען אויס די אויסערליכע אָבטיילונג פון מאַנופאַקטורען, סחורה־מאַגאַזינען און אפילו פון די קליינע מייסטערס.[265]

די מאַסען אַרבייט־שטאָף, רויה־שטאָפען, האַלב־פאַבריקאַטען א.אַז.וו. ליפערט די גרויס־אינדוסטריע, די מאַסע ביליגען מענשען־מאַטעריאַל (וואָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף גאָט'ס בעראָטה) בעשטעהט פון די, וואָס די גרויס־אינדוסטריע און אַגריקולטור האָבען „פריי געמאַכט“. די מאַנופאַקטורען פון אָט דער ספּערע האָבען געהאַט צו פערדאַנקען זייער אורשפּרונג הויפּטזעכליך דער פאָדערונג פון די קאַפּיטאַליסטען צו האָבען אונטער'ן האַנד אַ גרייטע אַרמעע, וואָס זאָל זיך קאָנען צופּאַסען צו יעדער בעוועגונג פון דער נאָכפראַגע.[266] די דאָזיגע מאַנופאַקטורען האָבען אָבער געלאָזט עקזיסטירן נעבען זיך די צעוואָרפענע האַנדווערקמעסיגע און הויז־פּראָדוקציאָן אַלס ברייטע גרונדלאַגע [פאַר זייער איי־גענער פּראָדוקציאָן].

די גרויסע פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה אין די דאָזיגע אַר־בייט־צווייגען, צוגלייך מיט דער שטענדיגער פערביליגערונג פון זיי־ערע אַרטיקלען, האָט זיך גענומען און נעהמט זיך הויפּטזעכליך

[265] די ענגלישע „מילינערי“ און „דרעססמייקינג“ ווערן דאָס רוב אָנגעפיהרט אין די הייזער פון די באַסעס, טיילווייז פון אָנגעשטעלטע אַרבייטערינען, וועלכע וואוינען דאָרטן, טיילווייז פון טאָג־אַרבייטערינען, וועלכע וואוינען אַנדערשוואו.

[266] קאַמיסאַר וויהייט האָט בעזוכט איין מאַנופאַקטור פאַר מיליטער־קליידער, וועלכע בעשעפטיגט פון 1000 ביז 1200 פערזאָן, כמעט אַלע פרויען, און איין

פּראָדוקציאָנס־מיטעל—קומט פּאַר (פּאָלציהט זיך) דורך אַ גאַנצען מיש־מאַש פון איבערגאַנגס־פאָרמען. זיי, די דאָזיגע פאָרמען, בייטען זיך לויט דעם אומפאַנג, וואָס די נעה־מאַשין האָט פערנומען אין איינעם אָדער דעם אַנדערן אינדוסטריע־צווייג, לויט דער צייט, וואָס זי האָט געווירקט, לויט דער פריהערדיגער לאַגע פון די אַרבייטער, לויט דעם איבער־געוויכט פון דער מאַנופאַקטור־, האַנד־ווערק־ אָדער הויז־פּראָדוקציאָן, לויט די דירה־געלד קאָסטען פון די אַרבייט־שעפער א.אַז.וו.[269] אין דער פּוצמאַכעריי צום ביישפּיעל, וואו די אַרבייט איז מעהרסטענטיילס שוין געווען אָרגאַניזירט, הויפּטזעכליך דורך איינפאַכער קאָאָפּעראַציע, האָט די נעה־מאַשין אין אָנפאַנג פאָרגעשטעלט בלויז אַ נייעם פאַקטאָר פון דער מאַנופאַקטור־פּראָדוקציאָן. אין דער שניידעריי, העמדער־מאַכעריי, שוסטעריי א.אַז.וו. מישען זיך דורך אַלע פאָרמען. אין איין אָרט געהט אָן אַ ריכטיגע פאַבריק־פּראָדוקציאָן. אין אַנאַנדער אָרט בעקומען פערמיטלער [„קאָנטראַקטאָרס“] דעם רויה־מאַטעריאַל פון אַן אויבער־קאַפּיטאַליסט און שטעלען אַוועק פון 10 ביז 50 אָדער מעהר לוין־אַרבייטער ביי נעה־מאַשינען אין „קאַמערן“ אָדער „דאַך־שטיבלעך“. ענדליך, אַזוי ווי ביי אַלע סאָרטען מאַשינעריע וועלכע מאַכען ניט אויס קיין אָרגאַניזירטען סיסטעם און קאָנען אָנגעווענדעט ווערן אין אַ קליינעם פאָרמאַט, בענוצען האַנדווערקער אָדער הויז־אַרבייטער, מיט דער אייגענער פאַמיליע אָדער צונעהמענדיג עטליכע פרעמדע אַרבייטער, אויך נעה־מאַשינען, וועלכע געהערן צו זיי אַליין.[270] פּאַקטיש ווערט איצט אין ענגלאַנד דער סיסטעם, וואו דער קאַפּיטאַליסט קאָנצענטרירט אַ גרויסע צאָהל

---

[269] „די דירה־געלד פון די אַרבייט־שעפער שיינט צו זיין דער עלעמענט, וועלכער בעשטימט סוף כל סוף די גרענ‍יץ. דער סיכטעם ארויסצוגעבען אַרבייט צו קליינע אונטערנעהמער און פאַמיליען האָט דעריבער אַנגעהאַלטען אַם לענג־סטען גראַד אין דער הויפּט־שטאָדט, און דאָרט קעהרט מען זיך גיכער אום צו דעם סיסטעם צוריק.“ (דאָרט גופא, ז. 83, נ. 123.) דער שלוס־זאַץ בעציהט זיך אויסשליסליך אויף דער שוכטעריי.

[270] אין דער האַנדשוה־מאַכעריי א.אַז.וו., וואו די לאַגע פון די אַרבייטער לאָזט זיך קוים אונטערשיידען פון דעם צושטאַנד פון פּאַופּערס, קומט דאָס ניט פּאַר.

פערטרייבען פון די לייכטערע סאָרטען ארבייט מאַסען אַלטע ווייַ־בער און זעהר יונגע קינדער. די איבערמעכטיגע קאָנקורענץ דערשלאָגט די שוואַכסטע האַנד־ארבייטער. דער שרעקליכער וואוקס פון הונגער־טויט (Death from Starvation) אין לאָנדאָן אין משך פון די לעצטע צעהן יאָהר, לויפט פאַראַלעל מיט דער פערשפּריי־טונג פון דער מאַשין־נעהעריי.[267] די נייע ארבייטערינען ביי דער נעה־מאַשין, וועלכע זיי בעוועגען מיט אַ האַנד און אַ פוס אָדער מיט דער האַנד אַליין, זיצענדיג אָדער שטעהענדיג, ווי עס קומט אויס לויט דער שווערקייט, גרויס און ספּעציאַליטעט פון דער מאַשין, גיבען ארויס פיעל ארבייט־קראַפט. זייער בעשעפטיגונג ווערט שעדליך פאַר׳ן געזונד דורך די לאַנגע ארבייט־שטונדען, הגם אין די מעהרסטע פעלען זיינען זיי קירצער ווי אין דעם אַלטען סיסטעם. אומעטום וואו די נעה־מאַשין ווערט אויפגעשטעלט אין ווערקשטאַטען, וועלכע זיינען אָהן דעם געוועהן ענג און איבערפילט, ווי ביים מאַכען שיך, קאָרסעטען, היט, א.אז.וו., פערגרעסערט זי די פאַר׳ן געזונד־שעדליכע איינפלוסען. „די ווירקונג“, זאָגט קאָמי־סאַר לאָרד, „אריינקומענדיג אין די נידעריגע ארבייט־שטעפּער, וואו עס ארבייטען צוזאַמען 30 ביז 40 מאַשין־ארבייטער, איז אונער־טרעגליך.... די היטץ, וואָס נעהמט זיך טיילווייז פון די גאַז־אויוועגס אויף צו וואַרעמען די ביגעל־אייזענס, איז שרעקליך.... אַפילו ווען מען ארבייט אין אַזוינע שטעפּער אַזוי־גערופענע מעסיגע ארבייט־שטונדען, ד.ה. פון 8 אוהר אין דער פריה ביז 6 אוהר אבענדס, פאַלען פונדעסטוועגען יעדען טאָג רעגעלמעסיג 3 אָדער 4 פערזאָנען אין אונמאַכט.“[268]

די רעוואָלוציע פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־אופנים— אָט דער נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דער אומוואַנדלונג פון דעם

---

[267] איין ביישפּיעל: דעם 26טען פעברואַר 1864 ענטהאַלט דער וועכענטלי־כער שטערבליכקייט־בעריכט פון דעם אַלגעמיינעם רעגיסטראַר 5 פעלען פון הונגערטויט. דעמזעלביגען טאָג האַט די „טיימז“ בעריכטעט נאָך אַ נייעם פאַל פון הונגערטויט. 6 קרבנות פון הונגערטויט אין איין וואָך!

[268] „טשילד. עמפּ. קאָמ., 2טער ראַפּאָרט 1864“, ז. LXVII, נ. 406-9, ז. 84, נ. 124, ז. LXXIII, נ. 441, ז. 66, נ. 6, ז. 84, נ. 126, ז. 78, נ. 85, ז. 76, נ. 69, ז. LXXII, נ. 483.

זייערע אלטע עקזעמפלארען, און זיי קאנען מאסענהאפט פערקויפט ווערן, פאר שפאט־ביליגע פרייזען, נאר צו גרויסע קאפיטאליסטען, די איינציגע וועלכע קאנען זיי געברויכען מיט פראפיט.

די דאמף־מאשין, וואס פערגעהמט דעם מענשענ'ס פלאץ דא ווי אין אלע עהנליכע רעוואלוציאנערע פראצעסען, גיט ענדליך דעם לעצטען קלאפ. די אנווענדונג פון דער דאמף־קראפט שטויסט זיך לכתחילה אן אויף ריין־טעכנישע הינדערנישען, ווי צ.ב.ש. דאס טרייסלען פון די מאשינען, די שווערקייט צו בעהערשען זייער געשווינדקייט, די שנעלע פערדארבונג פון די לייכטערע מאשינען א.אז.וו.—אלץ אזוינע הינדערנישען, וועלכע די ערפאהרונג לערנט באלד אויס ווי אזוי בייצוקומען.[274] אויב די קאנצענטראציע פון פיעלע ארבייט־מאשינען אין די גרעסערע מאנופאקטורען טרייבט פון איין זייט צו דער אנווענדונג פון דאמף־קראפט, פערשנעלערט פון דער אנדער זייט די קאנקורענץ פון דאמף מיט מענשען־מוסקולען די קאנצענטראציע פון ארבייטער און ארבייט־מאשינען אין גרויסע פאבריקען. אזוי לעבט איצט ענגלאנד דורך אין דער קאלאסאלער פראדוקציאנס־ספערע פון „וועריגג אפפארעל“ [בעקליידונג־אינדוסטריע], ווי אין די מעהרסטע איבעריגע געווערקשאפטען, אן איבערקעהרעניש פון מאנופאקטור, האנדווערק און הויז־ארבייט אויף פאבריק־פראדוקציאן—נאכדעם ווי יענע אלע פארמען, וואס זיינען אינגאנצען פערענדערט און דיסארגאניזירט געווארן אונטער דעם איינפלוס פון דער גרויס־אינדוסטריע, האבען שוין פון לאנג רעפראדוצירט און אפילו איבערטריבען אלע שרעקליכקייטען פון דעם פאבריק־סיסטעם אהן זיינע פאזיטיווע ענטוויקלונגס־מאמענטען.[275]

[274] צום ביישפיעל אין דעם דעפא פון קליידונג פאר דער ארמעע אין פימליקא, לאנדאן; אין טיליע און הענדערסאן'ס העמדער־פאבריק אין לאנדאנדערי; אין דער קליידער־פאבריק פון דער פירמע אין לימעריק, וועלכע פערברויכט נאהענט צו 1200 „הענד“.

[275] „די טענדענץ צו דעם פאבריק־סיסטעם“ (ד. ג., ז. LXVII.) „דער גאנצער בעשעפטיגונגס־צווייג איז היינט אין אן איבערגאנגס־צושטאנד, און מאכט דורך דיזעלבינע ענדערונג, וועלכע איז פארגעקומען אין דער שפיצען־אינדוסטריע, אין דער וועבעריי א.אז.וו.“ (ד. ג., ג. 405.) „א פאלשטענדיגע איבערקעהרע־

מאשינען אין זיין פלאץ, און דערנאך פערטיילט ער די מאשין־פראדוקטען פאר וויטערער בעארבייטונג צווישען דער ארמעע פון די הויז־ארבייטער.[271]

די פערשיידענארטיגקייט פון די איבערגאנג־פארמען פערדעקט פונדעסטוועגען ניט די טענדענץ צו ווערן פערוואנדעלט אין א ריכטיגער פאבריק־פראדוקציאן. די דאזיגע טענדענץ ווערט קול־טיווירט (געגעהרט) דורך דעם כאראקטער פון דער נעה־מאשין גופא, ווייל די מעגליכקייט אנצו־ווענדען זי פיעלפאכיג טרייבט צו א פעראייניגונג פון די פריהער־אבגעזונדערטע געשעפט־צווייגען אין דעמזעלבען פלאץ און אונטער דער קאמאנדע פון דעמזעלביגען קאפיטאל; דורך דעם אומשטאנד, וואס די פארברייטענדע נאדעל־ארבייט און איינינגע אנדערע אפעראציעס קאנען אמבעסטען געטאן ווערן אין דעם פלאץ וואו די מאשין שטעהט; און ענדליך דורך דער אונפערמיידליכער עקספראפריאציע פון די האנדווערסער און הויז־ארבייטער, וועלכע פראדוצירן מיט זייערע אייגענע מאשינען. אט דעם שיקזאל האט זי טיילווייז שוין איצטער דערגרייכט. די שטענדיג־וואקסענדע מאסע קאפיטאל׳ וואס ווערט אריינגעלעגט אין נעה־מאשינען,[272] טרייבט אן די פראדוקציאן און שאפט אי־בערפילונגען פונ׳ם מארק, וועלכע גיבען א סיגנאל די הויז־ארבייטער צו פערקויפען זייערע נעה־מאשינען. די איבער־פראדוקציאן גופא פון אזוינע מאשינען צווינגט זייערע פאבריקאנטען, וועלכע נויטיגען זיך אין אן אבזאץ, צו געבען זיי אויף פראקאט פאר א וועכענט־ליכער געצאהלט און שאפט דערמיט א טויטליכע קאנקורענץ פאר די קליינע אייגענטימער פון מאשינען.[273] די ענדערונג, וואס קומט נאך שטענדיג פאר אין דער קאנסטרוקציע פון די מאשינען און זייער פערביליגונג, פערקלענערן פונקט אזוי שטענדיג דעם ווערטה פון

[271] „טשילד. עמפ. קאמ., 2טער ראפארט, 1864“, ז. 2, נ. 122.

[272] אין דער שטיוועל־ און שוה־מאכעריי פון לייסטער, וואס ווערן פראדו־צירט פאר דעם גרויס־פערקויף אליין, זיינען אין 1864 געווען אין געברויך כמעט 800 נעה־מאשינען.

[273] „טשילד. עמפ. קאמישאן, 2טער ראפארט, 1864“, ז. 84, נ. 124.

ציאָנס־מיטלען און אַ צוגעפּאַסטע גרעסערע צונויפדרענגונג פון אַרבייטער. דער הויפּט־איינוואַנד, וואָס איז ליידענשאַפטליך ווידערהאָלט געוואָרן פון יעדער מאַנופאַקטור, אויף וועלכער דער פאַבריק־געזעץ האָט זיך בעצויגען, איז פאַקטיש געווען דער, אַז אויב דאָס געשעפט זאָל אָנגעפיהרט ווערן אין זיין אַלטען אומפאַנג, וועט אונטער דעם פאַבריק־געזעץ זיין נויטיג אַריינצולעגען גרעסערע קאַפּיטאַלען. וואָס עס אַנבעטרעפט אָבער די צווישען־פאָרמען צווישען מאַנופאַקטור און די הויז־אַרבייט אַליין, זינקט אַרונטער זייער באָדען, אַזויבאַלד ווי עס ווערט בעגרעניצט דער אַרבייטס־טאָג און די קינדער־אַרבייט. אונבעשרענקטע עקספּלואַטאַציע פון וואָלוועלע אַרבייט־קרעפטען איז די איינציגע גרונדלאַגע פון זייער קאָנקורענץ־פעהיגקייט.

אָן עיקר תנאי פון דער פאַבריק־פּראָדוקציאָן, ספּעציעל ווי באַלד זי ווערט אונטערוואָרפען דער רעגולירונג פון׳ם אַרבייטס־טאָג, איז צו זיין נאָרמאַל זיכער מיט׳ן רעזולטאַט; דאָס הייסט צו זיין זיכער מיט דער פּראָדוקציאָן פון אַ בעשטימטען סכום סחורה אָדער פון אַ בעצוועקטען נוץ־אַרטיקעל אין אַ געוויסען טייל צייט. די געזעצליכע הפסקות פון דעם רעגולירטען אַרבייטס־טאָג, מוז מען ווידער משער זיין, ברענגען ניט קיין שאָדען, דורך זייער פּלוצליכען און פּעריאָדישען אָבשטעל פון דער אַרבייט, דעם פּראָדוקט, וואָס געפינט זיך אין פּראָצעס פון אויסאַרבייטונג. די דאָזיגע זיכערקייט מיט׳ן רעזולטאַט און די מעגליכקייט מפסיק צו זיין אין דער אַרבייט קאָנען נאַטירליך לייכטער דערגרייכט ווערן אין ריין־מעכאַנישע מלאכות, איידער דאָרטן וואו כעמישע און פיזיקאַלישע פּראָצעסען שפּיעלען אַ ראָליע, ווי צום ביישפּיעל אין די מאַנופאַקטורען פון טעפּעריי, בלייכעריי, פאַרבעריי, בעקעריי און אין די מעהרסטע מעטאַל־מאַנופאַקטורען. ביי דעם אַלטען אויסגעטראָטענעם וועג פון דעם אונבעשרענקטען אַרבייטס־טאָג, פון דער נאַכט־אַרבייט, פון דער פרייער פערוויסטונג פון מענשליכען לעבען קומט גלייך פאַר יעדע נאַטירליכע שטערונג ווי אַן אייביגע „נאַטור־גרעניץ“ פון דער פּראָדוקציאָן. קיין גיפט פערטיליגט ניט זיכערער די אומפלייט, ווי דאָס פאַבריק־געזעץ האָט פערטיליגט אַזוינע „נאַטור־גרעניצען“. קיינער האָט ניט געשריגען

אַט די אינדוסטריעלע רעוואָלוציע, וואָס קומט פאַר בדרך הטבע, ווערט קינסטליך פערשנעלערט דורך דער אויסשפרייטונג פון די פאַבריק־געזעצען אויף אַלע אינדוסטריע־צווייגען, אין וועלכע עס אַרבייטען פרויען, יונגע פערזאָנען און קינדער. די צוואַנגמע־סיגע רעגולירונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג בנוגע זיין לענג, די הפסקות, דער צייט פון אָנהויבען און ענדיגען, דעם סיסטעם פון אַרבייטען נאָך דער רייה פאַר קינדער, דעם אויסשליסען אַלע קינדער אונטער א געוויסען עלטער א.אז.וו.—האָט פון איין זייט נויטיג געמאַכט פערמעהרטע מאַשינעריע[276] און די פערבייטונג פון מוסקולען דורך דאַמף אַלס טרייב־קראַפט.[277] כדי ווידער פון דער אַנדער זייט צו געווינען אין רוים, וואָס עס געהט פערלאָרן אין צייט, קומט פאַר אַן אויסשפרייטונג פון די געמיינשאַפטליך־פערברויכטע פראָ־דוקציאָנס־מיטלען, ווי אויוועָנס, געביידען א.אַז.וו., מיט איין וואָרט, הייסט עס, א גרעסערע קאָנצענטראַציע פון די פראָדוק־

נייש." (ד. ג., ז.XLVI, נ. 318.) אין דער צייט פון דער „טשילדרענ'ס עמפלאָי־מענט קאמישאן" פון 1840 איז די זאקען־שטריקעריי נאך געווען האנדארבייט. זינט 1846 איז איינגעפיהרט געווארן פערשיידענארטיגע מאשינעריע, וועלכע ווערט איצט געטריבען דורך דאמף. דער סך הכל פון אלע בעשעפטיגטע פער־זאנען אין דער ענגלישער זאקען־שטרילעריי, פון ביידע געשלעכטער און אין אלע עלטער־שטופען פון 3 יאהר אן, האט בעטראפען אין יאהר 1862 אומגעפעהר 129,000 פערזאן. פון דער צאהל האבען נאר 4,063 געארבייט אונטער דער רע־גולירונג פון פאבריק־געזעץ, לויט דעם „פארלאמענטארי ריטוירן" פון 11טען פעברואר, 1862.

[276] אזוי צום ביישפיעל אין דער טעפעריי בעריכטעט די פירמע קאקריין פון דער „בריטיין פאטערי", גלאזגא, ווי פאלגט: „כדי אויפצוהאלטען אונזער לייסטונגס־פעהיגקייט, האבען מיר זיך גענומען איינצופיהרן אין א גרויסער מאס מאשינען, וועלכע קאנען בעדיענט ווערן פון ניט־געלערנטע ארבייטער, און יעדער טאג לערנט אונז, אז מיר קאנען אויף דעם אופן ארויסברענגען א גרעסערן סכום, איידער מיט די אלטע מעטאדען." („רעפארטס אוו אינספעקטאר אוו פאקטאריס פאר 31 אקטאבער 1865", ז. 13.) „די ווירקונג פון דעם פאבריק־געזעץ איז צו טרייבען צו א ווייטערער איינפיהרונג פון מאשינעריע." (ד. ג., ז. 13 און 14.)

[277] אזוי זעהט מען אין דער טעפעריי, נאכ'ן איינפיהרן פונ'ם פאבריק־געזעץ, א גרויסען וואוקס אין געברויך פון דרעה־מאשינקעס מיט מעכאנישער קראפט אנשטאט מיט די הענד.

אזוי בעהויפטעט מען נאך איצטער אין די צווייגען פון דער שפיצען־מאנופאקטור, וואס זיינען ניט אונטערוואָרפען דעם פאב־ריק־געזעץ, אז מען קאן ניט געבען קיין רעגעלמעסיגע צייט צום עסען, מחמת פערשיידענע שפיצען־מאטעריאלען נעהמען א לענ־גערע אדער א קירצערע צייט צו טריקענען זיך, וועלכע בייט זיך פון דריי מינוט ביז א שטונדע אדער מעהר. אויף דערויף האבען געענטפערט די קאמיסארען פון דער „טשילדרענ'ס עמפלאָימענט קאמישאן“: „די אומשטענדען זיינען דיזעלביגע ווי אין דער טא־פעטען־דרוקעריי. איינינע פון די הויפט־פאבריקאנטען אין דעם דאזיגען צווייג האבען שטארק גע'טענה'ט, אז די נאטור פון די פערברויכטע מאטעריאלען און די פערשיידענארטיגקייט פון די פראָ־צעסען, וואס זיי דארפען דורכמאכען, ערלויבען ניט קיין פלוצליכען אבשטעל פון דער ארבייט פאר מאהלצייטען, סיידען מען זאל ליידען דערפון א גרויסען היזק.... דורך דעם זעקסטען פאראגראף פון דער זעקסטער סעקציע פון „פאקטארי אקטס עקסטענשאן אקט“ (1864) האט מען זיי געגעבען אן 18־מאנאטדיגען טערמין, פון דעם דאטום אן, וואס דאס געזעץ איז ארויסגעלאזט געוואָרן, ביז וואנען זיי וועלען מוזען פאלגען די פעסטגעזעצטע הפסקות פאר מאהל־צייטען לויט די בעשטימונגען פון דעם פאבריק־אקט.“ [280] קורץ נאכדעם ווי דאס געזעץ איז סאנקציאנירט געוואָרן פון פארלאמענט האבען די הערען פאבריקאנטען מיט איין מאל געמאכט די ענט־דעקונג: „די אונבעקוועמליכקייטען, וואס מיר האבען דערווארט פון דער איינפיהרונג פונ'ם פאבריק־געזעץ, האבען זיך ניט פער־ווירקליכט. מיר געפינען ניט, אז די פראדוקציאן ווערט אויף וועלכען עס איז אופן געשטערט. אין פאקט, מיר פראָדוצירן מעהר אין דערזעלביגער צייט.“ [281] מען זעהט דערפון, אז דער ענגלישער פארלאמענט, וועלכען קיינער וועט געוויס ניט פאר־

ביז 17 יאהר. אט די איינשפּארונג פון ארבייטער איז ווייטער געפיהרט געוואָרן אין יאהר 1865 דורך דער אנווענדונג פון דאמף־קראפט.

[280] ד. נ., 2טער ראפּארט, 1864, ז. 11, נ. 50.

[281] „רעפּארטס עטצ., 31 אקטאבער 1865“, ז. 22.

העכער ווענען „אונמעגליכקייטען“, ווי די הערען פון דער טעפער־אינדוסטריע. אין 1864 איז אויף זיי ארויפגעלעגט געווארן דאס פאבריק־געזעץ, און 16 מאנאט שפעטער זיינען שוין אלע אונמעגליכקייטען געווען פערשוואונדען.

„די פערבעסערטע מעטאדע“, וואס איז ארויסגערופען געווארן דורך דעם פאבריק־געזעץ, „צו מאכען די טעפער־ברייי דורך דרוק אנשטאט דורך עוואפארירונג (פערדונסטונג), ווי אויך די נייע קאנסטרוקציע פון די אויווענס צום טריקענען די ניט־געברענטע כלים א.אז.וו. זיינען פאסירונגען פון גרויסער וויכטיגקייט אין דער קונסט פון טעפעריי און בעצייכענען א פארטרישט אין דער מלאכה. וואס דער לעצטער יאהרהונדערט קאן אזוינס ניט אויפווייזען.... די טעמפעראטור פון די אויווענס איז פיעל פערקלענערט, איינשפארענדיג דורכדעם א היבש ביסעל קויהלען, און עס האט א שנעלערע ווירקונג אויף די כלים.“ [278] טראץ אלע נביאות איז דער קאסט־פרייז פון די טעפער־כלים ניט געשטיגען, אבער די סומע פראדוקטען איז גראד יא געשטיגען, אזוי אז דער עקספארט פאר די 12 מאנאט פון דעצעמבער 1864 ביז דעצעמבער 1865 איז אריבערגעשטיגען אין ווערטה אויף 138,628 פונט סט. דעם דורכשניט פון די פריהערדיגע 3 יאהר.

אין דער פאבריקאציע פון שוועבעלעך האט מען עס געהאלטען ווי א נאטור־געזעץ, אז די אינגלעך, אפילו בעת זיי כאפען איבער זייער מיטאג, מוזען טונקען די העלצלעך אין א ווארעמער מישונג פון פאספאר, פון וועלכער דער גיפטיגער דאמף איז זיי געקראכען אין פנים אריין. דער פאבריק־אקט (1864), וואס האט ארויסגערופען די נויטיגקייט צו שפארן צייט, האט געצוואונגען צו ערפינדען א טונק־מאשין, וואס די דאמפען פון איהר קאנען ניט צוקומען צו די ארבייטער.[279]

---

[278] „רעפארטס עטצ., 31 אקטאבער 1865“, ז. 96, 127.

[279] די איינפיהרונג פון אט דער און אנדערע מאשינען אין דער פאבריקאציע פון שוועבעלעך האט אין איין איינציגען צווייג פון דער אינדוסטריע אוועקגעשטעלט אנשטאט 230 יונגע פערזאנען 32 אינגלעך און מיידלעך פון 14

איין טייל פון טאָג אָדער פון דער וואָך קאָן גוט געמאַכט ווערן דורך שפּעטערע איבער־אַרבייט אָדער נאַכט־אַרבייט — אַ מעטאָדע, וועלכע ברוטאַליזירט דעם דערוואַקסענעם אַרבייטער און רואינירט זיינע יונגע און פרויען חברים.[283] הגם אָט די רעגעללאָזיגקייט אין אַרויסגעבען פון זיך די אַרבייט־קראַפט איז אַ נאַטירליכע פּראָסטע רעאַקציע אַנטקעגען דער לאַנגווייליגקייט פון מאָנאָטאָנער שלעפּע־דיגער אַרבייט, נעהמט זי זיך אָבער אויך אין נאָך אַ פיעל העכערן גראַד פון דער אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציאָן גופא, וועלכע זעצט פאָראויס פון איהר זייט ווידער אַ ניט־איינגעצוימטע עקספּלואַ־טאַציע פון דער אַרבייט־קראַפט דורך קאַפּיטאַל. אַ חוץ די אַלגע־מיינע פּעריאָדישע ענדערונגען אין דעם אינדוסטריעלען קרייז (ציקל) און די ספּעציעלע שוואַנקונגען פון די מערק אין יעדען פּראָדוקציאָנס־צווייג, קומען אויך פאָר די אַזוי־גערופענע „סעזאָ־נען“, וועלכע הענגען אָב סיי פון דער צייטמעסיגקייט (פּעריאָדי־ציטעט) פון די גינסטיגע תקופות פון יאָהר פאַר נאַוויגאַציע, סיי פון דער מאָדע, אָדער פון דעם, וואָס עס קומען פלוצלינג אָן גרויסע בעשטעלונגען, וועלכע מוזען ערפילט ווערן אין דער קירצעסטער צייט. די געוועהנהייט פון מאַכען אַזעלכע בעשטעלונגען ווערט גרעסער מיט דער פערשפּרייטונג פון אייזענבאַהנען און טעלע־גראַפיע. „די אויספּרייטונג פון׳ם אייזענבאַהן־סיסטעם איבער׳ן גאַנצען לאַנד“, זאָגט צום ביישפּיעל אַ לאָנדאָנער פאַבריקאַנט,

[283] אין די שמעלץ־אויוועגס צום ביישפּיעל, „ווערט די אַרבייט צום סוף וואָך זעהר פיעל פערגרעסערט, מחמת דער געוועהנהייט פון די אַרבייטער צו פערשוועג־דען די מאָנטאָגס און אָפּטמאָל אויך אַ טייל צייט אָדער די גאַנצע דיענסטאָגס.“ („טשילדרענ׳ס עמפּ. קאמישאן“, 3טער ראַפּאָרט, ז. VI.) די קליינע מייסטערס האָבען געוועהנליך זעהר אונרעגעלמעסיגע שטונדען. זיי פערלירן 2 אָדער 3 טעג און דערנאָך אַרבייטען זיי גאַנצע נעכט כסדר, כדי אָנצואיאָגען די צייט... זיי בעשעפטיגען שטענדיג זייערע אייגענע קינדער.“ (ד. ג., ז. VII.) די אונ־רעגעלמעסיגקייט אין קומען צו דער אַרבייט און פערלאָזענדיג זיך דערצו אויף דער מעגליכקייט אָנצואיאָגען די צייט אַרבייטענדיג לענגערע שטונדען.“ (ד. ג., ז. XVIII.) „אַן אונגעהויער גרויסער פערלוסט פון צייט קומט פאָר איז ביר־מינגהאַם... ווייל אַ טייל צייט געהען זיי אַרום לעדיג און דערנאָך אַרבייטען זיי איבער די כחות, ווי די שקלאַווען.“ ד. ג., ז. XI.)

וואַרפען, אַז ער בעזיצט צופיעל געניאַליטעט, איז דורך ערפאהרונג געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אַ צוואַנג־געזעץ קאָן פּשוט אַוועק־דיקטירן אַלע כלומר׳שטדיגע נאַטור־הינדערנישען פון דער פּראָדוקציאָן אַנטקעגען בעשרענקונג און רעגולירונג פון׳ם אַרבייטס־טאָג. ווען מען דאַרף איינפיהרן דעם פאַבריק־אַקט אין אַ געוויסען אינדוסטריע־צווייג, ווערט דעריבער געשטעלט אַ טערמין פון 6 ביז 18 מאָנאַט, אין משך פון וועלכער צייט די פאַבריקאַנטען דאַרפען זעהן צו בעזייטיגען די טעכנישע שטערונגען. מיראַבאָ׳ס ווערטיל: "Impossible? Ne me dites jamais ce bete do mot!" [אונמעגליך? איהר זאָלט צו מיר קיינמאָל ניט קומען מיט אָט דעם נאַרישען וואָרט!] פּאַסט זיך ספּעציעל פאַר דער מאָדערנער טעכנאָלאָגיע. אויב אָבער דאָס פאַבריק־געזעץ מאַכט אַזוי קינסטליך צייטיג די מאַטעריעלע עלעמענטען, וואָס זיינען נויטיג פאַר דער פערוואַנדלונג פון מאַנופאַקטור־פּראָדוקציאָן אין פאַבריק־פּראָדוקציאָן, פערשנעלערט עס אויך אין דערזעלביגער צייט, דורך דער נויטווענדיגקייט פון אַריינלעגען גרעסערע קאַפּיטאַלען, דעם אונטערגאַנג פון די קלענערע מייסטערס און די קאָנצענטראַציע פון קאַפּיטאַל.[282]

אַ חוץ די ריין־טעכנישע הינדערנישען, וועלכע קאָנען בעזייטיגט ווערן דורך טעכנישע מיטלען, שטויסט זיך אָן די רעגולירונג פון׳ם אַרבייטס־טאָג אויף די אונרעגעלמעסיגע געוועהנהייטען פון די אַרבייטער גופא. דאָס איז ספּעציעל דער פאַל, וואו עס הערשט מעהרסטענס דער שטיק־לוין, און די פערשווענדונג פון צייט אין

---

[282] „מען מוז האָבען אין זין, אַז הגם יענע פערבעסערונגען קאָנען פאָלשטענדיג דורכגעפיהרט ווערן אין געוויסע אונטערנעהמונגען, זיינען זיי דאָך אויף קיין פאַל ניט אַלגעמיין, און אין פיעלע אַלטע מאַנופאַקטורען קאָנען זיי ניט איינגעפיהרט ווערן אָהן אַזוינע קאַפּיטאַל־אויסלאַגען, וועלכע שטייגען ווייט אריבער די מיטלען פון זייערע איצטיגע בעזיצער.... אַ פּראַאיבערגעהענדע דעזאָרגאַניזאַציע בעגלייט נויטיגערוויז די איינפיהרונג פון דעם פאַבריק־געזעץ. דער אומפאַנג פון דער דאָזיגער דעזאָרגאַניזאַציע שטעהט אין אַ דירעקטער פּראָפּאָרציע צו דער גרויס פון די שלעכטע צושטענדען, וועלכע דאָס געזעץ וויל אָבשאַפען." (ד. ג., ז. 96, 97.)

וועגהייטסמעסיגע אונרעגעלמעסיגקייט פון דער הויז־ארבייט, כדי ארויפצושרויפען די ארבייט־צייט, ווען עס שפּאַרט אַן וועלכע עס איז עקסטראַ ארבייט, ביז 11, 12 און 2 אוהר ביינאַכט, אין פאַקט „אויף אלע שטונדען", ווי עס געהט דאָס געוועהנליכע ווערטעל; און די ארבייט געהט אַן אין פלעצער, „וואו דער געשטאַנק איז גענוג צו מאַכען אייך חלש'ן. איהר געהט אפשר צו ביז דער טיר און עפענט זי, אָבער עס שוידערט אייך צו געהן ווייטער."[285] „זיי זיינען קאָמישע לייט, אונזערע באָסעס"—האָט געזאָגט איינער פון די פערהערטע עדות, א שוסטער—„זיי מיינען, אז עס טהוט א אינגעל ניט קיין שאָדען צו ארבייטען איבער די כחות איין האלב יאָהר, אויב ער געהט ארום כמעט לעדיג דעם אנדער האלב יאָהר."[286]

פונקט ווי מיט די „טעכנישע הינדערנישען", אזוי האָבען די פעראינטערעסירטע קאַפּיטאַליסטען גע'טענה'ט און טענה'ן נאָך, אז די אזוי־גערופענע „געשעפטס־געוועגהייטען" (Usages "which have grown with the growth of trade") זיינען בעגרענ־צונגען, וואָס קומען פון דער נאַטור פון דער פּראָדוקציאָן. דאָס איז געווען דער ליעבלינג־געשריי פון די באוועל־לאָרדס אין אָנהויב, בעת זיי האָבען זיך געשראָקען פאַר דעם פאַבריק־געזעץ. הגם זייער אינדוסטריע העגגט אָב מעהר ווי יערע אנדערע פון דעם וועלט־מארק, און ממילא פון דער נאַוויגאַציע, דאָך האָט די ערפאַהרונג זיי געמאַכט צו ליגנער. פון דאַן אָן ווערט יערע פּרעטענזיע, אז „עס וועט שטערן צום געשעפט" בעהאַנדעלט פון די ענגלישע פאַב־ריק־אינספעקטאָרען ווי א פשוט'ער שווינדעל.[287]

[285] ד. ג., I XXXV, ז. 235, 237.

[286] ד. ג I. 127, ז. 56,

[287] „ווען מען רעדט ווענען דעם היזק פאר'ן האנדעל, דורכדעם וואָס בעשטע־לונגען וועלען ניט קאָנען געמאַכט ווערן אין צייט צו ווערן געליפערט, דערמאָנען איך זיך, אז דאָס איז געווען דער ליעבלינגס־ארגומענט פון די פאַבריקאַנטען אין די יאָהרען 1832 און 1833. אלץ וואָס עס קאָן היינט פאָרגעבראַכט ווערן ווענען דעם ענין, האָט ניט אַזויפיעל געוויכט ווי עס האָט געהאַט דאַמאָלסט, בעת דער דאַמף האָט נאָך ניט פערקירצט אויף א העלפט אלע מרחקים און האָט נאָך ניט געהאַט איינגעפיהרט גאַנץ נייע פערקעהר־איינריכטונגען. דער דאַזיגער ארגו־מענט האָט זיך דאַמאָלסט, ביי א פּראַקטישער פּראָבע שוין ארויסגעוויזען גאַנץ

„האט זעהר ענטוויקעלט די געוועגהייט צו געבען א קורצע צייט פאר ערפילען א בעשטעלונג. קונים קומען איצטער פון גלאזגא, מאנטשעסטער און עדינבורג אומגעפעהר איינמאל אין 2 וואכען צו די גרויסע „סיטי“ ווער־הייזער, וואוהין מיר ליווערן די סחורות. זיי מאכען בעשטעלונגען, וועלכע מוזען גלייך אויסגעפיהרט ווערן; אנשטאט צו קויפען פון לאגער, ווי זיי פלעגען טהאן. פריהערדיגע יאהרען פלעגען מיר אלע מאל קאנען אנגרייטען אין דער שוואכערער צייט פאר דער נאכפראגע פון נעקסטען סעזאן; איצט אבער קאן קיינער ניט פאראויסזאגען, וואס פאר א נאכפראגע עס וועט דאן זיין.“ [284]

אין די פאבריקען און מאנופאקטורען, וועלכע זיינען נאך ניט אונטערווארפען צו דעם פאבריק־געזעץ, הערשט פעריאדיש די שרעקליכסטע איבעראַרבייט אין דער צייט פון די אזוי־גערופענע סעזאנען, צוליעב די פלוצליכע בעשטעלונגען. אויף דעם אויסער־ליכען געביט פון דער פאבריק, דער מאנופאקטור און דעם סחורה־מאגאזין, ד.ה. אין דער ספערע פון דער הויז־ארבייט, וואו די בע־שעפטיגונג איז אין בעסטען פאל אונרעגעלמעסיג, און וועלכע הענגט אינגאנצען אב מיט איהר רויה־מאטעריאל און בעשטעלונגען פון דעם קאפריז פונ׳ם קאפיטאליסט, ווען עס בינדט דא ניט קיין אויסרעכענונג וועגען פערווערטהן די געביידען, מאשינען א.אז.וו., און וועלכער ריזיקירט דא מיט גארנישט א חוץ מיט דעם ארביי־טער׳ס פעל—דא ווערט סיסטעמאטיש אויסגעהאדעוועט א שטענ־דיג־געברויכבארע אינדוסטריעלע רעזערוו־ארמעע, וועלכע ווערט מאסענהאפט פערוויסטעט אין משך פון איין טייל פון יאהר דורך דעם אונמענשליכסטען ארבייט־צוואנג, און פערלומפט אין משך פון דעם אנדער טייל דורך ארבייטלאזיגקייט. „די באסעס“, זאגט די „טשילדרענ׳ס עמפלאימענט קאמישאן“, „עקספלואטירן די גע־

---

[284] „טשילד. עמפ. קאמ., 4טער ראפארט“, ז. XXXII, XXXIII. „די אויס־שפרייטונג פונ׳ם אייזענבאהן־סיסטעם האט הפנים זעהר ענטוויקעלט די געוועג־הייט צו מאכען קורץ־טערמיניגע בעשטעלונגען און ממילא א צו־גרויסע איילע־ניש אין דער ארבייט, פערנאכלעסיגונג פון די עסען־צייטען און ארבייטען איבער־צייט.“ ד. ג., ז. XXI.)

און פון די צוריקווירקונגען, וואָס אָט די אַלע ענדערונגען האָבען במילא אויף דעם סיסטעם פון גרויס־האַנדעל.[292] און דאָך שטימט קאַפּיטאַל קיינמאָל ניט איין צו אַזוינע ענדערונגען—ווי דאָס ווערט נאָכאַנאַנד צוגעגעבען פון זיינע אייגענע פערטרעטער—סיידען „אונ־טער דעם דרוק פון אַן אַלגעמיינעם אַקט פון פּאַרלאַמענט",[293] וואָס רעגולירט דעם אַרבייטס־טאָג דורך געזעצליכען צוואַנג.

9. פאַבריק־געזעצגעבונג (סאַניטאַרע און בילדונג־פּאַראַגראַ־פען.) זייער אַלגעמיינע איינפיהרונג אין ענגלאַנד.

די פאַבריק־געזעצגעבונג, אָט די ערשטע בעוואוסטזיניגע און פּלאַנמעסיגע צוריקווירקונג פון דער געזעלשאַפט אויף דער נאַטיר־ליך־ענטוויקעלטער געשטאַלט פון איהר פּראָדוקציאָן־פּראָצעס, איז, ווי מיר האָבען געזעהן, פּונקט אַזאַ נויטווענדיגער פּראָדוקט פון דער גרויס־אינדוסטריע, ווי באַוועל־גאַרן, „סעלף־אַקטאָרס" און דער עלעקטרישער טעלעגראַף. איידער מיר וועלען בעטראַכטען די אַל־

אינגלעך דאַרפען ניט בעשעפטיגט ווערן אין די שעפער לענגער ווי פון 8 אוהר אין דער פריה ביז 7 אָדער האַלב 8 אין אָוועגד. עס איז נאָר אַ פראַגע פון עקסטרא העגד. ווען אייניגע באַסעס וואָלטען ניט געווען אַזוי הונגעריג נאָך פּראָפיטען, וואָלטען די אינגלעך ניט געדאַרפט אַרבייטען אַזוי שפּעט אין דער נאַכט. אַן עקסטרא מאַשין קאָסט נור 16 אָדער 18 פונט סט. אַ סך פון דער אַרבייט איבער דער צייט קומט פון ניט־גענוגענדע צוגרייטונגען און פון מאַנגעל אין פּלאַץ." (ד. ג., ז. 171, נ. 31, 36, 38.)

[292] ד. ג. אַ לאָנדאָנער פאַבריקאַנט, וועלכער בעטראַכט איבעריגענס די רע־גולירונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג אַלס אַ שוצמיטעל פאַר די אַרבייטער אַנטקעגען די פאַבריקאַנטען און פאַר די פאַבריקאַנטען גופא אַנטקעגען דעם גרויס־האַנדעל, בעהויפּטעט: „דער דרוק אין אונזער געשעפט ווערט פעראורזאַכט דורך די טראַנספּאָרטירער, וועלכע ווילען צ.ב.ש. אַוועקשיקען סחורה מיט אַ זעגעלשיף, כדי צו זיין אַם פּלאַץ אַ בעשטימטען סעזאָן, און אין דערזעלבער צייט פּראַ־פיטירן דעם פּראַכט־חלוק צווישען זעגעלשיף און דאַמף־שיף. אָדער פון צוויי דאַמף־שיפען קלייבען זיי אויס די וואָס געהט אָב פריהער, כדי צו ערשיינען אויפ'ן פרעמדען מאַרק פריהער איידער זייערע קאָנקורענטען."

[293] „דאָס קאָן אויסגעמיטען ווערן", זאָגט איין פאַבריקאַנט, „לאָזענדיג זיך קאָסטען צו פערגרעסערן די פאַבריק אונטער דעם דרוק פון אַן אַלגעמיינעם פּאַרלאַמענט־געזעץ."

די גרינדליכע און געוויסענהאַפטע אונטערזוכונגען פון דער „טשילדרענ'ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן" בעווייזען פאַקטיש, אַז אין אייניגע אינדוסטריען איז דורך דער רעגולירונג פונ'ם ארבייטס־טאָג די פריהער בעשעפטיגטע ארבייטס־מאַסע נאָר מעהר גלייכ־מעסיג פערטיילט געוואָרן איבער'ן גאַנצען יאָהר;[288] און אַז אָט די רעגולירונג איז געווען דער ערשטער ראַציאָנאַלער צוים אויף די מערדערישע, אונזיניגע קאַפּריזען פון דער מאָדע, וועלכע פּאַסען זיך איבערהויפּט ניט צו דעם סיסטעם פון דער גרויס־אינדוסט־ריע;[289] אויך אַז די ענטוויקלונג פון נאַוויגאַציע איבער די ימים און פון די מיטלען פון קאָמוניקאַציע אין אַלגעמיינעם האָט אָבגע־שאַפט דעם אייגענטליך טעכנישען גרונד פון דער סעזאָן־ארבייט,[290] און אַז אַלע אַנדערע אָנגעגעבענע אונקאָנטראָלירבאַרע אומשטענדען פערשווינדען דורך גרעסערע פאַבריק־געביידען, צוגעקומענע מאַשי־נען, אַ פערגרעסערטע צאָהל גלייכצייטיג־בעשעפטיגטע ארבייטער[291]

פאַלש, און נעווים וועט ער זיך איצטער וויעדער אַזוי ארויסווייזען, אַזוי באַלד ווי ער וועט געשטעלט ווערן צו דער פּראָבע." („רעפּארטס און אינספּ. אוו פאַק־טאָרים, 31 אָקטאָבער 1862", ז. 54, 55.)

[288] „טשילד. עמפּ. קאמישאן", 4טער ראַפּאָרט, ז. xviii, נ. 118.

[289] דזשאָהן בעללער האָט שוין בעמערקט אין יאָהר 1699: „די אונזיכער־הייט פון די מאָדעס פערמעהרט בהכרח די צאָהל פון די אָרימע. זי ברענגט מיט זיך צוויי צרה'דיגע אומשטענדען: 1) די ארבייטער ליידען דערפון עלענד אין ווינטער ניט האָבענדיג קיין ארבייט, ווייל די שניט־סחורה הענדלער און די וועבער־מייסטערס וואָגען ניט אויסצולעגען זייער קאַפּיטאַל אויף אָנשטעלען ארבייטער, איידער דער פריהיאָהר קומט און זיי ווייסען וואָס פאַר אַ מאָדע עס וועט דאַן זיין. 2) ווען דער פריהיאָהר קומט, זיינען ניטאָ גענוג ארבייטער צו פּראָדוצירן וויפיעל עס איז נויטיג מיט אַמאָל און די וועבער־מייסטערס מוזען דעריבער צוציהען אַ סך לעהרלינגע, כדי צו דעקען איין פערטעל אָדער האַלב יאָהר דעם בעדאַרף פון גאַנצען קעניגרייך. זיי בערויבען דורכדעם דעם אַקערבוי פון זיינע ארבייטער, ציהען אָב די ארבייטס קרעפטען פון לאַנד, פילען אַן די שטעדט מיט בעטלער און לאָזען פערהונגערן פיעלע פון זיי אין ווינטער, וועלכע שעהמען זיך צו בעטלען." "Essays about the Poor, Manufacturers etc.", p. 9.)

[290] „טשילד. עמפּ. קאָמ., 5טער ראַפּאָרט", ז. 171, נ. 31.

[291] אַזוי ווערט געזאָגט צום ביישפּיעל אין די עדות־בעריכטען פון די בראַד־פאָרדער עקספּאָרט־הענדלער: „אונטער אָט די אומשטענדען איז קלאָר, אַז

[דער דאָקטאָר וואָס גיט ארויס די סערטיפיקאַטען] פון די פאַבריקען אין דאָנפּאַטריק, דערקלערט אין אן אָפיציעלען בעריכט פון 15טען דעצעמבער 1865: „די אומגליקספעלען אין די „סקוטשינג מיללס" זיינען פון דעם שרעקליכסטען סאָרט. אין א סך פעלען ווערט א פערטעל קערפּער אָבגעריסען פון א מענשען. דער טויט אָדער א צוקונפט פון עלענדער אונבעהאָלפענקייט און לײדען זיינען די געוועהנליכע פאָלגען פון די וואונדען. דער וואוקס פון די פאַבריקען אין לאַנד וועט נאַטירליך פערגרעסערן אָט די שוידערהאַפטע רעזולטאַטען. איך בין איבערצייגט, אַז מען קאָן דורך געהעריגער אויפפּאַסונג פון שטאַאט איבער די „סקוטשינג מיללס" פערמיידען גרויסע אָפּפער פון לייב און לעבען." [294] וואָס וואָלט בעסער געקאָנט כאַראַקטעריזירן דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, ווי אָט די נויטווענדיגקייט ארויפצוצווינגען אויף איהם שטאַאט־געזעצען, ער זאָל איינפיהרן די איינפאַכסטע איינריכטונגען צו האַלטען ריינליכקייט און פערהיטען דאָס געזונד? דער פאַבריק־אַקט פון 1864 האָט אין די טעפּעררייען אויסגעוויסט און גערייניגט איבער 200 ווערקשטאַטען, וועלכע זיינען צוואַנציג יאָהר אָדער גאָר קיינמאָל ניט גערייניגט געוואָרן (אָט דאָס איז די צוריקהאַלטונג, די „אבסטינענץ", פון קאַפּיטאַל!), אין וועלכער 27,800 אַרבייטער זיינען געווען בעשעפטיגט און האָבען אין דער גאַנצער צייט פון זייער איבערמעסיגער טאָג־ארבייט און אָפט נאַכט־ארבייט איינגעאָטהעמט א פערפעסטעטע לופט, וועלכע האָט פון א בעשעפטיגונג, וואָס איז זאָנסט אין פערגלייך אָן אונשעדליכע, געמאַכט א בעשעפטיגונג, וואָס טראָגט אין זיך קראַנקהייט און טויט. דער אַקט האָט זעהר פיעל פערמעהרט די מיטלען פון ווענטילאַציע." [295]

אין דערזעלביגער צייט בעוויזט אָט דער טייל פון'ם פאַבריק־אַקט זעהר קלאָר, ווי דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן לויט זיין עצם נאָך שליסט אויס יעדע ראַציאָנאַלע פערבעסערונג איבער א געוויסען פונקט. עס איז נאָכאַנאַנד בעמערקט געוואָרן, ווי די ענגלישע דאָקטאָרען דערקלערן איינשטימיג, אַז 500 קוביק־

[294] ד. נ., ?. XV, ז. 72.

[295] „רעפּאָרטס אינספּ. פאַקטאָריס, 31 אָקטאָבער 1865", ז. 127.

געמיינע איינפיהרונג פון דער דאזיגער געזעצגעבונג אין ענגלאנד, וועלען מיר זיך א ווײַלע אבשטעלען אויף איניגע פאראגראפען פון דעם ענגלישען פאבריק־אקט, וועלכע האבען ניט קיין שייכות צו די צאהל שטונדען פונ'ם ארבייטס־טאג.

די פאראגראפען וועגען סאניטארע איינריכטונגען, שוין ניט צו רעדען וועגען זייער רעדאקציע, וועלכע מאכט לייכט פאר'ן קאפיטאליסט זיי ניט צו פאלגען, זיינען זעהר ווינציג און פאקטיש בעשרענקט אויף פארשריפטען צו ווייסען די ווענד און עטליכע אנדערע ריינליכקייטס־כללים, ווענטילאציע און בעשיצונג אנטקעגען געפעהרליכער מאשינעריע. אין דריטען בוך וועלען מיר צוריקקומען צו דעם פאנאטישען קאמף פון די פאבריקאנטען אנטקעגען די פונקטען, וועלכע האבען ארויפגעלעגט אויף זיי א קליינע הוצאה אויף איינריכטען מיטלען צו בעשיצען די גליעדער פון זייערע ארבייטער. דא בעווייזט זיך ווידער גלענצענד ארויס די דאגמא פון פריי־האנדעל, אז אין א געזעלשאפט פון געגענגעזעצטע אינטערעסען ארבייט יעדערער לטובת הכלל דורכדעם, וואס ער זוכט נאר זיינע פערזענליכע נוצען. איין ביישפיעל וועט זיין גענוג. עס איז בעקאנט, אז זינט דעם מיטען פון די 40־גער יאהרען האט זיך די פלאקס־אינדוסטריע און צוזאמען מיט איהר די „סקוטשינג מיללס“ (די פאבריקען צו שלאגען און ברעכען דעם פלאקס) זעהר פערגרעסערט אין אירלאנד. אין 1864 זיינען דארט געווען ארום 1800 אזוינע פאבריקען. פעריאדיש אין הערבסט און ווינטער ווערן אוועקגעריסען פון דער פעלד־ארבייט יונגע פערזאנען און פרויען, די זיהן, טעכטער און פרויען פון די ארומיגע קליינע פארמערס — אלע אזעלכע, וואס זיינען אינגאנצען אונבעקאנט מיט מאשינעריע — כדי צו פיטערן די וואליץ־ווערק פון די פאבריקען מיט פלאקס. די אומגליקספעלען, סיי אין צאהל, סיי אין געפעהרליכקייט, האבען קיין ביישפיעל ניט צו זיך אין דער געשיכטע פון מאשינעריע. איין איינציגע פאבריק אין קילדינאן (ניט ווייט פון קארק) האט געגעבען פון 1852 ביז 1856 6 טויט־פעלען און 60 שווערע בעשעדיגונגען, וועלכע וואלטען אלע געקאנט אויסגעמיטען ווערן דורך די איינפאכסטע איינריכטונגען, וואס האבען געדארפט קאסטען עטליכע שילינג. דר. וו. ווהייט, דער „סערטיפייאינג סוירדזשען“

ווי אָרים די בילדונגס־פּונקטען אין דעם פאבריק־אַקט זיינען ניט אינגאַנצען געגומען, האָבען זיי דאָך פּראָקלאַמירט די עלעמענ־טאַרע בילדונג פאַר אַ געצוואונגענעם תנאי פון דער ארבייט.[297] זייער ערפאָלג האָט צום ערשטען מאָל בעוויזען די מעגליכקייט פון דער פערבינדונג פון בילדונג און גימנאַסטיק [298] מיט האנד־ארבייט; הייסט עס, אויך פון האנד־ארבייט מיט בילדונג און גימנאַסטיק. די פאַבריק־אינספעקטאָרען האָבען באַלד אויסגעפונען, אויסהערענ־דיג די עדות פון די שוהל־לעהרער, אַז הגם די פאַבריק־קינדער קריגען נאָר האלב אַזויפיעל אונטעררריכט ווי די רעגעלמעסיגע טאָג־שילער, לערנען זיי זיך אוים פּונקט אַזויפיעל און אָפט נאָך מעהר ווי יענע. „די זאַך איז איינפאַך. די, וועלכע האלטען זיך אויף אין דער שוהל נאָר אַ האַלבען טאָג, זיינען שטענדיג פריש און כמעט אַלעמאָל ווילינג און פעהיג אויפצונעהמען די לימודים. דער סיסטעם פון אַ העלפט ארבייט און אַ העלפט שוהל מאַכט יעדע פון דיביידע בעשעפטיגונגען אַן אַברוה און ערהאָלונג פון דער אַנדערער, און פאָלגליך איז עס מעהר צופריעדענשטעלענד פאַר'ן קינד, איידער ווען מען האלט איהם נאָכאַנאַנד ביי איין זאַך פון די ביידע. אַ אינגעל, וואָס זיצט פון אין דער פריה אָן אין שוהל, און אפילו אין אַ הייסען וועטער אויך, קאָן בשום אופן ניט אויפ־טאָן אַזויפיעל, וויפיעל אַנאַנדערער, וואָס קומט מונטער און פריש

---

[297] לויט דעם ענגלישען פאבריק־אַקט קאָנען די עלטערן ניט שיקען קיין קינדער אונטער 14 יאָהר אין די „קאָנטראָלירטע" פאַבריקען, סיידען זיי זאָלען אין דערזעלביגער צייט קריגען אַן עלעמענטאַרע בילדונג. דער פאַבריקאַנט איז פעראַנטוואָרטליך פאַר ניט פאָלגען דאָס געזעץ. „פאַבריק־אונטעררריכט איז אַב־ליגאַטאָריש און אַ בעדינגונג פון דער ארבייט." (רעפּאָרטס עטצ., 31 אָקטאָבער 1863", ז. 111.)

[298] וועגען די ניצליכע רעזולטאַטען פון דער פערבינדונג פון גימנאַסטיק (פאַר אינגלעך אויך מיליטערישע איבונגען) מיט געצוואונגענעם אונטעררריכט פון פאַבריק קינדער און פּאָופּער־שילער זעה די רעדע פון נ. וו. סיניאָר אויף דעם 7טען יעהרליכען קאָנגרעס פון דער "National Association for the Promotion of Social Science", on Report of Proceedings etc.", לאָנדאָן 1863, ז. 63, 64. אויך דעם בעריכט פון די פאַבריק־אינספּעקטאָרען פאַר 31 אָקטאָבער 1865, ז. 118—120 און 126.

פום לופט־רוים פער פערזאָן איז אַ קוים גענינגענדער מינימום, וואו די אַרבייט געהט אָן אַ לענגערע צייט. גאַנץ שעהן! אויב דער פאַבריק־אַקט מיט זיינע אַלע צוואַנג־רעגעלען פערשנעלערט אינדירעקט די פערוואַנדלונג פון קלענערע ווערקשטאַטען אין פאַבריקען, און פאָלגליך גרייפט ער אינדירעקט אָן דאָס אייגענטום־רעכט פון די קלענערע קאַפיטאַליסטען און פערזיכערט די גרויסע מיט אַ מאָנאָפאָל, איז אויב דאָס געזעץ וואָלט אַרויפגעצוואונגען אין יעדען ווערקשטאַט די נויטיגע מאָס לופט פאַר יעדען אַרבייטער, וואָלט דאָס מיט איין קלאַפ דירעקט עקספראָפריאירט טויזענדער קליינע קאַפיטאַליסטען! דאָס וואָלט אָנגעגריפען דעם קאַפיטאַליסטישען פראָדוקציאָנס־אופן ביים רעכטען וואָרצעל, ד.ה. עס וואָלט אָנגעגריפען די זעלבסט־פערווערטונג פון קאַפיטאַל—סיי גרויס, סיי קליין—דורך דעם „פרייען“ איינקויף און פערברויך פון דער אַרבייט־קראַפט. דער גאַנצער פאַבריק־געזעצגעבונג געהט דעריבער אויס דער אָטהעם, ווען עס קומט צו די דאָזיגע 500 קוביק־פוס לופט. די סאַניטאַרע אויטאָריטעטען, די אינדוסטריעלע אונטערזוכונג־קאָמיסיעס, די פאַבריק־אינספעקטאָרען ווידערהאָלען נאָכאַנאַנד די נויטווענדיגקייט פון די 500 קוביק־פוס און אויך די אונמעגליכקייט דאָס אַרויפצוצווינגען אויפ'ן קאַפיטאַל. זיי דערקלערן פאַקטיש אויף דעם אופן, אַז שווינדזוכט און אַנדערע לונגען־קראַנקהייטען, וואָס קומען פון דער אַרבייט, איז אַ לעבענס־בעדינגונג פאַר'ן קאַפיטאַל.[296]

---

[296] מען האט אויסגעפונען דורך ערפאהרונג, אז א דורכשניטליך געזונטער מענש ציהט אריין מיט יעדען אטהעם פון מיטעלער שטארקייט אן ערך 25 קוביק־צאל לופט און ער אטהעמט אומגעפעהר 20 מאל אין א מינוט. דער לופט־פערברויך פון א אינדיווידום אין 24 שטונדען קומט אויס לויט דעם חשבון אומגעפעהר 720,000 קוביק־צאל אדער 416 קוביק־פוס. מען ווייס אבער, אז די לופט, וואס איז איינמאל איינגעאטהעמט געווארן, קאן ניט מעהר דיענען פאר דעמזעלבען פראצעס, סיידען זי איז ווידער גערייניגט געווארן אין דעם גרויסען ווערקשטאט פון דער נאטור. לויט די עקספערימענטען פון וואלענטין און ברונער אטהעמט אויס א געזונדער מענש אן ערך 1300 קוביק־צאל קויהלענזויערס אין א שטונדע; דאס בעטרעפט אומגעפעהר 8 אונצען פעסטע קויהלען, וואס ווערט ארויסגעגעבען פון די לונגען אין 24 שטונדען. „יעדער מענש מוז ווענינגסטענס האבען 800 קוביק־פוס לופט.“ (האקסלעי.)

פערגרעסערן די געזעשאַפטליכע פּראָדוקציאָן, נאָר אלס די איינ־ציגע מעטאָדע ווי צו פּראָדוצירן אלזייטיג ענטוויקעלטע מענשען.

מיר האָבען געזעהן, אז די גרויס־אינדוסטריע שאַפט טעכניש אָב די מאַנופאַקטורמעסיגע צוטיילונג פון דער ארבייט, וועלכע בינדט צו דעם מענשען אויף זיין גאַנצען לעבען צו איין טייל־ארבייט, בעת אָבער די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון דער גרויס־אינדוסטריע שאַפט ווידער איין יענע ארבייט־צוטיילונג נאָך אויף א שרעקליכערן אופן: אין דער ריכטיגער פאַבריק דורכדעם, וואָס זי פערוואַנדעלט דעם ארבייטער אין א זעלבסט־בעוואוסטזיניגען אָנהאַנג פון א טייל־מאַשין, און אומעטום אויסער דער ריכטיגער פאַבריק—טיילווייז דורך דעם ספּאָראַדישען געברויך פון מאַשינען און מאַשין־ארבייט,[301] טיילווייז דורך דער איינפיהרונג פון פרויען־, קינדער־ און נים־געלעהרנטער ארבייט אלס א נייע גרונדלאַגע פון דער ארבייט־צוטיילונג. דער ווידערשפּרוך צווישען דער מאַנו־פאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער ארבייט און דעם עצם פון דער גרויס־אינדוסטריע לאָזט זיך געוואַלטיג פיהלען. צווישען אַנדערע ווייזט ער זיך ארויס אין דעם שרעקליכען פאַקט, וואָס א גרויסער טייל פון די קינדער, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין די מאָדערנע

[301] אומעטום וואו האנדווערקמעסיגע מאשינען, געטריבען דורך מענשען־קראפט, קאנקורירען דירעקט אדער אינדירעקט מיט מעהר־ענטוויקעלטע מאשינען, וואס ווערען געטריבען דורך מעכאנישער טרייב־קראפט, קומט פאר א גרויסע אומוואנדלונג בנוגע דעם ארבייטער, וואס טרייבט די מאשין. אין אנהויב האט די דאמף־מאשין פערנומען דעם פלאץ פון דעם דאזיגען ארבייטער, איצט מוז ער פערנעהמען דעם פלאץ פון דער דאמף־מאשין. די אנשטרענגונג און די אויסגאבע פון זיין ארבייט־קראפט איז פאלגליך אונגעהויער גרויס און ספעציעל פאר נים־דערוואקסענע, וועלכע זיינען פעראורטיילט צו אזא מאטערניש! אזוי האט דער קאמיסאר לאנגע געפונען אין קאווענטרי און אומגעגענד אינגלעך פון 10 ביז 15 יאהר בעשעפטיגט ביים דרעהען די באנד־וועבשטוהלען, שוין ניט צו רעדען פון די אינגערע קינדער, וועלכע האבען געמוזט דרעהען די קלענערע וועבשטוהלען. „עס איז אונגעוועהנליך שווערע ארבייט. דער אינגעל פערטרעט דא פשוט דעם פלאץ פון דאמף־קראפט". („טשילדרענ'ס עמפלאימענט קאמי־שאן, 5טער ראפארט, 1866", ז. 144, נ. 6.) וועגען די מערדערישע פאלגען פון „אט דעם סיסטעם פון שקלאווערייי", ווי דער אפיציעלער בעריכט רופט עס אן, זעה דארט גופא און די ווייטערדיגע זייטען.

פון זיין אַרבייט." [299] וויטערע בעוויזען געפינט מען אין סיניאָר'ס רעדע אויף דעם סאָציאָלאָגישען קאָנגרעס אין עדינבורג 1863. ער ווייזט דאָרט אויף צווישען אַנדערעס, ווי דער איינזייטיגער, ניט־פּראָדוקטיווער און פערלענגערטער שוהל־טאָג פון די קינדער אין די העכערע און מיטעלע קלאַסען פערמעהרט אָהן נוצען די אַרבייט פון די לעהרער, „בעת ער פערשווענדט די צייט, דאָס געזונד און די ענערגיע פון די קינדער ניט נאָר אָהן נוצען, נאָר אַבסאָלוט אויף אַ שעדליכען אופן." [300] פון דעם פאַבריק־סיסטעם, ווי ראָבערט אָווען האָט עס בעוויזען מיט אַלע פּרטים, האָט אַרויסגעשפּראָצט דער קערן פון דער צוקינפטיגער ערציהונג, וועלכע וועט פאַר אַלע קינדער איבער אַ געוויסען עלטער פערבינדען פּראָדוקטיווע אַרבייט מיט אונטערריכט און גימנאַסטיק, ניט נאָר אַלס אַ מעטאָדע ווי צו

---

[299] רעפּאָרטס עטצ., 31 אָקטאָבער 1865„ ז. 118. אַ נאַאיוועּר זייד־פאַב־ריקאַנט האָט ערקלערט די אונטערזוכונג־קאָמיסאַרען פון דער „טשילדרענ'ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן": „איך בין דורכאויס איבערצייגט, אַז דער סוד פון פּראָדוצירען טיכטיגע אַרבייטער קאָן באמת אויסגעפונען ווערן אין דער פער־איינינונג פון אַרבייט מיט שוהל־למודים פון דער פעריאָדע פון קינדהייט אָן. נאַטירליך טאָר די אַרבייט ניט זיין, ניט צופיעל־אַנשטרענגענד אָדער צו־ווידער־ליך און אומגעזונד. איך וואָלט געוואונשען, אַז מיינע אייגענע קינדער זאָלען האָבען אַרבייט און שפּיעלען אַלס אַן אַבוועקסלונג פון דער שוהל." („טשילדרענ'ס עמפּ. קאָמישאָן", 5טער ראַפּאָרט, ז. 82, נ. 36.)

[300] סיניאָר אין דעם „רעפּאָרט אָוו פּראָסידינגס" פון 7טען יעהרליכען קאָנגרעס פון דער „נאַשיאָנאַל אַסאָש. עטצ., ז. 66. ווי אַזוי די גרויס־אינ־דוסטריע, דערגרייכענדיג אַ געוויסען הויך־גראַד, רעוואָלוציאָנירט, דורך דער איבערקעהרעניש פון דעם מאַטעריעלען פּראָדוקציאָנס־אופן און פון די געזעל־שאַפטליכע פּראָדוקציאָן־שייכות'ן, אויך די קעפּ, בעווייזט זעהר קלאָר אַ פער־גלייך צווישען נ. וו. סיניאָר'ס רעדע פון 1863 און זיינע שטעכיגע בעמערקונגען אַנטקעגען דעם פאַבריק־געזעץ פון 1833; אָדער אַ פערגלייך פון די אַנזיכטען פון דעם דערמאָנטען קאָנגרעס מיט דעם פאַקט, אַז אין געוויסע דאָרפישע טיילען פון ענגלאַנד איז נאָך עד היום פערבאָטען אָרימע עלטערן, אונטער דער שטראָף פון הונגער־טויט, צו בילדען זייערע קינדער. אַזוי צום ביישפּיעל בעריכטעט העיר שנעלל אַלס אַ געוועהנליכע האַנדלונג אין סאָמערסעטשיר, אַז ווען אַן אָרימער מענש פערלאַנגט קהל'שע שטיצע, צווינגט מען איהם אַרויסצונעהמען זיינע קינדער פון דער שוהל. אַזוי דערצעהלט העיר וואָלאַסטאָן, דער גייסט־ליכער פון פעלטהאַם, וועגען פעלען וואו מען האָט אָבגעזאָגט געוויסע פאַמיליען אין יעדער אונטערשטיצונג, ווייל זיי האָבען געשיקט זייערע קינדער אין שוהל"!

ווי נאָר זיי ווערן צו־אַלט פאַר זייער קינדערשער אַרבייט, ד.ה. שפּעטסטענס אין 17טען יאָהר, זאָגט מען זיי אָב פון דער דרוקעריי. זיי ווערן קאַנדידאַטען אויף פערברעכער. אייניגע פּראָבעס צו קריגען פאַר זיי אַרבייט ביי אַנאַנדער בעשעפטיגונג האָבען זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט צוליעב זייער אונוויסענהייט, גראָבקייט, קערפּערליכע און גייסטיגע געזונקענהייט.

אַזוי ווי מיט דער מאַנופאַקטורמעסיגער צוטיילונג פון דער אַרבייט אינעווענינג אין ווערקשטאַט, אַזוי געהט עס אויך מיט דער צוטיילונג פון דער אַרבייט אינעווענינג אין דער געזעלשאַפט. כל זמן האַנדווערק און מאַנופאַקטור שטעלען צוזאַמען די אַלגעמיינע גרונדלאַגע פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, איז דאָס שטעלען דעם פּראָדוצירער אונטער איין אויסשליסליכען צווייג פון פּראָדוקציאָן, דאָס צערייסען די אורשפּרינגליכע פיעלפאַכיגקייט פון זיינע בעשעפטיגונגען,[304] א נויטווענדיגער ענטוויקלונגס־מאָמענט. אויף אָט דער גרונדלאַגע געפינט זיך עמפּיריש [דורך ערפאַהרונג] יעדער בעזונדער פּראָדוקציאָנס־צווייג די טעכנישע פאָרם, וואָס פּאַסט פאַר איהם, ער פערפאַלקאָמט זי לאַנגזאַם, און ווי נאָר עס ווערט דערגרייכט א געוויסער גראַד פון רייפקייט, קריסטאַליזירט ער זי שנעל. דאָס איינציגע וואָס רופט דאָ און דאָרט אַרויס אַן ענדערונג, איז א חוץ דעם נייעם אַרבייט־שטאָף, וואָס דער האַנדעל שטעלט־צו, די ענדערונג אין די אַרבייט־אינסטרומענטען, וואָס קומט אַלעמאָל פאָר. איינמאָל אָבער האָט זיך בעקומען די ערפאַהר־

[304] „אין אייניגע טיילען פון הויך־שאָטלאַנד האָט ניט לאַנג צוריק, לויט דעם סטאַטיסטישען בעריכט, יעדער פויער געמאַכט פאַר זיך שיך פון לעדער, וואָס ער האָט אַליין געגאַרבערט. פיעלע פּאַסטוכער און אויך „קאָטטאַרען“ [דאָרף־אַרבייטער וואָס וואוינען אין געדונגענע הייזער] מיט זייערע ווייבער און קינדער קומען אין קירך אין קליידער, וועלכע קיין האַנד האָט ניט אַנגעריהרט אויסער זייער אייגענע, ווייל זייער מאַטעריאַל איז פון דער וואָל, וואָס זיי האָבען אַליין געשאָרן אָדער פון פלאַקס, וואָס זיי האָבען אַליין געזעעט. אין דעם אויפמאַכען פון די קליידער איז ניט אַריין קיין געקויפטער אַרטיקעל, א חוץ אַן אַהל, א נאַדעל און א פינגערהוט, און נאָר א פּאָר טיילען פון דעם אייזענווערק, וואָס ווערט געברויכט ביים וועבען. אפילו די פאַרבען האָבען די ווייבער אַליין געמאַכט פון בוימער, שטרויכען און קרייטיכער.“ (דוגאַלד סטואַרט אין „וואָרקס“ עדיט. האַמילטאָן, ב. VIII, ז. 327 און 328.)

פאַבריקען און מאַנופאַקטורען, ווערן פון זייער פריהעסטען עלטער אָן צוגעשמידט צו אַן ארבייט פון די איינפאַכסטע בעוועגונגען און יאָהרען־לאַנג עקספּלואַטירט, ניט אויסלערנענדיג זיך קיין סאָרט ארבייט, וואָס וואָלט זיי שפּעטער מאַכען ניצליך אפילו אין דער־זעלביגער מאַנופאַקטור אָדער פאַבריק.

אין די ענגלישע בוכדרוקערייען צום ביישפּיעל האָט פריהער עקזיסטירט אַ סיסטעם, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו דער אַלטער מאַנופאַקטור און האַנדווערק, לויט וועלכען דער לעהרלינג פלעגט אריבערגעהן פון לייכטערע צו מעהר אינהאַלט־רייכע ארבייטען. זיי פלעגען דורכמאַכען אַ לערן־גאַנג ביז זיי זיינען געוואָרן פאַרטיגע דרוקער. קאָנען לעזען און שרייבען איז פאַר זיי אַלעמען אַ פאָ־דערונג פון זייער פאַך. מיט דעם אָנקומען פון דער דרוק־מאַשין האָט זיך דאָס אַלץ געענדערט. זי בעשעפטיגט צוויי סאָרטען אר־בייטער: אַ דערוואַקסענעם ארבייטער, דעם מאַשין־אויפזעהער, און אַ מאַשין־אינגעל, דאָס רוב פון 11 ביז 17 יאָהר, וואָס זיין עסק בעשטעהט אויסשליסליך צוצורוקען דער מאַשין אַ בויגען פאַ־פּיער, אָדער אַוועקנעהמען פון איהר דעם גערדוקטען בויגען. זיי שטעהען אָב ביי אָט דער נודנער ארבייט, ספּעציעל אין לאָנדאָן, 14, 15 און 16 שטונדען נאָכאַנאַנד אייניגע טעג אַ וואָך, און אָפט 36 שטונדען כסדר מיט נאָר 2 שטונדען רוה פאַר עסען און שלאָ־פען.[302] אַ גרויסער טייל פון זיי קאָן ניט לעזען און זיי זיינען בדרך כלל גאַנץ פערווילדערטע, משונה׳דיגע ברואים. „כדי זיי זאָלען קאָנען טהאָן זייער ארבייט, איז קיין שום אינטעלעקטועלע אויס־בילדונג ניט נויטיג; זיי האָבען ווייניג געלעגענהייט פאַר געשיקט־קייט און נאָך ווייניגער פאַר אורטיילס־קראַפט; זייער לוין איז אַפילו גאַנץ הויך פאַר אינגלעך, ער וואַקסט אָבער ניט פּראָפּאָרציאָנעל צו זייער אייגענעם וואוקס, און די מעהרסטע פון זיי האָבען ניט קיין אויסזיכט צו דערהויבען זיך צו דער בעסער־בעצאָהלטער און מעהר־פעראַנטוואָרטליכער שטעלע פון אַ מאַשין־אויפזעהער, ווייל אויף יעדער מאַשין איז דאָ נאָר 1 אויפזעהער און אָפט 4 אינגלעך.“[303]

---

[302] דארט גופא, ז. 3, נ. 24.

[303] דארט גופא, ז. 7, נ. 60.

די טעכנאָלאָגיע האָט אויך ענטדעקט די עטליכע גרויסע גרונד־פאָרמען פון בעוועגונג, וואָס יעדע פּראָדוקטיווע טהעטיגקייט פון מענשליכען קערפּער נעהמט אָן, טראָץ אַלע פערשיידענאַרטיגקייטען פון די אָנגעווענדעטע אינסטרומענטען; פּונקט אַזוי ווי די מעכאַניק זעהט אין די העכסט־קאָמפּליצירטע מאַשינעריע מעהר גאָרנישט ווי אַ בעשטענדיגע ווידערהאָלונג פון די איינפאַכע מעכאַנישע פּאָטענצען [קרעפטען].

די מאָדערנע אינדוסטריע בעטראַכט און בעהאַנדעלט קיינמאָל ניט די עקזיסטירענדע פאָרם פון אַ פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס אַלס ענד־גילטיג. איהר טעכנישער באַזיס איז דעריבער רעוואָלוציאָנער, בעת דער באַזיס פון אַלע פריהערדיגע פּראָדוקציאָנס־אופנים איז געוועזן קאָנסערוואַטיוו.[306] דורך די מאַשינעריע, כעמישע פּראָצעסען און אַנדערע מעטאָדען רעוואָלוציאָנירט זי בעשטענדיג, אין־איינעם מיט דער טעכנישער גרונדלאַגע פון דער פּראָדוקציאָן, אויך די פונקציעס פון די ארבייטער און די געזעלשאַפטליכע קאָמבינאַציעס פון דעם אַרבייט־פּראָצעס. זי רעוואָלוציאָנירט דערמיט פּונקט אַזוי בעשטענדיג די צוטיילונג פון דער אַרבייט אינעוועניג אין דער געזעלשאַפט און וואַרפט אָהן אַן אויפהער מאַסען קאַפּי־

---

[306] „די בורזשואזיע קאַן ניט עקזיסטירן אַוואו זי רעוואלוציאַנירט ניט נאַכאַנאַנד די פּראַדוקציאַנס־אינסטרומענטען, ממילא די פּראַדוקציאַנס־שייכות׳ן און ממילא אַלע געזעלשאַפטליכע שייכות׳ן. דער ערשטער עקזיסטענץ־בעדינג פון אַלע פריהערדיגע אינדוסטריעלע קלאַסען איז, פערקעהרט, געווען די אומפּערענדערטע אויפהאַלטונג פון די אַלטע אופנים פון דער פּראַדוקציאַן. די שטענדיגע רעוואַלוציאַנירונג פון דער פּראַדוקציאַן, די אונאויפהערליכע אויפטרייסלונג פון אַלע געזעלשאַפטליכע צושטאַנדען, די אייביגע אונזיכערקייט און שטענדיגע בעוועגונג—צייכענען אויס די בורזשואַזע עפּאָכע פון אַלע פריהערדיגע עפּאַכען. אַלע פעסטע, פערראַסטעטע שייכות׳ן מיט זייער גאַנצער סוויטע פון אַלט־עהרווירדיגע בעגריפען און אנשויאונגען, ווערן אויפגעלייזט, אַלע ניי־געשאַפענע ווערן אַלט איידער זיי האָבען צייט פערשטיינערט צו ווערן. אַלץ וואַס איז סאַליד און שטעהט אויף איין אָרט געהט אַוועק מיט׳ן רויך, אַלץ וואַס איז הייליג ווערט פּראַפאַנירט, און די מענשען ווערן ענדליך געצוואונגען צו קוקען אויף זייערע שטעלונגען אין לעבען, אויף זייערע נעגענזייטיגע בעציהונגען מיט ניכטערע אויגען.“ (פ. ענגעלס און קאַרל מאַרקס: „מאַניפעסט פון דער קאַמוניסטישער פּאַרטיי“, לאָנדאָן 1848, ז. 5.

רונגמעסיגע פאַסיגע פאָרם פון דעם אינסטרומענט, ווערט ער פער־האַרטעוועט, ווי מען קאָן עס זעהן פון דעם פאַקט, וואָס ער איז אָפט איבערגעגאַנגען אויף טויזענדער יאָהרען פון איין דור צו דעם אַנדערן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, וואָס ביז אין 18טען יאָהרהונדערט אריין האָבען די בעזונדערע געווערקשאַפטען געהייסען „מיסטעריען" [סודות], וואָס נאָר די פערטרויטע דורך ערפאַהרונג און פּראָפּע־סיאָנעל האָבען אין זיי געקאָנט אריינדרינגען.[305] אין דעם בעריהמ־טען „ליווער דע מעטיע" [בוך פון די מלאכות] פון עטיען בואלאָ ווערט פאָרגעשריבען צווישען אַנדערעס, אַז אַ געזעל, בעת ער ווערט אריינגענומען צווישען די מייסטערס, גיט אָב אַ שבועה „זיינע ברידער צו ליעבען ברידערליך, צו שטיצען זיי, און קיינער זאָל ניט אַרויסגעבען די סודות פון זיין געווערקשאַפט מיט'ן פרייען ווילען."

די גרויסע אינדוסטריע האָט צעריסען דעם שלייער, וואָס האָט פערדעקט פאַר די מענשען זייער אייגענעם געזעלשאַפטליכען פּראָ־דוקציאָנס־פּראָצעס, און וואָס האָט געמאַכט סודות פון די פערשיי־דענע נאַטירליך־אָבגעזונדערטע פּראָדוקציאָנס־צווייגען, ניט נאָר פון איינעם צו דעם אַנדערן, נאָר אפילו צו די פערטרויטע אין יעדען צווייג גופא. זייער פּרינציפּ אויפצולייזען אַן און פאַר זיך יעדען פּראָדוקציאָנס־צווייג אין זיינע צונויפשטעלענדע עלעמענטען, ניט אַכטענדיג, וואָס עס דאַרף אויסגעפיהרט ווערן דורך דער מענש־ליכער האַנד, האָט געשאַפען די גאַנצע מאָדערנע וויסענשאַפט פון דער טעכנאָלאָגיע. די פערשיידענאַרטיגע, דאַכט זיך־צוזאַמענהאַנג־לאָזע און פערשטיינערטע געשטאַלטען פון דעם געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס האָבען זיך אויפגעלייזט אין בעוואוסטזיניג פּלאַנמעסיגע און סיסטעמאַטישע, לויט דער בעצוועקטער ווירקונג, אָבגעזונדערטע אָנווענדונגען פון דער נאַטור־וויסענשאַפט.

---

[305] ער האָט זאָגאַר געמוזט שווערן, אַז אין די אינטערעסען פון אַלע איבע־ריגע וועט ער ניט אויפמערקזאַם מאַכען דעם קונה אויף די פעהלערן אין דעם פּראָדוקט פון אַנדערע בעלי מלאכות, כדי דערמיט צו עמפּפעהלען זיין איינענע סחורה.

אַליין, דורך איהרע קאַטאַסטראָפען, פאַר אַ פראַגע פון לעבען און טויט אָנצודערקענען די וועקסלונג פון די אַרבייטען און פאַלגליך די מעגליכסטע אַלזייטיגקייט פון דעם אַרבייטער אַלס אַן אַלגעמיין־געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־געזעץ און צוצופּאַסען די פערהעל־טענישען צו זיין נאָרמאַלער פערווירקליכונג. זי מאַכט עס פאַר אַ פראַגע פון לעבען און טויט צו פערבייטען די אונגעהויערליכקייט פון אַן עלענדער, אין רעזערוו געהאַלטענער אַרבייטער־בעפעלקע־רונג, וואָס זאָל קאָנען פערווענדט ווערן פאַר דער וועקסלענדער פאָדערונג פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע, אויף דער אַבסאָ־לוטער פערווענדבאַרקייט פונ׳ם מענשען פאַר די וועקסלענדע אַר־בייטס־פאָדערונגען; צו פערבייטען דעם טייל־אינדיווידום, דעם בלויזען טרעגער פון אַ געזעשאַפטליכער טייל־פונקציע, אויף דעם אַלזייטיג־ענטוויקעלטען אינדיווידום, פאַר וועלכען די פערשיידענע געזעלשאַפטליכע פונקציעס זיינען אופנים פון טהעטיגקייט, וואָס בייטען אָב איינער דעם אַנדערן.

איין נאַטירליך־ענטוויקעלטער מאָמענט פון דעם דאָזיגען רע־וואָלוציאָנערן פּראָצעס, אויפ׳ן יסוד פון דער גרויס־אינדוסטריע, זיינע די פּאָליטעכנישע און לאַנדווירטשאַפטליכע שוהלען, אַ צוויי־טער זיינען די טעכנישע פאָרטבילדונג שוהלען, אין וועלכע די אַר־בייטערס קינדער קריגען אונטעררריכט אין דער טעכנאָלאָגיע און פּראַקטישער בענוצונג פון די פערשיידענע פּראָדוקציאָנס־אינסטרו־מענטען. אויב די פאַבריק־געזעצגעבונג, די ערשטע, קנאַפּע קאָנ־צעסיע, וואָס איז אויסגעקעמפט געוואָרן פון דעם קאַפּיטאַל, האָט נאָר פעראייניגט דעם עלעמענטאַר־אונטעררריכט מיט פאַבריקמע־סיגער אַרבייט, איז אָבער גאָר קיין ספק ניט, אַז די אונפערמייד־

מאל אבער בין איך אריינגעפאלען אין אט דער וועלט פון וואונדערליכע צופאלען, וועלכע בייט איהרע מלאכות לייכטער איידער איהרע העמדער, אויף מיין ווארט! איך האב געטאן ווי אלע טהוען. אזוי ווי דער געשעפט פון מינען־ארבייט איז ניט געווען גענוג פראפיטליך, האב איך עס אוועקגעווארפען און זיך אריינגע־קליבען אין שטאדט, וואו איך בין געווארן כסדר א בוכדרוקער, א דאך־דעקער, א פלאמבער א.אז.וו. נאך אט דער ערפאהרונג, אז איך טויג זיך צו אלע ארבייט, פיהל איך זיך וועניגער מאלוסקע [א חיה׳לע אהן ביינער] און מעהר מענש.״ (א. קארבאן, „דע ל׳ענסאנמאן פראפעסיאנעל״, 2טע עדיסיאן, ז. 50.)

טאַל און מאַסען אַרבייטער פון איין פּראָדוקציאָנס־צווייג אין דעם אַנדערן.

די נאַטור פון דער גרויס־אינדוסטריע פאָדערט דעריבער וועקסלונג פון דער אַרבייט, פערענדערליכקייט פון די פונקציעס, אַלזייטיגע בעוועגליכקייט פון דעם אַרבייטער. פון דער אַנדער זייט רעפּראָדוצירט זי אין איהר קאַפּיטאַליסטישער פאָרם די אַלטע צוטיילונג פון דער אַרבייט מיט איהרע פערשטיינערטע בעזונדערהייטען. מיר האָבען געזעהן ווי אָט דער אַבסאָלוטער ווידערשפּרוך נעהמט אַוועק יעדע רוה, פעסטקייט און זיכערקייט פון דעם אַרבייטער'ס לאַגע; ווי ער דראָהעט שטענדיג אַרויסצושלאָגען איהם פון האַנד צוזאַמען מיט דעם אַרבייטס־מיטעל אויך זיין לעבענס־מיטעל,[307] און צוזאַמען מיט זיין טייל־פונקציע מאַכען איבערפליסיג איהם אַליין אויך; ווי אָט דער ווידערשפּרוך לאָזט אויסוואַקסען די אונגעהויערליכקייט פון אַ אינדוסטריעלער רעזערוו־אַרמעע, וועלכע ווערט געהאַלטען אין עלענד, כדי זי זאָל שטענדיג זיין גרייט פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער נאָכפראַגע; ווי ער שטורמט זיך אויס אין פּעריאָדישע מאַסען־הריגות פון דעם אַרבייטער־קלאַס, אין פערשווענדונגען אָהן אַ שיעור פון די אַרבייט־קרעפטען און אין די חורבנות פון דער געזעלשאַפטליכער אַנאַרכיע, וועלכע מאַכט פון יעדען עקאָנאָמישען פאָרטשריט אַן אומגליק פאַר'ן כלל. דאָס איז די נעגאַטיווע זייט.

אויב אָבער די וועקסלונג פון דער אַרבייט זעצט זיך איצט דורך נאָר ווי אַן איבערמעכטיגעס נאַטור־געזעץ און מיט דער בלינדער צערשטערענדער ווירקונג פון אַ נאַטור־געזעץ, וואָס שטויסט זיך אומעטום אָן אויף שטערונגען,[308] מאַכט עס די גרויס־אינדוסטריע

[307] „איהר נעהמט מיין לעבען,
ווען איהר די מיטעל נעהמט, וואָדורך איך לעב.“
(שעקספּיער, „דער קויפמאַן פון ווענעדיג“, IV, 1. שלעגעל'ס איבערזעצונג.)

[308] אַ פראַנצויזישער אַרבייטער, קומענדיג צוריק פון סאַן פראַנציסקאָ, שרייבט ווי פאָלגט: „איך וואָלט קיינמאָל ניט געגלויבט, אַז איך וואָלט געקאָנט אויסטאָן די אַלע מלאכות, וואָס איך האָב געטאָן אין קאַליפאָרניא. איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז אויסער צו בוכדרוקעריי טויג איך צו גאָרנישט... איינ־

אריינמישען זיך אין די עקספלואטירונג־רעכט פון קאפיטאל. יעדע רעגולירונג אָבער פון דער אזוי־גערופענער הויז־ארבייט [310] וועט פערקעהרט גלייך בעטראַכט ווערן ווי אַ דירעקטער אָנגריף אויף דער „פאַטריאַ פּאָטעסטאַס“ [די מאַכט פון די עלטערן], דאָס הייסט אויף אַ מאָדערנעם לשון, אַן אָנגריף אויף דער אויטאָריטעט פון די עלטערן — אַ שריט, וואָס דער צאַרט־פיהלענדער ענגלישער פאַרלאַמענט האָט כלומר׳שט לאַנג מורא געהאַט צו מאַכען. די מאַכט פון די פאַקטען האָט אָבער געצוואונגען ענדליך איינצוזעהן, אַז די גרויס־אינדוסטריע האָט אויפגעלייזט צוזאַמען מיט דעם עקאָנאָמישען באַזיס פון דער אַלטער פאַמיליע און מיט דער פאַמיליען־ארבייט, וואָס איז געווען צוגעפּאַסט צו איהם, אויך די אַלטע פאַמיליען־שייכות׳ן גופא. דאָס רעכט פון די קינדער האָט געמוזט פּראָקלאַמירט ווערן.

„אומגליקליכערווייז—ווערט געזאָגט אין דעם שלוס־באַריכט פון דער „טשילדרענ׳ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן“ פון 1866—קומט קלאָר ארויס פון אַלע בעצייגונגען פון די עדות, אַז די קינדער פון ביידע געשלעכטער נויטיגען זיך פון קיינעם ניט בעשיצט צו ווערן אַזוי־פיעל, ווי פון זייערע עלטערן“. דער סיסטעם פון עקספּלואַטירן אָהן אַ מאָס די קינדער־ארבייט בכלל און די הויז־ארבייט בפרט ווערט דורכדעם „אויפגעהאַלטען“, וואָס די עלטערן איבען אויס איבער זייערע יונגע און צאַרטע קינדערלעך אַ ווירקליכע און שעדליכע מאַכט אָהן אַ צוים און אַ קאָנטראָל.... עלטערן טאָרן ניט בעזיצען די אַבסאָלוטע מאַכט צו מאַכען פון זייערע קינדער איינפאַכע מאַשינען, כדי אַרויסצושלאָגען פון זיי אַזויפיעל לוין אַ וואָך.... קינדער און יונגע פערזאָנען האָבען אַ רעכט אויף דעם שוץ פון דער געזעצגעבונג אַנטקעגען דער מיסברויכונג פון דער עלטערנ׳ס געוואַלט, וועלכע צוברעכט זייער קערפּערליכע קראַפט פאַר דער

---

[310] דאָס קומט איבעריגענס פאָר גרעסטענטיילס אויך אין די קלענערע ווערקשטאַטען, ווי מיר האָבען געזעהן ביי דער שפּיצען־מאַנופאַקטור און שטרוי־פלעכטעריי, און ווי מען וואָלט אויך געקאָנט אויספיהרליכער אויפווייזען ביי די מעטאַל־מאַנופאַקטורען אין שעפיעלד, בירמינגהאַם א.אז.וו.

ליכע ערּאָבערונג פון דער פּאָליטישער מאַכט דורך דעם אַרבייטער־קלאַס וועט אויך ערּאָבערן אַ פּלאַץ פאַר דעם טעכנאָלאָגישען אונ־טערריכט, טעאָרעטיש און פּראַקטיש, אין די אַרבייטער־שוהלען. עס איז פּונקט אַזוי קיין ספק ניט, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פאָרם פון פּראָדוקציאָן און די עקאָנאָמישע אַרבייטער־פערהעלטענישען, וואָס זיינען צוגעפּאַסט צו איהר, שטעהען אין אַן אַבסאָלוטען ווי־דערשפּרוך מיט אַזוינע רעוואָלוציאָנערע געהרונגען און מיט זייער ציעל—די אָבשאַפונג פון דער אַלטער צוטיילונג פון דער אַרבייט. די ענטוויקלונג פון די ווידערשפּרוכען פון אַ געשיכטליכער פּראָ־דוקציאָנס־פאָרם איז אָבער דער איינציגער געשיכטליכער וועג ווי אַזוי די דאָזיגע פאָרם ווערט אויפגעלייזט און אַ נייע פאָרם ווערט אויפגעבויט. „נע סוטאָר סופּראַ קרעפּידאַם!“ [„שוסטער בלייב ביי דיין קאַפּול!“]—אָט דער שפּיץ פון דער בעל־מלאכה׳ישער חכמה איז געוואָרן אַ מורא׳דיגע שטות פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער זייגער־מאַכער וואַטט האָט ערפונדען די דאַמף־מאַשין, דער צירולניק אַרקרייט—די שפּין־מאַשין און דער יואוועליר־אַרבייטער פולטאָן—די דאַמף־שיף.[309]

כל זמן די פאַבריק־געזעצגעבונג רעגולירט די אַרבייט אין פאַב־ריקען, מאַנופאַקטורען א.אַז.וו., ווערט עס נאָר בעטראַכט ווי אַן

[309] דזשאהן בעללערס, אַ אמת׳ער וואונדער אין דער געשיכטע פון דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע, האָט שוין אין סוף פון 17טען י.ה. בעגריפען מיט דער פולסטער קלאָרקייט די נויטוועניגקייט אָבצושאַפען די איצטיגע ערציהונג און אַרבייט־צוטיילונג, וועלכע ברענגען אַרויס אַ היפּערטראָפיע [קראַנקען איבער־וואוקס] און אַן אַטראָפיע [אָבצעהרונג] אויף ביידע עקסטרעמען פון דער געזעל־שאַפט, ווען אפילו אין אַ ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג. צווישען אַנדערעס זאָגט ער גאַנץ שעהן: „פויל לערנען איז ניט בעסער ווי לערנען פוילקייט. . . . קער־פּערליכע אַרבייט איז אַן אורשפּרינגליכע איינריכטונג פון גאָט. . . . אַרבייט פּאַדערט זיך פּונקט אַזויפיעל פאַר דער געזונדהייט פון קערפּער, ווי עסען פאַר זיין דערהאַלטונג; וואָרים דעם שמערץ, וואָס מען שפּאָרט זיך איין גע־הענדיג לעדיג, ברענגט מען אַריין דורך קראַנקהייט. . . . אַרבייט גיסט אַריין אויל אין דעם לאָמפּ פון לעבען, דענקען צינדט עס אָן. . . . אַ קינדיש־נאַרישע בעשעפטיגונג (דאָס איז אַ וואָרנונג בנבואה אַנטקעגען די באַסעדאָווס און זייערע מאָדערנע נאָכאַהמער) לאָזט דעם קינד׳ס שכל בלייבען דום.“ (“Proposals for raising a College of Industry of all Useful Trades and Husbandry”, London 1696, p. 12, 14, 18.)

אַרבייטער, איז די דאָזיגע צוזאַמענשטעלונג אַ פערפעסטעטע קוואַל פון פערדאָרבענקייט און שקלאַווערײַ.[312]

די נויטווענדיגקייט צו פעראַלגעמיינערן דאָס פאַבריק־געזעץ און מאַכען פון איהם אנשטאָט אַן אויסנאַהם־געזעץ פאַר שפּינע־רייען און וועבערייען—די דאָזיגע ערשטע בעשעפעניסען פון דעם מאַשין־סיסטעם,—אַ געזעץ פאַר אַלע געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנען, איז ענטשטאַנען, ווי מיר האָבען געזעהן, פון דעם געשיכטליכען ענטוויקלונגס־גאַנג פון דער גרויס־אינדוסטריע. די טראַדיציאָנעלע געשטאַלט פון מאַנופאַקטור, האַנדווערק און הויז־אַרבייט ווערט אויף דעם הינטערגרונד פון דער גרויס־אינדוסטריע אינגאַנצען רעוואָלוציאָנירט; די מאַנופאַקטור געהט שטענדיג איבער אין דער פאַבריק, דאָס האַנדווערק—שטענדיג אין דער מאַנופאַקטור, און ענדליך ווערן די ספערען פון האַנדווערק און הויז־אַרבייט, אין אַ לפי ערך וואונדערבאַר־קורצער צייט, אַ ריכטיגער גיהנום, וואו די ווילדעסטע אונגעהויערליכקייטען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע טרייבען זייער פרייען שפּיעל. דעם לעצטען קלאַפּ האָבער האָבען געגעבען צוויי אומשטענדען: ערשטענס די שטענדיג־ווידערהאָלטע ערפאַהרונג, אַז אַזוי באַלד ווי דער קאַפּיטאַל פאַלט אונטער דעם שטאַאַטס־קאָנטראָל נאָר אין איינצעלנע פּונקטען פון דעם געזעלשאַפטליכען קרייז, לאָזט ער זיך אַלץ מעהר אונדער־באַרעמדיג בעצאָהלען אין אַנדערע פּונקטען;[313] צווייטענס דער געשריי פון די קאַפּיטאַליסטען גופא פאַר גלייכהייט אין די קאָנקורענץ־בעדינגונגען, דאָס הייסט פאַר גלייכע בעשרענקונגען אויף דער עקספּלואַטאַציע פון אַרבייט.[314]

לאָמיר אויסהערן וועגען דעם צוויי געשרייען פון ביטערע הערצער. די הערען וו. קוקסלעי (פאַבריקאַנטען פון נעגעל, קעטען א.אז.וו. אין בריסטאַל) האָבען פריווילליג איינגעפיהרט די פאַבריק־

[312] „פאַבריק־אַרבייט קאַן זיין פּונקט אַזוי ריין און גוט ווי הויזליכע אַרבייט, און אפשר נאָך בעסער.“ („רעפּאַרטס עטצ., 31 אָקט. 1865“, ז. 127.)

[313] דאָרט גופא, ז. 27, 32.

[314] מאַסענהאַפטע ביישפּיעלען דערצו קאַן מען געפינען: אין די „רעפּאַרטס און אינספּעקטאָרס“.

ציַיט און דריקט זיי אַרונטער אויף אַ נידעריגען שטאַפּעל פון מאָ־ראַלישע און אינטעלעקטועלע וועזענס.״ [311]

עס איז אָבער ניט די מיסברויכונג פון דער עלטערנס מאַכט, וואָס האָט געשאַפען די דירעקטע אָדער אינדירעקטע עקספּלואַטי־רונג פון יונגע אַרבייט־קרעפטען דורך דעם קאַפּיטאַל, נאָר פער־קעהרט, עס איז דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון עקספּלואַטאַציע, וואָס האָט געמאַכט די געוואַלט פון די עלטערן פאַר אַ מיסברוי־כענדע מאַכט, דורכדעם וואָס ער האָט צערשטערט איהר צוגעפּאַסטע עקאָנאָמישע גרונדלאַגע.

ווי שרעקליך און עקעלהאַפט אָבער עס זאָל זיך ניט אַרויס־ווייזען די אויפלייזונג פון דעם אַלטען פאַמיליען־וועזען אין דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם, שאַפט פונדעסטוועגען די גרויס־אינ־דוסטריע, דורך דער וויכטיגער ראָליע וואָס זי טיילט איין די פרויען, יונגע פערזאָנען און קינדער פוןביידע געשלעכטער אין די געזעל־שאַפטליך־אָרגאַניזירטע פּראָדוקציאָנס־פּראָצעסען מחוץ דער ספערע פון הויזליכען לעבען, די נייע עקאָנאָמישע גרונדלאַגע פאַר אַ העכערער פאָרם פון דער פאַמיליע און פון דער שייכות צווישען די געשלעכטער. עס איז, פערשטעהט זיך, פונקט אַזוי אַבסורד צו האַלטען די קריסטליך־גערמאַנישע פאָרם פון דער פאַמיליע פאַר אַן אַבסאָלוטע און ענדליכע, ווי די אַלט־רוימישע פאָרם, אָדער די אַלט־גריכישע, אָדער די אָריענטאַלישע פאָרם—וועלכע, אגב אורחא, מאַכען אויס צווישען זיך אַ געשלעכטליכע רייהע פון ענטוויקלונג. עס איז אויך פונקט אַזוי קלאָר, אַז דער פאַקט, וואָס דער קאָמבי־נירטער אַרבייטס־פּערזאָנאַל איז צוזאַמענגעשטעלט פון אינדיווידו־מען פון ביידע געשלעכטער און אַלערליי עלטער־שטופען, מוז פער־קעהרט, אונטער פּאַסענדע פערהעלטענישען, ווערן אַ קוואַל פון אַ הומאַנער ענטוויקלונג; הגם אין דער נאַטורמעסיג ברוטאַלער, קאַ־פּיטאַליסטישער פאָרם, וואו דער אַרבייטער עקזיסטירט פאַר דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, ניט דער פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס פאַר דעם

---

[311] „טשילד עמפּ. קאָמ., 5טער ראַפּאָרט״, ז. xxv , נ. 162 און 2טער ראַפּאָרט ז. xxxviii , נ. 285, 289, ז. xxv , נ. 191.

דעסטען גינסטיג פאַר דער געזונדהייט, בעקוועמליכקייט, ערציהונג און אַלגעמיינער פערבעסערונג פון׳ם פאָלק.״ [317]

אין איהר שלוס־בעריכט פון 1866 שלאָגט פאַר די „טשילד־רענ׳ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן״ (וועלכע איז אין 1862 געשאַפען געוואָרן פאַר דער אונטערזוכונג פון דער קינדער־אַרבייט) צו אונ־טערוואַרפען דעם פאַבריק־אַקט 1,400,000 קינדער, יונגע פערזאָנען און פרויען, פון וועלכע אומגעפעהר אַ העלפט ווערט עקספּלואַטירט פון דער קליין־אינדוסטריע און דער הויז־אַרבייט. [318] „אויב דער פּאַרלאַמענט״, זאָגט זי, „זאָל אָננעהמען אונזער פאָרשלאַג אין זיין גאַנצען פערנעהם, איז קיין ספק ניט, אַז אַזאַ געזעצגעבונג וועט אויסאיבען דעם בעסטען איינפלוס ניט נאָר אויף די יונגע און שוואַכע, אויף וועמען דאָס געזעץ בעציהט זיך פריהער פון אַלץ, נאָר אויך אויף דער נאָך גרעסערער מאַסע דערוואַקסענע אַרבייטער, וועלכע געהט אַריין דירעקט (פרויען) און אינדירעקט (מענער) אין איהר ווירקונג־קרייז. זי וועט אַרויפצווינגען אויף זיי רעגעלמעסיגע און געמעסיגטע אַרבייטס־שטונדען; זי וועט אויפהאַלטען און פער־בעסערן דעם אוצר פון פיזישער קראַפט, פון וועלכער זייער איי־גענער וואוילזיין און דאָס וואוילזיין פון לאַנד העננט אַזויפיעל אָב;

---

[317] דאַרט גופא, ז. XXV, נ. 165 ביז 167. וועגען די מעלות פון דעם גרויס־בעטריעב אין פערגלייך צו דעם קליין־בעטריעב זעה די „טשילד. עמפּ. קאָמ״, 3טען ראַפּאָרט, ז. 13, נ. 144, ז. 25, נ. 121, ז. 26, נ. 125, ז. 27, נ. 140 א.אַז.וו.

[318] די אינדוסטריע־צווייגען, וועלכע דאַרפען רעגולירט ווערן, זיינען: שפּי־צען־מאַנופאַקטור, זאָקען־שטריקעריי, שטרוי־פלעכטען, מאַנופאַקטור פון בעקליי־דונג־אַרטיקלען מיט איהרע צאָהלרייכע גאַטונגען, קינסטליכע בלומען־מאַכעריי, שוה־, הוט־ און האַנדשוה־מאַכעריי, שניידעריי, אַלע מעטאַל־פאַבריקען, פון די שמעלץ־אויוועגס ביז די נאַדעל־פאַבריקען א.אַז.וו., פּאַפּיער־פאַבריק, גלאָז־מאַנו־פאַקטור, טאַבאַק־מאַנופאַקטור, אינדיאַ־ראַבער [קאַוטשוק] ווערק, ליצען־פאַבריקאַ־ציע (פאַר דער וועבעריי), האַנד טעפּיך־וועבעריי, זונען־ און רעגען־שירם מאַנו־פאַקטור, פאַבריקאַציע פון שפּינדלען און שפּולען, בוכדרוקעריי, בוכבינדעריי, שרייב־מאַטעריאַלען־האַנדעל (סטיישאַנערי, דערצו געהערט די פערפערטיגונג פון פּאַפּיער־שאַכטלען, קאַרטען, פּאַפּיער־פאַרבען א.אַז.וו.), שטריק־דרעהעריי, פּעך־קויהל ציערונג מאַכעריי, ציגעלניעס, זיידען־מאַנופאַקטור ביים האַנד, קאַווענטרי־וועבעריי, זאַלץ, חלב־ליכט און צעמענט־ווערק, צוקער־ראַפינעריע, צוויבאַק־מאַכען, פערשיידענע האָלץ־אַרבייטען און אַנדערע געמישטע אַרבייטען.

רעגולירונג אין זייער געשעפט. „אַזוי ווי דער אַלטער אונרעגוליר־טער סיסטעם האַלט נאָך אָן אין די אַרומיגע פאַבריקען, מוזען זיי צו זייער שאָדען צוזעהן, ווי זייערע אַרבייט־אינגלעך ווערן פער־נאַרט פאָרטצוזעצען די אַרבייט אַנדערשוואו נאָך 6 אוהר אבענדס. דאָס, זאָגען זיי נאַטירליך, איז אַן אומגערעכטיגקייט אַנטקעגען אונז און אַ היזק, וואָרים דאָס נעהמט אַוועק אַ טייל קראַפט פון די אינגלעך, בעת אונז געהערט די גאַנצע נוצען פון זייער קראַפט.״ [315] הערר דזש. סימפּסאָן (פאַבריקאַנט פון פאַפּיער־זעקלעך און פאַ־פּיער־שאַכטלען אין לאָנדאָן) דערקלערט די קאָמיסארען פון דער „טשילדרען׳ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן״: „ער איז גרייט אונטער־צושרייבען יעדע פעטיציע פאַר איינפיהרונג פון די פאַבריק־אַקטען. ווי עס איז איצטער, פיהלט ער זיך שטענדיג אונרוהיג אין אבענד, בעת ער שליסט זיין שאַפּ, פון דעם געדאַנק, אַז אַנדערע לאָזען זייערע שעפּער אַרבייטען לענגער און נעהמען פון איהם אַוועק בע־שטעלונגען אונטער די הענד.״ [316] „עס וואָלט געווען אַן אומרעכט אַנטקעגען די גרעסערע אַרבייט־געבער״, זאָגט די „טשילד. עמפּ. קאָמ.״ רעזומירענדיג, „צו שטעלען זייערע פאַבריקען אונטער דער רעגולירונג, בעת די קלענערע שעפּער פון זייער אייגענעם געשעפט־צווייג זיינען ניט אונטערוואָרפען אונטער קיין געזעצליכער בע־שרענקונג פון דער אַרבייט־צייט. צו דער אומגערעכטיגקייט פון ניט־גלייכע קאָנקורענץ־בעדינגונגען בנוגע דער אַרבייט־צייט, וואָס קומען פאָר בעת די קלענערע ווערקשטאַטען בלייבען אַן אויסנאַהם פון דעם געזעץ, קומט נאָך צו דער אַנדער שאָדען פאַר די גרעסערע פאַבריקאַנטען, וואָס דער צושטעל פון פרויען־ און קינדער־אַרבייט ווערט אָבגעצויגען פון זיי צו די שעפּער, וועלכע ווערן ניט רעגו־לירט פונ׳ם געזעץ. ענדליך וואָלט דאָס סטימולירט די פערמעהרונג פון קלענערע שעפּער, וועלכע זיינען כמעט אָהן אויסנאַהם אַם מינ־

---

[315] „טשילדרען׳ס עמפּלאָימענט קאָמישאָן״, 5טער ראַפּאָרט, ז. 10, נ. 85.

[316] דאָרט נופא, ז. XXV, נ. 28.

די געזעלשאפטליכע לאגע האט זיך דערווייל געענדערט. דער פארלאמענט האט ניט געוואגט צוריקצו־ווייזן די פאדערונגען פון דער קאמיסיע פון 1862, אזוי ווי ער האט צוריקגעוויזן די פאדערונגען פון דער קאמיסיע פון 1842. דעריבער האט מען שוין אין 1864, בעת די קאמיסיע האט ערשט פערעפענטליכט איין טייל פון איהרע בעריכטען, געשטעלט די אינדוסטריע פון ליימענע כלים (איינשליסענדיג די טעפערייען), די פאבריקאציע פון טאפעטען, שוועבעלעך, פאטראנען און צינד־היטעלעך, ווי אויך דאס סאמעט־שערן אונטער דעמזעלבען געזעץ, וואס איז געווען גילטיג פאר דער טעקסטיל־אינדוסטריע. אין דער טהראן־רעדע פון 5טען פעברואר 1867 האט דער דאמאלדיגער טארי־קאבינעט צוגעזאגט נאך געזעץ־פראיעקטען (ביללס), געגרינדעט אויף די שלום־פארשלאגען פון דער קאמיסיע, וועלכע האט אין דער צווישען־צייט—1866—געענדיגט איהר ארבייט.

דעם 15טען אויגוסט 1867 האט דער „פאקטארי אקטס עקסטענשאן אקט" און דעם 21טען אויגוסט דער „ווארקשאפ׳ס רעגוליישאן אקט" בעקומען די קעניגליכע בעשטעטיגונג; דער ערשטער אקט האט רעגולירט די גרויסע געשעפט־צווייגען, דער אנדערער—די קליינע.

דער „פאקטארי אקטס עקסטענשאן אקט" האט רעגולירט די שמעלץ־אויוועלנס, די אייזען־ און קופער־ווערק, די גיסערייען, מאשינען־פאבריקען, מעטאל־ווערקשטאטען, פאבריקען פון גוטא פערטשא, פאפיער, גלאז, טאבאק, אויך דרוקערייען און בוכבינדערייען, און בכלל אלע אינדוסטריעלע ווערקשטאטען פון דעם סארט, אין וועלכע 50 אדער מעהר פערזאנען ווערן אין איין צייט בעשעפטיגט ווייניגסטענס 100 טעג אין יאהר.*[320]

כדי צו געבען א בעגריף וועגען דעם פערנעהם פון דעם געביט, וואס דאס דאזיגע געזעץ האט אומגעפאסט, ציטירן מיר אייניגע דעפיניציאנען, וואס זיינען פעסטגעשטעלט אין דעם געזעץ:

*[320] איך וועל זיך צוריקקעהרן צו אט די געזעצען, דעם נייעם „מיינינג אקט" פון 1872 א.אז.וו., אין צווייטען באנד.

זי וואָלט בעשיצען דעם קומענדען דור פון א איבער־אָנשטרענגונג אין די יונגע יאָהרען, וועלכע גראָבט אונטער זיינע כחות און פיהרט צו אַן אונטערגאַנג פאַר דער צייט; זי וואָלט שליסליך געגעבען א געלעגענהייט וועניגסטענס ביז'ן 13טען יאָהר צו קריגען אַן עלע־מענטאַרע בילדונג און מאַכען דערמיט אַן ענד פון דער אונגלויב־ליכער אונוויסענהייט, וואָס איז אַזוי טריי געשילדערט געוואָרן אין די בעריכטען פון דער קאָמיסיע, און וועלכע קאָן נאָר בעטראַכט ווערען מיט דער שמערצליכסטער עמפינדונג און מיט דעם טיעפען געפיהל פון נאַציאָנאַלער דערנידערונג." [319]

שוין אין יאָהר 1840 איז בעשטימט געוואָרן א פּאַרלאַמענטאַ־רישע קאָמיסיע פאַר אַ אונטערזוכונג וועגען קינדער־אַרבייט. איהר בעריכט, וואָס איז ערשיענען אין 1842, האָט לויט די ווערטער פון נ. וו. סיניאָר אויפגעדעקט „דאָס שרעקליכסטע בילד פון גייציגקייט, עגאָאיזם און גרויזאַמקייט פון קאַפּיטאַליסטען און עלטערן, אַ בילד פון עלענד, געזונקענהייט און פערניכטונג פון קינדער און יונגע פערזאָנען, וואָס די וועלט האָט קיינמאָל ניט אָנגעזעהן.... מען וואָלט געקאָנט אפשר מיינען, אַז דער בעריכט בעשרייבט די אכזריות פון אמאָליגע אַלטע צייטען. ליידער אָבער ליעגען פאַר די אויגען בעריכטען, וואָס בעווייזען, אַז די דאָזיגע אכזריות קומט נאָך פאַר איצטער מיט דערזעלבער שטאַרקייט ווי אמאָל. אַ בראָ־שור, וועלכע האַרדוויק האָט פערעפענטליכט מיט צוויי יאָהר צו־ריק, ערקלערט, אַז די מיסברויכונגען, אויף וועלכע מען האָט זיך בעקלאָגט אין 1842, זיינען אין פולער קראַפט ביז היינטיגען טאָג (1863).... דער דאָזיגער בעריכט (פון 1842) איז 20 יאָהר גע־בליבען אונבעאַכטעט, אין משך פון וועלכער צייט יענע קינדער, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען אָהן דער קלענסטער אהנונג פון מאָראַל און וואָס האָבען ניט געהאַט ניט קיין שוהל־בילדונג, ניט קיין רע־ליגיאָן אָדער נאַטירליכע פאַמיליען־ליעבע—יענע קינדער האָט מען געלאָזט ווערען די עלטערן פון דעם איצטיגען דור." [320]

---

[319] דאַרט נופא, ז. XXV, נ. 169.

[320] סיניאָר, „סאָשיאַל סייענס קאָנגרעס", ז. 55 און 56.

גענומען פון זיי די דאָזיגע פאַלמאַכט, כדי זי איבערצוגעבען צו די פאַבריק־אינספּעקטאָרען, וואָס האָט אויף דעם אופן פערגרעסערט זייער אויפזיכט־בעצירק מיט איין קלאַפּ אויף מעהר ווי 100,000 ווערקשטאַטען און 300 ציגעלניעס אליין, איז זייער פּערזאָנאַל גאַנץ גענוי פערגרעסערט געוואָרן בלויז מיט 8 אַסיסטענטען, בעת נאָך פריהער איז זייער צאָהל שוין געווען פיעל צו קליין.[321]

דאָס אויפפאַלענדע אין דער דאָזיגער ענגלישער געזעצגעבונג פון 1867 איז, אַלזאָ, פון איין זייט די נויטווענדיגקייט, וואָס איז אַרויפגעצוואונגען געוואָרן אויף דעם פּאַרלאַמענט פון די הערשענדע קלאַסען אַנצונעהמען אין פּרינציפּ אַזוינע אויסערגעוועהנליכע און אויסגעברייטע מאָסרעגעלען אַנטקעגען די עקסצעסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע; און פון דער אַנדער זייט די האַלבקייט, דער ווידערווילען און די אונעהרליכקייט, מיט וועלכע ער האָט די דאָזיגע מאָסרעגעלען ווירקליך גערופען אין לעבען.

די אונטערזוכונג־קאָמיסיע פון 1862 האָט אויך פאָרגעשלאָגען אַ נייע רעגולירונג פון דער מינען־אינדוסטריע — אַ אינדוסטריע, וועלכע אונטערשיידעט זיך פון אַלע אַנדערע דערמיט, וואָס די אינטערעסען פון די גרונד־בעזיצער און די אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטען געהען ביי איהר האַנד אין האַנד. דער געגענזאַץ פון די דאָזיגע ביידע אינטערעסען האָט געהאָלפען דער פאַבריק־געזעצגעבונג; די אַבוועזענהייט פון אָט דעם געגענזאַץ איז גענוג צו דערקלערן די פערשלעפעניש און דרעהעריי פון דער געזעצגעבונג וועגען מינען.

די אונטערזוכונג־קאָמיסיע פון 1840 האָט געמאַכט אַזוינע שרעקליכע און שוידערהאַפטיגע ענטדעקונגען און האָט אַרויסגערופען אַזאַ סקאַנדאַל איבער גאַנץ אייראָפּאַ, אַז כדי צו שטילען זיין געוויסען האָט דער פּאַרלאַמענט געמוזט אַרויסגעבען דעם

[321] דער פּערזאָנאַל פון דער פאַבריק־אינספּעקציע איז בעשטאַנען פון 2 אינספּעקטאָרען, 2 הילף־אינספּעקטאָרען און 41 סוב־אינספּעקטאָרען. אין 1871 האָט מען צוגעגעבען נאָך 8 סוב־אינספּעקטאָרען. דער כּך הכּל קאָסטען פון דער דורכפיהרונג פון די פאַבריק־געזעצען אין ענגלאַנד, שאָטלאַנד און אירלאַנד האָט בעטראָפען אין 1871-72 בלויז 25,347 פונט סט., שוין אריינגערעכענט די געריכט־קאָסטען פאַר פּראָצעסען געגען עובר זיין אויפ'ן געזעץ.

„האַנדווערק" (handicraft) זאָל (אין אַט דעם געזעץ) בעטייטען: יעדע האַנדאַרבייט, וואָס ווערט בעטריבען געשעפט־מעסיג אָדער מיט׳ן צוועק פון פערדיענסט, אין, אָדער פערבונדען מיט, דער פערפערטיגונג, פערציערונג, רעפּאַראַטור אָדער פערטיג מאַכען צום פערקויף וועלכען עס איז אַרטיקעל אָדער אַ טייל פון אַן אַרטיקעל.

„ווערקשטאַט" זאָל בעטייטען: וועלכע עס איז שטוב אָדער אָרט אונטער׳ן פרייען הימעל, וואו אַ וועלכע עס איז האַנד־אַרבייט ווערט געטאָן פון וועלכען עס איז קינד, יונגער פערזאָן אָדער פרוי, און וואו דער, וואָס בעשעפטיגט אַזאַ קינד, יונגען אַרבייטער אָדער פרויענצימער, האָט דאָס רעכט פון צוטריט און קאָנטראָל.

„בעשעפטיגט" זאָל בעטייטען: זיין טהעטיג אין אַ „האַנד־ווערק", פאַר אַ לוין אָדער ניט, אונטער אַ מייסטער אָדער איינעם פון די עלטערן, ווי עס ווערט ווייטער גענויער בעשטימט.

„עלטערן" (parent) זאָל בעטייטען: פאָטער, מוטער, אָפּעקון אָדער אַנדערע פערזאָנען, וואָס גיבען אַכטונג אָדער האָבען אַ קאָנטראָל איבער וועלכען עס איז קינד אָדער יונגען אַרבייטער."

פּאַראַגראַף 7, וועלכער לעגט אַרויף אַ שטראָף פאַר בעשעפטיגען קינדער, יונגע פערזאָנען און פרויענצימער כנגד די בעשטימונגען פון אָט דעם געזעץ, שטעלט פעסט געוויסע געלד־שטראָפען ניט נאָר אויף דעם בעל־הבית פון ווערקשטאַט, סיי ער איז איינער פון די עלטערן אָדער ניט, נאָר אויך אויף „די עלטערן אָדער אַנדערע פערזאָנען, וועלכע גיבען אַכטונג אויפ׳ן קינד, יונגער פערזאָן אָדער פרויענצימער, אָדער האָבען אַ דירעקטען נוץ פון זייער אַרבייט."

דער „פאַקטאָרי אַקטס עקסטענשאָן אַקט", וועלכער בעריהרט די גרויסע געשעפטען, בלייבט הינטערשטעליג אַנטקעגען דעם פאַבריק־אַקט אין אַ גאַנצער מאַסע שעדליכע אויסנאַהמען און פייגע קאָמפּראָמיסען מיט די קאַפּיטאַליסטען.

דער „וואָרקשאָפּס רעגולײשאָן אַקט", אַ מיזעראַבלער אַקט אין אַלע זיינע פּרטים, איז געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב אין די הענד פון די שטאָדטישע און לאָקאַלע בעאמטע, וועלכע האָבען איהם געדאַרפט דורכפיהרען. ווען דער פּאַרלאַמענט האָט אין 1871 אַוועק־

אין קלאסיפיצירטע איינטיילונגען . איך וויל דערמאנען, אז די פראגען און די געצוואונגענע ענטפערס זיינען אין די ענגלישע בלוי־ביכער נומערירט, און אז די עדות, וואס זייערע אויסזאגונגען ווערן דא ציטירט, זיינען ארבייטער אין קויהלען־מינען.

1. בעשעפטיגונג פון אינגלעך 10 יאהר אלט און מעהר אין די מינען. די ארבייט צוזאמען מיט'ן געהן צו די מינען און צוריק דויערט געוועהנליך 14 ביז 15 שטונדען, אמאל לענגער, פון 3, 4, 5 אוהר אין דער פריה ביז 4 און 5 אוהר אין אבענד. (נ. 6, 452, 83.) די דערוואקסענע ארבייטער ארבייטען אין צוויי שיכטען פון 8 שטונדען יעדערע, אבער פאר די אינגלעך איז אזא איבער־בייט ניטא, כדי צו שפארן די קאסטען. (נ. 80, 203, 204.) די איגגערע אינגלעך ווערן בענוצט הויפטזעכליך צו עפענען און צו־מאכען די צוג־טירען אין די פערשיידענע אבטיילונגען פון דער מינע, די עלטערע ווערן בענוצט פאר שווערערע ארבייט, פיהרן די קויהלען א.אז.וו. (נ. 122, 739, 1747.) די לאנגע ארבייט־שטונדען אונטער דער ערד דויערן ביז צום 18טען אדער 22טען יאהר, ווען זיי הויבען אן צו טהאן די ריכטיגע מינען־ארבייט. (נ. 161.) די קינדער און יונגע פערזאנען ווערן היינטיגע צייטען א סך שווערער אבגעמאטערט איידער אין א וועלכער עס איז פריהערדיגער צייט. (נ. 1663—1667.) די מינען־ארבייטער פערלאנגען כמעט איינ־שטימיג אן אקט פון פארלאמענט, וואס זאל פערבאטען די מינען־ארבייט פאר קינדער וועניגער ווי 14 יאהר אלט. דא פרעגט הוססעי וויוויאן (אליין א מינען־עקספלואטאטאר) : „העננט ניט אב אט דער פערלאנג פון דער גרעסערער אדער קלענערער ארמוטה פון די עלטערן ?"— און מר. ברוס פרעגט : „וואלט עס ניט געוועזן א שלעכטע זאך, ווען דער פאטער איז טויט אדער א קאליקע א.ד.ג. אוועקצונעהמען פון דער פאמיליע אט דעם מקור פון הכנסה ? . . . עס מוז דאך הערשען אן אלגעמיינער רעגעל. . . . ווילט איהר אין אלע פעלען פערבאטען די בעשעפטיגונג אונטער דער ערד פון קינ־דער וועניגער ווי 14 יאהר ?" ענטפער : „אין אלע פעלען." (נ. 707—100.) וויוויאן : „אויב די ארבייט אין די מינען פאר 14 יאהר וואלט ווערן פערבאטען, וואלטען די עלטערן ניט געשיקט די קינדער אין די פאבריקען א.ד.ג. ?—בדרך כלל, ניין." (נ. 174.)

„מיינינג אַקט“ פון 1842, אין וועלכען ער האָט זיך בעשרענקט אויף דעם, וואָס ער האָט פערבאָטען צו לאָזען ארבייטען פרויען און קינדער וועניגער ווי 10 יאָהר אַלט אונטער דער ערד.

דאַן איז אין 1860 געקומען דער „מיינ'ס אינספעקשאָן אַקט“, לויט וועלכען די מינען מוזען שטעהן אונטער אויפזיכט פון ספּעציעלע אינספעקטאָרען, און אינגלעך צווישען 10 און 12 יאָהר טאָרן ניט בעשעפטיגט ווערן, סיידען ווען זיי האָבען אַ שוהל־צייגניס אָדער זיי בעזוכען די שוהל אַ געוויסע צאָהל שטונדען. אָט דער אַקט איז לגמרי געבליבען אַ טויטער בוכשטאַב, מחמת דער לעכערליך־קליינער צאָהל פון די אָנגעשטעלטע אינספעקטאָרען, זייער צו־קליינער אויטאָריטעט און צוליעב אַנדערע אורזאַכען, וואָס וועלען זיך גענויער ארויסווייזען ווייטער.

איינס פון די לעצטע בלוי־ביכער וועגען מינען איז דער „רעפּארט פראָם דהי סעלעקט קאָמיטע אָן מיינס עטצ., 23 יולי, 1866“. דער דאָזיגער ראַפּאָרט איז די אַרבייט פון אַ קאָמיטעט, וואָס איז ערוועהלט געוואָרן פון מיטגליעדער פון „הויז אָוו קאמאנס“ מיט דער פּאָלנאַכט פּאָרצורופען עדות און זיי אויסהערען. עס איז אַ דיקער פּאָליאָ־באַנד, אין וועלכען דער „רעפּארט“ אַליין פערנעהמט גאַנצע 5 שורות, און בעשטעהט פון דער ערקלערונג, אַז דער קאָמיטעט האָט גאָרניט וואָס צו זאָגען, און אַז נאָך עדות מוזען אויסגעהערט ווערן! דאָס איבעריגע בעשטעהט פון די אונטערזוכונגען פון די עדות.

דער אופן פון דער דאָזיגער עקזאַמינירונג דערמאָנט אָן די קרייז־פערהערען אין די ענגלישע געריכט־הייזער, וואו דער אַדוואָקאַט זוכט צו פערטומלען דעם עדות דורך אונפערשעהמטע, פערווירענדע קרייז־ און קווער־פראַגען און צו פערדרעהען איהם די ווערטער אין מויל. די אַדוואָקאַטען זיינען דאָ געוועזען די פּארלאַמענטאַרישע אונטערזוכער אַליין, צווישען זיי אייגענטימער פון מינען און עקספּלואַטאַטאָרס; די עדות זיינען געוועזען מינען־אַרבייטער, מעהרסטענטיילס פון קויהלען־מינען. די גאַנצע קאָמעדיע איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם גייסט פון קאַפּיטאַל, אַז מען מוז דאָ געבען איינינע אויסצוגען. כדי זיי צו קאָנען איבערקוקען לייכטער, גיב איך די רעזולטאַטען פון דער אונטערזוכונג א.אַז.וו.

„הייסט עס“, שליסט דער בורזשואַ, „איהר זייט אַנטקעגען ער־ציהונג? — ניין, בשום אופן ניט, אָבער א.אַז.וו.“ (נ. 443.) זיינען די מינען־בעזיצער א.אַ. ניט געצוואונגען דורך דעם אַקט פון 1860 צו פערלאַנגען שוהל־סערטיפיקאַטען, ווען זיי בעשעפטיגען קינדער צווישען 10 און 12 יאָהר? — על פּי געזעץ, יאָ, אָבער די באָםעס טהוען עס ניט.“ (נ. 444.) „לויט אייער מיינונג ווערט אָט דער פּאַראַגראַף פון געזעץ ניט דורכגעפיהרט איבעראַל? — ער ווערט גאָרניט דורכגעפיהרט.“ (נ. 717.) „אינטערעסירן זיך די מינען־אַרבייטער זעהר מיט אָט דער פראַגע (וועגען ערציהונג)? — די גרויסע מעהרצאָהל.“ (נ. 718.) „אַהרט זיי זעהר שטאַרק די דורכ־פיהרונג פון געזעץ? — די גרויסע מעהרצאָהל.“ (נ. 720.) „איז פּאַרוואָס זעהען זיי ניט, דאָס געזעץ זאָל דורכגעפיהרט ווערן? — ניט איין אַרבייטער וואָלט זיך אָבגעזאָגט צו בעשעפטיגען אַ אינגעל אָהן אַ שוהל־סערטיפיקאַט, אָבער מען וועט איהם געדענקען (ער ווערט „אַ מאַרקד מאַן“).“ (נ. 721.) „ווער וועט איהם געדענ־קען? — זיין באָס.“ (נ. 722.) „דענקט איהר, אַז די באָסעס וועלען פערפאָלגען אַ מאַן, וואָס געהאָרכט דעם געזעץ? — איך גלויב, זיי וואָלטען עס געטהאָן.“ (נ. 723.) „האָט איהר ווען עס איז געהערט, אַז אַן אַרבייטער האָט ניט געוואָלט בעשעפטיגען אַ אינגעל צווישען 10 און 12 יאָהר, וואָס האָט ניט געקאָנט לעזען און שרייבען? — עס הענגט ניט אָב פון זיין וועלען אָדער ניט וועלען.“ (נ. 1634.) „איהר פערלאַנגט, דער פּאַרלאַמענט זאָל זיך אַריינמישען אין דעם? — אויב מען וויל עס זאָל געשעהן עפּעס ווירקזאַמעס פאַר דער ערציהונג פון די קינדער פון די מינען־אַרבייטער, מוז עס געמאַכט ווערן צוואַנגמעסיג דורך אַן אַקט פון פּאַרלאַמענט.“ (נ. 1636.) „זאָל דאָס זיין גילטיג פאַר קינדער פון אַלע אַרבייטער פון גרויס־בריטאַניען, אָדער נאָר פאַר די מינען־אַרבייטער? — „איך בין דאָ צו רעדען אין נאָמען פון די מינען־אַרבייטער.“ (נ. 1638.) „פאַר־וואָס זאָל מען מאַכען אַ חלוק צווישען מינען־קינדער און אַנדערע? — „ווייל זיי זיינען אַן אויסנאַהם פון כלל.“ (נ. 1639.) „אין וועלכער הינזיכט? — „אין פיזישער.“ (נ. 1640.) „פאַר וואָס זאָל בילדונג זיין פאַר זיי מעהר ווערטהפול ווי פאַר אינגלעך פון אַנ־דערע קלאַסען? — „איך זאָג ניט, אַז בילדונג איז פאַר זיי מעהר

אַן אַרבייטער: „דאָס אויפמאַכען און צומאַכען די טירען זעהט אויס לייכט. עס איז אָבער אַ זעהר צרה'דיגער עסק. שוין ניט צו רעדען וועגען דעם שטענדיגען צוג, ווערט דער אינגעל געהאַלטען אַ געפאַנגענער, פּונקט ווי אין אַ טונקעלער צעל אין טורמע.“ בורזשואַ וויוויאַן: „קאָן דער אינגעל ניט לעזען, ווען ער היט די טיר, אויב ער האָט אַ ליכט? — ערשטענס וואָלט ער אַליין גע־דאַרפט קויפען אַ ליכט, אָבער אויסער דעם וואָלט מען עס איהם ניט ערלויבט. ער איז דאָרטען אויפצופּאַסען אויף זיין אַרבייט, ער האָט צו ערפילען אַ פליכט. איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן אַ אינגעל לעזענדיג אין דער מינע.“ (נ. 141—160.)

2. ערציהונג. די מינען־אַרבייטער פערלאַנגען אַ געזעץ פאַר געצוואונגענעם אונטעררִיכט פאַר די קינדער, ווי אין די פאַבריקען. זיי דערקלערען אַז דער פּאַראַגראַף פון דעם אַקט פון 1860, לויט וועלכען עס פאָדערט זיך אַ בילדונג־סערטיפיקאַט פאַר אינגלעך פון 10 ביז 12 יאָהר איידער זיי קאָנען אָנגענומען ווערען צו דער אַרבייט, האָט קיין ווירקונג ניט. דער „שמערצליכער“ עקזאַמען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען „סלעדאָוואַטעל“ ווערט דאָ באמת לעכערליך. (נ. 155.) איז דער אַקט מעהר נויטיג אַנטקעגען דעם אַרבייט־געבער אָדער אַנטקעגען די עלטערן? — אַנטקעגען ביידען.“ (נ. 116.) „מעהר אַנטקעגען איינעם ווי אַנטקעגען דעם אַנדערן? — ווי אַזוי קאָן איך דאָס ענטפערן?“ (נ. 137.) „ווייזען די אַר־בייט־געבער אַרויס אַ וועלכען עס איז פערלאַנג צוצופּאַסען די אַרבייט־שטונדען צו דעם אונטעררִיכט אין דער שוהל? — ניין, די אַרבייט־צייט ווערט צוליעב דעם צוועק קיינמאָל ניט פערקירצט.“ (נ. 211.) „פערבעסערן די מינען־אַרבייטער זייער ער־ציהונג דאָ אַרום? — אין אַלגעמיינעם ווערען זיי דאָ פערערגערט; זיי קריגען שלעכטע געוואוהנהייטען; זיי לערנען זיך אויס טרינקען און שפּיעלען און דערגלייכען, און ווערען אינגאַנצען געבראָכען.“ (נ. 109.) „פאַרוואָס ניט שיקען די קינדער אין אָבענד־שוהלען? — אין די מעהרסטע קויהלען־דיסטריקטען זיינען ניטאָ אַזוינע. וואו עס זיינען פאַראַן אַזוינע שוהלען, קאָנען איינציגע אינגלעך דאָרטען געהן, זיי זיינען אָבער אַזוי אויסגעמאַטערט פון דער לאַנגער אי־בער־אַרבייט, אַז די אויגען קלעבען זיך ביי זיי פון מיעדקייט.“

אז אַט די אַרבייט דעגראַדירט די פרויען, און מיר מינען־אַרבייטער ווילען האָבען מעהר רעספּעקט פאַר דעם פרויען־געשלעכט, איידער צו זעהן ווי זיי זיינען פערדאַמט צו אַרבייטען אין דער קויהלען־גרוב.... די אַרבייט איז גרעסטענטיילס זעהר שווער. אַ סך פון די מיידלעך הויבען אַרויס ביז 10 טאָן אַ טאָג.“ (נ. 1715, 1717.) „גלויבט איהר, אַז די אַרבייטערקעס, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די מינען זיינען אונמאָראַלישער איידער די, וואָס זיינען בעשעפ־טיגט אין די פאַבריקען? — עס איז דאָ צווישען זיי אַ גרעסערער פּראָצענט שלעכטע איידער צווישען די פאַבריק־מיידלעך.“ (נ. 1731.) „איהר זיינט אָבער אונצופריעדען אויך מיט דעם מאָראַלען צושטאַנד פון די פאַבריקען? — ניין.“ (נ. 1733.) „ווילט איהר אויך פערבאָטען די פרויען־אַרבייט אין די פאַבריקען? — ניין, איך וויל דאָס ניט.“ (נ. 1734.) „וואָרום ניט? — די פאַבריק־אַרבייט איז פאַר דעם פרויען־געשלעכט אַנשטענדיגער און פּאַסענדער. (נ. 1735.) „פונדעסטוועגען מיינט איהר, אַז זי איז שעדליך פאַר זייער מאָראַל? — ניין, ווייט ניט אַזויפיעל ווי די אַרבייט ביי די מינען. איבעריגענס רעד איך ניט נאָר אויס מאָראַלישע טעמים, נאָר אויך אויס פיזישע און סאָציאַלע גרונדען. די סאָציאַלע דע־גראַדאַציע פון די מיידלעך איז אַ העכסט טרויעריגע. ווען אַט די פיער ביז פינף הונדערט מיידלעך ווערן די ווייבער פון די מינען־אַרבייטער, ליידען די מענער זעהר שטאַרק פון דער דאָזיגער דע־גראַדאַציע, און עס טרייבט זיי צו אַנטלויפען פון הויז אין שענק אַריין.“ (נ. 1736.) גילט אָבער ניט דערזעלביגער גרונד אויך פאַר די פרויען, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין די אייזען־פאַבריקען? — איך קאָן ניט רעדען פאַר אַנדערע אינדוסטריע־צווייגען.“ (נ. 1741.) „אָבער וואָס איז דען דער חלוק צווישען די פרויען, וואָס זיינען בעשעפטיגט ביי אייזען־אַרבייט אָדער ביי די מינען“ — איך האָב זיך מיט דער פראַגע ניט בעשעפטיגט.“ (נ. 1740.) „קאָנט איהר ניט געפינען אַ חלוק צווישען איין קלאַס און דעם אַנדערן? — איך האָב עס ניט אונטערזוכט, אָבער איך ווייס, בעזוכענדיג איין הויז נאָך דעם אַנדערן, דעם קלעגליכען צושטאַנד אין אונזער דיסט־ריקט.“ (נ. 1741.) „וואָלט איהר ניט געוואָלט אָבשאַפען די פרויען־בעשעפטיגונג אומעטום וואו זי דעגראַדירט זיי? — יאָ...

ווערטהפול, אָבער ווייל זיי ארבייטען זיך איבער אין די מינען האָבען זיי ווייניגער אויסזיכטען צו בעקומען אונטעררינכט אין די טאָג־ און זונטאָג־שוהלען. (נ. 1644.) „איא, עס איז אונמעגליך צו בעהאנדלען פראגען פון דעם סאָרט אויף אַן אבסאָלוטען אופן?“ (נ. 1646.) „זיינען פאראן געגוג שוהלען אין די דיסטריקטען? — ניין.“ (נ. 1647.) „אויב דער שטאאט וועט פערלאנגען, אז יעדעס קינד זאָל געהן אין שוהל, פון וואנען וועלען זיך נעהמען די שוהלען פאר אַלע קינדער? — איך גלויב, אזוי שנעל ווי עס וועלען ווערן די אומשטענדען, וועלען שוין ווערן די שוהלען. די גרויסע מעהר־צאָהל ניט נאָר פון די קינדער, נאָר אויך פון די דערוואקסענע מינען־ארבייטער קאָן ניט שרייבען און ניט לעזען.“ (נ. 705, 726.)

3. פרויען־ארבייט. זינט 1842 ווערן פרויען ניט מעהר בע־שעפטיגט אונטער דער ערד, אָבער זיי ווערן פערברויכט אויף דער ערד אָנצולאָדען די קויהלען א.אז.וו., צו שלעפען די קאסטענס צו די קאנאלען און אייזענבאהן־וואגאָנען, צו סאָרטירן די קויהלען א.ד.ג. זייער צאָהל איז זעהר געשטיגען אין די לעצטע 3 ביז 4 יאָהר. (נ. 1727.) דאָס זיינען מעהרסטענטיילס די ווייבער, טעכ־טער און אלמנות פון מינען־ארבייטער, אין עלטער פון 12 ביז 50 און 60 יאָהר. (נ. 645, 1779, 648.) „וואָס דענקען די מינען־אר־בייטער וועגען דער בעשעפטיגונג פון פרויען אין מינען? — זיי פערדאמען עס בכלל.“ „ווארום? — זיי בעטראכטען עס ווי א ער־נידערונג פאר דעם מין.“ (נ. 649.) „טראָגען זיי ספעציעלע קליי־דער? — „יא . . . זיי טראָגען א געוויסען סאָרט מענער־קליידער. אין פיעל פעלען ווערט צוליעב דעם אונטערדריקט יעדער שאהם־געפיהל. מאנכע פרויען רויכערן. די ארבייט איז אזוי שמוציג, ווי אין די מינען גופא. צווישען די פרויען זיינען דאָ פיעלע, וואָס האָבען קינדער, און זיי קאָנען ניט ערפילען זייערע מוטערליכע פליכטען.“ (נ. 651, 709.) וואָלטען די אלמנות געקאָנט קריגען אנדערשוואו אזא איינטרעגליכע בעשעפטיגונג (פון 8 ביז 10 שי־לינג א וואָך)? — איך קאָן וועגען דעם גאָרנישט זאָגען.“ (נ. 709.) „און פונדעסטוועגען זיינט איהר ענטשלאָסען (שטיינערנע הער־צער!) אָבצושניידען פון זיי אזא קוואַל פון חיונה? — אוודאי.“ (נ. 710.) „פון וואנען נעהמט זיך אזא שטימונג? — אַלע פיהלען,

ניט, א חוץ אַלס עדות. בכלל נעהמט מען קרעמער פון דער נאָכ־בארשאַפט, וועלכע שטעהען אונטער דעם איינפלוס פון די מינען־בעזיצער, זייערע קונדען, און פערשטעהען ניט צומאָל די טעכנישע אויסדרוקען פון די עדות. מיר פערלאַנגען, אז מינען־ארבייטער זאָלען צוזאַמענשטעלען א טייל פון די געשוואָרענע. זייער אורטייל איז בכלל אין ווידערשפרוך מיט די בעווייזען פון די עדות.“ (נ. 361, 364, 366, 368, 371, 375.) „מוזען ניט די געשוואָרענע זיין אונ־פּארטייאיש? — יאָ.“ וואָלטען די ארבייטער געווען אונפּארטיי־איש? — איך זעה ניט איין, פאַרוואָס זיי זאָלען ניט קאָנען זיין אונפּארטייאיש. זיי ווייסען די אומשטענדען געוויס א סך בעסער.“ צי וועלען זיי אָבער ניט נוטה זיין אַרויסצוגעבען אומגערעכטע שווערע אורטיילען אין די אינטערעסען פון די אַרבייטער? — ניין, איך גלויב ניט.“ (נ. 378, 379, 380.)

5. פאַלשע מאָס און געוויכט א.אַז.וו. — די ארבייטער פער־לאַנגען, מען זאָל זיי אָבצאָהלען אַלע וואָך אנשטאָט אַלע צוויי וואָכען, און לויט'ן געוויכט אנשטאָט לויט דער קוביק־מאָס פון די קאַסטענס, אויך פאָדערן זיי פערזיכערונג אנטקעגען דעם געברויך פון פאַלשע געוויכטען א.אַז.וו. „ווען די קאַסטענס ווערן בעטריי־געריש פערגרעסערט, קאָן דאָך דער ארבייטער פערלאָזען די מינע נאָך א צוויי־וואָכעדיגער קינדיגונג? — אָבער, ווען ער געהט אויף אנאַנדער פּלאַץ, געפינט ער דאָרט דיזעלביגע זאַך.“ (נ. 1071.) „ער קאָן אָבער דאָך פערלאָזען דעם פּלאַץ, וואו עס ווערט געטאָן אזא אומרעכט? — עס איז אומעטום דאָזעלביגע.“ (נ. 1072.) אָבער קאָן דער ארבייטער פערלאָזען דעם פּלאַץ, ווען ער קינדיגט מיט 2 וואָכען פריהער? — יאָ.“ (נ. 1073.) דאָס איז אַלעס!

6. מינען־אינספּעקציע. — אומפּעלען דורך עקספּלאָדירענדע גאַזען זיינען ניט די איינציגע צרות, פון וועלכע די ארבייטער ליידען. „מיר האָבען זיך זעהר פיעל צו בעקלאָגען וועגען דער שלעכטער ווענטילאַציע פון די קויהלען־מינען, אזוי אז די ארביי־טער קאָנען דאָרט קוים אָטהעמען; זיי ווערן דורכדעם אונ־פעהיג צו טהאָן וועלכע עס איז ארבייט. פּונקט איצטער, צום ביישפּיעל, האָט די פערפּעסטעטע לופט, אין דעם טייל פון דער מינע וואו איך ארבייט, אַריינגעלעגט א סך מענשען אין קראַנקען־

דער ענגלענדער בעקומט די בעסטע געפיהלען דורך דער ערציהונג פון דער מוטער.“ (ז. 1750.) „אָבער דאָס פּאַסט זיך דאָך אויך צו די לאַנדווירטשאַפטליכע בעשעפטיגונגען פון פרויען? — יאָ, די בעשעפטיגונג דויערט נאָר צוויי סעזאָנען, און ביי אונז אַרבייטען זיי אין אַלע 4 צייטען פון יאָהר. (ז. 751.) זיי אַרבייטען מאַנכעס־מאָל טאָג און נאַכט, נאַס ביז'ן ביין, זייער קערפּער ווערט אָבגע־שוואַכט און דאָס געזונד רואינירט.“ „איהר האָט די פראַגע (וועגען דער פרויען־בעשעפטיגונג) ניט שטודירט דורך און דורך? — איך האָב זיך צוגעקוקט וואו איך האָב געקאָנט און קאָן זאָגען, אז איך האָב אין ערגעץ ניט געפונען אַזאַ לאַגע, וואָס זאָל זיך קאָנען פער־גלייכען מיט דער פרויען־בעשעפטיגונג אַרום די קויהלען־מינען. עס איז אַ מאַן'ס אַרבייט, און פאַר אַ שטאַרקען מאַן. (ז. 1753, 1793, 1794.) דער בעסערער קלאַס מינען־אַרבייטער, וועלכער וויל זיך דערהעבען און זיך מענשלען, ווערט אַרונטערגעשלעפּט נידעריגער דורך זייערע פרויען, אַנשטאָט צו געפינען אין זיי אַ וועלכע עס איז שטיצע.“ (ז. 1808.)

נאָכדעם ווי די בורזשואַזן האָבען זיי געשטעלט נאָך מעהר קרייץ־ און קווער־פראַגען, קומט ענדליך אַרויס דער סוד פון זייער „מיטלייד“ מיט די אלמנות, אָרימע פאַמיליען א.אַז.וו. „דער קויה־לען־אייגענטימער שטעלט אָן געוויסע העררען צו האָבען די אויבער־אויפזיכט איבער דער מינען־אַרבייט, און עס איז זייער פּאָליטיק, כדי נושא חן צו זיין, צו שטעלען אַלעס אויף דעם העכסט עקאָנאָ־מישען באַזיס, וואָס זיי קאָנען, און די בעשעפטיגטע מיידלעך בע־קומען 1 שילינג ביז אַ שילינג און 6 פּענס אַ טאָג, וואו אַ מאַן וואָלט געמוזט בעשעפטיגט ווערן פאַר 2 שילינג 6 פּענס אַ טאָג.“ (ז. 1816.)

4. געריכטען פון געשוואָרענע צו אונטערזוכען טויטען־פעלען (Coroner's Inquests). — „בנוגע די אונטערזוכונגען פון די „קאָראָנערס“ אין אייערע דיסטריקטען, זיינען די אַרבייטער צו־פריעדען מיט די געריכט־אונטערזוכונגען, ווען עס טרעפען אומ־פעלען? — ניין; זיי זיינען ניט צופריעדען.“ (ז. 360.) „„וואָרום ניט? — דערהויפּט ווייל די לייט, וואָס מען מאַכט פאַר געשוואָ־רענע, ווייסען גאָרניט וועגען מינען. אַרבייטער רופט מען קיינמאָל

ספּעקטאָרען? — מיר דאַרפן האָבען מענשען, וועלכע דרעהען זיך אַרום אין די מינען גופא; מענשען, וואָס שרעקען זיך ניט פאַר זייער אייגענער הויט.“ (נ. 295.) „ווען מען זאָל, לויט אייער וואונש, אָנשטעלען אינספּעקטאָרען פון אַן ערגערן סאָרט, מיינט איהר ניט, אַז זייער אונפעהיגקייט קאָן שאַפען געפאַהרען א.אז.וו.? — ניין, עס איז דער רעגיערונג׳ס עסק אָנצושטעלען פּאַסענדע מענשען.“ (נ. 297.)

אָט דער סאָרט אונטערזוכונג ווערט ענדליך שוין צו־לעכערליך אפילו פאַר דעם פּאָרזיצענדען פון דעם אונטערזוכונגס־קאָמיטעט. „איהר ווילט—אונטערברעכט ער זייערע פראַגען מיט דער בעמער־קונג—פּראַקטישע מענשען, וועלכע זאָלען אַרומדרעהען זיך אין די מינען גופא און בעריכטען וואָס זיי געפינען צו דעם אינספּעקטאָר, וועלכער וואָלט דאַן אָנגעווענדט זיין העכערן וויסען וואו נויטיג.“ (נ. 298, 299.) „וואָלט די איינפיהרונג פון ווענטילאַציע אין אָט די אַלע אַלטע מינען ניט פערורזאַכט גרויסע קאָסטען? — יאָ, די קאָסטען וואָלטען געוואַקסען, אָבער מענשליכע לעבענס וואָלטען בעשיצט געוואָרן.“ (נ. 531.) איין קויהלען־אַרבייטער פּראָטעס־טירט אַנטקעגען די 17טע סעקציע פון דעם אַקט פון 1860: „איצ־טער, ווען דער מינען־אינספּעקטאָר געפינט אַ וועלכען עס איז טייל פון דער מינע אין אַ צושטאַנד וואו מען קאָן ניט אַרבייטען, מוז ער דאָס בעריכטען צו דעם מינען־בעזיצער און צו דעם מיניסטער פון אינלאַנד אַנגעלעגענהייטען. דערנאָך האָט דער מינען־בעזיצער 20 טעג צייט איבערצוזעגקען; צום סוף פון די 20 טעג קאָן ער זיך ענטזאגען צו מאַכען וועלכע עס איז ענדערונג אין דער מינע. אויב ער ענטזאגט זיך אָבער, מוז ער שרייבען צו דעם מיניסטער און איהם פאָרשלאָגען 5 מינען־אינזשעניערען, פון וועלכע דער מי־ניסטער מוז אויסקלייבען די פּשרה־מאַכער (שייד־ריכטער). מיר בעהויפּטען, אַז אין דעם פאַל בעשטימט פּאַקטיש דער מינען־בע־זיצער זיינע אייגענע ריכטער.“ (נ. 581.) דער בורזשוא־עקזאַמע־נירער, אַליין אַ מינען־בעזיצער: „דאָס איז אַ ריין־ספּעקולאַטיווער איינוואַנד.“ (נ. 586.) „איהר האָט, הייסט עס, זעהר אַ נידעריגע מיינונג וועגען דער אויפריכטיגקייט פון די מינען־אינזשעניערען? — איך זאָג, אַז עס איז זעהר אומגערעכט און ניט יושר׳דיג.“ (נ.

בעט. די הויפּט־דורכגעגנג זיינען דאָס רוב לופטיג גענוג, אָבער גראָד ניט די פּלעצער וואו מיר ארבייטען." „פּאַרוואָס ווענדעט איהר זיך ניט צו דעם אינספּעקטאָר? — פּיעל מענער זיינען ליי־דער שרעקעדיג אין דעם פּרט. עס איז פּאָרגעקומען, אַז אַן אר־בייטער איז געוואָרן אַ קרבן און האָט פערלאָרן זיין בעשעפטיגונג, דערפאַר ווייל ער האָט זיך געווענדעט צו אַן אינספּעקטאָר." „אַזוי? איז ער דעריבער געוואָרן אַן „אָנגעצייכענטער מענש"? — יאָ." און עס איז שווער פאַר איהם צו געפינען ארבייט ערגעץ אנדערש־וואו? — יאָ." „דענקט איהר, אַז די מינען אין אייער געגענד ווערן גענוג אינספּעקטירט, אַזוי אַז די דורכפיהרונג פון די בע־שטימונגען פון'ם געזעץ איז געזיכערט? — ניין. זיי ווערן איבער־הויפּט ניט אינספּעקטירט... אין 7 יאָהר איז דער אינספּעקטאָר פּונקט איינמאָל געווען אין דער מינע. אין דעם דיסטריקט, צו וועלכען איך געהער, זיינען ניטאָ גענוג אינספּעקטאָרען. איין אל־טער מאַן, שוין אריבער 70 יאָהר, דאַרף אכטונג געבען אויף מעהר ווי 130 קויהלען־מינען. אַ חוץ מעהר אינספּעקטאָרען, דאַרפען מיר אויך האָבען סוב־אינספּעקטאָרען." (נ. 234, 241, 251, 254, 274, 275, 276, 293.) „דענקט איהר, אַז די רעגיערונג קאָן אָנשטעלען אַזאַ אַרמעע אינספּעקטאָרען, וועלכע זאָלען אַלץ, וואָס איהר פער־לאַנגט, אַליין קאָנען טהאָן, אָהן אינפאָרמאַציאָן פון די ארבייטער? — דאָס איז אונמעגליך; זיי זאָלען אָבער אָפטער קומען און קריגען די אינפאָרמאַציאָן אין די מינען גופא." (נ. 277, 280.) „דענקט איהר ניט, אַז דער פּועל יוצא וואָלט געווען, אַז די פעראַנטוואָרט־ליכקייט (!) פאַר דער ווענטילאַציע א.אז.וו. וואָלט אראָבגענומען געוואָרן פון די מינען־בעזיצער און אַרויפגעלעגט געוואָרן אויף די רעגיערונגס־בעאַמטע? — אויף קיין פאַל ניט; עס דאַרף זיין זייער עובדא צו זעהן, אַז די געזעצען, וואָס עקזיסטירן שוין, זאָלען דורכ־געפיהרט ווערן." (נ. 285.) „ווען איהר רעדט וועגען סוב־אינ־ספּעקטאָרען, מיינט איהר מנעשען מיט אַ קלענערן געהאַלט און פון אַ נידעריגערן סאָרט איידער די איצטיגע אינספּעקטאָרען? — איך וואָלט ניט געוואָלט זיי זאָלען זיין נידעריגער, אויב איהר קאָנט קריגען בעסערע." (נ. 294.) „ווילט איהר נאָר מעהר אינספּעק־טאָרען, אָדער איהר ווילט אַ נידעריגערן קלאַס מענשען אַלס אינ־

אגריקולטור. ווען אפילו אין אַ מאָדיפיצירטער פאָרם, די פּרינ־ציפּען פון דער פאַבריק־געזעצגעבונג, זיי זיינען אָבער אַלע גע־בליבען אָהן ערפאָלג ביז איצטער. וואָס איך וויל נאָר דאָ אויפ־מערקזאַם מאַכען איז, אַז עס איז דאָ אַ פעסטע (אונווידערשטעה־ליכע) טענדענץ פאַר אַן אַלגעמיינער אַנווענדונג פון די דאָזיגע פּרינציפּען.

אויב די אַלגעמיינע אויסשפּרייטונג פון דער געזעצגעבונג אַלס אַ פיזישער און גייסטיגער שוצמיטעל פאַר דעם ארבייטער־קלאַס איז געוואָרן אונפערמיידליך, שפּרייט זי אויס און פערשנעלערט פון דער אַנדער זייט, ווי מיר האָבען שוין דאָס אָנגעדייטעט, די פער־וואַנדלונג פון די צעוואָרפענע ארביים־פּראָצעסען אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב אין קאָמבינירטע ארביים־פּראָצעסען אויף אַ גרויסען, געזעלשאַפטליכען מאַסשטאַב; זי פיהרט, הייסט עס, צו אַ קאָנ־צענטראַציע פון קאַפּיטאַל און צו דער אויסשליסליכער הערשאַפט פון דעם פאַבריק־רעזשים. זי צערשטערט אַלע אַלטע און איבער־גאַנג־פאָרמען, הינטער וועלכע עס בעהאַלט זיך נאָך טיילוויז די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל, און פערנעהמט זייער פּלאַץ מיט זיין די־רעקטער און אָפענער הערשאַפט. דערמיט אָבער פעראַלגעמיינערט זי אויך דעם דירעקטען קאַמף אַנטקעגען דער דאָזיגער הערשאַפט. בעת זי צווינגט איינצופיהרן גלייכפאָרמיגקייט, רעגעלמעסיגקייט, אָרדנונג און עקאָנאָמיע אין יעדען אינדיווידועלען ווערקשטאַט, פער־מעהרט זי, דורך דעם אונגעהויערן סטימול, וואָס די בעשרענקונג און רעגולירונג פון'ם ארבייטס־טאָג גיט דער טעכניק, די אַנאַרכיע און די קאַטאַסטראָפען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן אין־גאַנצען גענומען, ווי אויך די אינטענסיווימעט פון דער ארבייט און די קאָנקורענץ פון דער מאַשינעריע מיט דעם ארבייטער. פערניכ־טענדיג די קליינע און הויזליכע אינדוסטריען, פערניכטעט זי די לעצטע ערי מקלט פון די „איבעריגע ארבייטער" און דערמיט אויך דעם ביזאַהעריגען זיכערהייט־דעקעל פון דעם גאַנצען געזעלשאַפט־מעכאַניזם. רייף מאַכענדיג די מאַטעריעלע בעדינגונגען און די געזעלשאַפטליכע קאָמבינאַציע פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס, מאַכט זי אויך רייף די ווידערשפּרוכען און געגענזאַצען פון זיין קאַפּיטאַליסטישער פאָרם, און פאָלגליך אין דערזעלביגער צייט,

588.) „דענקט איהר ניט, אַז די מינען־אינזשעניערען האָבען אַ סאָרט עפּענטליכען כאַראַקטער, און אַז זיי שטעהען העכער איידער דער מעגליכקייט ארויסצוגעבען אַ פּאַרטייאישען בעשלוס, ווי איהר האָט מורא? — איך ענטזאָג זיך צו ענטפערן אויף פראַגען װעגען דעם פּערזענליכען כאַראַקטער פון די דאָזיגע לייט. איך בין איבער־צייגט, אַז אין פיעלע פעלען האַנדלען זיי זעהר פּאַרטייאיש, און אַז וואו מענשליכע לעבענס שטעהען אין קאָן, דאַרף אָט די מאַכט פון זיי אָװעקגענומען װערן." (נ. 589.)

דערזעלביגער בורזשואַ האָט געהאַט די אונפּערשעהמטקייט צו פרעגען: „גלויבט איהר ניט, אַז די מינען־בעזיצער ליידען אויך אַ היזק פון עספּלאָדירונגען?" צולעצט: קאָנט איהר ארבייטער אליין ניט אויפּפּאַסען אויף אייערע אינטערעסען, ניט רופענדיג די רעגיערונג צו הילף? — ניין." (נ. 1042.)

אין יאָהר 1865 זיינען געװען 3217 קויהלען־מינען אין גרויס־בריטאַניען און—12 אינספּעקטאָרען. אַ מינען־בעזיצער פון יאָרק־שיר („טיימז", 26 יאַנואַר 1867) האָט אליין בערעכענט, אַז שוין ניט רעדענדיג װעגען זייערע ריין־ביוראָקראַטישע געשעפטען, װעלכע נעהמען אַװעק זייער גאַנצע צייט, װאָלט יעדע מינע גע־קאָנט אינספּעקטירט װערן איינמאָל אין 10 יאָהר. קיין װאונדער ניט, װאָס די קאַטאַסטראָפען אין די לעצטע יאָהרען (ספּעציעל אויך אין 1866 און 1867) האָבען זיך שטענדיג פערגרעסערט אין צאָהל און אומפאַנג (אָפּטמאָל מיט קרבנות פון צוויי ביז דריי הונדערט ארבייטער). דאָס זיינען די שעהנקייטען פון דער „פרייער" קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן!

יעדענפאַלס איז דער אַקט פון 1872, װי פעהלערהאַפטיג ער זאָל ניט זיין, דער ערשטער, װאָס רעגולירט די ארבייט־שטונדען פון די קינדער, װאָס זיינען בעשעפטיגט אין די מינען, און װעלכער מאַכט די מינען־בעזיצער פעראַנטװאָרטליך אין אַ געװיסער מאָס פאַר די אַזוי־גערופענע אומפעלען.

אַ קעניגליכע קאָמיסיע פון 1867 צו אונטערזוכען די בעשעפ־טיגונג פון קינדער, יונגע פערזאָנען און פרויען אין דער אגריקולטור האָט פערעפענטליכט איינינגע זעהר וויכטיגע בעריכטען. עס זיינען געמאַכט געװאָרן פערשיידענע פּראָבעס אַנצו־װענדען אויף דער

10. גרויס־אינדוסטריע און אגריקולטור.

די רעוואלוציע, וואס די גרויס־אינדוסטריע רופט ארויס אין דער אגריקולטור און אין די סאציאלע שייכות'ן פון די אגריקולטורעלע פראדוצירער, קאן ערשט שפעטער בעשריבען ווערן. דא וועט זיין גענוג א קורצע אנדייטונג פון איינינע פאראויס־גענומענע רעזולטאטען. אויב דער געברויך פון מאשינעריע אין דער אגריקולטור איז מעהרסטענטיילס פריי פון די שעדליכע פיזישע ווירקונגען, וואס זי האט אויף דעם פאבריק־ארבייטער,[323] איז איהר

פאר אט דער קאטעגאריע גילטען נאך ווייטערע ערלייכטערונגען. — 5. דאמעסטיק ווארקשאפס, וואו עס ווערן בעשעפטיגט נאר פאמיליען־מיטגליעדער אין דער פאמיליען־וואוינונג. די בעשטימונגען זיינען דא נאך מעהר עלאסטיש, און דערצו קומט נאך די בעשרענקונג, אז דער אינספעקטאר מעג אהן א בעזונדערער מיניסטערשער אדער ריכטערליכער ערלויבניש ארייננקומען נאר אין אזעלכע הייזער, וועלכע ווערן ניט בענוצט גלייכצייטיג אויך פאר וואוין־הייזער, און ענדליך דאס שטעלען פריי די שטרוי־פלעכטעריי, שפיצען־האפטען און האנדשוהמאכעריי אין דער פאמיליע. מיט אלע זיינע חסרונות איז דער אקט, אין פערגלייך מיט דעם שווייצארישען בונדעס־פאבריק־געזעץ פון 23טען מערץ 1877, נאך אלץ ווייט דער בעסטער געזעץ איבער דעם געגענשטאנד. א פערגלייך פון די ביידע געזעצען איז בעזונדערס אינטערעסאנט, ווייל דאס מאכט קלאר די מעלות און די חסרונות פון די ביידע געזעצגעבערישע מעטאדען—פון דער ענגלישער „היסטארישער" מעטאדע, וואס געהט פון איין פאל צו דעם אנדערן, און פון דער קאנטינענטאלער מעהר גענעראליזירענדער מעטאדע, וואס איז געבויט אויף די טראדיציעס פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע. ליידער איז דער ענגלישער קאדעקס אין זיין אנווענדונג אויף ווארקשאפס גרעסטענטיילס נאך אלץ א טויטער בוכשטאב—צוליעב דעם וואס עס זיינען ניטא גענוג אינספעקטארען." — זינט ענגעלס האט דאס געשריבען, איז ארויסגעגעבען געווארן א רייהע ווייטערע געזעצען אין ענגלאנד צום שוץ פון די ארבייטער, דער וויכטיגסטער פון זיי איז דער אקט פון 1901, וואס פערבאט די בעשעפטיגונג פון קינדער אונטער 12 יאהר אין פאבריקען און ווארקשאפס, און וואס פערקירצט די ארבייט־צייט אין די טעקסטיל־פאבריקען אום שבת אויף 1 שטונדע, אזוי אז דער סך הכל פאר דער וואך מאכט אויס 55½ שטונדען. קאוטסקי.]

[323] אן אויספיהרליכע בעשרייבונג פון דער מאשינעריע, וואס ווערט אנגעווענדעט אין דער ענגלישער אגריקולטור, געפינט מען איז דר. וו. האמ'ס ווערק: „די לאנדווירטהשאפטליכען גערעטהע אונד מאשינען ענגלאנדס", 2טע אויפלאגע 1856. אין זיין סקיצע וועגען דעם ענטוויקלונגס־גאנג פון דער ענגלישער אגריקולטור געהט הערר האם נאך צופיעל קריטיקלאז דעם הערר לעאנס דע לאווערן.

וואָס זי שאַפט די עלעמענטען צו פאָרמירן אַ נייע געזעלשאַפט, שאַפט זי אויך די קרעפטען, וואָס רעוואָלוציאָנירן די אַלטע געזעלשאַפט.[322]

---

[322] ראָבערט אָווען, דער פאַטער פון די קאָאָפּעראַטיווע פאַבריקען און קראָמען, וועלכער האָט אָבער, ווי פריהער בעמערקט, בשום אופן ניט געטיילט די אילוזיעס פון זיינע נאָכפאָלגער בנוגע דער ווייטער ווירקונג פון די דאָזיגע איזאָלירטע אומוואַנדלונגס־עלעמענטען, האָט ניט נאָר פּראַקטיש געבויט זיינע עקספּערימענטען אויף דעם פאַבריק־סיסטעם, נאָר האָט אויך טעאָרעטיש דערקלערט דעם דאָזיגען סיסטעם אַלס דעם אויסגאַנג־פּונקט פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. הערר וויסערינג, דער פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אין דער לעידען אוניווערזיטעט, האָט הפנים געמוזט האָבען אַ פאָר־געפיהל וועגען דעם, ווען ער האָט זיך שטאַרק איינגעשטעלט פאַר דעם האַנדווערק־סיסטעם אַנטקעגען דער גרויס־אינדוסטריע, אין זיין „האַנדבוך פון פּראַקטישער שטאַאַטוויסענשאַפט", אַמסטערדאַם 1860־62, וואָס ברענגט אַרויס אין דער פּאַסענדסטער פאָרם אַלע אויסגעדראָשענע חכמות פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע. — [ענגעלס בעמערקט צו דער 4־טער אויפלאַגע: „דער נייער יוריסטישער „ראַטטען־קעניג" (ז. 248), וואָס די ענגלישע געזעצגעבונג האָט אַרויסגערופען אין לעבען דורך די „פאַקטאָרי אַקטס", „פאַקטאָרי עקסטענשאָן אַקט" און „וואָרקשאָפּס' אַקט", וואָס ווידערשפּרעכען איינע די אַנדערע, איז ענדליך געוואָרן אונערטרעגליך, און אַזוי איז אין דעם „פאַקטאָרי אַנד וואָרקשאָפּ אַקט" פון 1878 געקומען אַ קאָדיפיקאַציע פון דער גאַנצער בעטרעפענדער געזעצגעבונג. קיין אויספיהרליכע קריטיק פון דעם איצט גילטיגען אינדוסטריע־קאָדעקס פון ענגלאַנד קאָן נאַטירליך דאָ ניט געגעבען ווערן. דעריבער וועלען מיר זיך מוזען בענוגענען מיט די פאָלגענדע נאָטיצען: דער אַקט נעהמט אַרום 1־טענס—די טעקסטיל־פאַברילען. דאָ בלייבט כמעט אַלץ ביים אַלטען: די ערלויבטע אַרבייט־צייט פאַר קינדער איבער 10 יאָהר איז 5½ שטונדען טעגליך, אָדער 6 שטונדען, אָבער דאַן מוז זיין שבת פריי; יונגע פּערזאָנען און פרויען מעגען אַרבייטען 5 טעג צו 10 שטונדען און שבת—העכסטענס 6½ שטונדען. — 2. ניט־טעקסטיל פאַבריקען. דאָ קומען די בעשטימונגען נעהענטער צו די בעשטימונגען פון נומער 1 איידער זיי זיינען פריהער געווען, אָבער עס בעשטעהען נאָך אַלץ איינינגע פאַר די קאַפּיטאַליסטען גינסטיגע אויסנאַהמען, וועלכע לאָזען זיך אין מאַנכע פעלען נאָך מעהר אויסציהען דורך אַ ספּעציעלער ערלויבניש פון דעם מיניסטער פון איננערן. — 3. וואָרקשאָפּס, דעפינירט אומגעפעהר ווי אין דעם פריהערדיגען אַקט. אויף וויפיעל עס זיינען אין זיי בעשעפטיגט קינדער, יוגענדליכע אַרבייטער אָדער פרויען, זיינען די וואָרקשאָפּס געשטעלט גלייך צו די ניט־טעקסטיל פאַבריקען, אָבער ווידער מיט ערלייכטערונגען אין איינצעלנע פעלען. — 4. וואָרקשאָפּס, אין וועלכע עס ווערן ניט בעשעפטיגט קיינע קינדער אָדער יוגענדליכע אַרבייטער, נאָר בלויז פּערזאָנען פון ביידערליי געשלעכטער איבער 18 יאָהר

ניגונג פון אַגריקולטור און אינדוסטריע אויף דער גרונדלאַגע פון זייער בעזונדער־אויסגעאַרבייטע געשטאַלטען. מיט דעם שטענדינ־וואַקסענדען איבער־געוויכט פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג, וואָס די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן שלעפּט צוזאַמען אין די גרויסע צענטערס, פערמעהרט זי פון איין זייט די געשיכטליכע בע־וועגונגס־קראַפט פון דער געזעלשאַפט, זי שטערט אָבער פון דער אַנדער זייט דעם שטאָף־ווערקסעל צווישען מענש און ערד, ד.ה. דעם צוריקקעהר צו דער ערד פון די בעשטאַנד־טיילען פון'ם באָדען, וואָס דער מענש פערנוצט אין דער פאָרם פון נאַהרונג־ און קליי־דונג־מיטלען; זי שטערט, הייסט עס, די אייביגע נאַטור־בעדינ־גונג פון א דויערנדער באָדען־פּרוכטבאַרקייט. זי צערשטערט דערמיט אויך די פיזישע געזונדהייט פון דעם שטאָדט־אַרבייטער און דאָס גייסטיגע לעבען פון די דאָרף־אַרבייטער.[234] אָבער דורך דער צערשטערונג פון די אומשטענדען פון יענעם שטאָף־ווערקסעל, וועלכער איז ענטשטאַנען בלויז ווי א נאַטירליכער וואוקס, צווינגט זי איהם איצט אַרויף סיסטעמאַטיש אַלס רעגולירענדעס געזעץ פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן און אין א פאָרם, וואָס איז אָנגעמאָסטען פאַר דער פאָלשטענדיגער ענטוויקלונג פון דער מענש־ליכער ראַסע. די קאַפּיטאַליסטישע אומוואַנדלונג פון דעם פּראָ־דוקציאָנס־פּראָצעס ערשיינט צוגלייך אין דער אַגריקולטור ווי אין דער אינדוסטריע אַלס מאַרטיראָלאָגיע [ליידענס־געשיכטע] פון דעם פּראָדוצירער: דער אַרבייטס־מיטעל ווערט א מיטעל פון אונ־טערדריקונג, עקספּלואַטירונג און פעראָרעמונג פון'ם אַרבייטער, די געזעלשאַפטליכע קאָמבינאַציע פון די אַרבייט־פּראָצעסען ווערט אַן

[324] „איהר צוטיילט דאָס פאָלק אין צוויי פיינדליכע לאַגערן, אין איינעם פון חסר דעה'דיגע פויערים און איינעם פון ענטנערווטע שוועכלינגע. גוטער גאָט! א נאַציאָן, וועלכע איז צוטיילט אין אַגריקולטורעלע און קאָמערציעלע אינטערעסען, רופט זיך אַן גייסטיג געזונד, נאָך מעהר זי שטעלט זיך אַרויס פאַר אַן אויפגעקלערטע און ציוויליזירטע ניט נאָר טראָץ דער צוטיילונג, נאָר דווקא צוליעב דער דאָזיגער שרעקליכער און אומנאַטירליכער צוטיילונג." (דייוויד אורקהאַרט, „פאַמיליאַר וואָרדס", לאָנדאָן 1855, ז. 119.) אַט די שטעלע ציינט צוגלייך די שטאַרקייט און די שוואַכקייט פון דעם סאָרט קריטיק, וועלכע קאָן אורטיילען און פעראורטיילען די געגענוואַרט, אָבער קאָן זי ניט בעגרייפען.

ווירקונג אין איבעריג מאַכען און ארויסזועצען די ארבייטער דאָ נאָך מעהר אינטענסיוו און שטויסט זיך ניט אָן אויף קיין ווידערשטאַנד, ווי מיר וועלען עס שפּעטער זעהן בפרטיות. אין די „קאַונטיעס" קאמברידזש און סאָפאָלק, צום ביישפּיעל, האָט זיך דער שטח פון בעארבייטען לאַנד זעהר פערגרעסערט אין די לעצטע 20 יאָהר, בעת די לאַנד־בעפעלקערונג איז פאר דרעזעלבער פעריאָדע פערקלענערט געוואָרן ניט נאָר רעלאַטיוו, נאָר אבסאָלוט. אין די פעראייניגטע שטאַאטען פון נאָרד־אַמעריקא פערנעהמען די אגריקולטור־מאַשינען דעם פּלאַץ פון די אַרבייטער דערווייל נאָר ווירטועל, ד.ה. זיי גיבען דעם פערמער די מעגליכקייט צו קולטיווירן אַ גרעסערן שטח, אָבער זיי טרייבען ניט ארויס קיין ווירקליך־בעשעפטיגטע ארביי־טער. אין יאָהר 1861 האָט די צאָהל פערזאָנען, וואָס זיינען געווען בעטייליגט אין דער פאַבריקאַציע פון אגריקולטור־מאַשינען אין ענג־לאַנד און וועלס, בעטראָפען 1034, בעת די צאָהל אַגריקולטור־אר־בייטער, וואָס זיינען געווען בעשעפטיגט ביי די דאַמף־ און ארבייט־מאַשינען, האָט בעטראָפען נאָר 1205.

אין דער ספערע פון דער אַגריקולטור ווירקט די גרויס־אינ־דוסטריע מעהר רעוואָלוציאָנער ווי אנדערשוואו, אויף אזוי ווייט ווי זי פערניכטעט דעם פעסטען זייל פון דער אַלטער געזעלשאַפט, דעם „בויער", און שטופּט אונטער אויף זיין פּלאַץ דעם לוין־אר־בייטער. די פאָדערונגען פון סאָציאַלע איבערקעהרענישען און [קלאַסען־] געגענזאַצען ווערן אויף דעם אופן אויסגעגליכען אויפ'ן לאַנד ווי אין שטאָדט. אנשטאָט די על פי הרגל העכסט פוילע, ניט־שכל'דיגע, אונצוועקמעסיגע מעטאָדען, טרעט ארויס די בע־וואוסטזיניגע, טעכנאָלאָגישע אָנווענדונג פון דער וויסענשאַפט. דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן פערענדיגט דאָס צרייסען פון דעם אורשפּרינגליכען פאַמיליען־באַנד, וואָס האָט צוזאמענגע־האַלטען די קינדיש־אונענטוויקעלטע געשטאַלט פון אַגריקולטור און אינדוסטריע. ער שאַפט אָבער אין דרעזעלביגער צייט די מאַטע־ריעלע בעדינגונגען פון אַ נייעם, העכערן סינטעז,—פון אַ פעראיי־

[אז אט די בעמערקונג איז פערעלטערט, ווי ענגעלס האט דאס שוין בעמערקט אין 1890, פערשטעהט זיך היינט פון זיך אליין. קאוטסקי.]

קעלט דעריבער די טעכניק און די קאָמבינירונג פון געזעלשאַפטליכען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס נאָר דורכדעם, וואָס זי גראָבט אונטער אין דערזעלביגער צייט די שפּרינג־קוואַלען פון אַלע רייכטימער—די ערד און די אַרבייטער.

„פּרינסיפּלס אוו פּאליטיקאל עקאנאמיע", ב. 1, ז. 17, אויפ'ן פאלגענדען אופן: „אז דער וואוקס פון דער פּראדוקטען־מאסע פון באדען, ביי זאנסט גלייכע פערהעלטניסען, קומט אין א קלענערער מאס איידער דער וואוקס פון די בעשעפטיגטע ארבייטער, איז דאס אלגעמיינע געזעץ פון דער לאנדווירטשאפט"—(הערר מילל וויעדערהאלט אפילו דאס ריקארדא'שע שוהל־געזעץ אין א פאלשער פארמולע, ווארים וויבאלד די פערקלענערונג פון דער צאהל בעשעפטיגטע ארבייטער איז אין ענגלאנד געגאנגען צוזאמען מיט דעם פארטשריט פון דער אגריקולטור, האט דאס געזעץ, וואס איז ערפונדען געווארן אין און פאר ענגלאנד, ווענינגסטענס אין ענגלאנד ניט געפונען קיין אנווענדונג) זעהר מערקווירדיג, היות ווי דער גרונד דערפון איז איהם געווען אונבעקאנט." (ליעביג אין דעם ציטירטען ווערק, ב. 1, ז. 143 און נאטע.) א חוץ וואס ליעביג איז זיך טועה אין דער בעדייטונג פונ'ם ווארט „ארבייט", אונטער וועלכען ער פערשטעהט עפּעס אנדערעס איידער די פּאליטישע עקאנאמיע, איז עס יעדענפאלס „מערקווירדיג גענוג" וואס ער מאכט העררן דז. סט. מילל'ן פאר דעם ערשטען ארויסזאגער פון א טעאריע, וועלכע דזשיימס אנדערסאן אין אדאם סמיטה'ס צייט האט צוערשט פערעפענטליכט און האט זיך וויעדערהאלט אין פערשיידענע שריפטען ביז אין 19טען י.ה. אריין; וועלכע מאלטהוס, א מייסטער אין ליטערארישע גנבות, האט אין 1815 געמאכט פאר זיין אייגענעם (זיין גאנצע בעפעלקערונג־טעאריע איז אן אונפערשעהמטער פּלאגיאט); וועלכע וועסט האט אין דערזעלביגער צייט ענטוויקעלט אונאבהענגיג פון אנדערסאנ'ען; וועלכע ריקארדא האט אין 1817 געבראכט אין צוזאמענהאנג מיט דער אלגעמיינער ווערטה־טעאריע, און וועלכע איז פון דאמאלסט אן ארום־געגאנגען די גאנצע וועלט אונטער ריקארדא'ס נאמען; וועלכע דזשיימס מילל (דזש. סט. מילל'ס פאטער) האט אין 1820 וואולגאריזירט, און ענדליך איז זי וויעדערהאלט געווארן אויך פון דזש. סט. מילל צווישען אנדערע אלס א געוועהנליכע שוהל־דאגמע. מען קאן ניט לייקענען, אז דזש. סט. מילל פערדאנקט זיין יעדענפאלס „מערקווירדיגע" אויטאריטעט כמעט אינגאנצען נאר אזוינע טעות'ן.

אָרגאַניזירטע אונטערדריקונג פון זיין אינדיווידועלער לעבעדיגקייט, פרייהייט און זעלבשטענדיגקייט. די פאַנאַנדערוואַרפונג פון די ערד־אַרבייטער איבער גרעסערע שטח׳ן ברעכט זייער ווידער־שטאַנדס־קראַפט, בעת די קאָנצענטראַציע פערגרעסערט די ווידער־שטאַנדס־קראַפט פון די שטאָדטישע אַרבייטער. ווי אין דער שטאָדטישער אינדוסטריע אַזוי אויך אין דער מאָדערנער אַגרי־קולטור ווערט די געהעכערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט און די גרעסערע פליסיגקייט פון דער אַרבייט געוואונען דורך אַ פערוויסטונג און אַן אויסצעהרונג פון דער אַרבייט־קראַפט גופא. און יעדער פאָרט־שריט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַגריקולטור איז ניט נאָר אַ פאָרטשריט אין דער קונסט צו בערויבען דעם אַרבייטער, נאָר אין דערזעלביגער צייט אויך אין דער קונסט צו בערויבען דעם באָדען; יעדער פאָרטשריט אין פערגרעסערן זיין פרוכטבאַרקייט פאַר אַ בעשטימטען צייט־טייל איז צוגלייך אַ פאָרטשריט אין דעם חורבן פון די דויערנדע קוואַלען פון דער דאָזיגער פרוכטבאַרקייט. וואָס מעהר אַ לאַנד פאַנגט אָן זיין ענטוויקלונג אויף דעם באַזיס פון דער גרויס־אינדוסטריע, ווי צום ביישפּיעל די פעראייניגטע שטאַאַ־טען פון נאָרד־אַמעריקא, אַלץ שנעלער געהט אָן דער דאָזיגער צער־שטערונגס־פּראָצעס.[235] די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן ענטווי־

[325] זעה ליעביג: „די כעמיע אין איהרער אנווענדונג אויף אגריקולטור אונד פיזיאלאגיע“, 7טע אויפלאגע 1862, ספעציעל אויך, אין ערשטען באנד, די „איינלייטונג אין די נאטורגעזעצע דעם פעלדבויעס“. די ענטוויקלונג פון דער נעגאטיווער זייט פון דער מאדערנער אגריקולטור, פונ׳ם נאטור־וויסענ־שאפטליכען שטאנדפונקט, איז איינס פון ליעביג׳ס אונשטערבליכע פערדיענסטען. אויך זיינע היסטארישע בעמערקונגען איבער דער געשיכטע פון דער אגריקולטור, הגם זיי זיינען ניט פריי פון גראבע טעות׳ן, ענטהאלטען ליכט־שטראהלען. עס איז נאר צו בעדויערן, וואס ער וואגט צו מאכען סתם־בעהויפטונגען, ווי די פאל־גענדע: „דורך א ווייטער־געטריבענער פולווערי־זירונג און אפטערן אקערן ווערט פערגרעסערט די לופט־ווערקסלונג אין די נעלעכערטע ערד־טיילען און די אויבער־פלעך, אויף וועלכער די לופט קאן ווירקען, ווערט פערגרעסערט און בענייט; אבער עס איז לייכט פערשטענדליך, אז דער גרעסערער ערטראג פון פעלד קאן ניט זיין פראפארציאנעל צו דער ארבייט, וואס ווערט פערווענדט אויפ׳ן פעלד, נאר זי מוז שטייגען אין א פיעל קלענערן ערך. דאס דאזיגע געזעץ—לעגט צו ליעביג—איז צוערשט אויסגעזאגט געווארן פון דזשאהן סטוארט מילל, אין זיין

פערצעהנטער קאַפּיטעל.

אַבסאָלוטער און רעלאַטיווער מעהרווערטה.

דער אַרבייט־פּראָצעס איז אין אָנהויב (זעה פינפטען קאַפּי־טעל) בעטראַכט געוואָרן אין אַבסטראַקט, אונאָבהענגיק פון זיינע געשיכטליכע פאָרמען, אַלס אַ פּראָצעס צווישען מענש און נאַטור. מיר האָבען דאָרט געזאָגט: „בעטראַכט מען דעם גאַנצען פּראָצעס פונ'ם שטאַנדפּונקט פון זיין רעזולטאַט, פון דעם פּראָדוקט, בע־ווייזען זיך ביידע, דער אַרבייטס־מיטעל און דער אַרבייטס־געגענ־שטאַנד, ווי פּראָדוקציאָנס־מיטלען, און די אַרבייט גופא ווי אַ פּראָדוקטיווע אַרבייט.“ (ז. 276.) און אין נאָטע 7 איז צוגעלעגט געוואָרן: „אָט די בעשטימונג פון פּראָדוקטיווער אַרבייט, וואָס עס בעקומט זיך פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם איינפאַכען אַר־בייט־פּראָצעס, דעקט אויף קיין פאַל ניט דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס.“ אָט דאָס ווילען מיר דאָ ווייטער ענט־וויקלען.

אַזוי ווייט ווי דער אַרבייט־פּראָצעס איז אַ ריין־אינדיווידועלער, פעראייניגט דער אַרבייטער אין זיך אַלע פונקציעס, וועלכע ווערן שפּעטער אָבגעזונדערט. ווען ער אייגענט זיך אָן די נאַטור־גע־גענשטאַנדען אינדיווידועל פאַר די צוועקען פון זיין לעבען, קאָנטראָ־לירט ער זיך אַליין. שפּעטער ווערט ער קאָנטראָלירט פון אַנדערע. דער איינצעלנער מענש קאָן ניט ווירקען אויף דער נאַטור אָוואו ער ברענגט ניט אַריין אין שפּיעל זיינע אייגענע מוסקולען אונטער דעם קאָנטראָל פון זיין אייגענעם מוח. אַזוי ווי אין דעם נאַטור־סיסטעם [פון זיין קערפּער] געהערען קאָפּ און האַנד צוזאַמען, אַזוי פעראיי־ניגט אויך דער אַרבייט־פּראָצעס קאָפּ־אַרבייט און האַנד־אַרבייט. שפּעטער צושיידען זיי זיך ביז צו אַ פיינדליכען געגענזאַץ. דער פּראָדוקט פערוואַנדעלט זיך בכלל פון אַ דירעקטען פּראָדוקט פון דעם אינדיווידועלען פּראָדוצירער אין אַ געזעלשאַפטליכען, אַ גע־מיינשאַפטליכען פּראָדוקט פון אַ קאָלעקטיוו־אַרבייטער, דאָס הייסט

פינפטער אָבטייל.

די פּראָדוקציאָן פון אַבסאָלוטען און רעלאַטיווען מעהרווערטה.

צווישען ארבייטער און ארבייטס־פראָדוקט, נאָר עס שליסט אויך איין אַ ספּעציפיש געזעלשאַפטליכע, געשיכטליך־ענטשטאַנענע פּראָדוקציאָן־שייכות, וועלכע שטעמפּעלט דעם ארבייטער אלס אַ די־רעקטען פערוועדטונגס־מיטעל פון קאפּיטאל. צו זיין אַ פּראָדוקטיווער ארבייטער איז דעריבער ניט קיין גליק, נאָר אַ שלים־מזל. אין פערטען בוך פון אָט דער שריפט, וואָס בעהאַנדעלט די גע־שיכטע פון דער טעאָריע, וועט מען זעהן גענויער, אַז די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט פון אָנהויב־אָן געהאַלטען, אַמאָל אינ־סטינקטיוו, אמאָל בעוואוסטזיניג, די פּראָדוקציאָן פון מעהר־ווערטה פאַר דעם ענטשיידענדען כאַראַקטער פון דעם פּראָדוק־טיווען ארבייטער. איהר דעפיניציאָן פון פּראָדוקטיווען ארבייטער בייט זיך דעריבער מיט איהר אויפפאַסונג וועגען דער נאַטור פון מעהרווערטה. אַזוי האָבען די פיזיאָקראַטען דערקלערט, אַז נאָר די אַקערבוי־ארבייט איז פּראָדוקטיוו, ווייל זי אַליין האָט געגעבען אַ מעהרווערטה. פאַר די פיזיאָקראַטען אָבער האָט דער מעהרווערטה נאָר עקזיסטירט אין דער פאָרם פון גרונד־רענטע.

די פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג אריבער דעם פונקט, ווען דער אַרבייטער האָט נאָר פּראָדוצירט אַן עקוויוואַלענט פאַר דעם ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט, און די אָנאייגענונג פון דער דאָזיגער מעהר־ארבייט דורכ'ן קאַפּיטאַל—דאָס איז די פּראָדוקציאָן פון דעם אבסאָלוטען מעהרווערטה. אָט דער פּראָצעס קאָן פאַר־קומען, און קומט פאָר, אויפ'ן יסוד פון פּראָדוקציאָנס־אופנים, וועלכע זיינען איבערגעליפערט געוואָרן היסטאָריש אָהן דער מיט־ווירקונג פון קאַפּיטאַל. עס קומט נאָר אַ פאָרמעלע געשטאַלט־ענ־דערונג (מעטאַמאָרפאָזע), אָדער דער קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַ־טירונגס־אופן אונטערשיידט זיך פון דעם פריהערדיגען אופן, דהיינו דעם שקלאַווען־סיסטעם א.ד.ג., נאָר דורכדעם, וואָס דאָרטען ווערט די מעהר־ארבייט אַרויסגעריסען דורך אַ דירעקטען צוואַנג, און דאָ קומט זי צושטאַנד דורך דעם „פרייוויליגען“ פערקויף פון דער אַר־בייט־קראַפט. די פּראָדוקציאָן פון אַבסאָלוטען מעהרווערטה איז דעריבער משער נאָר אַ פאָרמעלע אונטערוואָרפענקייט פון דער ארבייט אונטער דעם קאַפּיטאַל.

די פּראָדוקציאָן פון אַבסאָלוטען מעהרווערטה מאַכט אויס די

פון אַ קאָמבינירטען אַרבייט־פּערזאָנאַל, וואָס יעדער איינער פון זיי נעהמט אַ נעהענטערן אָדער ווייטערן טייל אין דער מאַניפּולירונג פון דעם אַרבייט־געגענשטאַנד. וואָס ברייטער עס ווערט דער קאָאָפּעראַטיווער כאַראַקטער פון דעם אַרבייט־פּראָצעס גופא, אַלץ ברייטער ווערט נויטיגערווייז דעריבער דער בעגריף פון פּראָדוקטיווער אַרבייט און פון איהר טרעגער, דעם פּראָדוקטיווען אַרבייטער. כדי צו אַרבייטען פּראָדוקטיוו, איז שוין איצט ניט נויטיג אַליין צוצולעגען אַ האַנד; עס איז גענוג צו זיין אַן אָרגאַן פון דעם קאָלעקטיוו־אַרבייטער, דורכצופיהרן וועלכע עס איז פון זיינע קלענערע פונקציעס. די ערשטע דעפיניציאָן, וואָס איז אויבען געגעבען געוואָרן פון פּראָדוקטיווער אַרבייט, אַ דעפיניציאָן, וואָס איז אַרויסגעפיהרט געוואָרן פון דער נאַטור פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן גופא, בלייבט נאָך אַלץ ריכטיג פאַר דעם קאָלעקטיוו־אַרבייטער, בעטראַכט אַלס אַ גאַנצעס (געזאַמטהייט). זי גילט אָבער ניט מעהר פאַר יעדען פון זיינע גליעדער, גענומען אין איינצעלנעם.

פון דער אַנדער זייט אָבער ווערט דער בעגריף פון פּראָדוקטיווער אַרבייט ענגער. די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז ניט נאָר אַ פּראָדוקציאָן פון סחורה, זי איז בעצם אַ פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה. דער אַרבייטער פּראָדוצירט ניט פאַר זיך, נאָר פאַר'ן קאַפּיטאַל. עס איז דעריבער מעהר ניט גענוג, וואָס ער פּראָדוצירט בכלל. ער מוז פּראָדוצירן מעהרווערטה. נאָר דער אַרבייטער איז פּראָדוקטיוו, וועלכער פּראָדוצירט מעהרווערטה פאַר'ן קאַפּיטאַליסט אָדער דיענט פאַר דער זעלבסט־פּערוווערטונג פון קאַפּיטאַל. אויב מען מעג נעהמען אַ ביישפּיעל מחוץ פון דער ספערע פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, קאָן מען זאָגען, אַז אַ שוהל־לעהרער איז אַ פּראָדוקטיווער אַרבייטער, ניט ווען ער בעאַרבייט נאָר די קינדערשע קעפּלעך, נאָר ווען ער אַרבייט זיך אויס, כדי צו מאַכען רייך דעם אונטערנעהמער. דאָס, וואָס דער לעצטער האָט זיין קאַפּיטאַל אַריינגעלעגט אין אַ לעהר־פאַבריק אנשטאָט אין אַ וואורשט־פאַבריק, מאַכט אין דער שייכות קיין ענדערונג ניט. דער בעגריף פון דעם פּראָדוקטיווען אַרבייטער שליסט דעריבער בשום אופן ניט איין בלויז די שייכות צווישען טהעטיגקייט און נוץ־ווירקונג,

שטופּע צו איהם, ווי זי איז עס טאַקע געוועןביים סוף פון מיטעל־אַלטער. ענדליך קאָנען געוויסע צווישענדיגע פאָרמען, ווי עס בע־ווייזט דער ביישפּיעל פון דער מאָדערנער הויז־אַרבייט, ערטערווייז רעפּראָדוצירט ווערן אויף דעם הינטערגרונד פון דער גרויס־אינ־דוסטריע, הגם מיט אַ גאַנץ פערענדערטען אויסזעהן.

אויב די בלויז־פאָרמעלע אונטערוואָרפענקייט פון דער ארבייט אונטער דעם קאַפּיטאַל איז גענוג פאַר דער פּראָדוקציאָן פון אַב־סאָלוטען מעהרווערטה; אויב עס איז גענוג, צום ביישפּיעל, אַז האַנדווערקער, וועלכע האָבען פריהער געאַרבייט פאַר זיך אַליין, אָדער אפילו אַלס געזעלען פון אַ צעך־מייסטער, זאָלען איצטער אריינטרעטען אַלס לוין־אַרבייטער אונטער דעם דירעקטען קאָנטראָל פון אַ קאַפּיטאַליסט—צייגט זיך, פון דער אַנדער זייט, ווי די מע־טאָדען פאַר דער פּראָדוקציאָן פון דעם רעלאַטיוועז מעהרווערטה זיינען אין דערזועלביגער צייט אויך מעטאָדען פאַר דער פּראָדוק־ציאָן פון דעם אַבסאָלוטען מעהרווערטה. מעהר נאָך, די אָהן אַ שיעור׳דיגע פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג האָט זיך ארויס־געשטעלט אַלס דער אייגענטימליכסטער פּראָדוקט פון דער גרויס־אינדוסטריע. בכלל הערט אויף דער ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן צו זיין בלויז אַ מיטעל פאַר דער פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה, אַזויבאַלד ווי ער קאָנטראָלירט אַ גאַנצען פּראָדוקציאָנס־צווייג, און נאָך מעהר—אַזויבאַלד ווי ער האָט געוואונען דעם קאָנטראָל איבער אַלע וויכטיגע פּראָדוקציאָנס־צוויי־גען. ער ווערט דאַן די אַלגעמיינע, געזעלשאַפטליך הערשענדע פאָרם פון דעם פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס. אַלס ספּעציעלע מעטאָדע פאַר דער פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה ווירקט ער נאָך, ערשטענס נאָר אַזוי ווייט ווי ער כאַפּט אַרום אינדוסטריען, וועלכע זיינען ביז אהער געווען בלויז פאָרמעל אונטערגעוואָרפען אונטער דעם קאַפּיטאַל, דאָס הייסט בעת ער פערגרעסערט די ספּערע פון זיין ווירקונג. צווייטענס, אַזוי ווייט ווי די אינדוסט־ריען, וואָס זיינען שוין אַרונטערגעפאַלען אונטער זיין איינפלוס, ווערן נאָכאַנאַנד רעוואָלוציאָנירט דורך ענדערונגען אין די מעטאָדען פון פּראָדוקציאָן.

אַלגעמיינע גרונדלאַגע פון דעם קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם און דעם אָנהויב־פּונקט פון דער פּראָדוקציאָן פון רעלאַטיווען מעהרווערטה. ביי דער לעצטער איז דער אַרבייטס־טאָג שוין לכתחילה צוטיילט אין צוויי שטיקער: אין נויטווענדיגער אַרבייט און מעהר־אַרבייט. כּדי צו פערלענגערן די מעהר־אַרבייט, ווערט די נויטווענדיגע אַר־בייט פערקירצט דורך מעטאָדען, וועלכע מאַכען אַז דער עקוויוואַ־לענט פון דעם אַרבייט־לוין זאָל פּראָדוצירט ווערן אין ווייניגער צייט. די פּראָדוקציאָן פון דעם אַבסאָלוטען מעהרווערטה דרעהט זיך נאָר אַרום דער לענג פון דעם אַרבייטס־טאָג; די פּראָדוקציאָן פון דעם רעלאַטיווען מעהרווערטה רעוואָלוציאָנירט דורך און דורך די טעכנישע פּראָצעסען פון דער אַרבייט און די געזעלשאַפטליכע גרופּירונגען.

די פּראָדוקציאָן פון דעם רעלאַטיווען מעהרווערטה איז דעריי־בער משער אַ ספּעציפיש־קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, וועלכער ענטשטעהט נאַטורמעסיג און ווערט ענטוויקעלט, צוזאַמען מיט זיינע מעטאָדען, מיטלען און בעדינגונגען גופא, ערשט אויפ׳ן באַזיס פון דער פאָרמעלער אונטערוואָרפענקייט פון דער אַרבייט אונטער דעם קאַפּיטאַל. אָנשטאָט דער פאָרמעלער אונטערוואָר־פענקייט קומט [אין פערלויף פון דער ענטוויקלונג] די רעעלע אונ־טערוואָרפענקייט פון דער אַרבייט אונטער׳ן קאַפּיטאַל.

עס וועט זיין גענוג בלויז אָנצו־ווייזען אויף צווישענדיגע פאָר־מען, אין וועלכע די מעהר־אַרבייט ווערט ניט אַרויסגעפּומפּט דורך דירעקטען צוואַנג פון דעם פּראָדוצירער, און וואו דער פּראָדוצירער אַליין איז נאָך ניט פאָרמעל אונטערוואָרפען צום קאַפּיטאַל. אין די דאָזיגע פאָרמען האָט דער קאַפּיטאַל נאָך ניט בעקומען קיין דירעקטען קאָנטראָל איבער דעם אַרבייט־פּראָצעס. נעבען די זעלבּ־שטענדיגע פּראָדוצירער, וועלכע פיהרן אָן זייערע מלאכות און אַקער־בוי אויף דעם טראַדיציאָנעלען, אַלט־מאָדישען וועג, טרעט אַרויס דער וואוכערער אָדער דער סוחר, דער וואוכער־קאַפּיטאַל אָדער דער האַנדעלס־קאַפּיטאַל, וועלכער זויגט זיי אויס ווי אַ פּאַראַזיט. ווען אָט די פאָרם פון עקספּלואַטאַציע איז די פאָרהערשענדע אין אַ גע־זעלשאַפט, שליסט זי אויס דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן; זי קאָן אָבער, פון דער אַנדער זייט, זיין אַן איבערגאַנג־

אָהן געצאָלט פאר אנדערע. אָהן א געוויסען פראָדוקטיוויטעט־גראַד פון דער ארבייט האָט דער ארבייטער ניט קיין איבעריגע צייט אין זיין רשות; אָהן אזא איבערפליסיגע צייט איז ניטאָ קיין מעהר־ארבייט און ממילא קיינע קאפיטאליסטען, אָבער אויך ניט קיין שקלאַווען־האַלטער, קיינע פעאָדאלע באראָנען, מיט איין וואָרט: קיין קלאַס פון גרויס־בעזיצער.[1]

מען קאָן אויף דעם אופן זאָגען, אז מעהרווערטה רוהט אויף א נאטור־באזיס, אָבער דאָס קאָן נאָר געזאָגט ווערן אין דעם גאַנץ־אלגעמיינעם זין, אז עס איז ניטאָ קיין אבסאָלוטע שטערונג פון דער נאטור, וואָס זאָל איינעם אָבהאַלטען צו בעפרייען זיך אליין פון דער ארבייט, וואָס איז נויטיג פאר זיין אייגענער עקזיסטענץ, און ארויפוואַרפען דאָס אויף אנאנדערען: פונקט אזוי ווי צום בייַשפּיעל, עס איז ניטאָ קיין אבסאָלוטע שטערונג פון דער נאטור, וואָס זאָל איינעם אָבהאלטען צו פערברויכען אנאנדער מענשענ'ס פלייש אלס נאהרונג.[1*]

מען מוז כלל ניט צונויפבינדען קיינע מיסטישע פאָרשטעלונגען, ווי דאָס קומט אָפט פאָר, מיט דער דאָזיגער פון נאטור אויס ענטוויקעלטער פראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט. נאָכדעם ערשט ווי די מענשען האָבען זיך ארויסגעאַרבייט פון זייער טיערישען צו־שטאַנד, ווען זייער ארבייט גופא, הייסט עס, איז שוין אין א געוויסען גראַד פערגעזעלשאפטליכט, וואַקסען אויס פערהעלטעניסען, אין וועלכע די מעהר־ארבייט פון איין מענשען ווערט דער עקזיסטענץ־בעדינג פון אנאנדערן. אין בעגינען פון דער ציוויליזאציע זיינען די בעקומענע פראָדוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט קליין, אָבער אזוי זיינען אויך די בעדערפענישען, וועלכע

[1] די עקזיסטענץ אליין פון קאפיטאליסטישע אונטערנעהמער אלס א בעזונדער קלאָס הענגט אב פון דער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט." (Ramsay, "An Essay on the Distribution of Wealth", London 1821, p. 206.) „ווען יעדער מענשענ'ס ארבייט וואלט נאר געווען גענוג צו פראדוצירן פאר זיין אייגענער חיונה, וואָלט ניט געקאָנט זיין קיין אייגענטום." (Ravenstone, "Thoughts on the Funding System", London 1824, p. 14, 15.)

[1*] לויט אן אויסרעכענונג, וואס איז ניט לאנג געמאכט געווארן, לעבען אין די שוין אויסגעפאָרשטע ערד־טיילען אליין ווייניגסטענס 4 מיליאָן קאניבאלען.

פון א געוויסען שטאַנדפּונקט זעהט אויס, אַז דער אונטערשייד צווישען אבסאָלוטען און רעלאַטיווען מעהרווערטה איז איבערהויפּט נישט מעהר ווי א פערבלענדעניש. דער רעלאַטיווער מעהרווערטה איז אבסאָלוט, וואָרים ער איז משער אַן אבסאָלוטע פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג אַריבער דער אַרבייט־צייט, וואָס איז נויט־ווענדיג פאַר דער עקזיסטענץ פון דעם ארבייטער גופא. דער אב־סאָלוטער מעהרווערטה איז רעלאַטיוו, וואָרים ער איז משער אַן ענטוויקלונג פון דער ארבייטס־פּראָדוקטיוויטעט, וועלכע מאַכט מעגליך צו בעשרענקען די נויטווענדיגע ארבייט־צייט אויף איין טייל פון דעם ארבייטס־טאָג. האַלט מען אָבער אין אויג די בע־וועגונג פון דעם מעהרווערטה, דאַן פערשווינדט אָט דער אויסזעהן פון איינערלייקייט. ווי נאָר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־אופן איז איינמאָל איינגעפיהרט און איז געוואָרן דער אַלגעמיינער פּראָדוקציאָנס־אופן, לאָזט זיך דער אונטערשייד צווישען אבסאָלו־טען און רעלאַטיווען מעהרווערטה פיהלען, אזוי באַלד ווי עס האַנ־דעלט זיך וועגען פערגרעסערן די ראַטע פון מעהרווערטה איבער־הויפּט. אָנגענומען, אַז די אַרבייט־קראַפט ווערט בעצאָהלט לויט איהר ווערטה, שטעהט אונז דאַן אַנטקעגען די פאָלגענדע אַלטער־נאַטיווע [ברירה] : אויב די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט און איהר נאָרמאַל־גראַד פון אינטענסיוויטעט איז א בעשטימטע, קאָן די ראַטע פון מעהרווערטה פערגרעסערט ווערן נאָר דורך אַן אבסאָלוטער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג ; אויב, פון דער אנדער זייט, דער גרעניץ פון דעם ארבייטס־טאָג איז א בעשטימ־טער, קאָן די ראַטע פון מעהרווערטה פערגרעסערט ווערן נאָר דורך א רעלאַטיווער ענדערונג אין דער גרויס פון זיינע בעשטאַנדטיילען, פון דער נויטווענדיגער ארבייט און דער מעהר־ארבייט—אַן אומ־שטאַנד, וואָס איז משער פון זיין זייט, אויב דער לוין זאָל ניט ארונטערפאַלען אונטער דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, אַן ענדערונג ענטוועדער אין דער פּראָדוקטיוויטעט אָדער אין דער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט.

אויב דער ארבייטער דאַרף האָבען זיין גאַנצע צייט, כדי צו פּראָדוצירן די נויטיגע לעבענסמיטלען צו דערהאַלטען זיך אַליין און זיין פאַמיליע, דאַן בלייבט איהם ניט קיין צייט צו ארבייטען

וואס קלענער עס איז די צאהל נאטור־בעדערפענישען, וועלכע מוזען אבסאלוט בעפריעדיגט ווערן, און וואס גרעסער עס איז די נאטירליכע באדען־פרוכטבארקייט און די גינסטיגקייט פון קלימאט, אלץ קלענער איז די ארבייט־צייט, וואס איז נויטווענדיג פאר דער אויפהאלטונג און רעפראדוקציאן פון דעם פראדוצירער. פאלגליך קאן אויך זיין אלץ גרעסער דער עודף (איבערשוס) פון זיין ארבייט פאר אנדערע אריבער זיין ארבייט פאר זיך אליין. אזוי האט שוין דיאדארוס בעמערקט וועגען די אלטע עגיפטיאנער: „עס איז לחלוטין אונגלויבליך, ווי ווייניג מיה און קאסטען די ערציהונג פון זייערע קינדער פערורזאכט זיי. זיי קאכען פאר זיי די נעקסטע בעסטע איינפאכע שפייז; זיי גיבען זיי אויך צו עסען דעם נידע־ריגען טייל פון דעם פאפירוס־שטאם, אויף וויפיעל מען קאן איהם בראטען אין פייער, און די ווארצלען און שטענגלעך פון די זומפ־געוויקסען, טיילווייז רויה, טיילווייז געקאכט און געבראטען. די מעהרסטע קינדער געהען ארום נאקעט און בארפוס, ווייל די לופט איז אזוי מילד. דעריבער קאסט א קינד זיינע עלטערן, ביז עס וואקסט אויס, איינגאנצען נישט מעהר ווי 20 דראכמען [ווייניגער אן ערך ווי 20 דייטשע מארק]. דאס איז די הויפט־דערקלערונג פאר וואס די בעפעלקערונג איז אין עגיפטען אזוי צאהלרייך, און פאר וואס זיי האבען געקאנט אונטערנעהמען אזעלכע גרויסע ווערק."[3] פונדעסטוועגען זיינען די גרויסע בוי־ווערק פון דעם אלטען עגיפטען ניט אזוי פיעל די פאלגע פון דעם אומפאנג פון זיין בעפעלקערונג, ווי פון דער גרויסער פראפארציע, אין וועלכער מען האט די בעפעלקערונג געקאנט פריי אויסנוצען. אזוי ווי דער איינצעלנער ארבייטער קאן ארויסגעבען אלץ מעהר מעהר־ארבייט, וואס ווייניגער עס איז זיין נויטווענדיגע ארבייט־צייט, אזוי אויך, וואס קלענער עס איז דער טייל ארבייטער־בעפעלקערונג, וואס פא־דערט זיך צו פראדוצירן די נויטווענדיגע לעבענסמיטלען, אלץ גרע־סער איז איהר טייל, וואס קאן בענוצט ווערן פאר אנדערע ארבייטען.

נעהמען מיר איינמאל אן די קאפיטאליסטישע פראדוקציאן, וועט דאן, אויב די אומשטענדען בלייבען זאנסט דיזעלביגע און די

---

[3] דיאדארוס סיקולוס, „ביבליאטהעקא היסטאריקא, בוך 1, קאפ. 80.

ענטוויקלען זיך מיט און דורך די מיטלען פון זייער בעפריעדיגונג. אין יענער ערשטער פעריאָדע, ווידער, איז די פּראָפּאָרציע פון די טיילען פון דער געזעלשאַפט, וועלכע לעבען פון פרעמדער ארבייט, אונענדליך קליין לגבי דער מאַסע פון דירעקטע פּראָדוצירער. מיט דעם פאָרטשריט פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט וואַקסט די דאָזיגע פּראָפּאָרציע אבסאָלוט און רעלאַטיוו.[2] די קאַפּיטאַל־שייכות וואַקסט איבעריגענס אויס אויף אַ עקאָנאָמישען באָדען, וועלכער איז דער פּראָדוקט פון אַ לאַנגען ענטוויקלונגס־פּראָצעס. די עקזיסטירענדע פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, וועלכע איז די גרונדלאַגע פון דער קאַפּיטאַל־שייכות, איז ניט אַ מתנה פון דער נאַטור, נאָר פון דער געשיכטע, פון אַ געשיכטליכער ענטוויקלונג, וואָס איהרע פעריאָדען פאַסען אום ניט קיין יאָהרהונדערטען, נאָר טויזענדע יאָהרהונדערטען.

אָבגעזעהן פון דער מעהר אָדער ווייניגער ענטוויקעלטער געשטאַלט פון דער געזעלשאַפטליכער פּראָדוקציאָן, הענגט אָב די פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט פון נאַטור־בעדינגונגען. זיי קאָנען אַלע צוריקגעפיהרט ווערן צו דער נאַטור פון'ם מענשען גופא, ווי ראַסע א.אז.וו. און צו דער נאַטור וואָס רינגעלט איהם ארום. די אויסערליכע נאַטור־בעדינגונגען צופאַלען עקאָנאָמיש אויף צוויי גרויסע קלאַסען: אויף נאַטירליכען רייכטום אין לעבענסמיטלען, ד.ה. פרוכטבאַרקייט פון באָדען, וואַסערן רייך אין פיש א.אז.וו., און אויף נאַטירליכען רייכטום אין ארבייטס־מיטלען, ווי וואַסערפאַלען, שיפבאַרע טייכען, האָלץ, מעטאַלען, קויהלען א.אז.וו. אין אָנפאַנג פון דער ציוויליזאַציע ווענט אריבער די ערשטע פאָרם פון נאַטירליכען רייכטום, אויף אַ העכערער ענטוויקלונג־שטופע—די צווייטע פאָרם. פערגלייכט צום ביישפּיעל ענגלאַנד מיט אינדיען, אָדער אין דער אלטער וועלט אַטהען און קאָרינטה מיט די לענדער ביים ברעג פון שוואַרצען ים.

---

[2] ביי די ווילדע אינדיאַנער פון אמעריקא געהערט כמעט אַלץ דעם ארבייטער, 99 הונדערטלעך פון דעם פּראָדוקט קאָן צוגעשריבען ווערן צו דער ארבייט. אין ענגלאַנד קומט אפשר קיין צוויי־דריטעל ניט אויס פאַר דעם ארבייטער. "The Advantages of the East India Trade etc.", London 1720, p. 73.)

אָדער איינגעהמען דורך דער אַרבייט פון מענשליכע הענד אויף אַ גרויסען מאָסשטאַב, שפּיעלט די וויכטיגסטע ראָליע אין דער געשיכטע פון דער אינדוסטריע. אַזוי צום ביישפּיעל איז די וואַסער־רעגולירונג אין עגיפּטען,⁵ אין דער לאמבאַרדיי, האָללאַנד א.אז.וו., אָדער אין אינדיע, פּערסיע א.אז.וו., וואו די בעוואַסערונג דורך קינסטליכע קאַנאַלען גיט דעם באָדען ניט נאָר דאָס אונבעדינגט־נויטיגע וואַסער, נאָר ברענגט איהם אויך, מיט דעם שליים פון די בערג, מינעראַלע פערטיליזאַטאָרס. דער סעקרעט פון דער בליהענדער אינדוסטריע אין שפּאַניען און סיציליען, אונטער דער אַראַבישער הערשאַפט, איז געווען די קאַנאַליזאַציע.⁶

גינסטיגע נאַטור־בעדינגונגען גיבען אַלעמאָל נאָר די מעגליכקייט, אָבער קיינמאָל ניט די ווירקליכקייט פון דער מעהר־אַרבייט, פאָלגליך פון מעהרווערטה אָדער פון מעהר־פּראָדוקט. די פערשיידענע נאַטור־בעדינגונגען פון דער אַרבייט האָבען די ווירקונג, וואָס דערזעלביגער סכום אַרבייט בעפריעדיגט אין פערשיידענע לענדער פערשיידענע בעדערפעניסען,⁷ און פאָלגליך וואָס די נויטווענדיגע

⁵ די נויטוועגדינקייט צו בערעכענען די פעריאדען פון דער בעוועגונג פון דעם נילוס האט געשאפען די עגיפטישע אסטראנאמיע און מיט איהר די הערשאפט פון דעם פריסטער־קלאס אלס אנפיהרער פון דער אגריקולטור. „די ווענדונג פון דער זון איז דער צייט־פונקט פון יאהר, ווען דער נילוס הויבט אן צו ווערן פול, און דעריבער האבען די עגיפטיאנער געמוזט בעאבאכטען די ראזיגע ווענדונג מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.... עס איז געווען וויכטיג פאר זיי פעסטצושטעלען די ראזיגע פעריאדע, כדי צו וויסען ווי זיך צו פיהרן אין זייערע לאנדווירטשאפטליכע אונטערנעהמונגען. זיי האבען דעריבער געמוזט זוכען א דייטליכען צייכען אין הימעל פון דעם ווידערקעהר פון דעם דאזיגען פונקט: (קיוויע, „אבהאנדלונג וועגען די בעוועגונגען פון דער ערד“, פראנצ., פאריז 1863, ז. 141.)

⁶ איינע פון די מאטעריעלע גרונדלאגען פון דער מאכט פונ׳ם שטאאט איבער די צעווארפענע קליינע פראדוקציאנס־ארגאניזמען פון אינדיע איז געווען די רעגולירונג פון דעם וואסער־צופלוס. די מאהאמעדאנישע הערשער פון אינדיע האבען דאס בעסער פערשטאנען איידער זייערע ענגלישע נאכפאלגער. מיר וועלען נאר דערמאנען דעם הונגער פון 1866, וועלכער האט געקאסט דאס לעבען פון מעהר ווי א מיליאן הינדוסען אין דעם דיסטריקט ארִיססא פון בענגאלען.

⁷ „עס זיינען ניטא קיינע צוויי לענדער, וועלכע גיבען ארויס א גלייכע צאהל לעבענסמיטלען אין דערזעלביגער מאס און מיט דעמזעלבינען סכום ארבייט. די

לענג פון ארבייטס־טאָג איז אַ בעשטימטע, זיך בייטען די גרויס פון דער מעהר־ארבייט לויט די נאַטור־בעדינגונגען פון דער ארבייט, ספּעציעל לויט דער פּרוכטבאַרקייט פון באָדען. דערפון פאָלגט אָבער בשום אופן ניט פערקעהרט, אַז דער פּרוכטבאַרסטער באָדען איז דער פּאַסענדסטער פאַר דעם וואוקס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן. ער איז משער די הערשאַפט פונ'ם מענשען איבער דער נאַטור. וואו די נאַטור איז צו־פערשווענדעריש, „האַלט זי דעם מענשען אין די הענד, ווי אַ קינד פאַר די פיהר־שנירלעך." זי לעגט אויף איהם ניט ארויף די נויטווענדיגקייט זיך אַליין צו ענטוויקלען.[4] ניט דער טראָפּישער קלימאַט מיט זיין איבערוואוקס פון פלאַנצען־לעבען איז דאָס מוטער־לאַנד פון קאַפּיטאַל, נאָר דער ערד־פּאַס מיט אַ מעסיגען קלימאַט. ניט די אבסאָלוטע פּרוכטבאַר־קייט פון באָדען, נאָר די דיפערענצירונג פון באָדען, די פערשיי־דענאַרטיגקייט פון זיינע נאַטירליכע פּראָדוקטען, מאַכט אויס דעם באַזיס פון דער געזעלשאַפטליכער צוטיילונג פון דער ארבייט און טרייבט דעם מענשען, דורך די וועקסלונגען פון די נאַטור־אומ־שטענדען, אין וועלכע ער לעבט, צו פערפיעלפאַכען זיינע אייגענע בעדערפעניסען, פעהיגקייטען, ארבייטס־מיטלען און ארבייטס־אופנים. די נויטווענדיגקייט צו קאָנטראָלירן אַ נאַטור־קראַפט געזעלשאַפטליך, צו זיין שפּאָרעוודיג מיט איהר, זי אָנצואייגענען

[4] „דער ערשטער (דער נאַטירליכער רייכטום), ווי גוט און ניצליך ער איז, מאַכט ער אָבער די בעפעלקערונג זאָרגלאָז, שטאָלץ און גענייגט צו זיין פער־שווענדעריש; פערקעהרט דער לעצטער פאַל צווינגט צו וואַכזאַמקייט, צו שאַפען ליטעראַטור, קונסט און פּאָליטיק." ("England's Treasure by Foreign Trade. Or the Balance of Our Foreign Trade is the Rule of Our Treasure. Written by Thomas Mun, of Lodon, Merchant, and now published for the Common Good by his Son John Mun." London 1669, p. 181, 182.) „איך קאָן אויך ניט געפינען קיין זאַך, וואָס וואָלט געווען אַן ערגערע קללה פאַר אַ פאָלק, ווי צו ווערן פערזעצט אויף אַ שטיק לאַנד, וואו די שאַפונג פון לעבענסמיטלען קומט גרעסטענטיילס פאַר פון זיך אַליין, און דער קלימאַט פאָדערט ווינציג זאָרג פאַר קליידונג און בעשיצונג פון וועטער.... גע־ווים קאָן אויך זיין אַן עקסטרעם אויף דער אַנדער זייט. אַ באָדען, פון וועלכען די ארבייט קאָן ניט ארויסבעקומען קיין פּראָדוקט, איז פּונקט אַזוי שלעכט ווי אַ באָדען, וועלכער טראָגט רייכע פרוכט גאָר אָהן ארבייט." ("An Inquiry into the Present High Price of Provisions", London 1767, p. 10.)

און קאָן אויך געבען פון 500 ביז 600 פונט. מען געהט דאָרט אין וואלד און מען האקט זיך אָן ברויט, פונקט ווי מען געהט ביי אונז און מען האקט אָן האָלץ."[9] אַנגענומען, אז אזא מזרח־אזיאטישער ברויט־האקער דאַרף האָבען 12 אַרבייט־שטונדען א וואָך, כדי צו בעפריעדיגען אַלע זיינע בעדערפעגישען. וואָס די גוטסקייט פון דער נאטור גיט איהם, איז אַ סך לעדיגע צייט. כדי צו קאָנען די לעדיגע צייט פערווענדען פאַר זיך אַליין, איז נויטיג א גאנצע רייה פון געשיכטליכע אומשטענדען; כדי ער זאָל זי אוועקגעבען אין מעהר־ארבייט פאר פרעמדע פערזאָנען, פאָדערט זיך אָן אויסער־ליכער צוואנג. וואָלט איינגעפיהרט געוואָרן אַ קאפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן, וואָלט דער בראַווער מענש אפשר נעדאַרפט ארביי־טען 6 טעג א וואָך, כדי צו נעהמען פאר זיך אַליין דעם פּראָדוקט פון איין ארבייטס־טאָג. די גוטסקייט פון דער נאטור דערקלערט ניט פאַרוואָס ער ארבייט איצטער 6 טעג א וואָך, אָדער פאַרוואָס ער גיט אַרויס 5 טעג מעהר־אַרבייט, ד.ה. אַזאַ אונגעהויערן מעהר־פּראָדוקט. זי דערקלערט נאָר פאַרוואָס זיין נויטווענדיגע ארבייט־צייט איז בעשרענקט נאָר אויף איין טאָג אין דער וואָך. אויף קיין פאַל אָבער נעהמט זיך ניט זיין מעהר־פּראָדוקט פון עפּעס א געהיימער אייגענשאפט, וואָס איז איינגעבוירן אין דער מענש־ליכער אַרבייט.

אַזוי ווי די געשיכטליך־ענטוויקעלטע, די געזעלשאפטליכע פּראָ־דוקטיוו־קרעפטען פון דער ארבייט, אזוי ווייזען זיך אַרויס אויך די נאטור־בעדינגטע פּראָדוקטיוו־קרעפטען אלס פּראָדוקטיוו־קרעפטען פון דעם קאפּיטאַל, אין וועלכען די אַרבייט איז פערקערפּערט.

ריקאַרדאָ קימערט זיך קיינמאָל ניט וועגען דעם אורשפּרונג פון מעהרוועמטה. ער בעהאנדעלט איהם ווי א זאַך, וואָס ליעגט אין דער נאטור פון דעם קאפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, וועלכער אופן איז אין זיינע אויגען די נאַטירליכע פאָרם פון דער געזעל־שאפטליכער פּראָדוקציאָן. ווען ער רעדט וועגען דער פּראָדוקטי־וויטעט פון דער אַרבייט, זוכט ער ניט אין איהר די אורזאַך פון

[9] פ. שואוו: „די ערדע, די פלאנצע אונד דער מענש", 2טע אויפלאגע, לייפּציג 1854, ז. 148.

אַרבייט־צייט איז פערשיידען ביי זאָנסט גלייכע (אַנאַלאָגע) אומ־שטענדען. די אומשטענדען ווירקען אויף דער מעהר־אַרבייט נאָר ווי נאַטור־גרעניצען, ד.ה. דורכדעם וואָס זיי בעשטימען דעם פונקט, ווען עס קאָן זיך אָנפאַנגען די אַרבייט פאַר אַנדערע. אין דעם ערך וואָס די אינדוסטריע מאַכט פאָרטשריט, רוקט זיך דער דאָזיגער נאַטור־גרעניץ אויף צוריק. אינמיטען פון דער וועסט־אייראָפּעאי־שער געזעלשאַפט, וואו דער אַרבייטער קויפט זיך איין די ערלויב־ניש צו אַרבייטען פאַר זיין אייגענער עקזיסטענץ, נאָר דורך מעהר־אַרבייט, בילדעט מען זיך לייכט איין, אַז עס איז אַ מיטגעבוירענע אייגענשאַפט פון דער מענשליכער אַרבייט אַרויסצוגעבען אַ מעהר־פּראָדוקט.[8] נעהמט אָבער צום ביישפּיעל דעם איינוואוינער פון די מזרח־אינזלען פון דעם אַזיאַטישען אַרכיפּעלאַגוס, וואו דער סאַגאָ וואַקסט ווילד אין וואַלד. „בעת די איינוואוינער האָבען זיך אי־בערצייגט, בויערענדיג אַ לאָך אין דעם בוים, אַז דער מאַרך פון בוים איז שוין צייטיג, האַקען זיי אָב דעם שטאַם און צוטיילען איהם אין עטליכע שטיקער; דער מאַרך ווערט אַרויסגעקראַצט, געמישט מיט וואַסער און דורכגעזייהט, און עס ווערט דערפון סאַגאָ־מעהל פאַרטיג צום געברויך. איין בוים גיט געוועהנליך 300 פונט

בעדערפענישען פון די מענשען ווערן גרעסער אדער קלענער, לויט דער שטרענג־קייט אדער מילדקייט פון דעם קלימאַט, אין וועלכען זיי לעבען. דער ערך פון דעם האַנדעל וואָס די איינוואוינער פון פערשיידענע לענדער זיינען געצוואונגען צו פיהרען, קאַן דעריבער ניט זיין אומעטום דערזעלביגער, און עס איז ניט פּראַקטיש צו בעשטימען די גרוים פון דעם חלוק אַנדערש ווי דורך די גראַדען פון היטץ און קעלט. מען קאַן דעריבער ציהען דערפון דעם אַלגעמיינעם שלוס, אַז די מאַסע אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך פאַר אַ בעשטימטער צאָהל פון דער בעפעלקערונג, איז אין אַ קאַלטען קלימאַט די גרעסטע און אין אַ וואַרעמען די קלענסטע. דען אין דעם ערשטען דאַרפען די מענשען האָבען ניט נאָר מעהר קליידער, נאָר אויך מעהר אַרבייט צו בעאַרבייטען דעם באָדען, איידער אין דעם אַנדערן.“ ("An Essay on the Governing Causes of the Natural Rate of Interest", London 1750, p. 60.) דער פערפאַסער פון אַט דער עפּאָכע־מאַכענדער אַנאָנימער שריפט, איז J. Massey. יום האָט פון דעם ווערק גענומען זיין צינז־טעאָריע.

[8] „יעדע אַרבייט (עס שיינט אַז דאָס געהערט אויך צו דעם בירגער'ס רעכט און פליכטען) מוז געבען אַן איבערשוס.“ (פּרודאָן.)

גער אויסגעהאַלטען ווי די צייט, וואָס פאָדערט זיך זיי צו בויען, וואָלטען די פויגלען זיך געמוזט בעגעהן אָהן נעסטען.

איינמאָל האָט מילל פעסטגעשטעלט אָט די פונדאַמענטאַלע וואַרהייט, שטעלט ער שוין דורכדעם פעסט זיין יתרון איבער די מערקאַנטיליסטען: „מיר זעהען, הייסט עס, אַז דער פּראָפּיט ענטשטעהט ניט פון דעם צווישען־פאַל פונ'ם אויסטויש, נאָר פון דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט; און דער אַלגעמיינער פּראָפּיט פון אַ לאַנד ווערט אַלעמאָל בעשטימט דורך דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, סיי עס קומט פאַר אַ וועלכער עס איז אויסטויש, סיי ניט. ווען עס וואָלט ניט געווען קיין צוטיילונג פון בעשעפטיגונגען, וואָלט ניט געווען ניט קיין קויף, ניט קיין פערקויף, אָבער פּראָפּיט וואָלט אַלץ געווען.“ עס קומט, הייסט עס, אויס, אַז אויסטויש, קויף און פערקויף—די אַלגעמיינע בעדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן—זיינען ניט מעהר ווי אַ ריינער צווישען־פאַל, און עס וואָלט אַלץ געווען פּראָפּיט אפילו אָהן דעם קויף און פערקויף פון דער אַרבייט־קראַפט!

ווייטער: „אויב אַלע אַרבייטער פון אַ לאַנד צוזאַמען פּראָדוצירן 20 פּראָצענט מעהר איידער די סומע פון זייער לוין, דאַן וועלען די פּראָפּיטען זיין 20 פּראָצענט, קיין חלוק ניט ווי די פּרייזען פון סחורות האַלטען.“—דאָס איז פון איין זייט אַ העכסט־געלונגענע טאַוטאָלאָגיע, וואָרים ווען אַרבייטער פּראָדוצירן אַ מעהר־ווערטה פון 20 פּראָצענט פאַר זייערע קאַפּיטאַלען, וועלען די פּראָפּיטען זיך פערהאַלטען צום גאַנצען לוין ווי 20 צו 100. פון דער אַנדער זייט איז עס אַבסאָלוט פאַלש, אַז די פּראָפּיטען „וועלען זיין 20 פּראָצענט.“ זיי מוזען אַלעמאָל זיין קלענער, ווייל פּראָפּיטען ווערן בערעכענט אויף דער גאַנצער סומע פון דעם אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל. דער קאַפּיטאַליסט האָט צום ביישפּיעל אויסגעלעגט 500 פונט סטערלינג, דערפון 400 פונט סט. אין פּראָדוקציאָנס־מיטלען און 100 פונט סט. אין אַרבייט־לוין. די ראַטע פון מעהר־ווערטה איז, ווי מיר האָבען אָנגענומען, 20 פּראָצענט, פאָלגליך וועט זיין די פּראָפּיט־ראַטע ווי 20 צו 500, ד.ה. 4 פּראָצענט, און ניט 20 פּראָצענט.

דער עקזיסטענץ פון מעהרווערטה, נאָר בלויז די אורזאַך, וואָס בע־שטימט זיין גרויס. זיין שוהלע, פערקעהרט, האָט הויך פּראָקלא־מירט די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט אַלס די ענטשטעהונג־אורזאַך פון פּראָפיט (לעז: מעהרווערטה). עס איז יעדענפאַלס א פאָרטשריט לגבי די מערקאַנטיליסטען, וועלכע האָבען פון זייער זייט ארויסגעפיהרט דעם גרעסערן פרייז פון די פּראָדוקטען אריבער זייערע פּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון דעם אויסטויש, פון דעם וואָס זיי ווערן פערקויפט פאַר מעהר איידער זייער ווערטה. טראָץ דעם האָט ריקאַרדאָ'ס שוהלע אויך נאָר ארומגעדרעהט זיך ארום דעם פּראָבלעם, אָבער זי האָט איהם ניט געלייזט. אָט די בורזשואזע עקאָנאָמען האָבען אין דער אמת'ן געהאַט דעם ריכטיגען אינ־סטינקט, אז עס איז זעהר געפעהרליך צו גריבלען זיך צו־טיעף אין דער ברענענדער פראַגע וועגען דעם אורשפּרונג פון מעהרווערטה. וואָס זאָל מען אָבער זאָגען וועגען דזשאהן סטואַרט מילל, וועלכער קאָנסטאַטירט מיט גרויס חשיבות, א האַלבען יאָהרהונדערט נאָך ריקאַרדאָ, זיין העכערע שטעלונג איבער די מערקאַנטיליסטען, שלעכט וויעדערהאָלענדיג די פוילע פּשט'לעך פון ריקאַרדאָ'ס ער־שטע וואולגאַריזירער?

מילל זאָגט: „די אורזאַך פון פּראָפיט איז דאָס, וואָס די ארבייט פּראָדוצירט מעהר איידער עס איז נויטיג פאַר איהר אויפ־האַלט." דאָס איז נאָך דערווייל נישט מעהר ווי די אַלטע גע־שיכטע; אָבער מילל וויל עפּעס צוגעבען זיין אייגענעס: „אָדער אַנדערש אויסגעדריקט, קומט אויס אזוי: דער גרונד פאַרוואָס קאַ־פּיטאַל גיט א פּראָפיט איז דער, וואָס נאַהרונג, קליידער, רויה־שטאָפען און ארבייטס־מיטלען געדויערן א לענגערע צייט איידער די צייט, וואָס פאָדערט זיך זיי צו פּראָדוצירן." מילל פערבייט דאָ די דויער פון דער ארבייט־צייט מיט דער דויער פון איהרע פּראָ־דוקטען. לויט אָט דער מיינונג וועט א בעקער, וואָס זיינע פּראָ־דוקטען געדויערן נאָר 1 טאָג, קיינמאָל ניט קאָנען ארויסציהען פון זיינע לוין־ארבייטער דעמזעלביגען פּראָפיט ווי א מאַשין־בויער, וועמעס פּראָדוקטען עס געדויערן 20 יאָהר און לענגער. געוויס פערשטעהט זיך, אז אויב די פויגעלשע נעסטען וואָלטען ניט לענ־

ווי ער וואָלט אויסגעליהען דעם דיפערענץ (?) צו זיין באָכ און דערנאָך בעקומען עס צוריק מיט צינזען."*[9] אין דער פאקטישער ווירקליכקייט ליהט אויס דער ארבייטער דעם קאפיטאליסט זיין ארבייט פאר א וואָך אָדער מעהר אומזיסט, כדי צום סוף וואָך אָדער מעהר צו בעקומען איהר מארק־פרייז; דאָס מאכט איהם, לויט מיללין, פאר א קאפיטאליסט! אויף א פלאכען פליין, זעהען אוים אפילו הויפענם ערד ווי בערגלעך; די פלאך־קעפיגקייט פון אונזער היינטיגער בורזשואזיע קאָן מען מעסטען לויט דעם קא־ליבער פון איהרע גרויסע גייסטער."

*[9] דזש. סט. מילל: „פרינסיפלס אוו פאליטיקאל עקאנאמיע", לאנדאן 1868, ז. 252—253 און ווייטער.

מילל זאָגט ווייטער: * „איך נעהם אומעטום אָן דעם היינ־טיגען צושטאַנד, וועלכער הערשט מיט ווענינע אויסנאַהמען אור־מעטום, וואו קאַפּיטאַליסטען און ארבייטער זיינען פערשיידענע קלאַסען, דאָס הייסט, אַז דער קאַפּיטאַליסט לעגט אויס אַלע הוצאות, אריינרעכענענדיג אויך דעם ארבייטער'ס גאַנצע בעלוי־נונג." מילל נעהמט טאַקע אָן, אַז „עס איז ניט אבסאָלוט נויט־ווענדיג עס זאָל אַזוי זיין", אפילו ניט דאָרט, „וואו קאַפּיטאַליסטען און ארבייטער זיינען בעזונדערע קלאַסען." אין געגענטייל, „דער ארבייטער וואָלט געקאָנט וואַרטען ביז די ארבייט איז פאָלשטענדיג פאַרטיג מיט דעם גאַנצען טייל פון זיין לוין, וועלכער שטייגט אריבער די אבסאָלוט־נויטיגע לעבענס־בעדערפענישען, און אפילו מיט דעם גאַנצען לוין, אויב ער האָט די נויטיגע מיטלען צו לעבען אין דער צווישען־צייט. אָבער אין דעם לעצטען פאַל וואָלט ער אין אַ געוויסען גראַד געווען אַ קאַפּיטאַליסט, וואָס האָט אריינ־געלעגט קאַפּיטאַל אינ'ם געשעפט און שטעלט צו אַ טייל פון דעם פאָנד, וואָס איז נויטיג, כדי צו קאָנען פיהרן דאָס געשעפט ווייטער." פונקט אַזוי גוט האָט מילל געקאָנט זאָגען, אַז דער ארבייטער וועלכער לעגט אויס פאַר זיך ניט נאָר לעבענס־מיטלען, נאָר אויך די ארבייטס־מיטלען, איז אין דער ווירקליכקייט זיין אייגענער לוין־ארבייטער. אָדער ער וואָלט געקאָנט זאָגען, אַז דער אַמעריקאַנער פאַרמער איז זיין אייגענער שקלאַוו, נישט מעהר וואָס ער ארבייט פאַר זיך אנשטאָט פאַר אַ פרעמדען פריץ.

נאָכדעם ווי מילל האָט אונז אויף דעם אופן קלאָרליך בעוויזען, אַז די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן וואָלט אַלעמאָל עקזיסטירט, אפילו ווען זי עקזיסטירט ניט, איז ער קאָנזעקווענט גענוג צו בע־ווייזען, אַז אפילו ווען זי עקזיסטירט, עקזיסטירט זי אויך ניט. „און אפילו אין דעם פאָריגען פאַל (ווען דער קאַפּיטאַליסט לעגט אויס דעם לוין־ארבייטער פאַר גאָר די לעבענסמיטלען) קאָן דער ארביי־טער בעטראַכט ווערן פון דעמזעלבען שטאַנדפּונקט (דאָס הייסט אַלס קאַפּיטאַליסט). ווארים דערמיט, וואָס ער גיט אוועק זיין ארבייט אונטער דעם מאַרק־פּרייז (!), קאָן ער בעטראַכט ווערן,

*ווענען אַט דער ציטאַטע זעה איבערזעצער'ס פאָרוואָרט (ז. 16 און 17). מ.

מעהרווערטה הענגען אָב פון דריי אומשטענדען: 1. די לענג פון דעם אַרבייטס־טאָג אָדער די עקסטענסיווע גרויס פון דער אַרבייט; 2. די נאָרמאַלע אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט אָדער איהר אינ־טענסיווע גרויס, אַזוי אַז אַ בעשטימטער סכום אַרבייט ווערט אַרויסגעגעבען אין אַ בעשטימטער צייט; 3. ענדליך די פּראָדוק־טיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, אַזוי אַז דערזעלביגער סכום אַרבייט גיט אַרויס אין דערזעלביגער צייט אַ גרעסערן אָדער קלענערן סכום פּראָדוקט, לויט דעם ענטוויקלונגס־גראַד פון די בעדינגונגען פון דער פּראָדוקציאָן. עס איז קלאָר פון אויבען־אויף, אַז עס קאָנען פאָרקומען זעהר פערשיידענע קאָמבינאַציעס, לויט נאָכדעם צי איי־נער פון די דריי פאַקטאָרען איז קאָנסטאַנט און צוויי זיינען וואַ־ריאַבעל, אָדער צוויי פאַקטאָרען זיינען קאָנסטאַנט און איינער איז וואַריאַבעל, אָדער ענדליך צי אַלע זיינען גלייכצייטיג וואַריאַבעל. די דאָזיגע קאָמבינאַציעס ווערן נאָך מעהר פערפיעלפאַכט דורכדעם, וואָס בעת די דאָזיגע פאַקטאָרען ענדערן זיך אין דערזעלביגער צייט, קאָנען אי די גרויס, אי די ריכטונג פון דער ענדערונג זיין פער־שיידען. אין דאָס פאָלגענדע ווערן בעטראַכט נאָר די הויפּט־קאָמ־בינאַציעס.

I. די גרויס פון'ם אַרבייטס־טאָג און די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט זיינען קאָנסטאַנט, די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט איז וואַריאַבעל.

אויף אָט דער השערה זיינען דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט און דער מעהרווערטה בעשטימט דורך דריי געזעצען.

1. דער אַרבייטס־טאָג פון אַ געגעבענער גרויס שטעלט זיך שטענדיג פאָר אין דעמזעלביגען ווערטה־פּראָדוקט [שאַפט דיזעלביגע סומע ווערטה], וויפיעל עס זאָל זיך ניט בייטען די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט און מיט איהר די פּראָ־דוקטען־מאַסע, און פאָלגליך דער פּרייז פון דער איינצעלנער סחורה.

אויב 1 אַרבייט־שטונדע פון נאָרמאַלער אינטענסיוויטעט פּראָ־דוצירט אַ ווערטה פון ½ שילינג, וועט אַן אַרבייטס־טאָג פון 12

פופצעהנטער קאַפּיטעל.

ענדערונג אין דער גרויס פונ׳ם פּרייז פון דער אַרבייט-קראַפט און פון מעהרווערטה.

מיר האָבען געזעהן, אַז דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז בעשטימט דורך דעם ווערטה פון די געוועהנהייטמעסיג־נויטוועג־דיגע לעבענסמיטלען פון דעם דורכשניטליכען אַרבייטער. די מאַסע [סומע, צאָהל] פון די דאָזיגע לעבענסמיטלען, הגם איהר פאָרם מעג זיך בייטען, איז אין אַ בעשטימטער עפּאָכע פון אַ בעשטימטער געזעלשאַפט אַ פעסט־געשטעלטע, און דעריבער קאָן זי בעהאַנדעלט ווערען אַלס אַ קאָנסטאַנטע גרויס. וואָס עס בייט זיך, איז דער ווערטה פון דער דאָזיגער מאַסע. עס זיינען פאַראַן צוויי אַנדערע פאַקטאָרען, וואָס געהען אריין אין דער ווערטה־בעשטימונג פון דער אַרבייט־קראַפט. איינער איז די קאָסטען פון איהר ענטוויקלונג, וועלכע ענדערן זיך מיט דעם אופן פון איהר פּראָדוקציאָן; דער אַנדערער איז איהר נאַטור־פערשיידענהייט, צי זי איז די אַרבייט־קראַפט פון מענער אָדער פון פרויען, פון קינדער אָדער פון דער־וואַקסענע (רייף אָדער אונרייף). דער פערברויך פון די דאָזיגע פערשיידענע אַרבייט־קרעפטען, וועלכער הענגט ווידער אָב פון דעם פּראָדוקציאָנס־אופן, מאַכט אַ גרויסען אונטערשייד אין די רעפּראָדוקציאָנס־קאָסטען פון דער אַרבייטער־פאַמיליע און אין דעם ווערטה פון דעם דערוואַקסענעם מענליכען אַרבייטער. אין דער פאָלגענדער אונטערזוכונג אָבער בלייבען אָט די ביידע פאַקטאָרען אויסגעשלאָסען.

מיר נעהמען אָן, 1. אַז די סחורות ווערן פערקויפט לויט זייער ווערטה; 2. אַז דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט שטייגט אַמאָל אַריבער איהר ווערטה, אָבער פאַלט קיינמאָל ניט אונטער דעם ווערטה.

איז דאָס איינמאָל אָנגענומען, שטעלט זיך אַרויס, אַז די רע־לאַטיווע גרויסען פונ׳ם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און פון

סיידען די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט שטייגט; צום ביי־שפּיעל אין דעם אויבערשטען פאַל קאָן דער ווערטה פון דער אר־בייט־קראַפט ניט ארונטערפאַלען פון 3 אויף 2 שילינג, סיידען די פערגרעסערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט ערלויבט צו פּראָדוצירן אין 4 שטונדען דיזעלביגע מאַסע לעבענסמיטלען, וועלכע האָבען פריהער געפאָדערט 6 שטונדען פאַר זייער פּראָדוקציאָן. פערקעהרט, דער ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט קאָן ניט שטייגען פון 3 אויף 4 שילינג, סיידען די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אר־בייט פאַלט, ד.ה. עס פאָדערן זיך 8 שטונדען פאַר דער פּראָדוקציאָן פון דערזעלביגער מאַסע לעבענסמיטלען, פאַר וועלכער עס זיינען פריהער גענוג געוועזן 6 שטונדען. דערפון פאָלגט, אז די פערגרע־סערונג פון דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ארבייט וואַרפט ארונ־טער דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט און הויבט דערמיט דעם מעהרווערטה; בעת פערקעהרט, די פערקלענערונג פון דער פּראָ־דוקטיוויטעט הויבט דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט און וואַרפט ארונטער דעם מעהרווערטה.

פאָרמולירענדיג אָט דעם געזעץ האָט ריקאַרדאָ פערזעהן איין אומשטאַנד: הגם אַן ענדערונג אין דער גרויס פון דעם מעהר־ווערטה אָדער פון דער מעהר־ארבייט מאַכט אַ פערקעהרטע ענ־דערונג אין דער גרויס פונ׳ם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט אָדער פון דער נויטווענדיגער ארבייט, פאָלגט אָבער בשום אופן ניט, אז זיי ענדערן זיך אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע. אמת, זיי פער־מעהרן זיך אָדער פערמינערן זיך אויף דערזעלבער גרויס. די פּראָ־פּאָרציע אָבער, אין וועלכער יעדער טייל פונ׳ם ווערטה־פּראָדוקט אָדער פון דעם ארבייטס־טאָג פערמעהרט זיך אָדער פערמינערט זיך, העננט אָב פון דער איינטיילונג, וואָס איז לכתחילה פאָרגע־קומען פאַר דער ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט. אויב דער ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט איז געוועזן 4 שילינג, אָדער די נויטווענדיגע ארבייט־צייט 8 שטונדען, דער מעהרווערטה 2 שילינג אָדער די מעהר־ארבייט 4 שטונדען, און אויב, צוליעב דער פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט, פאַלט דער ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט אויף 3 שילינג אָדער די נויטווענדיגע ארבייט אויף 6 שטונדען, דאַן שטייגט דער

שטונדען אַלעמאָל אַרויסגעבען אַ ווערטה־פּראָדוקט פון 6 שילינג. מיר נעהמען אַלעמאָל אָן, אַז דער ווערטה פון געלד בלייבט אומ־פערענדערט. ווערט די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט גרעֶ־סער אָדער קלענער, דאַן וועט דערזעלביגער ארבייטס־טאָג ארויס־ברענגען מעהר אָדער ווניגער ארטיקלען, אזוי אז דער ווערטה פון די 6 שילינג וועט זיך פאָלגליך פערטיילען אויף מעהר אָדער ווע־ניגער סחורות.

2. דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט און דער מעהר־ווערטה ענדערן זיך אין אַ פערקעהרטער ריכטונג איינער צום אַנדערן. אַן ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, איהר פערגרעסערונג אָדער פערקלענערונג, ווירקט אין אַ פערקעהרטער ריכטונג אויף דעם ווערטה פון דער אַר־בייט־קראַפט און אין אַ דירעקטער ריכטונג אויף דעם מעהר־ווערטה.

דער ווערטה־פּראָדוקט פון דעם 12־שטונדיגען ארבייטס־טאָג איז אַ קאָנסטאַנטע גרויס, צום ביישפּיעל 6 שילינג. אָט די קאָנ־סטאַנטע גרויס איז גלייך צו דער סומע פון מעהרווערטה פּליוס דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, פאַר וועלכען דער ארבייטער גיט אַן עקוויוואַלענט. עס איז זעלבסט־פערשטענדליך, אז ווען אַ קאָנסטאַנטע גרויס בעשטעהט פון צוויי טיילען, קאָן קיינער פון זיי ניט ווערן גרעסער, אוואו דער אַנדערער זאָל ניט ווערן קלענער. דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט קאָן ניט שטייגען פון 3 שילינג אויף 4, סיידען דער מעהרווערטה פאַלט פון 3 שילינג אויף 2, און דער מעהרווערטה קאָן ניט שטייגען פון 3 שילינג אויף 4, סיידען דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט פאַלט פון 3 שילינג אויף 2. אונטער אָט די אומשטענדען, הייסט עס, איז קיין ענ־דערונג ניט מעגליך אין דער אבסאָלוטער גרויס, סיי פון דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, סיי פון דעם מעהרווערטה, אָהן אַן ענדערונג אין דערזעלביגער צייט פון זייערע רעלאַטיווע אָדער פערהעלטניסמעסיגע גרויסען. עס איז אונמעגליך זיי זאָלען פאַלען אָדער שטייגען אין דערזעלביגער צייט.

דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, ווייטער גערעדט, קאָן ניט פאַלען, און פאָלגליך קאָן דער מעהרווערטה ניט שטייגען,

גרויס; אַזוי ווי מיט יעדער ענדערונג אין דער גרויס פון מעהר־ווערטה קומט אַן אומגעקעהרטע ענדערונג פון דער גרויס אין דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט; און אַזוי ווי דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט קאָן זיך נאָר ענדערן מיט אַן ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט: פאָלגט אונטער אָט די בעדינגונגען גאַנץ קלאָר, אַז יעדע ענדערונג אין דער גרויס פון מעהרווערטה נעהמט זיך פון אַן אומגעקעהרטער ענדערונג פון דער גרויס אין דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט. אויב דעריבער, ווי מיר האָבען געזעהן, אַז עס איז ניט מעגליך קיין אַבסאָלוטע ענדערונג פון דער גרויס אין דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט און פון דעם מעהרווערטה אָהן אַן ענדערונג פון זייערע רעלאַטיווע גרויסען, פאָלגט דערפון איצטער, אַז עס איז ניט מעגליך קיין ענ־דערונג פון זייערע רעלאַטיווע ווערטה־גרויסען אָהן אַן ענדערונג אין דער אַבסאָלוטער ווערטה־גרויס פון דער אַרבייט־קראַפט.

לויט דעם דריטען געזעץ איז די ענדערונג אין דער גרויס פון דעם מעהרווערטה משער אַ ווערטה־בעוועגונג פון דער אַרבייט־קראַפט, וועלכע קומט אַרויס דורך אַן ענדערונג אין דער פּראָדוק־טיוו־קראַפט פון דער אַרבייט. דער גרעניץ פון דער דאָזיגער ענדערונג איז בעשטימט דורך דעם נייעם ווערטה־גרעניץ פון דער אַרבייט־קראַפט. אָבער אפילו ווען די אומשטענדען ערלויבען דעם געזעץ צו ווירקען, קאָנען פאָרקומען צווישען־בעוועגונגען, וועלכע ווירקען אַנטקעגען דער צופּאַסונג פון דעם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט צו איהר ווערטה. צום ביישפּיעל: אויב דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט וואָלט מחמת אַ פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט געפאַלען פון 4 שילינג אויף 3, אָדער די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט פון 8 שטונדען אויף 6, וואָלט אַלץ געווען מעגליך, אַז דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט זאָל נאָר פאַלען פון 4 אויף 3 שילינג 8 פּענס, 3 שילינג 6 פּענס, 3 שילינג 2 פּענס א.אַז.וו., און דער מעהרווערטה וואָלט דעריבער נאָר גע־שטיגען אויף 3 שילינג 4 פּענס, 3 שילינג 6 פּענס, 3 שילינג 10 פּענס א.אַז.וו. דער גראַד פון דעם פאַלען, וואָס זיין מינימום־גרעניץ איז 3 שילינג, העננט אָב פון דעם רעלאַטיווען געוויכט,

מעהרווערטה אויף 3 שילינג אָדער די מעהר־אַרבייט אויף 6 שטונ־דען. עס איז דיזעלביגע גרויס פון 2 שטונדען אָדער 1 שילינג, וועלכע ווערט דאָ צוגעגעבען און דאָרט אַוועקגענומען. אָבער די פּראָפּאָרציאָנעלע גרויס־ענדערונג איז אויף ביידע זייטען פערשיי־דען. בעת דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט פאַלט פון 4 שילינג אויף 3, ד.ה. אויף ¼ אָדער 25 פּראָצענט, שטייגט דער מעהרווערטה פון 2 שילינג אויף 3, הייסט עס, אויף ½ אָדער 50 פּראָצענט. עס קומט דעריבער אויס, אז די פּראָפּאָרציאָנעלע פערמעהרונג אָדער פערמינערונג פון דעם מעהרווערטה, צוליעב אַ געגעבענער ענדע־רונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, איז אויף אַזוי־פיעל גרעסער, אויף וויפיעל עס איז לכתחילה געוועזן קלענער דער טייל פונ׳ם אַרבייטס־טאָג, וואָס פערווירקליכט זיך אין מעהר־ווערטה, און פערקעהרט, איז אויף אַזויפיעל קלענער, אויף וויפיעל יענער טייל פונ׳ם אַרבייטס־טאָג איז געוועזן גרעסער.

3. די פערמעהרונג אָדער פערמינערונג פונ׳ם מעהר־ווערטה איז שטענדיג אַ פאָלגע און קיינמאָל ניט די אורזאַך פון דער פערמינערונג און פערמעהרונג פונ׳ם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, וואָס קומט דערמיט.[10]

אַזוי ווי דער אַרבייטס־טאָג האָט אַ קאָנסטאַנטע גרויס און ווערט פאָרגעשטעלט אין אַ ווערטה, וואָס האָט אַ קאָנסטאַנטע

---

[10] צו אָט דעם דריטען געזעץ האָט מאַקולאָ געמאַכט צווישען אַנדערעס דעם אונזיניגסטען צוזאַץ, אַז דער מעהרווערטה קאַן שטייגען, אפילו ווען דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז ניט געפאַלען, דורך אַן אבשאַפונג פון די שטייערן, וועלכע דער קאַפּיטאַליסט האָט פריהער געמוזט צאָהלען. די אַבשאַפונג פון אַזוינע שטייערן ענדערט אַבסאָלוט גאָרנישט אין דעם סכום מעהרווערטה, וואָס דער אינדוסטריעלער קאַפּיטאַליסט שלעפּט אַרויס אין ערשטער האַנד פון דעם אַרבייטער. זי ענדערט נאָר די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער ער שטעקט אַריין דעם מעהרווערטה אין זיין אייגענער קעשענע, אָדער ער מוז זיך טיילען מיט דריטע פּערזאָנען. זי ענדערט פאָלגליך גאָרנישט אין דער פּראָפּאָרציע צווישען ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט און מעהרווערטה. די אויסנאַהם וואָס מאַקולאָ מאַכט בעווייזט דעריבער נאָר, אַז ער פערשטעהט ניט דעם כלל—אַ צרה, וואָס פּאַסירט איהם אין דער וואולגאַריזאַציע פון ריקאַרדאָ פּונקט אַזוי אָפט ווי דאָס פּאַסירט דזש. ב. סעי אין דער וואולגאַריזאַציע פון אַדאַם סמיטה.

לעבענס־לאַגע פון דעם אַרבייטער און דעם קאַפּיטאַליסט וואָלט אויף דעם אופן געוואָרן אַלץ טיעפער."[11]

ריקאַרדאָ איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט שטרענג פאָרמולירט די אויבען־אויפגעשטעלטע דריי געזעצען. די חסרונות פון זיין פאָרמולירונג זיינען, ערשטענס, וואָס ער בעטראַכט די ספּעציעלע בעדינגונגען, אונטער וועלכע די דאָזיגע געזעצען גילטען, פאַר די זעלבסט־פערשטענדליכע, אַלגעמיינע און אויסשליסליכע בעדינגונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. ער ווייס ניט פון קיין ענדערונג, סיי אין דער לענג פונ׳ם אַרבייטס־טאָג, סיי אין דער אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט, אַזוי אַז די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט ווערט ביי איהם פון זיך אַליין דער איינציגער וואַריאַבלער פאַקטאָר. צווייטענס אָבער—און דאָס פערפאַלשעוועט זיין אַנאַליז אין אַ פיעל גרעסערן גראַד—האָט ער פונקט אַזוי ווענינ ווי די אַנדערע עקאָנאָמען ווען עס איז אונטערזוכט דעם מעהרווערטה אַלס אַזעלכען, דאָס הייסט אונאָבהענגיק פון זיינע בעזונדערע פאָרמען, ווי פּראָפיט, גרונד־רענטע א.אז.וו. ער מישט דעריבער דירעקט צו זאַמען די ראַטע פון דעם מעהרווערטה מיט די געזעצען פון דער פּראָפיט־ראַטע. די פּראָפיט־ראַטע איז, ווי מיר האָבען שוין געזאָגט, די פּראָפּאָרציע פון דעם מעהרווערטה צו דעם גאַנצען אויסגעלעגטען קאַפּיטאַל, בעת די מעהרווערטה־ראַטע איז די פּראָפּאָרציע פון דעם מעהרווערטה צו דעם בלויז־וואַריאַבלען טייל פון דעם דאָזיגען קאַפּיטאַל. נעהמט אָן, אַז אַ קאַפּיטאַל פון 500 פונט סט. (ק) טיילט זיך איין אין רויה־שטאָפען, אַרבייטס־מיטלען א.אז.וו., צוזאַמען 400 פונט סט. (ק) און אין 100 פונט סט. אַרבייט־לוין (וו), און אַז דער מעהרווערטה איז גלייך צו 100 פונט סט. (מ). דאַן איז די מעהרווערטה־ראַטע מ/וו = 100 פונט סט./100 פונט סט. = 100 פּראָצענט. אָבער די פּראָפיט־ראַטע מ/ק = 100 פונט סט./500 פונט סט. = 20 פּראָצענט. עס איז אויסער דעם קלאָר, אַז די פּראָפיט־ראַטע קאָן אָבהענגען פון אומשטענדען, וועלכע האָבען בשום אופן קיין ווירקונג ניט אויף דער מעהרווערטה־ראַטע. איך

[11] „ווען עס טרעט אריין אַן ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אינדוסטריע און עס ווערט איצטער דורך אַ בעשטימטער סומע פון אַרבייט און

וואָס עס וואַרפט אויפ'ן וואָגשאָל דער דרוק פון קאַפּיטאַל פון איין זייט און דער ווידערשטאַנד פון די אַרבייטער פון דער אַנדער זייט.

דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז בעשטימט דורך דעם ווערטה פון אַ בעשטימטען סכום לעבענסמיטלען. וואָס עס ענדערט זיך מיט דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, איז דער ווערטה פון די דאָזיגע לעבענסמיטלען, ניט זייער מאַסע. ביי אַ פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט קאָן די מאַסע גופא וואַקסען גלייכצייטיג און אין דערזעלביגער פּראָפּאָר־ציע פאַר דעם אַרבייטער און דעם קאַפּיטאַליסט אָהן אירגענד וועלכער ענדערונג אין דער גרויס צווישען דעם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און דעם מעהרווערטה. אויב דער אורשפּרינגליכער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז 3 שילינג און די נויטווענ־דיגע אַרבייט־צייט בעטרעפט 6 שטונדען, אויב דער מעהרווערטה איז אויך אַזוי 3 שילינג אָדער די מעהר־אַרבייט בעטרעפט אויך 6 שטונדען, דאַן וואָלט אַ פערטאָפּלונג אין דער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, ווען די איינטיילונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג בלייבט דיזעלביגע, געלאָזט דעם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און דעם מעהרווערטה אונפערענדערט. דער איינציגער רעזולטאַט וואָלט געווען, וואָס יעדערער פון זיי וואָלט פאָרגעשטעלט נאָך אַמאָל אַזוי פיעל אָבער לפי ערך וועלוועלער־געוואָרענע געברויך־ווערטהען. אָבוואויל דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט וואָלט געבליבען אונ־פערענדערט, וואָלט ער דאָך געשטיגען איבער איהר ווערטה. ווען אָבער דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט וואָלט געפאַלען, ניט ביז צו 1½ שילינג, דעם מינימום־גרעניץ לויט איהר נייעם ווערטה, נאָר אויף 2 שילינג 10 פּענס, 2 שילינג 6 פּענס א.אז.וו., וואָלט אָט דער געפאַלענער פּרייז אַלץ נאָך רעפּרעזענטירט אַ פערגרעסערטע מאַסע לעבענסמיטלען. דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט וואָלט אויף דעם אופן, ביי אַ פעגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַר־בייט, געקאָנט נאָכאַנאַנד פאַלען, און דאָך געהן צוזאַמען מיט אַ גלייכצייטיגען און שטענדיגען וואַקסען פון דער מאַסע פון דעם אַרבייטער'ס לעבענסמיטלען. רעלאַטיוו אָבער, דאָס הייסט פער־גליכען מיט דעם מעהרווערטה, וואָלט דער ווערטה פון דער אַר־בייט־קראַפט שטענדיג געזונקען, און דער אָבגרונד צווישען דער

נאָרמאַל־גראַד. דערזועלביגער אַרבייטס־טאָג שטעלט זיך דעריבער מעהר ניט פאָר אין א קאָנסטאַנטען, נאָר אין א וואַריאַבלען ווערטה־פּראָדוקט—דער אינטענסיווערער, 12־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג, צום ביישפּיעל, אין 7 שילינג, 8 שילינג א.אז.וו., אָנשטאָט אין 6 שילינג, ווי דער 12־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג פון געוועהנליכער אינטענסיוויטעט. עס איז קלאָר, אז אויב דער ווערטה־פּראָדוקט פונ׳ם אַרבייטס־טאָג ענדערט זיך א שטייגער פון 6 אויף 8 שילינג, דאַן קאָנען ביידע טיילען פון דעם דאָזיגען ווערטה־פּראָדוקט—דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און דער מעהרווערטה—וואַקסען אין דערזועלביגער צייט, סיי אין א גלייכען, סיי אין א ניט־גלייכען גראַד. ווען דער ווערטה־פּראָדוקט שטייגט פון 6 אויף 8 שילינג, קאָן דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און דער מעהרווערטה וואַקסען, ביידע אין דערזועלביגער צייט, פון 3 שילינג אויף 4. די פּרייז־העכערונג פון דער אַרבייט־קראַפט שליסט אין דעם פאַל ניט אײן נויטיגערווייז, אַז איהר פּרייז שטייגט אַריבער איהר ווערטה. פערקעהרט, די העכערונג אין פּרייז קאָן גאָר קומען צוזאַמען מיט אַן אַרונטערפאַל אין איהר ווערטה. דאָס קומט פאָר אַלע מאָל, ווען די פּרייז־העכערונג פון דער אַרבייט־קראַפט גלייכט זיך ניט אויס מיט איהר פערשנעלערטער אָבניצונג.

מיר ווייסען, אַז אַן ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט ברענגט, מיט פאַראיבער־געהענדע אויסנאַהמען, נאָר דאַן אַן ענדערונג אין דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט און ממילא אין דער גרויס פונ׳ם מעהרווערטה, ווען די פּראָדוקטען פון די אָנגעריהרטע אינדוסטריע־צווייגען געהען אַריין אין דעם אַר־בייטער׳ס געוועהנהייטמעסיגען געברויך. אָט די בעגרעניצונג פאַלט דאָ אַוועק. וואָרים סיי די גרויס פון דער אַרבייט בייט זיך עקס־טענסיוו אָדער אינטענסיוו, קומט מיט איהר אַלעמאָל מיט אַן ענ־דערונג אין דער גרויס פון איהר ווערטה־פּראָדוקט, אונאָבהענגיק פון דער נאַטור פון דעם אַרטיקעל, אין וועלכער דער דאָזיגער ווערטה איז פערקערפּערט.

ווען די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט וואָלט פערגרעסערט געוואָרן אין אַלע אינדוסטריע־צווייגען אין דערזועלביגער צייט און אין א גלייכער מאָס, דאַן וואָלט דער נייער העכערער גראַד פון

וועל שפּעטער בעווייזען, אין דעם דריטען בוך פון אָט דער שריפט, אַז דיזעלביגע ראַטע פון מעהרווערטה קאָן זיך אויסדריקען אין די פערשיידענסטע פּראָפיט־ראַטען, און פערשיידענע ראַטען פון מעהרווערטה קאָנען זיך אויסדריקען, אונטער בעשטימטע אומשטענדען, אין דערזעלביגער פּראָפיט־ראַטע.

II. קאָנסטאַנטער אַרבייטס־טאָג, קאָנסטאַנטע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט איז וואַריאַבעל.

פערגרעסערטע אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט מיינט אַ פערמעהרטע אויסגאַבע פון אַרבייט אין אַ געגעבענער צייט. דער אינטענסיווער אַרבייטס־טאָג פערקערפּערט זיך דעריבער אין מעהר פּראָדוקטען איידער דער וועניגער־אינטענסיווער טאָג פון דערזעלביגער צאָהל שטונדען. אמת, מיט אַ פערגרעסערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט גיט דערזעלביגער אַרבייטס־טאָג אויך ארויס מעהר פּראָדוקטען. אָבער אין אָט דעם לעצטערן פאַל זינקט דער ווערטה פון דעם איינצעלנעם פּראָדוקט, ווייל ער קאָסט וועניגער אַרבייט איידער פריהער, בעת אין דעם ערשטען פאַל בלייבט ער אומפערענדערט, ווייל דער פּראָדוקט קאָסט דיזעלביגע ארבייט ווי פריהער. די צאָהל פּראָדוקטען שטייגט דאָ אָהן אַן אַרונטערפאַל פון זייער פרייז. די פרייז־סומע וואַקסט צוזאַמען מיט זייער פרייז, בעת דאָרט שטעלט זיך אַרויס דיזעלביגע ווערטה־סומע נאָר אין אַ פערגרעסערטער מאַסע פון פּראָדוקטען. ווען די צאָהל שטונדען בלייבט דיזעלביגע, פערקערפּערט זיך דעריבער דער אינטענסיווערער אַרבייטס־טאָג אין אַ פעגרעסערטען ווערטה־פּראָדוקט, און פאָלגליך, ווען דער ווערטה פון געלד בלייבט דערזעלביגער, אין מעהר געלד. דער ווערטה, וואָס ער שאַפט, ענדערט זיך אין דעם ערך אויף וויפיעל זיין אינטענסיוויטעט וויכט אָב פון דעם געזעלשאַפטליכען

קאַפּיטאַל פּראָדוצירט מעהר אָדער וועניגער איידער פריהער, קאַן די פּראָפּאָרציע פון דעם אַרבייט־לוין גאַנץ קלאָר זיך ענדערן, בעת די פּראָדוקטען־מאַסע, וואָס די דאָזיגע פּראָפּאָרציע שטעלט פאָר, בלייבט דיזעלביגע, אָדער עס קאַן זיך אויך ענדערן די פּראָדוקטען־מאַסע, בעת די פּראָפּאָרציע בלייבט דיזעלביגע."
("Outlines of Political Economy", London 1832, p. 67.)

בייט־קראַפט נעהמט זיך פון אַ פערענדערונג אין דער אַבסאָלוטער גרויס פון דער מעהר־אַרבייט און פאָלגליך פון דעם מעהרווערטה.

3. דער אַבסאָלוטער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט קאָן זיך נאָר ענדערן דורך דער צוריקווירקונג, וואָס די פערלענגערונג פון דער מעהר־אַרבייט איבט אויס אויף דער אָבניצונג פון דער דאָזיגער קראַפט. יעדע ענדערונג פון איהר אַבסאָלוטען ווערטה איז פאָלגליך אַ ווירקונג, קיינמאָל ניט די אורזאַך פון אַן ענדערונג אין דער גרויס פון'ם מעהרווערטה.

מיר נעהמען אַלעמאָל אָן, אין דעם קאַפּיטעל ווי אויך שפּעטער, אַז דער אַרבייטס־טאָג מאַכט לכתחילה אויס 12 שטונדען: 6 שטונדען נויטווענדיגע אַרבייט און 6 שטונדען מעהר־אַרבייט; אַז דער פּראָדוקט מאַכט אויס 6 שילינג, פון וועלכע איין העלפט קומט אָן דעם אַרבייטער און די אַנדער העלפט דעם קאַפּיטאַליסט.

מיר וועלען בעטראַכטען ערשטענס די פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג, אַ שטייגער פון 12 אויף 10 שטונדען. ער גיט אַרויס אַ ווערטה נישט מעהר ווי פון 5 שילינג. די מעהר־אַרבייט איז אַרונטערגעזעצט פון 6 שטונדען אויף 4, דער מעהר־ווערטה פאַלט פון 3 שילינג אויף 2. די דאָזיגע פערמינערונג פון זיין אַבסאָלוטער גרויס ציהט מיט זיך מיט אַ פערמינערונג פון זיין רעלאַטיווער גרויס. ער האָט זיך פערהאַלטען צום ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט ווי 3 צו 3, איצט פערהאַלט ער זיך נישט מעהר ווי 2 צו 3. דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט געווינט דערפאַר אין רעלאַטיווער גרויס, הגם זיין אַבסאָלוטע גרויס בלייבט דיזעלביגע. ער וואַקסט פון 3:3 אויף 2:3.

די פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג אונטער די געגעבענע בעדינגונגען, דאָס הייסט ווען די פּראָדוקטיוו־קראַפט און די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט בלייבען דיזעלביגע, לאָזט אויף דעם אופן דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט און ממילא די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט אומפערענדערט. זי פערקירצט די מעהר־אַרבייט און דעם מעהר־ווערטה. מיט דער אַבסאָלוטער גרויס פון דעם מעהרווערטה פאַלט אויך זיין רעלאַטיווע גרויס, ד.ה. זיין גרויס אין פערהעלטעניש צו

אינטענסיוויטעט געוואָרן דער געוועהנליכער געזעלשאַפטליכער נאָרמאַל־גראַד, און וואָלט דערמיט זיך אויפגעהערט צו רעכענען אַלס עקסטענסיווע גרויס. פונדעסטוועגען וואָלטען אפילו דאַן די דורכשניטליכע אינטענסיוויטעט־גראַדען פון דער ארבייט געבליבען פערשיידען ביי פערשיידענע נאַציאָנען, און וואָלטען דעריבער מאָדיפיצירט די אָנווענדונג פון דעם ווערטה־געזעץ אויף די פערשיידענע נאַציאָנאַל־ארבייטס־טעג. דער אינטענסיווערער ארבייטס־טאָג פון איין נאַציאָן וואָלט זיך פאָרגעשטעלט אין א העכערן געלד־אויסדרוק איידער דער וועניגער־אינטענסיווער ארבייטס־טאָג פון דע אנדער נאַציאָן.[12]

III. די פּראָדוקטיוו־קראַפט און די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט זיינען קאָנסטאַנט, דער אַר־בייטס־טאָג איז וואַריאַבעל.

דער ארבייטס־טאָג קאָן זיך ענדערן אין צוויי ריכטונגען. ער קאָן פערקירצט ווערן אָדער פערלענגערט ווערן. מיר בעקומען אונטער די נייע בעדינגונגען די פאָלגענדע געזעצען:

1. דער ארבייטס־טאָג פערקערפּערט זיך אין א ווערטה, וועלכער בייט זיך אין גרויס אין דעמזעלביגען זין ווי דער אַר־בייטס־טאָג: ער וואקסט אָדער פאַלט צוגלייך מיט איהם; בכן איז ער וואַריאבעל, ניט קאָנסטאַנט.

2. יעדע פערענדערונג אין דער שייכות צווישען דער גרויס פונ׳ם מעהרווערטה און דער גרויס פון דעם ווערטה פון דער אַר־

[12] „אונטער זאָנסט גלייכע בעדינגונגען קאָן דער ענגלישער פאַבריקאַנט ארויסגעבען א פיעל־גרעסערע סומע פּראָדוקטען אין א בעשטימטער צייט איידער אַן אויסלענדישער פאַבריקאַנט, אזוי אַז עס קאָן זיך דערמיט אויסגלייכען דער אונטערשייד אין דעם ארבייטס־טאָג, צווישען 60 שטונדען א וואָך דאַ און 72 אָדער 80 שטונדען א וואָך אין אויסלאַנד.“ („רעפּאָרט און אינספעקטאָר און פאַקטאָרים 31 אקטאָבער 1885“, ז. 65.) דער זיכערסטער מיטעל ווי אזוי צו פערקלענערן אָט דעם חלוק צווישען דער קאָנטינענטאַלער און ענגלישער ארבייט־שטונדע וואָלט געווען א געזעץ צו פערקירצען איז כמות די לענג פון דעם ארבייטס־טאָג אין די קאָנטינענטאַלע פאַבריקען.

ארבייטס־טאָג און ביי אַ פערגרעסערטער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט אָהן אזא פערלענגערונג פונ׳ם ארבייטס־טאָג.

מיט א פערלענגערטען ארבייטס־טאָג קאָן דער פּרייז פון דער ארביים־קראַפט פאַלען אונטער איהר ווערטה, הגם נאָמינעל בלייבט ער אומפערענדערט אָדער איז אפילו געשטיגען. דער טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט ווערט געשאצט, ווי מיר געדענקען, לויט איהר נאָרמאַלען דורכשניטליכען דויער אָדער לויט דער נאָרמאַלער לעבענס־פּעריאָדע פון דעם ארבייטער, און לויט דעם צוגעפּאסטען נאָרמאַלען אומזאַץ פון לעבענס־שטאָפען אין בעוועגונג, ווי עס איז אָנגעמאָסטען פאַר דער מענשליכער נאַטור.[14] ביז צו אַ געוויסען פונקט קאָן די פערגרעסערטע אָבניצונג פון דער ארבייט־קראַפט, וואָס לאָזט זיך ניט אָבטיילען פון אַ פערלענגערונג פון ארבייטס־טאָג, אויסגעגליכען ווערן דורך אַ גרעסערן לוין. אָבער אריבער דעם פונקט וואַקסט די אָבניצונג אין אַ געאָמעטרישען סדר, און אַלע נאָרמאַלע בעדינגונגען פון רעפּראָדוקציאָן און פונקציאָנירונג פון דער ארבייט־קראַפט ווערן צערשטערט. דער פּרייז פון דער ארבייט־קראַפט און דער גראַד, אין וועלכען זי ווערט עקספּלואַטירט, הערן אויף צו זיין סומען, וואָס קאָנען זיך מעסטען איינע מיט די אַנדערע (הערן אויף צו זיין קאָמענזוראבלע גרויסען).

IV. גלייכצייטיגע ענדערונגען אין דויער, פּראָדוקטיוו־קראַפט און אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט.

מען זעהט קלאָר, אז דאָ איז מעגליך אַ גרויסע צאָהל קאָמבינאַציעס. וועלכע עס איז צוויי פאַקטאָרען קאָנען זיך ענדערן און איינער זאָל בלייבען קאָנסטאַנט, אָדער אַלע דריי קאָנען זיך ענדערן אין דערזעלביגער צייט. זיי קאָנען זיך ענדערן אין דעמזעלביגען אָדער אין אַ פערשיידענעם גראַד, אין דערזעלביגער אָדער אין אַן ענטקעגען־געזעצטער ריכטונג, און פאַלגליך קאָנען זייערע וואַריאַ־

[14] „די סומע ארבייט, וואס א מענש האט געלייסטעט איז משך פון 24 שטונדען, קאן אויסגעפונען ווערן כמעט געגוי דורך אן אונטערזוכונג פון די כעמישע ענדערונגען, וועלכע זיינען פארגעקומען איז זיין קערפּער. דען די פארם־פערענדערונגען פון דער מאטעריע זיינען א מאסשטאב פון דער פריהערדיגער ווירקונג פון די בעוועגענדע קרעפטען.“ (Grove, "On the Correlation of Physical Forces", London 1864.)

דער ווערטה־גרויס פון דער אַרבייט־קראַפט, וועלכע בלייבט די־זעלביגע. נאָר אַראָבדריקענדיג דעם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט אונטער איהר ווערטה וואָלט דער קאַפּיטאַליסט זיך געקאָנט האַלטען אָהן היזק.

אַלע געוועהנליכע אַרגומענטען אַנטקעגען דער פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג זיינען משער, אַז די פערקירצונג קומט פאָר אונטער די אומשטענדען, וואָס מיר האָבען דאָ אָנגענומען, בעת אין דער ווירקליכקייט איז די זאַך פערקעהרט: אָן ענדערונג אין דער פּראָדוקטיוויטעט און אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט קומט ענט־ווערער פריהער פאַר דער פערקירצונג פון דעם אַרבייטס־טאָג אָדער דירעקט נאָך איהר.[12]

ביי א פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג, א שטייגער פון 12 אויף 14 שטונדען, וואַקסט דער מעהר־ווערטה פון 3 שילינג אויף 4, ווען די 2 שטונדען צוגעגעבענער אַר־בייט זיינען מעהר־אַרבייט פאַר'ן קאַפּיטאַליסט. דער מעהרווערטה וואַקסט אַבסאָלוט און רעלאַטיוו, בעת די גרויס פון דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט בלייבט אומפערענדערט אַבסאָלוט, אָבער פאַלט רעלאַטיוו, פון 3 : 3 אויף 3 : 4. אונטער די בעדינגונגען פון פאַל I האָט די רעלאַטיווע ווערטה־גרויס פון דער אַרבייט־קראַפט זיך ניט געקאָנט ענדערן אָהן אַן ענדערונג פון איהר אַב־סאָלוטער גרויס. דאָ, אין געגענטייל, איז די רעלאַטיווע ענדערונג אין דער גרויס פונ'ם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט דער רעזול־טאַט פון אַן אַבסאָלוטער ענדערונג אין גרויס פון דעם מעהרווערטה.

אַזוי ווי דער ווערטה־פּראָדוקט, אין וועלכען דער אַרבייטס־טאָג שטעלט זיך פאָר, וואַקסט מיט דער פערלענגערונג פון דעם טאָג, קאָנען ביידע, אי דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט, אי דער מעהרווערטה וואַקסען אין דערזעלביגער צייט, אין א גלייכער אָדער ניט־גלייכער מאָס. אָט דער גלייכצייטיגער וואוקס איז דעריבער מעגליך אויף צוויי אופנים, ביי אַן אַבסאָלוטער פערלענגערונג פונ'ם

---

[12] „עס זיינען פאראן אויסגלייכענדע אומשטענדען... וועלכע האבען זיך ארויסגעוויזען דורך דער ווירקזאמקייט פון דעם 10־שטונדען־געזעץ.“ (רעפּארטס און אינספּ. און פאקטאריס, 1 דעצעמבער 1848“, ז. 7.)

דיגער ארבייט, אומפערענדערט, אָבער די אַבסאָלוטע גרויס פון דעם מעהרוועטה וואקסט פון 3 אויף 4 שילינג, די גרויס פון דער מעהר־ארבייט—פון 6 אויף 8 ארבייט־שטונדען, ד. ה. אויף ⅓ אָדער 33⅓ פּראָצענט. ביי אַ פערקלענערטער פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט און אַ פערלענגערונג אין דערזעלביגער צייט פון דעם ארבייטס־טאָג, קאָן, הייסט עס, די אַבסאָלוטע גרויס פון דעם מעהרווערטה בלייבען אומפערענדערט, בעת זיין פּראָפּאָרציאָנעלע גרויס פאַלט; זיין פּראָפּאָרציאָנעלע גרויס קאָן בלייבען אומפערענדערט, בעת זיין אַבסאָלוטע גרויס וואַקסט, און לויט דעם גראַד פון דער פערלענגערונג פונ'ם ארבייטס־טאָג קאָנען זיי ביידע וואקסען.

אָט דער רעזולטאַט ווערט נאָך שנעלער דערגרייכט, ווען צוגלייך מיט דער לענג פון דער ארבייט וואַקסט אויך איהר אינטענסיוויטעט.

אין דעם צייט־משך פון 1799 ביז 1815 האָבען די שטייגענדע פּרייזען פון די לעבענסמיטלען אין ענגלאַנד מיטגעבראַכט אַ נאָמינעלע לוין־העכערונג, אָבוואויל דער ווירקליכער ארבייט־לוין, אויסגעדריקט אין לעבענסמיטלען, איז געפאַלען. וועסט און ריקאַרדאָ האָבען דערפון בעשלאָסען, אז די פערמינערונג אין דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער ערד־ארבייט האָט פעראורזאַכט אַן אראָבפאַל פון דער מעהרווערטה־ראַטע, און אָט די השערה פון אַ פאַקט, וואָס האָט נאָר עקזיסטירט אין זייער פאַנטאַזיע, האָבען זיי געמאַכט פאַר דעם אָנהויב־פּונקט פון וויכטיגע אונטערזוכונגען וועגען די רעלאַטיווע גרויסען פון ארבייט־לוין, פּראָפיט און גרונדרענטע. אין דער ווירקליכקייט אָבער איז דער מעהרווערטה דאַן געווען געוואַקסען אַבסאָלוט און רעלאַטיוו, אַ דאַנק דער געהעכערטער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט און דער געצוואונגענער פערלענגערונג פון דער אַרבייט־צייט, מיט וועלכע אַ שנעלער וואוקס פון קאַפּיטאַל און אַ פּעראַרימונג פון די ארבייטער איז געגאַנגען האַנד אין האַנד.[15] דאָס איז געווען די פּעריאָדע, ווען די פערלענ־

---

[15] „אַ הויפּט־אורזאַך פון דעם וואוקס פון קאַפּיטאַל איז משך פון דער מלחמה האָט זיך גענומען פון די גרעסערע אַנשטרענגונגען און אפשר אויך פון דער גרע־

ציעס באַלאַנסירן איינאַנצען אָדער טיילווייז איינע די אַנדערע. פונדעסטוועגען איז דער אַנאַליז פון יעדען מעגליכען פאַל גאַנץ לייכט, לויט די רעזולטאַטען, וואָס זיינען געגעבען געוואָרן אין די כּללים I, II און III. מען קאָן געפינען דעם רעזולטאַט פון יעדער מעגליכער קאָמבינאַציע, בעהאַנדלענדיג יעדען פאַקטאָר כסדר אַלס וואַריאַבעל און די אַנדערע בעת מעשה אַלס קאָנסטאַנט. מיר וועלען דאָ דעריבער אינקורצען בעטראַכטען נאָר צוויי וויכטיגע פעלען.

1. פערקלענערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט מיט אַ גלייכצייטיגער פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג.

ווען מיר רעדען דאָ וועגען אַ פערקלענערטער פּראָדוקטיווי־קראַפט פון דער אַרבייט, מיינען מיר אין אַזוינע אַרבייט־צווייגען, וואָס זייערע פּראָדוקטען בעשטימען דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט; אַזאַ פערקלענערונג צום ביישפּיעל, וואָס קומט פון אַ פערקלענערטער פרוכטבאַרקייט פון באָדען און דערפון, וואָס די באָדען־פּראָדוקטען ווערן לפי ערך טייערער. דער אַרבייטס־טאָג, לאָמיר זאָגען, איז אַ 12־שטונדיגער און זיין ווערטה־פּראָדוקט איז 6 שילינג: אַ העלפט דערפון קעהרט אום די הוצאות פון דער אַר־בייט־קראַפט, די אַנדער העלפט מאַכט אויס דעם מעהרווערטה. דער אַרבייטס־טאָג צופאַלט אויף דעם אופן אין 6 שטונדען נויט־ווענדיגער אַרבייט און 6 שטונדען מעהר־אַרבייט. צוליעב דעם, וואָס די באָדען־פּראָדוקטען זיינען טייערער געוואָרן, שטייגט דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט פון 3 אויף 4 שילינג, און פאָלגליך די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט פון 6 אויף 8 שטונדען. אויב דער אַרבייטס־טאָג בלייבט אומפערענדערט, דאַן פאַלט די מעהר־אַר־בייט פון 6 אויף 4 שטונדען, דער מעהרווערטה—פון 3 אויף 2 שילינג. אויב דער אַרבייטס־טאָג ווערט פערלענגערט אויף 2 שטונדען, ד.ה. פון 12 אויף 14 שטונדען, דאַן בלייבט די מעהר־אַרבייט 6 שטונדען, דער מעהרווערטה 3 שילינג, אָבער זיין גרויס פאַלט אין פערגלייך צום ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, גע־מאָסטען דורך דער נויטווענדיגער אַרבייט. ווען דער אַרבייטס־טאָג ווערט פערלענגערט אויף 4 שטונדען, פון 12 אויף 16 שטונדען, דאַן בלייבען די פּראָפּאָרציאָנעלע גרויסען פון מעהרווערטה און ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, פון מעהר־אַרבייט און נויטווענ־

2. פערגרעסערטע אינטענסיוויטעט און פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט מיט אַ גלייכצייטיגער פער־קירצונג פונ׳ם אַרבייטס־טאָג.

פערגרעסערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער ארבייט און איהר וואַקסענדע אינטענסיוויטעט ווירקען ביידע גלייך אין דערזעלביגער ריכטונג. ביידע פערמעהרן די מאַסע אַרטיקלען, וואָס ווערן פּראָדוצירט אין אַ געגעבענער צייט. ביידע פערקירצען, הייסט עס, דעם טייל פון אַרבייטס־טאָג, וואָס דער אַרבייטער פערברויכט צו פּראָדוצירן זיינע לעבענסמיטלען אָדער זייער עקוויוואַלענט. דער אַבסאָלוטער מינימאַל־גרעניץ פון דעם אַרבייטס־טאָג ווערט בכלל אויפגעשטעלט דורך אָט דעם נויטיגען בעשטאַנד־טייל זיינעם, וועלכער לאָזט זיך אָבער פערקירצען. ווען דער גאַנצער אַרבייטס־טאָג וואָלט איינגעשרומפּט געוואָרן ביז צו אָט דעם טייל, וואָלט פערשוואונדען געוואָרן די מעהר־אַרבייט, וואָס איז אונמעגליך אונטער דעם רעזשים פון קאַפּיטאַל. די בעזייטיגונג פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָנס־פאָרם אַליין וואָלט ערלויבט צו בעשרענקען דעם אַרבייטס־טאָג אויף דער נויטווענדיגער אַרבייט־צייט. אָבער אפילו אין דעם פאַל, אויב די איבעריגע אומשטענדען בלייבען דיזעלביגע, וואָלט די נויטווענדיגע צייט אויך אויסגעשפּרייט איהר פערנעהם. פון איין זייט, ווייל דעם אַרבייטער׳ס לעבענס־בעדינגונגען וואָלטען געוואָרן רייכער און זיינע פּאָדערונגען פון לעבען גרעסער. פון דער אַנדער זייט, ווייל אַ טייל פון דער איצטיגער מעהר־אַרבייט וואָלט זיך גערעכענט פאַר נויטווענדיגער אַרבייט, און דאָס איז די אַרבייט, וואָס וואָלט געווען נויטיג צו שאַפען אַ געזעלשאַפטליכען רעזערוו־ און אַקומולאַציאָנס־פאָנד.

וואָס מעהר עס וואַקסט די פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט, אַלץ מעהר קאָן דער אַרבייטס־טאָג פערקירצט ווערן, און וואָס מעהר דער אַרבייטס־טאָג ווערט פערקירצט, אַלץ מעהר קאָן די אינטענסיוויטעט פון דער אַרבייט וואַקסען. פון דעם געזעלשאַפטליכען שטאַנדפּונקט בעטראַכט, וואַקסט די פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט אויך מיט דער עקאָנאָמיע פון דער אַרבייט. די דאָזיגע עקאָנאָמיע שליסט איין ניט נאָר די עקאָנאָמיזירונג פון

נערונג אָהן אַ שיעור פון דעם אַרבייטס־טאָג האָט געקריגען אַ פעסטע בערעכטיגונג.[16]

סערער דחקות פון די אַרבייטער־קלאַסען, די צאַהלרייכסטע איז יעדער געזעל־שאַפט. מעהר פרויען און קינדער זיינען געוועזן געצוואונגען דורך די געדריקטע אומשטענדען צו פערדינגען זיך אַלס אַרבייט־קרעפטען: און יענע, וועלכע זיינען שוין פריהער געוועזן אַרבייטער, האָבען זיך געפיהלט געצוואונגען צו פערווענדען אַ גרעסערן טייל פון זייער צייט אויף צו פערמעהרען די פּראָדוקציאָן." ("Essays on Political Economy in which are illustrated the Principal Causes of the Present National Distress' London 1830, p. 248.)

[16] „קאָרן און אַרבייט געהען זעלטען־וועז פּאַראַלעל (בנוגע זייער פּרייז). עס איז אָבער פּאַראַן אַ קלאָרער גרעניץ, וואָס ווייטער פאַר דעם קאָנען זיי ניט אָבגעזונדערט ווערן. אין צייטען פון יקרות, וועלכע ברענגען־מיט אַן אַראָבפאַל פון אַרבייט־לויז, ווי עס איז בעמערקט געוואָרן אין די צייגונגען (פון דער פּאַר־לאַמענטאַרישער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע פון די יאָהרען 1814־15), מאַכט דער אַרבייטער־קלאַס אויסערגעוועהנליכע אַנשטרענגונגען, וואָס עס איז זעהר שעהן פון די בעטרעפענדע אינדיווידומען, און עס העלפט זיכער דעם וואוקס פון קאַפּיטאַל. אָבער קיין מענשען־פריינד וועט ניט ווינשען די לאַגע זאָל זיין אַ שטענדיגע און ניט קיין בעשרענקטע. זיי זיינען העכסט בעוואונדערונגסווערטה אַלס אַ צייטווייליגע פערלייכטערונג; ווען זיי וואָלטען אָבער שטענדיג געווען טהעטיג, וואָלטען פאָרגעקומען עהנליכע פאָלגען, ווי ווען די בעפעלקערונג פון אַ לאַנד ווערט געטריבען ביז צו דעם אויסערסטען גרעניץ פון איהרע שפּייז־מיטלען." (Malthus, "Inquiry into the Nature and Progress of Rent", London 1815, p. 48 n.) עס מאַכט מאַלטוס'ן גרויס עהרע, וואָס ער בעטאָנט די פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג, וועגען וואָס ער רעדט אויף אין אַנאַנדער אָרט פון זיין שריפט, בעת ריקאַרדאָ און אַנדערע, ניט קוקענדיג אויף די שרייענדע פאַקטען, האָבען די קאָנסטאַנטע גרויס פון אַרבייטס־טאָג געמאַכט פאַר דעם יסוד פון זייערע אַלע אונטערזוכונגען. די קאָנסערוואַטיווע אינטערעסען אָבער, וועמעס קנעכט מאַלטוס איז געווען, האָבען איהם געשטערט צו זעהן, אַז די פערלענגערונג אָהן אַ מאָס פון דעם אַרבייטס־טאָג, צוגלייך מיט אַן אויסערגעוועהנליכער ענטוויקלונג פון מאַשינעריע און דער עקספּלואַטאַציע פון פרויען־ און קינדער־אַרבייט, מוז מאַכען אַ גרויסען טייל פון דעם אַרבייטער־קלאַס איבערפליסיג, דערהויפּט אַזוי שנעל ווי די נאָכפראַגע צוליעב דעם קריעג און דער ענגלישער מאָנאָפּאָל פון דעם וועלט־מאַרק וועלען אויפהערן. עס איז נאַטירליך געווען אַ סך בעקוועמער און פיעל פּאַסיגער פאַר די אינטערעסען פון דעם הערשענדען קלאַס, וועלכע מאַלטוס האָט עכט גלח'יש פערגעטערט, די דאָזיגע „איבער־פעלקערונג" צו דערקלערן דורך די אייביגע געזעצען פון דער נאַטור, איידער נאָר דורך די היסטאָרישע געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָ־דוקציאָן.

זעכצעהנטער קאַפּיטעל.

פערשיידענע פאָרמולען פאַר דער ראַטע פונ׳ם מעהרווערטה.

מיר האָבען געזעהן, אז די ראַטע פון מעהרווערטה איז פאָר־געשטעלט אין די פאָלגענדע פאָרמולען:

I

$$\frac{\text{מעהרווערטה}}{\text{וואריאבלער קאפיטאל}} = \left[\frac{\text{מ}}{\text{ו}}\right] = \frac{\text{מעהרווערטה}}{\text{ווערטה פון דער ארבייט־קראפט}} = \frac{\text{מעהרווערטה}}{\text{נויטוועגדיגע ארבייט}}$$

די צוויי ערשטע פאָרמולען שטעלען פאַר אלס א פערהעלטניס פון ווערטהען דאָס, וואָס די דריטע פאָרמולע שטעלט פאַר אלס א פערהעלטנים פון די צייטען, אין וועלכע די דאָזיגע ווערטהען ווערן פראָדוצירט. אָט די פאָרמולען, וועלכע זיינען ממלא איינע די אנדערע, זיינען שטרענג לאָגיש. מען געפינט זיי דעריבער לויט דעם עצם נאָך, הגם ניט בעוואוסטזיניג, אויסגעארבייט אין דער קלאַסישער פאָליטישער עקאָנאָמיע. דאָרט בעגעגנען מיר דאָ־געגען די פאָלגענדע ארויסגעדרונגענע (אבגעלייטעטע) פאָרמולען:

II [16*]

$$\left(\frac{\text{מעהר־ארבייט}}{\text{ארבייטס־טאָג}}\right) = \frac{\text{מעהר־ווערטה}}{\text{פראָדוקטען־ווערטה}} = \frac{\text{מעהר־פּראָדוקט}}{\text{סך הכל פראָדוקט}}$$

איין און דיזעלביגע פּראָפּאָרציע ווערט דאָ כסדר אויסגעדריקט אין דער פאָרם פון די ארבייט־צייטען, פון די ווערטהען, אין וועלכע זיי פערקערפּערן זיך, און פון די פּראָדוקטען, אין וועלכע די דאָ־זיגע ווערטהען עקזיסטירן. עס ווערט נאַטירליך אָנגענומען, אז אונטער דעם ווערטה פון פּראָדוקט דאַרף מען פערשטעהן נאָר דעם ווערטה־פּראָדוקט פון דעם ארבייטס־טאָג, דער קאָנסטאַנטער טייל אָבער פון דעם פּראָדוקטען־ווערטה איז אויסגעשלאָסען.

[16*] מיר שטעלען די ערשטע פארמולע אין קלאמערן, ווייל דער בעגריף פון דער מעהר־ארבייט איז ניט דייטליך אויסגעשפראכען אין דער בורזשואזער פא־ליטישער עקאנאמיע. [נאטע צו דער פראנצויזישער אויסגאבע.]

די פּראָדוקציאָנס־מיטלען, נאָר אויך די פערמיידונג פון אַלע נוצלאָזע אַרבייטען. בעת דער קאַפּיטאַליסטישער אופן פון פּראָדוקציאָן צווינגט איינצופיהרן עקאָנאָמיע אין יעדען אינדיווידועלען געשעפט, ברענגט־מיט איהר אַנאַרכישער סיסטעם פון קאָנקורענץ די גרעסטע פערשווענדונג פון די געזעלשאַפטליכע פּראָדוקציאָנס־מיטלען און אַרבייט־קרעפטען, ניט צו רעדען פון דער גרויסער צאָהל פונקציעס, וואָס זיינען איצט נויטיג, אָבער זיינען אַן און פאַר זיך איבערפליסיג. ווען די אינטענסיוויטעט און פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט זיינען בעשטימט, איז דער טייל פון געזעלשאַפטליכען אַרבייטס־טאָג, וואָס איז נויטווענדיג פאַר דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן, אויף אַזויפיעל קירצער, און פאָלגליך דער טייל, וואָס ווערט ערֹאָבערט פאַר דער פרייער, גייסטיגער און געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט פון די איינצעלנע איז אויף אַזויפיעל גרעסער, אויף וויפיעל די אַרבייט איז גלייכמעסיגער פערטיילט צווישען אַלע אַרבייט־פעהיגע מיטגליעדער פון דער געזעלשאַפט, און אויף וויפיעל ווייניגער איין קלאַס פון דער געזעלשאַפט קאָן אַראָבוואַרפען פון זיך די נאַטירליכע לאַסט פון דער אַרבייט און אַרויפוואַרפען זי אויף אַנדערע. דער אַבסאָלוטער גרעניץ פאַר דער פערקירצונג פונ׳ם אַרבייטס־טאָג איז, נאָך דער ריכטונג נאָך, די אַלגעמיינהייט פון דער אַרבייט. אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט ווערט געשאַפען פרייע צייט פאַר איין קלאַס, דורכדעם וואָס די גאַנצע לעבענס־צייט פון די מאַסען ווערט פערוואַנדעלט אין אַרבייט־צייט.

אַזוי ווי די מעהר־אַרבייט קאָן שטענדיג אויסמאַכען נאָר אַ טייל פון דעם אַרבייטס־טאָג, אָדער דער מעהרווערטה קאָן זיין נאָר אַ טייל פון דעם ווערטה־פּראָדוקט, איז די מעהר־אַרבייט נויטיגער־ווייז שטענדיג קלענער איידער דער אַרבייטס־טאָג, אָדער דער מעהרווערטה איז שטענדיג קלענער איידער דער ווערטה־פּראָדוקט. אָבער כדי זיך צו פערהאַלטען ווי $\frac{100}{100}$, מוזען זיי זיין גלייך. כדי די מעהר־אַרבייט זאָל אַרומנעהמען דעם גאַנצען אַרבייטס־טאָג (עס רעדט זיך דאָ וועגען דעם דורכשניט־טאָג פון דער אַרבייט־וואָך, פון דעם אַרבייט־יאָהר א.אז.וו.), וואָלט די נויטווענדיגע אַרבייט געמוזט אַרונטערפאַלען צו נול. פערשווינדט אָבער די נויטווענדיגע אַרבייט, פערשווינדט אויך די מעהר־אַרבייט, היות ווי די לעצטע איז נאָר אַ פונקציע פון דער ערשטער [ד.ה. אַ גרויס, וואָס העננט אָב פון יענער און איז נויטיגערווייז צוזאַמענגעבונדען מיט איהר]. די פּראָפּאָרציע $\frac{\text{מעהר־ארבייט}}{\text{ארבייטס־טאג}} = \frac{\text{מעהרווערטה}}{\text{ווערטה־פראדוקט}}$ קאָן דעריבער קיינ־מאָל ניט גרייכען דעם גרעניץ $\frac{100}{100}$ און נאָך ווייניגער קאָן עס שטייגען צו $\frac{100+10}{100}$. די ראַטע פון דעם מעהרווערטה, אָדער דער ווירקליכער גראַד פון עקספּלואַטאַציע פון דער אַרבייט קאָן זעהר גוט גרייכען אַזאַ גרעניץ. נעהמט צום ביישפּיעל די אָבשאַצונג פון דעם הערן ל. דע לאַווערן, לויט וועלכער דער ענגלישער אַקערבוי־

פאַסט אויף די טהעטיגקייט פון דעם אינדוסטריעלען קאַפּיטאַליסט ווי פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פונקציעס, וועלכע זיינען דעלעגירט געוואָרן צו איהם דורך דעם קאַפּיטאַל־איינענטום. און זיינע פּראָפיטען ווי אַ פאָרם פון געהאַלט, ווייל מיר האָבען נאָך דערווייל ניט קיין אַנדערע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציע. געהאַלטער דאַרפען אָבער רעגולירט ווערן און אויך רעדוצירט ווערן, אויב זיי נעהמען צופיעל אַוועק פון דעם אַרבייט־לוין. אויף דעם אופן קאָן מען זיך אויך וועהרען אַנטקעגען מאַרקס'עס איינברוך אין דער געזעלשאַפט—אַזוי וואָלט איך אַנגערופען זיין בוך. . . . בכלל איז מאַרקס'עס בוך ניט אַזויפיעל אַן אונטערזוכונג וועגען קאַפּיטאַל, ווי אַ פּאָלעמיק אַנטקעגען די היינטיגע קאַפּיטאַל־פאָרם, וועלכע ער פערבייט מיט דעם קאַפּיטאַל־בעגריף גופא, פון וואַנען עס נעהמען זיך טאַקע זיינע טעות'ן." (בריעפע א.ז.וו. פון דר. ראָדבערטוס־יאַגעצאָוו, הערויסגעגעבען פון דר. רודאָלף מייער, בערלין 1881, ב. 1, ז. 111, 48) — אין אַט אַזעלכע אידיאָלאָגישע פלאַכקייטען האָט זיך לסוף אויסגעלאָזט די געוואָגטע אַטאַקען פון די ראָדבערטושע סאָציאַלע בריעף."]

אין אָט די אַלע פאָרמולען [אונטער II] איז דער ווירקליכער גראַד עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייט, אָדער די ראַטע פון מעהר־ווערטה, פאַלש אויסגעדריקט. לאָמיר זאָגען, דער ארבייטס־טאָג איז 12 שטונדען. מיט די אַנדערע השערות פון אונזער פריהער־דיגען ביישפּיעל שטעלט זיך פאָר אין דעם פאַל דער ווירקליכער גראַד עקספּלואַטאַציע פון דער ארבייט אין די פאָלגענדע פּראָ־פּאָרציעס:

6 שטונדען מעהר־ארבייט / 6 שטונדען נויטווענדיגע ארבייט = מעהרווערטה פון 3 שילינג / וואַריאַבלער קאַפּיטאַל פון 3 שילינג = 100 פּראָצענט.

נאָך די פאָרמולען II בעקומען מיר דאַגעגען:

6 שטונדען מעהר־ארבייט / ארבייטס־טאָג פון 12 שטונדען = מעהרוורטה פון 3 שילינג / ווערטה־פּראָדוקט פון 6 שילינג = 50 פּראָצענט.

אָט די אַרויסגעדרונגענע פאָרמולען דריקען אין דער ווירקליכ־קייט אויס די פּראָפּאָרציע, אין וועלכער דער ארבייטס־טאָג אָדער זיין ווערטה־פּראָדוקט טיילט זיך איין צווישען דעם קאַפּיטאַליסט און דעם ארבייטער. אויב מען זאָל זיי אָננעהמען אַלס דירעקטע אויסדרוקען פון דעם גראַד פון זעלבסט־פערווערטונג פון קאַפּיטאַל, דאַן נעהמט מען אָן דאָס פאַלשע געזעץ, אַז די מעהר־ארבייט אָדער דער מעהרווערטה קאָן קיינמאָל ניט דערגרייכען קיין 100 פּראָצ.[17]

---

[17] אזוי געפינט מען עס צום ביישפּיעל אין „דריטער בריעף אַן פאַן קירכמאַן פאַן ראדבערטוס. ווידערלעגונג דער ריקאַרדאשען טהעאָריע פאַן דער גרונד־רענטע אונד בעגרינדונג איינער נייען רענטענטהעאָריע. בערלין 1854.“ איך וועל נאָך שפּעטער קומען צוריק צו דער דאָזיגער שריפט, וועלכע האָט טראָץ איהר פאַלשער טהעאָריע וועגען דער גרונד־רענטע איינגעזעהן דעם עצם פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן. — [אין א נאָטע צו דער דריטער אויפ־לאַגע בעמערקט ענגעלס: „מען זעהט פון דאַנען מיט וואָס פאַר א נעפעלינקייט מאַרקס האָט געאורטיילט וועגען זיינע פאָרגענגער, וויבאַלד ער האָט נאָר ביי זיי געפונען א ווירקליכען פאָרטשריט, א ריכטיגען נייען געדאַנק. די שפּעטינערע פערעפענטליכונג פון ראדבערטוס'עס בריעף צו רוד. מייער האָט אייניגערמאַסען פערקלענערט די אַנערקענונג, וואָס מאַרקס האָט איהם געגעבען. אין יענע בריעף געפינט זיך אַזאַ שטעלע: „מען מוז ראַטעווען דעם קאַפּיטאַל ניט נאָר פון דער ארבייט, נאָר אויך פון זיך אַליין, און דאָס קאָן געטאָן ווערן אַמבעסטען, ווען מען

דער שייכות פון זייערע פערשיידענע פאקטארען אין שאפען דעם פראָדוקט.[19]

איבעריגענס קאָנען די פאָרמולען I אַלעמאָל צוריק־פערוואנדעלט ווערן אין די פאָרמולען I. אויב מיר האָבען צום ביישפּיעל (מעהר־אַרבייט פון 6 שטונדען / אַרבייטס־טאָג פון 12 שטונדען) דאַן איז די נויטווענדיגע אַרבייט־צייט גלייך צו דעם אַרבייטס־טאָג פון 12 שטונדען און פערמינערט אויף דער מעהר־אַרבייט פון 6 שטונדען, און בכן בעקומט זיך:

(100 / 100) = (מעהר אַרבייט פון 6 שטונדען / נויטווענדיגע אַרבייט פון 6 שטונדען)

אַ דריטע פאָרמולע, וועלכע איך האָב שוין ביי געלעגענהייט פערכאַפּט אויף פריהער, איז:

III

(מעהר־אַרבייט / ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט) = (מעהר־אַרבייט / נויטווענדיגע אַרבייט) = (אונבעצאָהלטע אַרבייט / בעצאָהלטע אַרבייט)

דאָס מיספערשטענדניש, צו וואָס די פאָרמולע (אונבעצאָהלטע אַרבייט / בעצאָהלטע אַרבייט) קאָן פיהרן, ווייל עס קאָן מיינען אזוי ווי דער קאפּיטאַליסט וואָלט געצאָהלט פאַר דער אַרבייט און ניט פאַר דער אַרבייט־קראַפט פאַלט אוועק נאָך דער פריהער־געגעבענער אונטערזוכונג. (אונבעצאָהלטע אַרבייט / בעצאָהלטע אַרבייט) איז נאָר אַ פּאָפּולערער אויסדרוק פאַר (מעהר־אַרבייט / נויטווענדיגע אַרבייט) דער קאַפּיטאַליסט בעצאָהלט פאַר דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט — אויף וויפיעל דער פּרייז, וואָס ער צאָהלט, שטימט מיט דעם ,ווערטה — און בעקומט אין אויסטויש דעם רשות איבער דער לעבעדיגער אַרבייט־קראַפט גופא. זיין נוץ־געניסונג פון דער דאָזיגער אַרבייט־קראַפט צופאַלט אין צוויי פּעריאָדען. אין משך פון איין פּעריאָדע פּראָדוצירט דער אַרבייטער

[19] אזוי ווי אלע ענטוויקעלטע פארמען פון דעם קאפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־פּראָצעס זיינען פאָרמען פון קאָאָפּעראַציע, איז נאַטירליך די לייכטסטע זאַך צו פערזעהן זייער אייגענטימליכען אַנטאַגאָניסטישען כאַראַקטער און אויס־דמיונ׳ען זיי אין פרייע אַסאָציאַציאָנס־פאָרמען, ווי דאָס האָט געטאָן דער גראַף א. דע לאַבאָרד: "De l'Esprit de l'Association dans tous les interets de la Communaute." Paris 1818. דער יאַנקי ה. קאָרעי טהוט אָב ביי געלעגענהייט דעמזעלבינען קונצשטיק מיט דעמזעלביגען ערפאָלג אפילו פאַר די שייכות׳ן וואָס נעהמען זיך פון דעם שקלאַווען־סיסטעם.

אַרבייטער בעקומט נאָר ¼, דער קאַפּיטאַליסט (דער פּערמער) דאַ־געגען בעקומט ¾ פונ'ם פּראָדוקט[18] אָדער פון זיין ווערטה, ניט רעדענדיג וועגען דעם ווי אַזוי דער רויב צוטיילט זיך דערנאָך צווישען דעם קאַפּיטאַליסט און גרונד־אייגענטימער א.אַז.וו. די מעהר־אַרבייט פון דעם ענגלישען ערד־אַרבייטער פערהאַלט זיך אויף דעם אופן צו זיין נויטוועגדיגער אַרבייט ווי 3 : 1—אַ ראַטע פון עקספּלואַטאַציע פון 300 פּראָצענט.

די אָנגענומענע מעטאָדע, צו בעהאַנדלען דעם אַרבייטס־טאָג אַלס אַ קאָנסטאַנטע גרויס, איז בעפעסטיגט דורך דער אָנווענדונג פון די פאָרמולען II, ווייל די מעהר־אַרבייט ווערט אין די פּעלען שטענדיג פערגליכען מיט אַן אַרבייטס־טאָג פון אַ געגעבענער גרויס. דאָס אייגענע איז ריכטיג, ווען מען האַלט אויסשליסליך אין אויג די צוטיילונג פון דעם ווערטה־פּראָדוקט. דער אַרבייטס־טאָג, וואָס האָט זיך שוין רעאַליזירט אין אַ ווערטה־פּראָדוקט, איז שטענדיג אַן אַרבייטס־טאָג פון בעשטימטע גרעניצען.

די מעטאָדע פּאָרצושטעלען דעם מעהרווערטה און דעם ווערטה פון דער אַרבייטס־קראַפט ווי ברוך־טיילען פון דעם ווערטה־פּראָ־דוקט—אַ פאָרשטעלונגס־אופן, וועלכער וואַקסט איבעריגענס אַרויס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן גופא, וואָס זיין בעדייטונג וועט זיך אַרויסווייזען שפּעטער—פערדעקט דעם ספּע־ציפישען כאַראַקטער פון דער קאַפּיטאַל־שייכות, ד.ה. דעם אויס־טויש פונ'ם וואַריאַבלען קאַפּיטאַל מיט דער לעבעדיגער אַרבייט־קראַפט און דעם פאָלגליכען אויסשליסען דעם אַרבייטער פון דעם פּראָדוקט. אַנשטאָט דעם ווירקליכען פאַקט, טרעט אַרויס דער פאַלשער שיין פון אַן אַסאָציאַציאָן־שייכות, אין וועלכער דער אַר־בייטער און קאַפּיטאַליסט צוטיילען זיך מיט דעם פּראָדוקט לויט

[18] דער טייל פון דעם פּראָדוקט, וועלכער קעהרט נאָר אום דעם אויסגעלעגטען קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, ווערט ביי אַט דער רעכענונג זעלבסטפערשטענדליך אָראָב־געצויגען. — הערר ל. דע לאַווערן, אַ בלינדער בעוואונדערער פון ענגלאַנד גיט גיכער אַז אַ צו־נידעריגע פּראָפּאָרציע איידער אַ צו־הויכע.

זעקסטער אָבטייל.

דער אַרבייטס-לוין.

א ווערטה, וואָס איז נאָר גלייך צו דעם ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט, ד.ה. נאָר אַן עקוויוואַלענט. דער קאַפּיטאַליסט, הייסט עס, בעקומט פאַר דעם אויסגעלעגטען פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט אַ פּראָדוקט פון דעמזעלביגען פּרייז. עס איז אַלץ איינס, ווי ער וואָלט דעם פּראָדוקט געקויפט אַ פאַרטיגען אויפ'ן מאַרק. פערקעהרט, אין דער פעריאָדע פון מעהר־אַרבייט שאַפט די נוץ־גענויסונג פון דער אַרבייט־קראַפט אַ ווערטה פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, וועלכער קאָסט איהם ניט קיין ווערטה־עקוויוואַלענט.[20] ער קריגט אָט די אויסגעבונג (פליסיגמאַכונג) פון דער אַרבייט־קראַפט אומזיסט. אין אָט דעם זין קאָן די מעהר־אַרבייט הייסען אונבעצאָהלטע אַרבייט.

דער קאַפּיטאַל איז דעריבער ניט נאָר די קאָמאַנדע איבער דער אַרבייט, ווי אַדאַם סמיטה זאָגט. עס איז אין גרונד גענומען די קאָמאַנדע איבער דער אונבעצאָהלטער אַרבייט. יעדער מעהר־ווערטה, אין וועלכער ספּעציעלער געשטאַלט—פּראָפיט, צינז, רענטע א.אז.וו.—ער זאָל זיך שפּעטער ניט אַרויסקריסטאַליזירן, איז לויט זיין עצם נאָך אַ פערקערפּערונג פון אונבעצאָהלטער אַרבייט־צייט. דער סעקרעט פון דער זעלבסטפערווערטונג פון קאַפּיטאַל לייזט זיך אויף אין דעם, וואָס ער האָט אין זיין רשות אַ בעשטימטען סכום אונבעצאָהלטע פרעמדע אַרבייט.

---

[20] הגם די פיזיאָקראַטען האָבען ניט דורכגעדרונגען דעם סעקרעט פון מעהר־ווערטה, איז דאָך געווען פאַר זיי אַזויפיעל קלאָר, אַז „ער איז אַ זעלבשטענדיגער און בענוצבאַרער רייכטום, וואָס ער (דער בעזיצער) האָט ניט געקויפט, און וועלכען ער פערקויפט.‟ (Turgot: Reflections sur la Formation et la Distribution des Richesses", p. 11.)

כדי צו קאָנען פערקויפט ווערן אויפ'ן מאַרק ווי אַ סחורה, מוז די אַרבייט על כל פנים עקזיסטירן, איידער זי ווערט פערקויפט. ווען דער אַרבייטער אָבער וואָלט איהר געקאָנט געבען אַ זעלבשטענדיגע עקזיסטענץ, דאַן וואָלט ער דאָך פערקויפט סחורה, ניט אַרבייט.[22]

אָבגעזעהן פון אָט די ווידערשפּרוכען, וואָלט אַ דירעקטער אויסטויש פון געלד, ד.ה. פון רעאַליזירטער אַרבייט, אויף לעבעדיגער אַרבייט, ענטוועדער בטל געמאַכט דאָס געזעץ פון ווערטה, וואָס ענטוויקעלט זיך גראָד ערשט אויפ'ן יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, אָדער ער וואָלט אָבגעשאַפט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן גופא, וועלכע איז דירעקט געבויט אויף דער לוין־אַרבייט. דער אַרבייטס־טאָג פון 12 שטונדען שטעלט זיך פאָר צום ביישפּיעל אין אַ געלד־ווערטה פון 6 שילינג. ענטוועדער עס ווערן אויסגעטוישט עקוויוואַלענטען, איז דאַן בעקומט דער אַרבייטער פאַר 12־שטונדיגער אַרבייט 6 שילינג. דער פּרייז פון זיין אַרבייט וואָלט געווען גלייך צו דעם פּרייז פון זיין פּראָדוקט. אין דעם פאַל פּראָדוצירט ער ניט קיין מעהר־אַרבייט פאַר דעם קויפער פון זיין אַרבייט, די 6 שילינג ווערן ניט פערוואַנדעלט אין קאַ־

דער ווערטה פון דער אַרבייט דאַרף געמאָסטען ווערן לויט דער קוואַנטיטעט אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן דעם לוין; מיינענדיג דערמיט די קוואַנטיטעט אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן דאָס געלד אָדער די סחורה, וואָס ווערט געגעבען דעם אַרבייטער. דאָס איז אַקוראַט ווי מען וואָלט זאָגען, אַז דער ווערטה פון טוך דאַרף ווערן געשאַצט ניט לויט דער קוואַנטיטעט אַרבייט, וואָס איז פערווענדעט געוואָרן אויף זיין פּראָדוקציאָן, נאָר לויט דער קוואַנטיטעט אַרבייט, וואָס איז אַריינגעטאָן געוואָרן צו פּראָדוצירן דאָס זילבער, פאַר וועלכען דאָס טוך ווערט אויסגעטוישט." ("A Critical Dissertation on the Nature etc. of Value", p. 50, 51.)

[22] „ווען מען רופט אַז אַרבייט אַ סחורה, איז עס דאָך ניט גלייך צו אַ סחורה, וואָס ווערט אַ פריהער פּראָדוצירט כדי זי אויסצוטוישען און ווערט דערנאָך געבראַכט אויפ'ן מאַרק, וואו זי מוז אויסגעטוישט ווערן אויף אַנדערע סחורות, לויט די בעשטימטע סומען פון יעדער סחורה, וואָס געפינט זיך אויפ'ן מאַרק. אַרבייט ווערט געשאַפען אין דעם מאָמענט, ווען זי ווערט געבראַכט אויפ'ן מאַרק, אָדער ריכטיגער געזאָגט, זי ווערט געבראַכט אויפ'ן מאַרק איידער זי ווערט נאָך געשאַפען." ("Observations on some Verbal Disputes etc.", p. 75, 76.)

זיבעצעהנטער קאַפּיטעל.

די פערוואַנדלונג פון דעם ווערטה (רעספּעקטיווע פון דעם פּרייז) פון דער אַרבייטס-קראַפט אין אַרבייטס-לוין.

אויף דער אויבערפלעך פון דער בורזשואזער געזעלשאַפט ווייזט זיך ארויס דעם אַרבייטער׳ס לוין אַלס פּרייז פון דער אַרבייט— אַ בעשטימטער סכום געלד, וואָס ווערט געצאָהלט פאַר אַ בע־שטימטען סכום אַרבייט. מען רעדט וועגען דעם ווערטה פון דער אַרבייט און זיין געלד־אויסדרוק רופט מען אָן איהר נויטווענדיגער אָדער נאַטירליכער פּרייז. פון דער אַנדער זייט רעדט מען וועגען מאַרק־פּרייזען פון דער אַרבייט, דאָס הייסט וועגען פּרייזען, וואָס בעוועגען זיך אַריבער אָדער אַרונטער איהר נויטווענדיגען פּרייז.

אָבער וואָס איז דער ווערטה פון אַ סחורה? די אָביעקטיווע פאָרם פון דער געזעלשאַפטליכער אַרבייט, וואָס איז אויסגעגעבען געוואָרן אין איהר פּראָדוקציאָן. און דורך וואָס מעסטען מיר די גרויס פון איהר ווערטה? דורך דער גרויס פון דער אַרבייט, וואָס ליעגט אין איהר. ווי אַזוי, אַלזאָ, קאָן דער ווערטה צום ביישפּיעל פון אַ 12־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג ווערן בעשטימט? דורך די 12 אַרבייט־שטונדען, וואָס זיינען ענטהאַלטען אין אַן אַרבייטס־טאָג פון 12 שטונדען—וואָס איז אַן אונזיניגע טאַוטאָלאָגיע.[21]

---

[21] „ריקאַרדאָ מיידט אויס זעהר געשיקט אַ שוועריגקייט, וועלכע שיינט אויפ׳ן ערשטען בליק צו שטעהן אין וועג פון זיין טעאָריע, אַז דער ווערטה העננט אָב פון דער קוואַנט־טע אַרבייט, וואָס איז פערבויכט געוואָרן אין דער פּראָדוק־ציאָן. ווען מען האַלט זיך שטרענג אָן דעם פּרינציפּ, קומט דערפון אַרויס, אַז דער ווערטה פון דער אַרבייט איז אָבהענגיק פון דער קוואַנטיטע אַרבייט, וואָס ווערט פערווענדעט אויף איהר פּראָדוקציאָן—וואָס איז פון אויבען־אויף אַן אונזין. דורך אַ געשיקטער ווענדונג לאָזט דעריבער ריקאַרדאָ דעם ווערטה פון דער אַרבייט אָבהענגען פון דער קוואַנטיטע אַרבייט, וואָס פאָדערט זיך צו פּראָדוצירן דעם לוין; אָדער, צו געברויכען זיין אייגענעם אויסדרוק, ער בעהויפּטעט, אַז

ווערן אין 3 שטונדען, פֿאַלט דער ווערטה אויף אַ העלפֿט אַפּילו פֿון דער סחורה, וואָס איז שוין פּראָדוצירט געוואָרן. זי שטעלט איצט פֿאַר 3 שטונדען, אַנשטאַט וואָס פֿריהער 6 שטונדען נויט־ווענדיגע געזעלשאַפֿטליכע אַרבייט. די גרויס פֿון איהר ווערטה ווערט, הייסט עס, בעשטימט דורך דעם סכום אַרבייט, וואָס פֿאָדערט זיך פֿאַר איהר פּראָדוקציאָן, ניט דורך דער רעאַליזירטער פֿאָרם פֿון דער אַרבייט.

דעם געלד־בעזיצער טרעט דירעקט אַרויס אַנטקעגען אויף'ן סחורה־מאַרק פֿאַקטיש ניט די אַרבייט, נאָר דער אַרבייטער. וואָס דער אַרבייטער פֿערקויפֿט, איז זיין אַרבייט־קראַפֿט. אַזוי שנעל ווי זיין אַרבייט פֿאַנגט זיך ווירקליך אָן, האָט זי שוין אויפֿגעהערט צו געהערן צו איהם, ער קאָן זי שוין דעריבער מעהר ניט פֿערקויפֿען. די אַרבייט איז די סובסטאַנץ און די אימאַנענטע מאָס פֿון די ווערטהען, אָבער אַליין האָט זי קיין ווערטה ניט.[25]

אין דעם אויסדרוק „דער ווערטה פֿון אַרבייט" איז דער בעגריף „ווערטה" ניט נאָר אינגאַנצען אויסגעמעקט, נאָר ער ווערט אומגעקעהרט אין זיין היפּך. עס איז אַ דמיונ'דיגער אויסדרוק, אַ שטייגער ווי דער ווערטה פֿון דער ערד. אָט די דמיונ'דיגע אויסדרוקען נעהמען זיך אָבער פֿון די פּראָדוקציאָן־שייכות'ן גופא. זיי זיינען קאַטעגאָריען פֿאַר פֿאָרמען, אין וועלכע עס ערשיינען וויכטיגע שייכות'ן (וועזענטליכע פֿערהעלטניסע). אַז אין דער ערשיינונג שטעלען זיך די זאַכען אָפֿט פֿאַר פֿערקעהרט, איז גאַנץ גוט בעקאַנט אין אַלע וויסענשאַפֿטען, אַ חוץ אין דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע.[26]

---

[25] „אַרבייט, דער אויסשליסליכער מאַסשטאַב פֿון ווערטה... די בעשאַפֿעריןן פֿון אַלע רייכטימער, איז ניט קיין סחורה." (Th. Hodgskin, "Popular Political Economy", p. 186.)

[26] פֿערקעהרט וויעדער, דערקלערן אַז אַלע אַזעלכע אויסדרוקען זיינען נישט מעהר ווי ליסענציאַ פּאָעטיקאַ [פּאָעטישע פֿרייהייט], בעווייזט נאָר די אומָמאַכט פֿון דעם אַנאַליז. פּרודאָן דריקט זיך אויס: „מען זאָגט ווענען דער אַרבייט, אַז זי האָט אַ ווערטה ('Valoir'') ניט אַזויפֿיעל ווי אַ ריכטיגע סחורה, נאָר האַבענדיג אין זין די ווערטהען, וועלכע מען נעהמט אַן, אַז עס ליגען אין איהר פּאָטענציעל [בכח]. דער ווערטה פֿון דער אַרבייט איז אַ פֿיגוראַטיווער

פיטאל, דער יסוד פון דער קאפיטאליסטישער פראדוקציאן פער־שווינדט; אויף דעם יסוד אבער פערקויפט ער זיין ארבייט און אויף דעם גרונד איז זיין ארבייט לוין־ארבייט. אדער ער בעקומט פאר 12 שטונדען ארבייט ווענינער איידער 6 שילינג, דאס הייסט ווענינער איידער 12 שטונדען ארבייט. עס קומט אויס, אז 12 שטונדען ארבייט טוישען זיך אויס אויף 10, 6 א.אז.וו. שטונדען ארבייט. גלייכשטעלען אט אזוי ניט קיין גלייכע גרויסען איז מבטל ניט נאר די ווערטה־בעשטימונג אליין. אזא ווידערשפרוך, וואס צערשטערט זיך אליין, קאן בכלל אפילו ניט אויסגעשפראכען אדער פארמולירט ווערן אלס געזעץ.[23]

עס איז קיין פעולה ניט צו וועלען ארויספיהרן דעם אויסטויש פון מעהר ארבייט אויף ווענינער ארבייט פון דעם אונטערשייד אין פארם, וואס איינע איז רעאליזירטע ארבייט און די אנדערע איז לעבעדיגע ארבייט.[24] דאס איז נאך מעהר אונזיניג דערפאר, וואס דער ווערטה פון א סחורה ווערט ניט בעשטימט דורך דעם סכום ארבייט, וואס איז ווירקליך אין איהר פערקערפערט, נאר דורך דעם סכום לעבעדיגער ארבייט, וואס איז נויטווענדיג פאר איהר פראָ־דוקציאן. א סחורה שטעלט דהינו פאר 6 ארבייט־שטונדען. אויב עס ווערן געמאכט ערפינדונגען, דורך וועלכע זי קאן פראדוצירט

---

[23] „בעטראכט מען ארבייט אלס סחורה און קאפיטאל, וואס איז א פראדוקט פון ארבייט, אויך ווי א סחורה, און אויב די ווערטהען פון די דאזיגעביידע סחורות וואלטען בעשטימט געווארן דורך גלייכע קוואנטיטעטען ארבייט, דאן וואלט א בעשטימטע סומע ארבייט ... זיך אויסגעטוישט אויף אזא סומע קא־פיטאל, וואס איז פראדוצירט געווארן דורך דערזעלבינער סומע ארבייט: פער־גאנגענע ארבייט וואלט ... זיך אויסגעטוישט פאר דערזעלבינער סומע, וואס געגענווערטיגע ארביים. אבער דער ווערטה פון ארבייט בשייכות צו אנדערע סחורות ווערט ניט בעשטימט דורך גלייכע קוואנטיטעטען ארבייט.“ (ע. דזש. ווייקפיעלד אין זיין אויסגאבע פון אדאם סמיטה׳ס „וועלטה און ניישאנס“, לאנדאן 1836, ב. 1, ז. 231, נאטע.)

[24] „מען האט געמוזט אבמאכען (אויך א מין פארם פון דעם „קאנטרא סאסיאל“), אז אין יעדען פאל, ווען מען דארף אויסטוישען פערגאנגענע ארבייט אויף צוקינפטיגער ארבייט, זאל דער לעצטער (דער קאפיטאליסט) האבען גע־צויגען א גרעסערן ווערטה איידער דער ערשטער (דער ארבייטער)“. (סימאנד דע סיסמאנדי, „דע לא רישעס קאמערסיאל“, זשענעווע 1803, באנד 1, ז. 37.)

צום ביישפּיעל אַ יאָהר, און מען האָט אויסגעפונען, אַז איהר ארויף און אראָב גלייכט זיך אויס ביז צו אַ מיטעלער דורכשניט־גרויס, ביז צו אַ קאָנסטאַנטער גרויס. אָט די מיטעלע גרויס האָט, פער־שטעהט זיך, געמוזט בעשטימט ווערן אויף אַנאַנדער אופן, איידער איהרע וואַריאַציעס, וואָס גלייכען זיך דורכשניטליך אויס. אָט דער פּרייז, וואָס הערשט איבער די צופעליגע מאַרק־פּרייזען פון דער ארבייט און רעגולירט זיי: דער „נויטוועגדיגער פּרייז" (פי־זיאָקראַטען) אָדער „נאַטירליכער פּרייז" פון דער ארבייט (אַדאַם סמיטה) קאָן זיין, ווי ביי אַנדערע סחורות, נאָר דער ווערטה, וואָס איז אויסגעדריקט אין געלד.

אויף דעם אופן האָט די פּאָליטישע עקאָנאָמיע געמיינט, אַז זי וועט קאָנען דורכדרינגען דורך די צופעליגע פּרייזען פון דער ארבייט און צוקומען צו איהר ווערטה. דער דאָזיגער ווערטה איז דאַן ווייטער, ווי ביי אַנדערע סחורות, בעשטימט געוואָרן דורך די פּראָדוקציאָנס־קאָסטען. אָבער וואָס זיינען די פּראָדוקציאָנס־קאָס־טען—פון דעם ארבייטער, דאָס הייסט די קאָסטען, כדי דעם אר־בייטער גופא צו פּראָדוצירן אָדער רעפּראָדוצירן? אָט די פראַגע האָט זיך בעוואוסטלאָז אונטערגערוקט דער פּאָליטישער עקאָנאָמיע אנשטאָט דער אורשפּרינגליכער פראַגע, וואָרים מיט די פּראָדוק־ציאָנס־קאָסטען פון דער ארבייט אַלס אַזעלכע האָט זי זיך געדרעהט אין קרייז און ניט געריהרט זיך פון אָרט. פּאָלגליך, וואָס זי האָט אָנגערופען דער ווערטה פון דער ארבייט (value of labor), איז אין דער ווירקליכקייט דער ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט, וואָס עקזיסטירט אין דער פּערזענליכקייט פון דעם אַרבייטער, און איז פונקט אַזוי פערשיידען פון איהר פונקציע, פון דער אַרבייט, ווי אַ מאַשין איז פערשיידען פון איהרע אָפּעראַציעס. זיינענדיג בעשעפטיגט מיט דעם אונטערשייד צווישען די מאַרק־פּרייזען פון דער ארבייט און איהר אַזוי־גערופענעם ווערטה, מיט דער שייכות פון דעם דאָזיגען ווערטה צו דער פּראָפיט־ראַטע, צו די ווערטהען פון סחורות, וואָס ווערן פּראָדוצירט דורך דער פערמיטלונג פון דער אַרבייט, א.אַז.וו., האָט מען קיינמאָל ניט ענטדעקט, אַז דער גאַנג פון דעם אַנאַליז האָט געפיהרט ניט נאָר פון די מאַרק־פּרייזען פון דער ארבייט צו איהר כלומר'שטיגען ווערטה, נאָר אַז ער האָט

די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע האָט געבאָרגט אָהן ווייטערער קריטיק ביי דעם אַלטעגליכען לעבען די קאַטעגאָריע „פּרייז פון דער אַרבייט“, כדי דערנאָך זיך צו פרעגען, ווי אַזוי ווערט אָט דער פּרייז בעשטימט? זי האָט באַלד איינגעזעהן, אַז די וועקסלונג פון דער שייכות פון נאָכפראַגע און אָנבאָט דערקלערט בנוגע דעם פּרייז פון דער אַרבייט, ווי בנוגע יעדער אַנדער סחורה, מעהר גאָרנישט ווי די וועקסלונג, ד.ה. די שוואַנקונג פון די מאַרק־פּרייזען אַריבער אָדער אַרונטער אַ געוויסער גרויס. אויב דער אָנבאָט און די נאָכפראַגע דעקען איינע די אַנדערע, הערט אויף די פּרייז־שוואַנקונג, ווען די אומשטענדען בלייבען זאָנסט דיזעלביגע. אָבער דאַן הערען נאָכפראַגע און אָנבאָט אויך אויף צו דערקלערן וואָס עס איז. דער פּרייז פון דער אַרבייט, ווען נאָכפראַגע און אָנבאָט דעקען זיך, איז איהר בעשטימטער פּרייז, וואָס העגנט ניט אָב פון דער נאָכפראַגע און דעם אָנבאָט; עס איז איהר נאַטירליכער פּרייז, וועלכער איז אויף דעם אופן קלאָר געוואָרן אַלס דער ריכטיגער געגענשטאַנד פון דער אונטערזוכונג. אָדער מען האָט גענומען אַ לענגערע פּעריאָדע פון די שוואַנקונגען פון מאַרק־פּרייז,

---

אויסדרוק א.אז.וו.“ דערויף בעמערק איך (אין „מיזער דע לאַ פילאָסאָפיע, ז. 34, 35) : „ער זעהט אין דער סחורה אַרבייט, וועלכע איז אַ מורא׳דיגע רעאַליטעט, נישט מעהר ווי אַ גראַמאַטישען טעות. לויט דעם נאָך קומט אויס, אַז די גאַנצע היינטיגע געזעלשאַפט, וואָס איז געבויט אויף דעם סחורה־כאַראַקטער פון דער אַרבייט, איז פון איצט אָן אַ פּאָעטישע פרייהייט, בעגרינדעט אויף אַ פיגוראַטיווען אויסדרוק. וויל די געזעלשאַפט „אויסראַטען אַלע איבלען“, פון וועלכע זי האָט צו ליידען, איז זאָל זי אויסראַטען די ניט־ריכטיגע אויסדרוקען, זאָל זי נאָר ענדערן די שפּראַך; און וועגען דעם דאַרף זי זיך בלויז ווענדען צו דער אַקאַדעמיע, כדי צו פערלאַנגען פון איהר אַ נייע אויסגאַבע פון איהר ווערטערבוך.“ נאָך בעקוועמער, נאַטירליך, איז גאָר ניט אַריינצודענקען זיך אין דעם בעגריף ווערטה. מען קאָן דאַן, גאָר ניט קלערענדיג, אַלץ אַריינשטעלען אין אָט דער קאַטאַגאָריע. אַזוי טהוט צ.ב.ש. זש. ב. סעי: „וואָס איז „ווערטה“? ענטפער: „דאָס, וואָס אַ זאַך איז ווערטה.“ און וואָס איז „פּרייז“? ענטפער: „דער ווערטה פון אַ זאַך, אויסגעדריקט אין געלד.“ און ווארום האָט „די אַרבייט פון דער ערד... אַ ווערטה? ווייל מען גיט פאַר איהר אַ פּרייז.“ אַלזאָ, ווערטה איז וואָס אַ זאַך איז ווערטה, און די ערד האָט אַ „ווערטה“, ווייל מען דריקט אויס איהר ווערטה אין געלד. דאָס איז יעדענפאַלס אַ זעהר איינפאַכע מעטאָדע ווי צו פערענטפערן זיך דעם „ווארום“ און „ווי אַזוי“ פון זאַכען.

אַזוי ווי דער ווערטה פון דער אַרבייט איז נאָר אַן אונראַציאָנאַלער אויסדרוק פאַר דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, פערשטעהט זיך ממילא, אַז דער ווערטה פון דער אַרבייט מוז שטענדיג זיין קלענער איידער איהר ווערטה־פּראָדוקט, וואָרים דער קאַפּיטאַליסט לאָזט שטענדיג די אַרבייט־קראַפט פונקציאָנירן לענגער איידער עס איז נויטיג פאַר דער רעפּראָדוקציאָן פון איהר אייגענעם ווערטה. אין דעם פריהערדיגען ביישפּיעל איז דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, וואָס פונקציאָנירט אין משך פון 12 שטונדען, 3 שילינג—אַ ווערטה, וואָס זי דאַרף האָבען כדי איהם צו רעפּראָדוצירן, נאָר 6 שטונדען. איהר ווערטה־פּראָדוקט איז דאַגעגען 6 שילינג, ווייל אין דער ווירקליכקייט פונקציאָנירט זי אין משך פון 12 שטונדען, און איהר ווערטה־פּראָדוקט העננט ניט אָב פון איהר אייגענעם ווערטה, נאָר פון דער צייט וואָס איהר פונקציע געדויערט. מען בעקומט אויף דעם אופן דעם רעזולטאַט, וואָס קוקט אויס אויפ'ן ערשטען בליק ווי אַן אונזין, אַז אַרבייט, וועלכע שאַפט אַ ווערטה פון 6 שילינג, בעזיצט אַ ווערטה פון 3 שילינג.[27]

מיר זעהען ווייטער: דער ווערטה פון 3 שילינג, אין וועלכען עס איז פאַרגעשטעלט דער בעצאָהלטער טייל פון דעם אַרבייטס־טאָג, ד.ה. די 6־שטונדיגע אַרבייט, ערשיינט אַלס ווערטה אָדער פּרייז פון דעם גאַנצען אַרבייטס־טאָג פון 12 שטונדען, וועלכער ענטהאַלט 6 ניט־בעצאָהלטע שטונדען. די פאָרם פון דעם אַרבייטס־לוין לעשט אויף דעם אופן אויס יעדען שפּור פון דער צוטיילונג פונ'ם אַרבייטס־טאָג אויף נויטווענדיגער אַרבייט און מעהר־אַרבייט, אויף בעצאָהלטער און ניט־בעצאָהלטער אַרבייט. די גאַנצע אַרבייט ערשיינט אַלס בעצאָהלטע אַרבייט. אין דער לייבאייגענשאַפט אונטערשיידט זיך די אַרבייט, וואָס דער לייבאייגענער טהוט פאַר זיך אַליין, פון דער צוואַנג־אַרבייט, וואָס ער

---

[27] זעה „צור קריטיק דער פּאָליטישען עקאָנאָמיע", בערלין 1859, ז. 40, וואו איך דערקלער, אַז ביי דער בעטראַכטונג פון קאַפּיטאַל וועט געלייזט ווערן דער פּראָבלעם: „ווי אַזוי פיהרט די פּראָדוקציאָן, אויפ'ן באַזיס פון טויש־ווערטה, וועלכער ווערט בעשטימט בלויז דורך דער אַרבייט־צייט, צו דעם רעזולטאַט, אַז דער טויש־ווערטה פון דער אַרבייט איז קלענער איידער דער טויש־ווערטה פון איהר פּראָדוקט?"

געפיהרט ווידער אויפצולייזען דעם דאָזיגען ווערטה פון דער אַר־בייט גופא אין דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט. די בע־וואוסטלאָזיגקייט וועגען אָט דעם רעזולטאַט פון איהר אייגענעם אַנאַליז, די קריטיקלאָזע אָננאַהמע פון די קאַטעגאָריען „ווערטה פון דער אַרבייט“, „נאַטירליכער פרייז פון דער אַרבייט“ א.אַז.וו. אַלס ענדליכע און פאָלשטענדיג־געניגענדע אויסדרוקען פון דער בע־האַנדעלטער ווערטה־שייכות, האָט פערוויקעלט, ווי מיר וועלען שפּעטער זעהן, די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע אין טומלעני־שען און ווידערשפּרוכען, פון וועלכע זי האָט זיך ניט געקאָנט אַרויספּלאָנטערן, געבענדיג אין דערזעלביגער צייט דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע אַ זיכערן אָפּעראַציאָנס־באַזיס פאַר איהר פלאַכקייט, וועלכע דיענט פּרינציפּיעל נאָר שיינבאַרקייטען.

לאָמיר איצט זעהן, ווי ווערטה און פרייז פון דער אַרבייט־קראַפט שטעלען זיך פאָר אין זייער פערוואַנדעלטער פאָרם אַלס אַרבייטס־לוין.

מיר ווייסען, אַז דער טאָג־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז אויסגערעכענט אויף אַ געוויסער לענג פון דעם אַרבייטער׳ס לעבען, מיט וועלכער עס שטימט אַ געוויסע לענג פון דעם אַרבייטס־טאָג. נעהמט אָן, אַז דער געוועהנהייטמעסיגער אַרבייטס־טאָג בעטרעפט 12 שטונדען און דער טאָג־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט 3 שי־לינג—דער געלד־אויסדרוק פון אַ ווערטה, אין וועלכען עס שטעלען זיך פאָר 6 אַרבייטס־שטונדען. אויב דער אַרבייטער בעקומט 3 שילינג, הייסט עס אַז ער קריגט דעם ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט, וועלכע פונקציאָנירט אין משך פון 12 שטונדען. אויב אָט דער טאָג־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט ווערט איצט אויס־געדריקט אַלס דער ווערטה פון דער טאָג־אַרבייט, בעקומט זיך דאַן די פאָרמולע: די 12־שטונדיגע אַרבייט האָט אַ ווערטה פון 3 שילינג. דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט בעשטימט אויף דעם אופן דעם ווערטה פון דער אַרבייט, אָדער אויסגעדריקט אין געלד—איהר נויטווענדיגען פרייז. אויב, פון דער אַנדער זייט, דער פרייז פון דער אַרבייט־קראַפט ווייכט אָב פון איהר ווערטה, דאַן ווייכט אָב אויפ׳ן זעלביגען אופן דער פרייז פון דער אַרבייט פון איהר אַזוי־גערופענעם ווערטה.

וויסע געלד־סומע, דער פערקויפער—אַן אַרטיקעל וואָס איז עפּעס אַנדערש איידער געלד. דער יוריסטישער קאָפּ דערקענט אין דעם העכסטענס אַ מאַטעריעלען חלוק, וואָס דריקט זיך אויס אין די יורידיש־גלייכווערטיגע פאָרמולען: "Do ut des: do ut facias; facio ut des; facio ut facias." [„איך גיב כדי דו זאָלסט געבען; איך גיב כדי דו זאָלסט טהאָן; איך טהו כדי דו זאָלסט געבען; איך טהו כדי דו זאָלסט טהאָן"—די פיער גרונד־פאָרמען פון דעם רוימישען אָבליגאַציאָנס־רעכט.]

ווייטער. אַזוי ווי טויש־ווערטה און געברויך־ווערטה זיינען אַן און פאַר זיך גרויסען, וואָס לאָזען זיך ניט מעסטען איינע אויף די אַנדערע (אינקאָמענזוראַבלע גרויסען), זעהט דעריבער ניט אויס דער אויסדרוק „דער ווערטה פון דער אַרבייט", „דער פּרייז פון דער אַרבייט" מעהר אונראַציאָנעל, איידער דער אויסדרוק „דער ווערטה פון באַוועל", דער פּרייז פון באַוועל". דערצו קומט נאָך דער אומשטאַנד, וואָס דער אַרבייטער קריגט בעצאָהלט נאָכדעם ווי ער האָט געליפערט זיין אַרבייט. דאָס געלד אָבער, אין זיין פונקציע אַלס צאָהלונגס־מיטעל, רעאַליזירט דערנאָך (נאָכטרעגליך) דעם ווערטה אָדער פּרייז פון דעם געליפערטען אַרטיקעל, ד.ה. אין אָט דעם פאַל—דעם ווערטה אָדער פּרייז פון דער געליפערטער אַרבייט. ענדליך, דער „געברויך־ווערטה", וואָס דער אַרבייטער ליפערט דעם קאַפּיטאַליסט, איז אין דער ווירקליכקייט ניט זיין אַרבייט־קראַפט, נאָר איהר פונקציע, אַ בעשטימטע ניצליכע אַר־בייט, שניידער־אַרבייט, שוסטער־אַרבייט, שפּין־אַרבייט א.אַז.וו. אַז אָט דיזעלביגע אַרבייט איז, פון אַנאַנדער זייט בעטראַכט, דער אַלגעמיינער ווערט־שאַפענדער עלעמענט, און בעזיצט אַן אייגענ־שאַפט, דורך וועלכער זי אונטערשיידט זיך פון אַלע אַנדערע סחורות—אַזוי ווייט גרייכט ניט די השגה פון דעם געוועהנליכען פערשטאַנד.

ווען מיר שטעלען זיך אויף דעם שטאַנדפּונקט פון דעם אַר־בייטער, וועלכער בעקומט צום ביישפּיעל פאַר 12־שטונדיגער אַר־בייט דעם ווערטה־פּראָדוקט פון 6־שטונדיגער אַרבייט, לאָמיר זאָגען 3 שילינג, דאַן זעהען מיר, אַז זיין 12־שטונדיגע אַרבייט איז פאַר איהם פאַקטיש דער קויף־מיטעל פון די 3 שילינג. דער ווערטה פון

טהוט פאַר'ן פּריז, אין רוים און אין צייט, בחוש און ממשות'דיג. אין דער שקלאַווערייַ ערשיינט אפילו דער טייל פון'ם ארבייטס־טאָג, אין וועלכען דער שקלאַוו קעהרט נאָר אום דעם ווערטה פון זיינע אייגענע לעבענס־מיטלען, ווען ער אַרבייט, הייסט עס, פּאַקטיש פאַר זיך אַליין, אויך ווי אַרבייט, וואָס ער טהוט פאַר זיין האַרן. די גאַנצע אַרבייט זיינע ערשיינט אַלס ניט־בעצאָהלטע אַרבייט.[28] אין דער לוין־אַרבייט ערשיינט, פערקעהרט, אפילו די מעהר־אַרבייט אָדער ניט־בעצאָהלטע אַרבייט אויך ווי בעצאָהלטע. די אייגענטום־שייכות פערבאָרגט דאָרטן דעם שקלאַוו'ס אַרבייטען פאַר זיך אַליין, די געלד־שייכות פערבאָרגט דאָ דאָס אומזיסט אַרבייטען פון דעם לוין־אַרבייטער.

מען קאָן דעריבער בעגרייפען ווי ענטשיידענד וויכטיג עס איז די פערוואַנדלונג פון ווערטה און פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט אין דער פאָרם פון אַרבייטס־לוין אָדער אין דעם ווערטה און פּרייז פון דער אַרבייט גופא. אויף אָט דער ערשיינונג־פאָרם, וועלכע פערשטעלט די ווירקליכע שייכות און צייגט אַרויס גראָד איהר היפך, זיינען געבויט אַלע רעכט־פאָרשטעלונגען פון די אַרבייטער ווי פון די קאַפּיטאַליסטען, אַלע מיסטיפיקאַציעס פון דעם קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, אַלע זיינע פרייהייט־אילוזיעס, אַלע אַפּאָלאָגעטישע פּשט'לעך פון דער וואולגאַר־עקאָנאָמיע.

אויב עס האָט דער וועלט־געשיכטע גענומען אַ לאַנגע צייט ביז זי איז דערגאַנגען דעם סוד פון'ם אַרבייט־לוין, איז פערקעהרט דערפאַר ניטאָ קיין לייכטערע זאַך צו פערשטעהן ווי די נויטווענדיגקייט, דעם רעזאָן ד'עטר פון דער דאָזיגער ערשיינונג־פאָרם.

דער אויסטויש צווישען קאַפּיטאַל און אַרבייט שטעלט זיך פאָר צוערשט פאַר'ן שכל פונקט אויפ'ן זעלביגען שטייגער ווי דער קויף און פערקויף פון אַלע אַנדערע סחורות. דער קויפער גיט אַ גע־

---

[28] דער „מארנינג סטאר", א נאריש־נאאיווער לאנדאנער פרייהאנדעל־ארגאן, האט אין דער צייט פונ'ם אמעריקאנער בירגער־קריעג נאכאנאנד מרעיש עולמות געווען מיט גרויס מאראלישען גרימצארן, אז די נעגער אין די „קאנפעדערייט סטייטס" ארבייטען גאר אומזיסט. ער האט געדארפט מוחל זיין פערגלייכען די טאג־קאסטען פון אזא נעגער מיט די קאסטען צום ביישפיעל פון דעם פרייען ארבייטער אין לאנדאנער איסט־ענד.

ווערטה. ער זעהט דעריבער קיינמאָל ניט איין, אַז אויב עס וואָלט ווירקליך עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי דער ווערטה פון דער ארבייט, און ער וואָלט ווירקליך בעצאָהלט אָט דעם ווערטה, וואָלט קיין קאַפּיטאַל ניט עקזיסטירט און זיין געלד וואָלט קיינמאָל ניט פערוואנדעלט געוואָרן אין קאַפּיטאַל.

דערצו צייגט די ווירקליכע בעוועגונג פון דעם ארבייטס־לוין אַזוינע ערשיינונגען, וועלכע בעווייזען אין פלוג, אַז עס איז ניט דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, וואָס ווערט בעצאָהלט, נאָר דער ווערטה פון איהר פונקציע, פון דער ארבייט גופא. אָט די ערשיינונגען קאָנען מיר איינטיילען אין צוויי גרויסע קלאַסען. 1. אַן ענדערונג פון ארבייטס־לוין מיט דער געענדערטער לענג פון דעם ארבייטס־טאָג. מען וואָלט אָבער פונקט אַזוי גוט געקאָנט קומען צום שלוס, אַז מען בעצאָהלט ניט דעם ווערטה פון דער מאַשין, נאָר דער ווערטה פון איהרע אָפּעראַציעס, וואָרים עס קאָסט מעהר צו דינגען אַ מאַשין אויף אַ וואָך, איידער אויף איין טאָג. 2. דער אינדיווידועלער אונטערשייד אין די לוינען פון פערשיידענע ארבייטער, וועלכע פיהרן דורך דיזעלבע פונקציע. מיר געפינען דעמזעלביגען אונטערשייד—נאָר מיר לאָזען זיך פון איהם ניט פערפיהרן—אויך אין דעם סיסטעם פון שקלאַווערייי, וואו די אַרבייט־קראַפט גופא ווערט פערקויפט פראַנק און פריי אָהן דריידלעך. נישט מעהר, אין דעם שקלאַווען־סיסטעם געהערט דער ריוח פון אַן ארבייט־קראַפט, וואָס שטעהט איבער דעם דורכשניט, אָדער דער היזק פון אַן ארבייט־קראַפט, וואָס שטעהט אונטער דעם דורכשניט, צו דעם שקלאַווען־אייגענטימער, און אין דעם סיסטעם פון דער לוין־אַרבייט געהערט עס דעם אַרבייטער אַליין, ווייל אין איין פאַל פערקויפט ער אַליין זיין ארבייט־קראַפט, און אין דעם אַנדער פאַל ווערט זי פערקויפט פון אַ דריטער פערזאָן.

איבעריגענס, וואָס איז שייך דער ערשיינונגס־פאָרם „ווערטה און פרייז פון דער ארבייט" אָדער „ארבייטס־לוין", אין אונטערשייד צו דער עצם־דיגער שייכות, וועלכע ערשיינט, ד.ה. דעם ווערטה און פרייז פון דער אַרבייט־קראַפט, קאָן מען זאָגען דאָסזעלביגע, וואָס פון אַלע ערשיינונגס־פאָרמען און זייער פערבאָר־

זיין אַרבייט־קראַפט מעג זיך ענדערן, לויט דעם ווערטה פון זיינע געוועהנהייטמעסיגע לעבענס־מיטלען, פון 3 אויף 4 שילינג, אָדער פון 3 אויף 2 שילינג; אָדער ווען דער ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט בלייבט דערזעלביגער, מעג איהר פּרייז שטייגען אויף 4 שילינג אָדער פאַלען אויף 2 שילינג, צוליעב אַן ענדערונג אין דער שייכות פון נאָכפראַגע און אָנבאָט—ער גיט שטענדיג 12 אַרבייט־שטונדען. יעדע ענדערונג אין דער גרויס פון דעם עקוויוואַלענט, וואָס ער בעקומט, זעהט איהם דעריבער נויטיגערווייז אויס ווי אַן ענדערונג אין דעם ווערטה אָדער פּרייז פון זיינע 12 אַרבייט־שטונדען. אָט דער אומשטאַנד האָט גראָד פערקעהרט געפיהרט אַדאַם סמיטה'ן, וועלכער האָט בעטראַכט דעם אַרבייטס־טאָג אַלס אַ קאָנסטאַנטע גרויס,[29] צו דער בעהויפּטונג, אַז דער ווערטה פון דער אַרבייט איז קאָנסטאַנט, אפילו ווען דער ווערטה פון די לעבענס־מיטלען ענ־דערט זיך און דערזעלביגער אַרבייטס־טאָג שטעלט זיך פאַלגליך פאַר פאַר'ן אַרבייטער אין מעהר אָדער ווייניגער געלד. ער זאָגט:

„דער פּרייז (אין אַרבייט), וואָס דער אַרבייטער צאָהלט, מוז אַלעמאָל זיין דערזעלביגער, וויפיעל עס זאָל ניט וואַקסען די סומע גיטער, וואָס ער בעקומט דערפאַר. דער דאָזיגער פּרייז קאָן איינ־מאָל קויפען אַ גרעסערע סומע גיטער, אַנאַנדערש מאָל—אַ קלע־נערע סומע; אָבער דאָן איז דאָס זייער ווערטה, וואָס בייט זיך, און ניט דער ווערטה פון דער אַרבייט, וועלכער קויפט זיי." [29*]

ווען מיר נעהמען פון דער אַנדער זייט דעם קאַפּיטאַליסט, זעהען מיר, אַז ער וויל קריגען אַזויפיעל אַרבייט ווי מעגליך פאַר אַזוי ווייניג געלד ווי מעגליך. פּאַקטיש אינטערעסירט איהם דערי־בער נאָר דער דיפערענץ צווישען דעם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און דעם ווערטה, וואָס איהר פונקציע שאַפט. ער זוכט אָבער אַלע סחורות צו קויפען אַזוי ביליג ווי מעגליך, און דער־קלערט זיך אַלעמאָל, אַז זיין פּראָפיט קומט פון פּשוט'ער רמאות, פון קויפען אונטער דעם ווערטה און פערקויפען איבער דעם

---

[29] אדאם סמיטה דייטעט אז נאר צופעליג אויף די פערענדערונגען פון דעם ארבייטס־טאג, בעת ער רעדט ווענגן דעם שטיק־לוין.

[29*] (A. Smith, "Wealth of Nations", b. I, ch. 5.)

אכטצעהנטער קאַפּיטעל.

דער צייט-לוין.

דער אַרבייטס־לוין גופא נעהמט ווידער אַן זעהר פיעלפאַכיגע פאָרמען—אַן אומשטאַנד, וואָס מען קאָן ניט ארויסזעהן פון די עקאָנאָמישע לעהר־ביכער, וועלכע זיינען אַזוי ברוטאַל פער־אינטערעסירט אין דער מאַטעריעלער זייט, אז זיי פערנאַכלעסיגען יעדען אונטערשייד אין פאָרם. אַ פאַנאַנדערלעגונג אָבער פון די דאָזיגע אַלע פאָרמען געהערט צו דער ספּעציעלער לעהרע וועגען דער לוין־אַרבייט, און בכן ניט אין אָט דעם ווערק. דאָך מוז מען דאָ קורץ ענטוויקלען די צוויי הערשענדע גרונד־פאָרמען.

דער פערקויף פון דער אַרבייט־קראַפט, ווי מען קאָן זיך ער־אינערן, קומט פאָר אויף אַ בעשטימטער פּעריאָדע פון צייט. די פערוואַנדעלטע פאָרם, אין וועלכער עס שטעלט זיך דירעקט פאָר דער טאָג־ווערטה, וואָך־ווערטה א.אז.וו. פון דער אַרבייט־קראַפט, איז דעריבער די פאָרם פונ'ם צייט־לוין, ד.ה. דער טאָג־לוין א.אז.וו.

מען מוז דאָ גלייך בעמערקען, אַז די געזעצען, וואָס זיינען דערקלערט געוואָרן אין 15טען קאַפּיטעל וועגען די ענדערונגען אין דער גרויס פונ'ם פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט און דעם מעהר־ווערטה, פערוואַנדלען זיך דורך אַן איינפאַכער פאָרם־פערענדערונג אין געזעצען פון דעם אַרבייט־לוין. אַזוי אויך ווייזט זיך איצט אַרויס דער אונטערשייד צווישען דעם טוישווערטה פון דער אַר־בייט־קראַפט און דער סומע לעבענסמיטלען, אין וועלכע דער דאָ־זיגער ווערטה געהט אַריבער, אַלס אונטערשייד צווישען אַ נאָמי־נעלען און רעעלען אַרבייט־לוין. עס וואָלט געווען נוצלאָז צו וויע־דערהאָלען דאָ בנוגע דער ערשיינונגס־פאָרם, דאָס וואָס איז שוין ענטוויקעלט געוואָרן בנוגע דער עצם'דיגער פאָרם. מיר וועלען זיך דעריבער בעשרענקען אויף אייניגע פּונקטען, וועלכע כאַראַק־טעריזירן דעם צייט־לוין.

גענעם הינטערגרונד. די ערשטע ווידערהאָלען זיך דירעקט, פון זיך אליין, אלס קוראַנטע דענק־פאָרמען, די אנדערע מוז ערשט ענטדעקט ווערן דורך דער וויסענשאַפט. די קלאַסישע פּאָליטישע עקאָנאָמיע שטויסט זיך נאָהענט אָן אויף דער אמת'ער לאַגע פון דער זאַך, זי פאָרמולירט עס אָבער ניט בעוואוסטזיניג. זי קאָן דאָס ניט טהאָן, כל זמן זי שטעקט אין איהר בורזשואזער הויט.

דער ארבייט־קראפט 3 שילינג, האט דער פרייז פון דער ארבייט־שטונדע בעטראפען 3⅗ פענס; ער פאלט ארונטער צו 3 פענס, אזויבאלד ווי דער ארבייטס־טאג שטייגט צו 12 שטונדען, און צו 2⅖ פענס, אזויבאלד ווי דער ארבייטס־טאג שטייגט צו 15 שטונדען. דער טאג־ אדער וואכען־לוין בלייבט אלץ אומפערענדערט. פערקעהרט, דער טאג־לוין אדער וואך־לוין קאן שטייגען, הגם דער פרייז פון דער ארבייט בלייבט קאנסטאנט אדער אפילו אויב ער פאלט. אויב, צום ביישפיעל, דער ארבייטס־טאג איז געוועזן 10־שטונדיג און דער טאג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט איז 3 שילינג, דאן איז דער פרייז פון אן ארבייט־שטונדע 3⅗ פענס. אויב עס ווערט מעהר ארבייט און דער ארבייטער ארבייט 12 שטונדען אויף דעמזעלביגען פרייז פון דער ארבייט, שטייגט דאן זיין טאג־לוין אויף 3 שילינג 7⅕ פענס, הגם דער פרייז פון דער ארבייט האט זיך ניט געענדערט. דערזעלביגער רעזולטאט וואלט געקאנט ארויסקומען, ווען אנשטאט דער עקסטענסיווער גרויס פון דער ארבייט, וואלט גרעסער געווארן איהר אינטענסיווע גרויס.[32] דאס שטייגען פון דעם נאמינעלען טאג־ אדער וואכען־לוין קאן דעריבער זיין בעגלייט פון א גלייכבלייבענדען אדער פאלענדען פרייז פון דער ארבייט. דאס אייגענע איז ריכטיג וועגען דער הכנסה פון דער ארבייטער־פאמיליע, אזויבאלד ווי דער סכום ארבייט, וואס דער הויפט פון דער פאמיליע ליפערט, ווערט פערמעהרט דורך דער ארבייט פון די פאמיליען־מיטגליעדער. עס זיינען אלזא פאראן מעטאדען ארונטערצודריקען דעם פרייז פון דער ארבייט,

---

[32] „דער ארבייטס־לוין העננט אב פון דעם פרייז פון דער ארבייט און דער סומע געלייסטעטער ארבייט.... א העכערונג פון דעם ארבייט־לוין בעטייט נאך ניט נויטיגערווייז א העכערונג פון דעם פרייז פון דער ארבייט. ביי לענגערער ארבייט־צייט און גרעסערער אנשטרענגונג קאן דער ארבייט־לוין היבש פערגרעסערט ווערן, בעת דער פרייז פון דער ארבייט בלייבט אלץ דערזעלביגער.“ (וועסט, דארט גופא, ז. 67, 68, 112.) די הויפט פראגע, ווי אזוי ווערט בעשטימט דער פרייז פון דער ארבייט פטר׳ט איבעריגענס וועסט אב מיט באנאלע פראזען.

די געלד־סומע,[20] וואָס דער ארבייטער בעקומט פאר זיין טאָג־ארבייט, וואָך־ארבייט א.אז.וו., מאכט אויס דעם בעטרעף פון זיין נאָמינעלען ארבייט־לוין, אָדער פון דעם לוין, וואָס איז געשאצט לויט דעם ווערטה. עס איז אָבער קלאָר, אז דערזעלביגער טאָג־לוין, וואָכען־לוין א.א.וו. קאָן פאָרשטעלען, לויט נאָך דער לענג פונ׳ם ארבייטס־טאָג, לויט נאָך דער סומע ארבייט, הייסט עס, וואָס ער ליפערט טעגליך, א זעהר פערשיידענעם פרייז פון דער ארבייט, דאָס הייסט זעהר פערשיידענע געלד־סומען פאר דעמזעלביגען סכום ארבייט.[21] בנוגע דעם צייט־לוין מוז מען, הייסט עס, ווידער אונטערשיידען צווישען דעם סך הכל פון דעם ארבייט־לוין, טאָג־לוין, וואָכען־לוין א.אז.וו., און דעם פרייז פון דער ארבייט. ווי אזוי אָבער געפינט מען אָט דעם פרייז, דאָס הייסט דעם געלד־ווערטה פון א בעשטימטען סכום ארבייט? דעם דורכשניטליכען פרייז פון דער ארבייט געפינט מען צוטיילענדיג דעם דורכשניטליכען טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט אויף דער צאָהל שטונדען פון דעם דורכשניטליכען ארבייטס־טאָג. אויב צום ביישפּיעל דער טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט איז 3 שילינג —דער ווערטה פון דעם פּראָדוקט פון 6 ארבייט־שטונדען—און דער ארבייטס־טאָג איז א 12־שטונדיגער, דאן איז דער פרייז פון איין ארבייט־שטונדע = 3 שילינג / 12 = 3 פענס. דער פרייז פון דער ארבייט שטונדע, וואָס איז אויף דעם אופן אויסגעפונען געוואָרן, דיענט ווי אן איינהייט־מאָס פאר דעם פרייז פון דער ארבייט.

דערפון פאָלגט, אז דער טאָג־לוין, וואָך־לוין א.אז.וו. קאָן בלייבען דערזעלביגער, הגם דער פרייז פון דער ארבייט האלט נאָכאנאנד אין פאלען. אויב, צום ביישפּיעל, דער געוועהנהייטמעסיגער ארבייטס־טאָג איז געווען 10 שטונדען און דער טאָג־ווערטה פון

---

[20] דער געלד־ווערטה גופא ווערט דא אלעמאל אנגענומען אלס קאָנסטאנט.

[21] „דער פרייז פון דער ארבייט איז די סומע, וואָס ווערט געצאהלט פאר א בעשטימטער קוואנטיטעט ארבייט.“ (Sir Edward West, "Price of Corn and Wages of Labor" London 1826, p. 67.) וועסט איז דער פערפאסער פון אן אנאנימער עפּאכע־מאכענדער שריפט אין דער געשיכטע פון דער פּאליטישער עקאָנאָמיע. Essay on the Application of Capital to Land. By a Fellow of the University College of Oxford. London 1815.

3 פענס און איהר ווערטה־פּראָדוקט—6 פענס. אויב דער ארביי־טער ווערט בעשעפטיגט וועניגער איידער 12 שטונדען א טאָג (אָדער וועניגער איידער 6 טעג אין דער וואָך), צום ביישפּיעל נאָר 6 אָדער 8 שטונדען, דאַן בעקומט ער, ביי דעם דאָזיגען פּרייז פון דער אר־בייט, נאָר 2 שילינג אָדער 1½ שילינג טאָג־לוין. אַזוי ווי לויט דער השערה מוז ער אַרבייטען אין דורכשניט 6 שטונדען א טאָג, כדי צו פּראָדוצירן נאָר איין טאָג־לוין, וואָס שטימט מיט דעם ווערטה פון זיין אַרבייט־קראַפט; און אַזוי ווי, לויט דערזעלביגער השערה, אַרבייט ער אין יעדער שטונדע נאָר אַ העלפט פאַר זיך און די אַנדער העלפט פאַר דעם קאַפּיטאַליסט—איז דערפון קלאָר, אז ער קאָן ניט אַרויסשלאָגען דעם ווערטה־פּראָדוקט פון 6 שטונדען, ווען ער איז בעשעפטיגט וועניגער איידער 12 שטונדען. אויב מיר האָבען פריהער געזעהן די צערשטערענדע פאָלגען פון איבער־אר־בייט, ענטדעקט מען דאָ די קוואַלען פון די ליידען, וואָס דער אר־בייטער האָט אויסצושטעהן פון צו־וועניג אַרבייט.[34]

אויב דער שטונדען־לוין איז פעסטגעשטעלט אויף אַזאַ אופן, אז דער קאַפּיטאַליסט פערפּליכטעט זיך ניט צו צאָהלען א טאָג־ליכען אָדער וועכענטליכען לוין, נאָר בלויז פאַר די אַרבייט־שטונ־דען, וואָס איהם געפעלט צו בעשעפטיגען דעם אַרבייטער, קאָן ער איהם בעשעפטיגען אויף אַ קירצערער צייט איידער די, וואָס איז לכתחילה געווען דער באַזיס אויף אָבצושאַצען דעם שטונדען־לוין אָדער וואָס האָט אויסגעמאַכט די מאָס־איינהייט פאַר דעם פּרייז פון דער אַרבייט. אַזוי ווי די דאָזיגע מאָס־איינהייט איז בעשטימט

[34] די ווירקונג פון אַזאַ אַבנאָרמאַלען דוחק אין אַרבייט איז לגמרי פער־שיידען פון דער פערקלענערטער בעשעפטיגונג, וואָס קומט דורך אַן אַלגעמיינער געזעצליכער פערקירצונג פון׳ם אַרבייטס־טאָג. דער ערשטער האָט מיט דער אַב־סאָלוטער לענג פון דעם אַרבייטס־טאָג גאָרניט צו טהאָן און קאָן פּאַרקומען פונקט אַזוי גוט ביי א 15־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג, ווי ביי א 6־שטונדיגען. דער נאָר־מאַלער פּרייז פון דער אַרבייט איז אין דעם ערשטען פאַל אויסגערעכנט אויפ׳ן באַזיס, וואָס ער אַרבייט דורכשניטליך 15 שטונדען א טאָג, אין דעם צווייטען פאַל—אויפ׳ן באַזיס פון 6 שטונדען. די ווירקונג בלייבט דעריבער דיזעלבינע, ווען ער ווערט בעשעפטיגט אין איין פאַל נאָר 7½ שטונדען, און אין דעם אַנדערען פאַל נאָר 3 שטונדען.

וואָס הענגען ניט אָב פון דער פערקלענערונג פון דעם נאָמינעלען טאָג־ אָדער וואָכען־לוין.[22]

אַלס אַן אַלגעמיינעס געזעץ אָבער קומט אויס ווי פאָלגט: איז די סומע פון דער טאָג־ אָדער וואָכען־אַרבייט אַ בעשטימטע, הענגט אָב דער טאָג־ אָדער וואָכען־לוין פונ׳ם פּרייז פון דער אַרבייט, וועלכער ענדערט זיך אַליין, ענטוועדער מיט דעם ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט, אָדער מיט די דיפערענצען צווישען איהר פּרייז און איהר ווערטה. אויב פערקעהרט, דער פּרייז פון דער אַרבייט איז אַ בעשטימטער, דאַן הענגט אָב דער טאָג־ אָדער וואָכען־לוין פון דער סומע פון דער טאָג־ אָדער וואָכען־אַרבייט.

די מאָס־איינהייט פון דעם צייט־לוין—דער פּרייז פון דער אַר־בייט־שטונדע—געפינט זיך אַרויס, ווען מען צוטיילט דעם טאָג־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט דורך דער צאָהל שטונדען פון דעם געוועהנהייטמעסיגען אַרבייט־טאָג. אָנגענומען אַז דער אַרבייטס־טאָג איז 12 שטונדען און דער טאָג־ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט איז 3 שילינג, דער ווערטה־פּראָדוקט פון 6 אַרבייט־שטונדען. אונ־טער אַט די אומשטענדען איז דער פּרייז פון דער אַרבייט־שטונדע

---

[22] דאָס שפּירט ריכטיג אַרויס דער פאַנאַטישעסטער פערטערטער פון דער אינדוסטריעלער בורזשואַזיע פון 18טען י.ה., דער פערפאַסער פון דער „עססעי אָן טרייד אַנד קאָמערס“, וועלכען מיר האָבען אָפט ציטירט, אַבוואויל ער האָט ניט קיין קלאָרע פאַרשטעלונג פון דער זאַך. „די קוואַנטיטעט פון דער אַרבייט, ניט איהר פּרייז (אונטער׳ן פּרייז פערשטעהט ער דעם נאָמינעלען טאָג־לוין אָדער אויך וואָך־לוין), ווערט בעשטימט דורך דעם פּרייז פון די לעבענסמיטלען. ווערט דער פּרייז פון די לעבענסמיטלען שטאַרק אַרונטערגעזעצט, ווערט, פערשטעהט זיך, אַרונטערגעזעצט לפי ערך אויך די קוואַנטיטעט פון דער אַרבייט.... די פאַבריקאַנטען ווייסען, אַז עס זיינען פאַראַן פערשיידענע מעטאָדען צו הויבען אָדער וואַרפען דעם פּרייז פון אַרבייט אַ חוץ די מעטאָדע צו ענדערן זיין נאָמינעלען בעטרעף.“ (אין דער דערמאַנטער שריפט, ז. 48, 61.) אין “Three Lectures on the Rate of Wages”, London 1830 פון נ. וו. סיניאָר, וואו ער בענוצט וועסט׳ס שריפט ניט דערמאַנענדיג זי, זאָגט ער צווישען אַנדערעס: „דער אַרבייטער איז הויפּטזעכליך פעראינטערעסירט אין דער הויך פון דעם אַרבייט־לוין.“ (ז. 14.) הייסט עס, דער אַרבייטער איז הויפּטזעכליך פעראינטערעסירט אין דאָס, וואָס ער בעקומט, דעם נאָמינעלען בעטרעף פון דעם לוין, ניט אין דעם, וואָס ער גיט, אין דער קוואַנטיטעט פון דער אַרבייט!

ניצונג, מיט דעם דויער פון איהר פונקציע, און אין א שנעלערער פראָפּאָרציע איידער דער וואוקס פון דעם דאָזיגען דויער. אין א סך אינדוסטריע־צווייגען, וואו צייט־לוין איז דער אלגעמיינער רעגעל, און עס זיינען ניטאָ קיין געזעצליכע גרעניצען צו דער ארבייט־צייט, האָט זיך דעריבער פון זיך אליין אויסגעבילדעט די געוועגהייט, אז דער ארבייטס־טאָג רעכענט זיך אלס נאָרמאַל נאָר ביז א געוויסען פּונקט, צום ביישפּיעל ביז עס ענדיגט זיך די צעהנטע שטונדע ("The regular hours of work," "The day's work", "Normal working day") אריבער דעם דאָזיגען גרעניץ הייסט עס שוין איבער־צייט (overtime), און נעהמענדיג די שטונדע אלס מאָס־איינהייט, ווערט די צייט בעסער בעצאָהלט (Extra pay), הגם אָפט אין א לעכערליך־קליינער פּראָפּאָרציע.[35] דער נאָרמאלער ארבייטס־טאָג עקזיסטירט דאָ אלס א ברוך־טייל פון דעם ווירקליכען ארבייטס־טאָג, און דער לעצטער געוועהרט אָפט דורכ'ן גאַנצען יאָהר לענגער איידער דער ערשטער.[36] דער וואוקס אין פּרייז פון דער ארבייט, מיט דער פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאָג איבער א געוויסען נאָרמאַל־גרעניץ, נעהמט אָן אין פערשיידענע בריטישע אינדוסטריע־צווייגען אזאַ פאָרם, אז דער נידעריגער פּרייז פון דער ארבייט אין משך פון דער אזוי־גערופענער נאָרמאַלצייט צווינגט ארויף אויף דעם ארבייטער די בעסער־בעצאָהלטע איבער־

---

[35] די ראטע פון געצאהלט פאר איבער־צייט (אין דער שפיצען־מאנופאקטור) איז אזוי קליין, ½ פעני און מעהר א שטונדע, אז זי שטעהט אין א פיינליכען קאנטראסט צו דעם גרויסען חורבן וואס זי מאכט פון דעם געזונד און דער לעבענסקראפט פון די ארבייטער.... די קליינע סומע, וואס זיי פערדיענען אויף דעם אופן, מוז אויסערדעם אפט אויסגעגעבען ווערן אויף עקסטרא נאהרונג. ("Children's Employment Commission", 2d Report, p. XVI, n. 117.)

[36] צום ביישפיעל אין דער טאפעטען־דרוקעריי פאר דער איינפיהרונג ניט לאנג צוריק פון דעם פאקריק־אקט. „מיר האבען געארבייט אהן הפסקות פאר מאהלצייטען, אזוי אז דער טאג ארבייט פון 10½ שטונדען האט זיך געענדיגט 4½ אוהר נאכמיטאג, און די ארבייט דערנאך, וואס האט זעלטען־ווען אויפגעהערט פאר 8 אוהר אבענדס, איז איבער־צייט, אזוי אז מיר האבען פאקטיש דעם גאנצען יאהר געארביים איבער־צייט." (Mr. Smith's Evidence in "Children's Employment Commission", 1st Report, p. 125.)

דורך דער פּראָפּאָרציע $\frac{\text{טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט}}{\text{ארבייטס־טאָג פון א בעשטימטער צאָהל שטונדען}}$ פערלירט זי נאַטירליך יעדען זין, אַזויבאַלד ווי דער אַרבייטס־טאָג הערט אויף צו צעהלען אַ בעשטימטע צאָהל שטונדען. דער צוזאַמענהאַנג צווישען דער בעצאָהלטער ארבייט און ניט־בעצאָהלטער ארבייט ווערט פערשוואונדען. דער קאַפּיטאַליסט קאָן איצט אַרויסשלאָגען פון דעם אַרבייטער אַ בעשטימטען סכום מעהר־ארבייט, ניט געבענדיג איהם די נויטוועדיגע אַרבייט־צייט פאַר זיין אייגענער חיונה. ער קאָן פערניכטען יעדע רעגעלמעסיגקייט פון דער בעשעפטיגונג און קאָן, לויט זיין בעקוועמליכקייט, קאַפּריז אָדער מאָמענטאַנעם אינטערעס, לאָזען די שרעקליכסטע איבער־אַרבייט זיך בייטען אויף אַ רעלאַטיווער אָדער אבסאָלוטער אַרבייטלאָזיגקייט. אונטער דעם אויסרייד, אז ער צאָהלט דעם „נאָרמאַלען פּרייז פון דער אַרבייט“, קאָן ער פערלענגערן אבנאָרמאַל דעם אַרבייטס־טאָג אָהן אַ וועלכער עס איז געהעריגער פערגעלטונג פאַר דעם אַרבייטער. דעריבער האָבען די לאָנדאָנער אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דעם בוי־פאַך, גאַנץ פערנינפטיג געמאַכט אַן אויפשטאַנד (1860) אנטקעגען דעם פערזוך פון די קאַפּיטאַליסטען ארויפצוצווינגען אויף זיי דעם דאָזיגען שטונדען־לוין. די געזעצליכע בעשרענקונג פון דעם אַרבייטס־טאָג מאַכט אַ סוף פון אַזאַ צרה'דיגען צושטאַנד, הגם, פערשטעהט זיך, ניט צו דעם דוחק אין אַרבייט, וואָס נעהמט זיך פון דער קאָנקורענץ פון מאַשינעריע, פון דער ענדערונג אין דער קוואַליטעט פון די בעשעפטיגטע אַרבייטער, אָדער פון טיילווייזע און אַלגעמיינע קריזיסען.

מיט אַ פערגרעסערטען טאָג־ אָדער וואָכען־לוין קאָן דער פּרייז פון דער אַרבייט נאָמינעל בלייבען קאָנסטאַנט און דאָך אַרונטער־זינקען אונטער זיין נאָרמאַלען גראַד. דאָס קומט אַלעמאָל פאָר, וויבאַלד דער אַרבייטס־טאָג ווערט פערלענגערט אַריבער זיין געוועהנהייטמעסיגען דויער און דער פּרייז פון דער אַרבייט, ד.ה. פון דער אַרבייט־שטונדע, בלייבט קאָנסטאַנט. אויב אין דעם ברוך־צאָהל: $\frac{\text{טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט}}{\text{ארבייטס־טאָג}}$ וואַקסט דער בעצייכנער [נעננער, דענאָמינאַטאָר], וואַקסט דער צעהלער נאָך שנעלער. דער ווערטה פון דער אַרבייט־קראַפט וואַקסט, מחמת איהר אָב־

עס איז אן אלגעמיין־בעקאנטער פאקט, אז וואס לענגער דער ארבייטס־טאג איז אין א געוויסען אינדוסטריע־צווייג, אויף אזוי־פיעל נידעריגער איז דער ארבייט־לוין.[39] דער פאבריק־אינספעקטאר א. רעדגראוו אילוסטרירט דאס דורך א פערגלייכענדער איבערזיכט פון דער צוואנציג־יאהריגער פעריאדע פון 1839 ביז 1859, לויט וועלכער עס ווייזט זיך ארויס, אז אין די פאבריקען, וואס זיינען אונטערוואָרפען דעם 10־שטונדען־געזעץ, איז דער ארבייטס־לוין געשטיגען, בעת אין די פאבריקען, וואו מען ארבייט פון 14 ביז 15 שטונדען טעגליך, איז דער לוין געפאלען.[40]

מיר האבען אויבען פארמולירט דאס געזעץ: ווען דער פרייז פון דער ארבייט איז א בעשטימטער, הענגט אב דער טאג־ אדער וואכען־לוין פון דער קוואנטיטעט געליפערטער ארבייט. פון אט דעם געזעץ פאלגט ערשטענס, אז וואס נידעריגער עס איז דער פרייז פון דער ארבייט, אלץ גרעסער מוז זיין דער סכום ארבייט, אדער אלץ לענגער מוז זיין דער ארבייטס־טאג, כדי דער ארבייטער זאל זיין געזיכערט אפילו מיט אן עלענדען דורכשניט־לוין. די נידעריגקייט פון דעם ארבייט־פרייז ווירקט דא אלס א סטימול צו פערלענגערן די ארבייט־צייט.[41]

---

[39] „עס איז א בעקאנטער פאקט, אז דארט וואו לאנגע ארבייט־צייט איז דער רעגעל, געפינט מען פונקט אזוי רעגעלמעסיג קליינע לוינען.“ („רעפארטס עטצ., 31 אקטאבער 1863“, ז. 9.) „די ארבייט, ביי וועלכער מען פערדיענט בלויז אויף דער ארימסטער נאהרונג, איז דאס רוב אזא, ביי וועלכער מען ארבייט די לענגסטע שטונדען.“ (“Public Health, 6th Report 1864”, p. 15.)

[40] „רעפארטס און אינספעקטאר און פאקטארים, 30 אפריל 1860“, ז. 31, 32.

[41] די האנד־נעגעל מאכער אין ענגלאנד צום ביישפיעל מוזען, צוליעב דעם נידעריגען ארבייט־פרייז, ארבייטען 5 שטונדען א טאג, כדי ארויסצושלאגען דעם עלענדסטען וואכען־לוין. „עס זיינען פיעל, פיעל שטונדען אין א טאג און ער מוז שווער ארבייטען די גאנצע צייט ארויסצושלאגען 11 פענס אדער 1 שילינג, און דערפון געהען אוועק פון 2½ ביז 3 פענס אין אבניצונג פון די געצייג, די קאסטען פון פייער און אבפאל פון אייזען.“ („טשילדרענ׳ס עמפ. קאמ.“, 3טער ראפארט, ז. 136, נ. 671.) די פרויען פערדיענען ביי דערזעלביגער ארבייט־צייט ניט מעהר ווי 5 שילינג א וואך. (דארט גופא, ז. 137, נ. 674.)

צייט, אויב ער וויל אַרויסשלאָגן אַ געניגענדען אַרבייטס־לוין.[37] די געזעצליכע בעשרענקונג פון דעם אַרבייטס־טאָג האָט געמאַכט אַ סוף פון אָט דעם פערגעניגען.[38]

---

[37] צום ביישפּיעל אין די שאָטלאַנדישע בלייכערייען. „אין איינינגע טיילען פון שאָטלאַנד איז די דאָזיגע אינדוסטריע (איידער עס איז איינגעפיהרט געוואָרן דאָס פאַבריק־געזעץ פון 1862) אַנגעפיהרט געוואָרן אויף דעם סיסטעם פון איבער־צייט, דאָס הייסט 10 שטונדען האָבען זיך גערעכענט אַלס נאָרמאַלער אַרבייטס־טאָג. אַ מאַן האָט פאַר דער אַרבייט בעקומען 1 שילינג מיט 2 פּענס. דערצו אָבער איז טעגליך צוגעקומען אַן איבער־צייט פון 3 אָדער 4 שטונדען, פאַר וועלכער מען האָט געצאָהלט 3 פּענס אַ שטונדע. דער רעזולטאַט פון דעם סיסטעם: אַ מאַן, וואָס האָט נאָר געאַרבייט די נאָרמאַל־צייט, האָט נאָר געקאָנט פערדיענען אַ וואָכען־לוין פון 8 שילינג. אָהן איבער־צייט איז דער לוין ניט גענוג אויף אַ לעבען.“ („רעפּאָרטס אוו אינספּ. אוו פאַקטאָריעס“, 30 אַפּריל 1863, ז. 10.) „די עקסטראַ־צאָהלונג פאַר איבער־צייט איז אַ נסיון, וועלכען די אַרבייטער קאָנען ניט ביישטעהן.“ (ד. ג., ז. 5.) די בוכבינדעריי אין סיטי אוו לאָנדאָן בעשעפטיגט זעהר פיעל יונגע מיידלעך פון 14 ביז 15 יאָהר אַלט, און געוועהנליך אונטער אַ לעהרלינג־קאָנטראַקט, וואָס שרייבט פאַר בעשטימטע אַרבייט־שטונדען. ניט קוקענדיג אויף דעם אַרבייטען זיי די לעצטע וואָך פון יעדען מאָנאַט ביז 10, 11, 12 און 1 אוהר ביינאַכט, צוזאַמען מיט די עלטערע אַרבייטער, אין אַ זעהר געמישטער געזעלשאַפט. „די מייסטערס רעדען זיי איבער דורך אַן עקסטראַ לוין און אַ גוטען אָבענד־מאָהלצייט, וואָס זיי גיבען זיי צו עסען אין די דערבייאיגע טראַקטירען. די גרויסע אויסגעלאַסענקייט וואָס ווערט אויף דעם אופן געשאַפען צווישען די דאָזיגע “Young Immortals” [יונגוואַ־ג, וואָס שטאַרבט קיינמאָל ניט אויס], ווי די „קאָמישיאָן“ (ד. ג., 5טער רעפּאָרט, ז. 44, נ. 191) דריקט זיך אויס, ווערט דורכדעם פערגיטיגט, וואָס צווישען אַנדערע זאַכען בינדען זיי אויך איין פיעלע ביבעלס און אַנדערע רע־ליגיעזע ביכער.

[38] זעה „רעפּאָרטס עטצ., 30 אַפּריל 1863“, ז. 5. די לאָנדאָנער אַרבייטער, וואָס זיינען בעשעפטיגט אין דעם בוי־פאַך, האָבען מיט אַ גאַנץ ריכטיגער קריטיק פון דער זאַך־לאַגע ערקלערט בעת דעם גרויסען סטרייק און „לאָק־אויט“ פון 1860, אַז זיי וועלען אַננעהמען דעם שטונדען־לוין נאָר אונטער צוויי בעדינגונגען: 1) אַז צוזאַמען מיט דעם פּרייז פון דער אַרבייט־שטונדע זאָל פעסטגעשטעלט ווערן אַ נאָרמאַל־אַרבייטסטאָג פון 9 און 10 שטונדען, און דער פּרייז פאַר דער שטונדע פון דעם צעהן־שטונדיגען אַרבייטס־טאָג זאָל זיין גרעסער ווי פאַר דעם ניין־שטונדיגען; 2) אַז יעדע שטונדע אַריבער דעם נאָרמאַל־טאָג זאָל אַלס איבער־צייט בעצאָהלט ווערן לפי ערך העכער.

פּרייז פון דער אַרבייט. דער ניט־בעצאָהלטער טייל פון׳ם אַרבייט־פּרייז מוז זיך ניט רעכענען אין דעם פּרייז פון דער סחורה. ער קאָן אָוועקגעשענקט ווערן דעם סחורה־קויפער. דאָס איז דער ערשטער טריט, צו וועלכען די קאָנקורענץ פיהרט. דער צווייטער טריט, צו וואָס זי טרייבט, איז אויסצושליסען פון דעם פערקויף־פּרייז פון דער סחורה וועניגסטענס א טייל פון דעם אַבנאָרמאַלען מעהרווערטה, וואָס איז געשאַפען געוואָרן דורך דער פערלענגערונג פון דעם אַרבייטס־טאָג. אויף אָט דעם אופן בילדעט זיך אויס צוערשט ספּאָראַדיש, און וואָס ווייטער אַלץ מעהר בעפעסטיגט, אַן אַבנאָרמאַל־נידעריגער פערקויף־פּרייז פון סחורה, וועלכער ווערט פון דאַן אָן די שטענדיגע גרונדלאַגע פון א טרויעריגען אַרבייטס־לוין פאַר אַן איבערמעסיגער אַרבייט־צייט, ווי ער איז לכתחילה געווען דער פּראָדוקט פון פּונקט דיזעלביגע אומשטענדען. מיר ווייזען בלויז אָן אויף אָט דער בעוועגונג, היות ווי דער אַנאַליז פון דער קאָנקורענץ געהערט ניט דאָ אַהער. דאָך וועלען מיר א וויילע לאָזען דעם קאַפּיטאַליסט אַליין רעדען.

„אין בירמינגאַם איז די קאָנקורענץ צווישען די מייסטערס אַזוי גרויס, אַז פיעלע פון זיי זיינען געצוואונגען צו טהאָן געוויסע זאַכען אַלס אַרבייט־געבער, וואָס זיי וואָלטען זאָנסט זיך געשעהמט צו טהאָן; און דאָך מאַכט מען ניט מעהר געלד, נאָר דאָס פּובליקום האָט די נוצען דערפון.“ [42] דער לעזער וועט זיך דערמאָנען וועגען די צוויי סאָרטען לאָנדאָנער בעקער, פון וועלכע איין סאָרט פערקויפט ברויט צום פולען פּרייז ("the full-priced bakers"), און דער אַנדערער פערקויפט אונטער דעם נאָרמאַלען פּרייז (the "under-priced", the under-sellers). די „פול־פּרייזד“ קלאָגען אָן זייערע קאָנקורענטען פאַר דער פּאַרלאַמענטאַרישער אונטערזוכונגס־קאָמיסיע ווי פאָלגט: „זיי עקזיסטירן נאָר דורכדעם, וואָס זיי בעטריגען ערשטענס דאָס פּובליקום (פעלשענדיג די סחורה), און צווייטענס, וואָס זיי שינדען אַרויס פון זייערע אַרבייטער אַכטצעהן־שטונדען אַרבייט פאַר דעם לוין פון צוועלף־שטונדיגער אַרבייט.

---

[42] "Children's Employment Commission, 3d Report", Evidence p. 66, n. 22.

פערקעהרט וויעדער, די פערלענגערונג פון דער ארבייט־צייט ברענגט ארויס פון איהר זייט אן ארונטערפאל אין דעם ארבייט־פרייז און ממילא אין דעם טאג־ אדער וואכען־לוין.

די בעשטימונג פון דעם ארבייט־פרייז דורך דער ברוך־צאהל: טאג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט / ארבייטס־טאג פון א בעשטימטער שטונדען־צאהל בעווייזט, אז די בלויזע פערלענגערונג פון דעם ארבייטס־טאג ווארפט שוין ארונטער דעם ארבייט־פרייז, אויב עס טרעט ניט אריין קיין פערגיטיגונג. אבער דיזעלביגע אומשטענדען, וועלכע לאזען דעם קאפיטאליסט דויער־האפטיג פערלענגערן דעם ארבייטס־טאג, גיבען איהם אויך צוערשט די מעגליכקייט און ענדליך צווינגען זיי איהם ארונטער־צו־ווארפען אפילו דעם נאמינעלען ארבייט־פרייז, ביז דער גאנצער פרייז פון די פערמעהרטע צאהל שטונדען ווערט נעפאלען, דאס הייסט עס פאלט דער טאג־ אדער וואכען־לוין. דא וועט זיין גענוג אנצו־ווייזען אויף צוויי אומשטענדען. ווען 1 מאן טהוט אב די ארבייט פון 1½ אדער 2 מענער, וואקסט דערמיט דער צושטעל פון ארבייט, הגם דער צושטעל פון די ארבייט־קרעפטען, וואס געפינען זיך אויפ'ן מארק, בלייבט דערזעלביגער. די קאנקורענץ, וואס ווערט אויף דעם אופן געשאפען צווישען די ארבייטער, דערלאזט דעם קאפי־טאליסט אראבדריקען דעם פרייז פון דער ארבייט, און דער גע־פאלענער פרייז גיט איהם וויעדער די מעגליכקייט ארויפצוציהען נאך מעהר די ארבייט־צייט.[42] באלד אבער ווערט אט די געוועל־טיגונג איבער אבנארמאלע סכום'ען פון ניט־בעצאהלטער ארבייט, ד.ה. קוואנטיטעטען, וואס שטייגען אריבער דעם געזעלשאפטליכען דורכשניטס־גראד, א מיטעל פון קאנקורענץ צווישען די קאפיטא־ליסטען גופא. א טייל פון דעם סחורה־פרייז בעשטעהט פון דעם

[42] ווען א פאבריק־ארבייטער צ.ב.ש. ענטזאגט זיך צו ארבייטען די איינגע־פיהרטע לאנגע שטונדען, ווערט באלד זיין פלאץ פערנומען פון אנאנדערן, וועלכער איז גרייט צו ארבייטען ווי לאנג מען וויל, און דער ערשטער ווערט ארויסגעווארפען אויפ'ן גאס. („רעפארטס עטצ. אקטאבער 1848, „עווידענס", ז. 39, נ. 58.) „ווען איין מאן טהוט די ארבייט פון צווייען... ווערט די ראטע פון פראפיט בכלל שטייגען... ווייל אט דער גרעסערער אנבאט פון ארבייט זעצט ארונטער איהר פרייז." (Senior, "Three Lectures on the Rate of Wages", London 1830, p. 14.)

ער אפילו, יענער זאָל צאָהלען עקסטראַ פאַר דער דאָזיגער איבער־צייט. ווידער אמאָל וויים ער ניט, אז די דאָזיגע עקסטראַ־צאָהלונג שליסט פונקט אזוי גוט איין אונבעצאָהלטע ארבייט, ווי דער פרייז פון דער געוועהנליכער ארבייט־שטונדע. צום ביישפּיעל, דער פרייז פון א שטונדע פון דעם 12־שטונדיגען ארבייטס־טאָג איז 3 פענס—דער ווערטה־פּראָדוקט פון ½ ארבייט־שטונדע, בעת דער פרייז פון אַן איבער־צייטיגער ארבייט־שטונדע איז 4 פענס—דער ווערטה־פּראָדוקט פון ⅔ ארבייט־שטונדע. אין ערשטען פאַל נעהמט זיך צו דער קאַפּיטאַליסט פון יעדער ארבייט־שטונדע ½, אין דעם אַנדערן פאַל ⅓, פאַר וועלכער ער בעצאָהלט ניט.

....די אונבעצאהלטע ארבייט פון די ארבייטער איז דער מיטעל, מיט וועלכען דער קאנקורענץ־קאמף ווערט אנגעפיהרט.... די קאנקורענץ צווישען די בעקער־מייסטערס איז די אורזאך פון דער שוועריגקייט אבצושאפען די נאכט־ארבייט. א בעקער, וואס פערקויפט ברויט אונטער דעם קאסט־פרייז פון די מעהל, מוז ארויסשלאגען זיין ריוח פון דער איבעריגער ארבייט פון זיינע ארבייטער. ווען איך קריג ארויס נאר 12 שטונדען ארבייט פון מיינע מענשען און מיין נאכבאר בעקומט ארויס 18 אדער 20 שטונדען, קאן ער מיך, פערשטעהט זיך, שלאגען אין דעם פערקויף־פרייז. ווען די ארבייטער וואלטען געקאנט פועל'ן, מען זאל זיי בעצאהלען פאר איבער־צייט, וואלט שוין רעכט געווארן.... א גרויסע צאהל פון די, וואס ארבייטען ביי די דאזיגע אונטערן פרייז־פערקויפער, זיינען פרעמדע און יונגע לייט, וועלכע זיינען געצוואונגען אנצונעהמען יעדען לוין, וואס זיי קאנען קריגען."[44]

אט די יערעמיאדע [קלאג־טענות] איז אינטערעסאנט אויך דעריבער, ווייל זי בעווייזט, ווי אין דעם קאפיטאליסטישען מוח שפיעגעלט זיך נאר אב דער שיין פון די פראדוקציאנס־שייכות'ן. דער קאפיטאליסט ווייס ניט, אז דער נארמאלער פרייז פון דער ארבייט שליסט אויך איין א בעשטימטען סכום אונבעצאהלטער ארבייט, און אז טאקע די דאזיגע אונבעצאהלטע ארבייט איז דער נארמאלער קוואל פון זיין ריוח. די קאטעגאריע מעהר־ארבייט־צייט עקזיסטירט בכלל ניט פאר איהם, היות ווי עס איז איינגעשלאסען אין דעם נארמאלען ארבייטס־טאג, פאר וועלכען ער מיינט, אז ער בעצאהלט אין דעם טאג־לוין. דערפאר אבער עקזיסטירט פאר איהם די איבער־צייט, די פערלענגערונג פון'ם ארבייטס־טאג אריבער דעם גרעניץ, וואס שטימט מיט דעם געוועהנטען פרייז פון דער ארבייט. בנוגע זיין קאנקורענט, וואס פערקויפט אונטער'ן פרייז, פערלאנגט

---

[44] "Report etc. relative to the Grievances complained of by the Journeymen Bakers." London 1862′ p. LII. Evidence, n. 479, 359, 27. יערענפאלס אויף די „פול־פרייזד", ווי עס איז פריהער דערמאנט געווארן און ווי זייער ווארט־פיהרער בעננעטט איז מודה, לאזען זייערע מענשען, „אנפאנגען די ארבייט אום 11 אוהר אבענדס אדער פריהער און פערלענגערן זי אפט ביז 7 אוהר אויף מארגען אין אבענד." (דארט גופא, ז. 22.)

נעבען די אנדערע אין דיזעלביגע געשעפט־צווייגען. צום ביי־שפיעל: „די זעצער אין לאָנדאָן ארבייטען בדרך כלל לויט שטיק־לוין, בעת צייט־לוין איז ביי זיי נאָר אַן אויסנאַהם. פּער־קעהרט, ביי די זעצער אין די פּראָווינצען איז צייט־לוין דער רעגעל און שטיק־לוין די אויסנאַהם. די שיפען־בויער אין לאָנדאָנער האַפען קריגען געצאָהלט לויט שטיק־לוין; אין אַלע אַנדערע ענג־לישע האַפענס — לויט צייט־לוין.“ [46] אין דיזעלביגע לאָנדאָנער זאָטלער־ווערקשטאַטען צאָהלט מען אָפט פאַר דערזעלביגער אר־בייט די פראַנצויזען לויט שטיק־לוין און די ענגלענדער לויט צייט־לוין. אין די ריכטיגע פאַבריקען, וואו עס הערשט אין אַלגעמיין דער שטיק־לוין, לאָזען זיך איינצעלנע ארבייט־פונקציעס צוליעב טעכנישע גרונדען נים מעסטען מיט דער מאָס און ווערן פאָלגליך געצאָהלט לויט צייט־לוין. [47] עס איז אָבער קלאָר פאַר זיך אַליין, אַז די פערשיידענהייט אין דער פאָרם פון אויסצאָהלען דעם אר־בייטס־לוין ענדערט גאָרניט בנוגע זיין עצם, הגם איין פאָרם קאָן

---

[46] T. J. Dunning, "Trade Unions and Strikes", London 1860, p. 22.

[47] ווי אזוי די עקזיסטענץ פון אט די צוויי פארמען פון ארבייט־לוין גלייכ־צייטיג און איינע נעבען די אנדערע גיט דעם פאבריקאנט א מעגליכקייט אבצו־נארן די ארבייטער, קאן מען זעהן פון דאס פאלגענדע: „א פאבריק בעשעפטיגט 400 מענשען, פון וועלכע א העלפט ארבייטען פון שטיק און האבען דעריבער א דירעקטען אינטערעס צו ארבייטען לענגערע שטונדען. די אנדערע 200 קריגען בעצאהלט פון טאג, ארבייטען פונקט אזוי לאנג ווי די אנדערע און קריגען ניט קיין געצאהלט פאר דער איבער־צייט.... די ארבייט פון אט די 200 מענשען אין משך פון ½ שטונדע איז גלייך צו דער ארבייט פון איין מענשען אין משך פון 50 שטונדען אדער צו ⅝ פון דער וועכענטליכער ארבייט־לייסטונג פון איין מאן, און בעטייט פאר דעם פאבריקאנט א גאנץ היבשען ריוח.“ („רעפארטס עטצ.“, 31 אקטאבער 1860, ז. 9.) „איבערצייט־ארבייט הערשט נאך אלץ אין א גרויסען ערך: און אין די מעהרסטע פעלען מיט דער זיכערקייט אנטקעגען ענטדעקונג און בעשטראפונג, וועלכע דאס געזעץ אליין גיט זיי. איך האב אין פיעלע פריהערדיגע בעריכטען... אויפגעצייגט דאס אומרעכט, וואס ווערט בע־גאנגען אנטקעגען אלע ארבייטער, וועלכע זיינען ניט בעשעפטיגט פון שטיק, נאר בעקומען א וואכען־לוין.“ (לעאנארד הארנער אין „רעפּרטס עטצ.“, 30 אפריל 1859, ז. 8, 9.)

ניינצעהנטער קאפיטעל.

דער שטיק־לוין.

דער שטיק־לוין איז מעהר גארנישט ווי א פערוואנדעלטע פארם פון דעם צייט־לוין, אזוי ווי דער צייט־לוין איז די פערוואנדעלטע פארם פון דעם ווערטה אדער פרייז פון דער ארבייט־קראפט.

ביי דעם שטיק־לוין זעהט עס אויס אויפ'ן ערשטען בליק אזוי ווי דער געברויך־ווערטה, וואס דער ארבייטער פערקויפט, איז ניט די פונקציע פון זיין ארבייט־קראפט, לעבעדיגע ארבייט, נאר ארבייט, וואס איז שוין רעאליזירט אין דעם פראדוקט, און אזוי ווי דער פרייז פון דער דאזיגער ארבייט ווערט ניט בעשטימט, ווי ביי דעם צייט־לוין, דורך דער ברוך־צאהל (טאג־ווערטה פון דער ארבייטס־קראפט / ארבייטס־טאג פון א בעשטימטער צאהל שטונדען), נאר דורך דער לייסטונג־פעהיגקייט פון דעם פראדוצירער.[45]

ערשטענס מוז דער צוטרוי צו אט דעם בליק שטארק אויפגעטרייסעלט ווערן שוין דורך דעם פאקט אליין, וואס ביידע פארמען פון דעם ארבייט־לוין געפינען זיך אין דערזעלביגער צייט איינע

---

[45] „דער סיסטעם פון שטיק־ארבייט בעצייכענט א בעשטימטע עפאכע אין דער געשיכטע פון דעם ארבייטער. עס מאכט אויס א מיטעל־וועג צווישען דער פאזיציע פון דעם פשוט'ן טאג־ארבייטער, וועלכער העננט אב פון דעם קאפיטאליסט'ס ווילען, און דעם קאאפעראטיווען בעל מלאכה, וועלכער וועט אין דער נאהענטער צוקונפט פעראייניגען אין זיין אייגענער פערזאן דעם ארבייטער און דעם קאפיטאליסט. שטיק־ארבייטער זיינען פאקטיש זייערע אייגענע בעלי בתים, אפילו ווען זיי ארבייטען מיט דעם ארבייט־געבער'ס קאפיטאל.“ (John Watts: "Trade-Societies and Strikes, Machinery and Cooperative Societies", Manchester 1865, p. 52, 53.) איך ציטיר אט דאס קליין ביכעל ווייל עס איז א וואהרער רינשטאק פול מיט אלע שוין לאנג־פערפוילטע, אפאלאגעטישע אויסגעדראשענע בעהויפטונגען. דערזעלביגער העדר וואטטס האט פריהער זיך גע'עסק'ט אין אוועניזם און האט אין 1842 פובליצירט אנאנדער ביכעל "Facts and Fictions of Political Economy", אין וועלכער ער האט צווישען אנדערעס דערקלערט אז אייגענטום איז רויב. עס איז שוין אן אלטע געשיכטע.

דעם ווערטה פון דאס שטיק דורך דער ארבייט־צייט, וואס עס איז פערקערפערט אין איהם, נאר פערקעהרט, צו מעסטען די ארבייט, וואס דער ארבייטער האט אויסגעגעבען, דורך דער צאהל שטיקער, וואס ער האט פראדוצירט. ביי דעם צייט־לוין מעסט זיך די ארבייט לויט איהר דירעקטען צייט־דויער, ביי דעם שטיק־לוין— לויט דעם סכום פראדוקטען, אין וועלכע די ארבייט האט זיך פערקערפערט אין משך פון א בעשטימטער צייט.[48] דער פרייז פון דער ארבייט־צייט גופא ווערט שליסליך בעשטימט דורך דער גלייכונג: ווערטה פון א טאג ארבייט = דער טאג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט. דער שטיק־לוין איז דעריבער נאר א מאדיפיצירטע [פערוואנדעלטע] פארם פון צייט־לוין. לאמיר איצטער בעטראכטען די כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען פון דעם שטיק־לוין אביסעל נעהענטער.

די קוואליטעט פון דער ארבייט ווערט דא קאנטראלירט דורך דער ארבייט גופא, וועלכע מוז זיין פון א דורכשניטליך־גוטען גראד, כדי צו קריגען בעצאהלט דעם פולען שטיק־פרייז. אין אט דעם פרט ווערט דער שטיק־לוין דער פרוכטבארסטער קוואל פון לוין־אבציהונגען און קאפיטאליסטישער בעטריגעריי.

ער גיט דעם קאפיטאליסט א גאנץ־בעשטימטע מאס פאר דער אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט. נאר די ארבייט־צייט, וועלכע פערקערפערט זיך אין א סכום סחורה, וואס איז פון פריהער בעשטימט און פעסטגעשטעלט על פי ערפאהרונג, גילט אלס געזעלשאפטליך־נויטווענדיגע ארבייט־צייט און קריגט בעצאהלט אלס אזעלכע. אין די לאנדאנער גרעסערע שניידער־שעפער הייסט דעריבער א געוויסעס שטיק ארבייט, צ.ב.ש. א וועסט, א שטונדע אדער א האלבע שטונדע א.ד.ג., צו 6 פענס א שטונדע. פון דער פראקטיקע וויים מען וויפיעל עס איז דער דורכשניט־פראדוקט פון א שטונדע. ווען עס קומט א נייע מאדע, אדער ביי רעפאראטור־

---

[48] „דער לוין לאזט זיך מעסטען אויף צוויי אופנים: ענטוועדער לויט דעם דויער פון דער ארבייט, אדער לויט איהר פראדוקט." ("Abrege elementaire des principes de l'Economie Politique." Paris 1796, p. 32.) דער פערפאסער פון אט דער אנאנימער שריפט איז ג. גארניע.

זיין גינסטיגער פאַר דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן אײדער אַנאַנדער פאָרם.

אָננענומען, אַז דער געוועהנליכער ארבייטס־טאָג פערנעהמט 12 שטונדען, פון וועלכע 6 זיינען בעצאָהלטע און 6 ניט־בעצאָהלטע. זיין ווערטה־פּראָדוקט, לאָמיר זאָגען, איז 6 שילינג, און פון איין ארבייט־שטונדע איז פאָלגליך 6 פענס. מיר וועלען אָננעהמען, אַז עס שטעלט זיך ארויס על פּי ערפאַהרונג, אַז אַן אַרבייטער, וואָס ארבייט מיט דעם דורכשניט־גראַד פון אינטענסיוויטעט און פע־היגקייט—וועלכער, הייסט עס, פערווענדעט פאַקטיש נאָר די גע־זעלשאַפטליך־נויטווענדיגע ארבייט־צייט פאַר דער פּראָדוקציאָן פון אַן ארטיקעל—ליפערט 24 שטיקער אין 12 שטונדען, סיי גאַנץ בע־זונדערע פּראָדוקטען, סיי טיילען, וואָס לאָזען זיך מעסטען, פון אַ צוזאַמענהענגענדען פּראָדוקט. אויף דעם אופן איז דער ווערטה פון די דאָזיגע 24 שטיקער, נאָכדעם ווי מען ציהט אראָב דעם טייל קאָנסטאַנטען קאַפּיטאַל, וואָס ליעגט אין זיי, 6 שילינג, און דער ווערטה פון יעדען איינצעלנעם שטיק איז 3 פענס. דער ארבייטער קריגט 1½ פענס פער שטיק און פערדינט אויף דעם אופן אין 12 שטונדען 3 שילינג. אַזוי ווי בנוגע דעם צייט־לוין איז אַלץ איינס צי מען נעהמט אָן, אַז דער ארבייטער ארבייט 6 שטונדען פאַר זיך און 6 שטונדען פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, אָדער ער ארבייט פון יעדער שטונדע איין העלפט פאַר זיך און די אַנדערע פאַר דעם קאַפּיטאַליסט, אַזוי איז אויך דאָ קיין אונטערשייד ניט, צי מען זאָגט, אַז יעדעס איינצעלנע שטיק איז האַלב בעצאָהלט און האַלב ניט־בעצאָהלט, אָדער אַז דער פּרייז פון די 12 שטיקער קעהרט נאָר אום דעם ווערטה פון דער ארבייט־קראַפט, בעת אין די אַנ־דערע 12 איז פערקערפּערט דער מעהרווערטה.

די פאָרם פון שטיק־לוין איז פּונקט אַזוי ניט־ראַציאָנאַל ווי די פאָרם פון צייט־לוין. בעת צום ביישפּיעל צוויי שטיק סחורה, נאָכ־דעם ווי מען ציהט אראָב דעם ווערטה פון די פּראָדוקציאָנס־מיט־לען, וואָס זיינען אין זיי פערטאָן, זיינען אַלס פּראָדוקט פון איין ארבייט־שטונדע ווערטה 6 פענס, בעקומט דער ארבייטער פאַר זיי אַ פּרייז פון 3 פענס. דער שטיק־לוין דריקט פאַקטיש ניט אויס דירעקט קיין ווערטה־שייכות. עס האַנדעלט זיך ניט, צו מעסטען

דאזיגער סיסטעם. הייסט אין ענגלאנד כאראקטעריסטיש דער „סוועטינג סיסטעם" (א סיסטעם פון אויסשוויצען). פון דער אנדער זייט ערלויבט דער שטיק־לוין דעם קאפיטאליסט צו שליסען א קאנטראקט פאר אזויפיעל פער שטיק מיט דעם הויפט־ארביי־טער—אין דער מאנופאקטור מיט דעם שעף פון א גרופע, אין די מינען מיט דעם קויהלען־ברעכער, אין דער פאבריק מיט דעם איי־גענטליכען מאשין־ארבייטער—אויף א פרייז, פאר וועלכען דער הויפט־ארבייטער אליין נעהמט זיך אונטער אנצושטעלען און צאהלען זיינע ארויס־העלפער. די עקספלואטירונג פון דער ארבייט דורך דעם קאפיטאל פערווירקליכט זיך דא דורך דער עקספלואטי־רונג פון דעם ארבייטער דורכ'ן ארבייטער.[51]

איינמאל עקזיסטירט שטיק־לוין, איז עס נאטירליך דעם אר־בייטער'ס פערזענליכער אינטערעס אנצושטרענגען זיין ארבייט־קראפט אזוי אינטענסיוו ווי מעגליך, און דאס מאכט גרינגער פאר'ן קאפיטאליסט צו העכערן דעם נארמאלען גראד פון אינטענסיווי־טעט.[51*] אזוי אויך איז עס דעם ארבייטער'ס פערזענליכער אינ־

ארבייט, דאן איז דער לוין, וואס די ארבייטערקע בעקומט פאקטיש, איינגעטיילט אין א קלענגליך־פאלשער פראפארציע." ("Children's Employment Commissio", 2d Report, p. LXX, n. 424.)

[51] אפילו דער אפאלאגעטישער וואטטס בעמערקט: עס וואלט געוועזן א גרויסע פערבעסערונג אין דעם סיסטעם פון שטיק־ארבייט, ווען אלע ארבייטער, וואס זיינען בעשעפטיגט ביי איין ארבייט, וואלטען געוועזן שותפים אין דעם קאנטראקט, יעדער לויט זיינע פעהיגקייטען, אנשטאט וואס איין מענש זאל זיין פעראינטערעסירט אנצושטרענגען זיינע חברים איבער'ן מאס צוליעב זיינע איי־גענע נוצען." וועגען די געמיינהייטען פון דעם דאזיגען סיסטעם זעה „טשילד־רענ'ס עמפ. קאמ.", 3טער ראפארט", ז. 66, נ. 22, ז. 11, נ. 124, ז. XI, נ. 13, 53, 59 עטצ.

[51*] אט דעם נאטירליכען רעזולטאט העלפט מען נאך אפט־צו קינסטליך. צום ביישפיעל ביי דעם מאשינען־בוי אין לאנדאן איז עס א געוועהנליכער שפי־צעל, „אז דער קאפיטאליסט קלייבט אויס א מאן, וואס פערמאגט אן איבער־געוועהנליכע פיזישע קראפט און שנעלקייט. ער צאהלט איהם פערטעל־יעהרליך אדער אין אנדערע טערמינען אן עקסטרא לוין מיט דעם אבמאך, אז ער זאל טהאן אלעס מעגליכע, כדי צו בעוועגען זיינע מיט־ארבייטער, וועלכע בעקומען נאר דעם געוועהנליכען לוין, זיי זאלען איהם נאכהאלטען וויפיעל זיי קאנען. . . .

רען א.אז.וו., הויבט זיך אָן אַ מחלקה צווישען באָס און ארבייטער, צי אַ געוויסעס שטיק ארבייט איז גלייך צו אַ שטונדע א.אז.וו., ביז די ערפאַהרונג ענטשיידעט דאָ אויך. דאָס גלייכען קומט פאָר אין די לאָנדאָנער מעבעל־פאַבריקען א.אז.וו. אויב דער ארבייטער בעזיצט ניט די דורכשניטליכע לייסטונגס־פעהיגקייט, קאָן ער פאָלגליך ניט ליפערן אַ בעשטימטען מינימום פון טאָג־ארבייט, זאָגט מען איהם אָב.[49]

אַזוי ווי די קוואַליטעט און אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט ווערן דאָ קאָנטראָלירט דורך דער פאָרם פון דעם ארבייט־לוין גופא, מאַכט זי אַ גרויסען טייל פון דער אויפזיכט איבער דער ארבייט איבערפליסיג. דער שטיק־לוין שאַפט דעריבער די גרונדלאַגע פאַר דער „מאָדערנער הויז־ארבייט“, ווי עס איז פריהער געשילדערט געוואָרן, ווי אויך פאַר אַ היעראַרכיש־אָרגאַניזירטען סיסטעם פון עקספּלואַטאַציע און אונטערדריקונג. דער לעצטער בעזיצט צוויי גרונד־פאָרמען. פון איין זייט מאַכט דער שטיק־לוין לייכטער פאַר פאַראַזיטען זיך אַריינצושטעלען צווישען דעם קאַפּיטאַליסט און דעם לוין־ארבייטער—דאָס אַרויסגעבען די ארבייט צו קאָנטראַקטאָרס (sub letting of labor). דער ריוח פון די דאָזיגע צווישען־פּערזאָנען קומט אויסשליסליך פון דעם דיפערענץ צווישען דעם ארבייט־פּרייז, וואָס דער קאַפּיטאַליסט צאָהלט, און דעם טייל פון דעם דאָזיגען פּרייז, וואָס זיי לאָזען דעם ארבייטער פאַקטיש קריגען.[50] דער

---

[49] „אַ בעשטימטעס געוויכט באַוועל ווערט איהם (דעם שפּינער) איבערגעגעבען, און ער מוז נאָך אַ געוויסער צייט אָבליפערן אנשטאַט דעם אַ בעשטימטעס געוויכט „טוויסט“ אדער גאַרן פון אַ געוויסען גראַד פיינקייט, און ער קריגט בעצאַהלט אַזויפיעל און אַזויפיעל פער פונט פון אַלץ, וואָס ער האָט אויסגעשפּונען. אויב זיין ארבייט איז פעהלערהאַפטיג אין קוואַליטעט, קריגט ער אַ שטראָף; אויב עס איז וועניגער אין קוואַנטיטעט איידער דער מינימום, וואָס איז פעסטגעשטעלט פאַר אַ בעשטימטער ארבייט־צייט, וואַרפט מען איהם אַרויס און מען שטעלט אָן אַ געשיקטען ארבייטער.“ Ure, "Philosophy of Manufacture" p. 317.

[50] ווען דאָס שטיק ארבייט לויפט דורך פיעלע הענד, וואָס יעדע איינע פון זיי זוכט צו קריגען אַ טייל פּראָפיט, בעת די לעצטע נאָר טהוט ווירקליך די

א.אז.וו. פון דעם אינדיווידועלען ארבייטער.״ דאָס ענדערט, פערשטעהט זיך, גאָרנישט די אַלגעמיינע שייכות׳ן צווישען קאַפּיטאַל און לוין־אַרבייט. ערשטענס גלייכען זיך אויס די אינדיווידועלע חלוקים פאַר דעם גאַנצען ווערקשטאַט, אזוי אז ער גיט ארויס דעם דורכשניט־פּראָדוקט אין אַ בעשטימטער ארבייט־צייט, און דער סך הכל פון דעם אויסגעצאָהלטען לוין וועט זיין דער דורכשניט־לוין פאַר דעם געשעפט־צווייג. צווייטענס בלייבט די פּראָפּאָרציע צווישען ארבייטס־לוין און מעהרווערטה אומפערענדערט, היות ווי דער אינדיווידועלער לוין פון דעם איינצעלנעם ארבייטער שטימט מיט דער מאַסע מעהרווערטה, וואָס ער ליפערט אינדיווידועל. אָבער דער גרעסערער שפּיעל־רוים, וואָס דער שטיק־לוין גיט דער אינדיווידואַליטעט, שטרעבט פון איין זייט צו ענטוויקלען די דאָזיגע אינדיווידואַליטעט, און דערמיט אויך דעם פרייהייטס־געפיהל, די זעלבשטענדיגקייט און דעם זעלבסט־קאָנטראָל פון די ארבייטער; פון דער אַנדער זייט—זייער קאָנקורענץ צווישען זיך און איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן. דער שטיק־לוין האָט דעריבער אַ טענדענץ אויפצוהעבען די אינדיווידועלע ארבייט־לוינען איבער דעם דורכשניט־גראַד, אָבער אין דערזעלביגער צייט ארונטערצוּוואַרפען דעם דאָזיגען דורכשניט־גראַד גופא. דאָרט, וואו אַ בעשטימטער שטיק־לוין האָט זיך על פּי טראַדיציע שוין בעפעסטיגט פון לאַנג־אָן, און עס זיינען דעריבער געוועזן ספּעציעלע שוועריגקייטען איהם ארונטערצודריקען, האָבען די באַסעס אין אַזוינע אויסנאַהמס־פעלען זיך געכאַפּט פאַר דעם מיטעל צו פערוואַנדלען איהם מיט געוואַלט אין צייט־לוין. אַנטקעגען דעם צום ביישפּיעל איז פאָרגעקומען אין 1860 אַ גרויסער סטרייק צווישען די באַנד־

---

[54] „וואו די ארבייט אין א וועלכען עס איז אינדוסטריע־צווייג ווערט בעצאָהלט פון שטיק. . . קאָנען די לוינען זיין זעהר שטאַרק פערשיידען אין בעטרעף.... אבער ביים טאָג־לוין הערשט אין אלגעמיין אַן איינהייטליכע הויך.... וועלכע ווערט אנערקענט אי פון׳ם ארבייט־געבער, אי פון דעם ארבייטער, אלס א לוין־נאָרמע פאַר דער דורכשניטליכער לייסטונגס־פעהיגקייט פון די ארבייטער פון א געוויסען פאַך.״ (Dunning, "Trades-Unions and Strikes, London 1890", p. 17.)

טערעס צו פערלענגערן דעם ארבייטס־טאָג, ווייל דורכדעם וועט שטייגען זיין טאָג־ אָדער וואָכען־לוין.[52] דאָס ברענגט מיט א רע־אקציע, ווי עס איז שוין בעשריבען געוואָרן ביים צייט־לוין—אָב־געזעהן פון דעם, וואָס די פערלענגערונג פונ'ם ארבייטס־טאָג, אפילו ווען דער שטיק־לוין בלייבט קאָנסטאַנט, שליסט איין אן און פאַר זיך אן ארונטערפאַל אין דעם פרייז פון דער ארבייט.

ביי דעם צייט־לוין הערשט מיט ווייניגע אויסנאַהמען א גלייכער ארבייטס־לוין פאַר דיעלביגע ארבייטען, בעת ביי דעם שטיק־לוין מעסט זיך טאַקע דער פרייז פון דער ארבייט־צייט דורך א בע־שטימטען סכום פּראָדוקטען, אָבער דער טאָג־ אָדער וואָכען־לוין בייט זיך לויט דער אינדיווידועלער פערשיידענהייט פון די אר־בייטער, פון וועלכע איינער ליפערט נאָר א מינימום פונ'ם פּראָ־דוקט אין א געגעבענער צייט, דער אנדערער ליפערט דעם דורכ־שניט, דער דריטער—מעהר איידער דעם דורכשניט. בנוגע דער ווירקליכער הכנסה קומען דאָ דעריבער פאַר גרויסע חלוקים, לויט דער פערשיידענער געשיקטקייט, קראַפט, ענערגיע, אויסדויער

דאָס דערקלערט שוין אהן ווייטערע פירושים דעם יאמער פון די קאפּיטאליסטען אז „די טריידיוניאנס לעהמען די טהעטיגקייט, די העכערע געשיקטקייט און די קראפט פון דער ארבייט.“ (Dunning, "Trade-Unions and Strikes", London 1860, p. 22, 23.) אזוי ווי דער פּערפאסער איז אליין אן ארבייטער און דער סעקרעטער פון א יוניאן, קאן מען אפשר מיינען, אז ער איבער־טרייבט. מען קאן אבער זעהן צום ביישפּיעל די „הויך־רעספּעקטאבעלע“ לאנד־ווירטשאפטליכע ענציקלאפּעדיע פון דזש. טש. מארטאן, ארטיקעל "Labourer", וואו אט די מעטאדע ווערט רעקאמענדירט צו די פּערמער אלס א גוט־אויס־געפּרובירטע.

[52] „אלע וואס ארבייטען פון שטיק... פּראפיטירן פון דעם עובר זיין אויף די געזעצליכע גרעניצען פון דעם ארבייטס־טאג. אט די בעאבאכטונג ווענען דער בערייטווילינקייט צו ארבייטען איבער־צייט בעציהט זיך ספּעציעל אויף די פרויען, וועלכע זיינען בעשעפטיגט אלס וועבערינען און פּעדים־וויקלער.“ („רע־פּארטס עטצ., 30 אפּריל 1858, ז. 9.) אט דער סיסטעם פון שטיק־לוין, וואס איז אזוי פּארטיילהאפט פאר'ן קאפּיטאליסט... שטרעבט דירעקט אויפצומונטערן דעם יונגען טעפּער שטארק זיך איבערצוארבייטען אין פערלויף פון די 4 אדער 5 יאהר, אין וועלכע ער ארבייט פון שטיק, אבער פאר א נידעריגען לוין. דאס איז איינע פון די גרויסע אורזאכען, צו וועלכע מען דארף צושרייבען די פיזישע דעגענעראציע פון די טעפּער.“ ("Children's Employment Commission, 1st Report, p. XIII.)

פון דער ביזאהעריגער בעשרייבונג ווייזט זיך ארויס, אז דער שטיק־לוין איז די פארם פון ארבייטס־לוין, וואס פאסט זיך אמ־בעסטען צו דעם קאפיטאליסטישען פראדוקציאנס־אופן. הגם ער איז בשום אופן ניט נייַ—ער פיגורירט נעבען דעם צייט־לוין אפי־ציעל צווישען אנדערע אין די פראנצויזישע און ענגלישע ארביי־טער־געזעצען פון 14טען יאהרהונדערט—געווינט ער אבער א גרע־סערעס פעלד ערשט אין פערלויף פון דער אייגענטליכער מאנו־פאקטור־פעריאדע. אין דער שטורם־ און דראנג־פעריאדע פון דער גרויס־אינדוסטריע ספעציעל פון 1797 ביז 1815, דיענט ער ווי א הויב־שטאנג פאר דער פערלענגערונג פון דער ארבייט־צייט און דער ארונטערדריקונג פון דעם צייט־לוין. זעהר א וויכטיגען מאַ־טעריאל פאר דער בעוועגונג פון דעם ארבייט־לוין אין משך פון יענער פעריאדע געפינט מען אין די בלוי־ביכער: "Report and Evidence from the Select Committee on Petitions respecting the Corn Laws" (פארלאמענט־סעסיע פון די יאהרען 1813-14) און "Reports from the Lords' Committee, on the State of the Growth Commerce and Consumption of Grain, and all Laws relating thereto." (סעסיע 1814-15) מען געפינט דא דעם דאקומענטאלען בעווייז פאר דעם שטענדיגען ווארפען פון דעם ארבייט־פרייז זינט דעם אנהויב פון דעם אנטי־יאקאבינער קריעג. אין דער וועבעריי, צום ביישפיעל, איז דער שטיק־לוין געוועזען אזוי געפאלען, אז טראָץ דעם זעהר פערלענ־גערטען ארבייטס־טאג, איז דער טאג־לוין געשטאנען נידריגער ווי פריהער.

„דעם וועבער'ס ווירקליכע הכנסה איז זעהר פיעל קלענער ווי פריהער; זיין יתרון איבער דעם געוועהנליכען ארבייטער, וואס איז צוערשט געווען זעהר גרויס, איז כמעט אינגאנצען פערשוואונ־דען. אין פאקט, דער אונטערשייד צווישען דעם לוין פון געלערנ־טער און געוועהנליכער ארבייט איז איצטער פיעל קלענער איידער אין וועלכער עס איז פריהערדיגער פעריאדע.“ [56]

[56] "Remarks on the Commercial Policy of Great Britain", London 1815, p. 48.

וועבער אין קאווענטרי.״ דער שטיק־לוין איז ענדליך א הויפט־שטיצע פון דעם שטונדען־סיסטעם, וואס איז פריהער בעשריבען געווארן.״[63]

[64] „די ארבייט פון די האנדווערק־געזעלען רעגולירט זיך פון טאג אדער פון שטיק. . . . די מייסטערס ווייסען אומגעפעהר וויפיעל ארבייט די ארבייטער קאנען מאכען טעגליך אין יעדען פאך, און צאהלען זיי אפט לפי ערך פון דער ארבייט, וואס זיי טהוען אב; אט אזוי ארבייטען די דאזיגע געזעלען וויפיעל זיי קאנען, אין זייערע אייגענע אינטערעסען, אהן א ווייטערער אויפזיכט איבער זיי.״ (Cantillon, "Essai sur la Nature do Commerce en General, ed. Amsetrdam 1756", p. 185, 202.) די ערשטע אויסגאבע איז ערשיענען אין 1755. קאנטיללאן, פון וועמען קעניי, פער דזשיימס סטוארט און אדאם סמיטה האבען זעהר פיעל געשעפט, שטעלט אלזא שוין דא ארויס דעם שטיק־לוין אלס בלויז א מאדיפיצירטע פארם פון דעם צייט־לוין. די פראנצויזישע אויסגאבע בעצייכענט זיך אין טיטעל אלס אן איבערזעצונג פון ענגליש, אבער די ענגלישע אויסגאבע: "The Analysis of Trade, Commerce etc. by Philipp Cantillon, late of the City of London, Merchant" איז ניט נאר פון א שפעטערען דאטום (פון 1759), נאר עס ווייזט זיך ארויס לויט איהר אינהאלט אלס א שפעטערע בעארבייטונג. אזוי צום ביישפיעל געפינען מיר, אז אין דער פראנצויזישער אויסגאבע ווערט היום נאך ניט דערמאנט, בעת פערקעהרט אין דער ענגלישער פיגורירט פעטטי שוין כמעט ניט מעהר. די ענגלישע אויס־גאבע האט טעארעטיש א קלענערע בעדייטונג, זי ענטהאלט אבער אלץ וואס איז שייך צום ענגלישען האנדעל, דעם האנדעל מיט די עדעלע מעטאלען א.אז.וו., וואס עס פעהלט אין דעם פראנצויזישען טעקסט. די ווערטער אין דעם טיטעל פון דער ענגלישער אויסגאבע, לויט וועלכע די שריפט איז "taken chiefly from the manuscript of a very ingenious gentleman deceased, and adopted etc." [ענטנאמען הויפטזעכליך פון דעם מאנוסקריפט פון א זעהר גייסטרייכען, איצט פערשטארבענעם עדעלמאן, און צוגעפאסט א.אז.וו.] שיינען דעריבער צו זיין מעהר איידער א פשוט׳ע פיקציע, וואס איז זעהר א געוועהנליכע זאך פאר יענער צייט.

[65] „ווי אפט האבען מיר געזעהן, אז אין אייניגע ווערקשטאטען זיינען אנ־געשטעלט געווארן פיעל מעהר ארבייטער איידער די ארבייט האט פאקטיש געפאדערט. אין דער ערווארטונג פון אן אויפטראג, וועלכער איז נאך גאנץ צווייפעלהאפטיג, אדער עקזיסטירט איבערהויפט נאר אין דער איינבילדונג, ווערען שוין אפט אנגענומענע ארבייטער: אזוי ווי מען צאהלט זיי פון שטיק, טראכט מען זיך, ריזיקירט מען גארנישט, ווארים דעם גאנצען פערלוסט פון צייט וועלען דאך מוזען טראגען די אונבעשעפטיגטע.״ (H. Gregoir, "Les Typographes devant le Tribunal Correctionnel de Bruxelles." Bruxelles, 1865, p. 9.)

דער איינציגער וועג ווי אזוי קאפיטאל קאן נאך אויסציהען דעם ארבייטס־טאג, איז מאכענדיג די ארבייט מעהר אינטענסיוו.[59]

ווען די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט ווערט געענדערט, שטעלט פאר דערזועלביגער סכום פראדוקטען א געענדערטע ארבייט־צייט. פאלגליך ענדערט זיך אויך דער שטיק־לוין, וואָרים ער איז דער פרייז־אויסדרוק פון א בעשטימטער ארבייט־צייט. אין אונזער פריהערדיגען ביישפיעל זיינען אין 12 שטונדען פראדוצירט געוואָרן 24 שטיק, בעת דער ווערטה־פראדוקט פון די 12 שטונדען איז געווען 6 שילינג, דער טאָג־ווערטה פון דער ארבייט־קראפט 3 שילינג, דער פרייז פון דער ארבייט־שטונדע 3 פענס און דער לוין פאר 1 שטיק 1½ פענס. אין איין שטיק איז געוועזן ארייינגעזויגט ½ ארבייט־שטונדע. אויב דערזעלביגער ארבייטס־טאָג ליפערט איצטער, מחמת דער פערטאָפּעלטער פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, לאָמיר זאָגען, 48 שטיקער אנשטאָט 24, און אויב אלע אנדערע אומשטענדען בלייבען אומפערענדערט, דאן פאלט דער שטיק־לוין פון 1½ פענס אויף ¾ פענס, אזוי ווי יעדעס שטיק שטעלט איצט פאר ניט מעהר ווי ¼ אנשטאָט ½ ארבייט־שטונדע. 24×1½ פענס = 3 שילינג און אזוי איז אויך 48×¾ פענס = 3 שילינג. מיט אנדערע ווערטער: דער שטיק־לוין ווערט ארונטערגעזעצט אין דער־זעלביגער פראפּארציע, אין וועלכער עס וואקסט די צאָהל שטיקער, וואָס ווערן פראדוצירט אין משך פון דערזעלביגער צייט,[60] און

[59] „די וואס ארבייטען אויף שטיק־לוין, מאכען וואהרשיינליך אוים פיער פינפטעל פון אלע ארבייטער אין די פאבריקען.“ („רעפארטס עטצ. 30 אפריל 1858, ז. 9.)

[60] „די פראדוקטיוו־קראפט פון זיין שפּין־מאשין ווערט גענוי אויסגעמאסטען, און די ראטע פון געצאהלט פאר דער ארבייט, וואס איז געטאן געווארן מיט איהר הילף, ווערט קלענער מיט דעם וואוקס פון איהר פראדוקטיוו־קראפט, וועו אפילו ניט אין דערזעלבינער פראפארציע.“ (אורע, „פילאסאפי אוו מאנופאק־טור“, ז. 317.) די לעצטע אפאלאגעטישע פראזע נעהמט אורע אליין וויעדער צוריק. ער גיט צו, צום ביישפיעל, אז די פערלענגערונג פון דער „מיול“ ברענגט מיט א געוויסע פערגרעסערונג פון דער ארבייט. די ארבייט ווערט, הייסט עס, ניט וועניגער, אין דעם ערד, אין וועלכען איהר פראדוקטיוו־קראפט וואקסט. ווייטער: „דורך אט דער פערמעהרונג ווערט די פראדוקטיוו־קראפט

ווי ווייניג די אינטענסיוויטעט און אויסשפּרייטונג פון דער ארבייט, וואָס איז געשטיגען מיט דעם שטיק־לוין, האָט געטאָן גוטס דעם אַגריקולטור־פּראָלעטאַריאַט, בעווייזט די פאָלגענדע שטעלע, וואָס איז ארויסגענומען פון אַ פּאַרטיי־שריפט פאַר לאַנד־לאָרדס און פערמער:

„דער פיעל גרעסערער טייל פון די אַגריקולטור־ארבייטען ווערט אויפגעטאָן פון מענשען, וועלכע זיינען געדונגען פון טאָג אָדער לויט שטיק־ארבייט. זייער וואָכען־לוין בעטרעפט אומגע־פעהר 12 שילינג; און הגם מען מעג אָננעהמען, אַז אַ מאַן פער־דיענט ביים שטיק־לוין, אונטער דער גרעסערער אָנרעגונג צו אַר־בייטען, 1 שילינג אָדער אפשר 2 שילינג מעהר איידער ביים וואָ־כען־לוין, געפינט מען אָבער אויס, ווען מען רעכענט צוזאַמען דעם סך הכל פון זיין הכנסה, אַז זיין פערלוסט צוליעב אונבעשעפטיגונג אין משך פון יאָהר וועגט אריבער דעם פערדיענסט.... ווייטער קאָן מען בכלל געפינען, אַז דער לוין פון אָט די מענשען שטעהט אין אַ געוויסער פּראָפּאָרציע צו דעם פּרייז פון די נויטווענדיגע לעבענס־מיטלען, אזוי אַז אַ מאַן מיט צוויי קינדער קאָן דערנעהרן זיין פאַמיליע ניט אָנקומענדיג צו קהל'שער שטיצע."[57] אויב דער מאַן האָט דריי קינדער, וואָלט ער, הייסט עס, שוין געווען אָנגע־וויזען אויף צדקה פון קהל.

בנוגע צו די דאָזיגע פאַקטען, וואָס דער פּאַרלאַמענט האָט פער־עפענטליכט, האָט מאַלטהוס דאַמאָלסט בעמערקט: „איך בין זיך מודה, אַז איך קוק מיט אַ שווער הארץ אויף דער פערשפּרייטונג פון דעם איינפיהר פון שטיק־לוין. אמת־שווערע ארבייט אין משך פון 12 אָדער 14 שטונדען אַ טאָג, פאַר אַ לענגערע צייט, איז צו־פיעל פאַר מענשען."[58]

אין די ווערקשטאַטען, וואָס זיינען אונטערוואָרפען דעם פאַב־ריק־געזעץ, ווערט דער שטיק־לוין דער אַלגעמיינער רעגעל, ווייל

---

[57] "A Defence of the Landowners and Farmers of Great Britain", London 1814, p. 4, 5.

[58] Malthus, "Inquiry into the Nature etc. of Rent", London 1815.

צולעגען אַ שטײער אױף דעם פאָרטשריט פון דער אינדוסטריע, און דערקלערט פשוט, אַז די פּראָדוקטיװיטעט פון דער אַרבײט איז איבערהױפּט ניט דעם אַרבײטער׳ס עסק.[62]

מיט דערזעלבינער (!) אַרבײט, װאָס האָט פריהער גענומען צו פּראָדוצירן 160 יאַרדס. די אַרבײטער האָבען לגמרי קײן תביעה ניט געהאַט אױף אַ חלק אין די פּראָפיטען, װאָס זײנען געקומען פון דעם קאַפּיטאַל, װאָס זײערע אַרבײט־געבער האָבען אַרײנגעלעגט אין די נײע מאַשינען. די הערען ברײט האָבען דעריבער פאָרגעשלאָגען אַראָבצוזעצען די לױן־ראַטע פון 1½ פּענס פער יאַרד אױף 1 פּעני, לאָזענדיג דערבײ דעם אַרבײטער׳ס הכנסה פאַר דער געלײסטעטער אַרבײט גענױ דיזעלביגע װי פריהער. דאָס איז אָבער געװען אַ נאָמינעלע אַראָב־זעצונג פון פּרײז, און די אַרבײטער זײנען פריהער ניט בענאַכריכטיגט געװאָרן װעגען דעם.

[62] „אין זײער פערלאַנג אױפצוהאַלטען דעם אַרבײטס־לױן, זוכען די טרײד־יוניאָנס צו נעהמען אַ חלק אין דעם פּראָפּיט פון דער פערבעסערטער מאַשי־נעריע! (שרעקליך!) . . . זײ פערלאַנגען אַ העכערן לױן, װײל די אַרבײט איז געװאָרן פערקירצט . . . אין אַנדערע װערטער, זײ שטרעבען אַרױפצולעגען אַ שטײער אױף די אינדוסטריעלע פערבעסערונגען.“ ("On Combination of Trades", New Edition, London 1834, p. 42.)

פאָלגליך ווי די אַרבייט־צייט, וואָס ווערט פערווענדעט אויף דעמ־זעלבען שטיק, פאַלט. אָט די ענדערונג פון דעם שטיק־לוין, וואָס איז ריין נאָמינעל, רופט אַרויס שטענדיגע קאַמפּען צווישען קאַפּי־טאַליסט און אַרבייטער. ענטוועדער ווייל דער קאַפּיטאַליסט בע־נוצט עס אַלס אַן אויסרייד, כדי ווירקליך אַרונטערצוזעצען דעם פּרייז פון דער אַרבייט, אָדער ווייל די פערגרעסערטע פּראָדוקטיוו־קראַפט פון דער אַרבייט איז בעגלייט פון אַ פערגרעסערטער אינ־טענסיוויטעט פון דער אַרבייט. אָדער ווייל דער אַרבייטער נעהמט אָן אין ערנסט דעם שיין פון דעם שטיק־לוין, ד.ה. אַז מען צאָהלט איהם פאַר זיין פּראָדוקט און ניט פאַר זיין אַרבייט־קראַפט, און ער שטעלט זיך אַנטקעגען אַן אַראָבזעצונג פון'ם לוין, וואָס איז ניט בעגלייט אין דערזעלביגער צייט פון אַן אַראָבגעזעצטען פּרייז פון דער סחורה. „די אַרבייטער גיבען גוט אַכטונג אויף דעם פּרייז פון רויה־מאַטעריאַל און אויף דעם פּרייז פון די פאַבריצירטע אַר־טיקלען, און קאָנען אויף דעם אופן גענוי אָבשאַצען די פּראָפיטען פון זייערע באַסעס."[61] אַזעלכע טענות פאַרטיגט אָב דער קאַ־פּיטאַל מיט רעכט אַלס אַ גראָבען טעות וועגען דער נאַטור פון לוין־אַרבייט.[62] ער שטורמט אַנטקעגען דעם דאָזיגען פערזוך אַרויפ־

פון דער מאַשינעריע העכער אויף איין פינפטעל. ווען דאָס קומט פאָר, קריגט שוין ניט מעהר דער שפּינער בעצאָהלט פאַר די געטאָנענע אַרבייט, אַזוי ווי פריהער. אַזוי ווי אָבער זיין לוין ווערט ניט אַראָבגעזעצט אין דערזעלביגער פּראָפּאָרציע פון ⅕, הויבט אויף די פערבעסערונג (פון דער מאַשינעריע) זיין געלד־הכנסה פאַר יעדער שטונדע פון זיין אַרבייט"—אָבער, אָבער—„אָט די דער־קלערונג פאָדערט אַ געוויסע מאָדיפיקאַציע. . . . דער שפּינער מוז פון זיין צו־געקומענעם ½ שילינג עפּעס מעהר אויסצאָהלען פאַר די יונגע אַרויסהעלפער, און דערצו ווערן אויך אַרויסגעשטופּט דערוואַקסענע אַרבייטער" (דאָרט גופא, ז. 321) וואָס צייגט בשום אופן ניט קיין טענדענץ צו אַ העכערונג פון דעם אַרבייטס־לוין.

[61] H. Fawcett, "The Economic Position of the British Labourer", 1865, p. 178.

[62] אין דעם לאָנדאָנער „סטאַנדאַרד" פון 26טען אָקטאָבער 1861 געפינט מען אַ בעריכט וועגען אַ פּראָצעס פון דער פירמע דזשאָהן ברייט און קאָמפּ. ביי דעם ראָטשדיילער מאַגיסטראַט „אַנטקעגען די פערטרעטער פון די טעפּיך־וועבער'ס יוניאָן פאַר דראָהונגען. ברייט'ס געזעלשאַפט האָט איינגעפיהרט נייע מאַשינע־ריע, וואָס זאָלען אַרויסגעבען 240 יאַרדס טעפּיך אין דערזעלביגער צייט און

פון דעם ארבייטער, די ראליע פון פרויען־ און קינדער־ארבייט, די פראדוקטיוויטעט פון דער ארבייט, איהר עקסטענסיווע און אינ־טענסיווע גרויס. אפילו א גאנץ־אויבערפלעכליכער פערגלייך פאר־דערט, מען זאל קודם רעדוצירן דעם דורכשניטס־טאג לוין פאר דיזעלביגע אינדוסטריען אין פערשיידענע לענדער אויף אן אר־בייטס־טאג פון דערזעלביגער גרויס. נאך אזא אויסגלייכונג פון די טאג־לוינען, מוז דער צייט־לוין ווידער איבערגעזעצט ווערן אין שטיק־לוין, אזוי ווי נאר דער לעצטער קאן זיין א גראד־מאס פאר דער פראדוקטיוויטעט, אזוי גוט ווי פאר דער אינטענסיווער גרויס פון דער ארבייט.

אין יעדען לאנד גילט א געוויסע דורכשניטליכע אינטענסיווי־טעט פון דער ארבייט. אויב די ארבייט, וואס ווערט פערברויכט אין דער פראדוקציאן פון א סחורה, איז ווייניגער אינטענסיוו [איי־דער דער גילטיגער דורכשניט], דאן פערברויכט זי מעהר איידער די געזעלשאפטליך־נויטווענדיגע צייט און רעכענט זיך דעריבער ניט אלס ארבייט פון א נארמאלער קוואליטעט. נאר א גראד פון אינטענסיוויטעט, וואס דערהויבט זיך אריבער דעם נאציאנאלען דורכשניט, ענדערט אין א געגעבענעם לאנד די מאס פון ווערטה בלויז דורך דעם דויער פון דער ארבייט־צייט. דאס איז אבער ניט דער פאל אויף דעם וועלט־מארק, וואו דאס איינצעלנע לאנד שטעהט ווי א וויכטיגער טייל פון דאס גאנצע. די דורכשניטליכע אינטענסיוויטעט פון דער ארבייט בייט זיך פון לאנד צו לאנד; דא איז זי גרעסער, דארט איז זי קלענער. אט די נאציאנאלע דורכ־שניטען שטעלען צונויף א טרעפ־לייטער, וואס זייער מאס־איינהייט איז די דורכשניטס־איינהייט פון דער אוניווערזעלער ארבייט. די מעהר־אינטענסיווע נאציאנאלע ארבייט פראדוצירט דעריבער, אין פערגלייך מיט דער ווייניגער אינטענסיווער, מעהר ווערטה אין דער־זעלביגער צייט, וועלכער דריקט זיך אויס אין מעהר געלד.

דאס געזעץ פון ווערטה אין זיין נאציאנאלער אנווענדונג ווערט נאך מעהר מאדיפיצירט דורכדעם, וואס אויפ'ן וועלט־מארק רעכענט זיך די מעהר־פראדוקטיווע נאציאנאלע ארבייט אויך אלס א מעהר־אינטענסיווע—אזוי לאנג ווי די פראדוקטיווערע נאציאן איז ניט

צוואַנציגסטער קאַפּיטעל.

נאַציאָנאַלע פערשיידענהייט פון די אַרבייטס-לוינען.

אין דעם פופצעהנטען קאַפּיטעל זיינען מיר געוועזן פערנומען מיט די פיעלפאַכיגע קאָמבינאַציעס, וועלכע אַן ענדערונג אין דער אבסאָלוטער אָדער רעלאַטיווער ווערטה־גרויס (ד.ה. ווען פערגליכען מיט דעם מעהרווערטה) פון דער אַרבייט־קראַפט, קאָן אַרויסברענגען; בעת פון דער אַנדער זייט האָט דער סכום לעבענס־מיטלען, אין וועלכען דער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט ווערט רעאַליזירט, געקאָנט דורכמאַכען בעוועגונגען, וואָס זיינען אונאָבהענגיק אָדער פערשיידען פון דער ענדערונג פון דעם דאָזיגען פּרייז.[64] ווי עס איז שוין בעמערקט געוואָרן, פערוואַנדעלט די איינפאַכע איבערזעצונג פון דעם ווערטה אָדער פּרייז פון דער אַרבייט־קראַפט אין דער עקזאָטערישער [אויבען־אויפיגער] פאָרם פונ׳ם אַרבייט־לוין יענע אַלע געזעצען אין געזעצען פון דער בעוועגונג פון דעם אַרבייטס־לוין. דאָס, וואָס ערשיינט אין דער דאָזיגער בעוועגונג [פונ׳ם אַרבייט־לוין אין אַ איינציג לאַנד] אַלס געענדערטע קאָמבינאַציעס, קאָן ערשיינען פאַר פערשיידענע לענדער אַלס אַ גלייכצייטיגע פערשיידענהייט פון נאַציאָנאַלע אַרבייט־לוינען. פערגלייכענדיג די לוינען ביי פערשיידענע נאַציאָנען, מוזען מיר דעריבער נעהמען אין בעטראַכט די אַלע פאַקטאָרען, וואָס בעשטימען די ענדערונגען אין דער ווערטה־גרויס פון דער אַרבייט־קראַפט; דעם פּרייז און דעם אומפאַנג פון די נאַטירליכע און היסטאָריש־ענטוויקעלטע הויפּט לעבענס־בעדערפענישען; די ערציהונגס־קאָסטען

[64] „עס איז ניט גענוי צו זאָגען, אַז דער לוין (עס האַנדעלט זיך דאָ וועגען זיין אויסדרוק אין געלד) איז נעשטיגען, ווייל ער קאָן קויפען מעהר פון אַ ביליגערן אַרטיקעל.“ (דייוויד בוכאַנאַן אין זיין אויסגאַבע פון אַדאַם סמיטה׳ס „וועלטה און נייטאַנס“, 1814, ב. 1, ז. 417, נאָטע.)

ווערטה אזוי גוט ווי צו דעם ווערטה פונ'ם פּראָדוקט, שטעהט העכער ביי דער צווייטער נאַציאָן, איידער ביי דער ערשטער.[65]

דזש. וו. קאָועל, א מיטגליעד פון דער פאַבריק־קאָמיסיע פון 1833, איז געקומען צום רעזולטאַט, נאָך א גענויער אונטערזוכונג פון דער שפּינערייי, אז „אין ענגלאנד זיינען די לוינען פאַקטיש נידעריגער פאר די פאַבריקאַנטען, איידער אויפ'ן קאָנטינענט, אָבּוואויל פאר דעם ארבייטער קאָנען זיי זיין העכער." (אורע, „פילאָסאָפי אוו מאַנופאַקטור", ז. 314). דער ענגלישער פאַבריק־אינספּעקטאָר אַלעקסאַנדער רעדגראַוו ווייזט נאָך, אין דעם פאַבריק־בעריכט פון 31 אָקטאָבער 1866, דורך א פערגלייכענדער סטאַטיסטיק מיט די שטאַאטען אויפ'ן קאָנטינענט, אז טראָץ דעם נידעריגען לוין און פיעל לענגערער ארבייט־צייט, איז די קאָנטינענטאַלע ארבייט בשייכות צום פּראָדוקט טייערער איידער די ענגלישע ארבייט. אַן ענגלישער דירעקטאָר אין א באַוועל־פאַבריק אין אָלדענבורג דערקלערט, אז די ארבייט־צייט געוועהרט דאָרטן 14½

---

[65] דזשיימס אנדערסאָן בעמערקט אין זיין פּאָלעמיק אנטקעגען אדאַם סמיטה: „עס פערדיענט אויך בעמערקט צו ווערן, אז אבוואויל דער פּרייז פון דער ארבייט שיינט געוועהנליך צו זיין נידעריגער אין די אָרימע לענדער, וואו די פּראָדוקטען פון דער ערד און ספּעציעל די תבואות זיינען ביליגער, איז ער אין דער ווירקליכקייט דאָרט דאָס רוב פאַקטיש העכער איידער אין אנדערע לענדער. ווארים ניט דער לוין, וואָס ווערט געגעבען דעם ארבייטער פאר'ן טאָג, איז דער אמת'ער פּרייז פון דער ארבייט, אפילו ווען דאָס איז איהר שיינבארער פּרייז. דער אמת'ער פּרייז בעשטעהט אין דעם, וואָס א בעשטימטער סכום פון א פאַרטיגגעמאַכטען פּראָדוקט קאָסט פאַקטיש דעם אונטערנעהמער; און ווען מען בעטראַכט עס אין אָט דעם ליכט, איז די ארבייט כמעט אין אַלע פאַלען ביליגער אין די רייכע לענדער איידער אין די אָרימע, הגם דער פּרייז פון תבואות און אנדערע לעבענס־מיטלען איז בדרך כלל בעדייטענד נידעריגער אין די לעצטע איידער אין די ערשטע. . . . ארבייט, געשאַצט ביים טאָג איז פיעל ביליגער אין שאָטלאַנד איידער אין ענגלאַנד . . . ארבייט, געשאַצט ביים שטיק איז בכלל ביליגער אין ענגלאַנד." — (James Anderson, "Observations etc.", Edinburgh 1777, p. 350, 351.) פערקעהרט, די נידעריגקייט פונ'ם ארבייטס־לוין פּראָדוצירט פון איהר זייט א פערטייערונג פון דער ארבייט. „ארבייט איז טייערער אין אירלאַנד איידער אין ענגלאַנד, טראָץ דעם אָדער ריכטיגער טאַקע צוליעב דעם, ווייל די לוינען זיינען אַזויפיעל נידעריגער." (נ. 2079 אין „ראָיאַל קאָמישיאָן אָן ריילוויים, מינוטס, 1867.")

געצוואונגען דורך קאָנקורענץ אַרונטערצוזעצן דעם פּערקויף־פּרייז פון איהר סחורה צו דעם גראַד פון זייער ווערטה.

אין דעם ערך ווי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָן איז ענט־וויקעלט אין אַ לאַנד, אין דעמזעלביגען ערך שטייגען דאָרט אויך די דורכשניטליכע אינטענסיוויטעט און פּראָדוקטיוויטעט פון דער נאַציאָנאַלער אַרבייט איבער דעם אינטערנאַציאָנאַלען גראַד.[64*] די פערשיידענע סכום׳ען סחורות פון דעמזעלביגען סאָרט, וועלכע ווערן פּראָדוצירט אין פערשיידענע לענדער אין דערזעלביגער אַר־בייט־צייט, האָבען דעריבער ניט קיין גלייכע אינטערנאַציאָנאַלע ווערטהען און דריקען זיך אויס אין פערשיידענע פּרייזען, דאָס הייסט אין געלד־סומען, וואָס זיינען פערשיידען לויט די אינטער־נאַציאָנאַלע ווערטהען. דער רעלאַטיווער ווערטה פונ׳ם געלד וועט, הייסט עס, זיין קלענער ביי דער נאַציאָן מיט אַן ענטוויקעלטערן קאַפּיטאַליסטישען פּראָדוקציאָנס־אופן, איידער ביי דער נאַציאָן מיט אַ ווייניגער־ענטוויקעלטען פּראָדוקציאָנס־אופן. עס פאָלגט דע־ריבער דערפון, אַז דער נאָמינעלער אַרבייטס־לוין, דער עקוויוואַ־לענט פון דער אַרבייט־קראַפט אויסגעדריקט אין געלד, וועט אויך זיין העכער ביי דער ערשטער נאַציאָן ווי ביי דער צווייטער; דאָס מיינט אָבער בשום אופן ניט צו זאָגען, אַז דאָס איז אויך ריכטיג בנוגע דעם ווירקליכען לוין, דאָס הייסט בנוגע די לעבענס־מיטלען, וואָס דער אַרבייטער קאָן פאַר דעם קריגען.

אָבער אפילו אַ חוץ אָט דער רעלאַטיווער פערשיידענהייט פון דעם געלד־ווערטה אין פערשיידענע לענדער, וועט מ׳מען אָפט גע־פינען, אַז דער טאָג־ אָדער וואָכען־לוין איז העכער ביי דער ער־שטער נאַציאָן מיט אַ מעהר־ענטוויקעלטען פּראָדוקציאָנס־אופן, איידער ביי דער צווייטער, בעת דער רעלאַטיווער אַרבייט־פּרייז, דאָס הייסט דער אַרבייטס־פּרייז אין זיין בעציהונג צו דעם מעהר־

[64*] אין אַנאַנדער אָרט וועלען מיר אונטערזוכען וועלכע אומשטענדען קאָנען, בנוגע דער פּראָדוקטיוויטעט, מאָדיפיצירן אָט דעם געזעץ פאַר איינצעלנע פּראָ־דוקציאָנס־צווייגען.

דורכשניט־צאָהל שפּינדלען פער פאבריק.

אין ענגלאנד	12,600	שפּינדלען	אויף	1	פאבריק
„ דער שווייץ	8,000	„	„	1	„
„ עסטרייך	7,000	„	„	1	„
„ זאקסען	4,500	„	„	1	„
„ בעלגיען	4,000	„	„	1	„
„ פראנקרייך	1,500	„	„	1	„
„ פרייסען	1,500	„	„	1	„

דורכשניט־צאָהל שפּינדלען פער בעשעפטיגטע ארבייטער.

אין פראנקרייך	14	שפּינדלען	אויף	1	פערזאָן
„ רוסלאנד	28	„	„	1	„
„ פרייסען	37	„	„	1	„
„ באיערן	46	„	„	1	„
„ עסטרייך	49	„	„	1	„
„ בעלגיען	50	„	„	1	„
„ זאקסען	50	„	„	1	„
„ די קלענערע דייטשע שטאאטען	55	„	„	1	„
„ דער שווייץ	55	„	„	1	„
„ גרויס־בריטאניען	74	„	„	1	„

„אָט די פערגלייכונג", זאָגט הערר רעדגראַוו, איז אַ חוץ אַנדערע טעמים, ספּעציעל אויך צוליעב דעם ניט גינסטיג פאַר גרויס־בריטאַניען, ווייל עס איז פאַראַן אַ זעהר גרויסע צאָהל פאַבריקען, אין וועלכע די מאַשין־וועבעריי איז פערבונדען מיט דער שפּינעריי (בעת אין דער טאַבעלע ווערן די וועבער ניט אַרונטערגערעכענט). די אויסלענדישע פאַבריקען זיינען פערקעהרט דאָס רוב בלויז שפּינערייען. ווען מיר וואָלטען געקאָנט פערגלייכען גענוי גלייכע מיט גלייכע, וואָלט איך געקאָנט אויסרעכענען פיעל באַוועל־שפּינערייען אין מיין דיסטריקט, אין וועלכע „מיולס" מיט 2,200 שפּינדלען

שטונדען א טאג, פון האלב 6 אין דער פריה ביז 8 אוהר אבענדס, שבת איינגעשלאסען, און אז די דארטיגע ארבייטער, אין משך פון אט דער צייט ליפערן ניט אזויפיעל פראדוקטען וויפיעל ענגלאנד אין 10 שטונדען, ווען זיי ארבייטען אונטער ענגלישע אויפזעהער, און זיי פראדוצירן נאך א סך ווייניגער, ווען זיי ארבייטען אונטער דייטשע אויפזעהער. דער לוין שטעהט א סך נידעריגער ווי אין ענגלאנד, אין פיעל פעלען אויף 50 פראצענט, אבער די צאהל הענד לפי ערך צו דער מאשינעריע איז פיעל גרעסער, אין פערשיידענע אבטיילונגען אין דער פראפארציע פון 5 צו 3.

הערר רעדגראוו ברענגט זעהר גענויע פרטים וועגען די רוסישע באוועל־פאבריקען. די פאקטען האט איהם געגעבען אן ענגלישער דירעקטאר, וועלכער איז דארט געווען בעשעפטיגט ביז ניט לאנג צוריק. אויף אט דעם רוסישען באדען, וואס איז אזוי פרוכטבאר אין אלערליי שאנדטהאטען, שטעהען אויך די אלטע שרעקליכקייטען פון דער קינדהייט־פעריאדע פון די ענגלישע פאבריקען אין פולער בליהונג. די פיהרער זיינען נאטירליך ענגלענדער, אזוי ווי דער געבוירענער רוסישער קאפיטאליסט טויג זיך ניט צום פאבריק־געשעפט. טראץ דער איבער־ארבייט, דער שטענדיגער טאג־און נאכט־ארבייט, און דער שענדליכסטער ניט־דערצאהלונג פון די ארבייטער, זשיפעט קוים די רוסישע מאנופאקטור נאר דורך דעם פערבאט פון אויסלענדישער קאנקורענץ.

איך גיב צום שלוס נאך איין פערגלייכענדען איבערבליק פון הערר רעדגראוו וועגען דער דורכשניטליכער צאהל שפינדלען פער פאבריק און פער שפינער אין די פערשיידענע אייראפעאישע לענדער. הערר רעדגראוו בעמערקט אליין, אז ער האט די דאזיגע צאהלען געזאמעלט איניגע יאהר פאר 1866, און אז זינט יענער צייט זיינען די גרויס פון די פאבריקען און די צאהל שפינדלען פון די ארבייטער געוואקסען אין ענגלאנד. ער נעהמט אבער אן לפי ערך פונקט אזא גרויסען פארטשריט אין די אויסגערעכנטע לענדער פון קאנטינענט, אזוי אז די אנגעגעבענע צאהלען האבען נאך דעמזעלביגען ווערטה פאר דעם צוועק פון דער פערגלייכונג.

אַזוי ווי זי וואָלט לויט דער טעאָריע נאָך זיך געדאַרפט פערהאַלטען. די אַריינמישונג פון שטאַאַט האָט דאָס געמאַכט פאַלש די נאַטיר־ליכע עקאָנאָמישע שייכות. מען מוז דעריבער אַזוי בערעכענען די נאַציאָנאַלע אַרבייטס־לוינען, אַזוי ווי דער דאָזיגער טייל זייערער, וואָס קומט אָן דעם שטאַאַט אין דער פאָרם פון שטייערן, פאַלט אויס אויף'ן חלק פון דעם אַרבייטער גופא. האָט ניט הערר קאַרעי געדאַרפט אַ קלער טהאָן, צי אָט די שטאַאַט־קאָסטען זיינען אויך ניט די נאַטירליכע פּרוכט פון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג? אַזאַ געדאַנק וואָלט זיך ריכטיג געפּאַסט פאַר דעם מאַן, וועלכער האָט דער ערשטער דערקלערט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס־שייכות'ן אַלס אייביגע נאַטור־ און פערנונפט־געזעצען, וואָס זייער פרייער האַרמאָנישער שפּיעל ווערט נאָר געשטערט דורך דער אַריינ־מישונג פון דעם שטאַאַט, כדי גלייך דערנאָך צו ענטדעקען, אַז ענג־לאַנד'ס טייפעלשער איינפלוס אויף'ן וועלט־מאַרק—אַן איינפלוס, וועלכער, ווי עס שיינט, נעהמט זיך ניט פון די נאַטור־געזעצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן—מאַכט נויטיג אַן אַריינמי־שונג פונ'ם שטאַאַט, ד.ה. מאַכט נויטיג, דער שטאַאַט זאָל בע־שיצען די דאָזיגע נאַטור־ און פערנונפט־געזעצען: מיט אַנדערע ווערטער, די איינפיהרונג פון אַ שוץ־צאָהל סיסטעם. ווייטער האָט ער ענטדעקט, אַז די טעאָרעמען פון ריקאַרדאָ און אַנדערע, אין וועלכע עס זיינען פאָרמולירט די עקזיסטירענדע געזעלשאַפטליכע געגענזאַצען און ווידערשפּרוכען, זיינען ניט דער אידעאַלער פּראָ־דוקט פון דער ווירקליכער עקאָנאָמישער בעוועגונג, נאָר פערקעהרט, אַז די ווירקליכע געגענזאַצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוק־ציאָן אין ענגלאַנד און אַנדערשוואו זיינען דער רעזולטאַט פון די טעאָריען פון ריקאַרדאָ און די אַנדערע! לסוף האָט ער ענטדעקט, אַז דער האַנדעל איז אין לעצטער ליניע דער, וואָס פערניכטעט די מיטגעבוירענע שעהנקייטען און האַרמאָניען פון דעם קאַפּיטאַליס־טישען פּראָדוקציאָנס־אופן. נאָך איין טריט ווייטער און ער וועט אפשר ענטדעקען, אַז די איינציגע צרה פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן איז דער קאַפּיטאַל גופא. נאָר אַ מאַן פון אַזאַ שרעק־ליכער קריטיקלאָזיגקייט און פון אַזאַ פאַלשער געלעהרזאַמקייט האָט פערדיענט צו ווערן, טראָץ זיין פּראָטעקציאָניסטישער

ווערן אויפגעפּאַסט פון אַן איינציגען מאַן ("the Minder") מיט צוויי העלפער און פּראָדוצירן טעגליך 220 פונט גאַרן, וואָס מעסטען 400 (ענגלישע) מיילען אין דער לענג." (רעפּאָרטס עטצ., 31 אָק־טאָבער 1866", ז. 31-37.)

עס איז בעקאַנט, אַז ענגלישע געזעלשאַפטען האָבען אָנגענומען צו בויען אייזענבאַהנען אין מזרח־אייראָפּאַ ווי אויך אין אַזיע, און האָבען דערביי בעשעפטיגט, צוזאַמען מיט די איינגעבוירענע אויך אַ געוויסע צאָהל ענגלישע אַרבייטער. זיינענדיג געצוואונגען דורך פּראַקטישער נויטווענדיגקייט אריינצונעהמען אין חשבון די נאַציאָנאַלע אונטערשיידען אין דער אינטענסיוויטעט פון דער אַר־בייט, האָט דאָס זיי ניט געבראַכט קיין שאָדען. זייער ערפאַהרונג בעווייזט, אַז ווען אפילו די הויך פון דעם לוין שטימט מעהר אָדער ווייניגער מיט דער דורכשניטליכער אינטענסיוויטעט פון דער אַר־בייט, בעוועגט זיך אָבער בכלל דער רעלאַטיווער אַרבייט־פּרייז (ד.ה. לפי ערך צום פּראָדוקט) אין דעם אַנטקעגען־געזעצטען זין.

אין דער „עססעי וועגען די ראַטע פון אַרבייטס־לוין",[66] איינע פון זיינע ערשטע עקאָנאָמישע שריפטען, זוכט ה. קאַרעי צו בע־ווייזען, אַז די אַרבייטס־לוינען פון די פערשיידענע נאַציאָנען זיינען דירעקט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם פּראָדוקטיוויטעט־גראַד פון די נאַ־ציאָנאַלע אַרבייטס־טעג, כדי צו ציהען דעם שלוס פון אָט דער אינטערנאַציאָנאַלער שייכות, אַז דער אַרבייטס־לוין שטייגט און פאַלט בכלל לפי ערך צו דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אַרבייט. אונזער גאַנצער אַנאַליז פון דער פּראָדוקציאָן פון מעהרווערטה בע־ווייזט די אונזיניגקייט פון דעם דאָזיגען שלוס, ווען אפילו קאַרעי אַליין וואָלט געהאַט בעוויזען זיינע פּרעמיזען [הנחות], אַנשטאָט וואָס ער טאַשט נאָר איבער, ווי זיין געוואָהנהייט איז, אַ מיש־מאַש פון סטאַטיסטישען מאַטעריאַל, וואָס איז אונקריטיש און אויבער־פלעכליך צוזאַמענגעוואָרפען געוואָרן. דאָס בעסטע איז, וואָס ער בעהויפּטעט ניט, אַז די זאַך פערהאַלט זיך אין דער ווירקליכקייט,

[66] "Essay on the Rate of Wages: with an examination of the Causes of the Differences in the Conditions of the Laboouring Population throughout the World". Philadelphia 1835.

אַפּיקורסות, דער געהיימער קוואַל פון דער האַרמאָנישער חכמה פון אַ באַסטיאַ און אַלע אַנדערע פריי־הענדלערישע אָפּטימיסטען פון היינטיגער צייט.[67]

---

[67] איך וועל אין דעם פערטען בוך געגויער בעווייזען די אויבערפלעכליכקייט פון זיין וויסענשאַפט.